This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

8 1974

היימלאַנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

ארגאַן פון שרייבער־פאַרבאַנד פון פסר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

אווגוסט

8

1974

אינהאַלט

כאַים ביידער. אין סיביר (דיכטערישער רעפּאָרטאַזש) 3
אַרן ווערגעליס. די צײַט (ראָמאַן. צווייטע נאָוועלע). צייכענונגען פון ה. אינגער 7
כאָנע ווײַנערמאַן. באַהעלט מיט שײַן (לידער) . . 43
שמועל גאָרדאָן. מעכילע (דערציילונג). צייכענונגען פון ג. פּאָפּאַנדאָפּולאָ 47
הערשל פּאָליאַנקער. שטאַרקער פון אײַזן (ראָמאַן). צייכענונגען פון ג. קראַווצאָוו 96
פונעם ליטעראַטור־אויצער. מאַני לייב. דאָס בלויע פערדל. — אין הײַזער אָרעמע און אַנד. לידער . . . 133
איציק מאַנגער. מאַני לייב דער ליריקער 134
לעבעדיקע גרוסן. מענדל גאָלדמאַן. דיר צו דאַנקען, דיך צו לויבן... 137
יאַנקל עלקיס. מיט דער זון געאַרעמט (לידער). . . 143
זיכרוינעס. הירש בלאָשטיין. איך וויל אײַך דער־ציילן (פּאָרזעצונג) 144

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט

צום 90־טן געבורטסטאָג פון דאָוויד בערגעלסאָן. אַרן ראַסקין. נײַע לעבנס־פאָרמען — נײַע קונסט; יעשועַ ליובאָמירסקי. בערגעלסאָן דער דראַמאַטורג . . 151
פּובליציסטיק. י. שרײַבער. דאָקטורינעס, וועלכע פּלאַצן ווי א זייפנבלאָז 166
פאַרשיידנס 170
„די שטערן בלאָנדזשען ניט מער" 172
בלעטלעך פון דער קולטור־געשיכטע. בער האַלפּערן. אַן אײדעס פון צײַטן פאַרגאַנגענע 173
מיר ענטפערן אַף פראַגעס פון אונדזערע לייענער. וועגן דעם סועצער קאַנאַל 177
די פּאָסט פון „סאָוועטיש היימלאַנד" 178
דאָס איז טשיקאַווע. יאַנקעוו גינעווסקי. דער דאָק־טער אײַבאָליט 182
פריילעכע שורעס 184
ווינקל פון געזעלשאַפטלעכן פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד". י. שוסטער. א ליבהאָבער און פּאָפּוליאַ־ריזאַטאָר פונעם געדרוקטן וואָרט 186
כראָניק 159, 175, 183
נאָטיצן אַפן קאַלענדאַר 187
פון אונדזער פאָטאָ־אַרכיוו. ווייניק באַוווּסטע פאָטאָגראַפיעס פון יידישע שרײַבער. 188
עליע פאַלקאָוויטש. שמועסן וועגן יידישער שפּראַך 190

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער, א. גאָנטאַר,
ש. גאָרדאָן, ט. גען,
י. טשיטשעלניצקי (שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר), נאָטע לוריע,
מ. לעוו, ב. מילער, כ. מעלאַמוד,
ה. פּאָליאַנקער, ס. פריי.

פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר
י. שוסטער

כאַים ביידער

אין סיביר

דיכטערישער רעפּאָרטאַזש

אלטײַער זון

אלטײַער זון, אלטײַער זון
באַם ברעג פון רוישיקן קאַטון,
וואָס איז פאַרקאָוועט נאָך אין אײַז, —
אין אָנהייב פון איר הויכן קרײַז
פון טיפער בלויקײַט שטיל און ווייך
זי טוט צוערשט א גלעט די ערד,
דערנאָך צעיאָגט זיך פון איר הייך
און ווי א ווילדע פלוצעם ווערט.

אלטײַער זון, אלטײַער זון —
קיין צימעס מאַכט זי ניט דערפון,
וואָס דאָ ארום, אף טאָל און באַרג,
דער שניי נאָך ליגט געזונט און שטאַרק
און מיט זײַן ווײַסער קאָלדרע בלענדט,
און ס'איז דערווײַל נאָך אָנהייב מאַרט, —
נאָר איר, אפּאָנעם, דאָס ניט אַרט,
צעשפּרייט זי האַלט די שטראַלן־הענט.

און אָט האָט שוין דער סאָסנע־וואַלד
פאַר איר די קרוינען ברייט צעשפּראַלט,
און צווישן בערג דער טשוויסקער סטעפּ
מיט רויש און קנאַל ווערט אופגעלעבט,
און ס'וועקט דעם בער פון שלאָף דער שניי
אף באַרגרוקן באַ דעם קאַטון:
— ע־היי!.. ע־היי!.. שוין צײַט!..
— איך גיי!..
אַזאַ מײַן זון!
אלטײַער זון!

בייסק

אף די וועגן סיבירער

אף די וועגן סיבירער
קען עמעץ נאָך איצטער געפינען א קנעפּל, א שטריקל
פון מײַנעם א צעריסענעם שוך...

ה. ל יי וו י ק

אף די וועגן סיבירער,
ווו מיט צוגן זיך אָמפּערט דער ווינט,
כ'האָב געזען, ווי די שקיָע
מיט סרייפעס פון דאָמנעס זיך צינדט.

ערגעץ נאָענט אָט דאָ,
הינטער ווײַסע בערעזעס פון וואַלד,
מיט א מעכטיקן האַמער
האָט עמעץ געקנאַלט און געקנאַלט.

כ'האָב געזען, ווי דער הימל
אַרום האָט מיט פלאַקער געברענט,
און אויסגעשטרעקט אים,
ווי צו וואַרעמען שײַטער, די הענט.

איז געוואָרן מיר הייס,
כ'האָב צעכראַסטעט דאָס העמד און געקוקט,
ווי דער וואַלד צו דעם שײַטער,
וואָס שמעלצט האָריזאָנטן, זיך בוקט.

און א גאַנצענע נאַכט
האָט פון ראַכוועסן ברייטע אף מיר
מיט גערויש און געקלאַנג
זיך געטראָגן סיביר!

אַמסק

דאָס קלינגען דראָטן

כ'האָב ניט געוווּסט — כ'האָב בלויז געפילט,
צי אויסגעכאַלעמט אָט דאָס בילד:
א צוגעווינט אף די הענט מיך נעמט
און טראָגט אריבער אינדערפרעמד.

און כאַטש אָט דאָ, אין טיפער ווײַט,
די קעלט מיך, ווי מיט מעסערס, שנײַדט
און כ'ראַנגל זיך מיט אײַז און שניי, —
מיר טוט ניט באַנק, מיר טוט ניט וויי.

און אַלץ, וואָס דאַרף מיט מיר געשען,
איז ווי געוועזן און ניט געווען:
צי אָפּדערעמעסן, צי בלויז —
ווי א מיראַזש, וואָס מאָלט זיך אויס?

איך שטיי אין סאַמע מיט פון וועג,
וואָס האָט קיין סאָף און האָט קיין ברעג,
און כ'ווייס ניט, צי ס'איז טאָג, צי נאַכט,
און ווער האָט מיך אַהער געבראַכט.

און ס'פאַלט דער שניי, און ס'טרייסלט אָפּ
דער וואַלד זײַן זילבער־ווײַסן קאָפּ,
און ווידער שטעלט ער אים ארויס
אַנטקעגן וויכערדיקן ברויז.

און ס'דוכט מיר אויס: דורך ווינטס געברום
עס קלינגען קייטן...
כ'קוק זיך אום
און זוך, פונוואַנען אָט דער קלאַנג —
ער איז פאַרשווונדן דאַך פון לאַנג!

נאָר ס'לאַכט אין פּאַנעם מיר דער ווינט:
—צי ביסטו טויב? צי ביסטו בלינד?
דאָס קלינגען דראָטן — הער זיך אײַן!
עס קאַכט אין זיי די העלע שײַן!

און ווידער לאָז איך זיך אוועק
אין וועג, וואָס האָט קיין סאָף, קיין ברעג, —
נאָך וויפל זען באַשערט אין מיר
אָט דאָ, אף ערד דײַנער, סיביר!

נאָוואָקוזניעצק

דיוונאַגאַרסק

אָ, וווּנדער־בערג, אָ, וווּנדער־בערג!
דורך ראַזלעך־רויכיקן געווימל
צווערשט דאָ קיינער ניט באַמערקט,
ווו איז די ערד און ווו — דער הימל.

באַם טײַך צוקאָפּנס שטייען זיי,
ווי וועכטער גרויזאַמע און שטילע,
אַז עמעץ זאָל דעם יעניסיי
ניט פּרווון אַנטאַן שלעכטס, כאַלילע.

ווער האָט געוואָרט, ווער האָט געוווּסט,
אַז ס'וועט דער טײַך דורך שטײַפע דראָטן
א שטראָם טאָן, ווו קיין מענטשנס פוס
יאָרטויזנטער האָט ניט געטראָטן?

אָ, יעניסיי, ווי שיין דו ביסט
אפילע אין געצוימטע שטראָמען, —
און צוגעטראַכט מ'האָט ניט אומזיסט
דיר, דיוונאַגאַרסק, אַזאַ מין נאָמען!

דורך צעדער־וואַלד, בערעזע־וואַלד —
די קאָלערליי קאָלירטע פּאַסן —
די האָסט גרויסאַרטיק זיך צעפּראַלט
מיט יאָרוסן פון הויכע גאַסן.

ווו הין די אויגן כ'טו א פיר —
די וווּנדער־בערג איך זע פונדאַנען:
אף רעכטס איך גיי — די בערג נאָך מיר,
אף לינקס איך גיי — מיט מיר זיי שפּאַנען.

און כ'ווייס: צו אָט דער יונגער שטאָט
מיך אייביק ציִען וועט מיט צוואַנגען,
ווי כ'וואָלט אַהער פון ערשטן טראָט
דאָס גאַנצע לעבן מײַנס געגאַנגען.

דיוונאַגארסק

בא קראַסנאָיאַרסקער העס

אפֿן ערשטן שטיין, וואָס מע האָט אראָפּ־
געוואָרפֿן אין פֿונדאַמענט פֿון דער הרעבליע,
איז געווען אָנגעשריבן: „גיב זיך אונטער,
יעניסיי!"
(כראָניק פֿון דער קראַסנאָיאַרסקער העס)

וואָס וואָרטשעסטו, וואָס ברומסטו, יעניסיי?
צי פּאַסט ניט פּאַשעט דיר געהאָרכזאַם שווײַגן?
צי בורטשעט דאָס אין קאָטלאָוואַן די טײַ,
וואָס מ'האָט פֿאַרקאַכט אַף זאַפּט פֿון צעדער־צווײַגן?

צי עפּשער איז געוואָרן ענג און שמאָל
דיר אין די נײַע בעטאָנירטע ברעגן
און האָסט דערמאָנט זיך פּלוצעם, ווי אַמאָל
די שטאַרקסטע פֿעלדזן ציטערן דאָ פֿלעגן?

צי דיך פֿאַרדריסט גאָר, וואָס, אין שטאָל פֿאַרפּרעסט,
דו דאַרפֿסט די קרירע פֿרילינג־צײַט ניט רײַסן,
ניט גײן מיט איר אין שטורמישן פֿאַרמעסט,
די אומגעצוימטע קראַפֿט דײַנע ניט ווײַזן?

צי עפּשער קימערט דיך דער שטיין, אַף וועלכן זיי,
די ערשטע בויער, האָבן אָנגעשריבן
מיט ווירדע: „גיב זיך אונטער, יעניסיי!" —
און ס'איז אַף אייביק שוין אַזוי פֿאַרבליבן?

ס'איז אָט דער בראָכשטיק אַפֿן דעק פֿון אַלטן סקיט
געווען, ווײַזט אויס, דער אָנהייב פֿונעם וווּנדער,
וואָס ס'האָט סיביר מיט נײַעם פֿלאַם צעגליט
אין אונדזער יונגן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

וואָס וואָרטשעסטו, וואָס ברומסטו, יעניסיי?
צי עפּשער פּאַשעט אָט דאָס אַלץ דאַכט אויס מיר?

מיט שײַן באַלויכטן לעם דער העס איך שטיי,
באַצויבערט פֿון דעם מענטשנס גוווּרע גרויסער.

דיוונאָגאָרסק

באַלאַדע וועגן זין־ראָמאַנטיקער

ניט פֿאַרגעסן און ניט פֿאַרבײַטן —
אָט די צײַט פֿאַר די אויגן שטייט:
פֿונעם שטעטל אין וועג אין ווײַטן
איר בעניאָכיד אַ מאַמע באַגלייט.

פֿון די אויגן זיך גיסן טרערן,
זי באַוויינט אים, זי קערט אַ וועלט:
— ס'גייען אום דאָרט, זאָגט מען, בערן!
און וואָס דאַרפֿסטו, און וואָס דיר פֿעלט?

נאָר דער זון איז פון יענע יאטן,
וואָס זיי דארפן שוין ניט פון לאנג
סײַ קיין רו, סײַ קיין טיש קיין זאטן —
אים ראָמאנטיק אהער דערלאנג!

— דו פארשטייסט מיך, עס וואַרט די טײַגע,
קאָמסאָמאָלסק וואַרט און בירראָבידזשאַן!
— נו, איז וואָס? ס'איז דײַן טאטנס דײַגע?
וויינ־יק ארבעט איז דאָ פאראן?

נאָר דעם סייכל פארשטיין ווי קאָנען
זין און טעכטער פון נײַער צײַט?
און געיאָגט האָבן עשעלאָנען
און געשטורעמט די ווײַטסטע ווײַט!

ס'האָבן אָפּגערוישט יענע יאָרן,
יענע מאַמעס ניטאָ שוין לאנג,
ס'זײַנען זיידעס די זין געוואָרן,
און עס טוט זיי ביז איצט ניט באנק —

ניט דער וועג פונעם שטעטל קליינעם,
ניט די צוגווינטן אפן וועג.
כאָטש א דענקמאָל איעדן איינעם
שטעל פון ריינעם גינגאָלד אוועק.

און אף ראכוועסן ברייטע ווידער
לאָזט זיך הערן א נײַער רוף.

נײַע צײַטן און נײַע לידער
הייבט דאָס ברוויזיקע לעבן אוף.

יענע מײַסעס פון ווילדע בערן
האָט די וואָר שוין פון לאנג צעזייט,
נאָר א מאמע מיט הייסע טרערן
ווידער איר בעניאָכיד באגלייט.

— וואָס זשע דארפסטו, אז האָבן האָסטו,
וואָס דאָס הארץ נאָר פארלאנגען ווערט?
איז דיר וויינ־יק, דו זאָג מיר, מאָסקווע?
און וווּהין נאָך דיך טראָגט דער שעד?

לאכט דער זון מיט א שמייכל זיסן
(ווען ער לאכט, איז ער מאָלע־טאם!):
— ס'טראָגט דער שעד מיך, זײַ, מאמע, וויסן,
צו דער בויונג, וואָס רופט זיך באם![1]

אוי, די יונגע, די דרייסטע אקשאָנים —
זיי פארהאלטן עס האָט קיין זין.
יאָגן נאָכאמאָל עשעלאָנען
מיט די זין פון אמאָליקע זין.

ווי מע זאָגט — זייער טאטנס דײַגע,
וואָס א וועג האקט מען דורך אין וואלד...
דער בײַקאל, די אמורער טײַגע
פאר ראָמאנטיקער זיך צעפראלט.

מארט — אפרעל 1974

[1] באם — בײַקאל־אמורער מאגיסטראל, די גיגאנטישע נײַ־בויונג פון אונדזער צײַט.

ארן ווערגעליס

דיפש

ראָמאַן

אין פיר נאָוועלן מיט אן עפילאָג

צווייטע נאָוועלע

א מילכאָמע־דעטעקטיוו

1

דעם איין־און־דרײַסיקסטן דעקאבער 1943 יאָר האָט די קאָנטר־אויסשפירונג פון דער 60־טער ארמיי פונעם ערשטן אוקראַיִנישן פראָנט פארענדיקט די אָפּעראציע אונטערן קאָד־נאָמען „טונגוסקא". די אָפּעראציע האָט געדויערט צוויי טעג, און זי האָט ניט געבראכט צו קיין פארלוסטן, אויב ניט רעכענען דעם טראגישן צופאל מיטן קאָמיסאר פון איינעם פון די פּאָלקן פון דער 322־טער דיוויזיע פּאָדפּאָלקאָווניק ווענגראָווער, אין וועמען עס האָט אויס־געשאָסן, שוין נאָך דער אָפּעראציע, א וולאסאָוועץ, און די וווּנד האָט זיך ארויסגעוויזן פאר א געפערלעכער.

פאַרזעצונג. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 4, 1974.

ס'האָט זיך שוין פאַרענדיקט די ערשטע וואָך פונעם אָנגריף, וואָס דער ערשטער אוקראַיִנישער פראָנט האָט געפירט אַף דער רעכטברעגיקער אוקראַיִנע, און די אָפּעראַציע „טונגוסקאַ" איז געווען אַן אָפּעראַטיווע אימפּראָוויזאַציע, וועלכע עס האָט ניט פאָרויסגעזען דער פּלאַן פונעם אָנגריף. האגאם זי האָט ניט געהאַט קיין שייַכעס צו די שלאַכטן אַפן זשיטאָמיר — בערדיטשעווער פּלאַצדאַרם, ווי ביכלאַל צו דער מילכאָמע, איז זי דאָך געפירט געוואָרן אונטערן אופזיכט פונעם העכסטן אָפיצער אַף אָט דעם פראָנט־ביילעק, דעם קאָמאַנדיר פון דער 60־טער ארמיי גענעראַל־לייטענאַנט טשערניאַכאָווסקי, וועלכער האָט דערוף באַקומען די געהעריקע אָנווייַזונגען.

אָנגעהויבן האָט זיך די קאָנטער־אויסשפּירערישע אימפּראָוויזאַציע פון א שריפּטלעכער יעדיִע, וועלכע עס האָט געבראַכט אין טשערניאַכאָווסקיס שטאַב א פאַרבינדלער פונעם פּאַרטיזאַנישן וואַלד, וואָס געפינט זיך נאָענט פון דעם שטעטל ליובאַר. דאָס אליין, וואָס די פּאַרטיזאַנישע עסטאַפעטע האָט דעם פאַרבינדלער דורכגעפירט קיין קאַזאַטין און פון דאָרט אַף יענער זייַט פראָנט צו טשערניאַכאָווסקין, — האָט באַוויזן די וויכטיקייַט פון דער געבראַכטער יעדיִע. אופגעעפנט דעם פּאַקעט, האָט איוואַן דאַנילאָוויטש טשערניאַכאָווסקי זיך פאַרבונדן מיטן קאָמאַנדיר פונעם פראָנט, דעם ארמיי־גענעראַל וואַטוטין, און געבעטן די האַסקאָמע איבערצוגעבן דעם איניען אינעם אָפּטייל פאַר קאָנטער־אויסשפּירונג פון דער 60־טער ארמיי, אַף וויפל די אומשטענדן, וועגן וועלכע עס רעדט זיך אין דער שריפטלעכער יעדיִע, פאָדערן עס. גלייַך נאָך דעם האָט ער געהייסן ברענגען צו אים צו פירן דעם פּאַרטיזאַנישן פאַרבינדלער און דרינגענדיק ארויסרופן פון דער 322־טער דיוויזיע דעם פּאָדפּאָלקאָווניק ווענגראָווער.

אין דער 60־טער ארמיי איז דאָס לעבן אין יענע טעג געווען פול מיט ניט־פאַרענטפערטע פראַגן און דייַגעס. א סאַך מערער סוידעס, פּלענער, וואַריִאַנטן, איידער בייס די פּאַרטיידיקונגס־שלאַכטן, זייַנען אופגעקומען און אָפּטמאָל גלייַך פאַרביטן געוואָרן מיט אַנדערע סוידעס, פּלענער, וואַריִאַנטן. דער געוויינלעכער טאָגטעגלעכער שטייגער האָט אָפּגעטראָטן דאָס אָרט פאַר וויכטיקערע זאַכן. צום שטאַב פון דער ארמיי, און פון דאָרט צו די דיוויזיעס און פּאָלקן, האָט אומופּהערלעך געשטראָמט א שלאַל מיט אינפאָרמאַציע, און דעם קאָמאַנדאַרמס אַדיוטאַנט האָט זיך מיט גרויס מי קוים אייַנגעגעבן אָפּצושליסן פון דער פייַער־ליניע, אַף א וועלכן־ניט־איז פּערטל שאָ, דעם צימער, ווו טשערניאַכאָווסקי האָט געשמועסט צוערשט מיטן פּאַרטיזאַנישן פאַרבינדלער און דערנאָך מיטן פּאָדפּאָלקאָווניק ווענגראָווער.

ווען דער אַדיוטאַנט איז מיטן ייִנגל אַרייַן אין צימער, האָט דער קאָמאַנדאַרם צום אַלעם ערשטן א פרעג געטאָן, צי ס'האָט געגעבן וועגן זיך צו וויסן דער שעף פונעם אָפּטייל פאַר קאָנטער־אויסשפּירונג, וועלכער איז מיט עטלעכע שאָ צוריק, ניט וויסנדיק נאָך וועגן דער פּאַרטיזאַנישער עסטאַפעטע, ארויסגעפאָרן אין דער 322־טער דיוויזיע, קעדיי אויספרעגן דאָרט א סאָלדאַט, וואָס איז הייַנט באַנאַכט אריבערגעלאָפן פון דער דייַטשישער זייַט און געמאָלדן, אַז ער איז א רוס, די דייַטשן האָבן אים געצוווּנגען גיין אין דער ארמיי, און ער האָט צו דערציילן וויכטיקס. דאָס טאַקע איז איינע פון די סיבעס, פאַרוואָס דער קאָמאַנדאַרם טשערניאַכאָווסקי האָט זיך אַזוי פאַרינטערעסירט מיט דער פּאַרטיזאַנישער עסטאַפעטע...

דער אַדיוטאַנט האָט געענטפערט טשערניאַכאָווסקין, אַז דער שעף פון דער קאָנטער־אויסשפּירונג האָט געקלונגען אין טעלעפאָן און געבעטן ניט פאַררייניקן אים איצט מיטן קאָמאַנדאַרם, ווייַל ער האָפט גאָר אינגיכן זיך אומקערן אין שטאַב און פּערזענלעך איבערגעבן די פּראָטים פונעם פאַרהער. דער אַדיוטאַנט האָט אים דערציילט וועגן דער שריפטלעכער יעדיִע, וואָס עס האָט געבראַכט דאָס פּאַרטיזאַנישע ייִנגל, און ער, פון זייַן זייַט, האָט באַשטעטיקט, אַז ביידע געשעענישן — די עסטאַפעטע פונעם ליובאַרער וואַלד און דער באַנאַכטיקער גאַסט — זייַנען „פון איין פּראָפיל".

אין שכייניש ן צימער פון דער דאָרפישער כאַטע, וואָס איז שוין אין מעשעך פון עטלעכע טעג צופעליק געשטאַנען אין סאַמע אויבנאָן פון א היפּשן סעקטאָר אַף דעם סאָוועטיש־דייַטשישן מילכאָמע־פראָנט, האָבן זיך צעקלונגען צוויי צי דריי טעלעפאָנען מיטאַמאָל. דער אַדיוטאַנט, פרעגנדיק א דערלויבעניש, איז ארויסגעגאַנגען. טשערניאַכאָווסקי האָט ארומגעשפּאַנט פון איין ווינקל צום צווייטן, פאַריכט און איבערגעשטעלט די זאַכן אַפן צוגערוקטן צו דער וואַנט פּראָסטן טאָפּטשאַן־טיש — די צוויי גלעזער און דעם גראַפין, דעם פּאַנאַנדערגעשפּיליעטן פּלאַנשעט, די פּאַפּקעס מיט פּאַפּירן, — א פּאָר מאָל זיך אָפּגעשטעלט בא דער איקאָנע אַף דער וואַנט, אופמערקזאַם זי באַקוקט און בעשאַסמייַסע זיך אָנגעפרעגט באַם פּאַרטיזאַנישן ייִנגל, וויִאַזוי ער הייסט און צי מע האָט אים שוין אָנגעהאָדעוועט, און וועגן טאָך זאַכן, נאַטירלעך. איינע א פראַגע איז פאַרן ייִנגל געווען אינגאַנצן אומגעריכט:

— לערנסט זיך? לייענסט א ביכל?

— ווען זאָל איך זיך לערנען און ווו? ס'איז דאָך מילכאָמע, כאַווער גענעראַל...

דער גענעראַל האָט זיך אָפּגעשטעלט און א קוק געגעבן אפן ייִנגל מיט שולדיקע אויגן, גלײַך ווי ער וואָלט באַקומען פון אים א פּאַרדינטן אויסרייד. ס'האָט געדויערט א פּאָר מינוט, ביז ער האָט ווי ס'געהער צו זײַן צעקײַעט דעם פּאַרבינדלערס רייד, און געזאָגט:

— איך האָב א ייִנגעלע אַליק. אָט אַזוי־אָ די גרייס. דיר וועט ער, מיסטאָמע, ביז אונטער די פּאַכוועס דערגרייכן. איז ער איצט מיט זײַן מאַמען און מיט זײַן שוועסטערקע אין מאָ־סקווע... זיי ווױנען אַף דיעוויטשע־פּאָליע... דו ביסט געווען אמאָל אין מאָסקווע?

דאָס ייִנגל האָט גלײַכגילטיק געענטפערט:

— ניין, ניט געווען...

טשערניאַכאָווסקי האָט ווידער זיך גוט אײַנגעקוקט אין דער איקאָנע און, ווײַזט אויס, צוליב א פּאַרגלײַך, איבערגעפּירט די אויגן אפן ייִנגל. דער פּאַרגלײַך האָט אַרויסגערופן בא אים א שמייכל. פון דער איקאָנע האָט אַראָפּגעקוקט אַן אויסגעצערטער ניט־דאַיקער, שטאַרק פּאַרומערטער פּאַרשוין, און דאָס אליין וואָלט, אין טאָך, געקאָנט בא אזא לעבנסלוסטיקן, גע־זונטן און דערצו נאָך ניט־גלייביקן מענטשן, ווי טשערניאַכאָווסקי, אויסזען ניט נאַטירלעך, ווײַל די אוקראַיִנישע כאַטע, ווו די איקאָנע איז געהאנגען, האָט איר געדאַרפט צוגעבן ערדישקײַט, פרידן און זאַטע רו. טשערניאַכאָווסקי האָט זיך אַזש צעשמייכלט, ווען ער האָט איבערגעפּירט די אויגן פונעם פּאַרומערטן, אויסגעצערטן פּאַרשוין — דעם אָנגעמאָלטן — אפן לעבעדיקן ווענז, וואָס איז דאָ דערבײַ געשטאַנען. לויט די אָנגענומענע נאָרמעס וואָלט דער פּאַרטיזאַנישער פּאַרבינדלער באַדאַרפט זײַן אַן אומגליקלעך מילכאָמע־קינד — אײַנגאַנצן דרײַצן־פערצן יאָר אַלט, און שוין אָן דער מאַמעס לאַסקע, ניט ער לערנט זיך, ניט ער שפּילט זיך מיט אַנדערע קינדער, — אַזוי האָט מען געקאָנט וועגן אים טראַכטן, ביז מע האָט א קוק געטאָן אַף אים.

פּאַרן קאָמאַנדאַרם איז געשטאַנען א געזונטער יאַט מיט אַן אָפענער ברוסט הינטער דעם ברייט־לעכן לײַבנעם העמדל, א געל־האָריקער, א באַשאָטענער מיט קלײַען. לויטן אויסזען עלטער און סטאַטנער, ווי ס'איז געמאָלדן וועגן אים, האָט ער דאָך געהאַט אין זיך אַזוינס, וואָס גיט אַרויס דאָס קינדערישס: א קײַלעכיק־ווייכן אויסבייג פונעם פּאָנעם, פּאַרבליבענע פון געבוירן פּוכקע, ווײַסע הערעלעך אונטער די אויערן, א רויט־צעגאָסענע איבער די באַקן שמעוודיקײַט. דאָס אַלץ אינײינעם האָט זיך אַזוי ניט געבונדן מיט דעם, וואָס מע האָט געקאָנט פונעם ייִנגל דערוואַרטן, און דערצו נאָך איז אַזוי שרײַענדיק געווען דער קאָנ־טראַסט מיט דער איקאָנע, אַז דער קאָמאַנדאַרם טשערניאַכאָווסקי האָט זיך אַזש צעשמייכלט. ער האָט א רוף געטאָן דעם אַדיוטאַנט און געהייסן אַרײַנטראָגן דאָס ביכל, וואָס זיי האָבן געפונען אין דער כאַטע, ווען זיי האָבן זיך אין איר אַרײַנגעקליבן. נעמענדיק אין האַנט די פּען, קעדיי אָנשרײַבן עפּעס אַף דעם שאַרבלאַט, האָט ער א פרעג געטאָן:

— דעם נאָמען אַנדריי האָבן דיר געגעבן די פּאַרטיזאַנער?

דאָס ייִנגל האָט געענטפערט:

— דעם נאָמען האָבן מיר געגעבן די מאַמע מיטן טאַטן...

דאָס מאָל האָבן דעם ייִנגלס טרעפלעכע רייד שוין אַרויסגערופן באַם קאָמאַנדאַרם ניט קיין שמייכל, נאָר א פריילעך געלעכטער, אַזא הילכיקס, אַז אין צימער איז מיט פרעגנדיקע אויגן אַרײַן דער אַדיוטאַנט.

— גיט איבער אין שטאַב א באַפעל, — האָט געזאָגט טשערניאַכאָווסקי דעם אַדיוטאַנט, ניט אָפּפירנדיק די אויגן פון די עטלעכע שורעס, וועלכע ער האָט אײַנדערקרום אָנגעשריבן אפן בוך, — דעם יאַט באַלוינען מיט א מעדאַל. פּאַר געוואַגטקײַט באַם אַריבערגיין די פּראָנט־ליניע. פּאַר ברענגען אונדז א וויכטיקע ידיעה.

דער מאַיאָר האָט א קלאַפּ געטאָן אַפּצאַס אין אָפּצאַס.

איבערגעבנדיק דעם ייִנגל דאָס ביכל, האָט טשערניאַכאָווסקי אויסגערופן פײַערלעך:

— איוואַן סערגייעוויטש טורגעניעוו! ווען ס'וועט זיך דיר מאַכן א פרײַע שאָ, אַנדריושע, זאָלסטו לייענען, ניט פּאַטערן אומזיסט קיין צײַט. לערן זיך... איך האָב דיך געפרעגט וועגן דײַן נאָמען, ווײַל צווישן די ייִדן, וואָס איך קען, איז ניטאָ קיין איין אַנדריי...

אין פּאָדערצימער האָט עמעצער געשמועסט מיט דער וואַך און באַם אַרײַנגאַנג געשורע־שעט מיט די שטיוול איבער דער רעדנע. דער אַדיוטאַנט (לויטן אויסזען ענלעך אפן קאָמאַנ־דאַרם: פּונקט ווי ער, א מאַנצבלעש־שטאָלטנער, די גימנאַסטיאָרקע און גאַליפע־שאַראָווארן — ווי אויסגעגאָסן אפן לײַב) האָט מיטגעטיילט דעם קאָמאַנדאַרם, אַז דאָס איז אָנגעקומען דער פּאָדפּאָלקאָווניק. דער קאָמאַנדאַרם האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט אַזוי אויסדריקלעך,

אז דער צוגעווינטער צו אים אדיוטאנט האָט אלץ פארשטאנען: דעם קאָמיסאר ארײַנרופן, דעם פארבינדלער פונעם פארטיזאנישן אָטריאד דערוויל דאָ איבערלאָזן, און אליין זיך פארנעמען מיט צוגרייטן דעם באלוינונגס־פאפיר.

דער פּאָדפּאָלקאָווניק ווענגראָווער האָט אויסגעטאָן די שינעל, זיך הייזעריק אויסגעהוסט און איז ארײַן צום קאָמאנדארם, אָפּהיטנדיק דעם קאָפּ, ער זאָל זיך ניט קיין קלאַפּ טאָן אין דער נידעריקער טיר־ראַם. אָנשטאָט אויסוואַרטן, ביז ער וועט, ווי עס פירט זיך, אָפּראַפּאָרטירן, אז ער, דער געקומענער, איז עס דער מיליטערמאן פון אזא און אזא ראנג, מיט אזא און אזא פאמיליע־נאָמען און אז ער האָט זיך געיאָוועט לויטן געהעריקן באַפעל, — האָט טשערניאכאָווסקי אים היימיש א רוף געטאָן:

— קומט ארײַן, מארק גריגאָריעוויטש. עפּעס זעט איר אויס פארדײַגעט...

ווענגראָווער האָט ניט באוויזן צו ענטפערן — ס'האָט אים אָפּגעהאלטן דעם אדיוטאנטס קאָל, וועלכער האָט מיט עמעצן אײַנגעטײַנעט אין טעלעפאָן, אז דער נומער איינס וועט קאָנען נעמען דאָס טרײַבל אין א מינוט צען ארום, אָבער יענער איז באשטאנען אָף זײַנס, און דער אדיוטאנט, צעפּירנדיק שולדיק מיט די הענט, האָט זיך ווידער באוויזן אין צימער, לעבן דעם צווייטן טיש, לויט אלע סימאָנים אָן אמאָליקן עס־טיש, אָף וועלכן עס זײַנען געשטאנען עטלעכע טעלעפאָן־אפּאראטן און אָנשטאָט א טישטעך איז צעשפּרייט געווען א לאנד־מאפּע. ער האָט אין איינעם פון די טרײַבלעך א זאָג געטאָן: „וואָלאָגדע... וואָלאָגדע... דער נומער איינס וועט צוגיין צום אפּאראט״ און אָפּגעטראָטן דאָס אָרט פארן קאָמאנדארם. „וואָלאָגדע״ איז געווען דער ארויסרוף־נאָמען באם דעזשורנעם טעלעפאָניסט אין שטאב פונעם נאטשדיוו 322. ווען ווענגראָווער איז מיט א האלבער שאָ צוריק ארויסגעפאָרן פון דער דיוויזיע, איז דאָרט געווען רויק. די פּאָלקן האָבן זיך פארפעסטיקט אָף די אָקאָרשט־פארנומענע פּאָזיציעס. ס'איז שוין צוגעפאלן דער פריִער סאָפּדעקאבערדיקער פארנאכט. צו די פּוסטע, פארלאָזטע יִשובֿים, צו די פעלדער און וועלדער פונעם אוקראַיִנישן קאנט האָט זיך צוגעדריקט א געדיכטע פינצטערניש. דאָס איז געווען א שאָ, ווען קיין נײַע אטאקעס הייבט מען געוויינלעך ניט אָן. ווענגראָווער האָט מיט אומרו זיך צוגעהערט צו די ווערטער, וועלכע האָבן דײַטלעך, איבערן גאנצן צימער, זיך געטראָגן פונעם טעלעפאָן־טרײַבל. דער קאָמאנדיר פון דער 322־טער דיוויזיע האָט איבערגעגעבן, אז דער קעגנער האָט אומדערוואַרט צונויפגענומען א שטארקע גרופּע טאנקען, וועלכע האָבן דורכגעבראָכן די שוץ־ליניע, צעקוועטשט מיט די רויפן עטלעכע הארמאטן.

דער קאָמאנדארם האָט א רוק געטאָן צו זיך די מאפּע און געפרעגט:

— ווו קומט עס פאָר? פּינקטלעכער!

— דאָרט, ווו ס'גייען זיך צונויף די פלאנגען פון דעם טויזנט נײַן־און־אכציקסטן און דעם טויזנט זיבן־און־אכציקסטן.

— וויאַזוי פירט זיך אוף די פּעכאָטע?

— די שיסער־באטאליאָנען האלטן אײַן זייערע פּאָזיציעס.

— די פארבינדונג?

— די פארבינדונג דורכן טעלעפאָן און דורך ראדיאָ איז א שטאנדהאפטיקע. אין איין אָרט איז פארלאָרן געגאנגען די עלנבויגן־פארבינדונג. מיר שטעלן זי אוף...

טשערניאכאָווסקי האָט זיך אײַנגעקוקט אין דער מאפּע, בויערנדיק מיטן שפּיץ פונעם דין־פארשארפטן בלײַשטיפט דעם פונקט צווישן די פלאנגען פונעם 1089־טן פּאָלק און דעם 1087־טן. ער האָט זיך איבערגעקוקט מיט ווענגראָווערן, און פונקט ווי יענער וואָלט שוין אײַנגעשטימט מיט זײַן נאָך ניט ארויסגעזאָגטן באשלוס, האָט ער זיכער ארײַנגערעדט אין טעלעפאָן־טרײַבל:

— איך דערלויב אײַך זעלבשטענדיק מאנעווּרירן אזוי, ווי איר געפינט פאר נייטיק. פארגעסט ניט אָפּגעבן א באפעל צו די רויפן־באטארייעס פונעם צווייטן עשעלאָן, זיי זאָלן צולאָזן די טאנקען נאָענט און ערשט דעמלט שיסן. איך בלײַב באם אפּאראט און וואַרט אָף אײַערע ווײַטערדיקע מיטיילונגען.

און נאָכאמאָל ארײַנגעשריגן אין טרײַבל:

— רוקט ארויס א באוועגלעכן אָפּצאמונגס־אָטריאד! אָף לינקס און אָף רעכטס פון דעם אָרט, ווו די טיגרען האָבן זיך דורכגעריסן, קערעוועט אויס מיטן פּאָנעם צו זיי די שיסער־באטאליאָנען, זיי זאָלן בלאָקירן דעם דורכגאנג!

ער האָט אוועקגעלייגט דאָס טרײַבל אָפן הילצערנעם ניט געפארבטן קעסטל און, ארײַנדרייענדיק דעם קעראָסין־לאָמפּ, אָפּגעדעקט דאָס פענצטער, קעדיי א קוק געבן, וואָס עס טוט זיך אין דרויסן. דאָרט איז פּאַמעלעך געפאלן אָן אָנגעקוואַלענער, שווערער שניי. ס'איז געווען

שטיל. דער סאָלדאַט, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך, האָט זיך באַוויזן אויף יענער זײַט פענצטער און איז צוריק אָפּגעטראָטן אין דער פינצטערניש. לויט ווי ער האָט געכליופּעט אין דער בלאָטע, האָט זיך געפילט, אַז כאָטש דעם שניי גייט אויך אַ רעגן. אין צימער איז געווען דושנע. די פיר מענטשן — דער גענעראַל, דאָס ייִנגל, דער פּאָדפּאָלקאָווניק און דער אַדיוטאַנט — האָבן זיך ווי געפונען יעדערער אין אַ באַזונדער קעמערל, אָפּגעטיילט פון די איבעריקע. זיי האָבן געשוויגן, טראַכטנדיק ניט וועגן איינס און דאָס זעלבע, און יעדן פון זיי האָט, דוכט זיך, אײַנגעוויקלט אין אייגענע טונקלקייט.

דער אַדיוטאַנט האָט ווידער פאַרמאַסקירט דאָס פענצטער און אַרויסגעדרייט די שײַן. טשערניאַכאָווסקי האָט זיך דערמאָנט אין ווענגראָווערן און אין אַנדרייקען, וועלכע זײַנען געקומען צו אים פון דעם געהיים־שווײַגנדיקן דרויסן, ווּהין ער האָט ערשט אַרײַנגעקוקט, און ער איז געבליבן שטיין אַנטקעגן זיי אַ פאַרכידעשטער:

— וואָס דערקענט איר גאָרניט איינער דעם אַנדערן? אַפילו ניט געגעבן זיך די הענט? פּונקט ווי איר וואָלט ניט געווען באַקאַנט...

אַנדרייקע האָט דאַפקע יאָ דערקענט ווענגראָווערן. אין קינדערשן זיקאָרן איז דאָס געווען אַן אָנגעכמורעטער, ניט קיין פרײַנטלעכער מענטש. אָפּשטעלנדיק זיך ריידן מיט אַנדרייקעס טאַטן אין גאַס, בײַ אַ שפּאַציר, פלעגט ער לאַכלוטן ניט לייגן קיין אַכט אויפן קינד, וואָס שטייט דערבײַ. ווען אַנדרייקע איז קוים אַלט געווען נײַן יאָר, איז ווענגראָווער פאַרשוווּנדן, מע האָט אויפגעהערט צו דערמאָנען זײַן נאָמען. איצט, אין פינף יאָר אַרום, שוין גאָר אין אַן אַנדער אָרט און בײַ אומגלייבלעך־געענדערטע אומשטענדן, האָט אַנדרייקע ווידער אים געטראָפן, און ס'איז פאַרן פּאַרטיזאַנישן פאַרבינדלער ניט דורכגעגאַנגען אומבאַמערקט, וואָס דער שמייכלענדיקער גענעראַל, באַגעגענענדיק דעם אָפיצער פון אַ נידעריקערן ראַנג, האָט צום אַלעם ערשטן געפרעגט וועגן זײַן פאַרדײַגעטקייט. אַזוי ווי דער מענטש איז געווען טאָמיד אָנגעכמורעט און פאַרדײַגעט, אַזוי איז ער פאַרבליבן...

אינדערעמעסן אָבער איז געווען אַ גאַנץ וויכטיקע סיבע פון אָט דעם היימישן באַגיין זיך פונעם קאָמאַנדאַרם מיטן קאָמיסאַר פון אַ פּאָלק. אין אָנהייב יאָר, ווען די 60־טע אַרמיי איז געגאַנגען אויף קורסק, האָט טשערניאַכאָווסקי, בעשאַס אַ באַזוך אין אַ פעלד־שפּיטאָל, דערקענט אין איינעם אַ פאַרוווּנדעטן אָפיצער דעם פּאַרוואַלטער פונעם קינדערהיים, ווּהין ער, אַ פּערצניאָריק פּריאָסעמט־געוואָרן ייִנגל, איז אין טויזנט נײַן הונדערט איין־און־צוואַנציקסטן יאָר אָנגעקומען מיט אַ קוויטל פונעם וואָפּניאַרקער נאַראָבראַז. דער פּאַרוואַלטער פונעם קינדערהיים, מאַרק גריגאָריעוויטש ווענגראָווער, איז געווען פאַר די קינדער קימאַט ווי אַ טאַטע — סײַ מיט זײַן זאָרג, עס זאָל בײַ יעדן פון זיי באַפרידיקט ווערן די מינדסטע באַדערפעניש, סײַ מיט זײַן אומקאָמפּראָמיסלעכער פּאָטערשער שטרענגקייט, וועלכע האָט ניט אויסגעמיטן קיינעם. איינמאָל, ערעוו אַ גרויסן יאָמטעוו, ווען די קינדער האָבן גערייניקט און געפּוצט זייער היים, איז מען אויך אַרײַן אין דעם פּאַרוואַלטערס אָרעם־אויסגעשטאַט ווינקצימערל, און וואַניע טשערניאַכאָווסקי האָט אין אויפגעעפנטן קליידער־שראַנק דערזען אַ בודיאָנאָווישן שלעם און אַ פרענטש מיט אַן אָרדען פון דער רויטער שלאַכט־פאָן אויפן לאַץ. קיינמאָל האָט דער פּאַרוואַלטער ניט אָפּגעשפּיליעט דעם אָרדען פונעם פרענטש און אויף זיך קיין איין מאָל דעם פרענטש ניט אָנגעטאָן. געוווּסט האָט מען, אַז מאַרק גריגאָריעוויטשן האָט דורכגעשאָסן אַ מאַכנאָווישע קויל, דעריבער כריפּעט ער באַם ריידן, און אַז ער איז שוין עטלעכע כאָדאָשים דעמאָביליזירט פון דער רײַטער־אַרמיי. אין די לאַנגע אוקראַיִנישע פּאַרנאַכטן פלעגן די קינדער פאַנטאַזירן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם וועגן די אויפטוען פון אַ לעגענדאַרן העלד פון דער רויטער אַרמיי, וועמען אַליין בודיאָני האָט נאָכן צעקלאַפּן די ווײַסע געהייסן צונויפנעמען אונטער איין דאַך אַ סאַך יעסוימים און מאַכן פון זיי אַזעלכע העלדן, ווי ער.

ווען איוואַן דאַנילאָוויטש טשערניאַכאָווסקי האָט אין פעלד־שפּיטאָל זיך אָנגעשטויסן אויף ווענגראָווערן, זײַנען דורכגעגאַנגען גוטע עטלעכע מינוט, ביז וואַנען ער האָט זיך באַרויִקט. דאָס האָט דאָך טאַקע דער פּאַרוואַלטער פונעם וואָפּניאַרקער קינדערהיים זיך אַראָפּגעיאָוועט אין איינעם אַ קאַלטן האַרבסט־טאָג פונעם טויזנט נײַן הונדערט פיר־און־צוואַנציקסטן קיין נאָוואָראָסייִסק, ווו עס האָט דעמלט שוין געאַרבעט אויף אַ צעמענט־זאַוואָד וואַניע טשערניאַכאָווסקי, און אָפּגעפירט אים קיין אָדעס, אין דער דאָרטיקער פּעכאָטע־שול, זיך לערנען. אויפן וועג האָט דער שטרענגער פּאַרוואַלטער מיט אים אײַנגעטײַנעט, אַז אויב ער וועט זיך פלײַסיק אָפּגעבן דער מיליטערישער קונסט, וועט פון אים אַרויס דאָס, וואָס מע באַדאַרף.

דער פעלד־שפּיטאָל איז געווען אַ בעשוטפעסדיקער — צווישן אַ פּאָלק פון דער 322־טער דיוויזיע פון דער 60־טער אַרמיי, וועלכע איז געווען אונטערגעוואָרפן דעם וואָראָניעזשער

פראָנט, און איינעם פון די פּאָלקן פונעם בריאַנסקער פראָנט. פאַרבונדענע צווישן זיך מיט די פלאַנגען, האָבן ביידע פראָנטן אַף אָט דעם אָרט פאַרנומען איין שלאַכטפעלד, און די פאַרווונדעטע בייס די אָפּטע אַטאַקעס זײַנען געווען, אַזוי צו זאָגן, שוטפעסדיקע. דאָס איז די סיבע, פאַרוואָס דער קאָמיסאַר פונעם בריאַנסקער פּאָלק מאַיאָר ווענגראָווער איז אָפּגעפירט געוואָרן אַף מעדיצינישער באַהאַנדלונג צו די וואָראָניעזשער. ווען דער קאָמאַנדאַרם טשערניאַכאָווסקי האָט אים דערזען, האָבן די שטאַב־אָפּיצערן און די דאָקטוירים געהאַט פון וואָס צו זײַן פאַרכידעשט. דער באַרימטער גענעראַל איז געשטאַנען אָנגעבויגן צו אַ מאַיאָר מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ, און ווען דער פאַרווונדעטער, וואָס איז האַלב געזעסן, האַלב געלעגן, האָט געוואָלט זיך אופשטעלן, האָט דער גענעראַל אים ארומגעכאַפּט פאַר די אַקסל און זיך געבעטן מיט אַ ציטעריק קאָל:

— מאַרק גריגאָריעוויטש, ליבינקער, באַומרויִקט אײַך ניט...

דער באַיאָרטער מאַיאָר האָט זיך אופגעפירט ווי אַ מענטש, פאַר וועמען דאָס געשעענע איז ניט קיין נײַס. ער האָט געוווּסט, ווער טשערניאַכאָווסקי איז איצט, און אויב זיי האָבן זיך ביידע ווידער געטראָפן, איז עס אים, פאַרשטייט זיך, אָנגענעם, אָבער מילכאָמע איז מילכאָמע און סובאָרדינאַציע איז סובאָרדינאַציע.

די דאָקטוירים האָבן געפונען פאַר מעגלעך ניט צו עוואַקויִרן דעם מאַיאָר ווענגראָווערן, אָבער צוריק אין זײַן פּאָלק האָט ער, ניט געקוקט אַף אַלע זײַנע באַמיִונגען, זיך שוין ניט אומגעקערט. אין דער 322־טער דיוויזיע האָט זיך געפאָדערט אַ קאָמיסאַר פון אַ פּאָלק, און טשערניאַכאָווסקי האָט געקלונגען אַזש קיין מאָסקווע, אין דער פּאָליטישער פאַרוואַלטונג, געבעטן און געפאָדערט, און סאָפּקאָלסאָף זיך דערשלאָגן, אַז ווענגראָווער זאָל אריבערגעפירט ווערן אין זײַן ארמיי. ס'וואָלט געווען פאַלש צו מיינען, אַז דאָס איז געשען קעגן מאַרק גריגאָריעוויטשעס ווילן, נאָר ער האָט מיט דעם אײַנגעשטימט, ארויסשטעלנדיק איין קאַטעגאָרישן טנײַ: קיין שום פערזענלעכע באַציִונגען, קיין מינדסטע פאַרלײַכטערונג אין דער דינסט און אינעם שטייגער. טשערניאַכאָווסקי האָט אַף זיך גענומען די דאָזיקע אומדערטרעגלעך שווערע היסכײַוועס. עמעס, ער האָט ווענגראָווערן, וואָס האָט דעם צווייטן שטערן אַף די פּאָגאָנעס באַקומען ערעוו דער שלאַכט, אין וועלכער מע האָט אים פאַרווונדעט, און ער האָט איינפאַך ניט באַוויזן די פּאָגאָנעס צו בײַטן, — דעם פּאָדפּאָלקאָווניק ווענגראָווערן האָט טשערניאַכאָווסקי, עמעס, גערופן היימיש באַם נאָמען און פּאָטערנאָמען, ער פלעגט אויך אמאָל פאַרהאַלטן אים באַ זיך אין שטאַב נאָך אַ באַראַטונג און זיך אינקורצן דורכשמועסן מיט אים, אָבער מערער פון דעם האָט ער זיך קיינמאָל גאָרנישט ניט דערלויבט.

פון די זעלטענע שמועסן מיט מאַרק גריגאָריעוויטשן, וועלכער האָט צו יענער צײַט זיך שוין דערנעענטערט צום זעקסטן צענדליק, האָט איוואַן דאַנילאָוויטש בעהאַדראָגעדיק אופגעשטעלט פאַר זיך זײַן ווײַטערדיקן לעבנס־גאַנג נאָך זייער צעשיידונג. די אַכט יאָר, וואָס ער האָט אָפּגעלעבט אַפּן ווײַטן מיזרעך, אין בּיראָבידזשאַן, זײַנען זיכער געווען פאַר אים גליקלעכע, אָבער אומגעריכט, ווי אַ קלאַפּ מיט אַ מעסער אין רוקן, האָט אין אַכט־און־דרײַסיקסטן געטראָפן אים אַ העסלעכער בילבל פון זײַנעם אַן אמאָליקן באַקאַנטן — שאַנאָווסקין — אַפילע אַ שטיקל פרײַנט, וואָס איז פון בּיראָבידזשאַן שוין פון לאַנג ארויסגעפאָרן און געלעבט אַף דער אוקראַיִנע אין זײַן היימשטאָט. ווענגראָווער האָט קורץ פאַרן קריג זיך אומגעקערט, ווי מע דריקט זיך אויס, פון ניט אַזוי שטאַרק אָפּגעווײַטערטע קאַנטן, זיך אומגעקערט אין דער זעלבער גרויסער אוקראַיִנישער שטאָט, פונוואַנען ער איז אמאָל, אין איין צײַט מיט שאַנאָווסקין, אריבערגעפאָרן קיין בּיראָבידזשאַן. ווען היטלער איז באַפאַלן דאָס לאַנד, האָט ער אָנגעטאָן זײַן בודיאָנאָווישן פרענטש מיטן אָרדען פון דער שלאַכט־פּאָן אַפּן לאַץ און איז אוועק אין שטאָטקאָם פון דער פּאַרטיי. דער גענעראַל טשערניאַכאָווסקי האָט אין פעלד־שפּיטאָל דערקענט אין דעם פאַרבאַנדאַזשירטן מאַיאָר מאַרק גריגאָריעוויטשן, דעם אמאָליקן פאַרוואַלטער פונעם וואָפּניאַרקער קינדערהיים, טאַקע לויט דעם אַלטן אָרדען, הינטער וועלכן ס'איז געווען אונטערגעלייגט אַ שטיקל רויט צײַג. אַ צווייטער אָרדען, אַ נײַינקער, אויך מיט אַ פּאָן פון רויטן עמאַל אינדערמיט, איז באַ ווענגראָווערן אַף דער ברוסט געווען צוגעשפּיליעט עטוואָס לינקס פונעם אַלטן און גלײַך צו דעם כאַקי־העמדל.

ווען מע זאָל די דאָזיקע גאַנצע געשיכטע דערציילן אַנדערייקען, וואָלט ער זיכער געטראַכט וועגן ווענגראָווערן בעסער, נאָר דער גענעראַל טשערניאַכאָווסקי האָט דערווײַל, פונעם ערשטן שמועס מיטן ייִנגל, בלויז געוווּסט, אַז מאַרק גריגאָריעוויטש איז מיט זײַן טאַטן אַ נאָענטער פרײַנט, און דעריבער האָט ער, דער גענעראַל, ניט גענומען אויסדערציילן וועגן באַזונדערע איינצלהײַטן, איבערלאָזנדיק זיי פאַר ווענגראָווערן אַליין; און, זעענדיק, ווי דער פּאָדפּאָלקאָווניק און דאָס ייִנגל זיצן ווי פרעמדע, האָט ער אויסגעשריִען פאַרכידעשט:

— וואָס דערקענט איר גאָרניט איינער דעם אַנדערן? אַפילע ניט געגעבן זיך די הענט! פונקט ווי איר וואָלט ניט געווען באַקאַנט...

ווענגראָווער האָט באַקוקט דאָס יינגל, וועמענס פּנים האָט אים אויסגעזען פרעמד. דאָס יינגל האָט זיך אָנגערופן:

— איך בין אַנדריי... אַנדריי טשאָרניצער... נעכעמיע טשאָרניצערס זון...

די דאַזיקע ווערטער האָבן ווי אויפגעוועקט ווענגראָווערן פון שלאָף — פון יענעם מין שלאָף, בייס וועלכן דער מענטש, וואָס האָט שוין לאַנג מיט קיין אויג ניט צוגעמאַכט, גייט, עסט, אַרום, טוט עפּעס, רעדט זיך דורך מיט אַנדערע מענטשן, אָבער אינעווייניק אין זיך שלאָפט ער. ווענגראָווער האָט אויך א צאַפּל געטאָן:

— אַנדרייקע! ווי קומסטו אַהער?

— אין איין־און־פערציקסטן איז יודאַלעף געווען אין א זומער־לאַגער פונעם אָסאָאוויאַכים אַף דער אוקראַינע. די מאַמע האָט גענומען מיט זיך סאַלקען און מיך, און מיר זיינען, אַף זומער טאָקע, צוגעפאָרן אין שטעטל. פאַרט נעענטער צו יודאַלעפס דינסט, האָט געזאָגט די מאַמע...

דער אַדיוטאַנט איז אַריין אין צימער, אַראָפּגעכאַפּט פונעם הילצערנעם קעסטעלע דאָס טעלעפאָן־טרייבל און אַריינגערעדט אין דעם: „וואָלאָגדע... וואָלאָגדע... דער נומער איינס איז באַם אַפּאַראַט". איידער צוגיין צום טעלעפאָן, האָט דער קאָמאַנדאַרם געגעבן אַן אייצע ווענגראָווערן מיטן יינגל, זיי זאָלן זיך דערווייל צוזעצן צום טיש, אַף וועלכן עס שטייט דער גראַפין מיט די גלעזער און עס ליגן די פּאַפּקעס און דער פאַנאַנדערגעשפּיליעטער פּלאַנשעט, און זיי זאָלן זיך דאָרט דורכשמועסן. פאָלגנדיק טשערניאַכאָווסקין, האָט ווענגראָווער צוגערשט זיך צוגעהערט, וואָס עס וועט זאָגן „וואָלאָגדע", און ערשט נאָך דעם, ווי עס האָבן זיך צו אים דערטראָגן די ווערטער: „כאַווער ערשטער, כאַווער ערשטער! דערלויבט ראַפּאָרטירן. פון עלף טיגרען ברענען פיר, די איבעריקע האָבן פאַרקערעוועט אַף צוריק!", — האָט ער זיך גענו־מען איינהערן אין דעם, וואָס עס האָט גערעדט אַנדרייקע.

טשערניאַכאָווסקי האָט אינגאַנצן אויפגעהערט זיך אינטערעסירן מיט דעם פּאָדפּאָלקאָווניק און מיטן פּאַרטיזאַנישן פאַרבינדלער. עס האָט זיך געקאָנט אויסדוכטן, אַז ער איז ביכלאַל אַרויס אין אַן אַנדער צימער און דאָרט זיך אַריינגעטאָן אין דעם, וויאַזוי עס ווערט געפירט איינע א שלאַכט אַף דער פראָנט־ליניע פון זיין אַרמיי.

— איצט הייבט אָן גרייטן דאָס פאָרסירן דעם טייך! — האָט ער מיט עמעצן איינגעטיי־נעט. — גאַנצפרי דאַרפט איר אים אַריבערגיין אין דריי ערטער. מיירעווודיקער פון ווערכניע זשאַרי, באַ דעם צייכן הונדערט איינס מיט פינף צענטל. דאָ לאָזט אַרויס די פישער־שיפלעך, דערנאָך וועלן צוקומען די פּאָראָמען. איר הערט? לאַדנאָ. מערקט אָפּ באַ זיך דאָס צווייטע אָרט, וווּ איר דאַרפט אַריבערגיין דעם טייך. אַנדערהאַלבן קילאָמעטער דאָרעמדיקער פון ניזשניע זשאַרי, באַם קוואַל סטאַריק. שטעלט דאָ אויך א פּאָנטאָן־בריק. די דריטע פאָרסירונג — באַ טערעמצי. צונויפבינדן פון קלעצער פליטן...

דאָס קאָל, וואָס האָט זיך געטראָגן פונעם טרייבל, האָט געהאַלטן אין איין איבערכאַזרן: „איך הער... איך הער... איך הער..." מיטאַמאָל האָט עס זיך איבערגעשלאָסן אַף עפּעס אַנדערש:

— כאַווער ערשטער: איין רעגעלע... — (און צו עמעצן, וואָס האָט, ווייזט אויס, גערעדט דורך א צווייטן טעלעפאָן־אַפּאַראַט: „וואַרט צו, לייגט ניט אַוועק דאָס טרייבל. כ'וועל איבער־געבן דעם נומער איינס...") — אַל־לאַ, כאַווער ערשטער, פינף קילאָמעטער פון מיין קאָמאַנדנע פּונקט, אין היינטערלאַנד, האָט דער קעגנער, בעשאַס דער שלאַכט מיט די טאַנקען, אַרויסגע־וואָרפן זעקס פּאַראַשוטיסטן. זיי זיינען גלייך פאַרשוווּנדן אין וואַלד... אָנגעטאָן זיינען זיי ווי רויטאַרמייער...

— אַלץ גייט אַזוי, ווי ס'איז פאָרויסגעזען, — האָט זיך דערפרייט טשערניאַכאָווסקי. — זייט ווויסן, אַז דאָס זיינען ניט קיין פּאָשעטע געסט. זיי זיינען געשיקט אָפּצוטאָן א דעליקאַטנע שטיקל אַרבעט. וואָרשיינלעך, באַלד וועלן זיי זיך פאַרטייען און מער גאָרנישט ניט טאָן. אונדזער אויפגאַבע איז — נעמען זיי ווי ווייט מעגלעך וואַרעמינקע און ברענגען אַהער. אָבער דערווייל טוט עס ניט. האַלט זיי אין אויג און וואַרט אַף א פאַראָרדענונג. פאַר־שטאַנען?

ער האָט פאַרייכערט א פּאַפּיראָס און א זוך געטאָן מיט די אויגן ווענגראָווערן. יענער איז געזעסן אין טונקעלן ווינקל, דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן, ווי ער וואָלט געלייענט פון א פּאַפּיר, אָפּקערעווענדיק זיך, ס'זאָל קיינער ניט זען, וואָס ער לייענט. אַנדרייקע איז, ווייזט אויס, בייסן טעלעפאָן־שמועס אַרויס אין צווייטן צימער, צום אַדיוטאַנט.

— מארק גריגאָריעוויטש, עס איז צו באַוווּנדערן אײַער אויסגעהאַלטנקייט, כ'וואָלט גע־זאָגט קאַלטבלוטיקייט... — האָט געזאָגט דער קאָמאַנדאַרם, צוגייענדיק נעענטער צו ווענגראָווערן. — איר פֿרעגט אַפֿילו ניט, פֿאַרוואָס כ'האָב אײַך געבעטן קומען אַהער...

די לעצטע ווערטער האָט דער קאָמאַנדאַרם אַרויסגערעדט, פֿילנדיק שוין, אַז זיי זײַנען איבעריק, אָבער גלײַך איבערײַסן די רייד האָט ער ניט געקאָנט. ווען ער איז שטיין געבליבן לעבן ווענגראָווערן, האָט יענער זיך אויפֿגעהויבן פֿון אָרט און זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן פּנים. דאָס פּנים בײַ ווענגראָווערן איז געווען נאַס פֿון טרערן. ער האָט געזאָגט מיט אַ שטיל קול, פּונקט ווי זיך אין עפּעס מידע געווען נאָך גרויסע וואַקלונגען:

— איוואַן דאַנילאָוויטש, זיי האָבן דערשאָסן די פֿרוי, וועלכע איז געווען די איינציקע ליבע אין מײַן גאַנץ לעבן...

ס'איז געווען איבעריק צו פֿרעגן, ווער עס זײַנען די „זיי". פֿונעם צווייטן צימער האָט זיך דערטראָגן אַנדרייקעס פֿאַרשטיקט געוויין און די באַרויִקנדיקע שעפּטשערײַ פֿונעם אַדיוטאַנט. די טיר האָט אַ סקריפּע געטאָן — דער אַדיוטאַנט האָט אַוועקגעפֿירט פֿון שטוב דאָס ייִנגל. אין דרויסן האָבן אײַנטאַניק געהודעט פֿאַרבײַפֿליִענדיקע נאַכט־באָמבאַרדירער, וועלכע האָבן אַרויסגערופֿן אַ טעראָראַמעדיקן איבערוף פֿון שנעלשיסנדיקע זעניטקעס. טשערניאַכאָווסקי איז אַ שווײַגנדיקער אָפּגעגאַנגען ווידער צום טיש מיט די טעלעפֿאָנען, ניט געפֿינענדיק וואָס צו זאָגן ווענגראָווערן אין אָט דער מינוט.

ווענגראָווער איז אַליין צוגעגאַנגען צום קאָמאַנדאַרם. זײַן פּנים איז איצט געווען שטרענג און טרוקן. טשערניאַכאָווסקי האָט אויסגעשטרעקט צו אים די הענט, און ער האָט געלאָזט זיך אַרומנעמען. זיי האָבן זיך צוגעזעצט צום טיש. טשערניאַכאָווסקי האָט מיט אַן אָנשטרענגונג אַרויסגערעדט:

— מארק גריגאָריעוויטש, איר זײַנט בעקיוועד מיך אויסהערן?

— איך הער אײַך, — האָט געענטפֿערט ווענגראָווער.

— אַנדרייקע... דאָס האָט ער אײַך געבראַכט די ידיעה?

— די פֿרוי איז אַנדרייקעס מאַמע...

— און איר...

— איך בין ניט איר מאַן. כ׳האָב זי ליב געהאַט דאָס גאַנצע לעבן...

— און אַנדרייקעס טאַטע...

— זײַן טאַטע וווינט, ווי פריִער, אין בירעבידזשאַן. זי... זי האָט געקאָנט איצט לעבן... איר האָט דאָך געהערט, וואָס אַנדרייקע האָט דערציילט... ס׳האָט זי אַ צי געטאָן אַף מײַרעוו צו אונדזער זון... נעענטער צו אים... זי איז געווען אַ גרויס קינד, איוואַן דאַנילאָוויטש... געמיינט, אַז אויב דער זון איז אַוועק אין אַ לאַגער פון אָסאָאַוויאַכים, אַף מײַרעוו, געפינט ער זיך איצט אַוואַדע לעם אונדזער שטעטל ליובאַר... צוויי וואָכן פאַרן קריג איז זי אַראָפּ־געקומען אַהין צוגאַסט... מיטגענומען מיט זיך סאַלקען און אַנדרייקען... מיטן אייגענעם ווילן אַוועק צום טויט...

— איר רעדט וועגן אײַער זון... דאָס איז דער זעלבער, וואָס איר האָט געבעטן אים אַראָפּברענגען צו אײַך ניט שפּעטער פון איבערמאָרגן?

— יאָ, דער זעלבער. איוואַן דאַנילאָוויטש, דאָס איז די איינציקע פּערזענלעכע באַקאָשע, וואָס כ׳האָב זיך דערלויבט מיט איר צו ווענדן זיך. פּאַשעט — קיין אַנדער אויסוועג האָב איך ניט. איך מוז אים זען, קאָלזמאַן ס׳האָט זיך נאָך ניט פאַרענדיקט דאָס יאָר...

— אַ ספּעציעלע סיבע?

— אַ שוווּע. זײַן מאַמע מיט איר מאַן און איך — מיר האָבן זיך געגעבן אַ שוווּע. יעדע עלף יאָר, אַזוי האָבן מיר אָפּגערעדט, ווען דער זון איז געבוירן געוואָרן, — יעדע עלף יאָר זעען מיר זיך, אַפילו ס׳זאָל ברענען... די מילכאָמע האָט אָבער דאָס מאָל געפּאַסקנט אַנ־דערש. די מאַמע איז ניטאָ, פאַרפאַלן געוואָרן, און איצט ווייסן מיר שוין, אַז זי איז ניטאָ. איינער פון דער מאַמעס צוויי מאַנצבלען געפינט זיך צען טויזנט קילאָמעטער פונדאַנען, און איך, דער צווייטער, בין אַף דער מילכאָמע. דאָס הײַנטיקע יאָר, איינס פון די „עלפטע", איז שוין קימאַט דורכגעגאַנגען. און דאָ דערוויס איך זיך, אַז דער זון דינט ניט ווײַט פונ־דאַנען, אַפן זעלבן פראָנט, וואָס איך...

— ער וועט זײַן בײַ אײַך איבערמאָרגן, דעם איין־און־דרײַסיקסטן. כ׳האָב וועגן דעם געבעטן דעם קאָמאַנדאַרם 18.

— אַ דאַנק.

— מאַרק גריגאָריעוויטש, דערציילט מיר וועגן סאַלקען...

— מײַן זונס שוועסטער... סאַלקע טשאַרניצער... איר ווייסט עפּעס וועגן איר גורל?

— איך האָב אײַך פאַרבעטן אַהער, ווײַל אַנדרייקע האָט אונדז געבראַכט אַ ידיעה פונעם ליובאַרער וואַלד...

— איך הער אײַך.

— אין בערדיטשעוו איז בײַ די פּאַרטיזאַנער פאַראַן אַ מענטש אײנעם אַבוער. ס׳איז באַוווּסט געוואָרן, אַז מיט אייניקע וואָכן צוריק איז קיין בערדיטשעוו אָנגעקומען אַ הויכער טשין פון אַ שפּאָגל־נײַער אויסשפּיר־דינסט... טרעפט ווענענס... עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז די ציוניסטן, יאָ־יאָ, די ציוניסטן, האָבן פאַרפירט בײַ זיך אַן אייגענע אויסשפּיר־דינסט... בײַ אַ וועלטאָרגאַניזאַציע, וועלכע פאַרנעמט זיך מיט אַריבערפירן ייִדן קיין פּאַלעסטינע...

— בײַ דער ייִדישער אַגענץ?

— יאָ, ריכטיק.

— איר אויסשפּיר־דינסט הייסט שערוט איזראַעל.

— מאַרק גריגאָריעוויטש, איך זע, אַז אײַך איז דאָס בילד אין אַלגעמיין באַקאַנט אַ סאַך בעסער, איידער מיר...

— דאָס איז נאַטירלעך, איוואַן דאַנילאָוויטש. איך בין לויטן פאַך אַ היסטאָריקער, און כ׳האָב דערצו זיך פאַרנומען ניט ווייניק מיט ייִדישע ענינים.

— און דאָך וועט עפּשער זײַן אַפילו פאַר אײַך אַ סורפּריז, וואָס דער הויכער טשין פון שערוט איזראַעל, ווי עס טיילן אונדז מיט די פּאַרטיזאַנער, איז געקומען קיין בערדיטשעוו אין דער באַגלייטונג פון איינעם פון די לײַט, וועלכע וואַרפן זיך אונטער דעם אָבערשטורמ־באַנפירער פון עס־עס אָטאָ סקאָרצעני... דעם זעלבן, וואָס האָט זיך ספּעציאַליזירט אַף אַרויסגאַנווענען מענטשן מיט דער הילף פון אָפּגעקליבענע גאָרגלשנײַדער.

— וועמען קלײַבן זיי זיך אַרויסגאַנווענען בײַ אונדז?

— אײַך, מאַרק גריגאָריעוויטש. דעם פּאָליט־קאָמיסאַר וועגנראָווערן.

וועגנראָווער האָט אָנגעטאַפּט אין אַ קעשענע פון דער גימנאַסטיאָרקע די ברילן, וועלכע ער האָט געניצט בלויז באַם לייענען, און, פאַרשטעקנדיק די האָלאָבליעס פון די ברילן אונטער די גראָווע האָר, נעענטער צום שטערן, האָט ער זיך אופמערקזאַם אײַנגעקוקט אין טשערניאַ־קאָוסקיס פּאָנעם, פּונקט ווי ער וואָלט באַדאַרפט דאָרט עפּעס אויסלייענען. טשערניאַכאָווסקי

האָט צוגעוואַרט א רעגע, געלאָזט ווענגראָווערן, ער זאָל אויספּאָרשן ווי געהעריק זײַן פּאַנעם, און, ארויסנעמענדיק דערנאָך פון איינער פון די פּאַפּקעס עטלעכע זײַטלעך פּאַפּיר, האָט ער זיי אים דערלאַנגט.

ווען ווענגראָווער האָט שוין געלייענט דאָס לעצטע זײַטל פונעם פּאַרטיזאַנישן בריוו, איז אין דער כאַטע ארײַנגעקומען א יונגער פּאָלקאָווניק מיט א שפּיצעכיקן גלאַט אויסגעגאָלטן קאָפּ. אראָפּגענומען פון זיך די שינעל נאָך אין פּירהויז, האָט ער זי אָפּגעגעבן דעם אַדיוטאַנט און, באַגריסנדיק זיך בא דער האַנט מיטן קאָמאַנדאַרם און מיט ווענגראָווערן, גענומען באַם לעצטן, אָן שום ווערטער, די איבערגעלייענטע זײַטלעך.

— צוליב וואָס דאַרפן זיי ארויסגאַנווענען אַן אַלטן ייִדן? — האָט ווענגראָווער ניט פּרייַלעך אָנגערופן זיך צום קאָמאַנדאַרם, דערלאַנגענדיק דעם ארײַנגעקומענעם פּאָלקאָווניק דאָס לעצטע זײַטל פּאַפּיר. — און א רויטן קאָמיסאַר צוליב וואָס דאַרפן די ציִעניסטן?

טשערניאַכאָווסקי האָט א ווײַז געטאָן מיט די אויגן אַף דעם פּאָלקאָווניק.

— איר וועט נאָך האָבן צײַט זיך דורכריידן מיט דער קאָנטר־ראַזוועדקע. דערווײַל וויל איך אײַך מאַכן אויפמערקזאַם אַף דעם אָרט אינעם בריוו, וווּ עס טרעפט זיך דער נאָמען סאַלקע טשאָרניצער... די פּאַרטיזאַנער שרײַבן, אַז דער וואָלאָסאָוועץ, וואָס איז הײַנט באַנאַכט אריבערגעלאָפן אין אײַער דיוויזיע (איר זעט, ווי פּינקטלעך זיי ווייסן דעם גראַפיק: ער האָט זיך דאָך טאַקע הײַנט באַנאַכט געיאַוועט צו אײַך!) — דער וואָלאָסאָוועץ וועט ברענגען א פּאָטאָגראַפיע, מיט וועלכער — זיי רעכענען אויס אַף דעם! — איר פּערזענלעך וועט זיך פּאַרינטערעסירן, און דאָס וועט אים גלײַך ארופירן אַף אײַער שפּור. אין א טאָג ארום, דאָס הייסט הײַנט, וואַרפט זיך ארויס די גרופּע פּאַראַשוטיסטן, און ער ווייסט שוין ווהין זיי צו ברענגען, קעדיי אײַך נעמען א לעבעדיקן און אריבערשלעפּן איבערן פראָנט...

דער יונגער פּאָלקאָווניק האָט אָפּגעלייגט אין א זײַט דעם בריוו פון די פּאַרטיזאַנער און גענומען דערציילן, ארײַנקוקנדיק אין א נאָטיץ־ביכל:

— אַף דער פּאָטאָגראַפיע איז צו זען אַן ארומגעצוימטן פּוסטלעכן לאַגער פון צען באַראַקן אין א וואַלדיק אָרט. אויפשריפטן אַף רוסיש און אַף ייִדיש: קאָרפּוס איינס, קאָרפּוס צוויי... קאָמענדאַטור... רעגיסטראַטור... באָד... באַם ארײַנגאַנג אין איינעם פון די באַראַקן זײַנען צוגעקלאַפּט טראַנספּאַראַנטן. דער טעקסט אַף רוסיש: „סאָוועטישע ייִדן! דאָ אין בירּאָבידזשאַן וועט איר בויען דעם סאָציִאַליזם אין דער אַטמאָספער פון פעלקער־פרײַנטשאַפט”. און מיט קלענערע אויסיִעס: „פּאַרשטערן די אײַנגעשטעלטע אָרדענונג ווערט מען דערשאָסן אַפן אָרט”. עטלעכע אַלציינס אָנגעטאָנענע מענטשן, אין ווינטערדיקע היטלען, שטיוול, פּעלצלעך, רינגלען ארום א יונגע פרוי. אַף דער ברייטער לענטע ארום איר רעכטער האַנט איז אָנגעשריבן „דעפּוטאַט”. דער אויפשריפט אַף דער פּאָטאָגראַפיע: „די ייִדישע פרוי סאַלקע טשאָרניצער, וועלכע האָט זיך פּאַרקויפט צו די רוסישע קאָמוניסטן און איז געוואָרן א דעפּוטאַט אין זייער סאָוועט, נעמט איבער בא ענקאַוועדע־לײַט א קאָנצענטראַציע־לאַגער פּאַר די סאָוועטישע ייִדן אין דער בירּאָבידזשאַנער טײַגע”...

— ווו איז די פּאָטאָגראַפיע פּאַבריצירט געוואָרן? — האָט געפרעגט טשערניאַכאָווסקי.

— די באַראַקן מיט דער גאַנצער לאַנדשאַפט — דאָס איז א פיליִאַל פונעם זאַקסענהאַוזענער טויט־לאַגער. א ספּעציִעלע קאָמאַנדע פון ציִעניסטן און וואָלאָסאָווצעס האָבן אים דעקאָרירט צוליב דער פּאָטאָגראַפיע און אראָפּגעבראַכט אַהין פון ליובאַר סאַלקע טשאָרניצער. איצט האַלט מען זי אויך אין בערדיטשעווער געסטאַפּאָ. אונדזער וואָלאָסאָוועץ איז געווען צווישן די, וואָס האָבן זיך מיט איר געייסעקט... מע זעט אים אַף דער פּאָטאָגראַפיע, און ער שטעלט עס ארויס ווי א באַווײַז פון זײַן אָנגעהעריקײַט צום איניען. ער זאָגט, אַז איר, כאַווער פּאָדפּאָלקאָווניק, מוזט אים געדענקען, ווײַל ער איז אין צוויי־און־דרײַסיקסטן יאָר דורכגעפאָרן בירּאָבידזשאַן מיט אַן עשעלאָן קאָמסאָמאָלצעס און אָנטיילגענומען אין אַן אינצידענט, אין עפּעס א מיטינג, וועלכן איר האָט זיכער ניט פּאַרגעסן, אויב איר זײַנט אין יענעם טאָג געווען אַף דער סטאַנציע טיכאָנקע...

ווענגראָווער איז נאָך די דאָזיקע ווערטער געבליבן זיצן אַזוי, ווי ער איז געזעסן, אינגאַנצן אַן אָפּוועזנדיקער, א פאַרטונקלטער. בלויז לויטן אָטעם זײַנעם — אָט א רעגלמעסיקן און אָט א כאָרכלענדיק־האַסטיקן — האָט מען פּאַרשטאַנען, אַז ער הערט, וואָס מע רעדט צו אים. טשערניאַכאָווסקי האָט באַמערקט אַף זײַן פּאָנעם און אַף די הענט א קרענקלעכע אָנגעשוואָלנקײַט און ברוינע פלעקן. ער האָט א טראַכט געטאָן, וויִאַזוי צו געבן אים כאָטש א רעגע רו, און שוין געקליבן זיך זאָגן דעם אַדיוטאַנט, מע זאָל ארײַנטראָגן דעם סאַמאָוואַר, נאָר דאָ האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז ווייניקער פון אַלץ נייטיקט זיך ווענגראָווער אין אָפּרו. פּאַרקערט, ער איז איצט אין יענעם צושטאַנד, ווען דער קאָפּ ארבעט אָנגעשטרענגט און עס

ברויזט מאמעש אין די אָדערן דאָס בלוט. ער האָט מיטאמאָל זיך אינגאנצן צעעפנט, אויסגעגלײַכט זיך, פאַרשטעקט איין האַנט הינטערן רימענדל, אַף וועלכן ס׳האָלט זיך דער פּיסטאָלעט, און אַרויסגערעדט:

— יאָ, איך געדענק יענעם מיטינג אַף דער סטאַנציע ביראָבידזשאַן. ווער דער וואָלאָסאָוועץ איז, שטעל איך זיך אויך פאָר. איך מיין, אַז מע דאַרף אים צולאָזן צו מיר און שאַפן פאַר אים די אילוזיע פון פרײַע מעגלעכקײַטן.

דער קאָמאַנדאַרם האָט געפרעגט באַם יונגן פּאָלקאָווניק:

— וועלכע ווערסיע האָט דער וואָלאָסאָוועץ פאַר מאַרק גריגאָריעוויטשן?

— פון ערשטן קוק א גאַנץ איבערצײַגעוודיקע. ער, דער וואָלאָסאָוועץ, שטאַמט פון באַלעגופּים. ער האָט אין צוויי־און־דרײַסיקסטן געגאַנוועט די סאָוועטישע גרענעץ אַפן ווײַטן מיזרעך און איז אַריבערגעלאָפן קיין מאַנדזשוריע, פון דאָרט געקומען קיין אייראָפּע, שפּעטער — אַפן דײַטשיש־סאָוועטישן פראָנט, צו וולאַסאָוון. אויב דער פּאָדפּאָלקאָווניק וועגראָווער געדענקט אים, וועט ניט שווער זײַן צו אופשטעלן אין זיקאָרן, ווי׳אַזוי בעשאסן אינצידענט אַף דער אײַזנבאַן־סטאַנציע טיכאָנקע האָט דער הײַנטיקער וואָלאָסאָוועץ, ווי ער דערציילט איצט, געפריידיקט, אַז אלע ייִדן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד דאַרפן זיך צונויפזאַמלען אין ביראָבידזשאַן, און מער אין ערגעץ ניט — בלויז אין ביראָבידזשאַן. און מיטאמאָל דערוויסט ער זיך, אַז איצטער איז אויך די סאָוועטישע רעגירונג בא דער זעלבער מיינונג! א סימען: די באַראַקן פאַר ייִדן, די צוגעגרייטע לאַגערן פאַר זיי אין דער ביראָבידזשאַנער טײַגע! ווען דער וואָלאָסאָוועץ פּאַלט אָבער אליין אַרײַן אין דער אינסצענירונג מיט סאַלקע טשאַרניצער און איינער א ציִעניסט זאָגט אים, אַז אַף זייער פראָנט־באַצירק, אַף דער רוסישער זײַט, איז פאַראַן א היכער אָפיצער, וועלכער שטאַמט פון ביראָבידזשאַן, — דאַן פּאַלט אים אײַן אַריבערצוגיין דעם פראָנט און דערציילן דעם סאָוועטישן אָפיצער אלץ, וואָס ער ווייסט וועגן דעם פאַרטראַכט פון די ציִעניסטן...

וועגראָוווער האָט, זיצנדיק, א לײַכטן קלאַפּ זיך געטאָן מיטביידע הענט איבער די קני, ווי איינער רעדט: נו, איצט איז שוין אלץ קלאָר. ער האָט גוטמוטיק א לאַך געטאָן:

— די ציִעניסטן האָבן זיך אויסגעלערנט האָכפּאָליטיק...

— זיי קוקן אין דער נאָענט און באַמיִען זיך זען ווײַטלעך, האַ? — האָט אין זעלבן טאָן באַמערקט דער גענעראַל.

דער יונגער פּאָלקאָווניק האָט צונויפגענומען די בלעטלעך פונעם פּאַרטיזאַנישן בריוו און אוועקגעלייגט זיי אַפן טיש לעם די פּאַפּקעס. ער האָט א זאָג געטאָן, גלײַך ווי דערווידערנדיק דעם גענעראַל:

— דערווײַל זעט מען פון דער נאָענט, אַז זיי אַרבעטן מיטן אַבווער.

— מיטן אַבווער, — האָט איבערגעכאַזערט וועגראָוווער, — מיט די פאַשיסטן... אין אייראָפּע און אַף אונדזערע אָקופּירטע ערדן זײַנען שוין באַלד ניטאָ קיין ייִדן אַף צו שיקן זיי קיין פּאַלעסטינע... די צ(עניסטן האָבן זיך אויסגעלערנט האָכפּאָליטיק! אייניקע קאַראַבקען זיך אַרוף אַף די דעכער פון די וואַגאָנעס, אין וועלכע די פאַשיסטן פירן דאָס ייִדישע פּאָלק אין די קרעמאַטאָריעס, און אַזוי־אָ — אַף די דעכער פון די טויט־עשעלאָנען — ווילן זיי אַרײַנפאָרן קיין פּאַלעסטינע.

ער האָט א ווײַלע געשוויגן און, אייסעקנדיק זיך מיט די ברילן, פאַרגעזעצט:

— יאָ, יאָ... זיי באַמיִען זיך זען ווײַטלעך... אויב מע וועט היטלערן באַזיגן, וועלן, פון איין זײַט, זיך יאָוען מעגלעכקײַטן אויסצונוצן די טראַגעדיע פונעם פּאָלק, די קרעמאַטאָריעס, אַף צו אַרגומענטירן די ציִעניסטישע פּראָגראַם, און, פון דער צווייטער זײַט, וועט מען האָבן דעם פון לאַנג פאַרגרייטן מאַטעריאַל אַף צו קאָמפּראָמעטירן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד: איר זעט — די באָלשעוויקעס האָבן אויך, ווי די פאַשיסטן, געגרייט לאַגערן, געטאָס...

א סימען האָט איר: אָט אלטע פאָטאָגראַפיע, וועלכע ס׳האָט זיך אײַנגעגעבן צו פאַרכאַפּן, און א ביראָבידזשאַנער קאָמיסאַר, וואָס איז אַנטלאָפן פון די באָלשעוויקעס און געפונען א מאָקעם־מיקלעט בא די ציִעניסטן...

דער גענעראַל טשערניאַכאָווסקי האָט זיך אופגעהויבן פון אָרט, צווינגענדיק מיט דעם זיך אופצושטעלן אויך דעם יונגן פּאָלקאָווניק און וועגראָווערן, און אַרײַנגעקוקט אין צווייטן צימער. ווײַזט אויס, ער האָט זיך געוואָלט דערוויסן, צי עס האָט צוזאַמען מיטן אַדיוטאַנט זיך אומגעקערט אין דער כאַטע אַנדרייקע, ווײַל דערזעענדיק, אַז יענער זיצט דאָרט און לייענט טורגעניעווס ביכל, האָט ער, א באַרויִקטער, זיך אומגעקערט צום טיש און געזאָגט, ווענדנדיק זיך צום יונגן פּאָלקאָווניק:

— אויב סקאָרצעני האָט ארויסגעוואָרפן זעקס פאַראַשוטיסטן, איז עס אַזעלכע פוקסן, וואָס ניט דער קאָמענדאַנטסקע ווזוואָד וועט זיי קאָנען כאַפּן. שטעלט צונויף א פּלאַן פון דער אָפּעראַציע. פאַרשיפּרירט זי. נו, וואָס פאַר א קאָדאָוון נאָמען וועלן מיר איר געבן? מאַרק גריגאָריעוויטש, עפּשער עפּעס פונעם וויַטמיזרעכדיקן פּייזאַזש?

דער יונגער פאַלקאָווניק האָט געפונען די פּאַסיקע ווערטער פרי׳ער פון ווענגראָווערן:

— בירא... בידזשאַן... כינגאַן... טונגוסקאַ...

— טונגוסקאַ, — האָט דער גענעראַל איבערגעכאַזערט דאָס לעצטע וואָרט. — רופט אָן די אָפּעראַציע „טונגוסקאַ". איר האָט צוויי טעג אף זי דורכצופירן. איַילט זיך ניט. די

פאַראַשוטיסטן וועלן זיך אין ערגעץ ניט אהינטאָן. דער וואָלאָסאָוועץ אויך ניט. מאָרגן איינ־דערפרי באַפרייַט אים פון אונטער דער וואך. קלוימערשט, נאָכן באַגעגענען דאָס נייַ־יאָר וועט מען אים עוואַקויִרן אין הינטערלאַנד, און דערוויַיל קאָן ער, אויב ער וויל, זיך אויס־באָדן אין דאָרף, און, נאַטירלעך, כאַפּן א שמועס מיטן ייִדישן כאַוער, דעם פּאָדפּאָלקאָווניק ווענגראָווער. פונעם מיליטערישן שטאַנדפּונקט, הייסט עס, האָט דער איניַען קיין ווערט ניט, און ס׳איז ניטאָ קיין צייַט מיט אים זיך צו פאַרנעמען. פאַר אַריבערגיין פריַוויליק צו אונדז ווערט ער, דער וואָלאָסאָוועץ, אָפּגעשיקט אין הינטערלאַנד...

דער יונגער פאַלקאָווניק האָט פאַרשריבן די ווערטער פונעם קאָמאַנדאַרם אין זעלבן נאָטיץ־ביכל, פון וועלכן ער האָט מיט א פּאָר מינוט פרי׳ער אויסגעלייענט דאָס, וואָס ער האָט זיך דערוווּסט פונעם וואָלאָסאָוועץ. טשערניאַכאָווסקי האָט פאַרגעזעצט:

— ווען דער וואָלאָסאָוועץ וועט קומען אפן באַדינגלעכן אָרט, זיך צו טרעפן מיט די פאַראַשוטיסטן, וועט מען זיי אַלעמען נעמען. זייער פּאַשעט. מע דאַרף האָפן, אז צום נייַעם יאָר וועלן מיר אַרייַן קיין בערדיטשעוו. דאַן איז אונטער אייַער פּערזענלעכן קאָנטראָל דאָס באַפרייַען פון געסטאַפּאָ סאַלקע טשאַרניצער, — האָט ער א טיַיט געטאָן מיטן פינגער גלייַך אין דער ברוסט דעם יונגן פאַלקאָווניק.

דער אַדיוטאַנט האָט אַרייַנגעטראָגן דעם סאַמאָוואַר, ניט וואַרטנדיק, מע זאָל אים וועגן דעם דערמאָנען, און אָנגעגאָסן דריַי גלעזער טיי. טשערניאַכאָווסקי האָט, ווי פאַר זיך, אַרויסגערעדט:

— א טשיקאַווע יאַט איז אַט דער אַנדרייקע... די מילכאָמע פּילט זיך גאָר אַף אים ניט...
— אַ נוס פון דער טײַגע, — האָט געזאָגט װענגראַװער. — אַן אָרטיקער, אַ דאָרטיקער... דאָס אַרומשמײַען איבער די װעלדער אָן אַ װעג און אָן אַ שטעג איז בא אים אַ געװײנ־לעכע זאַך...

— אַנדרייקע! — האָט אַ רוף געטאָן דער קאָמאַנדאַרם, װעלכער האָט צװערשט איבער דער טונקעלער שײַן ניט באַמערקט, אַז דאָס ייִנגל שטייט שוין, װעלנדיק עפּעס זאָגן, בא דער טיר, — קום אַרײַן, אַנדרייקע, גיס זיך אָן אַ גלאָז טיי...

אָן אױסגערוטער און צוגעקליבענער, האָט אַנדרייקע אױסגעזען מאָגערער, אײדער דאַן, װען ער איז דאָס ערשטע מאָל אַרײַן אין אָט דעם צימער. האַלטנדיק צוגעדריקט צו דער ברוסט טורגעניעװס ביכל, פאַרלייגט אַ פינגער צװישן די טעװעלעך, האָט ער זיך אײַנגעע־קוקט אין דער טיף פונעם צימער, װוּ עס איז געזעסן דער קאָמאַנדאַרם, און געסטאַרעט זיך אַרױסזאָגן זײַן באַקאַשע מיט אַן אָפיציעלן טאָן:

— כאַװער גענעראַל, דערלױבט אומקערן זיך אין פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד!

דער אַדיוטאַנט האָט געמאָלדן, אַז עס קלינגט ניקאַלײַעװ — אַזאַ איז געװען דער פּאַר־קאָדירטער נאָמען פונעם קאָמאַנדיר פון פראָנט װאַטוטין. טשערניאַכאָװסקי האָט גענומען אין טרײַבל: „איך הער, ניקאָלײַ פיאָדאָראָװיטש" און נאָך דעם, איבערכאַזערנדיק פיל מאָל דאָס װאָרט „יאָ", געװוּנטשן װאַטוטינען אַ גוטע נאַכט און אָװעקגעלייגט צוריק דאָס טרײַבל.

הינטערן פענצטער האָט זיך געביטן די װאַך. אַ שטרענג קאָל האָט געװאָרנט: „סמאָטרי דו אָבאַ!" („קוק מיט בײדע אױגן"). נידעריק איבער דער כאַטע האָבן װידער זיך צעהודיעט פאַרבײַפלִיענדיקע באָמבאַרדירער. ס'האָט זיך געהערט, װי עס קאַפּעט פון דער סטריכע. ערגעץ נאָענט — קאָן זײַן, אַף יענער זײַט קאַזאַטין, האָט גענומען שטעפּן אַ קױלנ־װאַרפער, און קימאַט אין דער זעלבער רעגע נאָך אײנער — שוין גאָר נאָענט, אַף דער אָקאָליצע פונעם דאָרף. טשערניאַכאָװסקי האָט פילבאַדײַטנדיק אַ קוק געטאָן אַפן יונגן פּאָלקאָװניק, און יענער איז גלײַך אַרױס פון שטוב צוזאַמען מיטן אַדיוטאַנט. װענגראַװער איז שוין װידער געזעסן, אײַנגעדעקט און פאַרשלונגען פון דער טונקלקײַט, אָפּגעדרייט דאָס פּאָנעם אין אַ זײַט, און טשערניאַכאָװסקי, ניט װיסנדיק, װיאַזוי אים צו טרייסטן, איז אַרי־בערגעגאַנגען אַף אַן אַנדער אָרט און זיך צוגעזעצט נעענטער, אַזױ, אַז װענגראַװער זאָל אים זען און זיך ניט פילן אײנזאַם. אַנדרייקע האָט באַטראַכט דאָס גאַנצע בילד אין צימער, און צו זײַן פרישן קינדערשן מױעך זײַנען, דאַכט זיך, דערגאַנגען אַלע ניואַנסן פון דעם, װאָס די אױגן האָבן געזען, כאָטש קײנער האָט מיט קײן װאָרטער ניט געגעבן אים צו פאַרשטײן, װאָס דאָס אַלץ זאָל באַטײַטן. באַזונדערס האָבן פאַרכאַפּט זײַן ראַיען די צװײ אַזױ באַשײַמפּערלעך־פאַרשיידענע מאַנצבלען, דער ניט אין דער מאָס לאַנגער, סוטול־אײַנ־געבױגענער, קרענקלעכער באַיאָרטער פּאָדפּאָלקאָװניק און דער שטאַלטנער גענעראַל, װעל־כער איז נאָך ניט אַלט געװען קײן פערציק יאָר און האָט בא דעם ייִנגל אין די אױגן אױס־געזען, װי גלײַך ס'װאָלט געװען ניט ער אַלײן, נאָר אַן אַרטיסט, װאָס װײַזט זײַן געשטאַלט אין קינאָ. אַנדרייקע האָט געזען די רוקנס פון די צװײ מאַנצבלען — אַן אײַנגעבױגענעם רוקן און אַ גלײַכן, — די פּאָגאָנעס, װאָס באַשטעטיקן נאָכאַמאָל דעם אונטערשייד צװישן בײדן, און, דײַטלעכער פון אַלץ, די נאָענט־צונױפגערוקטע קעפּ זײערע — דעם אינגאַנצן שױן גראָװן און דעם פעכיק־שװאַרצן. זײַענדיק פון לאַנג צוגעװױנט, אין פּאַרטיזאַנישן אָט־ריאַד, אַז מע דאַרף ניט אַרײַנדרינגען אין דעם, װאָס עס טוען קאָמאַנדירן, האָט ער זיך לאַכלוטן ניט געכידעשט, װאָס עס זײַנען אַזױ נאָענט צװישן זיך די צװײ אַזױ באַשײַמפּער־לעך פאַרשיידענע מאַנצבלען, און בלױז די איקאָנע, װעלכע איז איצט אױסגעקומען פּונקט איבער זײערע קעפּ, האָט אַרױסגערופן אַ שמייכל בא אַנדרייקען, װײַל זי האָט װי אַרײַנ־גענומען אין איר שטראַלנדיקן אָרעאָל די קעפּ פון די צװײ הױכע מיליטערלײַט — דעם גראָװן קאָפּ און דעם פעכיק־שװאַרצן. אַנדרייקע האָט נאָכאַמאָל זיך אײַנגעקוקט אין דער טיף פונעם צימער און איבערגעכאַזערט מיט אַן אָפיציעלן טאָן:

— כאַװער גענעראַל, דערלױבט אומקערן זיך אין פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד!

דער גענעראַל האָט װעגן עפּעס זיך דורכגעשמועסט שטילערהײט מיט װענגראַװערן און דערנאָך געענטפערט אַנדרייקען:

— אין פּאַרטיזאַנישן װאַלד װעסטו זיך שוין, אַלטיטשקער, אומקערן ניט אַלײן...

אַנדרייקע האָט געפרעגט פאַרכידעשט:

— מיט װעמען זשע?

— מיט דער זעכציקסטער אַרמיי פונעם ערשטן אוקראַיִנישן פראָנט.

אַנגיסנדיק דעם יִנגל טיי אין דער גלאָז, פון װעלכער ער אַליין האָט אָקאַרשט געטרונקען, און נאָכשפּירנדיק מיט פאַרגעניגן, ווי יענער באַזעצט זיך ברייטלעך באַם טיש און נעמט כראָמטשען דעם צוקער, האָט טשערניאַכאָווסקי פאַרגעזעצט:

— איך מיין, ס'וועט בא דיר אַרויסרופן אַן אינטערעס, אויב כ'וועל דיר מיטיילן, אַנדריי... וויאַזוי רופט מען דיך לויטן טאַטן?

— אַנדריי נעכעמיעוויטש, — האָט אונטערגעזאָגט ווענגראָווער.

— ...אויב כ'וועל דיר, אַנדריי נעכעמיעוויטש, מיטיילן, אַז אין דער רעדאַקציע פון אונדזער אַרמיי־צײַטונג דינט דײַן ברודער... וויאַזוי איז זײַן נאָמען?

— פּאַלעק, פּאַלעק... — האָט זיך ווידער דערהערט ווענגראָווערס קאָל.

אַנדרייקע האָט פון איבעראַשונג זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און איז געווען גרייט שוין פריידיק זיך צעשרײַען, נאָר טשערניאַכאָווסקי האָט אים אַ כאַפּ געטאָן אין די אָרעמס, ווי מע כאַפּט מיטביידע הענט, אַרום די פליגל, אַ צעפּלאַכטשען פאַזאַן, און צוגעדריקט אים צו זיך:

— כאַפּ זיך ניט, אַלטיטשקער. ס'וועט דאָ איך זײַן דײַן צווייטער ברודער, דער עלטסטער...

— יודאַלעף! — האָט ניט מיט זײַן קאָל אויסגעשריִען אַנדרייקע.

דער גענעראַל האָט גענומען אים באַרויִקן:

— אײַ־אײַ־אײַ, פּאַרטיזאַן... שטילער אַ ביסל...

אַנדרייקע האָט זיך געוואָרפן, ווי אין פיבער:

— יודאַלעף!.. פּאַלעק!..

און אַליין שוין זיך צוגעדריקט מיט דער באַק צו טשערניאַכאָווסקיס ברוסט:

— ווען?

— וואָס — ווען?

— ווען וועלן זיי קומען, יודאַלעף און פּאַלעק?

— איבערמאָרגן, אין נײַעם יאָר...

אַנדרייקע האָט זיך באַפרײַט פונעם קאָמאַנדאַרמס הענט און איז געבליבן זיצן שטיל און באַרויִקט, ווי גלײַך ער וואָלט זיך אײַנגעמאָסטעט צו וואַרטן, ביזוואַנען די ברידער זײַנע וועלן אַהער קומען...

אין דרויסן, טאַקע ווײַזט אויס, אַף דער אָקאַליצע, האָט מען ווידער געשאָסן פון קוילנוואַרפערס. דער וועכטער איז מיט פאַמעלעכע טריט אַרומגעגאַנגען לענגויס דעם פענצטער. אין צווייטן צימערל האָט אָן אופהער געקלונגען דער טעלעפאָן, ביז ס'האָט אַ סקריפּע געטאָן די טיר און פון דרויסן איז אַ פאַרסאַפּעטער אַרײַן דער אַדיוטאַנט און אַראָפּגעכאַפּט דאָס טרײַבל...

2

ווען יודאַלעף טשאַרניצער זאָל געוווּסט וויסן, אַז מיט צוויי טעג צוריק האָבן אַ קאָמאַנדיר פון אַן אַרמיי און אַ קאָמיסאַר פון אַ פּאָלק זיך דורכגעשמועסט וועגן אים אין אַ דאָרפישער כאַטע, גאַנץ ווײַט פון דער פּאָזיציע, אַף וועלכער ער געפינט זיך, און אַז איינער פון די צוויי הויכע אָפיצערן — דער קאָמיסאַר — דאָס איז זײַן לײַבלעכער טאַטע, ווען ער זאָל קאָנען זיך אַזוינס כאַטש פאָרשטעלן, — דאַן וואָלט ער ניט איבערגעלעבט, וואָס מיטאָמאָל נעמט מען אים אַראָפּ פון דער פּאָזיציע און ער דאַרף, ניט פרעגנדיק צוליב וואָס און פאַרוואָס, זיך אָוועקלאָזן אין שטאַב צו יענעם קאָמאַנדאַרם.

יודאַלעף טשאַרניצער איז געווען ניט מער ווי אַ סטאַרשינאַ פון אַ ראָטע, און אין זײַן פאָרשטעלונג האָט דער פראָנט זיך געדרייט — אָט אָנגרײַפנדיק און אָט אָפּטרעטנדיק — הויפטזאַכלעך אַרום דעם אָרט, וואָס עס האָט פאַרנומען זײַן ראָטע, און געזען האָט ער פאַר זיך — אַמאָל שיסנדיקע, אַמאָל אָפּרוענדיקע און אַמאָל געהאַרגעטע אָדער צעקאַליעטשעטע — בלויז די עטלעכע צענדליק סאָלדאַטן, וועלכע ער, דער סטאַרשינאַ, האָט געדאַרפט איבערציילן עטלעכע מאָל אין מעסלעס, צי אַלע זײַנען נאָך לעבעדיק, און די לעבעדיקע האָט ער געדאַרפט אָנקאָרמען מיט דעם, וואָס דער אינטענדאַנט האָט געגעבן, און דעריקער באַוואָרענען, אַז זיי זאָלן האָבן מיט וואָס צו שיסן.

די אומגעוויינלעכקײַט פונעם באַפעל, וועלכן ער פּילט איצט אויס, איז אים קלאָר געוואָרן שוין אין דער מינוט, אַ שפּראָץ אַף טאָג, ווען ס'האָט אים גענומען וועקן — טאָרקען

און טרייסלען, שילטנדיק זיך אין דער מאמען, — דער קאָמבאט אליין, און אז ער האָט זיך א שטעל אוף געטאָן דערשראָקן אַף די פיס, האָט אים דער ראָטע־קאָמאנדיר, וואָס האָט אראָפּגעבראכט אהער דעם קאָמבאט, דערלאנגט א פּאפּירל, לויט וועלכן ער ווערט אָפּגע־שיקט אַף א מעסלעס אין א טייל מיט אן אנדער נומער. דער קאָמבאט האָט אוועקגעלייגט פאר אים אן אָפּגעריבענע אַף די פארבויגענע ערטער מאפּע און געגעבן א טיטשע מיטן פינגער אין איין אָרט און אין א צווייטן:

— דאָ ליגן מיר, און אָט דאָס איז בערדיטשעוו. וועסט אָפּזוכן דעם שטאב פון דער זעכציקסטער ארמיי און זיך מעלדן צום גענעראל טשערניאכאָווסקי. אין פּאפּירל שרײַבן מיר עס ניט, דארפסט געדענקען. לויט די לעצטע ידיעס, געפינען זיי זיך שוין אין בערדיטשעוו. טשערניאכאָווסקיס שטאב איז אין ראיאָן פונעם ליובארער שליאך.

זעענדיק, אז צו טשאָרניצערן איז דערגאנגען גאנץ ווייניק פון דעם, וואָס דער קאָמבאט רעדט צו אים, האָט דער קאָמאנדיר פון דער ראָטע אים געגעבן אָפּזופן פון דער פליאגע און איבערגעכאזערט דעם באפעל מיט אנדערע ווערטער:

— גיי ארויס אפן וועג. קיין בערדיטשעוו פאָרט איצט דער גאנצער טראנספּאָרט. שפּרינג ארוף אַף א לאסטמאשין אָדער אַף א טאנק. דאָס פּאפּירל באווײַז, אויב א פּאטרול וועט פאָדערן. וואָס קוקסטו מיט קעלבערנע אויגן? מיינסט, אז מיר ווייסן, פארוואָס מע פאָדערט דיך אהין ארויס? אַף יעדן פאל קאָנסטו נעמען מיט זיך נאָך עמעצן פון דער ראָטע. זאָג וועמען, וועל איך ארײַנשרײַבן אין פּאפּירל. נו, לעבעדיקער!

טשאָרניצער האָט זיך דערפרייט און געבעטן ארײַנשרײַבן די פאמיליע לאָסיעוו.

— דעם סערזשאנט לאָסיעוון ווילסטו מיט זיך מיטנעמען? — האָט איבערגעפרעגט דער קאָמאנדיר פון דער ראָטע. — צי וועט עס ניט זײַן צו פעט, סטארשינא? אינמיטן אָנגריף, און נא דיר גאָר א שפּאציר אינצווייען קיין בערדיטשעוו...

— איך האָב עס ניט געבעטן, — האָט גלײַכגילטיק באמערקט טשאָרניצער.

דער קאָמאנדיר פון דער ראָטע האָט אויסגערופן שטיפעריש:

— אך, יאָ. אָן דעם סערזשאנט לאָסיעוו קאָנסטו דאָך ניט פארבינדן בא א קאץ דעם עק...

טשאָרניצער האָט, אָנבייגנדיק זיך אַף אופהייבן דעם אווטאָמאט פון דער צעשפּרייטער אַף דער ערד שינעל, א קלונג געטאָן מיט די צוויי גרויסע, אויסזעענדיקע ווי פון בלעך, שטערנס פונעם אָרדען „סלאווא" און מיט די פינף מעדאלן, וועלכע ער האָט געטראָגן אַף זײַן אייגענעם אויפן, געדיכטער, ווי געוויינלעך, — און געענטפערט, קאָסיענדיק די אויגן צום קאָמבאט:

— און ער, דער סערזשאנט לאָסיעוו, קאָן עס ניט טאָן אָן מיר...

דאָס פערטל שאָ, וואָס מע האָט געגעבן אַף קלײַבן זיך אין וועג ארײַן, האָט טשאָר־ניצער אויסגענוצט צו איבערגעבן זײַנע פליכטן א יעפרייטאָר, מיט וועלכן ער האָט אײַנ־געטײַנעט וועגן אזא גרויסער צאָל דײַגעס, פונקט ווי ער וואָלט אוועקגעגאנגען פון דער ראָטע ניט אַף א מעסלעס, נאָר אַף א יאָר. ווען אלע איניאָנים זײַנען שוין געווען דער־לייידיקט, האָט ער צעפירט א שטיקל זייף אין שניי־וואסער, קעדיי זיך אָפּגאָלן, און דאָס האָט אים ארופגעבראכט אפן געדאנק, אז אָן אים קאָן נאָך עמעצער פון די סאָלדאטן פאר־געסן אָנרײַבן דאָס לײַב מיט שניי.

— מ'איז שוין צוויי וואָכן אין באָד ניט געווען. האָב עס אין זינען! — האָט ער שטרענג נאָכגעשריִען דעם יעפרייטאָר.

— וואָס זאָל איך טאָן?

— ארויסגעבן אלעמען ריין גרעט! דאָס אומריינע צונויפלייגן אין א זעקל און אָפּטראָגן אין אָבאָז. פארן איבערטאָן זיך זאָל יעדערער אײַנרײַבן דאָס לײַב מיט שניי!

— א מאָדנער ווינטער, כאָווער סטארשינא. שניי דארף מען זוכן מיט ליכט...

— עפּעס רעדסטו מיר א סאך. ס'זאָל זײַן שניי, און אלע סאָלדאטן זאָלן פאר דער שלאכט אָנטאָן ריין גרעט! כאזער איבער.

דער יעפרייטאָר האָט איבערגעכאַזערט וואָרט בא וואָרט די לעצטע פאראָרדענונג, און טשאָרניצער איז אוועק אָפּזוכן דעם סערזשאנט לאָסיעוון, וועלכער איז באנאכט געשטאנען אין דאָזאָר און איצט, ווי ס'האָט אויסגערעכנט טשאָרניצער, האָט זיך זײַן דעזשורסטווע פארענדיקט. אזוי איז עס טאקע געווען, און לאָסיעוו האָט לאנג זיך ניט געדארפט קלײַבן אין וועג ארײַן — א טעווע האָט ער געהאט, אז נאָך א נאכט וואך זײַן האָט ער אינדערפרי ניט געקאָנט שלאָפן, און דערצו נאָך האָט ער זיך שוין אײַנגעוואשן און אָפּגעגאָלט זיך אין טראנשיי, בייס זײַנע סאָלדאטן פונעם דאָזאָר האָבן נאָכגעשפּירט נאָך די דײַטשישע פּאָזיציעס.

זיצנדיק שוין אין א פאַרבײַפּאָרנדיקער לאַסטמאַשין, זײַנען איוואַן לאָסיעוו און יודאַלעף טשאַרניצער געפּאַלן אַפן סײַכל, אַז דער אַרויסרוף אין שטאַב פונעם קאָמאַנדאַרם טשער־ניאַכאָווסקי איז, קאָן זײַן, גאָר צו דערקלערן מיט דעם, וואָס יודאַלעפס ברודער, פאַלעק, איז אַ זשורנאַליסט אין דער דאָרטיקער אַרמיי־צײַטונג, און עפּשער, גאָט זאָל אָפּהיטן, איז עפּעס געשען מיט פאַלעקן...

די צוויי ברידער האָבן זיך דערוווּסט איינער וועגן צווייטן, ווען אַ צופאַל האָט צונויפ־געפירט איינעם פון זיי — פאַלעקן — מיטן לייטענאַנט יויסעף בומאַגין, אַ ביראָבידזשאַנער טוישעוו, וועלכער איז אין די לעצטע יאָרן פאַרן קריג אַריבערגעפאָרן פון וואָלאָטשײַעווקע אין דעם געגנט־צענטער און דאָרט געאַרבעט אַפן וועגנער־זאַוואָד.

דאָס איז געווען אין די ערשטע טעג נאָיאַבער, ווען דער פראָנט האָט זיך צוגערוקט האַרט צו קיִעוו. איבערלייענענדיק אין דער פראָנט־צײַטונג, אַז צווישן די דאַטשעס פונעם יישעוו פּושטשאַ וואָדיצאַ האָט אַ לייטענאַנט, וואָס זײַן פאַמיליע איז בומאַגין, געפונען בײַסן אָנגריף אַ טאַטשאַנקע, וועלכע עס האָט נאָך אין איין־און־פערציקסטן אָפּגעשיקט אַפן פראָנט די היימשטאָט פונעם לייטענאַנט ביראָבידזשאַן, — האָט דער קאַפּיטאַן פאַלעק טשאַרניצער, אַ זשורנאַליסט, וועמענס אָפּעראַטיווקײַט איז געווען באַוווּסט איבערן גאַנצן פראָנט, זיך גלײַך אָוועקגעלאָזט אין דער 322־טער דיוויזיע, צום קאָמיסאַר וועגנראָוווער, וועלכער האָט שוין אַ לענגערע צײַט זיך געפּײַניקט מיטן געדאַנק, וויאַזוי צונויפנעמען אין איין אָרט, אַף אַ טאָג צײַט, צי זאָל זײַן אַפילע אַף איין שאָ, עטלעכע נאָענטע מענטשן, צעזייטע און צעשפּרייטע אַף דער מילכאָמע. די ידיִע וועגן דעם, אַז אין פּושטשאַ וואָדיצאַ האָט זיך אָפּגעפונען אַ ביראָבידזשאַנער טאַטשאַנקע און צוזאַמען מיט איר אַ מענטש פון ביראָ־בידזשאַן, האָט שטאַרק פאַרינטערעסירט וועגנראָווערן, און ער איז באַשטאַנען, אַז דער קאַ־פּיטאַן זאָל צופאָרן אַהין. ווען פאַלעק האָט זיך צוריק אומגעקערט אין רעדאַקציע און איז געקומען אין דער דיוויזיע אַף צו אָפּגעבן דעם קאָמיסאַר זײַן ווילים, איז ער, פאַרגעסנדיק אין די פאָרמאַליטעטן, צוגעלאָפן צום קאַ־פּע, ווו ס'האָט אין דער מינוט זיך געפונען דער קאָמיסאַר, און אויסגעשריִען:

— מאַרק גריגאָריעוויטש! כ'האָב געפונען יודאַלעפן!

וועגנראָוווער האָט אַ קוק געטאָן אַף אים דערשראָקן:

— דו ווייסט ניט ווען צו שפּאַסן, קאַפּיטאַן!

פאַלעק האָט דערציילט, אַז ס'איז געווען ניט פון די גרינגע זאַכן צו געפינען בומאַגינען, ווײַל אַ דײַטשישע טייל האָט, אָפּטרעטנדיק, זיך אַרײַנגעריסן צוריק אין פּושטשאַ וואָדיצאַ, אָבער עס טוט אים ניט באַנק, וואָס ער האָט פאַרלאָרן אַ טאָג מיט אַ נאַכט, ווײַל אויסער מאַ־טעריאַל פאַר דער צײַטונג, האָט ער באַקומען מער־ווייניקער פּינקטלעכע אָנווײַזונגען, ווו עס געפינט זיך יודאַלעף, — אין דער 18־טער אַרמיי געפינט ער זיך, און ער איז אַ סטאַרשינאַ פון אַ ראָטע...

פון יענער צײַט זײַנען שוין דורכגעלאָפן קימאַט צוויי כאָדאָשים. דער גיכער אומבײַט פון די געשעענישן האָט ניט געלאָזט דעם קאָמיסאַר וועגנראָוווער אָפּזוכן זײַן זון און זיך זען מיט אים: צוערשט איז געווען דער אָנגריף פונעם ערשטן אוקראַיִנישן פראָנט אַף קיִעוו, דערנאָך די ביטערע שלאַכטן אַפן לינקן פליגל פונעם פראָנט אַרום פאַסטאָוו, בעלאַצערקאָוו, טריפּאָליע, דאָרט, ווו ס'איז אויסגעקומען אָפּצושטעלן דעם אָנגריף, און, פון דער צווייטער זײַט, אַפן רעכטן פלאַנג, איז דער אָנגריף אָנגעגאַנגען ווײַטער און ס'איז באַפרײַט געוואָרן זשיטאָמיר, און דאָ גלײַך האָט זיך אָנגעהויבן דער קאָנטער־אָנגריף פון די דײַטשן, בײַס וועלכן זיי האָבן צוריק פאַרנומען זשיטאָמיר, ראַדאָמישל, קאָראָסטישעוו, ברוסילאָוו, איבערשנײַדנדיק דעם שאָסיי זשיטאָמיר — קיִעוו, ווײַטער — דער פּרווו פון די דײַטשן זיך דורכרײַסן קיין קיִעוו, פאַרכאַפּנדיק מאַלין, ווו דעם אויסערגעווייינלעך שטאַרקן דרוק האָט גענומען אַף זיך טאַקע די 60־טע אַרמיי, אַרײַנגערעכנט די 322־טע שיסער־דיוויזיע, און לעסאָף — די נײַע סטראַטעגיש־אָנגעצילטע אָנגריף־אָפּעראַציע פונעם ערשטן אוקראַיִנישן פראָנט, אָנהייבנדיק פונעם 24 דעקאַבער, מיטן ציל צו צעגראָמירן מיט אַ שטאַרקן פאַנעם־על־פּאָנעם־קלאַפּ דעם קעגנערס הויפּט־גרופּירונג אַף דער זשיטאָמיר — בערדיטשעווער ריכטונג, אַזוי, אַז אונדזערע באַוועגלעכע טיילן זאָלן דערגרייכן, אַפן ערשטן עטאַפּ, דעם ראַיאָן פון זשמערינקע, און די הויפּט־קויכעס, צווישן זיי די 60־טע אַרמיי, זאָלן פאַרנעמען בערדיטשעוו, ליובאַר, כמעלניק, נאָוואָגראַד־וואָלינסק און אַרויסגיין צום טײַך דאָרעמדיקער בוג.

די דאָזיקע אַלע געשעענישן האָבן געהאַלטן אין זייער געשלאָסענעם קרײַז דעם פּאָדפּאָל־קאָווניק וועגנראָוווער, און ערשט ווען ער האָט דערפילט, אַז עס וועט זיך אָט־אָט פאַרענדיקן דאָס יאָר טויזנט נײַן הונדערט דרײַ און פערציק, דאָס דריטע „עלפטע יאָר“, זינט עס איז אָפּ־

גערעדט געוואָרן, אַז מיט אזא איבערײַס װעלן זיך טרעפן ער, װענגראָװער, און די טשאַר־ניצערס — עסטער־ראָכעלע, נעכעמיע — מיט זייער אלעמענס זון יודאלעף, װען ער האָט דערפילט, אַז דאָס יאָר פאַרענדיקט זיך און מע װעט שפּעטער שוין ניט קאָנען די זאַך פאַר־ריכטן, — דאַן איז ער אױװער געװוען אפן שטרענגן קלאַל זיך ניט װענדן מיט קיין פּער־זענלעכע באַקאַשעס צום קאָמאַנדאַרם, און ער האָט געבעטן אַראָפּברענגען צו אים אָף א טאָג צײַט פון דער שכײַנעסדיקער אַרמיי דעם סטאַרשינא יודאלעף טשאַרניצער.

אין א פאָרשטאָט פון בערדיטשעװ האָט די לאַסטמאַשין פאַרקערעװעט אין א זײַט, און יודאלעף מיט איװאַנען האָבן זיך געכאַפּט, אַז זיי פאָרן שוין מיטן ליובאַרער שליאַך, דערװײַ־טערנדיק זיך פון בערדיטשעװ. פון פאָרנט האָט זיך געהערט א שיסערײַ. אָנקלאַפּנדיק אין קאַבינע־דעכל צום שאָפער, זײַנען די צװיי פּאַסאַזשירן פון דער לאַסטמאַשין אַראָפּגעשפּרונגען לעבן א װאַלד און זיך פאַרנומען אָף צוריק, צו די שטאָטישע כורװעס. אין הימל, נידעריק איבערן קאָפּ, האָט זיך באַװיזן א דײַטשישער אעראָפּלאַן, און קעדיי ניט באַמערקט װערן, האָבן זיי זיך פאַרטיפט אינעם װאַלד און דאָרט זיך צוגעזעצט אָף אן אָפּגעזעגטער קלאָץ.

איװאַן האָט אַרױסגענומען דעם קיסעט, און גלײַך נאָך אים האָט יודאלעף דערלאַנגט פון די ברייטע גאַליפע זײַן אייגענעם קיסעט. אזא שפּיל איז צװישן זיי אַנגעגאַנגען: טאַבאַטשאָק װוראַז — יעדערער רייכערט זײַן טאַבעק. פאַרשטייט זיך, ס׳איז געװוען בלויז א שפּיל. די צװיי מאַנצבלען האָבן פאַר פיל יאָרן, װאָס זיי צעשיידן זיך ניט, אזוי צוגעלאַשטשעט זיך איינער צום אַנדערן, אַז בא זיי איז געװוען מאַמעש א באַדערפעניש כאָטש אין עפּעס־װאָס אַרױסװײַזן א פאַרשײדנעם װילן, זאָל זײַן אפילע באַם פאַרדרייען א ציגאַר, און דאָס אויך אין א שפּאַס. ביידע מעטושטעשדיק לאַנגזאַמע און שעמעװודיקע, האָבן זיי געפּראַװעט קונ־דײסעס בלויז צװישן זיך, און דאָס כאַכמענען זיך, די שטיפערײַ איז געװוען, װי מע זאָגט, אָן פעפער — מעסיק, װי לעבעלעכע װאַסער, שלאַבעריק, װי צעפּירטער ספּירט.

פאַרדרייענדיק די ציגאַרן, האָבן זיי זיך איצט, װי שטענדיק, געװערטלט אַרום גוט באַװוסטע און נאַטירלעכע זאַכן, װעלכע פּאַסן ביכלאַל ניט, מע זאָל רעדן װען זיי אין א שפּאַס.

איװאַן האָט מיט צװיי געדיכט פאַרגעלטע פינגער געפורעמט און געגלעט א גרויסאַרטיקן ציגאַר פון דעם מין, װעלכן סאָלדאַטן האָבן צוגעטראַכט און געגעבן אים א נאָמען דאָס ציגענע פּיסל — פאַר זײַן רונדיק ברייטער פאָרם דאָרט, װוּ מע שיט אַרײַן די מאַכאָרקע, און פאַר פונקט אזא רונדיק, שוין אָבער פאַרשמעלערט פּיסל, װאָס טוט זיך א בייג אין דער קני און זעט דעריבער אויס גענוג עלעגאַנט אָף צו באַשײנען דאָס פּאָנעם פונעם רייכערער, פאַרבײַטנדיק א ליולקע. פורעמענדיק דאָס ציגענע פּיסל, האָט איװאַן געפרעגט:

— יודאלעף, װיפל יאָר ביסטו אַלט?

יודאלעף האָט געענטפערט:

— נו, דרײַ און דרײַסיק...

זיי האָבן א פּאָר מינוט געשװיגן, און דאַן איז אַרױס מיט זײַנע רייד יודאלעף, װעלכער האָט געקלאַפּט איין קרעמען־שטיינדל אין א צװייטן, אַרױסבאַקומענדיק א פונק, פון װעלכן ס׳האָט זיך געצונדן רייכערן דאָס אונטערגעשטעלטע קנייטעלע פון דורכגעזאַפּטער מיט א ברענשטאָף קלאַטשע. זויגנדיק זײַן ציגאַר אָף צורויכערן בא דעם קלאָטשע־קנייטל, האָט יודאלעף אַרױסגעזיפּט צװישן די ציין:

— און דו, װאַניע, װיפל ביסטו אַלט?

— אױכעט, — איז געװוען דער ענטפער.

ביידע האָבן זיך שטיל צעלאַכט, יעדערער פאַר זיך, און דעם סאַכאַקל האָט געמאַכט איװאַן:

— אזוי־אַ, ברודערקע. האָסט שוין א װײַב מיט צװיי קינדער, און ביסט נאָך אַלץ א סטאַרשינא...

— און דו — נאָך װייניקער, א סערזשאַנט...

— דיך װעט באַלד אָפּשמײַסן דער גענעראַל...

— און דיך װעל איך אָפּשמײַסן, דער סטאַרשינא...

אין װאַלד איז געװוען אומהיימלעך. די נאָענטע ביימער האָבן װי געערגערט זיך פון דעם, װאָס אזעלכע צװיי שוין גאָר ניט קיין יונגע סאָלדאַטן מאַכן זיך נאַריש. צי פון דעם טאַקע, צי עפּשער פונעם שלעכטן װעטער, האָבן די שטאַמען און די צװײַגן אױסגעזען פאַרװאָרלאָזט און ניט פריילעך, דער הימל איבער זיי — אָנגעכמורעט. אָנשטאָט דער װאַלד זאָל רױשן, האָבן זיך אין אים און אַרום אים געהערט אַנדערע קלאַנגען: ס׳האָט געגרילצט

א שיסערײַ, וואָראָנעס — די אײנציקע לעבעדיקע וועזנס אינעם וואַלד — האָבן געשריגן מיט באַנומענע קוילעס.

אין די אַלציינע בושלאַטן און היטלען־אושאַנקעס האָבן יודאַלעף און איוואַן אויסגעזען ווי צוויי צווילינג־ברידער, דערבײַ, אויב אין דער יוגנט האָט זיי געמאַכט ענלעך מערסטנס דאָס אויסערלעכע: די גרויסע קערפּערס, ווינקלדיקע פּלייצעס און פּענעמער, די אומגעלומפּערט שטאַרצנדיקע אויערן און גראָבע ליפּן, — האָט איצטער זיך געפילט אויך אַן ענלעכקײַט אין די באַוועגונגען, אין דעם זיצן און גיין, וואָס עס נעמט זיך פון צופּאַסן זיך אין מעשעך פון פיל יאָרן איינער צום צווייטן. ס׳איז אָבער אויך קיין סאָד ניט, אַז אין רײַפן עלטער באַווײַזן זיך, אפילו בײַ לײַבלעכע צווילינג־ברידער און צווילינג־שוועסטער, אייניקע נײַע סימאָנים, וועלכע זײַנען אינדיווידועל. פון דער נאָענט וואָלט מען עס געקאָנט זען אויך בײַ איוואַנען און יודאַלעפן, אַשטייגער די דערווײַל נאָך ווייניקע אָנגעבויגנקײַט פון דער פּלייצע בײַ יודאַלעפן, אַן אָנדײַט אויף יערושעדיקער סטולעדיקײַט, די פריִע גראָװקײַט בײַ אים אין דער שעוועליורע, וואָס פונקט איצט איז זי געוועזן צו באַמערקן, ווען אַלס ענטפער אויף זײַן צוזאָג אָפּצושמײַסן איוואַנען, האָט יענער אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטל פון זײַן קאָפּ און אַרופגעוואָרפן עס אויף א צווײַגל.

געבליבן זיצן אָן א היטל, האָט יודאַלעף דערפילט, אַז עס נעמען זיך צונויף אינײנעם און פילן אָן זײַן נעשאָמע די אַלע בענקשאַפטן און דערמאָנונגען, די אַלע געפילן, מיט וועלכע דער מענטש טראָגט זיך געווײנלעך אַרום, ניט פרעגנדיק בײַ זיך, וואָס דאָס איז, און ס׳איז גענוג עפּעס גאָר א פּיצינקער שטויס, אַז זיי זאָלן זיך אָנהייבן באַוועגן, באַרירנדיק אײנס דאָס צווייטע, צונויפגיסנדיק זיך אינײנעם און איבערמאַכנדיק דעם מענטשן — פון אַן עלטערן אין א קינד, און פאַרקערט, פון אַן ערנסט־באַדאַכטן אין א שטיפער, און פאַרקערט. שווער צו זאָגן, פאַרוואָס בײַ יודאַלעפן איז אַזאַ שטויס געוועזן דאָס בלײַבן זיצן אין וואַלד, אויף דער אָפּגעזעגטער קלאָץ, אָן א היטל; עפּשער האָט די דערמאָנונג זיך אָנגעקניפּט אינעם ליובאַרער ייִנגעלע יודאַלעפל, ווען עס פלעגט אַרומטראָגן דאָס אַהער, דאָס אַהין, אַבי אַרויס פונעם שטעטל, אַמאָל צו דעם דערפּעלע כיזשניק און ווײַטער אַזש צום שכייניעסדיקן שטעטל אָסטראָפּאָליע, אַן אַנדערס מאָל צו די פעלדער, דורכן זאַמדיק־געלן פּיסטשאַן, צום וואַלד; דאָרט, אין דעם ליובאַרער וואַלד, איז די וועלט געווען אינגאַנצן אַן אַנדערע, איידער אין שטעטל; פונעם ליובאַרער וואַלד, וואָס איז אין יודאַלעפס קינדער־יאָרן נאָך געווען פול מיט באַנדעס און מיט אײנצלנע באַנדיטן, האָט זיך אָנגעהויבן פאַר יודאַלעפן דער וועג צום דניעפּערבוי, צו קאָמסאָמאָלסק; דאָרט, אינעם ליובאַרער וואַלד, איז ער נאָך געווען קליין און נאַריש, קיין שוך, קיין רעקל, קיין היטל, אַליין נאָך א רוי געוויקסל, און איצט, שוין אין פערטן צענדליק, לעם דעם זעלבן אָרט, קימאַט שוין אין ליובאַרער וואַלד, זיצנדיק אָן א היטל אויף אַן אָפּגעזעגטער קלאָץ, האָט דער סטאַרשינאַ יודאַלעף טשאָרניצער אומגעריכט פאַר זײַן כאַווער, דעם סערזשאַנט איוואַן לאָסיעוו, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אויך דעם בושלאַט און, אַראָפּגליטשנדיק זיך, ווי ניט אומיסטן, פון דער קלאָץ, גענומען זיך קוילערן און קויקלען איבער דער אָנגעקוואָלענער מיט אָנהייב־ווינטערדיקע פּײַכטקײַטן וואַלדישער ערד. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט גאָר פון זינען זיך גערירט — קויקלענדיק זיך איבער דער ערד, ניט אָפּגעהיט דאָס פּאָנעם פון סוקעוואַטע צווײַגלעך און שטיינער, וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרטשעט פון אונטער די צוגעפּראָשעטע מיט פראָסט־טוי אַראָפּגעפאַלענע בלעטער, ניט פאַרשטעלט פון דער קאַלטער אומרײנער ערד דאָס מויל, די אויערן, די נאָז. עפּעס האָט ער גערעדט דערבײַ גיך־גיך, אונטערכליפּענדיק. איוואַן האָט די ווערטער ניט פאַרשטאַנען, ווײַל זיי זײַנען געווען ייִדישע, נאָר די ווערטער „מאַמע” און אויך „קינד מײַנס”, וואָס איוואַן האָט שוין זיך אויסגעלערנט אַרויסברענגען אויף ייִדיש, אַזוי אָפּט האָט ער זיי געהערט פון יודאַלעפן, — אָט די ווערטער האָבן איצט באַרויִקט איוואַן לאָסיעוון, און ער האָט געדולדיק נאָכגעשפּירט, ווי זײַן כאַווער רעדט זיך דורך מיט זיך אַליין. ווען ס׳איז אים נימעס געוואָרן צו קוקן פון דער זײַט אויף יודאַלעפן אין דער פאַרכושטקײַט, האָט ער זיך אָנגעבויגן איבער אים און גענומען אים כאַפּן מיט בײדע הענט, ווי מע כאַפּט אַפן דעק פון א שיפל א פיש, וואָס וואַרפט זיך:

— גענוג... רו אָפּ... יו־דאַ־לעף!

צודריקנדיק יודאַלעפן מיט קויעך צו דער ערד, האָט ער, אַן אָפּגעשוואַכטער פונעם געראַנגל, זיך אַליין אויך צוגעדריקט צו אים, און בײדע זײַנען געבליבן ליגן, שווער אָטעמענדיק, אונטער דעם קליאָן, אויף וועלכן עס איז געהאַנגען דאָס היטל. יודאַלעף האָט צוגעמאַכט די אויגן, פאַרקוועטשט די ליפּן און אָנגעהויבן שטאַרק ציטערן פון קעלט. איוואַן האָט אים אונטערגעכאַפּט אונטער די פּאַכוועס און, שעפּטשענדיק „פּסיך, אײַ פּסיך”... צוריק אים

אוועקגעשלעפּט צו דער קלאָץ. דאָרט האָט ער אָפּגעטרייסלט פון אים די בלעטער און די ערד, ארויסגעשלעפּט בא זיך פון הינטערן הויזן־פּאַסיקל דאָס ווייַסע העמד און מיט א פּאָלע אים אויסגעווישט דאָס פּאָנעם, דערנאָך ארופגעוואָרפן אף זייַנע אקסל דעם בושלאַט.

אָנגעשפּיגן אף די הענט, האָט ער זיך ארופגעקראַבקעט אפן קליאָן, זיך אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע צו א גראָבן אָפּצווייַג זייַנעם און אָפּגעבראָכן דאָס קעגניבערדיקע דאַרע צווייַגל, דערלאַנגענדיק פון דאָרט דאָס היטל. אין אָט דער רעגע האָט ער דערהערט פאָרזיכטיקע טריט, און ניט ווייַט פון דעם קליאָן האָט זיך אָפּגעשטעלט א מענטש. צוערשט האָבן סייַ לאָסיעוו, סייַ דער פרעמדער זיך פארטייַעט, אָבער ניט אף לאַנג. ניט דער און ניט יענער איז ניט געווען באוואָפנט — לאָסיעווס אווטאָמאַט איז געווען אָנגעשפּאַרט אין טשאָרניצערן, וועלכער איז נאָך אלץ געזעסן א פארכושטער אף דער קלאָץ, און דער מענטש לעם דעם קליאָן האָט קלאָל ניט אויסגעזען ווי א סאָלדאַט. אָנגעטאָן אין אן אלטן פארשמאָלצעוועטן וואַטניק, אָן א רימען, אין א ווארעם היטל מיט אופגעהויבענע, נאָר אראָפּהענגענדיקע אויערן און מיט א פארבליבענעם סימען דאָרט, ווו ס׳איז געווען צוגעשפּילעט דאָס שטערנדל אָדער אן אנדער עמבלעמע, האָט ער געקאָנט זייַן א מילכאָמע־אינוואַליד, וועמען מ׳האָט אראָפּגעשריבן פון דער דינסט, אָדער א קאָלווירטניק, פון די אָרטיקע, וואָס איז ניט גאָדיען. ער האָט א הונק געטאָן, ווי זיך ספּאָטיקעט אין עפּעס, גענומען קוקן דערשראָקן אף יודאַלעפן און, פארוקנדיק דעם קין ביז אריבער דער אייבערשטער ליפּ אין וואַטניק, ארויסגעשטאַמלט:

— א פּאָגאָדקעלע...

יודאַלעף און איוואַן, ווי פארקישעפּטע, אָן לאָשן, איינער פון אויבן, צווישן די צווייַגן פונעם קליאָן, און דער צווייטער זיצנדיק אונטן אף דער קלאָץ, ביידע אָפּהענטיקע, ניט זייַענדיק בעקויעך גלייַך צו פארשטיין עפּעס, האָבן זיך אייַנגעקוקט אין דעם פרעמדן, אין די אומנאַטירלעכע ווייַסע וויִעס, וועלכע זייַנען געלעגן ווי מערעזשקעלעך אף זייַן אָפּגעברענט פון דער זומערדיקער זון פּאָנעם, — און זיי האָבן נאָך ניט באוויזן צו באזיניקן דאָס, וואָס זיי האָבן געזען, ווי דער פרעמדער האָט זיך אויסגעדרייט צו זיי מיט דער פּלייצע און איז, ארומגייענדיק מיט אייַליקע טריט דעם קליאָן, פארשוווּנדן אין דער געדיכטעניש פונעם וואַלד.

לאָסיעוו איז אראָפּגעשפּרונגען פונעם קליאָן און זיך שוין געקליבן פרעגן בא טשאָרניצערן, צי ער האָט געזען דעם זעלבן בייזוווּנדער, וואָס ער, נאָר אין אָט דעם אויגנבליק זייַנען ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן ארום זיי עטלעכע סאָלדאַטן — איינער און א צווייטער, און מיט א פּאָר טריט ווייַטער נאָך צוויי, אלע געהיים פארטייַעטע, מיט פּיסטאָלעטן אין די הענט. צולייגנדיק א פינגער צו די ליפּן — א באַפעל, מע זאָל שווייַגן, — האָט איינער פון די סאָלדאַטן אָפּגענומען יודאַלעפס און איוואַנס אווטאָמאַטן און שטיל באַפוילן, זיי זאָלן זיך אוועקלייגן אף דער ערד מיט די פּענעמער אראָפּ. עטוואָס ווייַטער, אף ביידע זייַטן וואַלד־ראַנד, האָבן זיך באוויזן נאָך עטלעכע סאָלדאַטן, און ס׳האָט ניט לאַנג געדויערט, ווי אלע זייַנען מיטאַמאָל פּונקט ווי אויסגערונען געוואָרן, כוץ איינעם, וואָס איז פארבליבן בא דער אָפּגעזעגטער קלאָץ אף צו היטן לאָסיעוון און טשאָרניצערן. דער פארבליבענער האָט געגעבן וועגן זיך צו וויסן: א טאָרקע געטאָן איוואַנען מיטן פּיסטאָלעט צווישן די לאָפּאַטקעס, דערנאָך יודאַלעפן, און ארויסגעשעפּטשעט:

— ני זוווּקאַ, גאָלובטשיקי... סטרעליאַט בודו... (איר זאָלט קיין פּיפּס ניט טאָן, טייַבעלעך... איך וועל שיסן...).

און אין דער מינוט, ווען ער האָט געוואָרנט, אז ער וועט שיסן, האָט זיך אין וואַלד אופגעהויבן א שטאַרקע שיסערייַ. אזוי אומגעריכט און מיט אזא אייַנמוטיקייַט טוט זיך געוויינלעך א הייב אוף א פייגל־טשאַטע. די שיסערייַ האָט גלייַך אופגעהערט, ס׳האָבן זי פארביטן פארדומפּענע שטימען. פונדערווייַטנס האָט זיך געדוכט, אז מע בינדט דאָרט צונויף בערעמעס האָלץ און די, וואָס טוען עס, צעשפּרייטע איבערן וואַלד, רופן זיך איבער, אונטערייַלנדיק איינער דעם אנדערן וואָס גיכער צו פארענדיקן די ארבעט.

ווייַזט אויס, אז דאָס געהיימע טועכץ האָט זיך ניט אף לאַנג פארצויגן, ווייַל טשאָרניצער און לאָסיעוו האָבן אינגיכן דערהערט א סאַך טריט ארום זיך, און עמעצנס א קאָל, וואָס האָט געקלונגען שוין ניט אזוי שטיל, ווי פריִער, האָט באַפוילן:

— בא די דאָזיקע צוויי פרעגט אויס, ווער זיי זייַנען און וואָס זיי טוען דאָ, און אויב זיי רופן ניט ארויס קיין פארדאַכט — פארשרייַבט זייערע קאָאָרדינאַטן און לאָזט זיי אָפּ...

ווען לאָסיעוו און טשאָרניצער זייַנען אופגעשטאַנען פון דער ערד, האָבן זיי דערזען אזא בילד:

זעקס מענטשן, אָנגעטאָן ווי רויטאַרמייער, פארבונדן די הענט אף הינטן און ווי ארופגעצירעוועט ארום די גאַרטלען אף איין שטריק, זייַנען געשטאַנען שטאַרק פארומערטע, צע־

שלאַגנע, מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ, צווישן די אָנגעטאָנענע אין קורצע ווײַסע פּעלצלעך סאָלדאטן. פון דער זײַט, ווו עס זעען זיך אַרויס די הײַזער פון בערדיטשעוו, איז צוגעפאָרן א וויליס און זיך אָפּגעשטעלט לעבן קליאָן. עס איז ארויס פון קאבינע א יונגער אָפיצער מיט פאָגאָנעס פון א פאָלקאָווניק, און איינער אין א ווײַס פעלצל האָט, דורכשמועסנדיק זיך מיט אים וועגן עפּעס, א מאך געטאָן דערנאָך צו די איבעריקע מיט דער האנט. די מאכנע מענטשן האָט מיט א זעלטענער איינמוטיקײַט, פונקט ווי מע וואָלט פון פריִער אָפּגערעדט וועגן דעם, זיך אוועקגעלאָזט פאזע דעם וואלד־ראנד קיין בערדיטשעוו.

— ווו איז פערפילאָוו? פערפילאָוון פארוואס האָט איר ניט געכאפּט? פערפילאָוון! — האָט זיך א ריס געטאָן פון אָרט און זיך צעשריִען איוואן לאָסיעוו. דער סטארשינא טשאָרני־צער האָט אראָפּגעוואָרפן פון די אקסל דעם בושלאט, אויסגעגלעט מיט די פינגער די גימנאַ־סטיאָרקע אונטערן רימען און, ניט לייגנדיק קיין אכט אפן וועכטער, וואָס איז דאָ געבליבן, קעדיי אראָפּשרײַבן די קאָאָרדינאטן פון די צוויי פאַרהאַלטענע בײַס דער אָפּעראַציע, א שפאן געטאָן נעענטער צו דעם וויליס:

— כאוועד פאָלקאָווניק, דערלויבט זיך ווענדן צו אײַך.

דער פאָלקאָווניק האָט צוגעהאלטן דאָס טירל פון דער מאשין, איידער פארמאכן עס אף אוועקצופאָרן.

— ווער זײַנען דאָס? — האָט ער שטרענג געפרעגט באם וועכטער.

— מיר האָבן זיי פארהאלטן דאָ אפן אָרט, — האָט ראפּאָרטירט דער וועכטער.

— כאוועד פאָלקאָווניק, — האָט פאמעלעך ארויסגערעדט טשאָרניצער, — בעשאס מיר זײַנען דאָ מיטן סערזשאנט לאָסיעוו געזעסן, איז פארבײַגעגאנגען און געוואָרן פארשוווּנדן אין וואלד פערפילאָוו... מיר האָבן אים בײַדע גלײַך דערקענט... קאָסטיע פערפילאָוון, דעם קולאקס זונדל...

— פונוואנען קענט איר אים? — האָט א פרעג געטאָן דער פאָלקאָווניק מיט אזא גלײַכ־גילטיקן טאָן, פונקט ווי דער ענטפער אף דער פראגע וואָלט אים ווייניק אָנגעגאנגען.

טשאָרניצער האָט זיך צעשמייכלט, ווי איינער רעדט: וויאזוי גאָר אנדערש? זיי קענען אים, און שוין...

דער יונגער פאָלקאָווניק האָט איבערגעכאזערט:

— איך פרעג אײַך: פונוואנען קענט איר אים?

לאָסיעוו האָט זיך אוועקגעשטעלט לעבן טשאָרניצערן, אויסציִענדיק זיך ווי א סטרונקע, און האָט ראפּאָרטירט:

— כאוועד פאָלקאָווניק, מיר זײַנען אלע דרײַ מיט א סאך יאָרן צוריק געפאָרן אין איין טעפּלושקע צום אמור — בויען קאָמסאָמאָלסק... קאָסטיע פערפילאָוו, דעם קולאקס זונדל, איז אנטלאָפן פון וועג...

דאָס קאָל באם פאָלקאָווניק איז געוואָרן ווייכער:

— און איר ווער זײַנט? — האָט ער א טײַטל געטאָן מיטן פינגער אף טשאָרניצערן.

— סטארשינא טשאָרניצער! לויט אן ארויסרוף פונעם קאָמאנדארם פון דער זעכציקסטער!

— שרײַ ניט אזוי. דער וואלד איז ניט קיין טויבער...

דער פאָלקאָווניק האָט זיך אײַנגעמאָסטעט אף זײַן אָרט אין דער קאבינע און איידער פארהאקן דאָס טירל באפוילן:

— איר, סטארשינא, און איר, סערזשאנט, זעצט זיך ארײַן אהער אין דער מאשין. און איר, כאוועד סאָלדאט, זײַנט פרײַ. דעריאָגט אײַער קאָמאנדע.

פאָרנדיק שוין אין דעם אלטינקן וויליס קיין בערדיטשעוו, האָבן לאָסיעוו און טשאָרני־צער קונדייסיש א קוק געטאָן איינער אפן אנדערן, און לאָסיעוו האָט געשעפּטשעט טשאָר־ניצערן אפן אויער:

— פסיך, אײַ פסיך... פסיך... פסיך...

3

ווײַזט אויס, אזא איז שוין די מענטשישע נאטור, אז ווען לײַבלעך־אייגענע קערן זיך אום, נאָך א שווערן און לאנגן אָפּשייד, צו זייער היים, און עס טרעפט אזוי, אז זיי קומען צו איר אָן פון פארשיידענע זײַטן, אָדער אָפּגעטיילטע צווישן זיך מיט א מעהאלעך, — דאן איז די אופירונג זייערע באם ארופטרעטן אף דער היימישער שוועל דאָך אָן אלציינע, די רעאקציע, אזוי צו זאָגן, אפן צוריק־קער — אָן ענלעכע.

דער מיליטערישער זשורנאַליסט פּאַלעק טשאַרניצער איז מיטגעגאַנגען מיט איינער פון די פֿאָדערשטע טיילן, ווען אָט די טייל האָט, נאָכן אײַנעמען בערדיטשעוו, ניט אָפּשטעלנדיק זיך, גענומען דורכקלאַפּן א וועג צו ליובאַר. ס'איז געגאַן אין לעבן דעם קאַפּיטאַן אָנצושרײַבן פאַר דער צײַטונג א מאַטעריאַל, וויאַזוי זײַן געבורט־שטעטל איז באַפרײַט געוואָרן. פונקט ווי זײַן עלטערער ברודער יודאַלעף, האָט ער וועגן דער מאַמען זייערער געוווּסט בלויז דאָס, וואָס נעכעמיע, דער טאַטע, האָט אָנגעשריבן יעדן זון באַזונדער אין אָנהייב פונעם קריג, ווי נאָר ער האָט אין בירעבידזשאַן באַקומען פון זיי די ערשטע דרײַעקיקע קאָנווערטלעך מיט די נומערן פון די פעלד־פּאָסטן. ביידע ברידער האָבן געוווּסט, אַז די מאַמע, עסטער־ראָכעלע,

איז פאַרבליבן צוזאַמען מיט סאַלקען און מיטן ייִנגערן ברידערל אַנדרייקען אונטער דער אָקופּאַציע, אין ליובאַר, וווּהין זיי זײַנען אַרויסגעפאָרן נאָך אין דער פרידלעכער צײַט, ווײַל די מאַמע האָט געהאָפט זיך טרעפן דאָרט מיט יודאַלעפן. וועגן ווײַטערדיקן גורל פון די אומגליקלעכע האָט בלויז אונטערגעזאָגט א פאַרבאָרגענער איימעדיקער פאָרגעפיל. אָבער בא דעם אַלעם איז פאַרבליבן די האָפענונג, אַז עס וועט געשען א נעס, און ווען פּאַלעק איז מיט דער פֿאָדערשטער טייל אַרויס צום באַרגיקן ברעג פונעם סלוטש און פון דאָרט דערזען די ליובאַרער נײַשטאָט, האָט ער זיך א וואָרף געטאָן אַף א בערגל, לאַנג ניט געקאָנט קומען צו־זיך, שעפּטשענדיק „מאַמע", און, אַזוי ווי יודאַלעף בא דעם ראַנד פונעם אומהיימלעכן וואַלד, פונקט אַזוי האָט ער, פאַרלירנדיק דעם געפיל פון פיזישן ווייטעק, געריבן דאָס פּאָנעם אין דער קאַלטער אומרייִנער ערד און געכליפּעט דערבײַ אָן בושע פאַר די אַרומיקע.

ווען עמעצער זאָל אָבער אין אָט דעם לעצטן דעקאַבער־טאָג זיך געוווּן גוט אײַנקוקן אין די ביידע ברידער, וואָלט ער, אָן ספק, דערזען, פונדעסטוועגן, אויך דעם אונטערשייד אין זייער אויפירונג און אין גאַנצן געמיט זייערן. יודאַלעף האָט, וואָס שײַעך דעם פּערזענלעכן ווײי און ווינד־געפיל, געבראַכט צו טראָגן אַלע זײַנע לאַסטן צו דעם געבורט־שטעטל ליובאַר. אין מעשעך פון די שוין דורכגעמאַכטע ביז איצט קימאַט צוויי מיט א האַלבן יאָר מילכאָמע האָט ער ניט אויפגעהערט צו טרייסטן זיך מיטן געדאַנק, אַז נאָכן באַפרײַען ליובאַר וועלן אין זײַן פּערזענלעכן כעזשבן זיך פאַרפולן די פוסטע ערטער. ער איז געווען פון די זעלטן גליק־לעכע פּראָנטאָוויקעס, וואָס אין די באַדינגונגען, ווען דער מענטש קלײַבט זיך ניט אויס אַליין

קיין וועג, האָט דער גורל זיי ארויסגעפירט, ווי מיט א קישעף, צום אָרט, ווו זיי זײַנען געקו־
מען אף דער וועלט און ווו עס האָט זיך אראָפּגעלאָזט דער פּאָרהאנג איבער זייערע נאָענטע
און אייגענע. איצט וועט דער פּאָרהאנג זיך אופהייבן, און דאָס אומבאוווּסטע וועט ווערן
באוווּסט. דאָס גאנצע וועזן יודאלעפּס איז שוין געווען גרייט צו דער באגעגעניש מיטן הארבן
עמעס, כאָטש אויך אָפּנארן זיך מיט האָפענונג איז ער אפילע איצט געווען גרייט... אזוי
אָדער אנדערש, נאָר זײַן שוועסטן אָל האָט ער דערטראָגן ביז צום שטעטל, ווו ער וועט
זיך קאָנען צוזעצן אף א רעגע און איבערלייגן אָט דעם שווערן אָל — אף אייביק — פונעם
סאָלדאטישן זעקל אין דער סאמע טיף פון דער נעשאָמע.

אן אנדערער איז געווען דער כעזשבן בא פאלעקן. אף יענער זײַט פּראָנט האָט ער
געהאט, אויסער דער מאמען, דער שוועסטער און דעם ברידערל, נאָך איין לײַבלעך־נאָענטן
מענטשן — זײַן פרוי עסטער, און אויב ס'איז עמעס, אז בא יעדן אין הארצן מוז ליגן פאר־
באָרגן דאָס געשטאלט פון זײַן שמערץ, איז בא פאלעקן אזא געשטאלט געווען עסטער.

דאָס אליין, וואָס זיי האָבן זיך צום ערשטן מאָל, מיט עלף יאָר צוריק, צעשיידט אזוי
אומגעריכט אין טיכאָנקע, באנאכט אונטערן רעגן, בא דער שײַן פון א גאז־לאמטערן, וועלכן
עסטערקעס טאטע האָט אין אײַלעניש אוועקגעשטעלט אף דער הילצערנער ברעט פונעם
טראָטואר, בייס זי, עסטערקע, האָט, פארגייענדיק זיך אין א קוויטש, געשריגן: „טאטע, שלעפּ
מיך ניט!..״ — אליין דאָס האָט אין דער צעשיידונג געמאכט שטארקער דעם נאָגנדיקן גע־
פיל. אין מעשעך פון פיר יאָר צײַט נאָך יענער נאכט האָט בא פאלעקן געצאַפּלט דאָס הארץ
מיט א בענקשאפט, וועלכע איז נאָך דאן ניט געווען ביזן סאָף באזיניקט, ווײַל די ייִנגלשע ניט־
דערפארנקײַט האָט אים געשטערט ארויסברענגען דאָס וואָרט ליבע. געהיים, פאר זיך, פלעגט
ער, עמעס, שעפּטשען: „איך האָב זי ליב?״, „איך האָב זי ליב!״ — אָבער ערשט אין פיר יאָר
ארום נאָך זייער צעשיידונג, דאן, ווען ער האָט מיט א דיפּלאָם פון דער בירָאָבידזשאנער שול
זיך אראָפּגעיאוועט אין דער גרויסער אוקראַיִנישער שטאָט, בעקיוון טאקע אין יענער שטאָט,
ווו די שאנאָווסקיס האָבן געלעבט, קעדיי אָנקומען דאָרט אין אינסטיטוט, און עסטער שאנאָוו־
סקע, אויך אן אביטוריִענטקע אין אָט דעם אינסטיטוט, איז, באגעגענענדיק אים, נאָך אנטשיי־
דענער איידער ער, ארויס פון דער געהיימניס, אנטפּלעקנדיק דעם זעלבן אָפּגעהיטענעם גע־
פיל, — ערשט דעמלט איז ער אימשטאנד געווען ארויסצוברענגען פאר די ליפּן:

— איך האָב דיך ליב, עסטער. ניטאָ קיין אויסוועג פון דעם...

פאלעק און עסטער, ביידע אכצניאָריקע, הייסע און פארבלענדטע, האָבן געפילט, אז זיי
זײַנען ווי אן אָנגעצונדן שוועבעלע און א קיילע מיט קאלטן נאפט, וואָס זיי האלטן אין
דערנעענטערן זיך איינס צום אנדערן. באזונדערס האָט זיך געשראָקן פאר דער דערנע־
ענטערונג עסטער. אין דער צײַט, וואָס זיי האָבן זיך ניט געזען, איז זי שטארק
אויסגעוואקסן, ארופגעצויגן אפן לײַב אלע פרויִשע שוואכקײַטן און שטארקײַטן, וועלכע
קומען אמאָל פריִער, אמאָל שפּעטער, און וואָס מער איר גאנץ וועזן האָט געוואָרט אף עפּעס
און געגאַרט, ס'זאָל גיכער געשען, אלץ פעסטער האָט זי בא זיך געפּויעלט, אז ניין, ניט
איצט — שפּעטער...

די סיבע דערפון איז געווען עסטערס טאטע. זינט ער האָט מיט דער טאָכטער זיך אומ־
געקערט פון בירָאָבידזשאן צוריק אין זייער אלטער היים, איז יאנקעוו שאנאָווסקי ווי אײַנ־
גאנצן איבערגעבוירן געוואָרן. אפילע אויסערלעך איז ער געוואָרן אן אנדערער. ער האָט זיך
פארלאָזט א באָרד, און פון דעם האָט די נאָז זיך אָנגעהויבן מערער ארויסזען, די אויגן הינ־
טער די ברילן האָבן געפינקלט מיט א קרענקלעך פלעמל. א קליינוווּקסיקער, האָט ער איצט
זיך צעשפּארט אין דער ברייט און באקומען א בײַכל. ערגערנדיק זיך פון דעם, וואָס אפן
קאָפּ האָבן ניט אופגעהערט אים אויספאלן די האר, האָט ער די פארפליכטעטע ערטער געשמירט
מיט עפּעס אן אייל, און דאָס האָט אים, צו זײַן אלטער געוווינשאפט ווישן אָן אופהער די
ברילן, צוגעגעבן נאָך איינע: אײַנרײַבן מיט צוויי צונויפגעלייגטע פינגער די פעטקײַט אף
די אזוי אויך בלישטשענדיקע ערטער פונעם קאָפּ.

אָבער מער פון אלץ האָט זיך געענדערט די אופירונג שאנאָווסקיס. ער איז געוואָרן
אײַנגעשלאָסן אין זיך, אופגעהערט זיך באוויזן אין פארטיי־קאָמערל, און צו דער צײַט, ווען
פאלעק טשאַרניצער איז געקומען אין שטאָט, האָט ער שוין א יאָר צי מער זיך גערעכנט
צווישן די, וואָס זײַנען מעכאניש ארויס פון דער פארטיי.

בלויז פון דער טאָכטער האָט שאנאָווסקי זיך דערווײַל ניט דערווײַטערט. פונקט ווי אמאָל,
פלעגט ער איר נאָכגיין פוסטריט, און זי, דעם עמעס גערעדט, זעענדיק, ווי ער פירט זיך
ארום אין זייער הויף מיט די אמאָליקע קלייקוידעש און קרעמער, און ווי ער שרײַבט די
גאנצע צײַט עפּעס, פארשליסנדיק פון אַיר דעם קסאָוויאד, — זי האָט געטראכט, אז ער איז,

פאר קיינעם געדאכט, עטוואָס געריירט פון זינען, און דאָס, ווי אויך דער דאלעס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ארויסזען אין שטוב, האָט זי, די שטארק אויסגעוואקסענע און ערנסט־געוואָרענע, ארופגעפירט אפן געדאנק, אז איצט טויג איר ניט פארפירן אן אייגן געזינד און דעריבער איז פאר איר, מאמעש געפערלעך זיך אריינצוציִען אין איר ליבע צו פאלעקן. פריִער דארף זי אָנקומען אין אינסטיטוט און אים פארענדיקן, און דערנאָך וועט מען זען.

ווידער זײַנען פיר יאָר, נאָך די איבערגעלעבטע אין צעשיידונג, דורכגעגאנגען אין שווערע ווייען. „איך האָב דיך ליב, עסטער... ניטאָ קיין אויסוועג פון דעם...״ — האָט ניט אופגעהערט צו טײַנען פאַלעק. עסטער האָט זיך אויך געשווירן אין ליבע, אָבער קיינמאָל פלעגט זי אים ניט ארײַנלאָזן צו זיך אין שטוב און ניט דערלויבן אים מער פון א קוש טאָן זי באם געזעגענען זיך.

ביז איינמאָל איז עס געשען... איצט, אין לעצטן דעקאבער־טאָג פונעם דרײַ־און־פערציקסטן, ליגנדיק אף א בערגל לעבן זײַן געבורט־שטעטל ליובאר, אפן בארגיקן ברעג, בא דער באקאנטער פון דער קינדהײַט ווינטמיל, פונוואנען מע זעט די נײַשטאָט, האָט פאלעק טשארניצער, דער קאפיטאן טשארניצער, זיך פארגראָבן מיטן פּאָנעם אין דער קאלטער אומרײַנער ערד און זיך צעכליפּעט אָן בושע פאר די ארומיקע — ניט נאָר ווײַל די נעשאָמע האָט פון אים ארויסגעשעפּטשעט „מאמע״, נאָר אויך ווײַל אכוץ דער מאמען, דער שוועסטער און דעם ברידערל, האָט דאָ באם געבורט־שטעטל, פון יענער זײַט פראָנט־ליניע, געקוקט צו אים מיט פארווײַנטע אויגן די איינציקע יענע, די געליבטע, וואָס איז צוערשט פיר יאָר געווען אָפּגעשיידט פון אים און שפּעטער האָט זי פיר יאָר זיך געווערט, קעגנשטעלנדיק זיך זײַן ווילן, ביז איינמאָל איז עס געשען...

כאָטש דאָס איז ניט אזוי וויכטיק, דאָך געדענקט פאלעק פּינקטלעך דעם טאָג — דעם איין־און־צוואנציקסטן סענטיאבער פונעם טויזנט נײַן הונדערט פערציקסטן יאָר. ער געדענקט, וואָס און ווען עס איז געשען — שאָ נאָך שאָ, מינוט נאָך מינוט. ס׳איז געשטאנען א טרוקענער, זוניקער אָסיען, וואָס אף רוסיש רופט מען אים באביע ליעטאָ — ווײַבערשער זומער — פאר דער געפרוכפּערטער רײַפקייט, פאר דער זעט און זאפטיקייט, פאר די צוגעדעמפּטע, ווי שווייסיק פרויען־לײַב, רייכעס און רייצנדיקע, צוגעלאָשענע קאָלירן אין דער נאטור. איבערקלײַבנדיק אין זיקאָרן יעדע מינוט און יעדע שאָ פון אָט דעם שפּעט־אָסיענדיקן זוניקן טאָג, דערזעט פאלעק זיך אליין, ווי ער שטייט אין הויף פונעם פינפשטאָקיקן מויער, אין וועלכן עסטער וווינט, שטייט און לאָזט ניט ארויס פון אויג איר פענצטער, דעם דריטן פון לינקס אפן פערטן שטאָק. ער וואַרט אף עסטערקען, זיי האָבן אָפּגערעדט, אז ער וועט ווארטן, און אָט קומט זי טאַקע אָן, עסטערקע... זי איז אָנגעטאָן אין א ווײַס קליידל, אין טונקעלע זאָקן און אין א טונקל קאָפּטעלע. דאָס ווײַסע קליידל מאכט זי נאָך פולער, ווי זי איז. ווען זי גייט צו נעענטער, דערזעט פאלעק, אז זי איז שטארק צערודערט.

— עפּעס איז געשען, עסטער?

— דער טאטע מײַנער...

— ער איז ניט געזונט?

— ניין, געזונט. קום לאָמיר ארויסגיין פונעם הויף, ער קוקט אין פענצטער...

דאָס הויז, ווו ס׳האָבן געלעבט די שאנאָווסקיס, איז געשטאנען אין סאמע עק שטאָט, דאָרט, ווו א שטיק שאָסיי־וועג איז ארומגעבויט מיט מויערן און ער איז שוין אויך א גאס. אף לינקס פונעם וועג, הינטער די הײַזער, האָט זיך געשפּרייט א שיטער וועלדל מיט קוסטעס און פניאָקעס און עטוואָס ווײַטער — א ניט גרויסע סאזשלקע אפן ראנד פון א לאָנקע, ווו ס׳האָבן זיך ארויסגעזען עטלעכע סטערטעלעך היי. אהין זײַנען אוועקגעגאנגען, שמועסנדיק, עסטער און פאלעק.

עסטער האָט געוויינט, נאָר זי האָט ניט אופגעהערט אויך צו ריידן. און דאָס האָט זי אין פאלעקס אויגן געמאכט שענער און צוציִענדיקער, ווײַל ס׳האָט אים דערמאָנט אין דער קינדהײַט, ווען זי, עסטערקע, פלעגט זיך ניט קאָנען קיין אייצע געבן מיטן וויינען און מיטן לאכן און זי פלעגט זיך אף לאנג פארגיין — דאָס אין א געלעכטער, דאָס אין א געוויין — און איבערמישן איינס מיטן אנדערן. איצט איז זי נאָך אלץ געווען א נערוועזע נאטור, מיט פלוצעמדיקע איבערגאנגען פון איין געמיט־צושטאנד אין א צווייטן. פאלעק האָט געוווּסט, אז דאָס איינציקע, אין וואָס זי נייטיקט זיך אין אזא צושטאנד, איז — מע זאָל זי אויסהערן. האָט ער זי אָנגענומען פאר א האנט און, ניט מאכנדיק קיין פּרווו זי צו בארויִקן און אײַנשטילן, זיך אוועקגעזעצט מיט איר בא א סטערטעלע היי און אויסגעהערט איר ביטערע דערציילונג.

— מײַן טאַטע איז קראַנק, נעבעך. קראַנק... איך ווייס ניט, וויאַזוי עס דיר אויסמאָלן, פאַלעק, נאָר דו קאָנסט דאָך אים א ביסל... פריִער פלעג איך כאָטש וויסן, מיט וואָס ער פאַרנעמט זיך...

פאַלעק האָט געהערט און געשוויגן. די טרערן אָף עסטערס באַקן און אָפן האַלדז, די פײַכטקײַט אין אירע אויגן, די פעדעמלעך שפּײַעכץ, וואָס האָבן זיך געצויגן פון די אייבערשטע ציין צו די אונטערשטע, ווען זי האָט גערעדט, — דאָס אַלץ האָט איר צוגעגעבן רויקײַט און קרענקלעכקײַט, און אין פאַלעקס גאַנצן וועזן האָט גענומען הודען א באַדערפעניש, וועלכע האָט אין אָנהייב ניט געשראָקן ניט אים, ניט אַפילע זי — ער האָט מיט די דלאָניעס גענומען איר אויסווישן די טרערן, אָבער דאָס, וואָס זי, עסטערקע, האָט אָנגעהויבן עטעמען אָפּטער און זיך געסטאַרעט אָפּקערן איר מויל פון זײַן אָטעם, בייס ער האָט געווישט מיט די דלאָניעס די טרערן, וועלכע זײַנען שוין געוואָרן נידעריקער פונעם האַלדז, אונטערן קאַפּטל צו די בריסט, — דאָס האָט בא זיי ביידן אָפּגענומען די רו און דעם פאַרשטאַנד, און ווײַל — פריִער עסטער, דערנאָך פאַלעק — האָבן געמוזט זיך ערגעץ אַהינטאָן, איז געבליבן נאָר זיך אײַנגראָבן אין סטערטעלע, און דערצו נאָך האָט דאָס היי פון אויבן א פאַל געטאָן איבער זייערע קעפּ און אײַנגעדעקט זיי... אַזוי זײַנען זיי געבליבן ליגן הייס און האַרט צוגעדריקט לײַב צו לײַב אָפן ווייכן, טונקל־געוואָרענעם געלעגער.

אָף מאָרגן זײַנען זיי אַוועק אין זאַגס, און מע איז געוואָרן מאַן און ווײַב. עסטער איז געבליבן וווינען מיטן טאַטן, פאַלעק — אין צוזאַמענוווינונג. איינמאָל, ווען זיי זײַנען געקומען צו די שאַנאָווסקיס אַהיים זיך דורכצורײדן מיטן טאַטן, האָבן זיי דאָרט געטראָפן עטלעכע פרעמדע ייִדן, פּליטים פון גאַליציע. יאַנקעוו שאַנאָווסקי האָט זיך גלײַך א נעם געטאָן מעשאַלייעך זײַן עסטערקען מיט פאַלעקן, נאָר איינער פון די אָרכים, דערוויסנדיק זיך, אַז דאָס זײַנען די טאָכטער מיטן איידעם פונעם באַלעבאָס, האָט זיך אַרײַנגעמישט אין די רייד, און ווי נאָר ער האָט אַרויסגעבראַכט די ערשטע ווערטער, האָט פאַלעק זיך געכאַפּט, אַז פונקט אַזאַ לאָשן האָט ער שוין געהערט, אַמאָל אין דער קינדהײַט, באַם שעפּעליאַוון דראַנג כילוש מאַזאָר, דעם אָנגעשטעלטן אין בירָאָבידזשאַנער מוזיי, וועלכער פלעגט זיך אַרומדרייען פּוסט־און־פּאַס און פאַרדרייען דעם קאָפּ סאַלקען. דער פרעמדער ייִד האָט געטראָגן אָנשטאָט א פּידזשאַק א מאַרינאַרקע, און אין איבעריקן איז ער געווען אָנגעטאָן אַזוי, ווי מאַזאָר אין בירָאָבידזשאַן — אין גרויע הויזן גאָלף, וואָס האָבן זיך נידעריקער פון די קני פאַרשפּיליעט אָף ספּראָנטשיקלעך, די געטרעס — גרויע וואָלענע זאָקן — זײַנען געווען אַרײַנגעטאָן אין שווערע טעמפּ־נעזיקע שיך. ס׳האָט ניט אַרויסגערופן קיין כידעש, וואָס דער אויסזען פונעם פּאָליט איז געווען ווי אַריבערגעטראָגן פון עפּעס אַן אַנדער שייוועט — דאָס, וואָס פלעגט אין בירָאָבידזשאַן מאַמעש רײַסן די אויגן, ווען עס האָט זיך דאָרט באַוויזן כילוש מאַזאָר, — ווײַל פּליטים זײַנען, לאַכלוטן אַנדערע מענטשן, געקומענע פון אַן אַנדער לאַנד, און זיי האָבן טאַקע אויסגעזען אַנדערש. פאַלעקן איז געווען בלויז טשיקאַווע, וואָס אָף דער וועלט זײַנען פאַראַן מענטשן, קאָן זײַן א גאַנצע איידע, מיט פונקט אַזאַ לאָשן, ווי באַם דראַנג כילוש מאַזאָר. עמעס, דער גאַליציִאַנער פּאָליט האָט אַרויסגעבראַכט די ווערטער ניט אַזוי ווי דער דראַנג — ניט געהאַלטן אין איין בלאָזן פון זיך וואָרן און פּייען און קאַשערן מיטן צונג ריישן, — אָבער דאָס לאָשן איז פונדעסטוועגן געווען דאָס זעלבע.

דעם פּאָליט האָט באַזונדערס געאַרט, וואָס פאַלעק לעבט אין דער אוקראַיִנישער שטאָט, ניט אין בירָאָבידזשאַן, און דאָס האָט פאַלעקן דערמאָנט אין איינעם א פרילינגדיקן פאַרנאַכט, מיט פיל יאָרן צוריק, ווען כילוש מאַזאָר האָט געשמועסט בא דער בירע מיט סאַלקען וועגן יודאַלעפּן. פאַלעק האָט זיך דערזען, ווי ער שטייט בא דער קלאַדקע, וואָס פירט צום ברעג־אינדזל אָף דער בירע, ער שטייט פאַרטײַעט אונטער דער קרוין פון אַן אומגעוואַלגערטן בוים און הערט אונטער, ווי זײַן עלטערע שוועסטער קריגט זיך מיט כילוש מאַזאָרן: „איר זײַנט אַליין א דומפּער קאָפּ, כאָווער מאַזאָר... דאָס, וואָס מײַן ברודער וויל ניט קומען קיין בירָאָבידזשאַן און ער פאָרט מיטן עשעלאָן אַהין, וווּהין ער וויל פאָרן, הייסט נאָך ניט, אַז איר מעגט אַזוי רעדן וועגן אים!”

— האַ! — גיט זיך פאַלעק א כאַפּ, אַז מע דאַרף עפּעס ענטפערן דעם גאַליציִאַנער פּאָליט. — איר פרעגט, פאַרוואָס איך לעב איצט דאָ, און ניט אין בירָאָבידזשאַן... וועל איך אײַך ענטפערן אָן דריידלעך... איך לעב אין א גרויס לאַנד און בין ניט צוגעשמידט צו איין אָרט. מײַן וווין־אָרט איז בירָאָבידזשאַן. און אויב איך שטודיר וויסנשאַפטן אין אַן אַנדער שטאָט, ווײַל אין בירָאָבידזשאַן איז נאָך ניטאָ קיין אינסטיטוט, — פאַרוואָס דאַרף איך אָפּגעבן פאַר

דעם א כעזשבון? אויסער אלע זאכן, לעבט אין אַט דער שטאָט מײַן פרוי. גלייבט מיר — דאָס איז פאר מיר זייער וויכטיק...

שמועסנדיק מיטן פּאַליט אין קאָרידאָרל, האָט פּאַלעק געזען, ווי אין צימער האָבן די איבעריקע פּליטים ארומגערינגלט יאַנקעוו שאַנאַווסקין. ער איז געזעסן אף דער ווייכער קאַנאַפּע, צוגעדריקט די פּלייצע צו די קישעלעך, קוים דערגרייכנדיק דעם דיל מיט די נעז פון די שיך, און זיי — אף בענקלעך אין א האלבן קרײַז, געוועודט מיט די פּנעמער צו אים. זיי האָבן געוואַרט, אז פּאַלעקס און עסטערס מיטשפּרעכער זאָלן זיך אומקערן צו זיי, און דערווײַל האָט איינער אין א יאַרמלקע — די הויט פונעם פּאָנעם א טרוקענע און צעקאַרבטע, ווי ערד, אף די ליפּן סימאָנים פון פאַרטריקנט בלוט — געזונגען, האלטנדיק אַרײַנגענומען אין דער דלאָניע דעם רעכטן אויער, פּונקט ווי זײַן זינגען וואָלט געווען מעגלעך בלויז מיט א טנאַי, אז ער אליין זאָל עס פריִער אויסהערן. א קאָל האָט ער געהאַט אן אַנגעבעמס, און די ליד האָט זיך באקומען א נאַגנדיק-טרויעריקע:

יעצט זעיט מען די פייגעלעך ערימפּלינן,
געפינען קענען זיי זיך קאן אָרט,
און ווי זיי וועלן זיך ע ביסעלע אויז-ריען,
פאַרטרײַבן זיי די רויב-פייגל פאָרט...

די פּליטים האָבן אונטערגעכאַפּט:

אלע פייגעלעך פערטריבן,
נאָר דער בוים איז פערבליבן...

עסטערקע האָט גענומען ציטערן מיט אלע איבורים, און פּאַלעק האָט שוין געוווּסט, אז זי וועט זיך אָט-אָט פאַרגיין אין א געוויין, האָט ער זי אָנגענומען פאַר די אַקסל און מיט קויעך זי צוגעפירט צו דער טיר. דער טאַטע, זעענדיק פונדערווײַטנס, אז זיי גייען אַוועק, האָט געמאַכט אן אָנשטעל, אז ער איז פאַרנומען מיט עפּעס אנדערס, און בלויז דער גאַליציאַנער פּאַליט האָט זיי אַרויסבאַגלייט. אף די טרעפּ האָט ער געזאָגט פּאַלעקן:

— עס איז א מערקווירדיקע טהאטזאכע... איר וועט זאַגאַר הערן מאנכע יידן זיך בעקלאָגן, אז עס פעלט אין סאָוויעט-ריסלאַנד אן אייגענע אויטאָנאָמיע. און יעצט זעען מיר, ווי א יונגער יוד וויל ניט גיין נאָך ביראָבידזשאַן...

ווען דער פּאַליט האָט זיך אומגעקערט צוריק אין שטוב, האָט עסטער ניט-מיידלש זיך א זידל געטאָן:

— אין דער מאַמען אַרײַן! וויפל איך האָב געטראָפן מענטשן פון דאָרטן, איז בײַ זיי ביראָבידזשאַן דאָס זעלבע, וואָס בײַ א כוילע די טעמפּעראַטור. טאָמיד העכער פון נאָרמאַל, טאָמיד קרענקלעך!.. אליין וועלן זיי אָבער קיין ביראָבידזשאַן ניט פאָרן...

— ביסט ניט גערעכט, עסטער, — האָט זיך אָנגערופן פּאַלעק. — פאַרגעס ניט, אז פון דאָרטן, ווי דו דריקסט זיך אויס, זײַנען מיט א יאָר צען-צוועלף צוריק געקומען קיין ביראָבידזשאַן הונדערטער איבערוואַנדערער. די קאָמונע „איקאָר", לעמאָשל, איז געשאַפן פון אויסלענדער...

— אָבער נעם אזא, ווי כילוש מאַזאָר... איז ער דאָך פון ביראָבידזשאַן אנטלאָפן.

— מאַזאָר איז געווען ניט פון דאָרטן. ער האָט נאָר געהאַט אן אויסזען, ווי זיי...

— און די זעלבע נעשאָמע...

— עסטער, דאָס זײַנען פּליטים... עס לויפן איצט צו אונדז פונעם פאַשיזם ניט נאָר רעוואָליוציאָנערן... אגעוו, די עטלעכע פּליטים בײַ אײַך אין שטוב זײַנען טאַקע בעעמעס מאָדנע פאַרשוינען...

און דאָ האָט פּאַלעק זיך דערוווּסט די סיבע, פאַרוואָס אין יענעם שפּעט-אָסיענדיקן טאָג, ווען ער האָט אָפּגעוואַרט עסטערקען און זי איז אַרויס צו אים א פאַרזאָרגטע, — פאַרוואָס זי האָט אף זײַן פראַגע, צי ס'איז, כאָלילע, עפּעס געשען מיט איר שלעכטס, געענטפערט צעשטרייט: „דער טאַטע מײַנער"... און גלײַך זיך א כאַפּ געטאָן: „קום, לאָמיר אַרויסגיין פונעם הויף, ער קוקט אין פענצטער"...

די סיבע דערפון זײַנען טאַקע אָט די גאַליציאַנער פּליטים, וועלכע זײַנען בײַ זיך אין דער היים געווען הייסע טעריטאָריאַליסטן, און, אנטלויפנדיק פונעם דײַטש, ווען היטלער האָט אַרײַנגעמאַרשירט אין זייער לאַנד, האָבן זיי ניט פאַרגעסן צו פאַרכאַפּן מיט זיך אייניקע אַדרעסן פון אַמאָליקע פּאַרטיי-גענאָסן אינעם לאַנד, וואָס וועט די פּליטים אופנעמען. דער ייִד אין דער מאַרינאַרקע איז, ווי־זיט אויס, געווען בײַ זיי ניט קיין קליינער מאַנהיג, און,

טרעפנדיק יאנקעוו שאנאָווסקין קימאט אזא, ווי מיט פיל יאָרן צוריק, ווען זיי זײַנען, נאָך יונגע, געווען צווישן זיך באקאנט און זיך אָפּט באגעגנט, — האָט ער זיך געסטאַרעט די נײַע באגעגעניש פאַרצושטעלן אזוי, פונקט ווי ער, א שאַליעך־ציבער, וואָלט זיך באנוצט מיט א צופעליקער געלעגנהײַט, מיט דער מילכאָמע, אף צו אָנקומען אהער, ביכדיי אופשטעלן די פארלאָרענע קאָנטאקטן. אין דעם טאָג, ווען פאלעק האָט אָפּגעוואַרט עסטערן אין הויף אונטער איר פענצטער, איז דער גאליציאַנער געקומען צו שאנאָווסקין אייגער אליין, און ווען זיי האָבן געשמועסט אונטער פיר אויגן, האָט עסטער, זיצנדיק אין קיך א פארגעסענע פונעם טאטן, דאָס ערשטע מאָל געהערט, וועגן וואָס ער רעדט מיטן גאסט. זי האָט נײַגעריק נאָכגעשפּירט, ווי דער גאסט מישט איבער גאליציאַנער יידיש מיט ווארשעווער:

— יעך זאָג ענק, רעב יאנקעוו... זײַט וויליק צו פערשטייהן, דאָס ביראָבידזשאן איז עך א טעריטאָריע...

שאנאָווסקי האָט דערווידערט, ארויסזאָגנדיק, ווי זײַן טעווע איז געווען, צוערשט דאָס סאמע איבעראשנדיקע און דערנאָך פאָרזעצנדיק מיט א טרעפלעכן אפאָריזם, וואָס עס האָט באטײַט, אז ער, שאנאָווסקי, האָט אלץ פאָרויסגעזען און ער איז א מייוון אף דעם, וואָס קומט פאָר:

— ביראָבידזשאן איז טויט. איך האָב עס אליין געזען. און געדענקט מײַנע ווערטער: אויב זיך יאָגן נאָך קיבוש האָאָרעץ, דארף מען זײַן א טעריטאָריאַליסט אין אן אנדער לאנד, ניט אין רוסלאנד, און אויב מע וויל עפּעס אופטאָן אין רוסלאנד, דארף מען זוכן קיבוש אווידע...

און געענדיקט מיט א וויץ:

— ביראָבידזשאן איז א פּאָדעשווע אָן דעם שוך...

דער פּאָליט האָט געפּרווּוט אָפּשלאָגן שאנאָווסקיס וויץ מיט א גלײַכווערטל:

— א פּאָדעשווע, אין האָניג געפּרעגעלט, איז אויך זיס...

ווען דער פּאָליט איז אוועקגעגאנגען, האָט עסטער זיך באוויזן אין צימער מיט א גרייטער פראגע:

— טאטע, וואָס באטײַטן די צוויי לאָשנקוידעשדיקע ווערטער, וועלכע דו האָסט באנוצט אינעם שמועס מיטן פוילישן כאווער?

שאנאָווסקי האָט, ווישנדיק די ברילן, זי אָנגעקוקט מיט שמעלער־געוואָרענע אויגן:

— וואָסערע ווערטער... לאָשנקוידעשדיקע?

— נו, מיט קידוש הייבן זיי זיך אָן...

— ניט מיט קידוש, נאָר מיט קיבוש. קיבוש האָאָרעץ — דעראָבערן ערד, טעריטאָריע, הייסט עס... פאר יידן, נאטירלעך. אָבער פאראן אויך אן אנדער גאנג. ווען ערד דעראָבערן לאָזט מען ניט, איז דער אויסוועג קיבוש האווידע — דעראָבערן פּאָזיציעס אין דער אַרבעט, דעראָבערן דאָס אָרט אף דער ערד. און דערנאָך שוין די ערד גופע...

מיטאמאָל איז מיט עסטערקען געשען אזוינס, וואָס איר טאטע האָט ניט געוואַרט אף דעם. ווײַזט אויס, זי האָט אין אָט דער רעגע באזיניקט דאָס אלץ, וואָס האָט בעהאדראָגעדיק זיך אָנגעזאמלט אין איר מויעך און זיך צונויפגעוויקלט אין איין שווערן קנויל. זי האָט אויסגעשריגן ניט מיט איר קאָל:

— ערד! טעריטאָריע! עפּשער נאָך — לעבנס־רוים? מיר האָבן ווייניק טעריטאָריע! עמעצער דארף אָבער, זי זאָל זײַן דורכגעווייקט מיט א יידישער טרער!

פאלעק איז געשטאנען אונטן, אין הויף, און ניט געהערט די אומדערטרעגלעכע ווערטער, וואָס שאנאָווסקי האָט אין צערייצטקײַט געוואָרפן דער טאָכטער אין פּאָנעם ארײַן. ווען עסטער איז ארויס פון שטוב, האָט ער, עמעס, באמערקט, אז זי איז שטארק צערודערט, נאָר זי האָט אים אוועקגעפירט פון הויז, און ערשט שפּעטער האָט ער זיך דערוווּסט וועגן דער שליכעס פון די גאליציאַנער פּליטים — דאָן, ווען די קריגערײַ צווישן עסטערן מיט איר טאטן האָט זיך שוין אײַנגעשטילט, די יונגע פּאָר איז געקומען צו די שאנאָווסקיס אהיים זיך דורכצוריידן מיטן טאטן און געטראָפן דאָרט די פּליטים.

אין א צײַט ארום, ווען עסטער איז געווען שוין אין די הויכע כאדאָשים, און מיט דײַגעס איז פול געווען די שטוב, זײַנען איינמאָל יאנקעוו שאנאָווסקי און פאלעק ארויסגעגאנגען צוזאמען אף דער גאס אין א שליכעס פון דער קימפּעטאָרן, און אפן ראָג האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אף א מענטשן, זייער אן אויסגעצערטן, וואָס, ניט געקוקט אף זײַן געענדערטן אויסזען און אף די וואַרעמע — אין יון כוידעש, — שטארק אָפּגעטראָגענע מאלבושים, האָבן ביידע — שאנאָווסקי און פאלעק — גלײַך דערקענט אין אים דעם אמאָליקן פאראנטוואָרטלעכן טוער פונעם ביראָבידזשאנער ראַיִוספּירקאָם ווענגראָווער. דערזעענדיק, אז ווענגראָווער האָט

זיך אָפּגעשטעלט און ער באַקוקט זיי, איז שאַנאָווסקי בלייך געוואָרן, און, איידער נאָך יענער האָט אַרויסגערעדט אַ וואָרט, זיך צעשריִען אויף דער גאַנצער גאַס:

— טשטאָ וואַם נאַדאָ! פּאַשאָל פּראָטש! (וואָס ווילט איר! אַוועק פונדאַנען!).

וועגנראָווער האָט, ווײַזט אויס, אפילו ניט געטראַכט מיט עפּעס אָנרירן שאַנאָווסקין, ווײַל אפילו איצט האָט ער זיך ניט פאַרטשעפּעט מיט אים און בלויז, גייענדיק שוין ווײַטער זײַן וועג, אַ זאָג געטאָן טרוקן, קימאַט רויִק:

— פּאָדליעץ. ס׳וועט קומען די צײַט, וועסטו באַצאָלן...

שווער צו זאָגן, פאַרוואָס, נאָר גראָד אָט די ווערטער וועגנראָווערס האָבן זיך אַלעמאָל געבאַמבלט בײַ פּאַלעק טשאַרניצערן אין קאָפּ, ווען דינענדיק שוין מיטן פּאָדפּאָלקאָווניק אין אײַן אַרמיי, פלעגט ער בײַ פאַרשיידענע געלעגנהײַטן זיך טרעפן מיט אים. וועגן דעם שײַכעס, וואָס וועגנראָווער האָט צו זײַן מישפּאָכע, צו די טשאַרניצערס, האָט פּאַלעק געוווּסט נאָך פון קינדווײַז, אָבער ניט אין יענע יאָרן, אין ביראָבידזשאַן, ווען ער, פּאַלעק, איז געווען נאָך אַ קליין ייִנגל, און ניט איצט, אויף דער מילכאָמע, האָבן זיי קיין איין מאָל וועגן דעם זיך ניט דורכגעוואָרפן מיט קיין וואָרט. אפילו ווען זיי פלעגן רעדן באַזונדער וועגן יודאַלעפן, איז ער פאַר זיי געווען פונקט ווי ביידנס אַ באַקאַנטער.

ליגנדיק איצט אויפן באַרגיקן בריעג פונעם סלוטש, ניט ווײַט פון נײַ־ליובאַר, האָט פּאַלעק טשאַרניצער פאַנאַנדערגעוויקלט פאַר זיך דאָס בילד פון אָט די אַלע געשעענישן פון דער ערשט־מילכאָמע־צײַט, ווי מע שפּרייט אויס פאַר די אויגן אַ לענטע מיט פאָטאָגראַפישע אָפּבילדונגען, אויף וועלכער איינע און די זעלבע מענטשן זײַנען באַוויזן אויף עטלעכע קאַדרען. דער לעצטער קאַדער — עסטער מיטן קינד — מיט זײַן קינד! — האָט געפעלט, ווײַל געבוירן האָט עסטער דאָס קינד אין דער נאַכט אויפן צוויי־און־צוואַנציקסטן יוני, און אין געציילטע שעהן אַרום האָבן די עראָפּלאַנען שוין געוואָרפן באָמבעס אויף דער שטאָט; פּאַלעק איז געקומען צו לויפן צום פענצטער פון דער פּאַלאַטע, וווּ עסטער איז געלעגן, אָבער מע האָט אים ניט אַרײַנגעלאָזט, און אַוועקגייענדיק דערווײַל אין מיליטער־קאָמיסאַריאַט, קעדיי דאָרט זיך צו מעלדן, האָט ער דורכגעלאָזט די איינציקע פּאָר מינוט, ווען צווישן צוויי באָמבאַרדי־רונגען האָט מען אַרויסגעטראָגן די געווינערנס מיט די קינדער און דערווײַל זיי עוואַקויִרט אין אַ נאָענט דאָרף. אַזוי האָט מען אים געזאָגט, נאָר ווען ער האָט שוין אין מיליטער־קאָמיסאַריאַט באַקומען דעם נומער פון דער טייל, וווּהין ער דאַרף זיך יאָווען, און ער האָט פאַרקערעוועט אין יענעם דאָרף, זיך צו זען מיט זײַן פרוי און מיטן קינד, האָט ער זיך דערוווּסט, אַז אויך דאָס דאָרף האָבן שוין באָמבאַרדירט די דײַטשן און אַז די געווינערנס מיט די אייפּעלעך האָט מען אַוועקגעפירט — ניט באַוווּסט אין וועלכער ריכטונג.

אָט פאַרוואָס, ווען דער קאַפּיטאַן פּאַלעק טשאַרניצער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אַ בערגל, שוין ניט ווײַט פון דער ליובאַרער נײַשטאָט, און, פאַרלירנדיק דעם געפיל פון פּי־זישן ווייטעק, געריבן דאָס פּאָנעם אין דער קאַלטער אומרײַנער ערד און געכליפּעט, איז זײַן כעזשבן מיט דער מילכאָמע געווען אַן אַנדערער, איידער בײַ זײַן ברודער יודאַלעף. אויף יענער זײַט פראָנט־ליניע האָט ער געהאַט אויך זײַן פרוי עסטער און עפּשער דאָס קינד — דאָס געקומענע אויף דער וועלט מיטן ערשטן אויסברוך פון דער מילכאָמע, ווי אַ ריין־ווײַס מאַלעכל, וואָס האָט זיך באַוויזן רײַטנדיק אויף אַ שוואַרצער כמאַרע.

ווען פּאַלעקן האָט אַ צופאַל צונויפגעפירט אין פּושטשאַ וואָדיצאַ, הינטער קיִעוו, מיטן לייטענאַנט יויסעף בומאַגין, דעם געוועזענעם אַרבעטער אויפן ביראָבידזשאַנער וועגענער־זאַוואָד, און ער האָט אים פאַרטרויִלעך דערציילט, ווי־אַזוי ער שטעלט זיך פאָר סימבאָליש דעם געבורט פון זײַן קינד (ער האָט ניט געוווּסט, צי ס׳איז אַ ייִנגעלע, צי אַ מיידעלע), האָט בומאַגין אים אָפּגערעדט צו נוצן זיך מיט אַזאַ פאַרגלײַך:

— וואָס דאַרפסטו, קאַפּיטאַן, כמאַרעס? בײַ אונדז אין האָראָדאָק זײַנען געווען מאָלער, וואָס האָבן געמאָלט מאַלאָכים, ווי זיי פאָרן אַרום אויף קאָלעסניצעס...

— בײַ אײַך אין האָ־ראָ־דאָק... — האָט געלאַכט פּאַלעק. — די הימלשע קאַוואַלעריע האָט מען נאָך געמאָלט בײַ די פּאַרעס אין מיצראַיִם... אָבער צוליב וואָס זאָגסטו עס מיר, דיאַדיע יויסעף?

כאָטש יויסעף בומאַגין איז געווען עלטער פון פּאַלעקן אינגאַנצן אויף עטלעכע יאָר, האָט אים יענער פון שטענדיק אָן גערופן דיאַדיע, — אפילו איצט, ווען אינעם מיליטערישן ראַנג האָבן זיי ווי געביטן זיך מיט דער בכוירע.

— באַלד וועלן מיר קומען אויף דער דאַטשע, וועסטו זען, צוליב וואָס איך זאָג עס דיר... — האָט בומאַגין שמייכלענדיק אָפּגעמאָסטן פּאַלעקן מיט זײַנע גרויליכע אויגן.

דער פראָנט האָט זיך שוין אין יענע טעג ערטערווײַז צוגערוקט צו די פאַרשטעט פון קיִעוו, און דעם באַטאַליאָן, ווו דער לייטענאַנט בומאַגין איז געווען קאָמאַנדיר פון א ווזוואָד, האָט די קאָמאַנדשאַפט איבערגעלאָזט אף א פּאָר מעסלעס הינטער פּושטשא וואָדיצא, זיי זאָלן, ניט לייגנדיק קיין אכט אף דעם, וואָס אן אַפּטרעטנדיקע דײַטשישע טייל האָט זיך צוריק אַרײַנגעריסן אינעם ייִשעוו, אונטערצײַען די אינטענדאַנטישע דינסט צו דער פאָדער־שטעער ליניע. ס'איז געווען א קוואַל־קילבלעכער, שטילער פאַרטאָג, ערעוו די ערשטע פרעסט־לעך. די ערד אין אָט די ערטער איז ענלעך געווען אף א גרויסער הוידלקע, ווי זי וואָלט נאָך די זומער־ און אָסיען־כאַדאָשים, א צעראַיִעטע און צעגראָבענע, ניט באַוויזן זיך אײַנ־טאַפּטשען. בומאַגין און פאַלעק זײַנען מיט א שמאָלן שטעג אַרויס פון די פּושטשעוואָדיצער דאַטשעס אין פעלד. דער ערשטער איז געגאַנגען בומאַגין. אין מיליטערישן אָנטאָן האָט ער אויסגעזען נאָך העכער און גרעזינטער, איידער דאַן אין בירעבידזשאַן, ווו מע פלעגט אים אזוי אויך רופן דער אַטלעט. די שינעל האָט אים געפּאַסט, אָבער ס'האָט זיך געפילט, אַז ער האָט זי אף זיך אַרופגעצויגן ניט אף לאַנג. לויט דעם, ווי ער האָט מיט א פרײַלעך געמיט און אייַנצײַטיק אזוי זאַכלעך און וואָכעדיק געפירט פאַלעקן איבערן פעלד, האָט מען געקאָנט מיינען, אז די מילכאָמע איז ניט דאָס, וואָס זי איז, נאָר א גרויסע ווירטשאַפט, ווו ער, בומאַגין, אַרבעט. אף פאַלעקן האָט ער, גייענדיק, פון מאָל צו מאָל געוואָרפן אזא מין סוי־דעספולן קוק, פונקט ווי אף זײַן, בומאַגינס, דאַטשע וואָלט זיך געפונען פאַלעקס אן אַלטער באַקאַנטער, מיט וועלכן ער האָט זיך לאַנג ניט געזען, און בומאַגין וויל אים אומדערוואַרט מיטן באַקאַנטן צונויפירן.

ווען דאָס פעלד האָט זיך געענדיקט און דער שטעג — זיך אַרײַנגעשפּינט אין א וועלדל, האָט בומאַגין אויסגערופן:

— פּריוואָל!

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין א קוסט און אַרויסגענומען פונעם ברייטן לעדערנעם בײַטל צוויי שטיקלעך ברויט מיט פּוטער, אײַנגעוויקלטע אין א צײַטונג, און א פליאַגע. די פּוטער האָט ער באַנײַס צעשמירט איבערן ברויט און געגעבן פאַלעקן אַפּטרינקען פון דער פליאַגע. בייס פאַלעק האָט זיך געקרימט פונעם בראָנפן און געשמעקט דאָס ברויט, האָט ער א שטאַרקן זופּ געטאָן, אַרומטרײַבנדיק דעם סטאַרטשענדיקן קנאָפּ אפן ברייטן אָדערדיקן האַלדז פון אויבן אַראָפּ און פון אונטן אַרוף, און נאָכדעם געשמאַק אופגעגעסן דאָס ברויט מיט פּוטער.

— זאָג מיר, זשורנאַליסט, — האָט ער א קלאַפּ געטאָן פאַלעקן איבער אן אַקסל, — ווי־אזוי רעכנט זיך: בירעבידזשאַן האָבן אַנטדעקט די אומאַניער, צי מיר פונעם זאַפּאַדני קאַנט? מיר — די האַראַדאָקער און די סמאַלענסקער — זײַנען דאָך געווען די ערשטע מעראַגלים!

— וואָס איז דיר די נאַפּקעמינע?

— וואָס הייסט! — איז ער געוואָרן אויסער־זיך. — ס'איז א קלייִנער פאַרדינסט פאַרן ייִדישן פאָלק?

און ער האָט דערציילט פאַלעקן, אז ער האָט א פרײַנט, אויך א לייטענאַנט, וואָס שטאַמט פון אומאַן. שפּאַרן זיי זיך, אָנהייבנדיק אזש פון סטאַלינגראַד און ביז איצט — מע נעמט שוין, באַרעכהאַשעם, קיִעוו, — שפּאַרן זיי זיך, ווער עס האָט געעפנט בירעבידזשאַן... קעדיי פאַלעק זאָל זײַן אף זײַן זײַט, האָט ער אויסגערעכנט אף די פינגער אלע האַראַדאָקער און סמאָלענסקער, וועלכע זײַנען אין אכט־און־צוואַנציקסטן יאָר געפאָרן אויסקוקן דעם קאַנט בא דער בירע און שוין אף שטענדיק זיך דאָרט באַזעצט.

נאָכן פּריוואָל האָבן זיי פאַרקערעוועט אין א זײַט פונעם שטעגל, אַרומגעגאַנגען א היפשן צוגעדאַרטן זומפּ און אַרויס צו א זוניקער וואַלד־לאָנקע. די לאָנקע איז געווען ריין אופגעראַמט, די צווײַגן צונויפגעלייגט אין קופּעס, דאָס גראָז אויסגעוואַשן פון האַרבסטיקע רעגנס.

— די פּאַרטיזאַנער האָבן מיך אהער געבראַכט צו פירן, — האָט געזאָגט בומאַגין. — דאָ האָבן מיר נעכטן אינווענטאַריזירט זייער טעכניקע...

פאַלעק האָט א זוך געטאָן מיט די אויגן:

— און ווו איז דײַן דאַטשע?

— אין שאָטן, צווישן די קוסטעס... א דאַטשע שטעלט מען דען אף דער זון?

הינטער די קוסטעס איז דער וואַלד געוואָרן געדיכטער. דאָרט האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אף א סאָלדאַטישן סעקרעט. דער לייטענאַנט בומאַגין האָט געזאָגט דעם פּאַראָל, און מע האָט זיי דורכגעלאָזט ווײַטער. ס'האָט זיך באַוויזן א צווייטע פּאַליאַנע און אף איר עטלעכע הויך־אָנגעשאָטענע, פעסט־געבויטע ערד־שטיבלעך. לעבן איינעם פון זיי, ווו עס איז געשטאַנען א וועכטער, האָט פאַלעק דערזען א וועגעלע פון מיליטערישן טיפּ. בומאַגין האָט זיך באַגריסט

מיטן וועכטער, געפרעגט, צי ס'איז עפּעס געשען פאר דער נאכט, דערנאָך צעשפּיליעט באַ זיך די שינעל, פאַרשטעקט די הענט אין די הויזן־קעשענעס און אַרײַנגעקוקט פאלעקן אין די אויגן אַרײַן:

— וואָס זשע, דו מיינסט, אז גלאַט אַזוי האָב איך דיך געשלעפּט אהער? ביסט דאָך א גאַזשעטשיק, וועט עס דיר צוניץ קומען...

בומאגין האָט דערציילט מיט א שטיל קאָל — אין באוואַכטן ערד־שטיבל איז געשלאָפן זײַן ווזוואָד, — ווי'אזוי די פּאַרטיזאנער פונעם אָטריאַד, ווען מענס באַזוכ עס איז דאָ געווען, האָבן אים אָפּגעפירט צום זומפּ און דאָרט אים באוויזן א צעבראָכענע טאטשאנקע, וואָס א פּאַרבײַגייענדיקע רויטאַרמייִשע טייל האָט, ווײַזט אויס, בעשאַס זי איז אָפּגעטראָטן, דאָ איבערגעלאָזט. אויף דער טאטשאנקע איז צוגעקלאַפּט א שילדל מיט א רוסישן און מיט א ייִדישן אויפשריפט... ווען בומאגין האָט געבראַכט אהער צו פירן זײַן ווזוואָד, האָט ער די טאטשאנקע אַרויסגעשלעפּט פון זומפּ און מיט גרויס האַרץ־קלאַפּעניש איבערגעלייענט: „די העלדישע קריגער פון דער רויטער אַרמיי — פון די אַרבעטנדיקע פון דער ייִדישער אויטאָ־נאָמער געגנט (ביראָבידזשאַן). א טויט דעם פאַשיזם!" די טאטשאנקע, וואָס עס האָבן זי געמאַכט זײַנע, בומאגינס, כאַוויירים לויטן צעך, איז שוין, זעט אויס, דורכגעגאַנגען ניט איין הונדערט קילאָמעטער און ניט אין איין צענדליק שלאַכטן אָנטיילגענומען. דאָס איז געווען קענט־לעך פון דער אָפּגעוועלקטער טונקל־ברוינער פאַרב, מיט וועלכער זי איז געווען באַדעקט, פון די צעקלאַפּטע רעדער און אויסגעריבענער קעלניע. בומאגין מיט זײַנע סאָלדאַטן האָבן די טאטשאנקע ווידער געמאַכט ווי נײַ און אַרײַנגעשריבן זי אין אינווענטאַר־אַקט, צווישן דעם שלאַכט־פאַרמעג, וואָס די פּאַרטיזאַנער גיבן איבער דער אַרמיי.

— קאַפּיטאַן, הא קאַפּיטאַן... פאַלעקל... צי ווייסטו, ווי'אזוי ייִדן פלעגן אין בירגערקריג רופן א טאטשאנקע?

פאַלעק האָט א קנייטש געטאָן מיט די אַקסל. בומאגין האָט געפרעגט באַם וועכטער:

— גנאַטיוק איז נאָך ניט אַרויסגעגאַנגען פון דער זעמליאַנקע?

— כאַווער לייטענאַנט, — האָט געענטפערט דער וועכטער, — איר ווייסט דאָך, אז גנאַ־טיוק שטייט אויף א שאָ צוויי פאַר אַלעמען. ער איז שוין באַם קוואַל, שעפּט אָן וואַסער פאַרן ווזוואָד...

— טו אים א רוף. דערנאָך וועסטו אופהייבן דעם ווזוואָד, ס'איז שוין צײַט...

און צו פאַלעקן:

— גנאַטיוק איז אן אַלטער סאָלדאַט. געווען אין בודיאָניס קאָניצע. ייִדיש קען ער בעסער פון דיר.

עס איז צוגעקומען גנאַטיוק מיט אן אומגלייבלעך גרויסן פּאַק כוואָיע אין די הענט. ס'האָט זיך געדוכט, אז א וואָגן מיט כוואָיע האָט אָנשטאָט רעדער באַקומען פיס. דער וועכ־טער איז נאָכגעגאַנגען נאָך גנאַטיוקן, דעם אויטאָמאַט אָנגעטאָן אויף דער ברוסט, און אין די הענט געטראָגן צוויי עמער וואַסער.

— יעפרייטאָר גנאַטיוק, — האָט שטרענג באַפוילן בומאגין, — באַווײַז זיך.

דער פּאַק כוואָיע איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד, און פאַלעק האָט דערזען צוערשט א ווײַסן, ווי די פעדערן באַ א גאַנדז, קאָפּ האָר און א שמאָל־געקאַרבט פּאָנעם מיט טונקעלע, אַראָפּהענגענדיקע וואָנצעס, און דערנאָך — גנאַטיוקס דאַרינקע פיגור, מאַמעש ווי באַ א ייִנגל. אָנגעטאָן איז געווען דער יעפרייטאָר אין ברייטע קירזאָווע שטיוול, אין הויזן אויף וואַטע און אין אן אונטערגעשלאָגענעם מיט ווײַסן פוטער געוואַטעטנעם קאַמזויל, פון וועלכן עס האָבן זיך אַרויסגעזען די אַרבל פון דער כאַקי־גימנאַסטיאָרקע. דער קאַמזויל איז געווען איבערגעכאַפּט מיט א פּאַסיקל, אויף וועלכן ס'איז געהאַנגען א סאַפּיאָריש העקל, פאַרבאַהאַלטן אין א טשעכאָל.

גנאַטיוק האָט זיך אויסגעגלײַכט, אַראָפּוואַרפנדיק די מאַסע, אויסגעצויגן די הענט לענגויס ביידע זײַטן קערפּער און א הילך געטאָן מיט א שטים, וועלכע פּאַסט פאַר א מענטשן־גיגאַנט:

— כאַווער קאַפּיטאַן, דערלויבט זיך ווענדן צום לייטענאַנט. כאַווער לייטענאַנט, לויט אײַער באַפעל...

בומאגין האָט צוגעלייגט גרויזאַם א פינגער צו די ליפּן, און דער וועכטער האָט מאָמענ־טאַל, פון הינטן, פאַרשטאָפּט גנאַטיוקן מיט ביידע הענט דאָס מויל:

— לאָז דערשלאָפן די פּאָר מינוט, באַטיאַ...

אינגאַנצן אָפּהענטיק, האָט גנאַטיוק ניט געוווּסט, וווּהין זיך אהינטאָן. בומאגין האָט אים אונטערגעמונטערט:

— מיטראָפאַן אוסטינאָוויטש, באַווײַז דעם קאַפּיטאַן, וואָס אונטערן פּוטערל טוט זיך...

— סלושאיוס! — האָט געענטפערט גנאַטיוק מיט אַן אײַנגעהאַלטן קאָל און באַוויזן אַ ברוסט מיט מעדאַלן: צוויי ציילעמלעך — געאָרגיעווער — פון איין זײַט קעשענע, און פון דער אַנדערער זײַט מיסטאָמע אַלע מעדאַלן, וואָס מע האָט געמאַכט פאַר סאָלדאַטן, זינט די רויטע אַרמיי איז אין אַרמיי...

ס׳איז געקומען די צײַט אופּצוּוועקן דעם וזוואָד, און בומאַגין האָט אײַליק אַ זאָג געטאָן צו גנאַטיוקן:

— דער קאַפּיטאַן וויל וויסן, וו׳אַזוי אויף ייִדיש רופט זיך אַן אַ טאַטשאַנקע... עפּשער וויסטו, מיטראָפאַן אוסטינאָוויטש?..

— טאַק טאָטשנאָ! — האָט געענטפערט גנאַטיוק. — די ייִדן, כּאָווער קאַפּיטאַן, האָבן ניט צוגעטראַכט וועגן דער רעוואָליוציע און וועגן דער רויטער אַרמיי קיין אייגענע ווערטער. זיי זײַנען, זנאַטשיטסאַ, ניט געווען באַזונדער, נאָר אײנײנעם מיט אַלעמען...

— קומט אויס, אַז טאַטשאַנקע איז בײַ די ייִדן — טאַטשאַנקע?

— אויב עמעצער האָט געוואָלט זאָגן ריין אויף ייִדיש, איז געווען אויך אַזאַ מין וואָרט...

— וועלכעס?

— דאָס זעלבע, נאָר אַ ביסל אַנדערש...

— צי ניט די נעשאַמע, יעפרייטאָר גנאַטיוק...

— געווען בײַ אונדז אין פּאָלק אַ פּולעמיאָטשיק... אַ ייִדישער כלאָפּעץ... ווענגראָווער האָט מען אים גערופן...

בומאַגין און פּאַלעק האָבן זיך איבערגעקוקט, נאָר ניט געשטערט מיטראָפאַן אוסטינאָוויטשן צו דערעדן ביזן סאָף.

— מאַרקושע איז געווען זײַן נאָמען. ווענגראָווער... ביז הײַנט געדענק איך...

— נו?

— האָט ער זײַן טאַטשאַנקע גערופן אַזוי, ווי אַלע — טאַטשאַנקע... אָבער אַמאָל — אויך אויף ייִדיש...

— וו׳אַזוי? וו׳אַזוי?

— מיטן זעלבן נאָמען, נאָר אַ ביסל איבערגעענדערשט...

דער וועכטער איז צוגעגאַנגען און אַ שטורכע געטאָן גנאַטיוקן אין פּלייצע:

— זאָג שוין, באַטיאַ. מיט גוטן בעט מען דיך...

— ער פּלעגט רופן די טאַטשאַנקע — נאַטאַטשאַנקע, איז עס אויסגעקומען אויף ייִדיש...

בומאַגין האָט זיך דערפרייט:

— בײַ אונדז אין ביראָבידזשאַן, אויפן וועגענער־זאַוואָד, פּלעגט מען אויך זאָגן נאַטאַ־טשאַנקע... פאַר די ווערטער האָבן קיין ווערטער ניט געפעלט.

פּאַלעק האָט זיך אַ דערמאָן געטאָן:

— בינדיוגע... קאַרעטע... עקיפּאַזש...

צוגעוואָרט אַ רעגע, — טאָמער וועט דער קאַפּיטאַן זיך נאָך דערמאָנען עפּעס, — האָט גנאַטיוק צוגעגעבן אויף ייִדיש:

— בײַ אײנדז זוגט מען: אַ בויד, אַ וואָגן, אַ פיר, אַ בריטשקעלע...

דער לייטענאַנט בומאַגין, איבערלאָזנדיק דעם וועכטער, ער זאָל אַליין אופּוועקן דעם וזוואָד, איז אָפּגעגאַנגען מיט פּאַלעקן צו דער טאַטשאַנקע. ער האָט אויך אַ רוף געטאָן דעם יעפרייטאָר גנאַטיוק און אים דערציילט עפּעס אַזוינס, אַז יענער איז פון פאַרכידעשטקײַט געבליבן שטיין פאַרגליווערט, און בלויז צוויי ווערטער האָבן עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד אַרויסגערעדט זײַנע ליפּן:

— מאַרקושע... ווענגראָווער...

צום סאָף האָט ער ווי אונטערגעפירט אַ סאַכאַקל אונטער אַלע זײַנע עמאָציעס:

— סקאַזשי פּאַזשאַלויסטאַ...

און, ניט מירע האָבנדיק שוין, אַז ער וועט אופוועקן דעם וזוואָד, האָט ער אַ הילך געטאָן מיט אַ שטים, וועלכע פּאַסט פאַר אַ מענטשן־גיגאַנט:

— כּאָווער לייטענאַנט, דערלויבט זאָגן...

בומאַגין האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— כּאָווער לייטענאַנט, — האָט פאַרגעזעצט גנאַטיוק, — זנאַטשיטסאַ, אויב מאַרקושע ווענגראָווער האָט זיך דאָ באַוויזן, שווער איך אײַך, אַז דעם פריץ וועט זײַן קאַפּוט. ס׳איז, זנאַטשיטסאַ, געקומען די צײַט, דער פּאַדליעץ זאָל באַצאָלן...

פאלעק טשאָרניצער איז אזש בלאַס געוואָרן: ווענגראָווערס ווערטער! מארק גריגאָריעוויטש, זייער אן אויסגעצערטער, אָנגעטאָן — אין יון כוידעש — אין ווארעמע, שטארק אָפּגעטראָגענע מאלבושים, האָט, געדענקט זיך, באַגעגנענדיק אין דער גרויסער אוקראַיִנישער שטאָט, עטלעכע טעג פאר דער מילכאָמע, שאנאָווסקין, א זאָג געטאָן טרוקן, קימאט רוּיִק:

— פאָדליעץ, ס׳וועט קומען די צייַט, וועסטו באַצאָלן...

און כאָטש ס׳איז פארשטענדלעך, אז דער פאל מיט א רעכילעסניק, וועלכער האָט געמאכט א בילבל אף זייַנעם אן אמאָליקן פרייַנט און אים אייַנגעזעצט אין טפיסע, — ווי שווער די שולד זאָל ניט זייַן, איז אזא פאל ניט צו פארגלייַכן מיט די מערדערייַען פון די פאשיסטן, און דאָך זייַנען ווענגראָווערס ווערטער וועגן דעם, אז ס׳איז געקומען די צייַט צו באַצאָלן פאר פארברעכנס, נאָכגעגאנגען פאלעקן אין מעשעך פונעם גאנצן קריג; אין אָט די ווערטער האָט ער זיך דערמאָנט, ווען דער אלטער יעפרייטאָר גנאטיוק האָט גערעדט וועגן דעם סאָף פון די פאשיסטן, און אויך איצט, ליגנדיק אפן הויכן ברעג פון דעם סלוטש, בא דער סאמע שוועל פונעם שטעטל, וווּ ער איז געבוירן געוואָרן, האָט ער געשעפּטשעט:

— געקומען די צייַט... צו באַצאָלן...

ער האָט געטראכט וועגן דער מאמען, וועגן דער שוועסטער און דעם ברידערל. באלד וועט ער אריבערשפּאנען די שוועל און אריינקומען אהין, וווּ זיי זייַנען דאָ, אָדער וווּ זיי זייַנען געוועזן. און עסטער... עסטער מיט זייַן קינד... עסטער, וואָס איז דאָס געשטאלט פון זייַן שמערץ... עסטער איז — אומעטום, ווייַל ער ווייסט ניט, וווהין זי איז אהינגעקומען. קאָן זייַן, אז עסטער געפינט זיך אויך אין ליובאר, וווּ עס זייַנען דאָ אָדער עס זייַנען געוועזן די מאמע מיט דער שוועסטער מיטן ברידערל...

נאָך דער באַגעגעניש מיט בומאגינען האָט פאלעק שוין געוווּסט, אז ניט ווייַט פונדאנען פירט מילכאָמע יודאלעף, האָט ער זיך גענומען אויסמאָלן, וויַאזוי יודאלעף זעט איצט אויס נאָך אזויפיל יאָרן פון צעשיידונג, און אוועקגעשטעלט אים לעבן זיך, דאָ אפן הויכן ברעג פונעם סלוטש. איבער אלעמען — איבער פאלעקן, איבער יודאלעפן, איבערן סלוטש מיט דער ליובארער נייַשטאָט — האָט זיך געהערט, ווי דער קאָמיסאר ווענגראָווער טוט א זאָג טרוקן, קימאט רוּיִק:

— געקומען די צייַט צו באַצאָלן...

4

ווען ס׳איז צוגעפאלן די נאכט, און איידער נאָך אין די שמאָלע געסלעך פון דער פאָרשטאָט האָבן זיך באוויזן פאטרולן, האָט אין הויף, וווּ ס׳איז אייַנגעשטאנען דער קאָמיסאר ווענגראָווער, זיך אומבאמערקט אריַינגעשמוגלט פערפילאָוו. נאָך דעם, ווי ער איז א גאנצן טאָג אָפּגעזעסן אין א גרוב אין וואלד, פארשאָטן מיט נאסער כוואָיע, האָט ער איצט געהאט אזא אויסזען, אז יעדער רויטארמייער, וואָס וואָלט אים באַגעגנט, האָט געקאָנט אים פארהאלטן, אפילע צוליב מיטלייַד. דאָס לעצטע שטיקל ארבעט, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן מיט א האלבער שאָ צוריק, האָט דערצו נאָך איבערגעלאָזט אף זייַן פּאָנעם אן אויסדרוק פון פארצווייפלטער אנטשיידנקייַט, און דאָס האָט נאָך שטארקער געטריבן אים צו באהאלטן זיך ווידער פון מענטשן.

דער מעשוגענער אייַנפאל אוועקצולאָזן זיך פונעם פארוואָרפענעם ערטעלע אין וואלד צוריק קיין בערדיטשעוו, אין ווענגראָווערס הויף, איז געקומען צו אים, ווען ער איז נאָך געלעגן אין גרוב. ער האָט פארשטאנען, אז מע זוכט אים און — אָן שום סאָפעק — מע איז זיכער, אז ער וועט פּרוּוון דורכגיין די פראָנט־ליניע. ווי עס זאָל ניט זייַן, נאָר קיינעם וועט ניט אייַנפאלן אין קאָפּ צו זוכן אים באם קאָמיסאר אין הויף. ווען ער האָט מיט א האלבער שאָ צוריק, אריַינקומענדיק שוין אין דער פאָרשטאָט און פארטייַענדיק זיך בא א פלויט, דערזען, ווי צו א גאנץ געבליבענער הייַזקע, אין דער טיף פון א געסל, איז צוגעקומען עפּעס אן אינטענדאנטישער אָפיצער און אריַינגעקראָכן דורכן פענצטער אין שטוב אריַין, — ווייַזט אויס, אויסגעקוקט דעם מאָקעם, — דאן האָט דער מעשוגענער אייַנפאל גענומען ארבעטן אן אופהער, זיך, און פערפילאָוו איז ווי א כייַע נאָכגעקראָכן נאָכן אינטענדאנטישן אָפיצער און בא דער שייַן פונעם שוועבעלע, וואָס יענער האָט אָנגעצונדן, אָנגעטאַפּט מיט א ציטעריקער האנט אן אייַזערנע זאך — ס׳איז געווען א פרעסל — און מיט דעם א קלאַפּ געטאָן דעם אָפיצער איבערן קאָפּ. אראָפּגענומען פונעם געהארגעטן דעם פיסטאָלעט, האָט ער איבערגעציילט אים די פאטראָנען, און, זעענדיק, אז דער פיסטאָלעט איז שוין קימאט אויסגעלאָדן,

האָט ער מיט פאַרדראָס זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זײַטן, ווי ער וואָלט געזוכט, וועמען נאָך צו דערהאַרגענען, קעדײַ אַרויסבאַקומען פּאַטראָנען.

אין הויף בא ווענגראָווערן האָט פּערפּילאָוו ניט געפונען קיין איין לעבעדיקן נעפעש. די פענצטער אין שטוב זײַנען געווען באַלויכטן און שלעכט פאַרמאַסקירט. ווײַזט אויס, דעם באַלעבאָס איז ניט געלעגן אין קאָפּ זיך אַפּצוהיטן פון אַן אַוויאַציע־אַנפאַל.

פּערפּילאָוו האָט געהאַט שוין אין הויף אַן ערטעלע, דאָס פאַרלאָזטע צוריק מיט יאָרן קלאָזעטל, ווו דער געזעס איז געווען פאַרקלאַפּט מיט ברעטלעך און ס׳האָט פון ערגעץ ניט געבלאָזן. פון אָט דעם אָרט האָט זיך גוט אַרויסגעזען די טיר, וואָס פירט אין שטוב אַרײַן, און ס׳איז ניט געווען קיין געפאַר, אַז עמעצער זאָל אַהער אַרײַנקוקן. פּערפּילאָוו האָט נאָך נעכטן געפונען דעם הויף און דאָס קלאָזעטל, און ס׳האָט זיך אים שוין געדוכט, אַז די זאַך איז דערליידיקט: ער וועט אַראָפּברענגען אַהער די פאַראַשוטיסטן, און זיי וועלן נעמען דעם קאָמיסאַר ווענגראָווערן. איצט איז ער ווידער אַהער געקומען. ער דאַרף נאָך איין־איינציק מאָל זען דעם קאָמיסאַר...

פון דער פינצטער האָט פּערפּילאָוו געקאָנט נאָכשפּירן נאָך אַלץ, וואָס עס טוט זיך בא דער שטוב. דערוויַיל איז קיינער אין דעם הויף ניט אַרויסגעגאַנגען. לויט דער שײַן אין די פענצטער האָט ער געקאָנט אורטיילן, אַז דער באַלעבאָס איז אין דער היים.

אין קלאָזעטל איז געווען קאַלט. דאָס נאַסע אָנטאָן אויף פּערפּילאָוון האָט ניט געהאַט פון וואָס זיך אויסצוטריקענען, און דאָס לײַב הינטער דעם האָט געגנאַיעט.

די הײַזער אַרום און אַרום זײַנען געווען אָדער אײַנגאַנצן צעוואָלגערט און פאַרברענט, אָדער זיי האָבן זיך געפינצטערט אויף דער פאַרפאַראַשעטער ערד, אַרויסרופנדיק א געפיל פון דערדריקטקײַט. אפן האַריזאָנט, אין אַלע פיר זײַטן, האָבן פון מאָל צו מאָל זיך באַוויזן רויטלעכע אויפלויכטן, ווי פאַרשפּעטיקטע, אויסגעליידיקטע בליצן אין די טאַמעוזדיקע פאַר־נאַכטן. זײַענדיק צווישן די ווענט פונעם קלאָזעטל פאַרשטעלט פון דעם, וואָס עס טוט זיך אויף רעכטס, אויף לינקס און פון הינטן, און זעענדיק בלויז פון פאָרנט די שטוב און דאָס פּאַסיקל פונעם האַריזאָנט צווישן דער שטוב און דעם פּלויט, האָט פּערפּילאָוו זיך אײַנגעקוקט אין די רויטלעכע אויפלויכטן און געטראַכט, אַז דאָס דאַרף זײַן די פראָנט־ליניע, און אַהין וועט ער אינגיכן אַוועקגיין. ס׳האָט זיך אָבער אַנגעהויבן א שיסערײַ פונקט הינטער זײַן פּלייצע, און ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז — נו, יאָ, דאָרט הינטן הייבט זיך דאָך אָן דער ליובאַרער שליאַך, און ער איז געקומען טאַקע פון דאָרטן, דאָס הייסט, אַז אַהין דאַרף מען גיין, — אין דער זעלבער מינוט האָבן אופרײַסן זיך דערהערט פון פאָרנט און אויף רעכטס, און ער האָט, אַן אָפּגעשוואַכטער, זיך צוגעשפּאַרט צו א ווענטל און אַרויסגעשטאַמלט:

— פאַרפאַלן... דער פראָנט איז אַרום־און־אַרום...

ס׳האָט זיך דערהערט דער געררויש פון א מאָטאָר. לעבן הויף האָט זיך אָפּגעשטעלט אַן אויטאָמאָביל מיט פאַרלאָשענע פאַרעס. ס׳האָט א סקריפּע געטאָן דער טויער, און פּערפּילאָוו האָט דערזען אַן אָפיצער, וועלכער האָט שוין געקליבן זיך אָנקלאַפּן אין פענצטער, נאָר פון גאַס האָט מען אים א רוף געטאָן:

— כאָוווער קאַפּיטאַן!

— איך הער אײַך, כאָוווער פּאַלקאָווניק.

— בא מאַרק גריגאָריעוויטשן געפינט זיך איצט מיסטאָמע אויך אַנדרײַקע... זאָלט איר אים מיטנעמען מיט זיך... דער קאָמאַנדאַרם האָט באַפוילן... מע וועט באַם נײַיאָר־טיש אים איבערגעבן א מעדאַל...

דער קאַפּיטאַן האָט, ווײַזט אויס, זיך אין עפּעס דערמאָנט. ער איז ווידער צוגעגאַנגען צו דער מאַשין, און פּערפּילאָוו האָט געמוזט זיך אָנשטרענגען, קעדײַ פאַנאַנדערקלײַבן זײַנע ווערטער:

— כאָוווער פּאַלקאָווניק, מײַנע ברידער ווייסן שוין, אַז דער אַבוואָר האָט אַרויסגעפירט סאַלקען פון בערדיטשעוו?

— ניין. ווען איך האָב אײַער עלטערן ברודער און דעם סערזשאַנט לאָסיעוון געבראַכט פונעם וואַלד אין שטאָב אַרײַן, האָבן מיר אַליין נאָך ניט געוווּסט...

— צי דאַרף איך עס איצט דערציילן?

— זאָגט מיר, כאָוווער טשאָרניצער: נו, און איך האָב הײַנט אויסבאַהאַלטן פון אײַך די ידיעה וועגן טויט פון אײַער מאַמען?

— ניין.

— אויף דער מילכאָמע פאַרטײַעט מען גאָרנישט ניט... אין א פערטל שאָ אַרום וועט די

מאשין זיך אומקערן נאָך אײַך. באַ מיר אפּן זייגער איז איצט דרײַ און צוואַנציק, אָן א פערטל...

— באַ מיר אויך. אָן א פערטל עלף.

די מאשין איז אָפּגעפאָרן. דער קאַפּיטאַן האָט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער און געזאָגט, ווער ער איז. מע האָט געעפנט די טיר, און ער איז ארײַן אין שטוב. פּערפּילאָוו האָט איבער־געצײלט אין פּיסטאָלעט די קוילן. ער האָט דערפילט, אז ער איז שטאַרק הונגעריק. פון קעלט און פון הונגער האָט זיך אים פאַרוואָלט שלאָפן. ער איז ארויס פונעם קלאָזעטל, געוואָלט זיך דורכגיין איבערן פינצטערן הויף און זיך דערוואַרעמען א ביסל, נאָר ס'האָט זיך אים אויסגעדוכט, אז אין שטוב דרייט מען ארײַן די שײַן, און ער איז אין גרויס אײַלעניש, ציטערנדיק מיטן גאַנצן לײַב, צוריק ארײַן אין קלאָזעט.

די איינציקע טרייסט איז איצט פאַר פּערפּילאָוון געווען — דער שמועס וועגן סאַלקען, וועלכן ער האָט ערשט אונטערגעהערט. יאָ, זיי ווייסן, וואָס מיט סאַלקען איז געשען! ווען זיי זאָלן נאָך וויסן, אז דער מענטש, וואָס האָט זי ארויסגעפירט פון דער בערדיטשעווער געסטאַפּאָ קיין בירקענאו, געפינט זיך איצט דאָ, הינטער װענגראָווערס פענצטער, און ער האַלט גרייט א פּיסטאָלעט...

געשען איז דאָס מיט פינף טעג פאַר דעם, ווי ער איז אריבערגעגאַנגען דעם פראָנט. עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן די עוואַקואַציע פון בערדיטשעוו, און כילוש מאַזאַר, דער היכער טשין פון דער אויסשפּיר־דינסט באַ דער ייִדישער אגענץ, וועלכער איז ניט לאַנג צוריק אָנגעקומען קיין בערדיטשעוו מיט א שליכעס צו אָרגאַניזירן דאָס ארויסגאַנווענען דעם קאָמיסאַר וועגנגראָווער, — כילוש מאַזאַר האָט געפּויעלט באַ דעם אבווער, אז סאַלקע טשאָרניצער זאָל מען אַפּשיקן דערווײַל קיין בירקענאו און דאָרט, אינעם לאַגער, זאָל מען זי אופּהאַלטן, ביזוואַנען מע וועט ברענגען וועגנגראָווערן. באַקומענדיק די געהעריקע דער־לויבעניש, האָט מאַזאַר צוגעשטעלט צו סאַלקען איינעם פון די אויספּילער פון דער אָפּעראַ־ציע, קאָנסטאַנטין פּערפּילאָוון, זײַן אלטן כאַווער, מיט וועלכן ער איז צוזאַמען אנטלאָפן פון רוסלאַנד און דערנאָך ארומגעוואָגלט מיט אים אין מאַנדזשאָו־גאָ, סינגאַפּור, ענגלאַנד, פּוילן. אליין האָט ער אפילע געמאַכט א פּרווו צו געזעגענען זיך מיט סאַלקען, נאָר ווען ער האָט זיך באַוויזן צוזאַמען מיט דער דײַטשישער אופזעערן באַ איר אין קאַמער, האָט זי, ווי אלעמאָל, אויסגעהאַלטן די קלעפּ פון דער אופזעערן און מיט קיין איין וואָרט ניט געענטפערט אָף די איינפּאַכע פראַגן, וועלכע ער האָט איר געשטעלט: ווי פילט זי זיך, צי פעלט איר ניט קיין עסן, צי דערקענט זי, ווער ער איז... פּערפּילאָוו האָט געוווּסט וועגן די באַזוכן מאַזאַרס באַ דער אַרעסטאַנטקע, און נאָכן פאַל מיט דעם געזעגענען זיך האָט ער אים א זאָג געטאָן אָן שום קאַס:

— ווי דו זאָלסט זיך ניט דרייען, ביסטו פּאָרט א ייִד...

לעבנדיק אין דער לעצטער צײַט, קימאַט ווי א גלײַכער, צווישן הויכגעשטעלטע דײַטשי־שע אָפיצערן און פּאַרטרעטנדיק א רײַכע, זאָל זײַן א ייִדישע, וועלט־אָרגאַניזאַציע, האָט מאַ־זאַר זיך צוגעוווינט צו באַגיין זיך צײַטנווײַז מיט פּערפּילאָוון פיל שטײַפער, איידער אמאָל, ווען יענער האָט אים, ווי א יאָלד, ארומגעפירט איבער דער וועלט.

— איך פאַרשטיי אײַך ניט, — האָט ער פּערפּילאָוון אָן אירץ געטאָן.

— איך זאָג: באַ דיר, ווי באַ אלע ייִדן, איז ניטאָ קיין שטײַפקײַט. די שיינע הירשנטע, מיט וועלכער דו האָסט זיך אמאָל געליובעט, איז איצטער שוין א שטינקענדיקער פּייגער. ס'איז געבליבן א נעם טאָן זי פאַר דער פעל און — אָף דער סוואַלקע. און דו פּראַוועסט איי־דעלע שטיק...

מאַזאַר האָט ארויסגעלאָזט די נעגל:

— גאָספּאָדין פּערפּילאָוו! יאַ וואַס סאָטרו וו פּאָראָשאָק! (הער פּערפּילאָוו! כ'וועל מאַכן פון אײַך א פּראָשעק!).

די גאַנצע קריגערײַ איז ניט ווערט געווען קיין שמעק טאַבעק. אָבער מאַזאַר האָט נאָך געקאָנט אָף דער הייסער מינוט נעמען צוריק זײַן באַשלוס אָפּצושיקן מיט סאַלקען פּערפּי־לאָוון, און דאָס האָט יענעם געשראָקן, ווײַל ער האָט געהאַט א ציל אָנצוקלײַבן אָף זײַן כעזשבן אין אָט דער שוטפעסדיקער אָפּעראַציע פון די ציוניסטן מיט די וולאַסאָווצעס גענוג פּערזענלעכע אופטועץ אָף צו באַקומען אָן אײַזערנעם ציילעם. אין דער אָפּעראַציע האָט ער שוין א סאַך ארײַנגעלייגט: געווען צווישן די רעפּעטיטאָרן פון דער פּאָטאָגראַפירונג אין זאַק־סענהאַוזען, גאַנצע צוויי וואָכן זיך טרענירט מיט די פּאַראַשוטיסטן, וויאַזוי ארויסצוגאַנווענען דעם קאָמיסאַר וועגנגראָווערן; איצט שטייט פאָר דאָס ארויספירן סאַלקען פון דער בערדיטשע־ווער געסטאַפּאָ; נאָכן אומקערן זיך וועט ער איבערגיין די פראָנט־ליניע און אָפּשפּילן די דינע ראָל באַם אראָפּברענגען די פּאַראַשוטיסטן אָף וועגנגראָווערס שפּור... דאָס אלץ וועט אים געבן

אן אײַזערנעם ציילעם, מע האָט עס אים צוגעזאָגט. מיטן אײַזערנעם ציילעם אף דער ברוסט וועט ער ווײַטער שוין גיין, ווי אף אן אײַזערנער בריק...

פערפילאָוו האָט זיך געמאכט, אז ער הערט ניט, ווען מאזאָר האָט צעלאָזט די צונג — אלציינס וועט אָט דער ייִד אויך ענדיקן, ווי אלע זייעריקע, אין א דושעגובקע.

אפן וועג קיין בירקענאו, שוין לעבן קראקאָוו, האָט א דײַטשישער קאָמענדאנט פון א קליינער סטאנציע אראָפּגענומען פערפילאָוון מיט סאלקען פונעם צוג, קעדיי אויסקלאָרן, וואָס דאָס איז פאר אזא מאָדנע טראנספּאָרטירונג פון איין־איינציקער ייִדישקע, אין דער צײַט, ווען מע פירט זיי אין די טויזנטער, ווי פּי, אין עשעלאָנען. פערפילאָוו איז געבליבן מיט סאלקען פארשפּארט ביז אינדערפרי אין א ווינקל פונעם פאקהאוז, און ער האָט זי, אינגאנצן שוין אן אויסגעשעפּטע, פארגוואלדיקט. צוליב דעם האָט ער ניט באדארפט פּאטערן קיין סאך מי, ווײַל סאלקע האָט שוין לאכלוטן ניט געהאט קיין קויכעס אנטקעגנצושטעלן זיך, און זי איז דורכ־געגאן די ביטערע שאנד אין פארגעסנהײַט. שפּעטער, ווען פערפילאָוו האָט געמוזט טאָן עפּעס, קעדיי צו דערפירן זי קיין בירקענאו א לעבעדיקע, און ער האָט גענומען אײַנרײַבן איר דעם שטערן מיט בראנפן און פאָכען איבער איר פּאָנעם מיט א ברעטל פאניער, וואָס ער האָט דאָ דערבײַ געפונען, — האָט זי מיטאמאָל זיך שטארק צעיאָמערט, אזוי הויך, ווי גלײַך די שאנד וואָלט איר צוגעגעבן לעבנס־קויכעס.

פערפילאָוו האָט גענומען זי אײַנשטילן. דאָס, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, איז א נאטירלעכע זאך און דערצו נאָך א מין העמשעך פון זייער צופעליקער באקאנטשאפט אין יענער רעגנדי־קער נאכט, אין בירָאָבידזשאן, ווען זי איז געשטאנען אין שטוב, באלויכטן מיט היימישקײַט, און ער — אין דרויסן, אונטערן רעגן. ער האָט אָנגעטאפּט מיט איר האנט אף זײַן פּאָנעם אן אלט שראמעלע:

— דאָס האָסטו דאָך מיך א נעריק געטאָן, פארהאקנדיק פאר מײַן נאָז דאָס פענצטער. געדענקסט? א שראם געמאכט אפן גאנצן לעבן. און איך דיר — וואָס? גייסט אלציינס אוועק אין לאגער...

פון סאלקעס געיאָמער זײַנען זיך צעלאָפן די שטשורעס, וואָס האָבן, הונגעריקע, גענײ־שטערט אין דעם פוסטן פאקהאוז. פערפילאָוו האָט אוועקגעלייגט אין א זײַט די שמאטע, מיט וועלכער ער האָט זיך שוין געפּרוּווט איר פארשטאָפּן דאָס מויל, דער טומל זאָל ניט צוציִען די פארבײַגייענדיקע דײַטשן. פאר די דײַטשן האָט ער איצט ניט געפילט אזא פּאכעד, ווי פאר די מאכנעס מעוווּלוועלע שטשורעס און פאר סאלקעס אָפּגעשטעלטע, גאָרניט זאָגנדיקע אויגן, פאר די אָפּגעשוואכטע ציטעריקע קלאנגען, וואָס האָבן זיך געהערט אין איר האלדז, ווען ער האָט איר געשטופּט די שמאטע צווישן די צונויפגעפרעסטע ציין. איצט האָט סאל־קע געיאָמערט אומגעשטערט, און פערפילאָוו האָט איר אפילע שטילערהייט אונטערגעהאָלפן.

ווען די מאסיווע טויער־טיר פונעם פאקהאוז האָט אינמיטן דער נאכט פלוצעם זיך צע־עפנט און עס איז ארײַן א געסטאפּאָוועץ אין דער באגלייטונג פון אן איבערזעצער, האָט פער־פילאָוו, אָפּפירנדיק דאָס פּאָנעם אף לינקס און אף רעכטס פונעם שמאָלן, שארפן סנאָפּ שײַן, וואָס דער געסטאפּאָוועץ האָט אף אים אָנגעשטעלט, גענומען אויסגיסן זײַן הארץ דעם איבער־זעצער:

— זאָג אים, אז איך בין ניט קיין פּראָסטער מענטש... וועגן דער זשידאָוואָטשקע, וואָס איך פיר, ווייסט מען אין בערלין... איך בין געשיקט פונעם אבווער... זאָג אים, אז מע האָט אין בערדיטשעוו די זשידאָוואָטשקע געהאלטן אין געסטאפּאָ, ווײַל דער אבווער האָט דאָרט ניט געהאט קיין פּאסיק אָרט... אזוי האָט מען זיך צונויפגערעדט. זאָג אים...

— אאוסווײַז! — האָט מיט א באנומענער שטים אויסגעשריגן דער געסטאפּאָוועץ, פּונקט ווי עס וואָלט אים א ביס געטאָן א שלאנג.

— אאוסווײַז... אאוסווײַז... — האָט שטיל איבערגעכאזערט פערפילאָוו און גענומען מיט ציטעריקע הענט אָנטאפּן אין דער בוזעם־קעשענע דאָס נייטיקע פּאפּירל, אָנשטעכנדיק ביז בלוט די פינגער אין דער שוין צעעפנטער שפּילקע, מיט וועלכער די בוזעם־קעשענע איז געווען פארשפּיליעט.

דער געסטאפּאָוועץ האָט דעם סנאָפּ שײַן אריבערגעפירט אפן פּאפּירל און, אויס־שטרעקנדיק צום איבערזעצער דרײַ פינגער פון דער לינקער האנט, צו וועלכע דער איבער־זעצער האָט אויגנבליקלעך צוגעגעבן א גראָבן בלײַפעדער, האָט ער אָנגעשריבן אפן פּאפּירל, אין אייבערשטן לינקן ווינקל, א פּאָר ווערטער און מיט עקל א טיטשע געטאָן עס פערפי־לאָוון אין פּאָנעם ארײַן. פערפילאָוו האָט דאָס פּאפּירל אראָפּגענומען פונעם פּאָנעם, וואָס איז געווען אויסגעווייקט אין טרערן, ווי מע נעמט אראָפּ א ווארעמען קאָמפּרעס נאָכן אָפּגאָלן זיך.

...צי קאָן מען זאָגן, אַז איצט, ווען ער האָט אופגעשטעלט דאָס אַלץ אין זיקאָרן, וואָרטנדיק מיט אַן אַנגעלאָדענעם פּיסטאָלעט אין האַנט אַף דעם קאָמיסאַר וועגנגראָוער, געזעגנט ער זיך אויך מיט זײַן אייגענעם לעבן, ווײַל פונעם קלאָזעטל, ווו ער געפינט זיך איצט, זעען זיך אַרויס, בוילעטער איידער ווען־עס־איז פריִער, בלויז צוויי פון די וועגן, וואָס ער האָט געקאָנט זיך אויסמאָלן: דער וועג צו דער פראָנט־ליניע און ווײַטער אַהין, פונוואַנען ער איז געקומען, קיין נעמעטשינע, אָדער דאָ גלײַך אַפן אָרט — דער קורצער וועג צום טויט? צי קאָן מען זאָגן, אַז איצט האָט אים עפּעס געקימערט פון דעם, וועגן וואָס ער האָט זיך דאָ דערמאָנט? ניין, גאָרנישט האָט אים ניט געקימערט, קיין געפיל פון כאַראַטע האָט ער קיינמאָל ניט געהאַט. אין זײַן נעשאָמע האָבן זיך ניט צוזאַמענגעלעבט, ווי בא סראָוו מענטשן, יענע אומאָפּהענגיקע איינער פונעם צווייטן אימפּולסן, וואָס איינער הייסט עפּעס טאָן און דער אַנדערער שאַצט אָפּ דאָס אָפּגעטאָנענע, צי ס'איז גוט, צי שלעכט. קאָן זײַן, אַז ווען דעמלט, אינעם ווײַטן צוויי־און־דרײַסיקסטן יאָר, וואָלט קאָסטיע פּערפּילאָוו ניט אוועק פונעם עשעלאָן קאָמסאָמאָלצעס און ער וואָלט דערפאָרן ביזן דערפּעלע באַם אַמור און דאָרט זיך אַ נעם געטאָן איינענעם מיט אַלע אופגערודערטע, צעשויבערטע, האַלב־הונגעריקע יאָטן צום אופשטעלן די נײַע שטאָט אין דער טײַגע, — עפּשער וואָלטן הײַנט סײַ ער, סײַ זײַן וועג געווען אַנדערע. קאָן זײַן...

איצט האָבן אַלע קנופּן זיך צעקנופּט אין מעשעך פון איין־איינציקער מינוט. ס'האָט אַ סקריפּע געטאָן די אַלטע טיר אין דער שטוב, וואָס אַנטקעגן דעם קלאָזעטל, און עס זײַנען אַרויסגעגאַנגען אין הויף דער קאָמיסאַר וועגנגראָוער, יודאַלעף טשאָרניצער מיט איוואַן לאָסיעוון — ביידע מיט אויטאָמאַטן אַף דער ברוסט, — אַ באָכערל, ציוויל אָנגעטאָן, און דער קאַפּיטאַן, וואָס איז מיט אַ פּערטל שאָ צוריק אַרײַנגעקומען אין שטוב.

ווײַזט אויס, אַז זיי האָבן פאַרלאָזט די שטוב אין סאַמע מיטן פון אַ שמועס, וועלכן זיי האָבן געפירט צווישן זיך. צו פּערפּילאָוון האָט נאָך פון פירהויז זיך דערטראָגן דעם קאָמיסאַר וועגנגראָווערס קאָל — אַ געדיכטס און אַ גראָבלעכס, ניט קיין צוגעפּראָוועטס מיט איידעלע אינטאָנאַציעס. אַף יענער זײַט טויער האָט זיך געהערט דער גערויש פון אַ צוגעפאָרענעם אויטאָמאָביל, וועלכער האָט מאַנעווורירט, אויסקערעווענדיק זיך אַהין, פונוואַנען ער איז געקומען צו פאָרן. דער קאַפּיטאַן האָט צוגעמאַכט אַף אַ הענגענדיקן שלאָס די טיר פון דער שטוב. וועגנגראָוער האָט, גייענדיק צום טויער, אַרומגענומען באַ די אַקסלען יודאַלעפן און געזאָגט:

— יאָ, מיר שטייען באַם סאַמע ראַנד פונעם דורכגעלעבטן יאָר... אוואַדע ביסטו גערעכט, טײַערער־טײַערער זון מײַנער! די צײַט איז איצט אַ שרעקלעכע. וויפל מענטשן וועלן באַם אָנקומען פונעם נײַעם יאָר אַ שפּאָן געבן צום אָפּגרונט, און וויפל וועלן פונעם איין־און־דרײַסיקסטן דעקאַבער טויזנט נײַן הונדערט דרײַ־און־פערציקסטן יאָר באַוויזן אַרײַנגיין אין דעם ערשטן יאַנוואַר פונעם פיר־און־פערציקסטן... שווער צו זאָגן... די צײַט ווייסט בעסער פון אונדז. איך וויל, יודאַלעף, אַז דו זאָלסט עס געדענקען, ווען דו טראַכסט וועגן דײַן מאַמען, וועגן עסטער־ראָכעלען... יודאַלעף, דו ביסט יונג, און דאָס לינדערט אַלע ווייטעקן. היט זיך אָפּ, יודאַלעף... ביסט אַלט דרײַ און דרײַסיק יאָר, און דאָס איז, ווי מע זאָגט, דער עלטער פון יעזוסן, דער סאַמע פּאַסיקער אַף צו אָפּטאָן וווּנדער...

פּערפּילאָוו האָט אָנגעצילט דעם פּיסטאָלעט אין וועגנגראָוערן און אויסגעשאָסן. וועגנגראָווער איז געבליבן שטיין, אַזוי ווי פריִער, נאָר שוין אָפּגעזונדערט פון די איבעריקע, ווײַל זיי האָבן קימאַט איינענעם מיטן שאָס, וואָס זיי האָבן דערהערט, זיך אַ לאָז געטאָן לויפן, איבערנעמענדיק אין די הענט אַרײַן דאָס געווער. אין אַ רעגע אַרום האָט וועגנגראָווער זיך צוגעטוליעט צו דעם פּלויט און אַראָפּגעגליטשט זיך אַף דער ערד. אַנדרייקע — דער איינציקער, וואָס איז לעבן אים פאַרבליבן, — האָט אים אַרומגעכאַפּט אַרום דעם קאָפּ און, מיִענדיק זיך עטוואָס אים אונטערצוהייבן, אַרויסגעלאָזט אַ שרעקלעכן געשריי. יודאַלעף, לאָסיעוו, פּאַלעק און דער שאָפער פון דער מאַשין זײַנען אַוועקגעלאָפן אין פאַרשיידענע זײַטן, זוכנדיק, ווער עס האָט געשאָסן, און שיסנדיק אַליין אין דער פינצטערקײַט אַרײַן.

פּערפּילאָוו האָט זיך באַטראַכט, אַז איצט אַנטלויפן טאָר ער ניט, און ער האָט זיך פאַרטײַעט אין קלאָזעטל. מיטאָמאָל האָט ער דערפילט, אַז פונעם הויף קוקט מען אַף אים. ער האָט אַהין דרײַ מאָל אויסגעשאָסן, און ווען אין פּיסטאָלעט זײַנען ניט פאַרבליבן קיין קוילן, האָט ער אָנגעהויבן זיך רוקן אַף צוריק און איז הינטנאַרום אַרויף מיט די פיס אַפּן פאַרקלאַפּטן מיט ברעטלעך געזעס פונעם קלאָזעטל.

אַנטקעגן אים, באַ דעם געעפנטן טירל, איז געשטאַנען איוואַן לאָסיעוו מיט אַן אויטאָמאַט אין די הענט.

פּערפּילאָוו האָט אוועקגעוואָרפן דעם פּיסטאָלעט און זיך צעוויינט אַף אַ קאָל:

— וואַניאַ, ניע גובי! פּראָסטי! (וואַניאַ, ברענג ניט אום! זײַ מויכל!).

לאָסיעוו האָט אָנגעקוועטשט אפּן צינגל פונעם אווטאָמאַט און, אַרײַנקוקנדיק אין קלאָ־זעטל, ניט גלײַך פאַרשטאַנען, וואָס עס איז פאָרגעקומען: פּערפּילאָוו איז אַף זײַן אָרט ניט געווען, זײַן געשריי האָט זיך געטראָגן, ווי פון אונטער דער ערד. אָנרײַבנדיק אַ שוועבעלע, האָט לאָסיעוו דערזען: דער געזעס אין קלאָזעטל האָט זיך דורכגעבראָכן, און פּערפּילאָוו איז אַרײַנגעפאַלן אין גרוב.

— וואַניאַ, ניע גובי! פּראָסטי! — האָט ניט אופגעהערט צו שרײַען פּערפּילאָוו.

איוואַן לאָסיעוו האָט אָנגעטראָטן מיטן רעכטן פוס אַף אַ סטאַרטשענדיק ברעטל פונעם געזעס און, אָפּקערעווענדיק די נאָז פונעם געשטאַנק, אַרײַנגעשאָסן אַ לאַנגע ריי קוילן אין דער גרוב אַרײַן.

אַרויסגייענדיק פונעם קלאָזעטל, האָט לאָסיעוו אויסגעווישט די שטיוול אינעם פאַרפראָ־סטיקטן גראָז. דער פּאָדפּאָלקאָווניק וועגנראָווער איז האַלב געלעגן אין דער מאַשין, אָנגעשפּאַרט אין יודאַלעפן. די שינעלן בא אים און בא יודאַלעפן זײַנען געווען פאַרגאָסן מיט בלוט. דער קאַפּיטאַן טשאָרניצער האָט זיך אוועקגעזעצט לעבן שאָפער, און די מאַשין איז אָפּגעפאָרן. דערזעענדיק לעבן זיך אַנדרייקען, האָט לאָסיעוו אים אַרומגענומען און איז מיט אים אוועק־געגאַנגען לענגויס דער באַנאַכטיקער גאַס, וואָס האָט געפירט צום שטאַב פון דער זעכציק־סטער אַרמיי.

באַהעלט מיט שײַן

אַף דער וואַגשאַל

אַף שאָלן פון איין וואָג קאָנסט וועגן זאַלץ און גערשטן, —
דאָס ראָזע קערפּערל פון דײַן געבוירן ערשטלינג.
קאָנסט וועגן רײַז און קוילן, פּערל, גאָלד און זילבער,
נאָר שטענדיק דאַרף דער ווײַזער צו דער מיט זײַן פּילבאַר.
און איוב דו ביסט דעם וועג צום ווײַזער ווו פּאַרלאָפן,
וועט קומען דער געזעץ
און וועט דיך שטרענג באַשטראָפן.

נאָר ווען דער קריג און פריד זיך וואַקלען אַף די שאָלן,
נאָר ווען סע פּאַכט דער אומרו איבער בערג און טאָלן,
פאַרסאַמט די לופט און רו אַף ווײַטע קאָנטינענטן,
און דראָ'ט מיט אַטאָם־בייַז ביז דאָר דעם צענטן,
מײַן ליבער פרײַנט, דו וועסט ניט פעלשן און ניט גרײַזן,
איוב דו וועסט שטעלן איסערן געזעץ דעם וואָגשאָל־ווײַזער.
טו אַלץ פאַר גרויסער וועלט, פאַר קליינע קינדערסוועגן,
די שאָל פון שאָלעם
זאָל אונדז שטענדיק
איבערוועגן.

ווי שיין איז דער בוים

„ווי שיין איז דער בוים!“ — פלעגט מײַן זיידע אַמאָל
פאַרקוקן זיך שטיל אַף אַ טאָפּאָל אין טאָל.
נאָר ס'פלעגט גלײַך דעם אַלטן באַפאַלן אַ שרעק:
„ער קערט זיך דאָך אָפּ פונעם אייבערשטנס וועג.
עס האָט דאָך זײַן גאָט פון אוראַהאָם אליין
פאַרווערט אים צו קוקן אַף אַלץ, וואָס ס'איז שיין“.

„ווי שיין איז דאָס פעלד!“ — פלעגט מײַן פאָטער אַמאָל
פאַרקוקן זיך אָפּט אַף אַ לאַן אינעם טאָל,
נאָר ס'פלעגט גלײַך מײַן פאָטער, געהויקערט אין יאָך,
זיך זעצן צום ווערקשטאַט פאַרלאַטען אַ לאָך.
עס האָט דאָך דער קייסער אליין אים פאַרווערט
צו שמעקן אפילע דעם ריייעך פון ערד.

„ווי שיין איז דאָס לעבן!“ — האָב איך שוין געזאָגט,
און גאָט און זײַן קייסער פאַרלענדט ווי אַ פּלאָג,
און פרײַ זיך געלאָזט איבער דערפער און שטעט
מיט לענינשן, ערדישן פרײַען דעקרעט...
פון דאַן און אַף אייביק צו מיר שוין געהערט
דער בוים
און דאָס פעלד
און די גאַנצענע ערד.

מײַן זיידנס יערושע

מײַן זיידע אוראַם האָט באַקומען
שפּאַקולן — פון שווער א מאַטאַנע.
מיט זיי פלעגט ער ווינטער און זומער
מעכאַדעש זײַן פרום די לעוואָנע.

דורך זיי פלעגט ער קלוגעריש שמייכלען
און אָפּט זײַן שווער מאַזל באַקלאָגן.
מיט זיי פלעגט ער קומען צום סייכל: —
א קאַפּצן דאַרף זײַן בלויז א נאָגיד.

מיט זיי ז'ער אין פריידן, אין ליידן
געווען בא אַלעמען קאַנטעט.
אָן זיי, פלעגט זיך קלאָגן מײַן זיידע,
וואָלט איך זיך א מײַסע גאָר אָנטאָן.

מיט זיי פלעגט ער יענעם באַקליידן, —
אַלייך ווי א שלעפּער זיך טראָגן.
בעקיצער, געהאַט האָט מײַן זיידע
שפּאַקולן,
וואָס שײַעך צו זאָגן!

האָט איינמאָל אן אומגליק געטראָפן,
געפּלאַצט פון שפּאַקול האָט א גלעזל.
מײַן זיידע איז נעכט ניט געשלאָפן:
„אײַ, אײַ! א מעסוקענער העזעק!"

נאָר ער האָט אָן ראָש און אָן ווען
דעם איניען אַלזײַטיק באַרעכנט,
באַשטימט אָפּן אָרט פונעם גלעזל
ארײַנשטעלן פאָשעט א בלעכל.

„כ'וועל קיינעם ניט מאַכן מעוואַזע, —
האָט ליבלעך מײַן זיידע געטײַנעט, —
מײַן ליכטיקע וועלט און מײַן מאַזל
וועט אויך דורכן בלעכל מיר שײַנען".

מײַן זיידע איז פריילעך געווען,
געקוקט אָף דער וועלט האָט ער העכער,
דורך ברילן, אָף איין אויג — א גלעזל,
אָף צווייטן — א מעשענעם בלעכל.

האָט ווידער אן אומגליק געטראָפן,
געפּלאַצט האָט דאָס אַנדערע גלעזל,
מײַן זיידע איז נעכט ניט געשלאָפן:
„אײַ, אײַ! א מעסוקענער העזעק!"

נאָר ער ניט געמאַכט האָט קיין ווען,
ער דאַרף זיך פאַר קיינעם ניט שעמען,
באַקלערט אָפּן אָרט פונעם גלעזל
זיך לאָזן דאָס פאָשעטע רעמל.

„כ'וועל קיינעם ניט מאַכן מעוואַזע, —
האָט ליבלעך מײַן זיידע געטײַנעט, —
מײַן ליכטיקע וועלט און מײַן מאַזל
וועט אויך דורכן רעמל מיר שײַנען".

געפּילט האָט מײַן זיידע זיך העכער,
געקוקט אָף זײַן וועלט האָט ער ברייטער,
דורך ברילן — אָף איין אויג א בלעכל,
א רעמל — אָף אויג אָפּן צווייטן.

האָט ווידער אן אומגליק געטראָפן,
די נויט האָט מײַן זיידן פאַרדאַרבן,
מײַן זיידע געלייגט האָט זיך שלאָפן
און שטיל ווי א צאַדיק געשטאָרבן.

ער האָט ניט געלאָזט קיין יערושע,
קיין גווירישע טישן און שטולן,
קיין זילבער, קיין זײַד און קיין פּליושן,
נאָר גרויסע פאַרגעלטע שפּאַקולן.

ס'איז ליב די יערושע די עכטע,
מיר ליבער פון גאָלדענע בעכערס,
דאָס רעמל — אָף אויג אָפּן רעכטן,
אָף לינקן — דאָס מעשענע בלעכל.

פ ר י ל י נ ג

1

די ליבע זון באַטראַכטן האָט דײַן שוועל,
די שפּראַצונג האָט באַוויזן זיך אין פעלד...

ווי שיין איז אונדזער פרילינג אָף דער ערד,
די וואַסערפאַלן רוישן אין די בערג.

אַזויפיל קוואַלן לעבן אוף אין וואַלד,
אַזויפיל נעסטן אַרום יעדן קוואַל.

אָף יעדן צווײַגל הערט מען זינגען לאַנג, —
געקומען זײַנען צײַטן פאַר געזאַנג...

2

ווי שיין איז הײַנט דער פרילינג אין דײַן שײַן,
ווי שיין ביסטו אין פרילינג דײַנעם הײַנט.

צום בארג צום הויכן און צום גרינעם טאָל
פאַרגלײַך איך דיך, מײַן שיינע, יעדעס מאָל.

אין יונגער ליפּע כ׳זע דײַן יונג געשטאַלט,
דײַן פרישקײַט פיל איך אינעם פרישן קוואַל.

אין שלאַנקער סאָסנע כ׳זע, ווי שלאַנק דו ביסט,
אין שטאָלצן טאָפּאָל כ׳זע, ווי שטאָלץ דו ביסט.

באַם ראָזן מאָרגנשטערן כ׳פיל קאַיאָר:
פון ליפּן דײַנע טריפט דאָס שיינע וואָרט.

דײַן קראַפט איז הייס און שטראָמט אין בלוט, ווי ווײַן,
ווי שיין ביסטו אין פרילינג דײַנעם הײַנט!

3

דו האָסט באַהאַרצט מיך און באַפליגלט גרינג,
אין פרילינג דײַנעם שטיפסטו איצט און זינגסט.

דער פרילינג שײַנט אין ווײַנגאָרטן בא דיר,
דער ווײַנשטאָק בליט א העלער בא דער טיר.

און יעדע בלום איר האָניק שענקט דיר צאַרט,
און יעדע רויז צעעפנט דיר איר האַרץ.

און יעדער זינגעוודיקער פויגל אינעם פעלד
באַגלייט דיך מיט געזאַנגען צו דײַן שוועל...

...נו, נעם אויך אוף מײַן ליב אין אָוונט־טוי,
דו, וואָס דו טראָגסט דעם צאַרטן נאָמען: פרוי.

4

דו האָסט באַהאַרצט מיך און באַהעלט מיט שײַן,
ווו האָב איך ניט באַגעגנט דיך, מײַן פרײַנט.

ווען דו אין טײַגע האָסט געבלאָנדזשעט און געפרירט,
כ׳האָב טויזנט שײַטערס אויסגעלייגט פאַר דיר.

ווען דו האָסט אויסגעשפּירט דעם גרונט אין וויסט,
כ׳האָב סאַזשלקעס געשיקט צו דײַנע פיס.

כ׳האָב אַלע בייזע שטורעמס דיר פאַרצאַמט,
זאָלסט פירן פרײַ דײַן שיף אין אָקעאַן.

זאָלסט זינגען הויך אַף הייכן פון פּאַמיר,
אין טונדרע, טויזנט ווערסט פון אַנאַדיר.

אין אַלע שוץ־גרובנס, ווו דו האָסט שטאָלץ
געטראָגן אויסלייזונג און זיג דעם פאָלק.

5

איז זאָלן איצטער קומען געסט, מײַן פרײַנט,
ס'וועט יעדער גאסט א גרויסער גאסט אונדז זײַן.

א נאכט מיט פרילינג און א הארץ מיט פרייד
איז דאָ בא אונדז פאר יעדן אָנגעגרייט.

מיר וועלן זאָגן זיי: סײַ ליב, סײַ רום
צו יעדן, וואָס צו אונדזער פרילינג קומט.

מיר וועלן זאָגן זיי: די פרוכט איז זיס,
מיר וועלן זאָגן זיי: ס'איז פול דער טיש,

מיר וועלן זאָגן זיי: אָט נעמט און שעפּט,
פאר אלעמען איז פרייד דאָ גרייט צו זעט.

6

דו האָסט באהארצט מיך און באפליגלט גרינג,
אין פרילינג דײַנעם שטיי איך איצט און זינג.

אָ לעבן, גיב מיר קראפט און גײַסט וואָס מער,
כ'זאָל אייביק ליב האָבן די פרײַע ערד,

די גרינע שפּראָצונג און דעם פרישן קוואל,
און קיינמאָל, קיינמאָל גאָר ניט ווערן אלט.

אָ לעבן, גיב מיר פרייד און שטארקע קראפט,
כ'זאָל קאָנען אויסוועבן דעם שענסטן האפט,

דאָס שענסטע בילד, פון ליד דעם שענסטן קראנץ,
פאר אונדזער פרילינג אין זײַן פולן גלאנץ,

פאר אונדזער ליבע, וואָס איז זויבער ריין,
און שטארקער איז זי פונעם טויט אליין.

שמועל גאָרדאָן

מעכילע

I

איך נאָכדעם ווי אורי גאַווריליאָוויטש האָט איין מאָל און א צווייט מאָל געעפנט די אויגן און ביידע מאָל געזען פאַר זיך איינע און די זעלבע געקוויטלטע שטאָרן אויף די פענצטער און אויף יענער זייט פענצטער — איינעם און דעם זעלבן געלבלעך־בלייכן לאָמפּ אויפן סלופּ, איז ער נאָך אַלץ ניט געווען זיכער, צי דאָס, וואָס סע קומט מיט אים פאָר אין די דאָזיקע רעגעס, געשעט אויף דער וואָר, צי דאָס ציט זיך נאָך אַלץ דער שווערער פאַרפּלאָנטערטער כאָלעם. אַזעלכעס, — ער זאָל זיך אויפכאַפּן פון שלאָף, און ליגנדיק דערנאָך האַלב א וואַכער, מיט צוגעמאַכטע אויגן דערפירן דעם איבערגעריסענעם כאָלעם ביזן סאָף, — איז זיך מיט אים שוין ניט איין מאָל פאַרלאָפן. עס געדענקט זיך אים אַפילע: ווי מעשונע־ווילד און פאַרפּלאָנטערט עס זאָלן ניט געווען זיין די ווייטערדיקע געשעענישן, האָט ער זיי דערנאָך לייכט געקאָנט איבערדערציילן מיט די מינדסטע איינצלהייטן, אַזוי קלאָר און דייטלעך האָט ער עס אַלץ געהאַט געזען. און שטענדיק: צוקוקנדיק זיך מיט פאַרמאַכטע אויגן צו דעם, וואָס עס קומט פאָר מיט אים און אַרום אים, האָט דער האַלב וואַכער אוריִעל אויף קיין רעגע דערביי ניט פאַרגעסן, אַז דאָס אַלץ קומט פאָר אין שלאָף, נאָר אַריינמישן זיך, אָפּשטעלן עס, האָט ער ניט געקאָנט, כאָטש ער האָט, ווי ער געדענקט, זיך שוין ניט איין מאָל עס געפּרוּווט טאָן. אַפּאָנעם, אַז ניט ער פירט אָן מיט די ווייטערדיקע געשעענישן פונעם איבערגעריסענעם כאָלעם, נאָר זיי פירן אָן מיט אים, אַפילע אין די רעגעס, ווען ער לאָזט ניט, זיי זאָלן אים צומאַכן די אויגן, נאָר ער האַלט די אויגן בעקיוון ברייט צעעפנט.

דאָס זעלבע פאַרלויפט זיך מיט אים, דאַכט זיך, אויך איצט. שוין א היפּשע ווײַלע, ווי ער ליגט מיט אָפענע אויגן, נאָר דער שווערער פאַרפּלאָנטערטער כאָלעם לאָזט אים נאָך אַלץ ניט אָפּ פון זיך. ער האַלט אים ווי פריִער פאַרקוועטשט אין א פּרעס, און וואָס א רעגע, קלעמט ער אים אַלץ שטאַרקער צונויף. נאָך איין מינדסטן קלעם, און עס וועלן בא אים נעמען פּלאַצן די ריפּן. ניין, מער קאָן ער ניט וואַרטן. ער מוז זיך אַריינמישן, איבעררייסן אָט דעם צו לאַנג פאַרצויגענעם שווערן כאָלעם.

אורי גאַווריליאָוויטש זעצט זיך האַסטיק אויף, לאָזט אַראָפּ די פיס פון געלעגער, רירט מיט זיי אָן דעם קילן דיל, זוכט אָפּ אין דער פינצטער די ברילן אויפן דערביישטייענדיקן נאַכט־טישל, טוט זיי אַפילע א פּאָר מאָל אָן, ווי ער וואָלט נאָך אַלץ ניט גלייבן, אַז ענדלעך האָט ער זיך שוין איינגאַנצן באַפרייט פון שלאָף און אַז סע שטייט אים שוין מער ניט פאָר צו קלעטערן איבערן שפּיציקן פעלדז און, פליִענדיק פון דאָרט אין טיפן טאָל, אַריינפאַלן

אונטער א פּרעס, פון וועלכן ער קאָן זיך נאָך אַלץ ניט ארויסקלײַבן. ער קאָן ניט פאַרשטיין, פאַרוואָס קלעמט מען אים די גאַנצע צײַט צונויף די לינקע זײַט, און פאַרוואָס אַזוי שטאַרק. ער קאָן שוין באַלד דעם אָטעם ניט איבערכאַפּן.

איצט איז דאָך שוין זיכער ווילד צו קלערן, אַז דאָס געשעט ניט אַף דער וואָר. ער האָט אָן א שיר סימאָנים דערצו: אָט איז דאָ נאָרוואָס געווען פינצטער, און אָט האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט צום שאַלטער, און ס'איז גלײַך געוואָרן ליכטיק. ער האָט זיך געריכט דערזען אַף די אַראָפּגעהאַנגענע שטאָרן אויסגענייטע בונטפאַרביקע קווייטן, פרייליכע בעריאָזע־ביימלעך אַף די טאַפּעטן, קרישטאָלענע וואַזעס און באָקאַלן אין גלעזערנעם סערוואַנט, רויטע און בלויע און גרינע ליכט אין די בראָנזענע קאַנדעליאַברעס אַף די ווענט, ווייכע שטולן מיט הויכע ווענטלעך ארום דעם פּאָלירטן טיש און נידעריקע פּאָטעלן אין די ווינקלען — האָט ער עס אַלץ דערזען. אוריִעל שליסט אפילו אײַן דעם טראַנזיסטאָר און הערט זיך א ווײַלע צו צו דעם טויבמאַכנדיקן שפּילן, וואָס האָט זיך אַרײַנגעריסן אין צימער. אין שלאָף וואָלט ער דאָך געוויס ניט געווען געזאָגט צו זיך: „שליס אים די רעגע אויס. נאָך עלף אין אָוונט דאַרף זײַן שטיל", און ער וואָלט דערבײַ זיכער ניט געווען פרעגן בא זיך אַף א קאָל: „צו וואָס טראַנס־לירט מען עס אפילו אינמיטן דער נאַכט אַזא מוזיק, פון וועלכער עס שפּרינגען אַזש אונטער די שויבן?" — אין שלאָף וואָלט ער דאָך ניט געהערט דעם אָפּהילך פון זײַנע שטילע טריט און ניט געפילט די עטוואָס פײַכטלעכע קילקײַט פון דער האַלב־גלעזערנער טיר פון באַלקאָן, צו וועלכער ער האָט צוגעטוליעט דעם שטערן.

נו, פאַרשטייט זיך, אַז ער שלאָפט ניט. אינגאַנצן אָבער וואַך איז ער, אַפּאָנעם, נאָך אויך ניט, אויב דער ווייטעק, וואָס האָט אים אָנגעכאַפּט אין כאָלעם, לאָזט אים נאָך אַלץ ניט אָפּ. אָט דאָס וועלן זיך אײַנריידן, אַז ער איז נאָך ניט אינגאַנצן וואַך, איז איצט די איינציקע האָפענונג זײַנע אַף צו באַפרײַען זיך פון אָט דעם אומדערטרעגלעכן ווייטעק.

אָפּגעשטאַנען אַזוי א ווײַלע באַם באַלקאָן, לעשט אורי גאַוורילאָוויטש אויס די שײַן, לייגט זיך צוריק אַוועק, מאַכט שטײַף צו די אויגן און פּרוּווט צונויפקניפּן דעם פאָדעם פונעם איבערגעריסענעם כאָלעם, דערפירן אים ביזן סאָף. און כאָטש אוריִעל געדענקט פּינקטלעך, בא וואָס ער האָט זיך איבערגעריסן, דער פאָדעם, קאָן ער אים אָבער בעשום־אויפן שוין צו־ריק ניט צונויפקניפּן, און ווייסט, אַז ער וועט אים שוין ניט צונויפקניפּן, ווײַל ער, אוריִעל, איז איינציײַטיק פאַרנומען גאָר מיט עפּעס אַנדערש — ער וויל באַנעמען, וואָס איז עס פאַר א ווייטעק. עפּעס איז ער אינגאַנצן ניט ענלעך אַף קיין איינעם פון די, וועלכע איז אים ווען־ניט־איז אויסגעקומען איבערטראָגן. יעדעס מאָל, אַף וויפל ער געדענקט, האָט ער געקאָנט אָנווײַזן, ווו עס טוט אים ווײ, און זאָגן, וואָס איז עס פאַר א ווייטעק, ווײַל ער איז געווען אָן אינערלעכער, ער איז געגאַנגען פון אינעווייניק, און דער, וואָס האָט אים איצט אַרומגעכאַפּט און לאָזט ניט אָפּ, איז אינגאַנצן עפּעס אַן אַנדערער, ניט קיין אינערלעכער. ער איז אַזא, וואָס קומט פון אויסן. ס'איז גענוג, מע זאָל אים באַפרײַען, אוריִעלן, פונעם פּרעס, ווי אַלץ וועט גלײַך דורכגיין. דער פּרעס לאָזט אים אָבער פון זיך ניט ארויס. ער פאַרקלאַמערט אים, דאַכט זיך, נאָך שטאַרקער. אוריִעל מאַכט שוין מער ניט צו די אויגן.

עס גייען דורך עטלעכע מינוט, נאָר אורי גאַוורילאָוויטש קאָן אַלץ נאָך ניט באַנעמען, וואָס עס קומט מיט אים הײַנט אַזעלכעס פאָר. פאַר די צוויי כאַדאָשים, וואָס ער איז אַף דער דאַטשע, האָט ער זיך קיין איין מאָל ניט באַקלאָגט אַפן געזונט. ער האָט זיך ביכלאַל זעלטן ווען באַקלאָגט אַפן געזונט, באַזונדערס די לעצטע עטלעכע יאָר, ווען דאָס פאַרנעמען זיך יעדן אינדערפרי, א האַלב שאָ אַפן זייגער, מיט פיזקולטור־איבונגען איז בא אים געוואָרן שוין א געוווינהײַט, ווי בא זײַן טאַטן אָלעוו־האַשאָלעם אַמאָליקע יאָרן דאָס דאַוונען. ארויסגעפאָרן פון דער דאַטשע איז ער, אוריִעל, פּונקט זיבן אין אָוונט. אין דעם אָנגעפּיקעוועטן וואַגאָן פון דער בײַשטאָטישער עלעקטרישער באַן איז געווען מעסוקן הייס. דערצו איז אים דעם גאַנצן וועג, בא אַן אָנדערהאַלבן שאָ, אויסגעקומען שטיין אַף די פיס.

ניט ווײַט פון זײַן נײַער וווינונג אין עק שטאָט, וווהין ער האָט זיך ניט לאַנג צוריק אַריבערגעצויגן, האָט ער זיך אַרײַנגעכאַפּט אין א קאַפע און אויסגעטרונקען א קופל ביר. אַרום צוועלף באַנאַכט, נאָך דעם ווי ער האָט דורכגעבלעטערט זײַן אייגענעם לערנבוך, לויט וועלכן די סטודענטן, וואָס זײַנען דורכגעפאַלן אַף דער פרילינגדיקער סעסיע, וועלן מאָרגן זיך בא אים איבערעקזאַמענירן, האָט ער זיך געלייגט שלאָפן. וויפל איז ער עס אָפּגעשלאָפן?

דאָס מאָל האָט אוריִעל, אַראָפּגייענדיק פון געלעגער, שוין די שײַן ניט אָנגעצונדן. באַנאַכט איז די עלעקטרישע ליכט ביז צום בלינד ווערן העל. ער האָט פאַרהויבן די שטאָרן אַפן פענצטער און פאַרכידעשט א קוק געטאָן אַפן וואַנט־זייגער. ס'איז געגאַנגען ערשט די דריטע שאָ.

דאכט זיך, אז שטייענדיק איז אים לײַכטער. און עפשער פילט ער ניט אזוי די ווייטעקן, ווײַל ער הערט זיך צו זיי שוין ניט אזוי צו. ער איז איצט אינגאנצן ארײַנגעטאָן אינעם באנאכטיקן דרויסן.

פונדאנען, פונעם אכטן שטאָק, זעט זיך דער נײַער היפש־צעוואקסענער מיקראָ־ראיאָן אזש ביזן בלייך אויסגעשטערנטן האָריזאָנט, וועלכער, ווי עס גיט זיך אים אויס, שפּארט זיך דאָרט אָן אָף די פּילשטאָקיקע מויערן, וואָס כאפּן פונדערווײַטן דעם אָנבליק פון שטארצנדיקע פעלדזן. ניט לאנג צוריק, גיט אורי׳על בא זיך א טראכט, זײַנען אונטערן זעלבן האָריזאָנט מיסטאמע געלעגן פונקט אזעלכע דערפלעך, ווי דאָס דערפל אנטקעגניבער, וואָס ליגט מיטן איינציקן שטיקל גאס שיר ניט באם סאמע צופוסנס פונעם מויער, אין וועלכן ער וווינט. איצט זעט אים שוין, אורי׳עלן, ניט אויס אזוי מאָדנע דאָס, וואָס די באלעבאטים פון אָט די נידעריקע הילצערנע שטיבלעך אײַלן ניט זיך אריבערצי׳ען אין די נײַע דירעס, וועלכע מע האָט, ווי ער האָט געהערט זאָגן, קימאט איטלעכן פון זיי געגעבן. פון אָנפאנג אָבער, ווען ער האָט זיך איבערגעקליבן אהער פון צענטער שטאָט, האָט עס אים שטארק געוווּנדערט. ער האָט ניט געקאָנט פארשטיין, וואָס האלט זיי דאָ אזוי צו? דאָס שלעפּן אָף זיך צען מאָל א טאָג וואסער פונעם ברונעם, צי דאָס האָבן צו טאָן אום ווינטער מיט די הרובעס?

אורי גאוורילאָוויטש האָט וועגן דעם אנומלטן געהאט געפרעגט איינעם פון זיי. דאָס איז געווען אָף דער דריטער צי אָף דער פערטער וואָך, ווי ער, אורי׳על, האָט זיך דאָ באזעצט. צוזאמען מיט נאָך עטלעכע מענטשן פון זײַן הויז איז ער געגאנגען אויסגראָבן די ביימלעך פונעם הייפל, פונוואנען ס׳איז מיט אייניקע טעג צוריק אריבערגעפאָרן אין א נײַער ווינונג דער פרי׳ערדיקער באלעבאָס, און פארפלאנצן די דאָזיקע עטלעכע ביימלעך אונטער די פענצטער פונעם נאקעט־שטארצנדיקן צוועלפשטאָקיקן מויער. אורי׳על האָט ניט באוויזן נאָך אוועקשטעלן דעם פוס אפן גראָבײַזן, ווי אין הייפל איז ארײַנגעלאָפן א צעשויבערטער מאנצבל מיט פארבײַלטע פויסטן און געדראָעט, אז טאָמער פארנעמען זיי זיך ניט באלד אלע פונדאנען, לאָזט ער אראָפּ די הינט פון דער קייט.

אין יענע רעגעס האָט אורי׳על ניט געהאט מיט וואָס צו דערווידערן די, וועלכע האָבן זיך ארופגעוואָרפן אפן געוועזענעם אייגנטימער פונעם הייפל, געמאכט אים מיט דער בלאָטע גלײַך, אויסגעוואָרפן אים, אז בא אים איז א באלעגופישע נעשאָמע, אז כוץ דער אייגענער קעשענע גייט אזעלכע, ווי ער, קיין זאך ניט אָן, זיי וואָלטן, אפאָנעם, וועלן, אז אויסער די נײַע ווינונגען מיט אלע באקוועמלעכקײַטן, וואָס מע גיט זיי אומזיסט, זאָל מען זיי אויך איבערלאָזן די הײַזלעך, קעדיי קאָנען אָף זומער זיי פארדינגען, די שטאלן מיט די שטעלכלעך, זיי זאָלן דאָרטן קאָנען האלטן בעהיימעס און הינער, ניט אָנרירן, גאָט באהיט, די סעדלעך און גערטנדלעך, איבערלאָזן זיי דאָ אלץ, פון וואָס מע קאָן מאכן געלט.

אָט דעם דאָזיקן מאנצבל, וועלכער איז נאָכן אריבערצי׳ען זיך אין א נײַער דירע סײַווי פארבליבן דערווײַל אין דער פרי׳ערדיקער ווינונג זײַנער, אין דעם איבערגעטריקנטן טונקלגרויען, ווי מאקוכע, הילצערנעם שטיבל מיט די ברעקלעך פענצטער, האָט אורי׳על לאנג ניט געקאָנט פארגעסן. צײַטנווײַז האָט זיך אים אויסגעגעבן, אז ניט צוליבן געלט, וואָס יענער קאָן אויסשלאָגן פון זײַן געוועזענער שטיקל באלעבאטישקײַט, האלט ער זיך אזוי פאר דעם. די בענקשאפט צום פיצל ערד, אָף וועלכן ער איז געבוירן, האלט אים דאָ אזוי צו.

ווי׳אזוי האָט ער עס, אורי׳על, באלד ניט פארשטאנען, אז אפילע נאָך דעם ווי דער בולדאָזער וועט אראָפּטראָגן אָט דאָס פארבליבענע שטיקל דאָרפישע גאס, וועלן אירע פרי׳ערדיקע אײַנוווינער נאָך לאנג־לאנג קומען אהער צו גיין. ער ווייסט עס לויט זיך: דער וויפלטער כוידעש שוין, ווי ער האָט זיך באזעצט אין דעם דאָזיקן מיקראָ־ראיאָן; ס׳איז אָבער ניט געווען נאָך, דאכט זיך, דער פאל, ער זאָל זײַן אין צענטער שטאָט און ניט אראָפּכאפּן זיך א קוק טאָן אפן רויטן צווייגאָרנדיקן מויערל, ווו ער האָט פרי׳ער געוווינט. אפילע איצט, ווען מע האָט דאָס מויערל שוין אראָפּגעטראָגן און אָף זײַן פלאץ פארפלאנצט א סקווערל, כאפּט ער זיך אויך פון מאָל צו מאָל אהין אראָפּ. איז וואָס איז דער וווּנדער, אויב א מענטש קאָן ניט צוזען, ווי מע וואַרפט פאנאנדער זײַן נעסט, ווי מע גראָבט ארויס פון דער ערד, אָף וועלכער ער איז געבוירן און געוואקסן, די ביימלעך, וועלכע ער האָט אליין פארפלאנצט?..

בענקשאפט איז עפשער דאָס שטארקסטע און דויערהאפטסטע, וואָס ס׳איז דאָ אינעם מענטשן. ער נעמט עס, אורי׳על, פון זיך אליין. ס׳איז גענוג געווען, ער זאָל די ערשטע נאכט אין דער נײַער דירע פלוצעם דערהערן א קרייען פון הענער, אז עס זאָל אים גלײַך אריבערטראָגן פונדאנען אינעם ווײַטן שטעטעלע פון זײַן ווײַטער קינדהײַט, כאָטש ער האָט זיכער ניט וואָס צו בענקען נאָך יענע ווײַטע יאָרן, וועלכע זײַנען דורך אין א האלב אײַנגעפאלן שטיבל מיט פארשימלטע ווענט און א נאסע סטעליע, וואָס איז געשטאנען פארוקט אין א

קרום בלאָטיק געסל... און דאָך טרײַבט ער זי פֿון זיך ניט אָפּ, די בענקשאַפֿט, װעלכע עס ברענגט מיט זיך יעדעס מאָל אַהער צו טראָגן, אָפּן אכטן שטאָק, דאָס קרײַען פֿון די הענער אין די שטעלעכלעך פֿון דער אנטקעגנליגנדיקער דאָרפֿישער גאַס, װאָס קוקט אַהער אַרויף מיט אומעטיקע נאַקעטע שײַבלעך. מערע אַרקאַדיװנע, די פּרוי זײַנע, איז דאָ איצט ניטאָ. זי איז אָף דער דאַטשע, און ער האָט ניט פּאַר װעמען מוירע צו האָבן עפֿענען די טיר פֿון באַלקאָן. װען מערע איז אין שטוב, װאָלט זי אים, מיסטאמע, ניט געלאָזט עפֿענען אפֿילע די פֿאַרטקע. די פֿענצטער פֿון זײער פּריװאַדיקער װױנונג אין צענטער שטאָט האָבן אַרױסגע־קוקט צו דער גאַס. טאָג און נאַכט האָט זיך דאָרט געטומלט פֿון די טראַמװײַען און מאַשי־נעס. און גאַרניט. ס׳האָט זי ניט געקימערט. זי האָט געקאָנט שלאָפֿן בא אָפֿענע פֿענצטער. נאָר צום באַנאַכטיקן קרײַען דאָ פֿון די הענער קאָן זי ביז איצט זיך ניט צוגעװױנען. זי כאַפּט זיך גלײַך אוף און קאָן שוין דערנאָך ניט אײַנשלאָפֿן. צוליב איר מוז ער שוין אויך שלאָפֿן בא פֿאַרמאַכטע פֿענצטער — װי הײס און דושנע סע זאָל ניט זײַן.

מיט א באַזונדער מין צולאָכעס, װאָס פֿאַרשאַפֿט פֿאַרגעניגן, האָט אוריִעל א צי געטאָן די טיר פֿון באַלקאָן, נאָר צומאַכן אײַנגאַנצן זי צוריק האָט ער שוין ניט געקאָנט. ס׳האָט אים קוים געקלעקט קויעך אָף צו דערשלעפּן זיך צום געלעגער. דער װײטעק, װעלכן ער האָט, שטײענדיק באַם באַלקאָן, געהאַט עטװאָס פֿאַרטויבט מיטן אַרײַנטאָן זיך אינעם באַנאַכטיקן דרויסן, האָט זיך װי אָפּגערעכנט מיט אים דערפֿאַר. ער האָט זיך אָף אים אַרופֿגעװאָרפֿן מיט א מעשוגנעדיקער צערײַצטקײַט און אים אַזױ צונױפֿגעפּרעסט די לינקע זײַט, אַז ער קאָן אפֿילע ניט װײנען, כאָטש ער האָט ניט פּאַר װעמען זיך דאָ צו שעמען, ער איז אײנער אלײן אין דער גאַנצער דירע. אָט איצט פֿאַרשטײט ער, פֿאַרװאָס לױכטן זיך ניט אין די אונטן אַלע פֿענצטער בא זײ אין הויז. די דירעס זײַנען דאָ פֿון לאַנג שוין אַלע פֿאַרנומען, נאָר ניט אין אַלע דירעס װױנט מען שוין. דער, װאָס קאָן אָפּציִען מיטן אַריבערקלײַבן זיך אײַנגאַנצן אַהער, דער ציט אָפּ, און מער פֿון אַלץ דערפֿאַר, װאָס אינעם הויז זײַנען נאָך ניטאָ קײן טעלעפֿאָנען. סע זאָל געװען זײַן דאָ בא עמעצן א טעלעפֿאָן, װאָלט ער, אוריִעל, צו אים אָנגעקלאַפּט און געבעטן אַרויסרופֿן א דאָקטער. דאַכט זיך, אַז דער װײטעק לאָזט אים ביס־לעכװײַז אָפּ. נײן, דאָס לאָזט ער אים פֿאַשעט איבערכאַפּן דעם אָטעם.

נאָך דעם װי אורי גאָװרילאָװיטש האָט שוין אַלץ אויסגעפּרוּװט אָף צו באַפֿרײַען זיך פֿון די שרעקלעכע װײען, װאָס האָבן אים צונױפֿגעקװעטשט, װי ער זאָל װירקלעך געװען ליגן אונטער א פּרעס — זיך אומגעטראָגן הין און הער פֿון צימער צו צימער און א צונױפֿ־געקאָרטשעטער אײַנדרײַען זיך א װאַלגער געטאָן אָפּן געלעגער מיטן פּאָנעם אין קישן, צעבײַסנדיק זיך ביז בלוט די ליפּן, — איז ער אָנגעקומען צו דעם שטענדיקן מיטל זײַנעם, מיט װעלכן ער האָט ניט אײן מאָל פֿאַרטויבט אין זיך װײטעקן: ער האָט זיך פֿאַרטראַכט, װאָס איז אַזױנס װײטעק. אין א װײַלע אַרום איז דאָס סאַמע װיכטיקסטע שוין פּאַר אים געװען — געפֿינען דערויף אַן ענטפֿער.

דער דאָצענט פּונעם באַרג־אינסטיטוט, אורי גאָװרילאָװיטש אַנשין, װאָלט אָף אײניקע געגנשטאַנדן, װעלכע ער האָט געלערנט אין שול, מיסטאמע געװען איצט אײנער פֿון די אָפּ־געשטאַנענסטע צװישן די שילער פֿונעם אכטן צי אפֿילע פֿונעם זיבעטן קלאַס. אַלנפֿאַלס, אָף אַנאַטאָמיע װאָלט ער זיכער געװען דער אָפּגעשטאַנענסטער, און פֿאַרענדיקט האָט ער דאָך די שול דורכויס אָף „גאַנץ באַפֿרידיקט”, װי סע האָט דעמאָלט געהײסן דער איצטיקער באַל „פֿינף”. װען מע זאָל צו יענער צײַט געװען צוריק אײַנפֿירן אין די שולן מעדאַלן, װי מע האָט עס אײַנגעפֿירט אין יאָרן אַרום, װאָלט ער באַשטימט געקראָגן א מעדאַל, מעגלעך אפֿי־לע א גאָלדענע. מיסטאם איז ער, אוריִעל, ניט דער אײנציקער צװישן די קאַנדידאַטן פֿון טעכנישע װיסנשאַפֿטן, און עפּשער אפֿילע אויך צװישן די, װאָס טראָגן דעם טיטל דאָקטאָר, װעלכע האָבן אָף אַזױפֿיל פֿאַרגעסן פֿון דעם, װאָס זײ האָבן געלערנט אין די ייִנגלשע יאָרן אין שול, אַז זײ געדענקען שוין, דוכט זיך, ניט. װיפֿל ריפּן עס פֿאַרמאָגט א מענטש, צי, אַשטײגער, װיאַזױ עס איז געבויט דאָס אויג, דער אויער. װי איז דאָס זעלבע געשען מיט אים, װעלכער האָט אָף אַנאַטאָמיע אויך געהאַט די העכסטע אָפּשאַצונג, פֿאַרשטײט ער, אוריִעל, אלײן ניט. מעגלעך, אַז שולדיק דערין איז דער לערער, װאָס האָט דערצײלט װעגן דעם מענטשלעכן קערפּער װי װעגן א געװײנלעכער מאַשין, און עפּשער איז ער, אוריִעל, אלײן גאָר שולדיק, װאָס ער האָט פֿאַנאַנדערגעטײלט די געגנשטאַנדן אָף נײטיקע און ניט נײטיקע. אָף אָנצוקומען אין א טעכנישן אינסטיטוט, — דאָס האָט ער געװוּסט, נאָך זײַענדיק אין זעקסטן צי זיבעטן קלאַס, — װעט ער מיט אַנאַטאָמיע צי זאָאָלאָגיע ניט דאַרפֿן האָבן צו טאָן. איז צו װאָס זאָל ער זיך מיִען עס פֿאַרגעדענקען. און װאָס סאַפּקאָלסאָף קומט אַרויס דערפֿון דעם, װאָס װײסט דאָס געבוי פֿונעם מענטשלעכן קערפּער אָט װי ער, אורי גאָװרילאָ־

וויטש, ווייסט דעם געבוי פון די האָריזאָנטן אין שאכטע? דאָס פארהיט דען פון ווייטעקן דעם, וואָס היילט יענעם, צי די ווייטעקן זײַנען בא אים קלענערע?.. דעם מענטשלעכן קערפּער, זאָל אפילע זײַן, אז דער סאָף זײַנער איז, אייגנטלעך, דער זעלבער, וואָס בא דעם פלאסט שטיינקוילן, קאָן מען אים אָבער פאָרט ניט פארגלײַכן צום האָריזאָנט אין דער שאכטע. אפילע צו דער סאמע קליגסטער מאשין מע זאָל אים פארגלײַכן, וועט עס אויך זײַן ביז גאָר איינפאך. און די, וועלכע פּרוּוון עס טאָן, דערווײַזן בלויז דערמיט, ווי ווייניק דער מענטש ווייסט נאָך וועגן זיך. וויפל דוירעס וועלן נאָך אוועקגיין און וויפל דוירעס דארפן נאָך קומען, ביז דער שארבן וועט אופהערן ווערן פארן מענטשן א סוידעספולע הייל. ניין, דער מענטשלעכער שארבן וועט, ווײַזט אויס, קיינמאָל ניט אנטפּלעקן אלע זײַנע סוידעס. דאָס אָבער ווייסט דער מענטש אף זיכער: יעדעס קעמערל פון זײַן לײַב, מעג עס זײַן אין הונדערט צי אין טויזנט מאָל קלענער פונעם שפּיץ פון א נאָדל, האָט אין דער סוידעספולער הייל זײַן באזונדערן שאָליִעך, וועלכער גיט אויגנבליקלעך איבער די מינדסטע און קלענסטע געשעעניש, וואָס פארלויפט זיך מיטן קעמערל. און כאָטש אוריִעל פארשטייט, אז מע קאָן דעם מענטשן מיט גאָרנישט ניט פארגלײַכן, פונדעסטוועגן זוכט ער יעדעס מאָל פאר אים א פארגלײַך, ער זאָל האָבן באַ וואָס זיך אָנצוהאלטן אינעם געראנגל מיט די ווייען, וועלכע עס געלינגט אים דערמיט אף א שטיקל צײַט צו לינדערן.

דאָס מאָל האָט אורי גאוורילאָוויטש צוגעזוכט פאר זיך א פארגלײַך — די פּיאנע, וואָס שטייט אין שכיינעסדיקן צימער. רירסט זיך צו צו אירן א קלאוויש, גיט וועגן דעם באלד צו וויסן די אָנגעצויגענע סטרונע. דאָס זעלבע קומט, אייגנטלעך, איצט פאָר אויך מיט אים. און פונקט ווי מע קאָן פארטויבן דעם קלאנג פון איין סטרונע מיטן קלאנג פון א צווייטער, א מער שטארקערער, אזוי קאָן מען אויך פארטויבן אין זיך די ווייען, זאָל אפילע זײַן, אז נאָר אף א קורץ שטיקל צײַט. מע דארף בלויז קאָנען אָפּזוכן אין זיך אָט די נייטיקע סטרונע, די נייטיקסטע און שטארקסטע.

נאָר וויפל אורי גאוורילאָוויטש האָט ניט איבערגעקליבן אין זיך די אָנגעצויגענע סטרונעס, האָט ער צווישן זיי נאָך אלץ ניט געקאָנט געפינען די נייטיקסטע און שטארקסטע. אפילע דאָס דערמאָנען זיך אינעם בריוול, וואָס ער האָט מיט יאָרן צוריק, זײַענדיק א סטודענט, געשריבן דער אלטער קראנקער מאמען זײַנער, אז זי זאָל גיין ארבעטן אף א זאוואָד, ער דארף עס צוליב דער אנקעטע זײַנער, אניט וועט מען אים מיסטאם ניט איבערלאָזן אין דער אספּיראנטור, — אפילע די דאָזיקע דערמאָנונג, פון וועלכער ער האָט צום ערשטן מאָל פאר די אלע יאָר זיך ניט אָפּגעקערט, ווי ער פלעגט עס קעסיידער טאָן, קוים נאָר האָט דער זיקאָרן א דערמאָן געטאָן וועגן דעם, און צום ערשטן מאָל פאר די אלע יאָרן ניט איבערגעשלאָגן דעם זיקאָרן זײַנעם, וואָס האָט זיך אזוי אָנגעוואָרפן איצט אף אים, אז פון בושע וועט זיך, דאכט זיך, באלד אָנכאפּן דער קישן אונטער אים, איז נאָך אויך ניט געווען די סטרונע, וועלכע זאָל קאָנען פארטויבן מיט זיך זײַנע ווייען. צוליב דעם דארף ער, אָפּאָנעם, אָנציִען עטלעכע סטרונעס מיטאמאָל. נאָר דער זיקאָרן לאָזט אים איבעריקס זיך ניט ארײַנמישן. ער איז איצט באלעבאָס און צווינגט אויסהערן ביזן סאָף אלץ, וואָס ער האָט אים צו זאָגן וועגן יענעם בריוול, און זאָל ער, אוריִעל, נאָכדעם אליין ארויסטראָגן איבער זיך דעם פּסאק. די גרעסטע שטראָף פארן מענטשן איז די, וועלכע דער מענטש טראָגט זיך אליין ארויס, בלײַבנדיק מיט זיך אויג־אף־אויג, אָט ווי ער, אוריִעל, איצינדער.

דער זיקאָרן לאָזט גאָר ניט דורך. ער הייבט אָן פונעם פּאָגראָם אין שטעטל, נאָך וועלכן אוריִעל איז פארבליבן א האלבער יאָסעם, פונעם געקווייטלטן פארלאטעטן ציכל, מיט וועלכן ער פלעגט פרײַטיק אומגיין איבער די הײַזער, אָנטעמענדיק זיך הינטער די טירן מיטן ווארעמען רייעך פון הרעטשענע פּידפּאָלקעס, פון די אָרעמע מאָלצײַטן אף נעגידישע כאסענעס, פון אויסבעטן באם דאווענען כאנעקע־געלט בא די באלעבאטים אין בעסמעדרעש... דערנאָך שפּרינגט אריבער דער זיקאָרן צו די ייִנגלשע יאָרן, ווען ער, אוריִעל, האָט שוין געוווינט אין שטאָט — צו דעם טונקעלן קעראָסין־לעמפּל אף דער פײַכטער וואנט, צום אומעטיק־אויסגעשטערנטן הימל, וואָס פלעגט ארײַנקוקן דורך די פארלאטעטע שײַבלעך אינעם הינטער־שטיבל באם אָפּטריט, ווו זומער איז ניט געווען ווו צו אהינטאָן זיך פון די פליגן און ווינטער פון דער פײַכטער קעלט... דער זיקאָרן זײַנער לאָזט גאָרניט דורך, ער דערמאָנט, ווי האלבע נאכט פלעגט די מאמע זײַנע אופשטיין, נעמען אף די אקסל די צוויי גרויסע געפלאָכטענע קערב און שטיל, ווי א שאָטן, זי זאָל, כאָלילע, ניט אופוועקן די קינדער, זיך ארויסגליטשן פון שטוב. און אזוי נאכט אין נאכט, יאָר נאָך יאָר, פון זינט זיי האָבן נאָכן פּאָגראָם, צוזאמען מיט א סאך אנדערע פּליטים, זיך אריבערגעקליבן אין שטאָט. ערגעץ אף א ווײַטער בארגיקער גאס איז געווען די בעקערײַ, ווו זײַן מאמע פלעגט נעמען אף בארג צוויי קוישן געבעקס און עס

פאַנאַנדערטראָגן אירע קונדן אַף באַרג איבער דער גאַנצער שטאָט. דאָס גאַנצע פאַרמעגן אירס, וואָס האָט באַטראָפן, — אוריזעל האָט עס פאַרגעדענקט ביז איצט, — זיבן און דרייַסיק רובל, איז געווען צעשטעקט צווישן אירע קונדן, וועלכע פלעגן מיט פּאַסיקלעך, די מאַמע זייַנע זאָל פאַרשטיין, אַליין אַרייַנשרייַבן זייערע כויוועס און באַם צעכעזשבעגען זיך אַליין אויסמעקן די פּאַסיקלעך אין איר צעקנייטשט און פאַרפלעקט העפטל.

מעגלעך דערפאַר האָט זיך אים אַזוי פאַרגעדענקט, וויפל עס האָט צו יענער צייַט באַטראָפן דער מאַמעס פאַרמעגן, ווייַל ווען ער האָט איינמאָל געהאָלפן צונויפצײלן די פּאַסיקלעך אינעם העפטל, האָט זי אַ זאָג געטאָן צו זיך: „אַפילו קיין האַלבע קו מאַכט עס ניט אויס". אַז די מאַמע זייַנע האָט אין עטלעכע יאָר אַרום נאָך דער כאַסענע געקויפט פאַרן אָפּגעשפּאָרטן געלט אַ קו און באַצאָלט פאַר איר פינף און זיבעציק ניקאָלייַעווער רובל, און אַז פון דעם, וואָס זי פלעגט פאַנאַנדערטראָגן מילך איבער די נעגידישע הייַזער, האָט זי געצויגן די כאַיונע, האָט ער ניט איין מאָל געהערט זי עס דערציילן. נאָר דעמלט, ווען די מאַמע זייַנע האָט אין די פריזע קאַיאָרן געשלעפּט אַף זיך די קאַנען מילך, איז זי נאָך געווען אַ יונגע, זי האָט נאָך ניט געהאַט אַף זיך קיין פּאַגראָם, זי איז נאָך דעמלט ניט געלאָפן מיט די ברעקלעך קינדער אַף די הענט אינמיטן דער נאַכט פון אַ צווייטן פּאָגראָם. די קוישן געבעקס האָט זי געשלעפּט אַף זיך, ווען זי איז שוין געווען אין זייַן איצטיקן עלטער, עלטער אַפילו אַף עטלעכע יאָר. אוריזעל ווייסט, אַז ער זעט אויס נאָך ווייַט פון אַ מענטשן, וואָס איז האיאָר שוין אַרייַנגעפאָרן אין זעקסטן יאָרצענדליק. ער פייַנט זיך צומאָל דערמיט אויס פאַר זיך אַליין און פאַרגעסט דערבייַ, אַז אים איז אַפילו אין דער יוגנט ניט אויסגעקומען שלעפּן אַף זיך נאַכט נאָך נאַכט שווערע קערב מיט געבעקס פאַר יענעם, און אַז אים איז קיינמאָל ניט נאָכגעלאָפן זייַנס אַ קינד, ווי ער איז נאָכגעלאָפן דער מאַמען און געשריען איבער דער גאַנצער גאַס: „כ'וויל עסן", — און די טרייַע איבערגעגעבענע מאַמע זייַנע האָט ניט געהאַט אים וואָס צו געבן.

אָט אַזוי, אָן אָנגעזאָטלטע מיט די שווערע קערב אַף די פּלייצעס, האָט מען זי אין איינעם אַ באַגינען געטראָפן ליגן אַ געכאַלעשטע אין אַ גראָבן. אין אַ קנאַפּן כוידעש אַרום איז זי אויסגעגאַנגען.

וויאַזוי האָט ער עס געקאָנט, מאָנט איצט דער זיקאָרן בא אים אָן ענטפער, שרייַבן דער עטלעך־און־פופציקיאָריקער קראַנקער מאַמען זייַנער, אַז זי זאָל בא אַזא עלטער אָנקומען אַרבעטן אַף אַ זאַוואָד, זאָל אַפילו זייַן, אַז מיטן פאַנאַנדערטראָגן דאָס געבעקס האָט זי געהאַט אַ שטיקל שייַכעס צום האַנדל, געקאָנט אַפילו בלייַבן אָן וואַלרעכט, און דאָס האָט אים אין יענע יאָרן עפשער געווען געשטערט אָנקומען אין אַספּיראַנטור.

דער זיקאָרן זייַנער מאָנט פון אים טייַער אוף פאַר לינדערן עטוואָס די ווייען — ער ציט אין אים אָן איין סטרונע נאָך דער אַנדערער, זוכט אויס פון דער ווייַטער פאַרגאַנגענהייַט און פון דעם, וואָס איז זיך פאַרלאָפן ניט איבעריקס לאַנג צוריק, אַלץ אַזעלכעס, איבער וואָס ער האָט אינעם דאָזיקן עלטער זיך וואָס צו פאַרטראַכטן. און ווען ס'איז אים סאָפקאָלסאָף געלונגען זיך אַרייַנמישן און אָפּשוואַכן דעם ווייטעק מיטן דערמאָנען זיך, ווי ער האָט זיך געטרונקען, פאַרסירנדיק דעם דניעפּער, האָט ער זיך פלוצעם צעלאַכט.

ניט צו באַנעמען. וואָס האָט זיך עס מיטאַמאָל אַרייַנגעמישט אין דעם אַלץ, וואָס ער האָט נאָרוואָס געהאַט פאַר זיך געזען אין דער פינצטער, ליגנדיק מיטן פּאָנעם פאַרגראָבן אין קישן, דער פּראָפעסאָר מיטן געגאָלטן קאָפּ, וועלכער איז געקומען אָנגעבן זייַנע דאָקומענטן אַף אָנטיילצונעמען אינעם אָפענעם קאָנקורס, וואָס דער אינסטיטוט האָט געמאָלדן דורך דער צייַטונג.

ער, אורי גאַווורילאָוויטש, איז דעמלט פונקט געווען באַם רעקטאָר, ווען דער פאַרוואַלטער פון דער קאַטעדרע פון געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן איז אַרייַנגעקומען אין קאַבינעט צוזאַמען מיט אַ מיטלוואוקסיקן עטוואָס אייַנגעהויקערטן מאַנצבל און אים פאָרגעשטעלט ווי זייַנעם אַ גוטן באַקאַנטן. זיי האָבן זיך אַמאָל צוזאַמען געלערנט. ווען דער פאַרוואַלטער פון דער קאַטעדרע — אַ הויכער שטאַלטנער מאַן מיט אָן אָנגענומער ברוסטיקער שטים האָט פאָרגעלייענט דאָס צעטל ווערק, וואָס זייַן באַקענטער האָט פאַרעפנטלעכט, און דערבייַ צוגעגעבן, אַז אייניקע פון אָט די ווערק זייַנען דערשינען אין עטלעכע אויפלאַגעס און אין פאַרשיידענע פאַרלאַגן, און אַז קימאַט אַף איטלעכס פון זייַנע ווערק זייַנען געווען אין דער פּרעסע גוטע אָפּרופן, האָבן באַם אַרייַנגעקומענעם פּראָפעסאָר זיך מאַדנע געלויכטן די שיטערלעך גרינע אויגן אַפן גליקלעך־שמייכלענדיקן געזיכט מיט די דינע פאַרקאַשערטע ליפּן און קורצן אונטערשטן קין. דער פאַרוואַלטער פון דער קאַטעדרע האָט אויך ניט פאַרגעסן צוגעבן, אַז דער פּראָפעסאָר האָט אַ שטיקל צייַט אַפילו געאַרבעט אין דער רעפּובליקאַנישער

הויפטשטאָט. דאָ האָט דער גאסט זיך אופגעשטעלט, ווידער דערלאנגט דעם רעקטאָר די האנט און מיט א באזונדער שטאָלץ, ווי דאָס וואָלט געווען דאָס סאמע וויכטיקסטע פון דעם, וואָס דער פארוואלטער פון דער קאטעדרע האָט אויסגעלייענט פונעם צעטל און דערציילט וועגן אים, זיך אָנגערופן:

— אין אינסטיטוט, וווּ כ'האָב פריִער געארבעט, בין איך א שטיק צײַט געווען דער פאר־טרעטער פונעם פאָרזיצער פון דער שטייגער־קאָמיסיע.

אורי גאורילאָוויטש האָט באמערקט, ווי דער רעקטאָר האָט קוים באוויזן באהאלטן דעם שמייכל אין דער שיינער געדיכטער באָרד און ווי דער פארוואלטער פון דער קאטעדרע האָט פארשעמט אָפגעקערט די אויגן. בלויז ער איינער, דער מענטש מיט די שיטערלעך־גרינע אויגן אפן גליקלעך־צופרידענעם פאָנעם, האָט ניט פארשטאנען, אז ער האָט ניט וואָס אָנצו־געבן אהער די דאָקומענטן, אז מיט אָט דעם איין זאָג זײַנעם האָט ער ווי צונישט געמאכט די ווערט פון אלע זײַנע וויסנשאפטלעכע ארבעטן, אז ס'איז פּאַשעט שווער זיך פאָרשטעלן, אז א מענטש, פאר וועמען דאָס סאמע גרעסטע, דאָס סאמע וויכטיקסטע און סאמע העכסטע איז די שטעלע, וועלכע ער פארנעמט, זאָל קאָנען שאפן עכט וויסנשאפטלעכע ווערק.

ווי א שטראָף פאר דעם, וואָס ער האָט נאָרוואָס געזינדיקט קעגן א מענטשן, אָפגעלאכט פון א מענטשן, זאָל אפילע זײַן, אז הינטער די אויגן, און איז שיר ניט גרייט געווען צונישט מאכן דעם פראָפעסאָר, ווי א געלערנטן בלויז דערפאר, ווײַל יענער האָט זיך פאָרגעשטעלט אויך אלס א פארטרעטער פון א פאָרזיצער פון א קאָמיסיע, זײַנען אין אוריִעלן אנשווויגן געוואָרן אלע סטרונעס, וואָס האָבן א שטיקל צײַט געהאט פארטויבט מיט זיך יענע, וועלכע האָט אים אופגעוועקט פון שלאָף און ארומגעטריבן הין און צוריק פון צימער צו צימער. די סטרונע האָט זיך אזוי אָנגעצויגן, אז אָט־אָט וועט זי פּלאצן און מיטן פארשארפטן שפּיץ אים דורכגעבערן דעם שארבן. דער ווייטעק איז זיך מיטאמאָל אזוי צעוואקסן, אז ניט ער לאָזט אײַנליגן און ניט ער לאָזט אראָפגיין פון געלעגער. און ווי פריִער, קאָן ער, אוריִעל, פּינקטלעך ניט אָנווײַזן, וווּ טוט אים וויי, ווי צומאָל בא ציינווייטעק, ווען סע דוכט זיך, אז אלע ציינער אין מויל רײַסן אוף דעם מויעך.

דער ווייטעק איז שוין איצט ניט קיין אויסערלעכער, וואָס קומט פון ליגן פארקוועטשט אונטער א פרעס, ווי ס'האָט זיך אים פון אָנפאנג אויסגעגעבן, ער איז שוין איצט אינגאנצן אן אינערלעכער. ערגעץ טיף אין אים האָט ער זיך פארקליבן און פון דאָרטן פּײַניקט ער... פונוואנען האָט זיך מיטאמאָל אהער גענומען אָט די אופגעריסענע בריק און די צוויי שווערע אָנגעלאָדענע קערב? אין קאָפ האָט זיך אלץ צונויפגעמישט, צונויפגעפלאָנטערט אין איין קנויל. ער הערט זיך צו, ווי דײַטלעך קלאָר עס שלאָגן אויס די שלייפן: דאָס איז דער סאָף. דאָס איז דער סאָף... אזעלכע ווייטעקן קאָן א מענטש לאנג ניט אויסהאלטן...

II

ניט ווײַל דאָס איז שוין דער סאָף און אף דעם ענדיקט זיך אלץ, האָט אורי גאורילאָ־וויטש זיך צעווײנט. צו הונדערט און צוואנציק יאָר וויל מיסטאמע אויך קיינער ניט שטארבן, נאָר קיין איבעריקע טײַנעס, אויב מאכן א כעזשבן, קאָן ער צום לעבן ניט האָבן. זײַן פאָטער איז קיין פערציק יאָר נאָך ניט אלט געווען, ווען מע האָט אים צעשיידט מיטן לעבן, און ער, אוריִעל, האָט פונדעסטוועגן באוויזן בײַזײַן אף זײַן אייגענעם פופציקיאָריקן יויוול, און דער־מיט אליין שוין געהערט ער צו די מאזלדיקסטע פון זײַן דאָר. אורי גאורילאָוויטש האָט זיך צעווײנט פונעם אומדערטערגלעכן ווייטעק באם אראָפלאָזן די פיס פון געלעגער. ביזוואנען די סוידעספולע הייל זײַנע וועט זיך פארוואנדלען אין א געוויינלעכן פוסטן שארבן, וואָס טיילט זיך שוין מיט גאָרניט אונטער פון דער סאָלדאטישער קאסקע, וועלכע ער האָט גע־טראָגן אף דער מילכאָמע, דארף ער זיך צעווײַלן. ער האָט נאָך פיל וואָס צו טאָן. צום אלעם ערשטן — אופשליסן די טיר. מערע וועט זיך איבעריקס ניט באומרויִקן, אויב ער וועט זיך הײַנט ניט אומקערן אף דער דאטשע, ווי ער האָט צוגעזאָגט. מיסטאם האָט ער זיך פארהאלטן אין אינסטיטוט, וועט זי קלערן. מיט אים האָט שוין ניט איין מאָל געטראָפן אזעלכעס בייסן אורלויב. ביזוואנען מערע וועט קומען פון דער דאטשע זיך דערוויסן, וואָס זאמט ער זיך דאָס מאָל אזוי לאנג, קאָנען אוועקגיין עטלעכע טעג, און פאר די עטלעכע טעג וועט ער שוין ניט זײַן ענלעך אף זיך. סארא נארישקײַטן עס גייען אים אָן. אים איז דען ניט אלציינס, וויִאזוי וועט ער דעמלט אויסזען, צי וועט ער נאָך מיט עפעס זײַן ענלעך אף זיך, צי ניין.

ווײַזט אויס, אַז נײַן, אויב ער האָט, אַנהאַלטנדיק זיך פֿאַר דער וואַנט, ער זאָל ניט אומ־פאַלן, זיך דערקליבן צו דער טיר און זי אופגעשלאָסן. איצט האָט ער שוין מער ניט וואָס צו טראַכטן דערפון. דער אינסטינקט וועט דאָך זיכער זושיקן עמעצן אהער זיך דערוויסן, וואָס איז געשען, פאַרוואָס איז ער ניט געקומען אַף די עקזאַמענס. עפשער לאָזן די טיר אינגאַנצן שטיין אָפן? קיינער וועט עס סײַווי ניט באַמערקן. די דרײַ שכיינים זײַנען אָפן שטאָק זײַנען נאָך ניט אינגאַנצן איבערגעפאָרן אהער. ווי פיל אַנדערע פונעם דאָזיקן הויז, וווינען זיי נאָך אַלץ אַף די אַלטע דירעס, קאָנען זיך ניט צוגעוווינען בלײַבן אַף א שטיקל צײַט אָן א טעלע־פאָן. אהער כאַפּן זיי זיך אַראָפּ זעלטן. מעגלעך, ער וואָלט צוליב דעם טעלעפאָן זיך אויך געווען פאַרהאַלטן אַף דער אַלטער וווינונג, ווען מע זאָל ניט געוווען אַראָפּטראָגן זייער מויערל.

אופגעשלאָסן די טיר און אַנהאַלטנדיק זיך אַלץ נאָך בא דער וואַנט, האָט אוריעל זיך דערשלעפּט צום שרײַבטיש אינעם שכיינעסדיקן צימער און געבליבן דאָרט שטיין, ווי ער זאָל מיטאַמאָל פאַרגעסן, וואָס האָט ער זיך אָקאָרשט געקליבן אָנשרײַבן דער פרוי מיט די קינדער. אייגנטלעך האָט ער דאָך טאַקע ניט איבעריקס וואָס זיי צו שרײַבן. אַלץ, וואָס ער האָט איטלעכן פון זיי געהאַט צו זאָגן באַם לעבן, האָט ער זיי עס, דאַכט זיך, אַרויסגעזאָגט. און אויב ער האָט עפּעס דאָך אויסבאַהאַלטן אין זיך, ווי דאָס טרעפט געוויס מיט יעדן איי־נעם, זעט עס אים איצט אויס, אָט דאָס אויסבאַהאַלטענע אין זיך, שוין ניט אַזוי באַדײַטנד און וויכטיק, ווי דעמלט, ווען ער האָט אַף גאַנצע צוויי יאָר זיך אָוועקגעלאָזט צוליב דעם אין א געאָלאָגישער עקספּעדיציע. דער איינציקער מענטש, וואָס האָט, מעגלעך, זיך אָנגעשטויסן, פאַרוואָס האָט ער זיך פּלוצעם אָוועקגעלאָזט עק־וועלט אין דער טונדרע, איז געוווען די ייִנ־גערע טאָכטער זײַנע, ליליע, וואָס האָט א קורצע צײַט זיך געהאַט געכאַווערט מיט זײַן גע־וועזענער אַספּיראַנטן ריטען. ליליע האָט אים אָבער קיינמאָל וועגן דעם ניט געפרעגט, און אויב זי האָט ווירקלעך עפּעס דערפון געוווּסט, ווייסט זי דאָך אויך, אַז נאָך זײַן צוריקקערן זיך פון דער עקספּעדיציע האָט ער מיט ריטען זיך אייגנטלעך שוין מער ניט באַגעגנט. ער איז זיך סאַפּקאָלסאָף בײַגעקומען, און דאָס זעלבע, מיסטאַמע, אויך זי, כאָטש נאָך דעם ווי ריטע איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיטן מאַן, האָט זי שוין מער ניט כאַסענע געהאַט.

מאַדנע. שוין דאָס וויפלטע יאָר, אַז זיי באַגעגענען זיך ניט, נאָר, דאַכט זיך, אַז אַלץ, וואָס איז זיך מיט איר פאַרלאָפן פאַר די דאָזיקע יאָרן, ווייסט ער. ער איז אַפילע זיכער, אַז פאַר איר וואָלט ניט געוווען אינגאַנצן אומדערוואַרט, ווען זי דערהאַלט אָט דאָס בריוול, וואָס ער האָט זיך געזעצט איר שרײַבן, און אָנשרײַבנדיק עס באַלד צעריסן. סײַווי האָט ער ניט מיט וועמען עס איר איבערשיקן. און לאָזן עס ליגן דאָ אַפן טיש...

און עפשער, באַגעגענענדיק אין דער שטאָטישער אָוונט־צײַטונג זײַן נאָמען אין א שוואַרץ ראַמל, וועט זי זיך אַליין אָנשטויסן, אַז זי דאַרף ניט קומען אַף זײַן לעוויִע, אַז דעם גע־שטאָרבענעם, וועלכער הערט שוין גאָרניט און זעט שוין גאָרניט, איז דאָך ניט אַלציינס, וואָס עס קומט פאַר בא זײַן אָרן. וויפל מענטשן האָבן אין זייערע צוואָעס באַצײַטנס אָנגעזאָגט די לעבעדיקע וועגן דעם...

ער, אוריעל, האָט ניט וואָס צו שרײַבן קיין צוואָע. דאָס גאַנצע געלט, וואָס מע וועט בא אים געפינען אינעם טישקעסטל, וועט קוים קלעקן אַף א האַלבער קו. פאַרוואָס פלעגט ער פון צײַט צו צײַט אָפּלייגן פונעם פאַרדינסט עטלעכע רובל און עס באַהאַלטן בא זיך אין טישקעסטל, וואָלט ער, דאַכט זיך, אַליין ניט געקאָנט זאָגן. דאָס איז שוין בא אים, זעט אויס, א געוווינהײַט, און די דאָזיקע געוווינהײַט — אָפּשפּאָרן פונעם הײַנט אַף מאָרגן און איבער־מאָרגן, — וועלכע ער קאָן אין זיך ניט בײַקומען, איז צו אים, אָפּאַנעם, אַריבער בעירושע פון זײַנע עלטערן, וואָס זײַנען, פּונקט ווי זייערע עלטערן, אויך קיינמאָל ניט געוווען זיכער מיטן מאָרגעדיקן טאָג. נאָר אָפּשפּאָרן מער וויפל ער האָט אָנגעקליבן וואָלט אוריעל סײַווי ניט געקאָנט, ווײַל פונעם דאָזיקן געלט פלעגט ער נעמען אַף מאַטאָנעס פאַר די אייניקלעך. און מוירע האָבן, אַז צווישן דער פרוי מיט די קינדער קאָן צוליב דער דאַטשע און צוליב דער באַלעבאַטישקײַט זיך פאַרפירן א קריג, ווי דאָס טרעפט צומאָל אין אייניקע מישפּאָכעס, אַז ער זאָל צוליב דעם זיך זעצן שרײַבן איצט א צוואָע, דאַרף ער אויך ניט. די אויסגעגע־בענע עלטערע טאָכטער מיטן זון וווינען אין אַנדערע שטעט און האָבן אַליין שוין אייגענע דאַטשעס. די ייִנגערע טאָכטער וווינט שוין אויך ניט מיט אים, און אויב די קינדער ברענגען אים אַף זומער צו פירן אַף דער דאַטשע די אייניקלעך, איז ווײַל ער האָט אַליין זיי עס געבעטן. די פרוי זײַנע האָט ער באַזאָרגט, אַז ס'וועט איר קלעקן ביז הונדערט און צוואַנ־ציק יאָר.

און וועגן דעם, ווי־אַזוי און ווו זאָל מען אים מעקאַבער זײַן, פאַרשפּאָרט ער אויך שרײַבן א צוואָע. ס'איז אַוואַדע ווילד און נאַריש וועגן דעם צו טראַכטן, ער איז אָבער צופרידן,

וואָס בא זיי אין שטאָט איז נאָך ניטאָ קיין קרעמאַטאָריע און מע וועט אים מעקאַבער זײַן ווי מע איז מעקאַבער געווען זײַן טאַטן, זײַן זיידן, זײַן עלטערזיידן. עס וואָלט געווים אויסגעזען מעשונע ווילד, ווען ער שרײַבט אַרײַן אין דער צוואָע, אַז מע זאָל אים ניט באַגלייטן מיט קיין בלומען און אויך ניט פלאַנצן קיין בלומען אַף זײַן קייווער. ער, אַלנפאַלס, איז קיינמאָל ניט געקומען אַף קיין לעווײַע מיט בלומען. מיט בלומען, געדענקט זיך אים פון דער קינד־הייט, פלעגט מען קומען בלויז אַף אַ כאַסענע. די לעצטע יאָרן איז ער אויך קיינמאָל ניט געגאַנגען צו קיינעם אַף „פּאַמינקעס", ניט געקאָנט זיך צוגעווינען, מע זאָל גלײַך נאָך דער לעווײַע מאַכן „ייזקער נעשאָמעס" בא געדעקטע טישן. אוריִעלן וווּנדערט, ווי רויִק ער קאָן וועגן דעם אַלץ טראַכטן, אַפילע וועגן דעם, וויאַזוי מע זאָל אָפּריכטן נאָך אים טרויער. אין אַזעלכע מינוטן, ווען דער מענטש איז אינגאַנצן אַרײַנגעטאָן אין זיך, קאָן ער זיך צומאָל לײַכט אונטערגעבן און נעמען סאַפּעקן דערין, אין וואָס ער איז דאָס גאַנצע לעבן געווען זיכער. ניין, ער פאַרלאַנגט ניט פון דער פרוי מיט די קינדער, זיי זאָלן אָפּריכטן נאָך אים טרויער, ווי מע האָט אָפּגעריכט נאָך זײַן טאַטן: געריסן קריִע, געלאָזט אַ וואָך צײַט ברענען אַפן קאָמאָד דאָס קעראָסין־לעמפּל און זיבן טעג נאָכאַנאַנד אָפּגעזעסן אין זאָקן אַף נידעריקע בענקעלעך שיווע. נאָר אַז מע זאָל אָפּזיצן נאָך אים שיווע איין טאָג, וואָלט ער פון זיי דאָך פאַרלאַנגט. ווען נאָך פאַרטראַכט זיך אַזוי דער מענטש וועגן זיך און ווען נאָך דערזעט ער אַזוי קלאָר און בוילעט, וואָס איז וויכטיק אין לעבן און וואָס איז נישטיק, וואָס בלײַבט איבער פון דעם מענטשן אַף דער ערד און וואָס לאָזט זיך אַפילע קיין שפּור ניט איבער, ווי אין די שטומע שאָען פון זיצן שיווע.

ווען און אַף וועמעס לעווײַע פון זײַנע באַקענטע איז בא אים, אוריִעלן, אופגעקומען אָט דער מאָדנער געדאַנק — באַגעגענען די לעצטע שאָ ניט בא זיך אַפן געלעגער, נאָר ערגעץ ווײַט פון דער היים, אַז קיינער פון זײַנע אייגענע זאָלן ניט בײַזײַן, — געדענקט ער שוין איצט ניט פּינקטלעך. ער האָט עס נאָכדעם אַפילע געהאַט איינמאָל אַרויסגעזאָגט מערען האַלב אין שפּאַס, אַז דאָס איינציקע, וואָס קאָן אים אָפּהאַלטן עס צו טאָן, — זי זאָל אים צוזאָגן, אַז זי וועט אים אַרויסבאַגלייטן אין לעצטן וועג שטיל, אָן יעלאָלעס, אָן גוואַלדן. ער האָט באַם לעבן, האָט ער צוגעגעבן שוין אָן שפּאַס, ניט געקאָנט פאַרטראָגן קיין געשרייען, קיין הויך געוויין. דער פּײַנפולסטער געוויין איז דער שטילער געוויין, און דער טיפסטער טרויער איז דער, וועלכן מע שרײַט פון זיך ניט אַרויס, נאָר מע טראָגט אים פאַרבאָרגן אין זיך. דערמיט איז דער מענטש טיילווײַז געגליכן צו אַ שטילן טיפן טײַך.

מערע איז צופיל אַרײַנגעטאָן אין קליינלעכקײַטן, אַז זי זאָל געווען עס פאַרשטיין. צו איר איז זיכער אויך ניט דערגאַנגען דאָס דערמאָנען איר, ווי טומלדיק עס איז אינעם אויטאָ־בוס באַם צוריקקערן זיך פון בעסאַלמען. דער געשפּרעך, וועלכן עס פירן צווישן זיך אינעם זעלבן אויטאָבוס די זעלבע מענטשן, וואָס האָבן זיך נאָרוואָס אַף שטענדיק צעשיידט מיט איינעם פון זייערע נאָענטע, האָט שוין צו דער לעווײַע גאָר אַ קנאַפּן שײַכעס. יעדערער איז שוין פאַרנומען מיט זיך, און מער פון אַנדערע זײַנען פאַרנומען מיט זיך, האָט אים טיילמאָל זיך אויסגעוויזן, גראָד יענע, וועלכע האָבן זיך אָנגעגעבן פאַר די נאָענטסטע און איבערגע־געבנסטע פרײַנט פונעם פאַרשטאָרבענעם און וואָס וועלן, מיסטאָמע, געבן וועגן דעם אויך אָנצוהערן אַף די „פּאַמינקעס". ס'האָט אויסגעזען, ווי איינער פאַרן אַנדערן וואָלט וועלן אַראָפּנעמען דערמיט פון זיך דעם פאַרדאַכט, אַז מער פון אַלץ גייט אים אָן אין די דאָזיקע מינוטן, ווער פון זיי וועט פאַרנעמען די באַפרײַטע שטעלע. אַף זײַן, אוריִעלס, לעווײַע וועט דאָך אויך זײַן אַזוי. ווען ער זאָל אָבער די הײַנטיקע נאַכט געווען באַגעגענען ניט בא זיך אין שטוב, נאָר ערגעץ ווײַט פונדאַנען, צווישן פרעמדע, זײַטיקע מענטשן, וואָלט ער דאָך דערמיט באַפרײַט אייניקע פון זײַנע באַקענטע, וואָס גיבן זיך אָן פאַר זײַנע נאָענטסטע פרײַנט, ריידן וועגן אים אַנדערש ווי זיי טראַכטן.

און עפּשער האָט ער אין דעם אַלעם אַ טאָעס? עפּשער ווײַזט זיך עס אים נאָר אויס? אַלנפאַלס, פון דעם אַלץ, וואָס ער האָט נאָרוואָס איבערגעטראַכט, האָט ער אויסער מערען עס מער קיינעם ניט געזאָגט, און מערע איז צופיל פאַרנומען מיט די קליינלעכקײַטן פון לעבן, אַז זי זאָל עס געווען פאַרגעדענקען, ביפראַט, אַז ער האָט עס איר דעמלט געזאָגט האַלב אין שפּאַס און זי האָט עס אופגענומען, האָט ער געזען, ווי אַ שפּאַס.

צי ווײַל אורי גאַווריליאָוויטש האָט זיך ניט געריכט, אַז דער סאָף קאָן אָנקומען אַזוי גיך און אומגעריכט, צי ווײַל ערגעץ טיף אין זיך האָט ער ביכלאַל ניט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, אַז מיט אים קאָן ווען־ניט־איז געשען דאָס זעלבע, וואָס געשעט סאָפּקאַלסאָף מיט איטלעכן, האָט ער לעצטנס אויסגעמיטן גיין אַף לעווײַעס אַפילע פון זײַנע נאָענטסטע פרײַנט, און ווען

ער איז צומאָל שוין געגאַנגען אַף אַ לעוויִע, האָט ער, ארופקומענדיק אָפן בעסאָלמען, אַפּגעװענדט זײַן בליק פון די מאַציײוועס, וועלכע דערמאָנען אים אינעם כעזשבן, וועלכן ער האָט געמאַכט דערבײַ פאַר זיך, אַז ער איז שוין היפּש פאַרלאָפן פאַרויס. און ניט געײַלט פאַרבײַגײן די מאַציײוועס, וואָס לויטן כעזשבן, וואָס ער האָט געמאַכט, קומט אים נאָך אַ היפּש ביסל אַרויס. אַזוי צי אַנדערש, נאָר וויפל מאָל ער האָט לעצטנס זיך ניט געהאַט פאַרטראַכט וועגן באַגעגענען די לעצטע שאָ זײַנע ערגעץ אין דער פרעמד, האָט ער זיך דערווײַל נאָך קיין איין מאָל ניט פאַרקלערט, וווהין זאָל ער זיך פאַרקלײַבן.

און פונקט דאָס זאָל פאַר אים איצט האָבן וועלכן ס'איז־ניט זין, האָט אוריזל גענומען איבערקלײַבן אין קאָפּ די ווײַטסטע און פאַרוואָרפנסטע יישוווים, ווו אים איז די לעצטע יאָרן אויסגעקומען זײַן, און באַ וועמען פון זײַנע דאָרטיקע באַקענטע וואָלט ער זיך געקאָנט אָפּשטעלן. ווי נאָר צווישן די דאָזיקע אַלע יישוווים האָט זיך אַרײַנגעשטעלט דאָס צאַפּנדיקע שאַכטיאָרן־שטעטל אין דער ווײַטער טונדרע מיטן הילצערנעם שטיבל אין געסל באַם טײַך און דער באַלעבאָס פונעם שטיבל, איליאַ סאַוועליעוויטש לעסאָוו, איז דער ווייטעק, וואָס האָט אוריזלען געהאַלטן ביז אַהער ווי צוגעשמידט צום בענקל באַם שרײַבטיש, גלײַך אָפּגעטראָטן, אָט ווי ניט געווען. איליאַ סאַוועליעוויטש איז געווען די סטרונע, וועלכע האָט קימאַט אינגאַנצן פאַרטויבט אין אוריזלען דעם ווייטעק, וואָס פײַניקט אים שוין די אַנדערע שאָ.

און כאָטש אורי גאַווריִלאָוויטש ווייסט, אַז נאָר אין דעם איז איצט די אויסלייזונג זײַנע, דאָך האָט ער זי געוואָלט אַרויסרײַסן פון זיך, די דאָזיקע צעשפּילטע סטרונע, און זאָל דער ווײַ זיך צוריק אין אים באַזעצן.

פאַר אים וואָלט עס איצט געווען די גרעסטע פאַרלײַכטערונג.

III

ווען אורי גאַווריִלאָוויטש אַנשין זאָל זיך וועלן דערמאָנען, מיט וואָס, אַשטייגער, איז ער נעכטן צי אייערנעכטן געווען פאַרנומען באַ זיך אַף דער דאַטשע, וואָלט ער זיכער געדאַרפט זיך דערוף לאַנג פאַרטראַכטן. ער וואָלט נאָך דערבײַ מיסטאַמע עפּעס דורכגעלאָזט אויך, עפּשער אַפילע דאָס סאַמע וויכטיקסטע, ווי דאָס טרעפט צומאָל מיט מענטשן פון זײַן עלטער. דערפאַר אָבער וואָלט ער געקאָנט גענוי איבערדערציילן שיר ניט אַלץ, וואָס איז זיך מיט אים פאַרלאָפן מיט אַ יאָר דרײַסיק און פערציק צוריק, אויב ניט מער. און כאָטש פון זינט ער האָט זיך אומגעקערט פון דער עקספּעדיציע, איז דורכגעגאַנגען אַ סאַך ווייניקער צײַט און פיל דערפון, וואָס איז געשען קורץ פאַר זײַן פאָרן און נאָך זײַן צוריקקומען, האָט ער שוין פאַרגעסן, דאָך האָבן זיך אים מיט אַלע איינצלהײַטן פאַרגעדענקט די צוויי יאָר, וואָס ער האָט אַרומגעוואַנדערט מיט די געאָלאָגן איבער דער ווײַטער טונדרע, ווי ס'האָבן זיך אים פאַרגעדענקט די קינדערשע און ייִנגלשע יאָרן. מיסטאַמע, האָט אוריזל באַ זיך געקלערט, איז עס מיט איטלעכן אַזוי: דאָס, וואָס מע וויל פאַרגעדענקען, פאַרגעסט זיך טיילמאָל, און דאָס, וואָס מע וואָלט וועלן גראַדע פאַרגעסן, דאָס דאַפקע פאַרגעדענקט זיך, ווי דאָס האָט געטראָפן מיט ריטעס אַדרעס.

אַז אים וועט אויסקומען, זײַענדיק אין דער עקספּעדיציע, זיך צווינגען פאַרגעסן ריטעס אַדרעס, דערוף האָט אוריזל זיך לאַכלוטן ניט גערײכט. מע קאָן דאָך ניט פאַרגעסן דאָס, וואָס מע האָט ניט געוווּסט, און ער האָט דאָך טאַקע ווירקלעך ניט געוווּסט איר אַדרעס. ער האָט אים קיינמאָל באַ זיך ניט פאַרשריבן. פונעם ערשטן אָוונט, ווען ער האָט צוזאַמען מיט ריטען זיך אָפּגעהויבן צו איר אין דער ווויִנונג אָפן דריטן שטאָק פונעם טונקל־גרויען מויער אָפן ראָג גאַס, האָט ער פאַרגעדענקט דעם וועג אַהין. ער וואָלט אָבער קיינמאָל ניט געקאָנט פּינקטלעך אָנרופן ניט דעם נומער פון איר הויז און ניט דעם נומער פון איר ווויִנונג. און מיטאַמאָל האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער ווייסט אַפילע דעם אינדעקס פון דער פּאָסט־אָפּטײלונג. ער האָט זיך אים, אַפּאַנעם, צופעליק פאַרגעדענקט צוזאַמען מיטן אַדרעס אָפן קאָנווערט, וועלכן ער האָט איינמאָל געטראָפן ליגן באַ איר אָפן סעקרעטער. פונוואַנען און פון וועמען איז געווען דער בריוו, דאָס געדענקט ער שוין ניט. ער געדענקט בלויז, אַז ניט פון איר געוועזענעם מאַן.

אײגנטלעך איז אוריזל געווען דערנאָך אַפילע צופרידן, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך ריטעס אַדרעס. אָן דעם וואָלט אים געווען אַ סאַך שווערער זיך בײַקומען. ער איז ניט געווען אײַנגאַנצן זיכער, צי וואָלט ער דעמלט ניט געפּרוּווט קריגן דורך עמעצן איר אַדרעס און

וואָלט ניט געגעבן איר וועגן זיך צו וויסן. און דאַן וואָלט דער דאָזיקער איינציקער בריוו זײַנער געקאָנט צונישט מאַכן זײַן אַנטלויפן פון זיך אין דער טונדרע אויף גאַנצע צוויי יאָר...
דאָס האָבן בײַ זיך איר אַדרעס און פאַר דער גאַנצער צײַט, וואָס ער איז געווען אין דער עקספּעדיציע, ניט אָפּגעשיקט קיין איינעם פון די אָנגעשריבענע צו איר בריוו, וועלכע האָבן זיך בײַ אים צונויפגעקליבן אינעם טשעמאָדאַן, האָט אוריִעלן ניט איין מאָל דערמאָנט אין דעם אויפן, וויאַזוי ער האָט זיך אָפּגעוווינט רייכערן.

דער ערשטער טאָג, געדענקט ער, איז דורך בײַ אים לײַכט, נאָר אינמיטן דער נאַכט האָט אים אַ הייב געטאָן פון געלעגער. ווי אַ דולער איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, איבערגעקערט די גאַנצע שטוב, געזוכט אין אַלע ווינקעלעך, אַפילו אינעם עמער פאַר מיסט, וואָס אין קיך, עפּשער האָט זיך דאָרט צופעליק פאַרוואַלגערט אַ פּיצל ציגאַר פון די, וועלכע ער האָט בײַטאָג צעריסן און אַרויסגעוואָרפן. אַ האַלב נאַקעטער איז ער דערנאָך אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס און אָפּגעשטעלט פאַרבײַגייער, גרייט געווען באַצאָלן פאַר אַ ציגאַר וויפל מע זאָל ניט אָנבאָטן.

אויף מאָרגן האָט ער געקויפט עטלעכע פּעקלעך סיגאַרעטן און קעסטלעך שוועבעלעך, און נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָנגערייכערט ביז פאַרשיקערט צו ווערן, האָט ער די אַלע פּעקלעך סיגאַרעטן און קעסטלעך שוועבעלעך פאַנאַנדערגעלייגט אויבנאויף איבער דער גאַנצער שטוב, זיי זאָלן אויף טריט און שריט ליגן אים פאַר די אויגן. אַפילו אין די קעשענעס פון אַלע רעקלעך אַרײַנגעלייגט. אויפכאַפּנדיק זיך אינמיטן דער נאַכט פון שלאָף, האָט ער שוין ניט געדאַרפט נישטערן איבער אַלע ווינקעלעך, אָפּשטעלן די פאַרבײַגייער אין גאַס. פון אַלע ווינקעלעך אין שטוב האָבן אויף אים געקוקט אָפענע פּעקלעך סיגאַרעטן, וועלכע האָבן פאַרשפּרייט אַרום זיך יענעם באַזונדערן רייעך, וואָס דעם עכטן טאַם זײַנעם קאָן אויפכאַפּן בלויז דער, וואָס האָט, ווי ער, אוריִעל, עטלעכע צענדליק יאָר געריכערט. אַפילו אין אַ שטיק צײַט אַרום נאָכדעם ווי ער האָט געוואָרפן רייכערן, איז זיך מיט אים ניט איין מאָל פאַרלאָפן, אַז ער פלעגט אַרויסנעמען פון אַ געעפנטן פּעקל אַ סיגאַרעט, פאַרקוועטשן אים צווישן די פינגער, אונטערטראָגן צום מויל, נאָר אין דער סאַמע לעצטער רגע זיך אָפּקערן, פילנדיק זיך דערבײַ יעדעס מאָל דערפון ווי אַ זיגער. פון אַלע זיגן, וועלכע דער מענטש האַלט אָפּ אויף זײַן לעבן, האָט אין אַזעלכע מינוטן געטראַכט בײַ זיך אוריִעל, איז דער גרעסטער, אָפּאָנעם, דער, וועלכן דער מענטש האַלט אָפּ איבער זיך אַליין. יעדן בריוו, וואָס אורי גאָורילאָוויטש האָט אָנגעשריבן ריטען, האָט ער אַרײַנגעלייגט אין אַ קאָנווערט, אויפגעשריבן אויף דעם איר אַדרעס. זיי זײַנען בײַ אים געלעגן אינעם טשעמאָדאַן אויבנאויף, ווי מיט אייניקע יאָר פריִער די פּעקלעך סיגאַרעטן בײַ אים אין שטוב, און דערמיט, וואָס, האָבנדיק בײַ זיך איר אַדרעס, האָט ער דאָך קיין איינעם פון די אַלע אָנגעשריבענע בריוו איר ניט אַוועקגעשיקט, איז אוריִעל געווען זיכער, אַז ער איז זיך בײַגעקומען, און דאָס איז פאַר אים געווען עפּשער דער גרעסטער זיג זײַנער איבער זיך.

און אָט זײַנען דורך באַלד דרײַ יאָר, ווי ער האָט זיך אומגעקערט פון דער עקספּעדיציע. נאָר מיט אַ צײַט נאָך פאַר דעם, ווי ער האָט אַנומלטן, אין איינעם אַ רעגנדיקן אָוונט, צופעליק צי ניט צופעליק פאַרבלאָנדזשעט אויף דער זײַטיקער גאַס מיט די אומעטיקע טאָפּאָלן און זיך אָפּגעשטעלט באַם טונקל־גרויען מויער אויפן ראָג, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער איז בײַגעקומען זיך בלויז אויף ניט צו באַגעגענען זיך מיט איר און וועט, ווי עס ווײַזט אויס, קיינמאָל ניט קאָנען בײַקומען זיך, אַז ער זאָל ניט בענקען נאָך איר.

געווען טעג, ווען פון בענקשאַפט איז ער גרייט געווען זיך ווידער אַוועקלאָזן ערגעץ אין אַן עקספּעדיציע — אין אַ סאַך אַ ווײַטערער און אויף אַ סאַך אַ לענגערער צײַט. דערפאַר האָט ער זיך אַזוי אָנגעכאַפּט פאַר דעם, וואָס דער פאַרוואַלטער פון דער קאַטעדרע האָט אים פאָרגעשלאָגן: אָנפירן מיט דער ווינטערדיקער פּראַקטיק פון די סטודענטן אויף די שאַכטעס פונעם עקסטן צאָפן, און צוליב דעם איז נייטיק, אַז ער זאָל אין די זומער־כאָדאָשים צופאָרן אַהין אויף עטלעכע טעג אַ קוק טאָן וואָס און ווען און באַצײַטנס געניי וועגן אַלץ זיך דערריידן דאָרט מיט דער דירעקציע פונעם שאַכטקאָמבינאַט.

...אויפן דריטן טאָג, ווען דער צוג האָט געלאָזט הינטער זיך די געדיכטע רוישיקע וועלדער און זיך געטראָגן איבער דער טונדרע פאַרבײַ שטילע הילצערנע וואָקזאַלכלעך מיט נידעריקע פּלאַטפאָרמעס און פאַרלאָזטע אויסגעלאָשענע טעריקאָניקעס, איז אינעם וואַגאָן, מיט וועלכן אַנשיין איז געפאָרן, אויסער אים פאַרבליבן בלויז נאָך איין פּאַסאַזשיר: אַ ווּוקסיקער באַיאָרטער מאַנצבל. געפאָרן זײַנען זיי אין פאַרשיידענע קופּע, און פאַר דער גאַנצער צײַט, וואָס זיי זײַנען געבליבן זאַלבעצווייט, ניט אויסגערעדט צווישן זיך נאָך קיין איינציק וואָרט, ווי מע וואָלט איינער דעם אַנדערן ניט באַמערקט.

דערפון, וואָס נאָך איינער אַ סטאַנציע איז אוריעל געבליבן אַליין אין קופּע און קימאַט אַליין אפן גאַנצן וואַגאָן, איז ער אַפילע געווען צופרידן. קיינער שטערט אים ניט זיצן באַם פענצטערל און אויסגאַפּינען אין דער פאַרבײַשווימענדיקער טונדרע אַלץ אַזוינס, וואָס זאָל אים קאָנען קומען צוהילף, ווען ער וועט ענדלעך באַשטימען זיך ווידער אַוועקלאָזן אין אַן עקספּעדיציע, דאָס מאָל שוין ניט ווייניקער ווי אויף אַ יאָר דרײַ, און ער וועט ענדלעך דאַרפן באַשטימען, וווהין זאָל ער האַלטן דעם וועג. זיצנדיק באַם פענצטערל, האָט אַנשין עטלעכע מאָל איבערגעציילט, וויפל ביימלעך לויפן פאַרבײַ אויף אַ שטרעקע פון צען טעלעגראַפישע סלופּעס, אויסגעמאָסטן אפן אויג די הייך און די גרעב פון די ביימלעך און געקומען צום אויספיר, אַז זיי וואַקסן דאָ געדיכטער, ווי אין דער טונדרע, ווו ער איז געווען, און אַז זיי זײַנען אי העכער אי גרעבער ווי דאָרט. דאָרטן האָט דאָס העכסטע ביימל אים קוים געגרייכט ביזן אַקסל. און דאָס גראָז, ווי צו זען, איז דאָ אויך זאַפטיקער און ווייכער, פּרוזשינעט ניט, אָפּאַנעם, אונטער די פיס ווי צונויפגעדרייטע קנוילן דראָט. און פויגלען באַגעגענען זיך דאָ אויך אי אָפטער אי מער. אַ שאָד, וואָס ער האָט ניט באַמערקט די צײַט, ווען די זון איז אַרײַן אינעם ליכטן נעפל באַם האָריזאָנט. מער ווי אַ האַלבע שעה איז זי דאָרט, דאַכט זיך, ניט פאַרזעסן זיך. ער האָט קימאַט ניט באַוויזן באַמערקן איר פאַרגיין, ווי זי האָט שוין ווידער אַרײַנגעקוקט אַהער אין פענצטערל, נאָך מער אַ ליכטיקערע און פריילעכערע, ווי זי זאָל זיך אויסלאַכן דערפון, וואָס ער האָט זיך צוריק שוין פאַרטראַכט וועגן זעלבן, וואָס פײַניקט אים די אַלע יאָר.

ווי שוין פיל מאָל ביז אַהער, האָט אַנשינען אויך איצט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס אַלץ איז אַ סאַך פּאַשעטער און פּראָסטער, ווי ער טראַכט וועגן דעם. ער האָט דערצו געגוג בײַשפּילן, אַז ער זאָל אַזוי קלערן. קאָן זײַן, ס'איז געווען אַ גרויס נאַרישקייט, וואָס ער איז דעמלט אַוועקגעפאָרן אויף גאַנצע צוויי יאָר, און נאָך מער נאַרישער וועט זײַן, אויב ער וועט ווידער פּרוּוון אַנטלויפן. איצטער ווייסט ער דאָך, אַז פון זיך קאָן מען ניט אַנטלויפן, ס'איז ניטאָ וווהין צו אַנטלויפן. זיך קאָן מען בלויז בײַקומען, און אויב דאָס האָט זיך אים ביז איצט ניט אײַנגעגעבן, איז עס מיסטאָמע דערפאַר, וואָס פּונקט ווי פיל אַנדערע, וועלכע קאָנען ניט ציי ווילן ניט בײַקומען זיך, האָט ער אויך מיט וואָס דאָס צו באַרעכטיקן. ער וואָלט, אַלנפאַלס, געפונען מיט וואָס זיך צו באַרעכטיקן פאַר זיך אַליין, אַז ער זאָל ניט דאַרפן זיך אַרומקוקן באַם אָנקלינגען צו ריטען אין דער טיר, ווי ער האָט עס געטאָן פריִער.

וואָס האָט אים דאָן אָפּגעהאַלטן, אַז אָנשטאָט פאַרשווינדן אין דער טונדרע אויף גאַנצע צוויי יאָר זאָל ער געווען אַלץ וואַרפן און איבערפאָרן מיט ריטען ערגעץ אין אַ ווײַטער שטאָט? אין יעדער געגנטלעכער שטאָט, און ניט נאָר אין די געגנטלעכע, זײַנען פאַראַן אינסטיטוטן, ווו זיי וואָלטן ביידע געקאָנט אַרבעטן. וואָס האָט אים פונדעסטוועגן אָפּגעהאַלטן דערפון? פריִער וואָלט ער, מיסטאָמע, ניט געקאָנט ענטפערן דערויף. איצט, דוכט זיך אים, ווייסט ער שוין, פאַרוואָס ער האָט זיך מיט איר צעשיידט און פון דאַן אָן זיך מיט איר קימאַט ניט באַגעגנט. אַלנפאַלס איז עס ניט דערפאַר, וואָס אים איז שוין געווען עטלעכע און פערציק יאָר און איר, דער געוועזענער אַספּיראַנטן זײַנער, ווען ער האָט זיך מיט איר באַקענט, איז ערשט געגאַנגען דאָס זעקס־און־צוואַנציקסטע, און וואָס ס'וועלן זיך אָפּזוכן אַזעלכע, וואָס וועלן הינטער די אויגן אים אויסלאַכן און זי באַדויערן. ער האָט אויך דערויף געהאַט פאַר זיך גענוג בײַשפּילן, אַז ער זאָל פאַרפריִער קאָנען אַפילע אויסרעכענען, וויפל צײַט וואָלט געדויערט אָט דאָס איבערשעפּטשען זיך און אָט דאָס איבערוווינקען זיך הינטער זײַנע פּלייצעס, ביז מע זאָל עס געווען אינגאַנצן פאַרגעסן, ווי דאָס איז געשען מיט אייניקע פון זײַנע באַקענטע. דאָס איינציקע, וואָס האָט אים דערפון אָפּגעהאַלטן פאַר זײַן אַוועקלאָזן זיך אין דער עקספּעדיציע און די אַלע יאָרן נאָך זײַן צוריקקערן זיך פון דאָרט, איז, אָפּאַנעם, דאָס, וואָס ער איז פאַרט אין דעם עלטער, ווען דאָס געפיל איז שוין ניט אינגאַנצן דער הערשער איבער אים, כאָטש ער קאָן אויך איצט ניט זאָגן, מיט וואָס האָט ריטע אים אַזוי פאַרליבט אין זיך, פּונקט ווי ער האָט מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק ניט געקאָנט זאָגן, מיט וואָס האָט מערע זיך אויסגעטיילט פון אַלע אַנדערע זײַנע באַקענטע מיידלעך, וואָס זי האָט אים פון דער ערשטער באַגעגעניש פאַרצויבערט. ער גלייבט ביכלאַל ניט, צי ס'איז דאָ דער מענטש, וועלכער זאָל קאָנען זאָגן, וואָס האָט ער דערזען אינעם צווייטן אַזעלכעס, וואָס יענער האָט דערמיט מיט זיך פאַרשטעלט פון אים אַלע אַנדערע, אויב נאָר דער מענטש איז אויף זײַן לעבן ווען־ניט־איז געווען אין עמעצן אַזוי פאַרליבט, ווי ער, אוריעל, איז געווען פאַרליבט אין מערען. דער מענטש קאָן דערויף ניט ענטפערן, ווײַל ער אַליין איז דעמלט אַן אַנדערער: אי ער זעט אַנדערש, אי ער הערט אַנדערש, אי ער פילט אַנדערש.

און נאָך אַן אויספיר האָט ער געמאַכט פאַר זיך, אוריעל: קוים הייבט אָן דער זעלבער מענטש דערזען אינעם אַנדערן אַזוינס, וואָס ער האָט אין אים פריִער ניט באַמערקט צי ניט

געוואָלט באַמערקן, איז עס דער ערשטער אָנזאָג, אַז אינעם מענטשן איז עפּעס פאַרלוירן געגאנגען, אָפּגעשטאָרבן. בא איינעם גייט עס צו זייער גיך, בא א צווייטן זייער לאנגזאם, פון אָנפאנג אפילע קימאט אומבאמערקט, ווי דאָס האָט געטראָפן מיט אים. נאָר וויבאלד דאָס איז שוין געשען, וועט אים אויך אויסקומען, ווי אייניקע אנדערע, צוטראכטן מיט וואָס זיך צו באַרעכטיקן באם פאנאנדערגיין זיך, אי פאר מערען, אי פאר זיך. לויט זײַן כעזשבן האָט ער איבערגענוג מיט וואָס זיך צו באַרעכטיקן, און פריִער פאר אלץ פאר זיך אליין. ער וועט אָבער, ווייסט ער, קיינמאָל ניט פויעלן בא זיך עס אלץ ארויסזאָגן מערען. אים וועט אָפּהאלטן דערפון ניט זײַן שוואכקײַט, נאָר די אייגענע שולד זײַנע קעגן איר, — אָט דאָס, וואָס ער האָט דערלאָזט, אַז זי זאָל אָפּלעבן א לעבן ווי בא פארמאכטע לאָדן. אויסער דער שטוב איז איר ווייניק וואָס אָנגעגאנגען אפילע דעמלט, ווען זי איז נאָך געווען יונג און האָט נאָך ניט געהאט פארלאָזט די ארבעט אין אפטייק. די אָנגעשטאָפּטע שאפעס אין שטוב האָבן אים דערמאָנט אין געקאָוועטע אײַזערנע קאסטנס אין די אמאָליקע סאָכרישע הײַזער. אפילע דעם שרײַבטיש בא אים אין קאבינעט האָט זי ניט פארפעלט — קימאט א האלבן טיש האָט זי פארכאפּט בא אים מיט דעם קאָלירטן קרישטאָלענעם אש־בעכער און מיטן אלטמאָדישן שרײַב־געשיר, און זי ווייסט דאָך, אַז ער האָט שוין לאנג געוואָרפן רייכערן און אַז ער שרײַבט בלויז מיט אן אייביקער פען.

וויפל די רעדער פונעם לויפנדיקן צוג דערווידערן אים ניט דערוף, האלטנדיק אין איין אויספּויקן: „ס'איז ניט אזוי, ס'איז ניט אזוי", דאָך קאָן ער זיך ניט באפרײַען פונעם געדאנק, צי ניט דערין, וואָס דער מענטש, ווען ער איז אין עמעצן פארליבט, ווייסט ניט, פארוואָס האָט ער זיך אין אים פארליבט, און וואָס באם פאנאנדערגיין זיך דוכט זיך יעדן אויס, אַז ער ווייסט, פארוואָס מע גייט זיך פאנאנדער, זוכט ער, אוריִעל, א באַרעכטיקונג פאר דעם, וואָס ס'איז געשען, און א וואָרענונג פאר דעם, וואָס קאָן געשען.

און ווידער נעמט ער זיך פאר א בײַשפּיל: אויב ער, אוריִעל, וועלכער איז געווען זיכער, אַז ביז אים איז קיינער נאָך קיינמאָל ניט געווען אין עמעצן אזוי פארליבט, ווי ער אין מערען, האָט געקאָנט זיך פּלוצעם פארליבן אין א צווייטער און אזוי, אַז ביז איצט נאָך, אין אזויפיל יאָרן ארום, פארטראכט ער זיך צומאָל, צי וועט אים ניט אויסקומען זיך ווידער אוועקלאָזן ערגעץ מיט אן עקספּעדיציע, — איז פארוואָס קאָן דאָס זעלבע, ווען ער זאָל זיך געווען צונויפגיין מיט ריטען, ניט פּאסירן אויך מיט איר און אין פיל ווייניקער יאָרן ארום, ווי דאָס האָט געטראָפן מיט אים? זי איז פאָרט דאָך אין דעם עלטער, ווען דאָס געפיל באהערשט צײַטנווײַז אינעם מענטשן דעם פארשטאנד. זי האָט עס אליין אים דערוויזן. וויפל איז דורך בא איר נאָך דער כאסענע, ווען זי איז זיך צעגאנגען מיטן מאַן? און ריטע לייקנט דאָך ניט, אַז ביז זי האָט זיך באקענט מיט אים, אוריִעלן, איז זי געווען פארליבט אין איר מאַן. ווען דער מענטש איז אין דעם עלטער, ווען עס הערשט נאָך איבער אים מער דאָס געפיל, קאָן ער זיך צומאָל לײַכט לאָזן פון אים פארפירן, און וועגן דעם האָט אוריִעל זיך שטענדיק פארטראכט און ניט איין מאָל זיך געפּרוווט דערמיט ווערן, ווען עס פלעגט אים מיטאמאָל באפאלן א נאָגנדיקע בענקשאפט, ווי זי איז אים באפאלן אויך איצט, טרעפנדיק אים זיצן באם טויִקן פענצטערל פון קופּע.

אין אזעלכע מינוטן דערמאָנט זיך אים אָפט דער אָוונט בא זיי אין אינסטיטוט, אין שײַכעס מיטן זעכציקיאָריקן געבוירנטאָג פונעם געוועזענעם רעקטאָר, וועלכער איז מיט עטלעכע יאָר פאר דעם געשטאָרבן פון א האַרץ־אטאק אין דער זעלבער הויכער אאודיטאָריע בייס איינער זײַנער א לעקציע פאר די סטודענטן. פון אלע רעדעס אפן דאָזיקן אָוונט האָט אוריִעלן זיך פארגעדענקט דאָס קורצע וואָרט פונעם מיליטערמאַן, וואָס איז געזעסן אין דער הינטערשטער ריי פונעם פּרעזידיום און זיך מיט גאָר ניט אויסגעטיילט, אַז מע זאָל אים באמערקן. אפילע דעמלט ווען דער פּאָרזיצער האָט אָנגערופן זײַן נאָמען און דערבײַ דער ערשטער אָנגעהויבן אפּלאָדירן, האָט אוריִעל אויך גאָרניט אויסגעפונען אינעם מיליטערמאַן עפּעס ענלעכס צו דעם, וואָס ער האָט וועגן אים געהערט און געלייענט. ס'ערשטע מאָל אין לעבן באגעגנט ער א מיליטערמאַן, וואָס זאָל אויסזען אזוי ניט מיליטעריש אין מיליטערישע קליידער, ווי אָט דער דארלעכער שעמעוודיקער מאנצבל מיטן לאנגן אויסגעצויגענעם האלדז און מיט די קורצזיכטיק פארזשמורעטע אויגן. צוקוקנדיק זיך צו אים, איז אוריִעלן שווער געווען זיך פאָרשטעלן, ווי קאָן עס א מענטש מיט אזא גוטמוטיק שמייכלענדיקן פּאָנעם און ווייכע וואָרעמע אויגן באפוילן, פירן נאָך זיך אין שלאכט, זיך שלאָגן איינער קעגן צען, ווי דאָס האָט מיט אים, ווי מע שרײַבט, געהאט פּאסירט.

דער פארשטאָרבענער רעקטאָר איז געווען א לייטענאנט בא אים אין באטאליאָן. געזאָגט האָט עס דער מיליטערמאַן ווי פארבײַגייענדיק, צוליב דעם, אפּאָנעם, אַז די פארזאמלטע זאָלן

וויסן, וואָס האָט אים געבראַכט הײַנט אַהער צו זיי. אויסגעוואַרט אַ רגע, איז ער אָפּגעגאַנגען פונעם מיקראָפאָן, און ווי שטיל ער האָט ניט גערעדט, האָט אים קיינער פון זאַל ניט דערמאָנט וועגן מיקראָפאָן, ווײַל דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, קאָן מען אין אַ מיקראָפאָן ניט זאָגן. עס וועט ניט דערגיין. אַזוינס קאָן מען אַרויסברענגען בלויז שטיל, מיט אַ באַזונדער אָטעם, ווי ער האָט עס אַרויסגעבראַכט:

— אינגיכן ווערט מיר אויך זעכציק יאָר, און כ'האָב מוירע, אַז צו יענער צײַט וועל איך שוין ניט האָבן ווּעמען פון מײַנע כאַווײרים פון מײַן דאָר פאַרבעטן צו זיך. וועגן וועמען איך טו זיך ניט אַ דערמאָן, איז ער שוין ניטאָ צווישן אונדז. מיט יעדן טאָג ווערט מײַן דאָר אַלץ קלענער און קלענער. זייער ווייניק פון אונדז, ווי אײַער געוועזענער רעקטאָר, וועלן בײַזײַן אַף זייערע זעכציקיאָריקע יובילייען. אָפטמאָל פיל איך זיך דערפון עפּעס ווי ניט באַקוועם, שעם זיך אַפילע, וואָס איך בין מער מאַזלדיק!

צווישן די פאַרזאַמלטע אין דער אַאודיטאָריע, האָט אורי׳ַעל געפילט, איז ניט געוועזן קיין איינער, וועלכער זאָל געוועזן אַנדערש אויפנעמען די רייד פונעם מיליטערמאַן, ווי ער, אורי׳ַעל, האָט זיי אויפגענומען, צי עמעצער זאָל געוועזן כוישעד זײַן דעם מיליטערמאַן, אַז דאָס פײַנט ער זיך אויס מיט זײַן באַשיידנקײַט. איטלעכער פון די פאַרזאַמלטע, איז אורי׳ַעל געוועזן זיכער, האָט פונקט ווי ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איינציקע, וואָס אָט דער מענטש איז דערמיט אויסן געווען — דערמאָנען דער יוגנט, וועלכע וועט באַווײַזן בײַזײַן אַף זייערע אַכציקיאָריקע און נײַנציקיאָריקע יובילייען, וועגן דעם דאָר, צווישן וועלכע אַפילע אַ פופציקיאָריקער קוקט שוין אַף זיך ווי אַף אַ מאַזלדיקן.

אייגנטלעך, וואָלט אויך ער, אורי׳ַעל, געקאָנט זאָגן וועגן זיך דאָס זעלבע. ער וועט שוין באַלד אויך ניט האָבן וועמען פון די כאַווײרים פון זײַן דאָר פאַרבעטן צו זיך אַף זײַן פופציקיאָריקן געבורטסטאָג. וועגן וועמען ער טוט זיך ניט אַ דערמאָן, צי פרעגט זיך ניט נאָך, קומט איינער און דער זעלבער ענטפער: ניטאָ, פונקט ווי פאַר זײַן דאָר וואָלט נאָך אַלץ דויערן די מילכאָמע. און ווילנדיק ניט ווילנדיק האָט אורי׳ַעל צײַטנווײַז אויך גענומען קוקן, ווי דער מיליטערמאַן, אַז יעדער דורכגעלעבטער טאָג איז אַ געשאָנקענער. נאָר דערפון האָט אורי׳ַעל זיך אַפילע אַף קיין איין טאָג ניט געפילט עלטער. און פונקט ווי דעמלט, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל באַגלייט ריטען אַהיים, וואָלט אים קיינער ניט געגלייבט, אַז ער איז שוין אַרײַנגעפאָרן אינעם פינפטן יאָרצענדליק, אַזוי וועט אים איצט, ווייסט ער, קיינער ניט גלייבן, אַז ער האַלט שוין באַם פאַרענדיקן מיטן פינפטן יאָרצענדליק. מע זאָל אים ניט געוועזן אָנעמען פאַר אַזעלכן, וואָלט דער אינסטיטוט אים, מיסטאַם, ניט געשיקט אָנפירן מיט דער ווינטערדיקער פראַקטיק פון די סטודענטן אַף די שאַכטעס אַזש הינטערן פּאָליאַר־קרײַז. אורי׳ַעל איז אַפילע זיכער, אַז אויב עס וועט באַ אים ווידער דערגיין דערצו, אַז ער וועט דאַרפן זיך אויסבאַהאַלטן פון זיך אַליין און פונסנײַ זיך אַוועקלאָזן מיט די געאָלאָגן אין אַ ווײַטער און לאַנגער נעסיע, וועט עס אין אינסטיטוט באַ זיי קיינעם ניט פאַרוווּנדערן, און קיינעם וועט ניט אײַנפאַלן אים פרעגן, וויפל, מיינט ער, איז ער עס אַלט, וואָס סע שטעלט אים ניט אָפּ ניט דאָס קלעטערן איבער די בערג, ניט דאָס נעכטיקן אין אַ בײַדל, און דערצו גאַנץ אָפט ניט דערעסן און ניט דערשלאָפן. ס'איז אים אָפטמאָל אַליין גאָר מאָדנע. פלוצעם, ניט ער ווייסט פאַרוואָס, ניט ער ווייסט פונוואַנען, גיבן זיך באַ אים אַזוי אַ צעשפּיל די קויכעס, אַז סע נעמט זיך אים דוכטן, מע האָט ניט ריכטיק פאַרשריבן דאָס יאָר פון זײַן געבוירן, ווי דאָס פלעגט טרעפן אַמאָל אין די שטעטלעך. אינדערעמעסן דאַרף ער זײַן ייִנגער און געהערט צו די סאַמע ייִנגסטע פונעם דאָר, וועגן וועלכן עס האָט דאַן גערעדט אַפן אָוונט דער מיליטערמאַן.

דער ווייטעק האָט ווי געמאַכט מיט אים אַ טנײַ: ווי נאָר ער קערט זיך אום צוריק אַהער, צום שרײַבטיש, אַזוי לייגט ער אים אַרונטער ווידער אונטערן פּרעס. אַנטלויפנדיק פונעם אומדערטרעגלעכן ווייטעק, האָט אורי׳ַעל זיך צוריק אומגעקערט פונעם שרײַבטיש אין קאַבינעט באַ זיך אַפן אַכטן שטאָק צום פענצטערל פון קופּע פון דעם האַסטיקן צוג.

IV

זיצנדיק באַם פענצטערל מיט האַלב־צוגעשלאָסענע אויגן, האָט אורי׳ַעל זיך געהאַט אַזוי אַרײַנגעלאָזט אין זיך, אַז ער האָט אינגאַנצן ניט באַמערקט, ווי די זון האָט ביסלעכווײַז פאַרפילט מיט זיך די קופּע, זי פאַרגאָסן מיט אַ העלער ליכטיקער שײַן, כאָטש נעם און קלײַב

זיך אריבער מיטן געלעגער אין קאָרידאָר. אהינצו האָט אויך קיין שטערן היינט ניט אריינגעקוקט, נאָר קילער ווי דאָ איז דאָרט זיכער.

ארופגעכאַפּט אַף זיך דעם שלאָף־אַנצוג מיט די שטעקשיך, האָט אוריעל געעפנט די טיר פון קופּע און זיך שיר ניט אָנגעשטויסן אָפּן הויכן מאַנצבל מיט די גוווּרעדיקע אקסל, וועלכער האָט ניט געאיילט זיך דורכגעשפּאַצירט איבערן קאָרידאָר. שוין דערפון אליין, וואָס אוריעל האָט אים אין דער דאָזיקער באַנאַכטיקער שאָ געטראָפן אַף די פיס, איז געווען צו זען, אז דער מענטש איז אויך ניט קיין היגער. קענטיק, ער האָט זיך אויך אין עפּעס שטארק פארטיפט, — פארביי־געגאַנגען און אים, דאכט זיך, אפילו ניט באמערקט. ער זאָל אים ניט שטערן, האָט אוריעל זיך אומגעקערט צוריק אין קופּע.

אין א קורצער ווײַלע ארום האָט דער אומבאַקאַנטער אָנגעקלאַפּט אין דער עטוואָס אָפּן געבליבענער טיר און געבעטן אַנטשולדיקן, וואָס ער האָט מיט זיין ארומשפּרייזן איבערן קאָרידאָר אופגעוועקט, אפּאַנעם, אוריעלן פון שלאָף.

אוריעל האָט, צעעפענענדיק אינגאַנצן די טיר, בארויקט דעם אומבאַקאַנטן:

— איר האָט מיך ניט געקאָנט אופוועקן, ווייל כ׳האָב, קאָן מען זאָגן, זיך נאָך היינט ניט געלייגט.

— אייך לאָזט ניט שלאָפן די זון, ווי ס׳זעט אויס.

— מיר שיינט, אַז ניט בלויז מיך איינעם. אייך, ווי איך זע, לאָזט זי, וויַזט אויס, אויך ניט שלאָפן.

— איך נעמט עס דערפון, וואָס איך בין אַף די פיס? בא מיר איז עס פון גאָר עפּעס אנדערש. — ער האָט אויסגעוואַרט א רעגע, און ווי אוריעלן האָט זיך אויסגעגעבן, האָט דער מענטש, דאכט זיך, געוואַרט, ער זאָל אים פרעגן, אין וואָס באשטייט אָט דער „גאָר עפּעס אנדערש". ניט דערוואַרט זיך אַף דעם, האָט דער אומבאַקאַנטער זיך אָנגערופן: — מיר שטערן ניט די ווייסע נעכט שוין א היפּש ביסל יאָרן.

אוריעל האָט זיך אָפּגערוקט, געמאַכט א מער פרייערן פּלאַץ לעבן זיך אָפּן דיוואַן און פארבעטן דעם אומבאַקאַנטן אין קופּע.

— א דאַנק. אין קאָרידאָר איז קילער. דער קאָנדוקטאָר האָט מיר געזאָגט, אַז מיר שטייגן מיט אייך ארויס אַף איין סטאַנציע. איר פאָרט מיסטאָם צו אונדז, פארשטיי איך, אין א קאָמאַנדירונג. זייער א גוטע צייט האָט איר אויסגעקליבן. איצט איז בא אונדז די רעכטע צייט אַף כאַפּן פיש און גיין אַף יאַגד.

אוריעלן איז אויסגעקומען עפּעס א ביסל מאָדנע, וואָס דער אומבאַקאַנטער האָט פארפירט מיטאַמאָל א רייד וועגן כאַפּן פיש, גיין אַף יאַגד, אויסרעכענענדיק דערביי בא די נעמען שיר ניט אַלע מינים פיש, וואָס באַגעגענען זיך דאָ אין די טייכן און אָזערעס, און שיר ניט אַלע מינים פויגלען, וועלכע האַלטן זיך בא זיי אויף אין דער טונדרע. ניט אנדערש, האָט אוריעל בא זיך א קלער געטאָן, אז דער דאָזיקער מענטש וויל אים פארליבן אין דער טונדרע, מאַכן אזוי, אז ער זאָל דאָ פארבלייבן. אז מע פאָרט ניט איבעריקס אהער און אז סע דאַרף דאָ בא זיי זיין א גרויסער נאָכפרעג אַף מענטשן, דאָס זעט אוריעל אליין. אַף א גאַנצן וואָגאָן זיינען זיי בלויז צווייען. אוריעל האָט אים אָבער ניט איבערגעשלאָגן, כאָטש קימאַט אַלץ, וואָס יענער האָט דערציילט וועגן דער טונדרע מיט אירע זוניקע נעכט אינעם קורצן זומער און מיט אירע אויסגעשטערנטע טעג אינעם מעסוקן לאַנגן ווינטער, האָט אוריעל געוווּסט. די טונדרע, ווי ער זעט, איז, אַן ערעך, אומעטום איינע און די זעלבע. עטוואָס שפּעטער האָט אוריעלן זיך אָנגעהויבן דוכטן, אז דעם דאָזיקן מענטשן, וועו ער צערעדט זיך, איז אים שווער אָפּצושטעלן. אוריעל ווייסט בלויז ניט, צי דאָס נעמט זיך בא יענעם דערפון, ווייל ער האָט זיך צערעדט וועגן דער טונדרע, אין וועלכער ער איז, פילט זיך, סאַקאָנעסדיק פארליבט, צי ער איז פאַשעט פון די פּאַסאַזשירן, וואָס קאָנען קיין מינוט ניט אויסקומען אָן מענטשן. אזעלכן האָבן די עטלעכע שאָ, וואָס ער איז געבליבן איינער אליין אין קופּע, זיך געקאָנט אויסגעבן א גאַנצע אייביקייט. אזוי צי אַנדערש, נאָר דער אומבאַקאַנטער באַהאַלט ניט אויס, אַז ער איז בין גאָר צופרידן, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אַף א מענטשן, פאַר וועמען מע קאָן זיך אויסריידן און וועלכער קאָן אויסהערן. דאָס איינציקע, וואָס אוריעל האָט פון מאָל צו מאָל זיך דערלויבט, איז אריינשטעלן א וואָרט, וואָס דאַרף געבן יענעם צו וויסן, אז ער האָט אויך וואָס צו דערציילן וועגן דער טונדרע.

וועו אנשין האָט זיך אריינגעשטעלט מיט א וואָרט, אַז אין ערגעץ, דאכט זיך, האָט מען ניט אזא פארגעניגן פון כאַפּן פיש, ווי אין דער טונדרע, — האָבן בא דעם אומבאַקאַנטן א לויכט געטאָן די אויגן, ווי בא א שאַכמאַטיסט, וועלכער האָט אונטערוועגנס צופעליק אָנגעטראָפן אַף פונקט אזא פארברענטן שפּילער, ווי ער. דעם דאָזיקן פארגלייך האָט אוריעל,

וועלכער איז געווען אין דער יוגנט א הייסער שפּילער אין שאַך, געמאַכט פאַר זיך נאָכדעם, ווי דער אומבאַקאַנטער האָט זיך אָנגערופן, אַז זיי קאָנען נאָך היינט באַווייזן זיך אָראָפּכאַפּן צום טייך און געהאַט אים פאַרגעלייגט אַנטלייען אַף דער צייט, וואָס ער וועט דאָ זיין, אַ ווענטקע מיט הויכע גומענע שטיוול, וואָרעם ער איז ניט איבעריקס זיכער, צי בײַ זיי אין די קראָמען קאָן מען עס איצט קריגן.

אוריִעל האָט אים באַדאַנקט, באַמערקנדיק דערבײַ, אַז, צום באַדויערן, וועט אים ניט אויסקומען זיך דערמיט באַנוצן. ער פאָרט אַהער בלויז אַף עטלעכע טעג און אַז אַפילו אין די רו־טעג וועט ער אויך זײַן פאַרנומען.

— אָט, אַז איך וועל אַראָפּקומען אַהער מיט מײַנע סטודענטן, וועל איך שוין דעמלט, קלער איך, ניט זײַן אַזוי געענגט אין צײַט.

דער אומבאַקאַנטער האָט מיטאַמאָל צוגעשלאָסן די אויגן, ווי ער וואָלט אין דער פאַר־בײַשווימענדיקער טונדרע אַף יענער זײַט פענצטערל דערזען עפּעס אַזעלכעס, וואָס ער באַמיט זיך עס אויסבאַהאַלטן פון זיך. אין אַ רגע אַרום האָבן זיך בײַ אים שוין ווידער געלויכטן די העל־ברוינע אויגן אַפן ברייטלעכן געזיכט מיט די בלויע שפּרענקעלעך אַף די קינבאַקן.

— מיט אַ יאָר דרײַ צוריק האָב איך אויך געהאַט צו טאָן מיט סטודענטן, — האָט דער אומבאַקאַנטער, שטייענדיק אַלץ נאָך אין דער טיר פון קופּע, זיך אָנגערופן מיט זײַן שטילער געדיכטער שטים, — זיי זײַנען דורכגעגאַנגען די פּראָדוציר־פּראַקטיק בײַ מיר אין דער ברי־גאַדע. מיר האָבן דעמלט פאַנאַנדערגעאַרבעט דעם פערטן האָריזאָנט. וואָס, איך בין ניט ענלעך אַף קיין שאַכטיאָר, וואָס איר באַטראַכט מיך אַזוי?

אַפילו נאָכדעם ווי אליִא סאָוועליעוויטש לעסאָוו, ווי מע האָט גערופן דעם אומבאַקאַנטן, האָט דערציילט וועגן דער שאַכטע, אַף וועלכער די סטודענטן פון איינעם אַ באַרג־אינסטיטוט זײַנען דורכגעגאַנגען די פּראָדוציר־פּראַקטיק, ווי עס קאָן דערציילן וועגן אַ שאַכטע בלויז דער, וואָס האָט זי געמאָסטן און איבערגעמאָסטן אין דער לענג און אין דער ברייט ניט איין יאָר, האָט ער עפּעס אויך ניט געמאַכט אַף אוריִעלן דעם אײַנדרוק פון אַ שאַכטיאָר, אַליין ניט ווייסנדיק פאַרוואָס. גיכער פון אַלץ, מיסטאָמע, דערמיט, וואָס לעסאָוו זשמורעט ניט איבעריקס די אויגן, ווי דאָס טוען געוויינלעך מענטשן, וועלכע פאַרברענגען דעם טאָג מער אין די טונקל־באַלויכטענע לאַוועס און שטרעקן ווי אַף דער דרויסנדיקער שײַן, און וואָס ער האַלט ניט דעם קאָפּ אַרײַנגעצויגן אין די אַקסל ווי געוויינלעך בײַ שאַכטיאָרן, בײַ וועמען דאָס נעמט זיך פון אויסהיטן זיך אַ קלאַפּ טאָן אין די נידעריק־אַראָפּהענגענדיקע קראָוולעס און באַלקנס.

— פאַרוואָס זעצט איר זיך ניט צו? — אוריִעל האָט אים אָנגעוויזן אַפן פרײַען האַלב־ווייכן דיוואַן. — מיר האָבן דאָך נאָך מיט אײַך צו פאָרן און פאָרן. אַ גלעזל טיי וועט איר טרינקען? כ׳האָב פון אָוונט פאַרקאָכט אין טערמאָס פרישע טיי. קראַסנאָדאַרער. און צו דער טיי וועט זיך בײַ מיר אויך עפּעס געפינען.

— איין רגע. איך קום באַלד צוריק.

אין אַ מינוט אַרום האָט לעסאָוו זיך אומגעקערט, האַלטנדיק אין דער האַנט אַ פאַר־כאַסמעט פלעשל בראָנפן.

— איר ווילט מיר דערמיט דערווײַזן, אַז איר זײַט אָן עכטער שאַכטיאָר? — האָט אוריִעל האַלב אין שפּאַס געפרעגט.

— שטעלט אײַך פאָר, — האָט אליִא סאָוועליעוויטש, פאַנאַנדערכאַסמענדיק דאָס פלעשל, אים דערויף געענטפערט, — אַז ווען כ׳האָב געאַרבעט, האָב איך געטרונקען אַ סאַך זעלטענער ווי איצט. נאָר פון זינט איך בין אַוועק אַף פּענסיע... לאָמיר זײַן געזונט, — און לעסאָוו האָט אין איין אָטעם אויסגעטרונקען די פול אָנגעגאָסענע גלאָז בראָנפן, ניט צורירנדיק זיך צום פאַרבײַסן, וואָס אוריִעל האָט אַרויסגעלייגט אַפן טישל.

— אָט איצטער זע איך, אַז כ׳האָב צו טאָן מיט אַן עכטן שאַכטיאָר, — האָט אוריִעל, אָפּזופּנדיק עטלעכע טראָפּן פונעם גלעזל, אַ שמייכל געטאָן, און דערבײַ זיך ווי פאַרענט־פערט, — אַנומלטן האָב איך איינער אַליין אויסגעטרונקען קימאַט אַ גאַנץ פלעשל. אַרײַנקערן אָבער אין זיך מיט איין שלונג אַ גאַנצע גלאָז, דאָס וואָלט איך קיינמאָל ניט געקאָנט.

— און איך וואָלט קיינמאָל ניט געקאָנט טרינקען אָט ווי איר. אַזוי טרינקט מען נאָר טיי פון אַ זודיקן סאַמאָוואַר אָדער אײַז־קאַלטע וואַסער פון ברונעם אין אַ ברענענדיקן פראָסט. — לעסאָוו האָט אָפּגערוקט פון זיך די גלאָז. — אַלץ! מער ווי איין מאָל טרינק איך ניט.

— און אויב פון אַ קעלישעקל? — האָט אוריִעל געפרעגט, ווי דאָס זאָל אים געווען אָנגיין.

— אַלצײַנס. צוויי מאָל טרינק איך קיינמאָל ניט אַפילע פון אַ קעלישעקל. איר באַטראַכט מיך נאָך אַלץ, ווי איך זע.

אורי גאַווריליאָוויטש אַנשין האָט ניט אויסבאַהאַלטן, אַז אים האָט ווירקלעך פאַרוווּנדערט דערהערן פון אָט דעם וווּקסיקן קרעפּטיקן מענטשן, אַז שוין דאָס אַנדערע יאָר, ווי ער איז אַף פענסיע. כאָטש דעם, וואָס ער זעט אויס אַ סאַך ייִנגער פונעם עלטער, ווען אַ מענטש, וואָס אַרבעט אונטער דער ערד, קאָן באַקומען פענסיע, האָט אוריִעל נאָך, דאַכט זיך, ביכלל ניט באַגעגנט קיין שאַכטיאָר, וועלכער זאָל צו עטלעכע און פופציק יאָר אופהערן אַרבעטן. זאָגנ־דיק עס לעסאָוון, האָט אַנשינען זיך מיטאַמאָל אויסגעגעבן, אַז איליאַ סאַוועליעוויטש הערט אים, דוכט זיך, ניט. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זיך אים געהאַט אויך אויסגעגעבן, אַז לעסאָוו באַמערקט אים אַפילע ניט. איליאַ סאַוועליעוויטש זאָל אים געווען איצטער זאָגן דאָס זעלבע, אַז ס׳איז שוין אַ פּאָר יאָר, ווי ער איז אַרײַנגעפאָרן אינעם זיבעטן יאָרצענדליק, וואָלט ער אים שוין דערמיט ניט פאַרוווּנדערט. אַרום זײַנע העל־ברוינע אויגן זײַנען זיך מיטאַמאָל צונויפגעלאָפן טיף פאַרקאַרבטע קנייטשן, און די אויגן אַליין זײַנען שוין אויך געווען ניט די זעלבע, זיי האָבן זיך אַנדערש געלויכטן. אַפאָנעם, ער האָט ניט געהאַט קיין טאָעס, אוריִעל, ווען, דערזעענדיק לעסאָוון זיך אומדרייען איבערן קאָרידאָר, האָט ער אים אָנגענו־מען פאַר אַ מענטשן, וואָס קאָן קיין רעגע ניט בלײַבן אַליין. ער מוז שטענדיק האָבן עמעצן לעבן זיך, אַז ער זאָל זיך קאָנען פאַר אים אויסריידן. אַליין דער גאַנג זײַנער — אַ שטילער און אַ פאָרזיכטיקער — איז פון אַ מענטשן, וואָס טראָגט אַף זיך אַ שווערע מאַסע, פון וועלכער ער קאָן זיך ניט באַפרײַען. ער האָט אַליין געגעבן אָנצוהערן וועגן דעם, נאָך שטייענדיק אין דער טיר. אוריִעל האָט זיך געוווּנדערט אַף זיך אַליין, ווי קומט עס, וואָס ער האָט זיך גלײַך ניט אָנגעשטויסן פרעגן לעסאָוון, פאַרוואָס האָט ער גענומען אָפּטער טרינקען, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלאָזט די אַרבעט. ס׳איז אָפּגעגאַנגען אַ רעגע, אַז אוריִעל זאָל עס אים פרעגן, נאָר איליאַ סאַוועליעוויטש איז אים ווי פאַרלאָפן דעם וועג. זײַנע אויגן האָבן זיך שוין ווידער געלויכטן, ווען ער האָט, אויסקלײַגנדיק די האַנט אַף דער ליידיקער גלאָז, געפרעגט:

— איר ווייסט שוין, אַף וועלכער שאַכטע וועלן פראַקטיקירן אײַערע סטודענטן, צי איר דאַרפט זיך נאָך דעריידן מיטן שאַכטקאָמבינאַט? בעט, מע זאָל אײַך שיקן אַף דער נײַנטער שאַכטע צו יאָסיף פוסינסקין אין דער בריגאַדע. פוסינסקי איז געווען מײַן געהילף. ער איז אויך געווען מיט מיר אין דער שאַכטע, ווען דער אומגליק האָט געטראָפן.

איליאַ סאַוועליעוויטש איז אַנשוויגן געוואָרן. מעגלעך, ער האָט געוואַרט, אוריִעל זאָל אים פאַנאַנדערפרעגן, וואָס האָט אַזעלכעס געטראָפן מיט אים אין דער שאַכטע, וואָס ער קאָן ניט, זעט אויס, ביז איצט עס פאַרגעסן. נאָר אוריִעל האָט אויך געשוויגן. דאָס איינציקע, מיט וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט זיך צוגעגרייט הערן, — איז דאָס פאַרהענגען ס׳פענצטערל, אַז די זון זאָל אַזוי ניט קריכן אין די אויגן. און איליאַ סאַוועליעוויטש לעסאָוו, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אינעם ווענטל, האָט אָנגעפאַנגען דערציילן, פריִער שטיל, ווי פאַר זיך, נאָר וואָס ווײַטער, אַלץ העכער, איבערשלאָגנדיק זיך פון צײַט צו צײַט מיט אַ הייזע־ריקלעכן זיפץ, ווי עס וואָלט אים אויספעלן לופט צום אָטעמען:

— צוויי מעסלעס זײַנען מיר אָפּגעלעגן אין דער פאַרשאָטענער לאַווע. אַכט מאַן זײַנען מיר דאָרט געווען, און אַלע זײַנען מיר אַרויס מיטן לעבן, און זי, מאַריִע מײַנע, וואָס האָט אַף איר לעבן זיך קיין איין מאָל אַפילע ניט אַראָפּגעלאָזט אין דער שאַכטע, איז אומגעקומען. און אַזוי שרעקלעך און אומגעלומפּערט. אײַך מאַכט ניט אויס, אויב כ׳וועל פאַררייכערן? — לעסאָוו האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ פּעקל פּאַפּיראָסן און עס אויסגעשטרעקט אוריִעלן.

— אַ דאַנק. איך רייכער שוין ניט אַ היפּש ביסל יאָרן. אויב איר ווילט, קאָן איך אײַך אויסלערנען, וויִאַזוי זיך אָפּגעוווינען פון רייכערן.

— צוליב וואָס? — זיך פאַרצויגן און לאַנגזאַם אַרויסגעלאָזט דעם רויך צוזאַמען מיטן טיפן זיפץ, האָט לעסאָוו פאָרגעזעצט. — דאָס שטעטל אונדזערס איז ניט איבעריקס קיין גרויס. טרעפט, כאָלילע, עפּעס אַף די שאַכטעס, דערוויסט מען זיך דערפון באַלד אין שטעטל, און עס ווערט גלײַך אָן אָנגעלויף, דעריקער, פאַרשטייט זיך, פון די פרויען. איטלעכע פון זיי האָט דאָך עמעצן אין דער שאַכטע, און אַ שאַכטע איז ניט קיין זאַוואָד. באַ אַ סרייפע צי אָן אַנדער אומגליק וועסטו די טיר ניט אויסברעכן און דורכן פענצטער ניט אַרויסשפּרינ־גען. דערהערט, אַז אַף דער נײַנטער שאַכטע, ווו איך האָב געאַרבעט, האָט פּאַסירט אָן אומ־גליק, איז מײַנע גלײַך געקומען אַהין צו לויפן און זיך אַ וואָרף געטאָן צום ווערטיקאַלן סטוואָל. פינקטלעך ווייסט קיינער ניט, וויִאַזוי איז עס געשען. גיכער פון אַלץ האָט מאַריִע מײַנע, פון צעטומלטקײַט, מיסטאָמע, ניט באַמערקט, אַז די שטײַג, מיט וועלכער מע לאָזט זיך אַראָפּ אין שאַכטע, איז ניטאָ, זי איז אונטן, און אַז דאָס טירל פונעם סטוואָל שטייט אָפן.

עמעצער האָט אין אײַלעניש פאַרגעסן עס, ווײַזט אויס, צומאַכן. און אפֿן סטוֹאַל איז בא אונדז שטענדיק האַלב־טונקל. אין דער ערשטער מינוט, אַז מע קומט אַהין אַרײַן פֿון דרויסן, זעט מען קימאַט גאָרניט. זיבן הונדערט מעטער איז זי געפֿלויגן... איך בין אַף איר לעווײַע ניט געווען. איך בין געלעגן אין שפּיטאָל.

ס'האָט נאָך געטליִעט דער ניט־דערייכערטער פּאַפּיראָס אינעם אַש־בעכער, נאָר איליא סאָוועליעוויטש האָט שוין געהאַט אַרויסגענומען פֿונעם שאַכטל אַ צווייטן פּאַפּיראָס און ניט באַמערקט, ווי ער האָט אים צעדרויבלט צווישן די פֿינגער.

— איר האָט מיך עפּעס געפֿרעגט? — האָט לעסאָוו זיך געגעבן אַ כאַפּ אוף. ניט דערוואַרט זיך אַף קיין ענטפֿער, האָט ער צוריק אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אינעם ווענטל און נאָך אָפּטער זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן ריידן, ווי ס'זאָל אים אויספֿעלן אָטעם. — באַ אַ האַלב יאָר בין איך נאָך דער אוואַריע אין שאַכטע, ווו ס'האָט אונדז פֿאַרשאָטן, אָפּגעלעגן צו בעט. ווען איך בין אַרויס פֿון שפּיטאָל, האָט מיך קיינער קימאַט ניט דערקענט, אַזוי אַלט בין איך געוואָרן פֿאַרן דאָזיקן האַלבן יאָר. איר טויט האָט מיך אינגאַנצן צעבראָכן. איך האָב נאָך געפּרוּווט אַ פּאָר כאָדאָשים אַרבעטן, כ'האָב אָבער געפֿילט, אַז ס'איז שוין ניט פֿאַר מײַנע קויכעס. כ'ווייס ניט, קאָן זײַן, ווען ס'זאָל מיר געווען אויספֿעלן סטאַזש, צי מיר וואָלט געוועין נאָך פֿאַר די פּופֿציק יאָר, וואָלט איך עפּשער איבערגעגאַנגען אַף אַן אַנדער אַרבעט, כאָטש פֿאַר אַ מענטשן, וואָס האָט, אָט ווי איך, אָפּגעאַרבעט אַ לעבן אונטער דער ערד, איז ניט אַזוי פּאָשעט פֿאַרלאָזן די שאַכטע און איבערגײן אַרבעטן אַף דער אויבערפֿלאַך. ס'איז, ווי זאָל איך עס אײַך זאָגן, נו, דאָס זעלבע ווי פֿאַר אַ מאַטראָס זיך צעשיידן מיטן יאַם. נאָר קיין סטאַזש האָט מיר ניט אויס־געפֿעלט, און לויטן עלטער האָב איך מיט אַ היפּש ביסל יאָר נאָך צוריק געקאָנט אַוועקגיין אַף פּענסיע, און זאָרגן זיך וועגן פֿאַרדינסט האָב איך אויך ניט וואָס. עס וועט מיר קלעקן צום לעבן, ווען איך זאָל אַפֿילע קריגן אַ קלענערע פּענסיע, ווי איך באַקום. איר פֿאַרשטייט דאָך אַליין, אַז מע אַרבעט אָפּ אַזויפֿיל יאָר אַפֿן עקסטן צאָפֿן אין אַ שאַכטע, פֿאַרדינט מען, מיס־טאָמע, עטוואָס מער פֿון אַ דאָצענט און עפּשער מער אַפֿילע פֿון אַ פּראָפֿעסאָר.

— קאָן זײַן, — האָט אורי גאָוורילאָוויטש אים נאָכגעגעבן, באַמערקנדיק דערבײַ, אַז דאָס סאַמע לויִנבאַרסטע איז איצט, אויב סע גייט אין פֿאַרדינסט, צו זײַן אַן אַרבעטער.

— פֿונדעסטוועגן איז אַף אַרבעטער, ווי כ'האָב געהערט, אַ סאַך אַ גרעסערער נאָכפֿרעג, ווי אַף דאָצענטן און פּראָפֿעסאָרן. איז אָט: אַז מע אַרבעט אָפּ אַף אַ שאַכטע, וויפֿל איך האָב אָפּגעאַרבעט, איז קלײַבט זיך ווילנדיק ניט ווילנדיק אָן אַ שטיקל קאַפּיטאַל. און אויב כ'זאָל מער ניט אַרבעטן, איז וואָס פֿאַר אַ זין האָט מיר צו זיצן דאָ אין דער טונדרע? צאָפֿן בלײַבט צאָפֿן. ניט אומזיסט צאָלט מען אַפֿן עקסטן צאָפֿן אַ העכערן געהאַלט, מע האָט אַ גרעסערן אורלויב און אַנדערע להאַטעס. האָב איך אויך, ווי אייניקע אונדזערע שאַכטיאָרן, וואָס זײַנען שוין אַף פּענסיע און וואָס גייען אַוועק אַף פּענסיע, זיך פֿאַרשריבן אַף אַ קאָאָפּעראַטיווער דירע אינעם הויז, וועלכעס דער שאַכטקאָמבינאַט אונדזערער קלײַבט זיך בויען אין איינעם פֿון די דאָרעמדיקע שטעט. דערווײַל האַלטן מיר נאָך אַלץ אין צוקלײַבן זיך אַ שטאָט. עס ווילט זיך, אַז אי דער קלימאַט זאָל זײַן אַ פּאַסיקער, אי די שטאָט זאָל זײַן אַ שטאָט. נו, און וויבאַלד איך בין אַ פֿרײַער מענטש, האָט מען מיך אויסגעקליבן אין דער פֿאַרוואַלטונג און געמאַכט פֿאַר אַן אַרומפֿאָרער. דאָס קער איך זיך איצט אום פֿון אַ קאָמאַנדירונג, געפֿאָרן אָנקוקן נאָך אַ פּאָר שטעט און פֿאַרייניוועגס אַ רעד טאָן דאָרט מיט ווּעמען מע דאַרף, וואָס און ווען. — לעסאָוו האָט ווידער אַרויסגענומען פֿון שאַכטל אַ פּאַפּיראָס און ווידער ניט באַמערקט, ווי ער האָט אים צעדרויבלט צווישן די פֿינגער. — אַזוי צי אַנדערש, נאָר אין אַ פּאָר יאָר אַרום וועלן מיר אויסבויען דאָס הויז. צי וועל איך דאָרט וווינען, דאָס, זעט איר, ווייס איך נאָך אַליין ניט, כאָטש איך בין אין דער פֿאַרוואַלטונג און וועל זיך נאָך ניט איין מאָל דאַרפֿן שלעפּן הין און צוריק, ווען מע וועט צוטרעטן בויען דאָס הויז. איך בין פּאָרט מער פֿרײַער פֿון אַנדערע, איין מענטש אינגאַנצן. כ'ווייס. עפּשער טאַקע דערפֿאַר, וואָס איך בין געבליבן איינער אַליין, האָט דער קאָאָפּעראַטיוו מיך בעקיוון אַזוי אײַנגעשפּאַנט אין דער אַרבעט.

דער צוג, וואָס איז אַ לענגערע צײַט געשטאַנען אַף אַ קליינער סטאַנציע, האָט זיך ענד־לעך גערירט, נאָר ביידע, ניט אַנשין, ניט לעסאָוו, האָבן עס אין דער ערשטער מינוט ניט באַמערקט.

— פֿאַרוואָס קלערט איר, אַז איר וועט ניט אויסקומען דאָרטן וווינען? עס וועלן ניט קלעקן פֿאַר אַלעמען קיין דירעס? — האָט אוריִעל געפֿרעגט דעם מיטאַמאָל אַנשוויגן געוואָ־רענעם לעסאָוו, ווען די רעדער פֿון וואַגאָן האָבן אַלץ העכער זיך געלאָזט הערן מיט זייער

שטענדיקן אלצייַנעם ניגון, צו וועלכן עס לאָזן זיך צוקלײַבן וועלכע ווערטער מע וויל און אַף וועלכער שפּראַך מע וויל.

איליא סאַוועליעוויטש האָט אַ קוק געטאָן אַף אוריִעלן מיט עטוואָס צוגעשלאָסענע אויגן. פֿון דעם דאָזיקן בליק זײַנעם האָט אוריִעל פֿאַרשטאַנען, אַז לעסאָוו האָט ניט דער־וואַרט, מע זאָל אים אַזעלכעס פֿרעגן, און דערפֿאַר האָט אוריִעלן זיך אויסגעוויזן, אַז ניט אים, נאָר זיך אַליין ענטפֿערט ער עס, לעסאָוו:

— דאָ בלײַבט איבער מײַן מאַריִעס קייווער. ווי לאָזט מען עס איבער אַ קייווער פֿון אַ נאָענטן ליבן מענטשן און מע פֿאָרט אַף שטענדיק אַוועק? — און גלײַך ער זאָל מוירע האָבן, אַז אוריִעל וועט אים דערוף באַלד ענטפֿערן דאָס זעלבע, וואָס ער, לעסאָוו, האָט שוין ניט איין מאָל עס געהערט פֿון זיך אַליין, אַז דאָס לעבן קומט אַלץ בײַ, אַז אָט האָט ער דאָך מיט מאַריִען זיך ניט אונטערגעגעבן דעם בראָך, ווען זיי האָבן דערהאַלטן דאָס שרעקלעכע בריוול, אַז אויך דער פֿערטער און דער לעצטער זון זייערער איגאָר איז אומגעקומען אין שלאַכט, האָט לעסאָוו אים געענטפֿערט, אוריִעלן, מיט אַ שטים, וואָס האָט קיין שום שײַכעס ניט דערצו, וואָס ער האָט ביז אַהער דערציילט וועגן זיך. — פֿאַרשרײַבט פֿונדעסטוועגן מײַן אַדרעס. ס'קאָן זיך פּונקט מאַכן, אַז עס זאָלן ניט זײַן קיין פֿרײַע ערטער אין האָטעל. קוקט ניט, וואָס מיר זײַנען פֿאַרבליבן צווייען אַף אַ גאַנצן וואַגאָן. דאָס איז פּאַשעט אַ צופֿעליקײַט. קיין פּאַסאַזשירן אַהער, צו אונדז, פֿעלן קיינמאָל ניט אויס, און ביז מע וועט אַרויסנדיקן דעם נײַעם האָטעל, וואָס מע בויט... און אויסער אַלעם, זײַנען אינעם אַלטן האָטעל, דאַכט מיר, גאָר ניטאָ קיין צימערן פֿאַר איינצלנע. אינעם קלענסטן צימערל, אַף וויפֿל איך ווייס, שטייען אײַן צו דרײַ־פֿיר מענטשן. מיך וועט איר מיט גאָרנישט ניט פֿאַרשוועריקן. סײַווי פּוסטעוועט בײַ מיר אַ צימער.

פֿאַרוואָס איז אוריִעל ניט פֿאַרפֿאָרן צו לעסאָוון, מיט וועמען, ווי אים האָט זיך אויס־געוויזן, ער איז שוין יאָרנלאַנג באַקאַנט, נאָר זיך אָפּגעשטעלט אינעם פֿאַרייכערטן האָ־טעלכל, ווו ער איז געוווען דער פֿערטער אינעם ניט גרויסן אומעטיקן צימער מיט די פֿאַר־פֿלעקטע טאַפּעטן, האָט ער אַליין ניט געוווּסט. ווי פֿאַרנומען ער איז אָבער ניט געוווען די פֿאַר וואָכן, וועלכע ער האָט פֿאַרבראַכט אַף די שאַכטעס, איז ניט געוווען קיין טאָג דער אָוונט, ער זאָל זיך ניט אַראָפּכאַפּן צו לעסאָוון אינעם הילצערנעם שטיבל מיטן געפֿלאַכטענעם בערעזעוון פּאַרקנדל און זיך ניט אַראָפּלאָזן ביידע צום טײַך. זיי פֿלעגן דאָרט אָפּזיצן צומאָל מיט די פֿאַרוואָרפֿענע ווענטקעס ביז טיף אין דער נאַכט, ביז דער הימל פֿלעגט אַף אַ קורצער צײַט זיך אָפּרוען פֿון דער זון, פֿאַרשיקנדיק זי אַף יענער זײַט טעריקאָניקעס.

אין איינער פֿון אָט די ליכטיקע זוניקע נעכט, ווען זיי זײַנען קורץ פֿאַר זײַן אָפּפֿאָרן געזעסן אָפּן ברעג טײַך מיט די פֿאַרוואָרפֿענע ווענטקעס אין וואַסער, האָט אוריִעל זיך גע־קליבן פֿרעגן איליאַ סאַוועליעוויטשן, צי וואָלט ער ניט אײַנגעגאַנגען אים קאָנסולטירן, אויב ער, אוריִעל, וועט זיך ווידער נעמען גרייטן די דאָקטאָרסקע דיסערטאַציע, אַף וועלכער ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אַ קורצע צײַט פֿאַר דעם, ווי ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין דער עקספּעדיציע, און פֿון דאַן אָן זיך צו איר מער ניט צוגערירט. נאָר אָנשטאָט פֿרעגן עס און זאָגן, פֿאַרוואָס ווענדט ער זיך דערמיט דאַפֿקע צו אים, — ער האָט אַף זײַן לעבן נאָך ניט באַגעגנט קיין מענטשן, וואָס זאָל קענען אַזוי די שאַכטע, ווי ער, לעסאָוו, — האָט זיך בײַ אוריִעלן פֿלוצעם אַרויסגעכאַפּט, וואָס וואָלט איליאַ סאַוועליעוויטש, אַשטייגער, געטאָן, ווען מיט אים פֿאַרלויפֿט זיך דאָס זעלבע, וואָס איז זיך פֿאַרלאָפֿן מיט איינעם, זײַנעם, אוריִעלס, אַ באַקאַנטן. אָט דער באַקאַנטער זײַנער, אַ טאַטע פֿון דערוואַקסענע קינדער און אַ זיידע שוין פֿון אייניקלעך, האָט זיך מיטאַמאָל פֿאַרליבט אין אַ פֿיל יִינגערער פֿון זיך. ס'איז אים אַליין געווען מאָדנע, וואָס ניט דערוואַרטנדיק זיך, וואָס וועט לעסאָוו דערוף ענטפֿערן, האָט אוריִעל געגומען אויסדערציילן שיר ניט אַלץ, וואָס איז זיך פֿאַרלאָפֿן מיט זײַן נאָענטן באַ־קאַנטן, נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַגעגנט מיט דער זעקס־און־צוואַנציקיאָריקער שיינער גע־בילדעטער פֿרוי. פֿאַרענדיקט האָט אוריִעל דערמיט, אַז שוין דאָס וויפֿלטע יאָר, ווי דער באַקאַנטער זײַנער אַנטלויפֿט פֿון זיך און קאָן אַלץ ניט אַנטלויפֿן, און כאָטש יענער פֿאַר־שטייט אַליין זייער גוט, אַז פֿון זיך קאָן מען ניט אַנטלויפֿן און ווייסט, אַז ס'איז ניטאָ אַזאַ אָרט, ווו מע זאָל זיך קאָנען אויסבאַהאַלטן פֿון זיך אַליין, דאָך גיט ער זיך ניט אונטער. ער קלײַבט זיך אַפֿילע אַריבערפֿאָרן אין אַנדער שטאָט. אים איז אַלצײַנס ווּהין, ער וואָלט געקאָנט אַריבערפֿאָרן אַפֿילע אַהער...

דערציילנדיק עס אַלץ איליאַ סאַוועליעוויטשן, האָט אוריִעל ניט דערוואַרט, אַז אים וועט נאָכדעם אויסקומען זיך אַזוי אײַנשטעלן פֿאַר זײַן „באַקאַנטן". ביז איצט האָט אוריִעלן דער־ווײַל נאָך קיינער ניט אויסגעוואָרפֿן, אַז ער איז אַ שוואַכמוטיקער, אַ לײַכטזיניקער, אַז

אויסער זיך גייט אים אין לעבן קיין זאַך ניט אָן. צי האָט זיך אים ענדלעך אײַנגעגעבן דער־ווײַזן, אַז זײַן „באַקענטער" האָט קיין שום שײַכעס ניט דערצו, אין וואָס לעסאָוו האָט אים באַשולדיקט, איז אַנשין ניט געווען אינגאַנצן זיכער, און איבעריקס פאַרווונדערט וואָלט עס אים אויך ניט. ס'איז, דאַכט זיך, סטאַם געווען נאַריש פון זײַן זײַט אָט דאָס נעמען און דערציילן אַ לאַכלוטן זײַטיקן מענטשן שיר ניט אַלץ, וואָס איז זיך פאַר די אַלע יאָרן געהאַט פאַרלאָפן צווישן אים, אוריעלן, און ריטען. לעסאָוו, אַלנפאַלס, איז דאָך זיכער ניט דער מענטש, וואָס קאָן אין אַזאַ פאַל עפּעס אונטערזאָגן. און וואָס, אייגנטלעך, וואָלט אים געקאָנט אונטערזאָגן אפילו דער, וואָס האָט, זײַענדיק אינעם זעלבן עלטער, וואָס ער, אוריעל, געפּרוּווט אַנטלויפן פון זיך און, ווי ער, אוריעל, זיך געפּײַניקט וויפל יאָרן פון בענקשאַפט. צו לעסאָוון איז, דאַכט זיך, ביכלאַל ניט אַלץ דערגאַנגען פון דעם, וואָס אוריעל האָט אים דערציילט. און עפּשער איז עס צו אים ניט דערגאַנגען, ווײַל ער קוקט דערויף אַנדערש, אַ סאַך פּאַשעטער.

צי דאָס האָט אָפּגעהאַלטן אורי גאָוורילאָוויטשן, צי עפּעס אַנדערש, נאָר ניט דעמלט, ווען ער איז געזעסן מיט לעסאָוון אויפן ברעג טײַך מיט די פּאַרוואָרפענע ווענטקעס אין וואַ־סער, ניט נאָכדעם, ווי ער איז אַראָפּגעקומען מיט די סטודענטן אויף דער פּראָדוציר־פּראַקטיק און פאַר די לאַנגע צוויי ווינטער־כאַדאָשים זעלטן ווען דורכגעלאָזט אַן אָוונט, ער זאָל ניט זײַן בײַ לעסאָוון, געפינענדיק יעדעס מאָל וועגן וואָס צו ריידן, אַז ס'האָט זיי קיינמאָל ניט געקלעקט דערויף קיין צײַט, האָט אוריעל מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט וועגן דעם לאַנגאַניקן פאַרטראַכט זײַנעם, וואָס לאָזט אים פון זיך ניט אָפּ שוין דאָס וויפלטע יאָר: פאַרקלײַבן זיך באַצײַטנס וואָס ווײַטער פון דער היים, ניט צוצוקומען אהין ניט מיט דער יאַבאַשע, ניט מיטן וואַסער, אַז קיינער פון זײַנע אייגענע און נאָענטע זאָלן אים ניט אַרויסבאַגלייטן אין זײַן לעצטן וועג. אַנשין האָט ניט פאַרפירט מיט לעסאָוון קיין רייד וועגן דעם ניט דערפאַר ווײַל לעסאָוו, האָט אוריעל מוירע געהאַט, וועט אים אויסלאַכן, ווי סע האָט אים אויסגעלאַכט מערע, ווען ער האָט איר, ער געדענקט שוין ניט אין צוזאַמענהאַנג מיט וואָס, עס איר איינ־מאָל געזאָגט. איליאַ סאָוועליעוויטש, האָט אוריעלן זיך אויסגעוויזן, וואָלט אים פּאַשעט ניט פאַרשטאַנען. און אויסער אַלעם, ווי פאַרפירט מען עס אַזאַ געשפּרעך מיט אַ מענטשן, בײַ וועמען דער טויט האָט אַזוי אומגעריכט און גרויזאַם צוגענומען דעם סאַמע נאָענטסטן פרײַנט זײַנעם.

דאָס אָבער איז פאַר אוריעלן לאַכלוטן שוין קלאָר: אויב צו יענער צײַט, אויף וועלכער ער וואָרט ניט, נאָר וועלכע וועט, ווי צו יעדן איינעם, אומבאַדינגט קומען אויך צו אים, ווי ס'קומט אָן דער האַרבסט פאַר אַלעביימער, און אָט דער אײַנגעאַקשנטער פאַרטראַכט זײַנער וועט זיך פון אים ניט אָפּטאָן און אים סאַפּקאָלאָסאַף אוועקפירן פון דער היים, וועט ער שוין ניט דאַרפן קלערן וווהין זיך פאַרקלײַבן. ער וועט זיך באַזעצן בײַ איליאַ סאָוועליעוויטשן אינעם הילצערנעם שטיבל מיט די נידעריקע פענצטערלעך, וואָס קוקן אַרויס צום טײַך, און נאָך ניט איין מאָל זיך אומקערן צום געשפּרעך, וועלכן זיי האָבן אָנגעפאַנגען אין צוג און וועלכער וועט זיך בײַ זיי, ווײַזט אויס, קיינמאָל ניט ענדיקן. איליאַ סאָוועליע־וויטש, פילט אַנשין, איז דער מענטש, וועלכער באַהאַלט ניט אויס פון יענעם, וואָס ער טראַכט וועגן אים, און וועלכער האָט פאַר קיינעם ניט מוירע, אַז ער זאָל דאַרפן זאָגן וועגן עמעצן איינס, בייס ער טראַכט וועגן יענעם גאָר עפּעס אַנדערש, ווי דאָס טרעפט צומאָל מיט אייניקע אויך בײַ זיי אויפן פאַקולטעט. דערווײַל איז נאָך ניט צו זען, אַז עס זאָל זיך געווען בײַ זיי איבעריקס שטאַרק ענדערן, נאָכדעם ווי דער נײַער דעקאַן פון פאַקולטעט האָט געגעבן דײַטלעך אָנצוהערן, אַז ער פאַרטראָגט ניט קיין מענטשן, וואָס האָבן פאַרלוירן די מענטשלעכע ווירדע און אייגנליבע, ער קאָן ניט אַכטן דעם, וועלכער אַכטעט זיך אַליין ניט. און אויב עמעצער מיינט, אַז דערמיט, וואָס ער וועט אָן איבעריקס מאָל אים טראָגן דעם שמייכל אַנטקעגן, אָן איבעריקס מאָל זיך מיט אים באַגריסן, און יעדעס מאָל דערמאָנען צום שלעכטן דעם פריערדיקן דעקאַן, וועמען דער זעלבער מענטש האָט מיסטאָמע ניט לאַנג צוריק געלויבט, פּונקט ווי ער לויבט איצטער אים, דעם נײַעם, איז קאָן ער דערפון עפּעס אויספּילן, — האָט יענער אַ גרויסן טאָעס. ער וואָלט אַזאַ איינעם פּאַשעט געראָטן ווערן אויף אַ שטיקל צײַט אַ געוויינלעכער אַרבעטער אויף אַ זאַוואָד. צווישן געוויינלעכע אַרבעטער וועט אַזאַ איינער זיך זייער גיך אָפּגעווינען זאָגן וועגן דעם אַנדערן איינס, בייס ער טראַכט וועגן אים גאָר אַ צווייטס.

עמעצער פון די, וואָס האָט זיך, אַפּאָנעם, באַזונדערס געפילט דערפון געטראָפן, האָט אויף איינער אַ פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער דער נײַער דעקאַן האָט ווידער און מיט נאָך מער אַקשאָנעס פאַרפירט אַ רייד וועגן זעלבן, ווי דאָס וואָלט פאַר אים געווען דאָס סאַמע וויכ־

טיקסטע אין לעבן, אים אונטערגעוואָרפן בעשטיקע א צעטעלע. אנשין האָט זיך, אָן ערעך, פאַרגעשטעלט, וועמענס איז דאָס צעטעלע, ווער האָט עס געקאָנט שרײַבן, אז אים וווּנדערט, וואָס דער דעקאַן, א דאָקטאָר פון מאַטעמאַטישע וויסנשאַפטן, זאָל אָנווענדן איינע און די זעלבע מאָס צו צוויי פאַרשיידענע קעגנשטאַנדן, וואָס ווידערשפּרעכט די באַוווּסטע עלעמענטאַרע געאָמעטרישע טעאָרעמע, וועלכע איז באַקאַנט יעדן איינעם נאָך פון זיבעטן צי אַכטן קלאַס. ווי׳אַזוי קאָן מען עס צוגיין מיט איין מאָס צו אַן אַרבעטער אָף א זאַוואָד און צו א וויסנשאַפטלעכן מיטאַרבעטער אין אן אינסטיטוט? דער אַרבעטער באַוויַזט נאָך ניט צומאַכן הינטער זיך די טיר, ווי עס וואַרטן אָף אים צען, צוואַנציק אַנדערע זאַוואָדן. און וויפל אינסטיטוטן זײַנען פאַראַן בא זיי אין שטאָט, אז דער, וואָס וועט זיך שוין אָנעמען מיט מוט און וועט ניט זאָגן איינס און טראַכטן דערבײַ א צווייטס, זאָל זיך ניט דאַרפן פאַרפּרי׳ער פאַרקלערן, וואָס וועט זײַן מיט אים נאָכדעם?

אָפן דאָזיקן צעטעלע, געדענקט זיך אים, האָט דער דעקאַן געענטפערט אָפּגעהאַקט קורץ:

— דער, וואָס פאַרטראַכט זיך פאַרפּרי׳ער, וואָס וועט זײַן מיט אים נאָכדעם ווי ער וועט אופהערן ריידן איינס און טראַכטן דערבײַ א צווייטס, דער האָט ניט וואָס צו טאָן אין אינסטיטוט. אזא איינער קאָן ניט און טאָר ניט זיך פאַרנעמען מיט דער יוגנט...

דער דאָצענט אורי גאָוורילאָוויטש אנשין האָט אָף זײַן לעבן נאָך קיינעם פון די, פון וועמען ער איז ווען־ניט־איז געווען אָפּהענגיק, ניט געטראָגן דעם שמייכל אַנטקעגן און קיינמאָל זיך פאַר זיי ניט פאַרנייגט נידעריקער, ווי ער האָט זיך פאַרנייגט פאַר יעדן איינעם באַם באַגריסן זיך. און דאָס קאָן ער אויך זאָגן וועגן זיך אָף זיכער: ווו ער זאָל ניט געווען אַרבעטן און וואָס פאַר א שטעלע ער זאָל ניט געווען פאַרנעמען, האָט ער קיינמאָל ניט דערלאָזט, אז די, וועלכע האָבן געמיינט, אז זיי זײַנען אָפּהענגיק פון אים, זאָלן עס פאַר אים מיט עפּעס אַרויסווײַזן. און אז עס פלעגט זיך אים טרעפן אזא איינער, האָט ער זיך פון אים פּאָשעט אָפּגעקערט, צומאָל אַפילע ניט געענטפערט אָף זײַן באַגריסן זיך. אַלע, מיט וועמען אים איז אויסגעקומען ווען־ניט־איז אַרבעטן צוזאַמען, האָבן עס געוווּסט, און ווען ס׳האָט זיך געמאַכט, אז ער איז געווען ניט גערעכט, האָט קיינער ניט מוירע געהאַט עס אים אָנווײַזן דערויף, אים דערווידערן. דאָך געדענקט ער ניט, אז עמעצער זאָל זיך ווען־ניט־איז געווען אזוי אָפן אַרויסזאָגן וועגן אים, ווי דאָס האָט געטאָן איליא סאָוועליעוויטש, וואָס האָט זיך, קענטיק, גלײַך אָנגעשטויסן, אז דער „געהיימניספּולער באַקאַנטער“, וועגן וועלכן אורי׳על האָט אים דערציילט, איז עס ער, אורי׳על. פאַר לעסאָוון זײַנען אַלע גלײַך, ער מעסט אַלעמען מיט איין און דער זעלבער מאָס. מעגלעך דערפאַר האָט אים אזוי געצויגן צו דעם דאָזיקן מענטשן. נאָר וואָס האָט לעסאָוו אויסגעפונען אזעלכעס אין אים, וואָס ער האָט אים יעדעס מאָל באַגעגנט, ווי זיי וואָלטן זיך ווער ווייסט וויפל צײַט ניט געזען, האָט אנשין ניט אײַנגאַנצן פאַרשטאַנען. צײַטנווײַז האָט זיך אים אַפילע אויסגעוויזן, אז לעסאָוו האָט אין אים פּאָשעט געפונען א מענטשן, פאַר וועמען ער קאָן זיך אויסריידן און וועלכער קאָן געדולדיק יענעם אויסהערן. אַלנפאַלס, פונקט ווי אורי׳על האָט ניט געוווּנדערט, וואָס איליא סאָוועליעוויטש איז אין דער פּראַסטיקער ווינטער־נאַכט געקומען אים אַרויסבאַגלייטן אָף דער ווײַטלעכער סטאַנציע, אזוי האָט אויך איליא סאָוועליעוויטשן ניט געוווּנדערט, וואָס, געזעגענדיק זיך, האָט אורי גאָוורילאָוויטש אים פאַרבעטן צו זיך, עטלעכע מאָל אָנגעזאָגט, ער זאָל ניט פאַרגעסן, אז זײַן טיר איז פאַר אים שטענדיק אָפן, ווען ער זאָל ניט קומען און אָף וויפל ער זאָל ניט קומען.

ווי אורי׳על האָט זיך ניט געוועָרט, האָט ער דאָך ניט געקאָנט זיך בײַקומען, און אין דער סאַמע לעצטער מינוט, ווען ער איז שוין געשטאַנען אָף די טרעפּלעך פון וואַגאָן, זיך אַרויסגעגעבן, א זאָג טוענדיק, אז ער פּאָרט בלויז צײַטווײַליק אוועק פון דאַנען. ער וועט נאָך אַהער קומען און אָף זייער, זייער לאַנג, קאָן זײַן, אז אָף שטענדיק.

אין אן אָנדערהאַלבן יאָר אַרום אָן ערעך, — אנשין איז שוין געשטאַנען אין מאַנטל און געהיַילט אין אינסטיטוט, — האָט זיך מיטאַמאָל צעקלונגען דער טעלעפאָן. אורי גאָוורילאָוויטש איז געווען אזוי אַרײַנגעטאָן אין דער לעקציע, וועלכע איז אים פאָרגעשטאַנען באַלד לייענען פאַר די סטודענטן פון עלטערן קורס, אז ער האָט ניט גלײַך דערקענט די שטילע גערדיכטע שטים, וואָס ער האָט דערהערט אין טרײַבל. אויך נאָכדעם ווי דער מענטש האָט זיך אָנגערופן, איז צו אורי׳עלן ניט אינגאַנצן נאָך דערגאַנגען, אז דאָס רעדט לעסאָוו, אזוי אומדערוואַרט איז געווען פאַר אים דערהערן מיטאַמאָל זײַן שטים. פון פרייד האָט אורי׳על שיר ניט אַראָפּגעשלעפּט צוזאַמען מיטן שנור דעם טעלעפאָן פון טישל און זיך דערבײַ האַסטיק

אַרומגעקוקט, פונקט ער וואָלט ניט געוועזן אײַנגאַנצן זיכער, אַז אויסער אים איז אין שטוב איצט מער קיינער ניטאָ. אורי גאַווריליאָוויטש איז אין דער דאַזיקער מינוט זיך אַליין געווען דערווידער, וואָס ער קאָן ניט פאַרבעטן איליאַ סאַוועליעוויטשן קומען גלײַך צו גיין. ווי אַפּצולאָכעס איז קיינער ניטאָ אין שטוב און אין אַ האַלבער שעה אַרום מוז ער שוין זײַן אין אינסטיטוט. דערצו האָט ער נאָך הײַנט עטלעכע לעקציעס.

וואָס טוט מען?

די דאָזיקע פֿראַגע האָט אַנשין פאַרגעבן ניט אַזוי זיך, ווי איליאַ סאַוועליעוויטשן, צו וועמען ער איז געווען געווינט זיך ווענדן ווי צו אַ מער דערפאַרענעם פון זיך, און געוואַרט, עפשער וועט לעסאָוו פאַרט געפינען אַן אויסוועג, וויבאַלד ער קאָן זיך דאָ ניט פאַרהאַלטן ביז אָוונט.

— ניין, ניין. איך וויל עס אַפילו ניט הערן. דאָס איז אויסגעשלאָסן! אויס־גע־שלאָסן! — האָט אורי גאַווריליאָוויטש, קוקנדיק, ווי די צײַט טרײַבט מעסוקן האַסטיק אונטער דאָס גרויסע ווײַזערל פונעם האַנטזייגערל, אויסגעשריִען. — וואָס הייסט, מיר וועלן זיך ניט זען? פאַר־שרײַבט דעם אַדרעס פון אינסטיטוט און קומט שוין צו פאָרן. כ׳וויס נאָר ניט, צי מיר וועלן זיך קאָנען דאָרטן זען. צווישן איין לעקציע און דער אַנדערער זײַנען געציילטע מי־נוטן, און דערצו איז מען אין די דאָזיקע מינוטן אויך אַרומגערינגלט מיט סטודענטן. אַף יעדן פאַל וועל איך באַ דער דעזשורנע באַם אַרײַנגאַנג איבערלאָזן פאַר אײַך די שליסלען פון מײַן וווינונג. ניין, ניין! ס׳איז אויסגעשלאָסן! איך וועל אײַך הײַנט ביכלאַל ניט אָפּלאָזן. כ׳פאַרשטיי ניט, איר זײַט דאָך ניט אַף קיין שטעלע, וואָס איר קאָנט זיך ניט פאַרהאַלטן. איר זײַט דאָך אַ פרײַער מענטש.

ס׳ערשטע מאָל עפשער אין לעבן האָט אורי גאַווריליאָוויטש באַדויערט, וואָס ער האָט ניט קיין אייגענע מאַשין און קאָן ניט פאַרזיכערן איליאַ סאַוועליעוויטשן, אַז איבערמאָרגן פונקט צוויי, אַזייגער באַטאָג וועט ער קאָנען בײַזײַן אַף דער זיצונג פונעם אויספירקאָם אין דער ווײַטלעכער פונדאַנען דאָרעמדיקער שטאָט. פון דער דאָזיקער זיצונג, אַף וועלכער ס׳האָט אים קאָמאַנדירט די פאַרוואַלטונג, איז זייער פיל געווענדט, אַז די בוויִונג פון זייער קאָאָפּעִ־ראַטיוון הויז זאָל זיך ניט פאַרציִען. צוליב דעם, ער זאָל זיך זען מיט אורי גאַווריליאָוויטשן, איז ער אַרויסגעפאָרן, לעסאָוו, אַף אַ טאָג פריִער און מיט אַן אַנדער צוג, געמאַכט אַ קרײַז פון איבעריקע פינף הונדערט קילאָמעטער, און ס׳איז אים, פאַרשטייט זיך, אַ גרויסער שאָד, וואָס זיי וועלן זיך דאָס מאָל ניט קאָנען באַגעגענען. מער ווי דרײַ, אַמהעכסטנס דרײַ אַ האַלבע שאָ קאָן ער זיך ניט פאַרהאַלטן, ווײַל אין קנאַפּע פיר שאָ אַרום גייט אָפּ זײַן צוג און ער דאַרף נאָך באַווײַזן פאַרקאָמפּאָסטירן דעם בילעט.

— ניט באַשערט, זעט אויס, אורי גאַווריליאָוויטש, מיר זאָלן זיך דאָס מאָל זען.

— און ווען וועט איר ווידער זײַן אין אונדזערע קאַנטן? — אַנשין האָט אָפּגעקערט די אויגן פונעם האַנטזייגערל, גלײַך ווי פון דעם איז אָפּהענגיק, ס׳זאָל ניט לויפן אַזוי די צײַט.

— שווער צו זאָגן. איך בין ניט איינער אין דער פאַרוואַלטונג פון קאָאָפּעראַטיוו. פאַראַן וועמען צו שיקן, אויב מע וועט דאַרפן, אויסער מיך. איר האָט זיך, דאַכט זיך, געקליבן, אורי גאַווריליאָוויטש, אַף אַ לענגערער צײַט צו אונדז?

— איך וועל קומען. איך וועל אומבאַדינגט קומען. כ׳קאָן אײַך נאָר איצטער פּינקטלעך ניט זאָגן ווען. עפשער וועט איר זיך פאָרט פאַרהאַלטן כאָטש אַף איין טאָג? אויסגעשלאָסן? אָבער דעם זיבעצעטן נאָיאַבער, זאָלט איר ניט פאַרגעסן, וואַרט איך אַף אײַך.

— הײַנט איז דאָך שוין דער דרײַ־און־צוואַנציקסטער נאָיאַבער. אהאַ, איך פאַרשטיי. דעם זיבעצעטן נאָיאַבער קינפטיקן יאָר. אַ קײַלעכיקע דאַטע מיסטאָמע. וויפל?

— אַ קאַוואַלער פון פולע פופציק יאָר. האָבן מיר זיך דערעדט?

אין טרײַבל איז געווען שטיל.

— וואָס האָט איר זיך עס דאָרט פאַרטראַכט? איז זאָגט איר מיר צו?

לעסאָוו האָט געענטפערט, ווי ער זאָל זיך געווען פילן שולדיק, וואָס ער קאָן עס אים אַף זיכער ניט צוזאָגן.

— איך וועל זיך, פאַרשטייט זיך, באַמיִען קומען, אויב מע וועט מיך אָפּלאָזן. פון נײַ־יאָר גיי איך צוריק אין דער שאַכטע.

ווען אַנשין האָט אָוועקגעלייגט דאָס טרײַבל, האָט זיך אים אויסגעוויזן, און וועגן דעם האָט ער געטראַכט דערנאָך דעם גאַנצן טאָג אויך אַף די לעקציעס, אַז איליאַ סאַוועליע־וויטשעס אומקערן זיך צוריק אין דער לאַווע האָט מיט עפּעס אַ שײַכעס צום געשפּרעך, וועלכן זיי האָבן דעמלט געפירט צווישן זיך אָפּן ברעג טײַך וועגן זײַן, אורי׳עלס, „געהיימען באַקאַנטן”. לעסאָוו האָט אים דערמיט ווי געוואָלט זאָגן, אַז דער וועג, מיט וועלכן דער

מענטש פּרוּווט אַנטלויפן פון זיך, ברענגט אים סײַווי צו פירן צוריק צו זיך, ווי דאָס האָט געטראָפן אַט, צום בײַשפּיל, מיט אים, לעסאָוון. זײַן אַנטלויפן פון זיך נאָכן אומגעריכטן טויט פון מאַריען, דער פרוי זײַנער, איז באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיטן אויסבויען דאָס קאָאָפּעראַטיווע הויז, ניט וויסנדיק, צי וועט ער דאָרט וווינען, און דער דאָזיקער וועג האָט אים צוריק געבראַכט אין דער לאַווע. ער, אוריִעל, האָט דאָך אויך עפּעס אויפגעטאָן אין דער טונדרע מיט זײַן אַנטלויפן דעמלט פון זיך, און פאַר אים גילט אויך די זעלבע מאָס, וועלכע גילט פאַר לעסאָוון. די זעלבע?

— געוואַגט! — אוריִעל האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט פאַרן שרײַבטיש און זיך געגעבן א הייב אויף פון בענקל. נאָר דער ווייטעק, וועלכן ער האָט געהאַט אין זיך פאַר־טויבט מיט זײַן אַריבערטראַגן זיך פונדאַנען אינעם נידעריקן הילצערנעם שטיבל אָפּן ברעג טײַך און צום לעצטן געשפּרעך זײַנעם מיט לעסאָוון דורכן טעלעפאָן, האָט אינעם זעלבן אויגנבליק, ווי נאָר אוריִעל האָט זיך געוואָלט אָפּקערן דערפון, וואָס איז געשען ווײַטער, זיך אַף אים גלײַך אַרופגעוואַלגערט, און אין א רעגע אַרום איז ער שוין צוריק געלעגן פאַרקוועטשט אונטערן פּרעס. אַרויסרײַסן זיך פון אים אַף א שטיקל צײַט האָט אוריִעל גע־קאָנט בלויז מיט אומקערן זיך צו דעם, וואָס איז געשען אינעם טאָג, ווען ער איז געוואָרן א קאַוואַלער פון פּולע פופציק יאָר.

V

אַזוי פּינקטלעך אויסמעסטן, וויפל מענטשן וועלן זיך קאָנען אויסזעצן אַרום די ענג־צונויפגערוקטע טישן, ווי דאָס האָט אויסגעמאָסטן מערע, קאָן מען, דאַכט זיך, ניט אַפילע מיט קיין מיקראָמעטער.

צוקוקנדיק זיך, ווי מערע מיט איר קליינוווּקסיקער דאַרלעכער שוועסטער, וועלכע זי האָט מיט א וואָך צײַט נאָך צוריק אַרויסגערופן אהער אַזש פון אוראַל, זעצן זיך עס אַלע ווײַלע צו האַרט איינע לעבן דער אַנדערער אַף די אַנטליִענע אינעם רויטן ווינקל פון דער הויז־פאַרוואַלטונג לאַנגע שמאָלע בענק, מיט וועלכע מע האָט צוליב שפּאָרעוודיקײַט אין פּלאַץ פאַרביטן די שטולן, און וויאַזוי ביידע געפינען יעדעס מאָל אויס, אַז זיי זיצן צו געראַם, אַז מע קאָן זיך נאָך א ביסל ענגער צונויפרוקן, האָט אוריִעל, — ווענען מע האָט אײַנגאַנצן געהאַט באַזײַטיקט פון דעם אַלץ, וואָס סע טוט זיך אַף די לעצטע פּאָר וואָכן בא אים דאָ אין שטוב, — זיך פונדעסטוועגן אַרײַנגעמישט און געפרעגט:

— די געסט האָבן אײַך צוגעשיקט די מאָס פון זייערע גאַבאַריטן, וואָס איר מעסט אויס מיט זיך די בענק ווי מיט א מיקראָמעטער? — און ווײַל אַנשין האָט געוווּסט, וואָס וועלן זיי אים דערויף ענטפערן, האָט ער באַצײַטנס א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער, וואָס ווייסט אַפריִער, אַז ער קאָן שוין דאָ גאָרניט ענדערן און אַז אויסער ווי צו זיך אַליין קאָן ער צו קיינעם ניט האָבן קיין טענות, אָט ווי א מוטער, וואָס האָט צוליבן אייגענעם פאַרגע־ניגן זיך צו לאַנג פאַרשפּילט מיט איר קינד און דערמיט דורכגעלאָזן די סאַמע רעכטע צײַט, ווען דאָס קינד דאַרף דערפילן, אַז ס'האָט איבער זיך אַן אַניג.

מיט אים, אוריִעלן, איז, אייגנטלעך, אויך געשען דאָס זעלבע, און ווען ער האָט זיך עס געכאַפּט, איז שוין געווען שפּעט עפּעס צו ענדערן. מערע האָט עס געוווּסט, און אין דעם, אַפּאַנעם, האָט געשטעקט איר קראַפט, וואָס האָט אים געמאַכט נאָכגיביק און סאַפּקאַלסאַף דערפירט דערצו, אַז ער האָט ניט באַמערקט, ווי ער אַליין האָט דערלאָזט, אַז זי זאָל נעמען איבער אים געוועלטיקן, שיר ניט ווערן איבער אים א הערשערן. אוריִעלן, נאָכדעם ווי ער האָט צוזאַמען מיט דעם אָנגעטרויט לעסאָוון אויך דאָס, וואָס האָט געבראַכט זײַן „באַקאַנטן" דערצו, אַז ער זאָל אַנטלויפן פון זיך און מיט וואָס האָט זיך געענדיקט זײַן אַנטלויפן פון זיך, האָט ניט איבעריקס געוווּנדערט, וואָס לעסאָוו גלייבט, דאַכט זיך, ניט דערין, וועגן וואָס ער האָט אים דעמלט ווײַטער געהאַט דערציילט וועגן דעם זעלבן „באַקאַנטן" זײַנעם.

נאָר וועגן יענער שלאַכט, ווען זײַן „באַקאַנטער" איז אַרויסגעקראָכן פון טראַנשיי און אויפגעריסן דעם דײַטשישן טאַנק, וואָס איז שוין געשטאַנען מיט די רויפן אָפּן ברוסטווער, און א שוווער־פאַרוווּנדעטער, אָפּגייענדיק מיט בלוט, אָנגעיאָגט די פאָדערשטע רייען פון זײַן טייל, וואָס איז אַריבער אין אָנגריף, איז געווען געדרוקט באַשריבן אין דער אַרמייִשער צײַטונג. אויב עס גייט אין ברענגען באַווײַזן, האָט אוריִעל דאָן געזאָגט לעסאָוון, וואָלט ער אים געקאָנט ברענגען א סאַך אַנדערע בײַשפּילן פון דעם, וויאַזוי אינעם שטאַרקסטן מענטשן

באזעצט זיך צומאָל א שוואכקײַט, פון וועלכער ער קאָן זיך ניט באפרײַען, ווי עס קאָן זיך פון איר ניט באפרײַען זײַן „באקאנטער". די דאָזיקע שוואכקײַט האָט לאכלוטן ניט צו טאָן מיט פאכדאָנעס, ווי לעסאָוו האָט עס פון אָנפאנג אָנגענומען. זיך ניט לאָזן פארפירן בלויז פונעם געפיל, ווי דאָס האָט געטאָן זײַן „באקאנטער", איז עפשער דאָס סאמע שטארקסטע, וואָס ס'איז דאָ אינעם מענטשן, כאָטש ס'קאָנען זיך געפינען אזעלכע, וואָס ווילן דערין אײַנזען די זעלבע שוואכקײַט, וואָס האָט געבראכט זײַן „באקאנטן" דערצו, אז ער זאָל האָבן איבער זיך א הערשער, וואָס האָט אים צײַטנווײַז געמאכט נאָכגיביק ווי א געהאָרכזאם קינד. ער אָבער, אוריִעל, ווייסט, אז די דאָזיקע שוואכקײַט זײַנע איז אינגאנצן גאָר אָן אנדערע, זי שטאמט פון עפעס אנדערש — פון מוירע אפילע פאר א הויך וואָרט, וואָס זי קאָן אים אין עמעצנס אָנוועזנהײַט זאָגן, און דער אייִנציקער שולדיקער אין דעם איז בלויז ער, מיט זײַן ניט קעגנשטעלן זיך צו דער צײַט קעגן אלץ, וואָס איז אים געווען פרעמד און דער־ווידער. קענטיק, ער האָט זי שטארק ליב געהאט, מערען, אויב ער האָט אזויפיל יאָרן געקאָנט עס פארטראָגן. ער ווייסט אָבער אויך, אז די דאָזיקע ליבע זײַנע צו איר האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן נאָך מיט א צײַט פאר דעם, ווי ער האָט זיך באגעגנט מיט ריטען. נאָר וואָס האלט אים איצט אָפּ, אז ער זאָל זיך קעגנשטעלן אָט דער דאָזיקער שוואכקײַט זײַנער? ס'איז דאָך ניט שפעט נאָך איצטער אויך, אז ער זאָל ערעוו צי אפילע אינעם טאָג פון זײַן פופציקיאָריקן יובילײַ זיך אופהייבן און אוועקפאָרן ערגעץ אָף א שטיקל צײַט, קיינער זאָל ניט וויסן וווהין. אָט דער גאנצער טומל, וועלכן ס'האָט מיט א וואָכן צוויי נאָך צוריק אופגעהויבן מערע, איז דאָך ניט אזוי צוליב זײַן יובילײַ ווי צוליב זיך ארויסשטעלן מיט די סערוויזן און געריכטן, ווי די סאָכרים אמאָל. דער אייִנציקער אונטערשייד צווישן איר און זיי, וואָס זי האָט פאר־ביטן דעם סאָכרישן אלטמאָדישן קאסטן און קאָמאָד אָף א הײַנטצײַטיקן סערוואנט און שאַ־פעס, וועלכע זײַנען דורכגעזאפט מיט נאפטאלין. אפילע פון די קרישטאָלענע פוזשערן שמעקט שוין, דאכט זיך, נאפטאלין.

אָט דער פארלאנג זײַנער — נעלעם ווערן אָף א שטיקל צײַט אינעם סאמע טאָג פון זײַן יובילײַ — איז אופגעקומען בא אים נאָכדעם, ווי ער האָט צופעליק אונטערגעהערט, ווי מערע מיט איר שוועסטער מאכן א כעזשבן, ווער וועט בלײַבן אין העזעק: זיי, צי די געסט. און ווען די שוועסטער אירע האָט דערבײַ א זאָג געטאָן, אז מע וואָלט אָף די יובילייען געדארפט אײַנפירן דאָס זעלבע, וואָס מע האָט אײַנגעפירט אָף די כאסענעס — אָנשטאָט געשאנקען אונטערטראָגן אין פארכאסמעטע קאָנווערטן געלט און זאָל דער באלסימכע זיך אליין אײַנ־שאפן פאר דעם, וואָס אים געפעלט, — האָט מערע גלײַך אפן אָרט אויסגערעכנט, ווער וואָס אָן ערעך ס'קאָן ברענגען און וויפל אָן ערעך קאָן עס ארום־און־ארום באטרעפן, ביפראט אז צווישן אירע אײַנגעלאדענע באקאנטע זײַנען פאראן אזעלכע, וואָס קאָנען קריגן אזוינס, וואָס אָן באקאנטשאפט איז עס איצט גאָר ביכלאל ניט צו קריגן. אפאָנעם, אז לויט דעם, ווער וואָס עס קאָן ברענגען, האָט מערע צונויפגעשטעלט דאָס צעטל פון די געסט. אייניקע פון זיי האָט אוריִעל, דאכט זיך, גאָר אינגאנצן ניט געקענט. באם צונויפשטעלן דאָס צעטל, ווען פארבעטן פון אינסטיטוט, ווו ער ארבעט, איז מערען, דאכט זיך, מער אָנגעגאנגען, ווער וואָס פאר א שטעלע עס פארנעמט.

ענדלעך איז אָנגעקומען דער זיבעצעטער נאָיאבער, ווען ער האָט אָן איבעריקן כיישעק אָנגעטאָן דעם נײַעם שווארצן גארניטער, דאָס נײַע ניילאָנענע העמדל מיטן בונטן האלדזטוך, ארופגעשלעפט אָף די פיס די שוין האלב אויסגעטריקנטע, פון לאנג ליגן אין שאפע, נאָך ניט גענוצטע לאקירטע טופל און זיך געשטעלט בא דער טיר באגעגענען די געסט. מערע, אינעם קורצן קלייד מיטן אָפענעם האלדז, האָט אויסגעזען נאָך גאנץ יונג, און אויב זיך איבעריקס ניט צוקוקן צו די אײַנגעוואקסענע קנייטשעלעך אָף דער אייבערשטער ליפּ און ארום די אויגן, וואָלט זי אין דער ערשטער מינוט געקאָנט אָנגיין פאר זײַנער א טאָכטער. צוזאמען מיט אָט דער יונגקײַט האָט זי אויך היפש פארהיט פון איר פריִערדיקער שיינקײַט, אָף וועלכער מע פלעגט זיך פארקוקן און אָף וועלכער, ווי זי פארזיכערט אים, מע פארקוקט זיך נאָך אויך איצט, און צו וועלכער ער איז שוין לאנג גלײַכגילטיק. נאָר וווּנדערן וווּנדערט אים ניט, וואָס פון דער ערשטער באקאנטשאפט האָט ער זיך אין איר פארליבט, און וואָס ניט דעמלט און ניט אין יאָרן ארום שפעטער האָט ער ניט באמערקט, אז אין דעם בלענדנדיקן שמייכל פון איר קליין מײַלכל און אינעם פלאם פון אירע גרויסע שווארצע אויגן איז פאראן עפעס אזוינס, וואָס גייט ניט פון אינעווייניק, נאָר ס'איז ווי אָן אנטליִענס, און דערמיט שיידט זיך אונטער איר שיינקײַט פון ריטעס.

נאָך אײדער אלע געסט זײַנען זיך צונויפגעקומען, האָט אוריִעל פארשטאנען, אז ווי ענג מע זאָל זיך ניט אויסזעצן, וועט סײַווי ניט קלעקן פאר אלעמען קיין אָרט. האָט ער

אָפגערופן מערען אין א זייַט און שטיל געפרעגט, צי וואָלט ניט געווען גלייַכער, מע זאָל באַצייַטנס סערווירן א טיש אינעם שכייניעסדיקן צימער.

— ווילסט מיך פאַרשעמען פאַר מענטשן, מע זאָל מיך דערנאָך באַריידן? — האָט זי אים אָפגעשטעלט, שמייכלענדיק דערבייַ מיט איר קליינעם מיילכל, וועלכעס ער האָט, ער ווייסט אליין ניט פאַרוואָס, באַזונדערס פייַנט באַקומען. — ווי קאָן מען עס אַרייַנלאָזן מענטשן אין א צימער מיט הוילע נאַקעטע ווענט, אָן איין בילד, אָן א טעפּיך, אָן א לייַטישער ליוסטרע אפילו? און אַלץ איבער דיר! קיין זאַך, זאָגסטו דאָך, דאַרפסטו ניט. און ווען מען קלייַבסטו זיך עס דאָרטן באַזעצן? סיידן זיך אליין.

זי ווייסט גאָר אליין ניט, ווי זי האָט אים דערמיט צוגעטראָפן. ער וואָלט דערמיט זיכער געווען עמעצן פאַרשפּאָרט זאָגן איינס און, ניט באַוויייַזנדיק נאָך צומאַכן הינטער זיך די דרויסן־טיר, זאָגן לאַכלוטן א צווייטס.

ווען מע האָט אויסגעלאָשן די שייַן און מערעס שוועסטער, אדע אַרקאַדיעוונע, וועלכע איז, ווי א שוימער, געשטאַנען פון אָוונט באַם אַרייַנגאַנג און אָפּגענומען בא די געסט די געבראַכטע מאַטאָנעס, פאַרוואַנדלענדיק מיט זיי דעם זייַטיקן צימער אין א מין קאָמיסיאָנער קלייט, האָט אַרייַנגעטראָגן אַף א טאַץ א גרויסן קייַלעכיקן טאָרט מיט פופציק אַרייַנגעשטעקטע אין אים פאַרשיידנפאַרביקע ברענענדיקע ליכטלעך, האָט אינעם טומל און פליעסקערייַ זיך אַרייַנגעמישט א קלונג פונעם טעלעפאָן.

עמעצער פון די געסט, וואָס איז געזעסן נעענטער צו דער טיר, האָט אַראָפגענומען דאָס טרייַבל.

— ניין, ניין, ס׳איז ניט אורי גאַוורילאָוויטש. צורופן אורי גאַוורילאָוויטשן? באַלד.

— פרעגט, זייַט אַזוי גוט, ווער בעט אים צום טעלעפאָן? — האָט מערע זיך געווענדט צום גאַסט, וואָס איז געשטאַנען מיטן טרייַבל אין דער האַנט. — א מאַנספאַרשוין? זאָגט אים, ביטע, ער זאָל אָנקלינגען מאָרגן. אורי גאַוורילאָוויטש איז איצט זייער פאַרנומען. וואַרט, איך וועל עס אים אליין זאָגן.

נאָר אוריִעל איז איר פאַרלאָפן דעם וועג. ער האָט שוין באַוויזן זיך אַרויסקלייַבן פון דער מעסוקענער ענגשאַפט באַם טיש און אָפּנעמען בא מערען דאָס טרייַבל.

— ווער רעדט עס? ווער? — האָט אוריִעל העכער איבערגעפרעגט. — לעסאָוו? איליא סאַוועליעוויטש? א דאַנק, טייַערער. א גרויסן דאַנק. יאָ, פופציק. פונוואַנען קלינגט איר עס? וואָס? פונדאַנען?

מערע האָט א ווונק געטאָן צום מאַן, ער זאָל צודעקן מיט דער האַנט דאָס רערל פון טרייַבל, און געפרעגט:

— ווער קלינגט עס?

— מייַנער א באַקענטער שאַכטיאָר. — און צונעמענדיק די האַנט פון רערל, אַרייַנגעשריִען אַהין. — ווו זייַט איר? נאָרוואָס געקומען צו פאָרן?

— קלער ניט אים אייַנלאַדן הייַנט אַהער. לאַד אים אייַן אַף מאָרגן. זעסט דאָך אליין, אַז ס׳איז דאָ ניטאָ זיך ווו א קער צו טאָן. און נאָך בעסער, זאָלסט אים פאַרבעטן אַף איבערמאָרגן. יאָ, טאַקע אַף איבערמאָרגן.

— איליא סאַוועליעוויטש, — האָט אוריִעל פאַרלוירן און עטוואָס שטילער געפרעגט, — וויפל קלייַבט איר זיך דאָ בא אונדז אין שטאָט פאַרהאַלטן? איבערמאָרגן וואָלט איר געקאָנט צו אונדז קומען?

— אַנטשולדיקט, וואָס איך שטער אייַך, — און באַגריסנדיק נאָכאַמאָל אורי גאַוורילאָוויטשן מיט זייַן פופציקיאָריקן געבוירנטאָג, האָט לעסאָוו אָוועקגעלייגט דאָס טרייַבל.

אַנשין האָט זיך אומגעקערט צום טיש און, ווי פריִער, ניט איבערגעשלאָגן קיינעם פון די געסט, וועלכע האָבן, האַלטנדיק א טאָסט, אויסגערעכנט, וואָס פאַרא מיילעס האָבן זיי נאָך אַנטדעקט אין אים, מיילעס, פון וועלכע ער, אוריִעל, אליין, האָט ביז הייַנטיקן אָוונט, לאָזט זיך אויס, גאָר דערפון ניט געוווּסט. ער האָט, ווי פריִער, אופגעהויבן דעם באַגילדעטן בעכער וויין יעדעס מאָל, ווען מע האָט געטרונקען לעקאָוועד אים.

און מיטאַמאָל, ווי עמעצער זאָל געווען צונעמען פון אונטער אים דאָס בענקל, האָט אוריִעל זיך געגעבן א כאַפּ אָן מיט ביידע הענט פאַרן טיש, אַרייַנגעצויגן דעם קאָפּ אין די אַקסל און אויסער די ציטעריקע פלעמלעך פון די צאַנקענדיקע ליכטלעך, וועלכע האָבן אים אין דער דאָזיקער רעגע דערמאָנט אין יאָרצייַט־ליכט, האָט ער פאַר זיך מער גאָרניט געזען. איינער פון די געסט, וואָס איז געזעסן אַנטקעגניבער באַם טיש, האָט מיט זייַן הילכיקער שטים פאַרטויבט דעם שעפטשענדיקן רויש פון די ברענענדיקע ליכטלעך, נאָר וועלכע מיילעס האָט דער דאָזיקער גאַסט אַנטדעקט אין אים, האָט אוריִעל שוין ניט געהערט.

די העלע שײַן פֿון דער צוריק אָנגעצונדענער ליוסטרע און פֿון די בראַ אַף די ווענט האָט אוריעלן נאָך מער דערווײַטערט פֿונעם יאָמטעוודיקן טומל אַרום אים. אײַנגאַנצן זיך דערווײַטערן דערפֿון האָט ער ניט געהאַט וווהין. קוים האָט ער אַראָפּגעלאָזט נידעריקער די וויעס, האָט ער באַלד פֿאַר זיך דערזען איליא סאָוועליעוויטשן, ווי ער דרייט זיך אום אינעם טיף־האַרבסטיקן פֿאַרשנײַטן דרויסן מיט אַ פֿאַרוויקלט קלומעקל אין דער האַנט. אוריעל איז קימאַט זיכער, אַז אינעם קלומעק איז פֿאַרוויקלט אַ סאַמאָוואַר, און ניט קיין עלעקטרישער, נאָר אַ געוויינלעכער, אַזאַ, וואָס מע זידט אים אויף אַף קוילן. אויב לעסאָוו האָט פֿאַר די עלף כאָדאָשים, וואָס ער איז דאָ ניט געווען, געקאָנט האַלטן אין זינען, אַז אוריעלן ווערט הײַנט פֿופֿציק יאָר, האָט ער דאָך געוויס ניט פֿאַרגעסן, וואָס האָט אים אוריעל געזאָגט, אַרײַנכאַפּנדיק זיך אַף דער שאַכטע מיט אים איינמאָל פֿון פֿראָסט אין בופֿעט, ווו מע האָט דערלאַנגט הייסע טיי פֿון אַן עמעסן סאַמאָוואַר: ער געדענקט שוין ניט די צײַט, — האָט אוריעל אים דעמלט געזאָגט, — אַז ער זאָל געווען טרינקען טיי פֿון אַן עמעסן סאַמאָוואַר, און אַז ווען עס מאַכט זיך אים צו קויפֿן אַן עמעס סאַמאָוואַרל, ניט קיין עלעקטרישעס, וואָלט ער זיך געלאָזט קאָסטן, וויפֿל מע זאָל ניט אָנבאָטן.

דאָס רעדט נאָך אַלץ דער זעלבער, צי דאָס ווענדט זיך צו אים שוין אַן אַנדערער? און וואָס פֿאַרא מײַלעס, וועלכע ער, אוריעל, האָט ניט באַמערקט אין זיך, האָט אַ־דער אָפּגעזוכט אין אים? צי דען וועט זיך ניט געפֿינען קיין איינער דאָ באַם טיש, וואָס זאָל זיך אויפֿהייבן און אַ קלאַפּ טאָן מיט דער טיר, ווי דאָס וואָלט זיכער געטאָן ריטע? און מיט וואָס וואָלט ער זיך פֿאַר איר פֿאַרענטפֿערט און געקאָנט זיך פֿאַרענטפֿערן? דערמיט, וואָס ער האָט פֿאַר־געסן זאָגן דער פֿרוי זײַנער, ווען זי האָט צוזאַמען מיט איר שוועסטער געמאָסטן און איבער־געמאָסטן די בענק, זיי זאָלן האָבן אין זינען נאָך איין מענטשן? צי ווײַל ער האָט זיך פּאַשעט ניט געריכט, אַז לעסאָוו וועט אָננעמען ערנסט די אײַנלאַדונג, וועלכע ער האָט אים געמאַכט דורכן טעלעפֿאָן שיר ניט מיט אַ יאָר צוריק? אָדער דערמיט, וואָס ער האָט לאַכלוטן ניט דערוואַרט, אַז יענער וועט צוליב אים זיך גיין שלעפּן דרײַ מעסלעס אַהער, דרײַ מעסלעס צוריק, ביפֿראַט, אַז לעסאָוו האָט, באַדאַנקענדיק פֿאַר דער אײַנלאַדונג, אים דעמלט געענט־פֿערט, אַז ער קאָן עס אים ניט צוזאָגן אַף זיכער, וואָרעם פֿון נײַ־יאָר שטעלט ער זיך צוריק אַרבעטן?

האָט ער, איליא סאָוועליעוויטש, צוליב אים, הייסט עס, אַלץ געוואָרפֿן און געקומען זיך צו שלעפּן פֿון אַזאַ ווײַט. ער וועט, דאַכט זיך, אַליין באַלד, אוריעל, אַ קלאַפּ טאָן איבערן טיש, און וויפֿל ס'איז אין אים נאָר דאָ קויעך אויסשרײַען: „וואָס מאַכט איר זיך דאָ אַלע ווי איר וואָלט גאָר ניט געזען און גאָר ניט געהערט?! וויאַזוי קאָנט איר, נאָכדעם וואָס דאָ איז אָקאָרשט פֿאָרגעקומען, נאָכדעם ווי איך האָב פֿאַרהאַקט די טיר פֿאַר אַ מענטשן, וועמען איך האָב דעם ערשטן געהאַט פֿאַרבעטן צו זיך, ווי דעם ערשטן און געהויבנסטן גאַסט מײַ־נעם, זיצן מיט מיר באַ איין טיש?!"

„און דו? וויאַזוי האָסטו געקאָנט, נאָכדעם ווי לעסאָוו האָט דיך געבעטן אים אַנטשולדיקן, וואָס ער האָט מיט זײַן קלונג געשטערט דיר די סימכע און אָוועקגעלייגט דאָס טרײַבל, זיך אומקערן צוריק צום טיש און נאָך דערלאָזן, מע זאָל דיר, ווידער נעמען אויסרעכענען די מײַלעס, וואָס מע האָט פֿאַרדײַנעטוועגן צוגעטראַכט? ווי איז דיר עס גאָר אײַנגעפֿאַלן פֿרעגן, וויפֿל קלײַבט ער זיך דאָ פֿאַרברענגען, ווען דו ווייסט, אַז אויסער דיר האָט ער דאָ מער קיינעם ניט, אַז געקומען איז ער אַהער בלויז צוליב דעם, ער זאָל דיך באַגריסן, און ווײַבאַלד ער האָט בלויז צוליב דעם זיך אָפּגעבעטן פֿון דער אַרבעט, וועט ער אַף מאָרגן מיטן ערשטן צוג זיך אומקערן צוריק?!"

אוריעל איז ניט אײַנגאַנצן זיכער, צי האָט ער אָט דאָס אַלץ ניט אַרויסגעבראַכט אַף אַ קאָל, ווי דאָס טרעפֿט צומאָל מיט אים, ווען ער פֿאַרשוילדיקט זיך פֿאַר זיך אַליין. די געסט זײַנען געווען אַזוי אַרײַנגעטאָן אינעם געשפּרעך, וואָס זיי האָבן געפֿירט צווישן זיך און וועלכער האָט צו אים, אַנשיינען, ניט געהאַט שוין די מינדסטע שײַכעס, און געווען אַזוי פֿאַרנומען מיט די געריכטן, וועלכע די שטוביקע האָבן געהאַלטן אין איין דערלאַנגען צום טיש, אַז ווען ער זאָל עס אַפֿילע געווען אַרויסברענגען אַף אַ קאָל, וואָלט אויך קיינער ניט געהערט.

„ווי קאָנסטו אײַנזיצן באַם טיש? גיי זוך אים אָפּ און ברענג אים די רעגע אַהער!"

נאָר דאָס קאָל, וואָס שרײַט אין אים ביז טויב צו ווערן, קאָן אָבער אַפֿילע לעפֿיערעך ניט אונטערזאָגן, וווהין זאָל ער איצט גיין זוכן לעסאָוון. ס'איז ניטאָ אין שטוב די זאַך, וואָס אוריעל וואָלט ניט אָפּגעגעבן דעם, וועלכער וואָלט אים געקאָנט אָנווײַזן, ווו קאָן ער איצט טרעפֿן לעסאָוון, צי אָנרופֿן דעם נומער פֿון טעלעפֿאָן, וווהין ער קאָן אים אָנקלינגען. ער

וואָלט זיך דעמלט קיין רעגע מער ניט פאַרהאַלטן. אַף די קני וואָלט ער פאַר אים געשטאַנען און געבעטן מעכילע.

און אויב ער האָט, זיצנדיק דאָ באַם טיש, דורכגעלאָזט די צײַט און איליאַ סאָוועליע־וויטש איז שוין אַוועקגעפאָרן?

קיינער האָט, דאַכט זיך, ניט באַמערקט, ווי אוריעל איז אַרויס פון טיש און איבערגע־טראָגן דעם טעלעפאָן פון קאָרידאָר אינעם זײַטיקן צימער. פון וואָקזאַל האָט מען אים געענט־פערט, אַז אין יענער ריכטונג וועלן שוין הײַנט קיין צוגן ניט גיין. דער נאָענטסטער צוג אַהין וועט ערשט זײַן מאָרגן עלף אַזייגער אינדערפרי; פון דאָרט קומט אָן אַהער דער צוג אַרום אַכט אָוונט. אוריעל האָט אַ קוק געטאָן אַף די דרײַ זייגערס אין צימער און זיך דער־פרייט. ס'איז קיין שאָ נאָך ניט דורך, ווי לעסאָוו איז געקומען צו פאָרן. ער דרייט זיך דאָרט מיסטאָמע איצט אום איבערן וואָקזאַל.

שוין אָן אָנגעטאָנענער אין זײַן פוטערנעם מאַנטל מיטן ווי מיט שניי פאַרפּראָשעטן באָבראָווון קאָלנער האָט אוריעל געבעטן די געסט אים פאַרצײַען, וואָס ער פאַרלאָזט זיי אַף אַ קורץ שטיקל צײַט, אַמהעכסטן אַף אַ שאָ, ניט מער.

— ווּהין איז עס? — האָט מערע אַ פאַרוווּנדערטע און דערשראָקענע אים אָפּגעשטעלט אין קאָרידאָר.

— אין אינסטיטוט. כ'האָב זיך דערמאָנט, אַז איך האָב פאַרגעסן פאַרשליסן דאָס טיש־קעסטל, און דאָרט ליגן זייער וויכטיקע פּאַפּירן. גיי צו די געסט. איך קום באַלד צוריק.

אַפן וואָקזאַל האָט זיך שוין געפילט די דערנעענטערונג פון דער נאַכט. אַלע בענק אינעם גרויסן און הויכן זאַל זײַנען געווען פאַרנומען.

מיט אַן אויסזען פון אַ מענטשן, וואָס איז געקומען עמעצן באַגעגענען און פאַרשפּעטיקט צום אָנקום פון צוג, איז אורי גאַווריל־אָוויטש אַנשין זיך דורכגעגאַנגען איין מאָל און אַ צווייט מאָל פאַרבײַ די בענק, אײַנקוקנדיק זיך אין איטלעכן פון די פּאַסאַזשירן. דערנאָך האָט ער זיך אַרײַנגעכאַפּט אינעם טומלדיקן אָנגערייכערטן בופעט, אומגעדרייט זיך אַ שטיקל צײַט בײַ די קאַסעס, אויפגעהויבן זיך אַפן אַנדערן שטאָק, עפּשער האָט לעסאָוו זיך אָפּגע־שטעלט אַף נאַכט אינעם אָפּרו־צימער פאַר טראַנזיט־פּאַסאַזשירן. אויך אין די צוויי האָטעלן אין צענטער שטאָט, ניט ווײַט פון זײַן וווינונג, האָט מען אַנשינען געענטפערט דאָס זעלבע: לעסאָוו איליאַ סאָוועליעוויטש שטייט בײַ זיי ניט אײַן. אַף יעדן פאַל האָט אוריעל אומעטום, ווו ער איז געווען, איבערגעלאָזט דעם נומער פון זײַן טעלעפאָן און געבעטן די דעזשורנע, אַז אויב עס וועט זיך בײַ זיי אָפּשטעלן דער, וועמען ער זוכט, זאָלן זיי אים גלײַך געבן צו וויסן, אַפילו אינמיטן דער נאַכט זאָלן זיי אים אָנקלינגען.

אַ פאַרפלאָמטער פון דער קעלט, איז אַנשין אַרײַנגעלאָפן אין שטוב, און דאָס ערשטע, וואָס ער האָט געפרעגט מערען, וועלכע איז אַרויסגעשפּרונגען צו אים פון קיך אים אויס־ריידן, לעמיי ער האָט זיך אַזוי לאַנג געזאַמט, — צי האָט אין זײַן אָפּוועזנהײַט אים קיינער ניט געקלונגען. ער האָט זיך געביטן מיט דער ייִנגערער טאָכטער מיט די פּלעצער באַם טיש, קעדיי זײַן נעענטער צום טעלעפאָן. אוריעל האָט זיך צוגעהערט צו אים, ווי מע הערט זיך צו צו אַן אַנשלאָפנדיק קינד.

ענדלעך האָט אוריעל זיך דערוואַרט, דער טעלעפאָן האָט אָנגעקלונגען. אוריעל איז צו־געשפּרונגען און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אַראָפּגענומען דאָס טרײַבל. עמעצער האָט זיך, קענטיק, טועה געווען מיטן נומער, זיך נאָכגעפרעגט אַף איינער אַ טאַטיאַנאַ אַנדרייעוונע.

מערע מיט דער שוועסטער אירער, וואָס האָבן קוים דערוואַרט, די געסט זאָלן זיך צעגיין, גענומען איבערקלײַבן דעם אָנגעוואָרפענעם באַרג מאַטאָנעס, אָפּשאַצנדיק דערבײַ, וויפל אָן ערעך קאָן באַטרעפן איטלעך געשאַנק, און לויט דעם, ווי אוריעלן האָט זיך אויסגעוויזן, גע־שאַצט די ווערט פון יעטווידן גאַסט, — האָבן ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס ערגערט ער זיך אַזוי, אוריעל, פון וואָס איז ער אַזוי צעוודערט, אַז ער וויל אַפילו ניט אַ קוק טאָן אַף די מאַטאָנעס.

— גאָט מײַנער, — האָט זיך צעטײַנעט מערע, זוכנדיק אין צימער אָן אָרט פאַרן פּערטן טיש־זייגער, — נו, וואָס איז דאָ אַזעלכעס געשען? האָסט דאָך אים אײַנגעלאַדן קומען. וואָס איז דאָ אַזוינס דער מער, אַז אַף איבערמאָרגן?

— איך האָב אים דאָך אָבער אײַנגעלאַדן אַף הײַנט. אַף הײַנט! און מיט אַ יאָר נאָך קימאַט צוריק! און ער האָט פאַרגעדענקט און געקומען צו פאָרן. זיך געשלעפּט אַהער פון אַזוי ווײַט.

— צו וועמען, פאַרשטיי איך ניט, האָסטו עס איצטער טײַנעס?

— צו וועמען? צו זיך.

— נו טאַקע. צו ווען האָסטו עס איצטער טײַנעס? האָסט מיך דען געוואָרנט, אַז צו דיר דאַרף קומען אַ גאַסט, און איך האָב דערווידערט? זאָג פּאַשעט, אַז האָסט פֿאַרגעסן.

ניין, אוריעל האָט ניט פֿאַרגעסן. ער האָט זיך פּאַשעט ניט געריכט, אַז לעסאָוו זאָל קומען. איז וואָס פֿאַר אַ זין האָט געהאַט זאָגן מערען, זי זאָל אַף יעדן פֿאַל איבערלאָזן פֿלאַך נאָך פֿאַר איין מענטשן, צוקוקנדיק, ווי זי מעסט די בענק שיר ניט מיט אַ מיקראָמעטער.

— ער איז דאָך אָבער געקומען! — האָט אוריעל קוים אײַנגעהאַלטן אין זיך דעם צאָרן.

— און ווו האָב איך אים געזאָלט באַזעצן? ס'איז אַזוי אויך געווען גענוג ענג. נאָך אַ גליק, וואָס ניט אַלע זײַנען געקומען.

— און וואָס טוסטו, ווען אַלע קומען?

— אַזוינס טרעפֿט קיינמאָל ניט, — האָט זיך אַרײַנגעשטעלט אַדע מיט איר פֿאַרלעגערט קאָל, — און דערויף רעכנט מען דאָך טאַקע אויס, ווען מע לאַדט אײַן מער מענטשן ווי מע קאָן אופֿנעמען. איר ווייסט עס דען ניט?

— כ'וועל דאָך ניט גיין סערווירן פֿאַר דײַן גאַסט אַ באַזונדער טיש אין אַ באַזונדערן צימער. און אויב דײַן גאַסט איז אַזאַ, וואָס אים וואָלט עס ניט געאַרט, איז אָן סאַקאָנעס, אויב האָסט אים פֿאַרבעטן אַף איבערמאָרגן. גלייב מיר.

אַף מאָרגן, קימאַט אַף אַ גאַנצער שאָ פֿריִער ווי ס'איז אָפּגעגאַנגען דער צאָפּנדיקער צוג, איז אַנשין שוין ווידער געווען אַפֿן וואָקזאַל, זיך אומגעדרייט איבער דער פֿאַרשנייטער פּלאַטפֿאָרמע, אויסקוקנדיק זיך די אויגן, צי זעט מען דאָ ערגעץ ניט גיין איליאַ סאָוועליע־וויטשן. און ווען דער צוג איז פֿאַרשוווּנדן אין דער נעפּלדיקער ווײַט, האָט אוריעל זיך אומגעקערט אַפֿן וואָקזאַל און, ווי נעכטן אָוונט, זיך דורכגעגאַנגען אַ פּאָר מאָל פֿאַרבײַ די בענק אײנעם גרויסן טומלדיקן זאַל מיט די הויכע פֿענצטער, זיך ווידער פֿאַרהאַלטן אַ שטיקל צײַט לעבן די קאַסעס, אַרײַנגעקוקט אין דעם שטענדיק אָנגערייכערטן בופֿעט און צולעצט אָנגעקלונגען אַהיים, זיך אָן איבעריקס מאָל דערקונדיקן, צי מערע איז אין ערגעץ ניט אַוועק, נאָר זיצט און וואַרט, עפּשער וועט איליאַ סאָוועליעוויטש פּאָרט געבן וועגן זיך צו וויסן.

אָט דאָס אויסנעמען מיט דער פּרווי זײַנער, אַז זי זאָל די ביידע טעג, אי הײַנט אי מאָרגן, אַפֿילע אַף קיין מינוט ניט פֿאַרלאָזן די שטוב, ביזוואַנען ער, אוריעל, וועט ניט צוריק קומען פֿון אינסטיטוט, איז געווען דאָס אייניציקע, מיט וואָס ער האָט באַשטראָפֿט מערען, וועלכע ער האָט געמאַכט פֿאַר זײַנער אַ מיטשולדיקערן אין דעם, וואָס איז זיך נעכטן אָוונט מיט אים פֿאַרלאָפֿן.

אַנשין האָט אויך ניט פֿאַרפֿעלט צום אָוונטיקן צוג, ניט אַרויסגעלאָזט פֿון אויג אַפֿן וואָקזאַל און אַפֿן פּעראָן קיין איינעם, וואָס האָט פֿונדערווײַטנס געכאַפּט מיט עפּעס דעם אָנבליק פֿון לעסאָוון. און כאָטש אוריעל איז געווען קימאַט זיכער, אַז ער וועט אויך מאָרגן ניט אָנטרעפֿן דאָ לעסאָוון צווישן די פּאַסאַזשירן פֿונעם אינדערפֿריִעדיקן און פֿונעם אָוונטיקן צאָפּנדיקן צוג, אַז איליאַ סאָוועליעוויטש קער שוין זײַן גאַנץ ווײַטלעך פֿונדאַנען, דאָך האָט אוריעל ניט דורכגעלאָזט אויך די דאָזיקע צוויי צוגן, געקומען אַפֿילע מיט אַ היפּשער צײַט פֿריִער און, אומקערנדיק זיך אַהיים, געקלונגען שיר ניט אין אַלע האָטעלן פֿון שטאָט, צי האָט זיך באַ זיי ניט אָפּגעשטעלט איליאַ סאָוועליעוויטש לעסאָוו.

— זעט נאָר, וואָס מיט דעם מענטשן טוט זיך עס אָפּ. מע קאָן מיינען, כ'ווייס אַליין ניט וואָס. געפֿונען פֿון וואָס צו מאַכן אַ ווען, — האָט מערע מיט איר דײַטלעך קלינגעוודיק קאָל אים אויסגערעדט. — ווער איז ער עס אַזוינס, אָט דער לעסאָוו, וואָס מע דאַרף זיך פֿאַר אים בוקן? נעכטן געוואָרט אַף אים אַ טאָג, הײַנט אַ טאָג. סע טוט זיך כווישעך. וואָס, ווער, ווען... איך פֿאַרשטיי דיך פּאַשעט ניט, אורי.

— מיר דוכט זיך, אַז דו פֿאַרשטייסט מיך שוין לאַנג ניט. — ער זאָל ניט דאַרפֿן אויס־הערן, וואָס וועט זי אים דערויף ענטפֿערן, האָט אוריעל זי איבערגעלאָזט אײנעם גרויסן העל־באַלויכטענעם צימער, וועלכן זי רופֿט אי זאַל, אין גאַסטצימער און אין וועלכן זי האָט די ביידע טעג געהאַלטן אין איין פֿאַנאַנדערשטעלן און איבערשטעלן די אָנגעבראַכטע מאַטאָנעס, און זיך פֿאַרשפּאַרט אײנעם קליינעם ניט צוגעקליבענעם קאַבינעט.

צי ווײַל דער שאָטן אַף דער וואַנט פֿון דער וואַזע מיט די ניילאָנענע בלומען איז טייל־ווײַז געווען ענלעך אַף אַ סאַמאָוואַרל, צי ווײַל פֿון מידקײַט האָבן זיך אים צוגעמאַכט די אויגן, נאָר אוריעל האָט בולעט דערזען פֿאַר זיך לעסאָוון זיצן באַם נאַקעטן פֿענצטערל פֿונעם טונקל באַלויכטענעם וואַגאָן. מיטאַמאָל האָט לעסאָוו זיך אופֿגעהויבן, געעפֿנט דאָס פֿענצטערל און אַרויסגעוואָרפֿן אין דער נאַכט דעם קלומעק. פֿונעם פֿליִענדיקן סאַמאָוואַרל האָבן זיך געשאָטן אײנעם כווישעך טליִענדיקע קוילן.

די ווײַזערס פון אלע זייגערס אף דער וואנט און אפן שרײַבטיש האָבן זיך דערנעענ־טערט צו האלבער נאכט. איצט איז שוין זיכער ניט געווען אף וואָס צו וואַרטן און זיך ריכטן. איז ער, הייסט עס, אוועקגעפאָרן, לעסאָוו. ער האָט געקאָנט אוועקפאָרן צוריק נאָך אינעם זעלבן אָוונט. איז ער שוין, הייסט עס, דעם דריטן מעסלעס אין וועג. וואָס האָט איליא סאוועליעוויטש פאר דער דאָזיקער צײַט שוין ניט איבערגעטראכט און איבערגעקלערט, פײַניקנדיק זיך פון אָט דעם אומגעריכטן קלאַפּ. נאָר ווי לאנג דער קלאַפּ זאָל ניט פארגיין און ווי אומדערטרעגלעך ס'איז ניט דער ווייטעק, וואָס ער האָט נאָך זיך געלאָזט, וואָלט אוריזעל זיך מיט אים געביטן, מיט לעסאָוון. אים, אוריזעלן, איז אומגעהייער שווערער, שוין אפילו דערמיט אליין, וואָס איליא סאוועליעוויטש ווייסט ניט, וויאזוי ער, אוריזעל, פײַניקט זיך איצט. ווען ער איז זיכער, אז איליא סאוועליעוויטש וועט ניט פארהאקן פאר אים די טיר, ווי ער, אוריזעל, האָט עס אייגנטלעך מיט אים געטאָן, וואָלט ער זיך אופגעהויבן און צוגעפאָרן אהין.

פאר די צוויי דורכגעגאנגענע מעסלעס, האָט אנשין געפילט, איז ער עלטער געוואָרן אף עטלעכע יאָר, כאָטש אויסערלעך האָט ער זיך ניט געביטן, זעט אלץ נאָך אויס ווי אזעל־כער, וואָס קאָן זיך אויסגעבן פאר א מענטשן פון די מיטעלע יאָרן. ער האָט זי אָבער גע־פילט, די געעלטערטקײַט, אין זיך, געפילט זי ווי א זאך, וואָס לאָזט זיך אָנטאַפּן, וואָס האָט א וואָג און קאָן מיט איר שווערקײַט אים אומבאאמערקט אײַנבערעכן. ער מוז זי פון זיך אראָפּ־וואַרפן, אָט די אָנוואקסנדיקע שווערקײַט, אויב ניט מיטאמאָל, איז ביסלעכווײַז. מיטאמאָל און אינגאנצן, האָט אוריזעל געוווּסט, וועט ער זיך פון איר ניט באפרײַען, ווען ער זאָל אפילו זיך אראָפּכאפּן צו לעסאָוון.

די ערשטע פארלײַכטערונג האָט אוריזעל דערפילט נאָכן אוועקשיקן לעסאָוון דעם גרויסן בריוו, ווו ער האָט אים אויסגעדערציילט אלץ, וואָס איז זיך געהאט פארלאָפן נאָכדעם, ווי איליא סאוועליעוויטש האָט אוועקגעלייגט דאָס טרײַבל. אוריזעל האָט געגנוי באשריבן, וויאזוי ער האָט איבערגעלאָזט די געסט און איז אוועקגעלאָפן אפן וואקזאל, פון דאָרט אין די האָטעלן, וויאזוי ער האָט אין די דאָזיקע צוויי טעג אים ארומגעזוכט צווישן די פאסאזשירן פון די צאָפּנדיקע צוגן, און אז מערע ארקאדיעוונע, די פרוי זײַנע, איז אין די דאָזיקע צוויי טעג פון שטוב ניט ארויס, טאָמער וועט ער אָנקלינגען. וואָס אָנבאלאנגט דעם געשפּרעך זייערן אין טעלעפאָן, איז עס פאָשעט געווען א מיספארשטייעניש. כאָפּן אף צוריק איז שוין געווען צו שפּעט. לעסאָוו האָט צו האסטיק אוועקגעלייגט דאָס טרײַבל, און גיין אים זוכן האָט ער ניט געוווּסט ווהין.

און דאָך איז ער געלאָפן אים זוכן, און אויב ער גלייבט אים ניט, לעסאָוו, קאָן ער עס אים דערווײַזן. ער האָט מיט וואָס עס אים צו דערווײַזן. די קאָנדוקטאָרן פון די צוגן קאָנען עס באשטעטיקן.

די מיספארשטייעניש איז באשטאנען דערין, — האָט אורי גאוורילאָוויטש אים געשריבן אין א פאר וואָכן ארום, ניט באקומענדיק קיין ענטפער אף זײַן ערשטן בריוו, — וואָס אף יענעם אָוונט, און דאָס האָט ער אים אין טעלעפאָן ניט געקאָנט זאָגן, זײַנען געווען פארבעטן בלויז זײַנע קאָלעגן פון אינסטיטוט. ס'איז געווען א מין פארמאכטע באגעגעניש, אף וועל־כער, ער, לעסאָוו, וואָלט זיך געפילט ווי א זײַטיקער. נאָר אלצייגנס האָט ער, אוריזעל, אלעמען איבערגעלאָזט און געלאָפן אים זוכן. ער וואָלט אלץ אָפּגעגעבן, ווען עמעצער זאָל געווען זאָגן, ווו קאָן ער אים געפינען.

אָט די דאָזיקע בארעכטיקונג, ווי אויך אלע אנדערע בארעכטיקונגען, וואָס זאָלן אין לעסאָווס אויגן לינדערן זײַן שולד, וויבאלד אוריזעל פײַניקט זיך אזוי, האָט צוגעטראכט מערע. סאָפקאָלסאָף וועט זי אליין אים אָנשרײַבן, לעסאָוון, כאָטש זי קען אים ניט, און נעמען די גאנצע שולד אף זיך.

נאָר אויך אף איר בריוו האָט איליא סאוועליעוויטש זיך ניט אָפּגערופן.

— מע דאַרף אָנווערן דאָס לעצטע ביסל אייגנליבע, — האָט מערע אויסגעמוסערט דעם מאן, — אז מע זאָל נאָך אָט דעם אלעם אים ווען־ניט־איז שרײַבן, דײַן לעסאָוון.

נאָר אורי גאוורילאָוויטש האָט פאָרגעזעצט אים שרײַבן, אויסבאהאלטנדיק עס פון מערען, און מיט יעדן אָפּגעשיקטן בריוו אראָפּגעוואָרפן פון זיך עטוואָס פון דער מאסע, וואָס האָט אים מוירעדיק געדריקט. דערבײַ האָט ער אָפּגעמאכט בא זיך, און עס אויך אויסבא־האלטן פון מערען, אז דעם קומענדיקן זיבעצעטן נאָיאבער, זײַן איין־און־פופציקסטן גע־בוירנטאָג, באגעגנט ער בא לעסאָוון, ער זאָל אפילו וויסן, אז איליא סאוועליעוויטש וועט אים ניט איבעריקס גערן עפענען די טיר.

דעם לעצטן בריוו האָט אַנשין אָוועקגעשיקט לעסאָוון שוין פון דער נײַער דירע, אַז איליאַ סאָוועליעוויטש זאָל אַף יעדן פאַל האָבן זײַן איצטיקן אַדרעס.

אַף דעם האָט זיך געענדיקט זײַן פאַרענטפערן זיך שוין ניט אַזוי פאַר לעסאָוון, ווי פאַר זיך אַליין, און דערמיט האָט ער זיך ביסלעכווײַז באַפרײַט פון דער שווערקײַט, וואָס האָט זיך אַף אים אַזוי אומגעריכט אַרופגעוואַלגערט.

מיטאַמאָל האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פאַרלײַכטערונג, וועלכע ער האָט דערפילט נאָך אָט די אַלע אָפּגעשיקטע בריוו, איז געגליכן צו דער פאַרלײַכטערונג, וועלכע עס ברענגט מיט זיך אַף אַ שטיקל צײַט אַ רעפּוע. ווי נאָר עס גייט דורך דאָס דאָזיקע שטיקל צײַט, אַזוי הייבט זיך אַלץ אָן פון אָנהייב, ווי דאָס האָט געטראָפן מיט אים. ער האָט מיט זײַנע בריוו ניט אַראָפּגעוואָרפן די שווערקײַט, ער האָט זי בלויז פאַרטריבן אַף אַ קורצער צײַט אין זיך, און איצט איז זי אים ווידער באַפאַלן, פאַרביטן מיט זיך די איבערמענטשלעכע ווייען, וואָס האָבן זיך אַרײַנגעריסן צו אים אין סאַמע רעכטן שלאָף. זי האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן פרעס, ווען ער האָט שוין קוים געקאָנט איבערכאַפּן דעם אָטעם, און דערמיט, וואָס איז זיך פאַרלאָפן צווישן אים און לעסאָוון אין יענעם סאַפּהאַרבסטיקן אָוונט, פאַרטױבט אין אים די ווייטעקן, וועלכע זײַנען באַשאַפן ניט פאַרן מענטשן. זיי זײַנען איבער די מענטש־לעכע קויכעס.

VI

די פרײַז, וואָס די אָנגעוואַלגערטע שווערקײַט האָט געפאָדערט פאַר אָפּטױבן אין אים נאָך אַף עטלעכע מינוט די פײַנלעכע ווייען, איז געווען צו אַ גרויסע, אַז אוריִעל זאָל דערויף אײַנגיין. האָט ער זיך געגעבן האַסטיק אַ הייב אונטער פון בענקל, וויסנדיק פאַרפריִער, אַז דערמיט לייגט ער זיך אונטער צוריק אונטערן פרעס, נאָר ווי שטאַרק דער פרעס זאָל אים ניט צונױפקוועטשן, וועט ער מער ניט אָנקומען צו דער סטרונע, וועלכע קאָן מיט זיך, ווי ער האָט היינט זיך עס דערוווּסט, פאַרטױבן אין אים אַלע סטרונעס מיטאַמאָל. אוריִעל איז, דאַכט זיך, גרייט געווען בעטן אַף זיך אַלע ליידן, וועלכע זײַנען איבער די מענטשלעכע קויכעס, אַבי אָפּצוטרײַבן מיט זיי פון זיך די דערמאָנונגען וועגן יענעם אָוונט, און געווען צופרידן, וואָס די ווייטעקן האָבן אים ווידער דורכגענומען אַף דורך און דורך, אים אַזוי צונױפגעדריקט, אַז ער האָט זיך קוים אַראָפּגעלאָזט צוריק אַפּן בענקל באַם שרײַבטיש. זיי האָבן אים אפילו ניט געלאָזט זיך אופהייבן אַ קוק צו געבן, וויפל איז דער זייגער. פון זינט ער האָט זיך אופגעכאַפּט, האָט געדאַרפט דורכגיין אַ וועלט מיט צײַט, נאָר אין פענצטער האָט נאָך אַלץ אַרײַנגעקוקט די נאַכט, ס'האָט זיך נאָך אַלץ געוויגט אַנטקעגנאיבער דער מילכיק־בלויער לאָמפּ אַפּן סלופּ.

...ווו איז ער עס אַקאָרשט געווען, וואָס אַלץ פון דעם, וואָס ער זעט איצט פאַר זיך אין צימער און פון יענער זײַט פענצטער, איז מיטאַמאָל פון אים פאַרשוווּנדן און אָנשטאָט דעם אַלץ איז געשטאַנען אַ מאָדנע פוסטקײַט. ניין, אים האָט זיך עס ניט אויסגעוויזן. ער האָט ווירקלעך אָט דאָס אַלעס פאַר זיך ניט געזען. ער האָט בכלל קיין זאַך ניט געזען. אים האָט אַרומגערינגלט אַ פינצטערע פוסטקײַט.

מאָדנע. ער, וועלכער האָט אפילו אין עטלעכע טעג אַרום געקאָנט אופשטעלן פאַר זיך די מינדסטע אײַנצלהייטן פונעם סאַמע פאַרפלאָנטערסטן כאַלעם, קאָן זיך ניט ענטפערן, ווו איז ער עס נאָרוואָס געווען און וואָס האָט ער אויסער דער פינצטערניש נאָך דאָרט געזען.

פונעם געדאַנק, וואָס האָט אין אים מיטאַמאָל אַ בליץ געטאָן, אַז ער האָט, קענטיק, זיצנ־דיק אַ צונױפגעקנוילטער באַם טיש, פאַרלוירן דעם באַוווּסטזײַן, און אַז דאָס איז געווען אַ קלונג פונעם גלעקל, וואָס פאַרגעסט אין קיינעם ניט, ווער מע זאָל ניט זײַן און ווו מע זאָל ניט זײַן, האָט אוריִעל זיך ניט דערשראָקן. ער איז שוין פון לאַנג געווען געוווינט דערצו, אַז ער געפינט זיך אינעם קוואַדראַט, אַף וועלכן ס'איז געריכטעט דאָס פײַער. און מיטן פײַער, וואָס איז אָנגעריכטעט אַפּן דאָר, צו וועלכן ער, אוריִעל, געהערט, האָט ער זיך שוין ניט איין מאָל געטראָפן אויג אַף אויג. פיר יאָר נאָכאַנאַנד איז דער טויט אים נאָכגעגאַנגען פוסטריט, נאָר יעדעס מאָל, ווען ער איז אים באַפאַלן, איז אוריִעל אים בײַגעקומען. ניין, אורי גאַווריִלאָוויטשן האָט ניט געשראָקן, וואָס דאָס מאָל וועט ער זײַן דער באַזיגטער.

פריער צי שפעטער געשעט עס מיט יעדן איינעם, און ווי אומגעריכט דאָס זאָל איצט פאַר אים ניט זײַן, איז ער פאַרט פון די גליקלעכסטע פון זײַן דאָר. ער האָט פאַרט דערלעבט צו דעם, אז ער לאָזט איבער נאָך זיך פאַר זײַנע קינדער און אייניקלעך א רויִקע ערד, א רויִקן הימל, וואָס ביז זיי האָט עס נאָך קיינער קיינמאָל ניט געהאַט, און איבערלאָזנדיק זיי עס אַלץ, איז ער זיכער, אז די ערד און דער הימל וועלן אַף לאַנג און עפשער אַף שטענדיק שוין פאַרבלײַבן רויִקע. דער טויט, וואָס איז אים פּוסטריט נאָכגעגאַנגען אַף דער מילכאָמע און אים ניט געקאָנט בײַקומען און וואָס איז אים איצט, א שלאָפנדיקן, אזוי אומגעריכט באַפאַלן, אָפּשנײַדנדיק אַלע וועגן, ער זאָל ניט קאָנען פון אים אַנטלויפן, איז אַנשינבן געווען שרעקלעך בלויז דערמיט, וואָס ער האָט ניט באַוויזן זיך זען מיט לעסאָוון. אורי׳על האָט פאַרטויבט אין זיך די שטים, וואָס האָט אַלץ העכער און העכער זיך געלאָזט הערן מיט איינעם און דעם זעלבן: „דיר איז דאָן איצט שוין ניט אַלצײַנס, וואָס וועט דאָרט טראַכטן בא זיך וועגן דיר איינער אַן איליא סאָוועליעוויטש לעסאָוו? וואָס קאָן דיר שוין אָנגיין, וואָס לעסאָוו וועט, מעגלעך, שאַצן לויט דיר אויך אַנדערע און עס וועט ניט זײַן ווער ס'זאָל אים אָנווײַזן, אז ער נוצט זיך מיט א צופעליקער און ניט קיין ריכטיקער מאָס?"

נייִן, אים איז ניט אַלצײַנס, וואָס וועלן דערציילן און ריידן וועגן אים די לעבעדיקע, ווען ער וועט זיך שוין ניט קאָנען אָנעמען פאַר זיך. ביזוואַנען דער פּרעס לאָזט אים נאָך עטעמען, דאַרף ער באַווײַזן אויסבעסערן אין זײַן לעבן עפּעס פון דעם, וואָס עס לאָזט זיך נאָך אויסבעסערן.

דאָס מאָל וועט ער שוין ניט דערלאָזן דעם פעלער, וועלכן ער האָט דערלאָזט אין זײַנע פריִערדיקע בריוו. אין דעם בריוו, וועלכן ער האָט איצט געשריבן לעסאָוון, האָט אַנשין שוין ניט געזוכט מיט וואָס זיך צו פאַרענטפערן, אַף וועמען אַרופצוּוואַרפן די שולד. די גאַנצע שולד פאַר דעם, וואָס איז געשען, האָט ער גענומען אַף זיך, בלויז אַף זיך. געענדיקט האָט ער דעם בריוו דערמיט, אז ווען איליא סאָוועליעוויטש וועט אים לייענען, וועט עס שוין דעמלט קאָנען הייסן, אז דער געשטאָרבענער בעט מעכילע באַם לעבעדיקן. אַנשין האָט דערמאָנט דערבײַ לעסאָוון, אז טויטע האָבן נאָך קיינמאָל ניט געבעטן בא די לעבעדיקע מעכילע. שטענדיק האָבן די לעבעדיקע געבעטן מעכילע בא די טויטע.

פאַרקלעפנדיק דעם קאָנווערט, האָט ער איינגאַנצן אַרויסגעלאָזט פון זין, אז ניט לעסאָוו, נאָר אַנדערע, קאָן זײַן, וועלן גאָר אופעפענען אָט דעם בריוו, וועלכן מע וועט געפינען דאָ בא אים אַפן שרײַבטיש, און סע וועט זיך זיכער אָנהייבן דערנאָך אַן אויספאָרשונג, פאַרוואָס האָט ער, אַנשין, געשריבן וועגן זיך ווי וועגן א טויטן און פאַרוואָס בעט ער עס אזוי בא לעסאָוון מעכילע.

דער אויספאָרשער, וואָס וועט זיך פאַרנעמען דערמיט, קאָן באַווײַזן דאָס דאָזיקע בריוול נאָך עמעצן, אויסער לעסאָוון, און אַלץ, וואָס איז זיך פאַרלאָפן יענעם אָוונט און וואָס ער, אורי׳על, האָט ביז איצט אויסבאַהאַלטן אין זיך, וועט אין איינעם א טאָג דורך אָט דעם עמעצן ווערן באַוווּסט אויך אַנדערע, און דעמלט... דעמלט ווען עמעצער וועט ווען־ניט־איז דער־מאָנען ערגעץ זײַן נאָמען, קאָן זיך אָפּזוכן אזוינער, וואָס וועט א זאָג טאָן: „לאָמיר בעסער וועגן דעם שווײַגן" און דערנאָך פּילדײַטיק צוגעבן: „וועגן אוועקגעגאַנגענע רעדט מען אָדער גוטס, אָדער מע רעדט איינגאַנצן ניט".

ווי ער זאָל מוירע האָבן, אז מע קאָן באַלד אָפּנעמען בא אים דאָס בריוול, צי ער אַליין קאָן עס מיטאַמאָל צערײַסן, האָט אַנשין באַהאַלטן דעם פאַרכאַסמעטן קאָנווערט אין טישקעסטל, אונטער די אָנגעוואָרפענע אין אַן אומאָרדענונג פּאַפּירן. אין א ווײַלע אַרום האָט ער עס פון דאָרט אַרויסגענומען. ער מוז עס אָפּשיקן לעסאָוון, דאָס בריוול. עפשער אַרויסוואַרפן עס דורך דער פאָרטקע אַפן ברוק? דער, וואָס וועט געפינען דעם בריוו, וועט דאָך זיכער פאַרשטיין, אז עמעצער האָט אים פאַשעט צופעליק פאַרלוירן און ער וועט אַראָפּלאָזן דעם בריוו אין א פאָסטקעסטל. ער דאַרף נאָר אויסמעקן, אורי׳על, אַפן קאָנווערט דעם צוריק־אַדרעס זײַנעם. און טאָמער פאַרטראָגט דאָס ווינטל דעם בריוו אַפן ברוק און ער פאַלט אַרונטער אונטער די רעדער פון די שווערגעלאָדענע מאַשינעס און בולדאָזערס?

און דעם בריוו מוז ער דאָך אָפּשיקן. ער מוז!

אומדערוואַרט פאַר זיך אַליין האָט אורי גאַוורילאָוויטש זיך געגעבן האַסטיק א הייב אוף פון שטול. אין די עטלעכע מינוט, וואָס האָבן בא אים געדויערט, ער זאָל, אָנהאַלטנדיק זיך בא דער וואַנט, זיך דערקלײַבן צו זײַן געלעגער, האָט אורי׳על זיך פאַרגלײַכט מיט זיך אַליין, ווען ער האָט א שווער־פאַרוווּנדעטער געפונען קויעך זיך אָפּצורײַסן פונעם שנייִקן פעלד און דערלויפן צום בערגל.

אפן וועג צום געלעגער האָט ער געמאַכט עטלעכע איבעריקע טריט און אופגעעפנט עטוואָס די טיר, — עפשער וועט עמעצער צופעליק פאַרבײַגיין, באַנאַכט אַרבעט דאָ נאָך ניט דער ליפט.

זיצנדיק א צונויפגעדרייטער אפן געלעגער מיט פאַרקריצטע ציין, ער זאָל פון ווייטעק ניט נעמען שרײַען, אז מע זאָל דערהערן זײַן קאָל אפן לעצטן שטאָק, האָט אוריִעל פּלוצעם ווידער אופגעהערט זען פאַר זיך דעם צימער... ס'האָט זיך אף אים ווידער אַנגערוקט א גע־דיכטע פינצטערניש.

דאָס פאַרלירן דעם באַוווסטזײַן האָט בא אים, אפּאַנעם, דאָס מאָל געדויערט א סאַך לענגער. ווען ער איז געקומען צו־זיך, האָט אין פענצטער שוין אַרײַנגעקוקט אַן אויסגע־בלייכטער הימל מיט אייַנצלנע שטערן. איז שוין, הייסט עס, געוווען דער צווייטער, דער פאַרלעצטער קלונג, און וויפל האָט ער נאָך ביזן דריטן? א שאָ? צוויי? צי עפשער גאָר געציילטע עטלעכע מינוט?

אים האָט ניט געוווּנדערט, וואָס ער קאָן אזוי רויִק טראַכטן דערפון, און וואָס אויסער דעם, ווי־אזוי אַפּשיקן איליא סאַוועליעוויטשן דעם בריוו, גייט אים איצט, דאַכט זיך, מער קיין זאַך ניט אָן. דעם בריוו מוז ער אַפּשיקן. ער וועט זיך ניט אונטערגעבן, ביז ער וועט אים ניט אַפּשיקן. ביזן פּאָסטקעסטל אפן ראָג גאַס איז נעענטער ווי פונעם אָפענעם פאַר־שנייטן פעלד ביז צום בערגל, וווּהין ער איז א פאַרוווּנדעטער דאַן דערלאָפן. איצט איז פאַר אים דאָס בערגל, צו וועלכעס ער דאַרף זיך און מוז זיך דערקלײַבן, — דאָס פּאָסטקעסטל אפן ראָג. ער מוז זיך צו דעם דערקלײַבן! בלויז וועגן דעם האָט אורי גאַוורילאָוויטש גע־טראַכט, ווען ער האָט, צונויפקריצנדיק שטאַרקער די ציין, ער זאָל פון ווייטעק ניט אופהייבן מיט זײַן געשריי דאָס גאַנצע הויז, גענומען אַרופציִען אף די פיס די שקאַרפעטן. באַם אויס־גלײַכן זיך האָט זיך פון אים פאַרט אַרויסגעריסן דער פאַרשטיקטער געשריי, פאַר וועלכן ער האָט אַליין זיך דערשראָקן.

צי פונעם געשריי, וואָס האָט זיך בא אים אַרויסגעריסן, צי ס'איז אים געוואָרן לײַכטער דערפון, וואָס ער האָט שוין מער ניט אײַנגעהאַלטן אין זיך די טרערן, נאָר באַם פאַרשנורע־ווען די טופל אף די פיס האָט ער זיך שוין ווייניקער אָפּגערוט ווי באַם אָנטאָן די הויזן מיטן העמדל.

האָבנדיק שוין צוגעשלאָסן די טיר, האָט אנשין זיך געכאַפּט, אז ער האָט ניט בא זיך קיין איין דאָקומענט. אפילע די צײַגעניש, אז ער איז א דאָצענט פון אינסטיטוט, האָט ער, לאָזט זיך אויס, אויך פאַרגעסן מיטנעמען מיט זיך פון דער דאַטשע. אָבער וועלכער־ס'איז־ניט פון זײַנע דאָקומענטן דאַרפן דאָך זײַן אין שטוב, ער האָט דאָך ניט אַלע מיטגענומען מיט זיך אף דער דאַטשע. נאָר אורי גאַוורילאָוויטש, וועלכער האָט אף דער מילכאָמע ניט מוירע געהאַט דער דריטער פאַרייכערן פון איין שוועבעלע, און דער איינציקער טאַליסמאַן, אין וועלכן ער האָט געגלייבט, אז ער קאָן אים אויסהיטן, איז געוווען בלויז דער אוטאָמאַט זײַנער, האָט זיך אָבער ניט אומגעקערט צוריק אין שטוב. ער האָט אַרויסגענומען פון קע־שענע די אייביקע פּען, אַרויסגעריסן פון נאָטיץ־ביכעלע א בלעטעלע פּאַפּיר און, שטייענדיק אף די טרעפּ, אָנגעשריבן זײַן פאַמיליע־נאָמען און אַדרעס.

אײַנגעבויגן, ווי באַם איבערלויפן אַן אָפן פעלד, וועלכעס עס באַשיסט דער סוינע, האָט אנשין, האַלטנדיק זיך נעענטער בא די ווענט פון די הײַזער, געציילט די טריט. האַלב וועג איז ער שוין איבערגעקומען. ער מוז זיך דערקלײַבן צום פּאָסטקעסטל! ער וועט זיך ניט אונטערגעבן! ער איז איצט א סאָלדאַט. ער שלאָגט זיך ניט נאָר פאַר זיך, ניט פאַרטראַכטנ־דיק זיך דערבײַ, ווי ער האָט ניט געהאַט פאַרטראַכט זיך, גייענדיק אין שלאַכט, וואָס וועט זײַן מיט אים אין א רעגע צי צוויי אַרום.

ווען די ווייטעקן האָבן אים צוגעדריקט צו דער וואַנט, אז ער וואָלט אין דער דאָזיקער רעגע, דאַכט זיך, אײַנגעגאַנגען זיך בײַטן מיט איר, האָט ער אַרויסגענומען פון דער איי־בערשטער קעשענקע פונעם רעקל דאָס צעטעלע, צוגעשריבן אף דעם, אז ער איז לאַכלוטן א ניכטערער, און עס צוריק אַרײַנגעלייגט אהינצו, נאָר אזוי, אז טאָמער וועט ער דאָ גייענדיק אומפאַלן, זאָל מען קאָנען גלײַך דערזען דאָס צעטעלע. ווו האָט ער עס געלייענט, צי מעגלעך געהערט, וועגן דעם, אז ס'איז אויסגעגאַנגען א מענטש אפן גאַס, ווײַל די פאַר־בײַגייער האָבן אים אָנגענומען פאַר א שיקערן און אָנשטאָט אַרויסרופן די גיכע הילף, אַרויסגערופן צו אים א מיליציייִשן מאָטאָציקל...

אומגעריכט, ווען אים איז געבליבן דורכצומאַכן נאָך עטלעכע טריט, האָבן אים אָפּגע־לאָזט די ווייטעקן. אוריִעל האָט זיך דערפון דערפילט אזוי, ווי ער זאָל אינגאַנצן האָבן

פארגעסן, וואָס איז מיט אים געווען א רגע פריִער. ער איז געבליבן שטיין א פארלוירענער. ס'איז אים אויסגעקומען מאָדנע, וואָס ער קאָן זיך אויסגלײַכן, שטעלן א ברייטערן טראָט, זיך אומקוקן. ער האָט ניט באַוויזן אָפּגיין נאָך פון דער וואנט, אָן וועלכער ער האָט נאָרוואָס זיך אָנגעהאלטן, ווי ער האָט זיך שוין געהאט פארכלינעט פון דער אָנגעלאָפּענער כוואליע פרייד, וואָס האָט אים פארפלייצט און פארוואנדלט אין א גליקלעך זאָרגלאָז ייִנגל, פאר וועמען די ערד, דער הימל, אלץ ארום זענען אויס גאָר אנדערש. ער האָט דאָך טאקע ווירקלעך נאָך קיינמאָל ניט געזען איבער זיך אזא טיפן, בלויען הימל, און קיינמאָל איז נאָך ניט אופּגעגאנגען אזוי גאָלדיק די זון. ער האָט אויך קיינמאָל ניט געזען אזא גרין און זאפטיק גראָז, ווי דאָס, וואָס וואקסט דאָ הינטער די פענצטער.

פארוואנדלענדיק זיך וואָס ווײַטער אלץ מער אין א פארשײַט גליקלעך ייִנגל, האָט אוריִעלן זיך מיטאמאָל פארגלוסט אָנקלאפּן אין די פארהאנגענע פענצטער פון די אונטער־שטעטשטאָקן, מע זאָל ארויסגיין א קוק טאָן, ווי וווּנדערלעך שיין ס'איז הײַנט דער באַגינען. אָדער גאָר. אָט דאָ ערגעץ ניט ווײַט דארף זײַן א טעלעפאָן־אווטאָמאט. ער וועט אָנקלינגען ריטען. ווען האָט ער איר געקלונגען דאָס לעצטע מאָל? ער געדענקט בלויז, אז דאָס איז געווען לאנג, זייער לאנג צוריק. ווי קומט עס, וואָס ער האָט פאר דער הײַנטיקער נאכט, דאכט זיך, קיין איין מאָל ניט א טראכט געטאָן וועגן איר און וואָס אויסער לעסאָוון האָט ער מער קיינעם ניט געוואָלט האָבן לעבן זיך? פאר איר, ריטען, האָט ער זיך דען מיט גאָר־נישט ניט פארשולדיקט, אז ער זאָל ניט דארפן בעטן בא איר מעכילע? גענוג. ער וויל וועגן דעם איצט ניט טראכטן. ער וויל איצטער קוקן אָף דער אופגייענדיקער זון, וואָס שפיגלט זיך אינעם טויִקן גראָז.

און פונקט אזוי אומגעריכט ווי זיי האָבן אים פון זיך אָפּגעלאָזט, די איבערמענטשלעכע ווייטעקן, אזוי אומגעריכט זײַנען זיי אים ווידער באפאלן, און נאָך מער גרויזאמער, ווי זיי זאָלן זיך וועלן אָפּרעכענען מיט אים פאר די עטלעכע מינוט, וואָס ער האָט זיך פון זיי ארויסגעריסן, פאר זײַן אָפּגעבן זיך אזוי דער פרייד, אז ער האָט פארוקט דעם בריוו צוריק אין קעשענע און זיך געלאָזט שפאנען צוריק אהיים.

אורי גאַווריל‏אָוויטש האָט שוין געהאט אויסגעשטרעקט די האנט צום פארהאנגענעם פענצטער, בא וועלכן ס'האָט אים אָנגעיאָגט דער דריטער קלונג, און געוואָלט בעטן, מע זאָל ארויסרופן די גיכע הילף, ווען ער האָט דערזען פאָרן אָפּן שאָסיי א מאשין. אוריִעל האָט א מאך געטאָן צו איר מיט דער האנט, בייס די מאשין איז שוין געהאט פארבײַגעפאָרן, נאָר, קענטיק, דער שאָפער האָט עס באמערקט און אָפּגעשטעלט די האסטיק־לויפנדע מאשין א שפאן פערציק־פופציק פון אוריִעלן.

איצט איז די דאָזיקע מאשין געווען פאר אורי גאַווריל‏אָוויטש אנשינען דאָס בערגל, נאָר דאָס מאָל דארף ער זיך אהינצו דערקלײַבן ווי א סאָלדאט אָף א פאראד: די ברוסט פאָרויס, די אקסל גלײַך, דער טראָט א ברייטער און א מונטערער. איין ניט פאָרזיכטיקער שפאן, און דער שאָפער קאָן זיך אָפּזאָגן פאָרן. ניט יעדערער וועט אריַנעמען צו זיך אין דער מאשין א מענטשן, אָף וועמען עס ווארט ציִ, מעגלעך, ס'איז שוין געווען דער דריטער קלונג. פאר אזעלכע, ווי ער, קאָן זאָגן דער שאָפער, דארף מען ארויסרופן די גיכע הילף.

וואָזוי איז ער בײַגעקומען די ווייטעקן און זיך א לאָז געטאָן צו דער מאשין ווי א סאָלדאט אָף א מארש, און עפענענדיק דאָס טירל פון דער מאשין זיך אפילע שמייכלענדיק באגריסט מיטן שאָפער, האָט אורי גאַווריל‏אָוויטש אליין ניט באנומען. בא יעדן איינעם, זעט אויס, טרעפן זיך אזעלכע מינוטן, ווען ער קאָן אלץ. נאָר ווען די דאָזיקע עטלעכע מינוט זײַנען אריבער, האָט דער יונגער שאָפער אים דערשראָקן געפרעגט:

— וואָס איז מיט אײַך?

אנשין האָט אָפּגעקערט אָן א זײַט די צוגעשלאָסענע אויגן און שטיל ארויסגעשעפּטשעט:

— כ'ווייס ניט.

אין א רגע ארום האָט דער שאָפער נאָך מער דערשראָקן געפרעגט:

— דאָס הארץ?

— ניין. — אורי גאַווריל‏אָוויטש האָט באַוויזן אָף דער לינקער זײַט, וואָס האָט ניט געלאָזט כאפּן דעם אָטעם. דאכט זיך, ער האָט דערמיט עטוואָס בארויִקט דעם שאָפער.

— איך וועל אײַך אָפּפירן אין שפּיטאָל.

— ניין, ניין, — האָט אורי גאַווריל‏אָוויטש אים איבערגעשלאָגן און געבעטן אָפּשטעלן אָף א ווײַלע די מאשין.

דער שאָפער האָט עטלעכע מאָל אָפּגעשטעלט די מאַשין און געדולדיק געוואַרט, ביז דער פּאַסאַזשיר זײַנער האָט אָפּגעזוכט לעבן אים אין דער קאַבינע אַ ווינקל, ווו ער זאָל זיך קאָנען מער צוניפּדרייען.

— עפּשער פֿאַרט אײַך אָפּפֿירן אין אַ שפּיטאָל? — האָט געפֿרעגט דער שאָפער, ווען די מאַשין איז שוין געשטאַנען באַם טונקל-גרויען מויער און ער האָט געהאָלפֿן זײַן פּאַסאַזשיר אַרויסקריכן פֿון קאַבינע.

VII

פֿאַרזיכטיק, ווי די טרעפּ אונטער אים זאָלן זיך וויגן איבער אַן אָפּגרונט, האָט אוריעל זיך אויפֿגעהויבן אויפֿן דריטן שטאָק און מיט נאָך מער אַקשאָנעס, ווי פֿריִער, באַם אַרײַנזעצן זיך אין דער מאַשין, זיך צוגעגרייט צו די עטלעכע מינוט, וועלכע ווערן פֿון צײַט צו צײַט געגעבן דעם מענטשן אַף קאָנען אַלץ אין זיך בײַקומען. ער האָט זיך עס איצט דערוויזן מיט דער באַזונדערער רויקײַט, מיט וועלכער ער האָט זיך אויסגעגלײַכט און אָנגעקלונגען.

די דאָזיקע עטלעכע מינוט האָבן אים אויך געקלעקט אַף אויסצובאַהאַלטן אין זיך די מינדסטע סימאָנים פֿון דעם, וואָס האָט אים אין אָט דער פֿריִער שאָ פּלוצעם אַראָפּגעבראַכט אַהער. ווען ריטע האָט, עפֿענענדיק די טיר, דערשראָקן געפֿרעגט, וואָס איז געשען, און אויך אַף דורכגיין דאָס שמאָלע לענגלעכע קאָרידאָרל פֿון איר אײנצימערדיקער דירע מיט לאַנגזאַמע געמאָסטענע טריט. נאָר קוים האָבן די דאָזיקע עטלעכע מינוט זיך געענדיקט און אוריעל האָט, אַרײַנקומענדיק אין צימער, זיך אַראָפּגעלאָזט אויפֿן פֿאָטעל, ניט באַמערקנדיק אַפֿילו, אַז ער האָט זיך געזעצט אַף ריטעס אָנטאָן, האָט ריטע אים שוין קימאַט ניט דערקענט. פֿאַר איר איז איצט געזעסן אַן אַנדערער, ניט דער, וועלכן זי האָט נאָרוואָס אַהער אַרײַנגעלאָזט. דער איז געווען פֿיל אַן עלטערער און אַ סאַך אַ נידעריקערער. אין זײַן זיצן, דעם קאָפּ אָנגעלענט אַן הויכן ווענטל פֿון פֿאָטעל, איז געווען אי עפּעס זקיינישס, אי קינ־דערשס. אויך די גרויסע העלע אויגן זײַנע. נאָך וועלכע זי האָט געבענקט די אַלע יאָרן, אָט די מילדע, העלע אויגן, וואָס האָבן שטענדיק געשטראַלט מיט אַ באַזונדער גוטסקײַט און דערמיט אים גלײַך אויסגעטײלט פֿון אַלע אירע פֿריִערדיקע באַקאַנטע, האָבן זיך בא אים איצט גאָר אַנדערש געלויכטן. נאָר ניט אָט דאָס זיצן אין אײַנגעשרומפּענער אויפֿן פֿאָטעל און ניט די מיטאַמאָל אָנגעלאָפֿענע קנייטשן אויפֿן בלאַסן אויסגעצויגענעם געזיכט און די בלויע פֿאַרטריקנטע ליפּן האָבן זי, ריטען, דערשראָקן, — דאָס פֿײַער אין זײַנע אויגן, וואָס האָט פֿון רעגע צו רעגע זיך אַלץ מער צעפֿלאַקערט, ווי דאָס פֿײַער פֿון אַ צאַנקענדיק ליכט פֿאַרן אויסגיין, האָט זי דערשראָקן.

זײַן בליק האָט זיך אַ פּאָר מאָל אָפּגעשטעלט אַף איר, נאָר ער האָט זי ווי ניט באַמערקט. ס'איז געווען אַ בליק פֿון אַ מענטשן, וואָס איז אינגאַנצן אַרײַנגעטאָן אין זיך און וועלכער זעט פֿאַר זיך אַזוינס, וואָס איז ביז אַהער געווען פֿון אים פֿאַרהוילן.

— טײַערער... וואָס איז מיט דיר? — ריטע האָט פֿאַנאַנדערגעשפּיליעט דעם קאָלנער פֿון זײַן העמדל. — וואָס איז געשען? ווו טוט דיר ווײ? דאָס האַרץ? יאָ? דאָס האַרץ? געבן דיר וואַלידאָל? בא מיר דאַרף ערגעץ זײַן ניטראָגליצערין.

אוריעל האָט זיך אויסגעגלײַכט. צוזאַמען מיט דער האַסטיקער באַוועגונג, וואָס האָט אים מיטאַמאָל אינגאַנצן געענדערט, האָט זיך אויך געביטן דער בליק אין זײַנע אויגן. ריטע האָט דערזען אין זיי דעם זעלבן קינדעריש-פֿאַרליבטן און דערשראָקענעם בליק, מיט וועלכן ער האָט געקוקט אַף איר, טרעפֿנדיק זי אײנמאָל צו בעט. דאָס איז געווען קורץ פֿאַר זײַן אָפּפֿאָרן מיט דער געאָלאָגישער עקספּעדיציע אין דער טונדרע. אין דעם דאָזיקן בליק זײַנעם איז איצט געווען אַלץ, וואָס האָט געמאַכט זי פֿאַרגעסן, אַז זיי האָבן זיך דעמלט צעשיידט אַף שטענדיק, און ווי מירע האָבנדיק, אַז עס קאָן ווידער פֿאַרשווינדן, ווי דעמלט, אָט די דאָזיקע מינוט, האָט ריטע פֿיבערדיק אַרײַנגענומען זײַן קאָפּ אין אירע הענט און, צוטוליענדיק זיך מיט איר פֿאַרפּלאָנטער באַק צו זײַנער, אַ גליקלעכע געשעפּטשעט:

— כ'האָב פֿאַרגעסן, אַז מע טאָר דיר גאָרניט זאָגן. ווי נאָר עפּעס, נעמסטו גלײַך איבער־קלערן, — זי האָט צוגעדריקט זײַן קאָפּ צו איר שטײַפֿער וואַרעמער ברוסט, ער זאָל הערן, ווי הילכיק עס קלאַפּט בא איר דאָס האַרץ, אַז דאָס האַרץ, האָט נאָך דערווײַל ניט געהאַט צו טאָן ניט מיט וואַלידאָל און ניט מיט ניטראָגליצערין. — בא מיר איז דאָ אַנומלטן

געוווען מײַנע א קרוווע צוגאַסט. זי לײַדט מיטן האַרץ. האָט זי מיטגעבראַכט מיט זיך פון דער היים א גאַנצע אַפּטייק, דאַרט דאַרף אויך זײַן אַנאַלגין. געבן דיר?

זײַן פּאָנעם האָט זיך ווידער אויסגעצויגן, זיך באַדעקט מיט קנייטשן, די גרויסע העלע אויגן, וואָס האָבן א ווײַלע פריִער געקוקט אַף איר קינדערש פּאַרליבט, האָבן זי, דאַכט זיך, ווידער אופגעהערט זען. ער איז שוין צוריק געווען אַרײַנגעטאָן אין זיך, געזען דאָרט אזוינס, וואָס פריִער איז עס געווען פון אים פאַרהוילן. ריטע האָט פאַרזיכטיק אוועקגעלייגט זײַן קאָפּ אַפן ווענטל פון פּאָטעל און, אָנבייגנדיק זיך נידעריק איבער אים, געפרעגט:

— פאַרוואָס שווײַגסטו? וואָס איז געשען? ווו טוט דיר וויי? פאַרוואָס שווײַגסטו?

קימאַט מיט צוגעמאַכטע ליפּן האָט אוריִעל אַרויסגעבראַכט:

— די זײַט. — און אָנגעוויזן מיט דער האַנט בא די לענדן, — לאָזט ניט אָפּעטעמען...

— איך וועל אַרויסרופן די גיכע הילף, — ריטע האָט זיך א וואָרף געטאָן צום טעלעפאָן אַפן טישל. — פאַרוואָס האָסטו מיר גלײַך ניט אָנגעקלונגען? אַך יאָ, פאַרגעסן, אז אין דער נײַער דירע איז בא דיר ניטאָ קיין טעלעפאָן. האָסט דאָך אָבער געקאָנט בעטן עמעצן פון די שכיינים אַפן שטאָק, מע זאָל מיר געבן צו וויסן. — זי האָט שוין געהאַט א פּאָר מאָל א דריי געטאָן דעם דיסק פונעם טעלעפאָן, ווען אוריִעל האָט זי אָפּגעשטעלט:

— וואַרט צו א ווײַלע. ניט צוליב דעם בין איך איצט צו דיר געקומען... זעץ זיך צו... דו הערסט מיך?

— יאָ, טײַערער.

— זעץ זיך צו נעענטער... מיר איז שווער צו ריידן...

ריטע האָט נאָך נידעריקער זיך אָנגעבויגן צו אים. אירע שטײַפע און קײַלעכיקע יונגע ברוסטן האָבן זיך אַרויסגערוקט פון טיפן אויסשניט פונעם קורצן כאַלאַט, וואָס זי האָט אין אײַלעניש, גייענדיק עפענען אים די טיר, אַרופגעוואָרפן אַף זיך, און ניט באַוויזן עס פאַר־שפּיליען. זי האָט האַסטיק זיך אָפּגעקערט און פאַרשפּיליעט אַלע קנעפּ פונעם כאַלאַט. ווען זי האָט א פאַרשעמטע זיך צוריק אויסגעדרייט צו אים, האָט זי דערזען אין זײַנע הענט א בריוו.

עפענענדיק עטוואָס די אויגן, אין וועלכע ס'האָט ווידער געפלאַקערט דער פלאַם־פײַער פון א ליכט פאַרן אויסלעשן זיך, האָט אוריִעל, גלײַך ס'וואָלטן אים מיטאַמאָל אויסגעפעלט ווערטער און ער דאַרף זיך זיי דערמאָנען, לאַנגזאַם אַרויסגעבראַכט:

— זאָג מיר צו, אז וועסט אָט דעם בריוו איבערגעבן... ניט איבערשיקן, נאָר איבערגעבן אים אַליין אין די הענט. דער, צו וועמען איך שרײַב, וווינט זייער ווײַט פונדאַנען. דיך וועט עס ניט אָפּשטעלן? מע דאַרף צו אים פאָרן איבער דרײַ מעסלעס. ס'איז אין דער טונדרע, הינטערן פּאָליאַר־קרײַז. זאָגסטו מיר עס צו? איך אַליין וועל עס שוין ניט באַוויזן. בא מיר איז...

— ווער האָט עס דיר געזאָגט? גלייב ניט! — האָט ריטע אים איבערגעשלאָגן, ניט לאָזנדיק אים אַרויסברענגען דאָס שרעקלעכע וואָרט. — פונוואַנען האָסטו עס גענומען? דער דאָקטער האָט דאָך ניט געקאָנט דיר עס זאָגן. דו האָסט אַליין זיך עס אײַנגערעדט. ווי טראַכט מען עס אזעלכעס אויס אַף זיך? איך דערקען דיך ניט, אורי. אָט וועסטו זען...

— מיר זײַנען שוין ניט קיין קינדער, ריטע. צו וואָס אָט דאָס אײַנריידן מיך? כ'זאָל ניט געווען פאַרשטיין, ווו איך האַלט, וואָלט איך צו דיר איצט ניט געקומען.

— פונוואַנען האָסטו עס אָבער גענומען? — האָט ריטע קימאַט אויסגעשריִען.

אין איר שטים איז שוין אָבער ניט געווען יענע זיכערקײַט, וואָס פריִער, און זי האָט ניט ווילנדיק גענומען אויסגעפינען אַף זײַן בלייך אויסגעצערטן פּאָנעם עטוואָס דערפון, וואָס זי האָט באַמערקט אַף אירן א קאָרעוו, וועלכן זי האָט פון צײַט צו צײַט באַזוכט אין אָנקאָלאָגישן שפּיטאָל. אפילע אין דעם, ווי זי האָט איבערגעכאַזערט: „דו רעדסט זיך עס אַליין אײַן, אָט וועסטו זען", — האָט זיך שוין ניט געהערט די זיכערקײַט, מיט וועלכער זי־האָט עס אים פריִער געזאָגט. אוריִעל האָט עס דערפילט, נאָך איידער ריטע האָט אָפּגעקערט פון אים די פולע פאַרלאָפענע אויגן. זיך האָט ער ניט וואָס צו באַרויִקן. אָבער פאַר איר וואָלט ער געפונען מיט וואָס זי צו באַרויִקן: ער האָט פאַרט דערלעבט צו זײַן בא זיך אַף זײַן אייגענעם פּאָפּציקיאַריקן געבוירנטאָג. אין פאַרגלײַך מיט פיל אַנדערע פון זײַן דאָר האָט דאָך אים זיכער אָפּגעגליקט. אוריִעלן איז אָבער געווען פרעמד און דערווידער די פאַלשקײַט, פאַר וועלכער אייניקע האָבן געפונען א באַרעכטיקונג, אָנרופנדיק עס „דער הייליקער ליגן". און מיט דער גאַנצער האַרבקײַט, וואָס ער האָט עס געזאָגט שוין היינט זיך, האָט ער איצט געענטפערט אויך איר:

— פונוואַנען האָב איך עס גענומען, פרעגסטו? בלויז בא דער דאָזיקער קרענק באַפאַלן

דעם מענטשן אזעלכע איבערמענטשלעכע ווייען און לאָזן אים פון זיך שאַנלאַנג ניט אָפּ. ווייסט, וואָס ס'האָט מיר אנומלטן געזאָגט איינע מײַנע א באַקאַנטע? און פרויען, צי זיי זײַנען אנדערש באַשאַפן, צי זיי זײַנען פאַשעט שטאַרקער פון אונדז, נאָר זיי טראָגן א סאַך לײַכטער איבער ווייטעקן, ווי מיר, מאַנצבלען. „ווען איך דערוויס זיך, — האָט זי מיר גע־זאָגט, — אז מיט עמעצן פון מײַנע נאָענטע האָט, כאַלילע, געטראָפן דאָס זעלבע, וואָס מיט מיר, וואָלט איך אים געראַטן ניט וואַרטן, ביז עס וועלן אים באַפאַלן די ווייטעקן, וואָס לאָזן זיך מיט גאָרנישט ניט פאַרגלײַכן, אפילע מיט די סאַמע שווערסטע געבורט־ווייען, נאָר אליין באַצײַטנס זיך באַפרײַען פון זיי, וויבאַלד מע ווייסט נאָך ניט, ווי אַזוי צו אויסהיילן פון אָט דער קרענק. איך פאַרשטיי ניט, — האָט זי צו מיר געטײַנעט, — פאַרוואָס מאַכן די דאָקטוירים אַן אויסנאַם פאַר דער דאָזיקער שלאַפקײַט, באַהאַלטן זי אויס פונעם קראַנקן? פאַרוואָס? ווען זיי זאָלן עס ניט געווען אויסבאַהאַלטן פון מיר, וואָלט איך זיך שוין לאַנג באַפרײַט פון אָט די איבערמענטשלעכע פּײַניקונגען".

אוריעל האָט ביז בלוט פאַרביסן די ליפּן, זיי זאָלן ניט דורכלאָזן דורך זיך דעם געשריי, וואָס האָט זיך פון אים געריסן, ווען ער האָט, בײַקומענדיק די ליידן, געפּרוווט זיך אַרופּרוקן העכער אפן פאָטעל, און פאַרגעזעצט:

— ווי דו זעסט, האָב איך זי ניט געפאָלגט. כ'ווייס ניט, צי דאָס נעמט זיך פון שוואַכ־קײַט צי פון שטאַרקײַט. קיינער ווייסט, דאַכט זיך, ניט, וואָס נעמט אין אַזוינע רעגעס די אויבערהאַנט אינעם מענטשן, ווײַל אין יענע רעגעס איז דער מענטש גאָר אינגאַנצן אַן אַנדערער. מיר איז שוין איינמאָל אויסגעקומען עס אויספּרוּוון אַף זיך, ווען איך בין א שווער־פאַרוווּנדעטער שיר ניט אַרײַנגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט. און אויב איך בין דעמלט געבליבן לעבן, איז ניט דערפאַר, ווײַל כ'האָב זיך דערשראָקן פאַרן טויט. כ'ווייס ניט, פונוואַנען דאָס נעמט זיך צו מיר, נאָר כ'האָב פאַרן טויט ניט מוירע. אָט האָט ער הײַנט באַנאַכט אָנגעקלאַפּט צו מיר, מעגלעך, ער וועט מיך נאָך הײַנט אוועקפירן מיט זיך, און כ'האָב פאַר דעם ניט מוירע. איך האָב מוירע פאַר עפּעס אַנדערש. — ער האָט זיך אָנגעבויגן צו איר ווי באַם אײַנרוימען א סאָד, — איך האָב מוירע פאַרבלײַבן א באַלכויוו. דעם, וועמען דו וועסט איבער־געבן אָט דעם בריוו, בין איך פאַרבליבן א גרויסער באַלכויוו. ס'איז ניט דער ערשטער בריוו מײַנער צו אים. ער האָט מיר אָבער אַף קיין איינעם פון זיי ניט געענטפערט. קאָן זײַן, ער וועט דיר ניט גלייבן, אַז דאָס איז דער לעצטער בריוו, וואָס איך שרײַב אים. איז פאַרכאַפּ מיט זיך די צײַטונג מיטן שוואַרצן ראַמל אַף דער לעצטער זײַט. ערגעץ וועט דאָך מיסטאָמע זײַן דערמאָנט וועגן מיר. דעם בריוו לייען איבער. ניט איצט! נאָכדעם ווען איך וועל שוין ניט זײַן. מע דאַרף ניט וויינען. זע, ווי רויק איך רייד דערפון. צו פופציק יאָר איז מען ניט קיין זאַקן, מע איז שוין אָבער אויך ניט קיין יונגערמאַן. זייער ווייניק פון מײַן דאָר האָבן דערלעבט צום דאָזיקן עלטער. יעדער אָנהייב האָט זײַן סאָף...

ריטען האָט זיך אויסגעוויזן, אז אים ווערט לײַכטער, ווען ער רעדט, ער מאַכט דעמלט אזוי אָפּט ניט צו די אויגן און סע שנײַדן זיך אים ניט אײַן אזוי טיף די אָנגעלאָפענע קנייטשן אפן געזיכט. אים, אוריעלן, האָט, דאַכט זיך, שוין אויך זיך אויסגעגעבן, אז דערפון, וואָס ער האָט איצט פאַר וועמען אַרויסצוברענגען אַף א קאָל דאָס, וועגן וואָס ער האָט געטראַכט דעם גאַנצן וועג אהער, ניט געפינענדיק זיך קיין אָרט אין דער מאַשין, האָט ער אופגעהערט פילן אזוי די ווייען. און עפּשער נעמט זיך עס דערפון, וואָס ער האָט באַוויזן זיך שוין א ביסל צוגעוווינען צו זיי. אים איז אָבער פּאַרט אויסגעקומען א רעכטע ווײַלע איבערוואַרטן, ביז ער האָט צוריק געעפנט די אויגן און געקאָנט פאָרזעצן:

— איך האָב ניט מוירע פאַרן טויט...

איר איז נאָך אַלץ שווער געווען, ריטען, צו באַנעמען, צי דאָס כאַזערט ער איבער צום וויפלטן מאָל שוין, ווײַל ער איז ניט אינגאַנצן גרייט נאָך דערצו און ער דאַרף דערמיט נאָך עפּעס אין זיך בײַקומען, צי דאָס זוכט ער אַלץ אַן ענטפער, וואָס איז אַזוינס דער טויט, און וואַרט, עמעצער זאָל עס אים אונטערזאָגן? צי ניט פון איר דערוואַרט ער דערוף אַן ענטפער? איז אָבער ריטע געווען אזוי ווײַט דערפון, וואָס פאַר אים, קאָן זײַן, איז עס איצט געווען דאָס סאַמע וויכטיקסטע און נייטיקסטע, אז זי האָט ניט גלײַך באַמערקט, ווי ס'האָט זיך געענדערט דער בליק אין זײַנע האַלב פאַרגלאָזטע אויגן און דאָס קאָל זײַנס, וואָס האָט איר פאַרטרויט, ווידעראַמאָל איבערכאַזערנדיק:

— איך האָב ניט מוירע פאַרן טויט. איך בין שוין הײַנט געווען טויט, כ'בין געלעגן א דערשאָסענער אפן גראָז. קוק ניט אזוי אַף מיר. איך בין באַם פולן זינען. — און גלײַך ער זאָל עס איר דאַרפן דערווײַזן, האָט אַנשין מער ניט צוגעשלאָסן פון פײַן די אויגן, נאָר געהאַלטן זיי די גאַנצע צײַט ברייט צעעפנט, זי זאָל קאָנען אַרײַנקוקן אין זיי. — כ'ווייס נאָך

ניט פינקטלעך, ווען איז עס מיט מיר געשען, צי בייס איך האָב פאַרלאָרן דעם באַוווּסטזיַין, צי אין די רעגעס, ווען ס'האָבן מיך אָפגעלאָזט די ווייען און איך בין אַנדרעמלט געוואָרן. נאָר וואָס איז מיט מיר פאָרגעקומען אין די דאָזיקע רעגעס, געדענק איך קלאָר. איך געדענק אַפילע, אַז די וואַנט, באַ וועלכער מע האָט מיך צעשאָסן, איז געווען אַ געקאַלכטע און אַז אין סאַמע מיטן האָבן געפעלט דריַי ציגל. פון אָנפאַנג, ווען מע האָט מיך צוגעפירט צו דער וואַנט, איז מיר געווען שרעקלעך. כ'האָב פון שרעק, געדענק איך, שטיַיף צוגעמאַכט די אויגן און פאַרשטאָפט מיט די פינגער די אויערן, כ'זאָל ניט הערן דעם שאָס. נאָר ווען מע האָט אָנגעשטעלט אָף מיר די ביקס, האָב איך שוין די שרעק ניט געפילט. כ'האָב זיך אַפילע אָפגעזאָגט זיך אויסדרייען מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט. נאָר ניט וועגן דעם וויל איך דיר דערציילן, — אוריִעל האָט אָפגעקערט פון איר דאָס פּאָנעם, ריטע זאָל ניט זען, ווי ער ראַנגלט זיך מיט זיך. ער זאָל זיך ניט אונטערגעבן די ווייען, וואָס וועלן, דאַכט זיך, באַלד אָפנעמען באַ אים דאָס קאָל, און פון מוירע, אַז דאָס קאָן באַלד געשען, האָט ער גענומען איַילן, גערעדט שוין קימאַט אָן אָפשטעל, — עטלעכע מאָל האָט מען אין מיר אויסגעשאָסן, ביז איך בין אומגעפאַלן. ליגנדיק אַ דערשאָסענער באַ דער וואַנט, האָב איך אָבער אָף קיין רעגע ניט אופגעהערט פילן דאָס לעבן אין זיך, כאָטש כ'האָב ניט געקאָנט רירן מיט קיין אייווער. אַלץ איז אין מיר געווען אָפגעשטאָרבן, נאָר כ'האָב געלעבט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז כ'בין טויט, אַז דאָס, וואָס ס'איז געשען, קאָן מען שוין ניט פאַריכטן, ס'איז פאַרפאַלן, ס'איז דער סאָף. און דאָך, וויסנדיק עס אַלץ, האָב איך ניט געפרווט זיך אַפילע פרעגן, וואָס גייט מיר אָזוי אָן, וואָס איז אַזוינס לעבן און וואָס איז אַזוינס טויט, וואָס איך פיַיניק זיך אַזוי זוכנדיק דערוף אַן ענטפער. און איך האָב געפונען, געדענקט זיך מיר, דערוף אַן ענטפער. כ'קאָן זיך אים אָבער איצט ניט דערמאָנען. ווי נאָר מיר דוכט זיך, אַז איך האָב אים געפונען, אַזוי ווער איך אים גליַיך אָן און פיַיניק זיך ווידער...

נאָכדעם ווי אוריִעל האָט זי אָפגעשטעלט, בייס זי האָט אַ דערשראָקענע און פאַרלוירענע זיך אַ וואָרף געטאָן צום טעלעפאָן אַרויסרופן די גיכע הילף, און זי געהאַט געבעטן זיך צוזעצן נעענטער צו אים, האָט ריטע פאַרשטאַנען, אַז ער וועט זי שוין פון זיך ניט אָפלאָזן, ביז ער וועט איר אַלץ ניט אַרויסזאָגן, און אַז ער האָט איר אַ סאַך נאָך וואָס צו זאָגן.

— וויַיזט אויס, אַז יעטווידער איינער, ווען ס'קומען אָן די לעצטע מינוטן, פיַיניקט זיך, ווי איך אַצינד, זוכנדיק אָף דעם אַלץ אַן ענטפער, — האָט אַנשין, אָנהאַלטנדיק זיך שטיַיף מיטביידע הענט פאַר די הענטלעך פונעם פאָטעל, ווי ער זאָל מוירע האָבן זיך אַראָפגליטשן אָפן דיל, פאָרגעזעצט, — אָפּאָנעם, אַז דעם מענטשן איז עס ניט אַלציינס, אויב ער פיַיניקט זיך אַזוי דערפון אין די לעצטע מינוטן זיַינע. ער פאַרשטייט, אַז פון דעם, צי ער וועט געפינען צי ניט געפינען דערוף אַן ענטפער, וועט זיך שוין פאַר אים גאָר ניט ענדערן און עס קאָן זיך שוין גאָר ניט ענדערן. דער מענטש וויל אָבער וויסן, צוליב וואָס האָט ער געלעבט, וואָס איז דער זין פונעם לעבן און וואָס דערוואַרט אים נאָכדעם, ווען דאָס לעבן וועט אים אין אַ רעגע־צוויי אַרום פאַרלאָזן. און ווי איך זאָל ניט פאַרשטיין, אַז נאָכדעם דערוואַרט מיך שוין גאָרניט, אַז אַלץ הייבט זיך אָן בלויז דאָ און ענדיקט זיך בלויז דאָ, קאָן איך זיך אָבער ניט פאָרשטעלן מיַין ניט ווערן אַנדערש, ווי איך האָב עס געזען היַינט באַ דער געקאַלכטער ציגלנער וואַנט. איך בין געווען טויט, כ'האָב עס אָבער ניט געפילט אין זיך. טויטערהייט בין איך מיט עפּעס געבליבן פאַרבונדן מיטן לעבן. אין די לעצטע מינוטן שטעלט זיך, מיסטאַמע, איטלעכן אַזוי פאָר זיַין סאָף. זע, ווי קלוג דאָס לעבן האָט עס צוגעטראַכט, אַז דער מענטש זאָל ניט באַמערקן, ווי סע פליִען אָן אָט די לעצטע מינוטן. דאָס לעבן האָט צוליב דעם צוגעטראַכט אַ פרעס, אַז דער מענטש זאָל זיך אינגאַנצן אַריַינטאָן אין געראַנגל מיט זיַינע ווייען, פאַרוואַנדלט אים אין אַ סאָלדאַט, און אַ סאָלדאַט אָפן שלאַכטפעלד טראַכט ניט וועגן טויט. ער האָט צוליב דעם קיין ציַיט ניט. ער איז פאַרנומען מיט שלאָגן זיך פאַרן לעבן. נו און דער, וואָס לויטן עלטער טויג שוין ניט פאַר קיין סאָלדאַט, טויג שוין ניט אָף צו ראַנגלען זיך, דער, פאַר וועמען ס'איז בלויז געבליבן זיצן און אַרויסקוקן אָפן נאָענטן סאָף, דעם פאַרוואַנדלט דאָס לעבן אין אַן אומבאַהאָלפן קינד, וואָס באַנעמט שוין גאָרניט. טו מיט דעם, וואָס דו ווילסט. אים איז עס שוין אַלציינס. איך בין אָבער צו יונג, אַז דאָס לעבן זאָל זיך מיט מיר באַגיין אַזוי מילד. איך וועל ניט פאַרביַיטן דעם פרעס, אונטער וועלכן איך ליג איצט, אָף אָט דער אַכזאָריעסדיקער באַרעמהאַרציקיַיט, וואָס דאָס לעבן שענקט דעם מענטשן אָף דער עלטער, אַז ער זאָל פאַרלירן דעם כעזשבן, ווו ער האַלט, און ניט דאַרפן זיך שרעקן פאַר דעם, וואָס עס דערוואַרט אים. דער זין פונעם מענטשנס לעבן איז אין דעם, אַז ער זאָל ביז דער לעצטער מינוט פאַרבליַיבן אַ מענטש און אַ סאָלדאַט.

וואָס איז מיט אים פּלוצעם געשען, האָט ריטע געוואָלט דערגיין, קוקנדיק אַף אוריעלן, וועלכער איז געזעסן אַנטקעגן איר צונויפגעקאָרטשעט אַפן פאָטעל. פונוואַנען האָט צו דעם אָפּגעשוואַכטן און אויסגעמאַטערטן פון די ליידן אוריעלן זיך מיטאַמאָל גענומען אָט די שטיפע, קרעפטיקע שטים, מיט וועלכער ער האָט דאָס אַלץ אַרויסגעגעבן פון זיך, גלייך ער זאָל זיך געווען געפינען ניט אין קיין געוויינלעך צימער און ניט האָבן פאַר זיך בלויז איין צוהערערן, נאָר ער זאָל זיך געווען ווענדן פון דער בינע צו אַ זאַל מענטשן. עפּעס איז ער אין די דאָזיקע מינוטן גאָר אינגאַנצן ניט געווען ענלעך אַף זיך. זי האָט אים קיינמאָל ניט געהערט אַזוי ריידן, קיינמאָל פון אים ניט געהערט אַזעלכע הויכע, ניט געוויינלעכע ווערטער, און זי האָט געוווסט, אַז ער האָט מעסוקן ניט ליב געהאַט, ווען עמעצער האָט אַזוי גערעדט. אַפילע אין טעאַטער האָט ער ניט געקאָנט פאַרטראָגן, ווען מע האָט גערעדט אַזוי פון דער בינע. איר, ריטען, פלעגט אויסקומען אים לאַנג אײַנבעטן, ער זאָל גיין מיט איר אַף שעקספּירס אַ פאָרשטעלונג. זיצנדיק מיט אים אין טעאַטער, האָט זי ניט געקאָנט באַגרייפן, ווי קאָן מען עס בלייבן אַזוי גלייכגילטיק צו די ליידן פון קיניג ליר, פונעם פּרינץ האַמלעט, פון אָטעלאָ... „ווער דער מענטש זאָל ניט זײַן, ער מעג אַפילע זײַן העכער פון אַ קיניג, — האָט אוריעל איר דערוף געענטפערט, — בלייבט ער אַלציינס אַ מענטש, און מענטשן ריידן אומעטום אַף אַ געוויינלעכער מענטשלעכער שפּראַך. בא שעקספּירן ריידן אָבער די העלדן ניט אַף קיין נאַטירלעכער געוויינלעכער שפּראַך. אַלע ריידן זיי בא אים מיט הויכע ווערטער".

ריטע האָט געוואָלט עס אים איצט דערמאָנען און פרעגן, פאַרוואָס האָט ער עס מיטאַמאָל גענומען צו איר ריידן מיט הויכע, ניט געוויינלעכע ווערטער? זי איז אָבער געווען זיכער, אַז ער אַליין האָט ניט באַמערקט דעם דאָזיקן איבערגאַנג. דאָס האָט זיך בא אים באַקומען נאַטירלעך פון זיך אַליין, ווי בא שעקספּירס געשטאַלטן. זי, ריטע, האָט עס שוין לאַנג באַנומען: וועגן געוויינלעכע טאָגטעגלעכע פּאַסירונגען, וואָס גייען אָן איינעם צי צווייען, רעדט מען זיך אויס אַף אַ געוויינלעכער טאָגטעגלעכער שפּראַך. נאָר ווען די געשעענישן זײַנען ניט קיין געוויינלעכע, האָבן ניט צו טאָן מיט דער וואָכעדיקער טאָגטעגלעכקייט און גייען אָן ניט בלויז איינעם צי צווייען, דאַן ווערן די זעלבע געוויינלעכע ווערטער שוין אַנדערש אַרויסגערעדט, זיי באַקומען אָן אַנדער קלאַנג, אָן אַנדער באַדײַט, ווי זיי וואָלטן שטאַמען פון אָן אַנדער שפּראַך, ווי בא פּאַרליבטע, בא וועמען געוויינלעכע ווערטער באַדײַטן צומאָל אי טיפע יאַמען, אי הויכע בערג און קיינער פון די פאַרליבטע באַמערקט ניט אין זיך דעם דאָזיקן איבערגאַנג. עס באַקומט זיך בא זיי פון זיך אַליין און זעט זיי אויס לאַכלוטן נאַטירלעך. אַלנפאַלס פאַר איר, ריטען, איז געווען ביז גאָר נאַטירלעך, וואָס אוריעל האָט זיך ווידער געווענדט צו איר אַף אָט דער זעלבער שפּראַך.

— קיינער האָט נאָך פאַרפריער קיינעם ניט געפרעגט, צי וויל מען קומען אַף דער וועלט, כאָטש אַ סאַך וואָלטן געוויס זיך געווען אָפּגעזאָגט דערפון, ווען זיי זאָלן פאַרפריער וויסן, וואָס עס דערוואַרט זיי, וואָס ווערט צומאָל געטאָן מיטן מענטשן, אַז איינער קאָן דעם צווייטן אײַנשפּאַנען ווי אַ פערד אין וואָגן, אים פאַרוואַנדלען אין אַ קנעכט, שטעלן אַף די קני, מאַכן צונישט, דערשטיקן און פאַרברענען און צעשטויבן נאָכדעם זײַן אַש אַפן ווינט, ס'זאָל קיין שפּור פון אים ניט בלײַבן. דער וועלט גייט אָבער ניט אָן און עס קאָן איר ניט אָנגיין, וואָס דער מענטש ווערט געבוירן אָן זײַן אייגענעם ווילן, אָן זײַן אייגענעם פאַרלאַנג און אויסוואַל. די וועלט פאַרגיט ניט דעם מענטשן אין זכוס פון דעם קיין איין כויוו, וואָס ער איז איר שולדיק. יעדערער פון אונדז קומט דאָך אַף דער וועלט ווי אירער אַ גרויסער באַלכויוו, און דער זין פונעם מענטשנס לעבן באַשטייט, אייגנטלעך, דערין, ער זאָל באַווײַזן זיך צעצאָלן מיט די כויוועס, ניט בלײַבן קיין באַלכויוו דער וועלט, וועלכע האָט אים אונטערגעטראָגן אַלץ, וואָס עס האָבן פאַר אים פאַרגרייט און פאַרהיט אַלע דוירעס ביז אים. יעדער דאָר האָט פאַרוואָס צו צאָלן די פריערדיקע דוירעס, וואָס ביז אים, און יעדער דאָר האָט וואָס אויפצומאָנען בא די קינפטיקע דוירעס, וואָס נאָך אים. אונדזער דאָר האָט באַזונדערס וואָס אויפצומאָנען. די איינציקע פרײַז, וועלכע מיר באָטן אָן פאַר אַלץ, וואָס מיר האָבן פאַרהיט פון פריער און פאַרגרייט אַף ווײַטער, — אַז קיינער זאָל אין ערגעץ מער ניט קאָנען פאַרוואַנדלען דעם אַנדערן אין אַ קנעכט און טאָן מיט אים, וואָס ער וויל: דערניידעריקן, דערווערגן, פאַרברענען; אַז צווישן די, וואָס וועלן קומען נאָך אונדז, זאָל זיך מער ניט געפינען קיין איינער, וועלכער וואָלט זיך אָפּגעזאָגט קומען אַף דער וועלט, ווען מע זאָל פאַרפריער אים קאָנען פרעגן וועגן דעם, — אוריעלס שטים האָט מיטאַמאָל אָנגעוואָרן איר פריערדיקע שטײַפקײַט. צו ריטען זײַנען קוים דערגאַנגען די ווערטער, וועלכע ער האָט אַרויסגעבראַכט מיט די בלוילעכע ליפּן, נאָך אַלץ ניט אָפּלאָזנדיק זי פון זיך, — איך בין פאַרבליבן אַ גרויסער באַלכויוו, און דאָס סאַמע שרעקלעכסטע דערין איז דאָס, וואָס איך

וועל שוין ניט באווײַזן זיך צעצאָלן מיטן כויוו. בלויז פאַר דעם האָב איך מוירע, און ניט פאַרן טויט. שלאָג מיך ניט איבער.

ריטען האָט זיך ווידער אויסגעוויזן, אַז דאָס ווענדט ער זיך שוין ניט צו איר, און זי האָט ניט ווילנדיק זיך אומגעקוקט, ווי זי זאָל זיך ריכטן דערזען הינטער זיך דעם, בא וועמען אוריִעל האָט געבעטן, ער זאָל אים ניט איבערשלאָגן. איר איז שווער געוואָרן אײַנהאַלטן אין זיך די טרערן, וואָס האָבן זי געשטיקט אין האַלדז.

— זאָגסטו מיר צו איבערגעבן אים דעם בריוו? העלף מיר זיך באַפרײַען פונעם גרויסן כויוו, וואָס איך בין געבליבן שולדיק דעם דאָזיקן מענטשן, איליא סאָוועליעוויטש לעסאָוו רופט מען אים. ניטאָ קיין גרעסערע שולד ווי דערנידעריקן, באַליידיקן אַ מענטשן. ער וועט מיר עס קאָנען פאַרגעבן? טויטע, גלייבט מען, פאַרגיבן די לעבעדיקע, ווען זיי בעטן בא די טויטע מעכילע. און לעבעדיקע פאַרגיבן די טויטע, ווען די טויטע בעטן בא זיי מעכילע?.. אים אין די הענט ארײַן זאָלסטו איבערגעבן דעם בריוו. בעט בא אים פאַר מיר מעכילע...

די בלוי־געלבלעכע פלעקן אויף זײַנע אויסגעצערטע באַקן האָבן זיך שוין דערקליבן צו די אויערן, צו די אויגן־לעפּלעך, נאָר אוריִעל האָט זיך ניט אונטערגעגעבן די ווייטעקן, וואָס האָבן ארײַנגענומען צו זיך אונטערן פּרעס שוין בלויז, דאַכט זיך, דעם קאָפּ זײַנעם. דער שאַרבן האַלט ניט אויס אָט דעם שרעקלעכן דרוק. אוריִעל פילט, ווי דער שאַרבן זײַנער שפּאַלט זיך. אָט האָט ער נאָרוואָס נאָך אין איין אָרט געפּלאַצט. אוריִעל האָט אָבער געפונען אין זיך קויעך אויף אָנצוכאַפּן זיך פאַר די הענטלעך פון פאָטעל, ער זאָל זיך ניט ארויסגליטשן און אַז זײַן קאָל זאָל דערגיין צו ריטען:

— איך בין געקומען צו דיר ניט בלויז צוליב דעם. איך בין געקומען דיך בעטן, זאָלסט מיר פאַרגעבן...

— איך האָב דיר ניט וואָס צו פאַרגעבן, — האָט ריטע, אויסבאַהאַלטנדיק פון אים אונטער די אַראָפּגעלאָזטע לאַנגע וויִעס די פאַרלאָפענע אויגן, אים אָפּגעשטעלט, — דו ביסט מיר גאָר ניט שולדיק. עס האָט אַנדערש ניט געקאָנט זײַן.

אויסערן דרעלן פונעם עגבער, וואָס האָט זיך אײַנגעשרויפט טיף אין שאַרבן, האָט אוריִעל מער גאָרניט געהערט, און אומקערן דעם שאַרבן די ווערטער, וועלכע ער האָט באַוויזן פון דאָרט ארויסכאַפּן, איז געווען צו שפּעט. ס׳האָט אים אויסגעפּעלט קויעך דערויף. האָט ער זיי ארויסגעגעבן פון זיך מיט קימאַט צוגעשלאָסענע ליפּן, ניט זײַענדיק זיכער, צי דערגייען זיי צו ריטען:

— ניט פון דיר האָב איך זיך אויסבאַהאַלטן אין דער טונדרע — פון דער שוועל, וואָס איז געווען צווישן אונדז, האָב איך זיך אויסבאַהאַלטן, כ׳זאָל זי ניט אַריבערטרעטן. דאָס לעבן באַשטייט דורכויס פון שוועלן, נאָר ניט אַלע, וועלכע מע וויל און מע קאָן אַריבערטרעטן, דאַרף מען און מע מעג אַריבערטרעטן, און אונטערזאָגן יענעם, וועלכע מע טאָר און וועלכע ניט, קאָן פריִער פון אַלץ דער מענטש אַליין. איצט האָב איך שוין ניט וואָס אויסצובאַהאַלטן פון דיר און קאָן דיר עס זאָגן. אין דער לעצטער מינוט, ווען דער צוג, וואָס האָט מיך אַוועקגעפירט אויף לאַנגע צוויי יאָר אין דער טונדרע, האָט זיך גערירט, האָב איך געוואָלט ארויסשפּרינגען פון וואַגאָן און איך וואָלט ארויסגעשפּרונגען. דו ווייסט עס. נאָר אין דער זעלבער מינוט האָב איך ווי דערהערט אין זיך אַן אינערלעך קאָל: „טרעטסטו אַריבער די דאָזיקע שוועל, פאַרלירסטו דערמיט דאָס סאַמע טײַערסטע, וואָס האָסט געהאַט אין לעבן. דו קאָנסט זי שלעכט, אויב דו מיינסט, אַז זי וועט אײַנגיין דערויף, זאָלסט צוליב איר זיך שיידן מיט דער פאַמיליע. און וועסטו עס טאָן, וועט זי עס דיר דערנאָך קיינמאָל ניט פאַרגעבן. מיטן דאָזיקן שריט דײַנעם קאָנסטו זי בלויז פאַרלירן...״ האָב איך פאַרוואַנדלט די שוועל צווישן אונדז אין אַ הויכן באַרג, וועלכן מע קאָן ניט אַריבער.

ס׳איז אָפּגעגאַנגען אַ רעגע, אַז ריטע, וואָס איז געזעסן לעבן אים מיט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און צוהערנדיק זיך צו זײַן שטיל שעפּטשענדיק קאָל, זאָל באַלד אינגאַנצן פאַרגעסן, וואָס האָט אים פּלוצעם געבראַכט הײַנט אַהער, זאָל ווי מיט יאָרן פריִער צופאַלן צו אים און באַהאַלטן זײַן קאָפּ בא זיך אויף דער ברוסט, און פונקט דעמלט האָט זי דערהערט:

— רוף ארויס די גיכע הילף.

נאָכפאָלגנדיק נאָכן רויש פונעם עגבער, וואָס האָט זיך אַלץ טיפער און טיפער אײַנגעשרויפט אינעם שאַרבן, האָט אוריִעל, ווען ריטע האָט שוין געהאַט אָנגעקלונגען, זיך אָנגערופן צו איר:

— זאָג מיר צו, אַז וועסט מיך ניט באַגלייטן אין מײַן לעצטן וועג... פאַרגעדענק מיך אַזא, ווי דו זעסט מיך אַצינד. זאָג עס מיר צו.

דער יונגער דאָקטער פון דער גיכער הילף, ווי נאָר ער איז ארײַן און דערזען דעם

קראנקן, האָט ער א ווונק געטאָן צו די צוויי סאניטארן, וועלכע זײַנען געשטאנען מיט די טראָגבעטלעך בא דער טיר, זיי זאָלן אריַינברענגען פון דער קארעטע די מאסקע, און גענו־מען באטראכטן אורי׳עלן, וואָס איז האלב געלעגן אין פאָטעל מיט בלוי־פארביסענע ליפּן.

— לויט אלע סימפּטאָמען איז עס גיכער פון אלץ א נירן־קראנקײַט, — האָט דער דאָק־טער זיך מער געווענדט צו דער דערשראָקענער און פארלוירענער ריטען, ווי גופא צום כוילע, — נירן־קראנקײַט גיט אָפט אזעלכע ווייען. — און אויספרעגנדיק אורי׳עלן, ווען און וויאזוי האָט זיך עס אלץ בא אים אָנגעהויבן, געזאָגט, — איך וואָלט געקאָנט אײַך מאכן אן איניעקציע און פארלײַכטערן די ווייען. דאָס קאָן אָבער דערנאָך פארשווועריקן שטעלן דעם ריכטיקן דיאגנאָז.

— צו וואָס טוט איר מיר עס אָן? — האָט אורי׳על געפרעגט, אָפּשטויסנדיק פון זיך דעם דאָקטערס האנט מיט דער מאסקע.

— אײַך וועט פון דעם ווערן לײַכטער. וואָס טיפער און אָפטער איר וועט עטעמען, אלץ גיכער וועט איר אײַנשלאָפן.

— מע דארף מיך ניט פארשלעפערן. און דאָס טראָגבעטל דארף מען אויך ניט. כ׳וועל אליין, — און באזײַטיקנדיק פון זיך די סאניטארן, האָט אורי׳על זיך געלאָזט צו דער מאשין. אויך איר, ריטען, האָט ער ניט געלאָזט, זי זאָל אים אונטערהאלטן. אין דרויסן בא דער פאַ־ראדנע־טיר האָט ער איר פארצאמט דעם וועג צו דער מאשין, — מע דארף מיך ניט בא־גלייטן. פארגעס ניט אָנקלינגען אין אינסטיטוט, אז איך וועל ניט קאָנען קומען איבערקזאַ־מענירן די סטודענטן. זאָל זיי עמעצער אנדערש אָנשטאָט מיר עקזאמענירן. קלינג אָן בא־צײַטנס, די סטודענטן זאָלן אומזיסט אָף מיר ניט ווארטן.

ווען די מאשין איז שוין געווען ווײַט אָפּגעפאָרן, האָט אנשין, פילנדיק, ווי ער פארלירט באלד פון ווייטעק דעם באוווסטזײַן, זיך אָנגערופן צום דאָקטער, וואָס האָט זיך ארײַנגעלאָזט אין א געשפּרעך מיטן באיאָרטן שאָפער:

— דאָקטער, פארוואָס באהאלט מען אויס פונעם קראנקן דעם דיאגנאָז פון זײַן קרענק? דאָס איז ניט מענטשלעך.

— איך פארשטיי אײַך ניט.

— פארוואָס האָט איר מוירע מיר אָנרופן די עמעסע קרענק מײַנע? איר מיינט, איר וועט מיך דערמיט דערשרעקן, וואָס איר וועט מיר זאָגן, אז בא מיר איז...

— אנטשולדיקט, — האָט דער דאָקטער אים איבערגעשלאָגן, — אײַך ווײַזט זיך ניט אויס, אז דערפון, וואָס אייניקע קראנקע זאָגן אונטער דעם דאָקטער, וואָס פאר א קרענק בא זיי איז און וועלכע רעפּועס דארף מען דערצו אויסשרײַבן, נעמען זיך בא דעם הײַנטיקן מענטשן ניט ווייניק שלאָפלאָזקײַטן? אָט דאָס אָנמעסטן אָף זיך די געפערלעכסטע קראנקײַטן, ווי נאָר עס נעמט אינערלעך עפּעס וויי טאָן, איז דער כאלאס פון אונדזער צײַט. אומזיסט קלערט איר, אז נאָר יענע געפערלעכע קרענק גיט אזעלכע ווייטעקן. בא נירן־קראנקײַט זײַנען די ווייטעקן ניט קיין קלענערע... גיט מיר אהער די מאסקע, — האָט דער דאָקטער אויסגעשרי׳ען צום סאניטאר און, אָנטועדיק די מאסקע אורי׳עלן אָפן בלייכן געלבלעכן געזיכט, אים באפוילן אָפּטער און טיפער עטעמען.

ווען אורי גאווריל׳אָוויטש אנשין איז סאָף טאָג ארויס פון שפּיטאָל, האָט ער אָף איינעם פון די בענק אין ביַיליגנדיקן סעדל געטראָפן זיצן ריטען.

VIII

קיינער, אויסער ריטען, האָט ניט געוווסט, ווּהין איז עס מיטאמאָל אוועקגעפאָרן אורי גאווריל׳אָוויטש אנשין. אין אינסטיטוט בא אים, וויבאלד ער האָט זיך באצײַטנס דערעדט אין דעקאנאט, אז מע זאָל אריבערטראָגן זײַנע עטלעכע לעקציעס אָף א טאָג צען שפּעטער, איז ביכלאל קיינעם ניט אָנגעגאנגען, ווּהין און נאָך וואָס איז ער עס געפאָרן. אין דער היים בא אים, וואָלט עס, מעגלעך, אויך קיינעם איבעריקס ניט אָנגעגאנגען. מע איז שוין דאָרט גע־ווינט צו זײַנע אומגעריכטע רײַזעס, און ניט אָף קיין צען טעג, ווי דאָס מאָל, נאָר אפילע אָף גאנצע צוויי יאָר. אָבער נעמען און אוועקפאָרן ערעוו זײַן געבורטסטאָג, ווויסנדיק, אז מערע האָט נאָך פאראיאָרן, אָף זײַן פּופציקיאָריקן יובילײַ, זיך געהאט צונויפגערעדט מיט די געסט, אז איטלעך יאָר, דעם זיבעצעטן נאָיאבער, קלײַבן זיי זיך אלע אהער צונויף אָן קיין שום באזונדערע אײַנלאדונגען, און אז זי האָט דערבײַ דערמאָנט די געסט: עכטע פרײַנט ווארטן ניט אין אזא טאָג אָף קיין אײַנלאדונגען. עכטע פרײַנט קומען אליין.

נאָר סײַווי. אוריִעל זאָל אפילע געווען זײַן זיכער, אז אלע ביז איינעם, וואָס זײַנען דאַן בײַגעווען אף זײַן יובילײ, האָבן פאַרגעדענקט דעם טאָג פון זײַן געבוירן, און אז אלע ביז איינעם וועלן אויך האיאָר זיך בא אים פאַרזאַמלען, וואָלט עס אים אויך ניט אָפּגעשטעלט. ער וואָלט אָבער דעמלט באַצײַטנס געגעבן צו וויסן זײַנע עכטע פרײַנט, אז ער וועט אינעם דאָזיקן טאָג ניט קאָנען זײַן אין דער היים, ער וועט זײַן ערגעץ אונטערוועגנס. אָדער ער וואָלט אין לעצטן פאַל צוגעשיקט פון וועג א טעלעגראַם און געבעטן אים אנטשולדיקן.

אויב זײַן אוועקפאָרן סאַמע ערעוו זײַן געבורטסטאָג איז נאָך וויניק, אז מערע זאָל אָפּשאַפן דעם מינהעג, וועלכן זי האָט זיך גענומען, וויפל ער האָט איר דערוף ניט דערווידערט, אקשאָנעסדיק אײַנפירן בא זיי אין שטוב, וועט ער זען צוטראַכטן עפּעס אַזוינס, אז ער זאָל אויך קומענדיק יאָר אינעם דאָזיקן טאָג ניט זײַן אין דער היים. פאַר אים איז עס, אפאָנעם, דאָס איינציקע, וואָס קאָן אים באַפרײַען דערפון, אז ער זאָל ניט דאַרפן אויסהערן די אלע לויבערײַען און ניט דאַרפן זיך צווינגען, פון העפלעכקײַט וועגן, מיט גאָרנישט ניט אַרויסווײַזן, ווי דערווידער עס זײַנען אים אָט די אלע רייד באַם געדעקטן טיש; אָט דאָס אויסגעפינען פלוצעם אין אים אלץ אַזוינס, וואָס פאַרוואַנדלט אים שיר ניט אין קיין מאַלעך, ווי דאָס איז געשען אף זײַן יויוול. אוריִעל האָט דערנאָך א שטיק צײַט זיך געוווּנדערט אף זיך אליין, וואָס איז מיט אים דעמלט געשען, וואָס ער האָט קיינעם פון זיי ניט אָפּגעשטעלט. דאָס אליין שוין האָט אים געצוווּנגען, אז ער זאָל, באַדאַנקענדיק די געסט, נעמען אף זיך די גאַנצע שולד, ווײַל דער איינציקער שולדיקער דערין, וואָס מע האָט אים דאַן פאַרגעשטעלט פאַר אַזעלכן, איז דאָך ער, בלויז ער אליין. יעדער איינער, וואָס גיט זיך אונטער, וואָס גייט אײַן, אָט ווי ער, מע זאָל אים אָפּריכטן א יובילײ, ווייסט דאָך אָפּריִער, אז ווער ער זאָל ניט זײַן, וועט מען וועגן אים ריידן נאָר ווי וועגן א מאַלעך. זאָגנדיק עס די געסט, האָט זיך אים געוואָלט דערבײַ א פּאָך טאָן מיט די הענט, ווי מיט פליגל.

אורי גאָורילאָוויטש געדענקט שוין ניט פינקטלעך, צי דעם אויספּיר, וועלכן ער האָט פאַר זיך דעמלט געמאַכט, — אויב מע וויל ניט אָט, ווי ער, זיך אײַנגאַנצן אָפּזאָגן פונעם מינהעג אָפּריכטן יובילייען, איז זאָל מען אים איבערלאָזן פאַר זיך בלויז באַם פּראַווען קײַלעכיקע דאַטעס — האָט ער אַרויסגעבראַכט מיט א פולן מויל, צי בלויז געגעבן וועגן דעם אָנצוהערן.

אזוי צי אַנדערש, נאָר מערען האָט זײַן אָנפאַלן אפן מינהעג — אָפּריכטן יעדעס יאָר דעם טאָג פון געבוירן, בא וועלכן ס׳האַלטן זיך, ווי זי האָט אים פאַרזיכערט, אלע אירע באַקאַנטע, — לאַכלוטן ניט געשטערט, אז זי זאָל גלײַך אפן אָרט געווען נעמען בא די געסט דאָס וואָרט, אז פון הײַנט אָן און ווײַטער, ניט וואַרטנדיק אף קיין באַזונדערע אײַנלאַדונגען, קלײַבן זיי זיך יעדעס יאָר אינעם דאָזיקן טאָג צונויף אלע אהער.

ווי מערע האָט דערבײַ דאַן ניט באַטאָנט, אז עכטע פרײַנט וואַרטן ניט, מע זאָל זיי אײַנלאַדן, עכטע פרײַנט קומען אין אַזא טאָג אליין, האָט אוריִעל פונדעסטוועגן שטאַרק געסאָפּעקט, צי וואָלט ער עמעצן פון זײַנע עכטע פרײַנט הײַנט געטראָפן בא זיך. נאָר אז ס׳וועלן זיך הײַנט צונויפקומען צו אים אין שטוב געסט, דערין האָט אנשין ניט געסאָפּעקט. ער האָט פאַרפריִער געוווּסט, אז מערע וועט זיך ניט פאַרלאָזן בלויז דערוף, וואָס זי האָט דאַן גענומען בא די געסט דאָס וואָרט. אלנפאַלס אירע באַקאַנטע האָט זי זיכער דערמאָנט וועגן דעם, כאָטש מעגלעך, אז גראַדע זיי האָבן זיך ניט גענייטיקט, מע זאָל זיי עס דערמאָנען. זיי האָבן אליין עס פאַרגעדענקט. פאַר די דאָזיקע געסט האָט ער זיך ניט וואָס צו אנטשולדיקן, אז ער זאָל דאַרפן זיי שיקן פון וועג א טעלעגראַם. ער קען, אייגנטלעך, קימאַט קיינעם ניט פון זיי, אפילע די, וועלכע ער האָט א פּאָר מאָל געטראָפן בא זיך אין שטוב. אים איז אָבער קיינמאָל ניט אָנגעגאַנגען, ווער און וואָס זיי זײַנען און וואָס האָט מערע אין זיי אַזעלכעס געפונען, וואָס זי האָט זיי פאַרבעטן דעמלט צו אים אף זײַן יובילײ.

נאָכפאָלגנדיק, ווי מערע האָט דעם גאַנצן אָוונט זיך געײַסעקט דעמלט אַרום אָט די געסט, האָט אוריִעל פאַרשטאַנען, אז דאָס האָבן זיי אַרײַנגעבראַכט צו אים אין שטוב דעם מינהעג פון אָפּריכטן די טעג פון געבוירן און אז זיי קלײַבן זיך אַרײַנברענגען צו אים נאָך א סאַך אַנדערע מינהאָגים.

צי ניט אין דעם, וואָס מיט יעדן איינעם פון די צוגעקומענע מינהאָגים קומען צו טעג, ווען מע קאָן זיך צונויפקומען און זיך אויספּײַנען איינער פאַרן צווייטן מיטן מעבל, מיט די סערוויזן, מיט די שאַפּעס קליידער, און אַרויסרופן דערמיט איינער באַם אַנדערן קינע, געפינען זיי דעם זין פון לעבן? אויב צוליב דעם, אז מערע זאָל זיך קאָנען אויספּײַנען מיט די קרישטאָלענע ברא איבערן צוקאָפּנס אין שלאָפצימער, וועלכע זי האָט ניט לאַנג צוריק געקויפט, האָט זי פאַרבעטן אף הײַנט אירע באַקאַנטע, איז וואָס האַלט אים דעמלט פאַרט אָפּ אַריבערצוטרעטן די שוועל, וואָס צווישן אים און ריטען און וואָס יעדעס מאָל, ווען ער פאַר-

טראַכט זיך וועגן דעם, פאַרוואַנדלט ער זי אין אַ מעסוקן הויכן באַרג? געפינען דערוף אַן ענטפער האָט ער אויך איצט ניט געקאָנט און ווייסט ניט, צי וועט ער ווען־ניט־איז געפינען דערוף אַן ענטפער. ער ווייסט בלויז, אַז דאָס נעמט זיך באַ אים ניט פון שוואַכקײַט. ריטע ווייסט עס אויך. און דאָס איז פאַר אים געווען דאָס סאַמע וויכטיקסטע.

קעדיי אויסמײַדן דעם קריג, וואָס וועט זיכער אויסברעכן צווישן אים און מערען, אַ קריג, וועלכער וועט אַלציינס צו גאָרניט ברענגען, — וויפל ער זאָל מיט איר ניט אײַנטײַנען, וועט זי פונעם מינהעג, באַ וועלכן עס האַלטן זיך, ווי זי זאָגט, אַלע אירע באַקענטע, סײַווי ניט אָפּטרעטן, — האָט אַנשין ביזן לעצטן טאָג אויסבאַהאַלטן פון איר, אַז ער פאָרט אַוועק. געזאָגט האָט ער עס איר אין אַוונט, אַ פּאָר שאָ פאַרן אָפּגיין פון צוג, ווען אין אינסטיטוט איז שוין קיינער ניט געווען, צו וועמען זי זאָל זיך קאָנען ווענדן, אַז מע זאָל אָפּלייגן זײַן רײַזע אַף אַ פיר־פינף טעג שפּעטער. אויסהערנדיק, ווי מערע באַקלאָגט זיך אַף אים דורכן טעלעפאָן פאַר דער ייִנגערער טאָכטער, פאַר ליליען, לעמײַ האָט ער ניט געזאָגט אין אינסטיטוט, אַז אין דרײַ טעג אַרום איז זײַן געבורטסטאָג, אי לעמײַ ער וויל ניט צוטראַכטן עפּעס אַזוינס, אַז ער זאָל זיך קאָנען פאַרהאַלטן אַף די פיר־פינף טעג, און ווי זי כאַזערט דערבײַ איבער פאַר דער טאָכטער דאָס זעלבע, וואָס זי האָט אים פאַרזיכערט, אַז זי האָט קיינעם ניט פאַרבעטן, נאָר זי קאָן גאַראַנטירן, אַז מע וועט אַליין קומען, ווי סע פירט זיך הײַנטיקע צײַטן צווישן עכטע פרײַנט און ביכלאַל אין אינטעליגענטע הײַזער, — האָט אוריעל ברייט צעפירט די הענט, וואָס האָט געזאָלט באַטײַטן, אַז פאַר אים אַליין איז עס געווען עפּשער נאָך מער אומדערוואַרטעט ווי פאַר איר, און אַז ס'איז אומעגלעך דאָ עפּעס צו ענדערן. אַלס אַ באַווײַז, אַז ס'איז ווירקלעך אַזוי, איז דאָס, וואָס ער קאָן איר אַפילע ניט אָנרופן דאָס אָרט, וווהין ער פאָרט. ער קאָן איר בלויז זאָגן, אַז דאָס איז ווײַט אַף צאָפן. ער פאָרט אַהין ניט אַף לאַנג, אמהעכסטן אַף נײַן־צען טעג. ער נעמט מיט זיך ניט אַפילע קיין טשעמאָדאַן, בלויז דעם פּאָרטפעל. גײַן אים באַגלייטן איז ניטאָ וואָס, ביפראַט נאָך אין אַזאַ וועטער. אָט שנייט, און אָט רעגנט.

אַרוף אפן פעראָן, איז אוריעל געבליבן שטיין ווי געפּלעפּט. „ווער דרייט זיך עס דאָרטן אום באַם וואַגאָן, ניט ליליע?״ — האָט ער אַ טראַכט געטאָן באַ זיך, אָפּגייענדיק וואָס ווײַטער אָן אַ זײַט פון דעם געדיכטן ליכטיקן שטויב, וואָס איז סנאָפּנווײַז אַף אים געפאַלן פון אונטער דעם העל־צעשײַנטן לאָמפּ אַפן אַספאַלט. דעם איינציקן אויספיר, וואָס ער האָט געקאָנט דערפון מאַכן, — אַז די טאָכטער האָט צוליב געטאָן דער מוטער און זיך דערקלונגען צום דעקאָן אַהיים, און עפּשער צו אים אַליין, צום רעקטאָר, און זיך דערוווּסט, אַז זי האָט זיי ניט וואָס צו בעטן, מע זאָל אָפּלייגן דעם פאָטערס רײַזע. קיינער האָט אים אין ערגעץ ניט געשיקט, און קיינער פון זיי ווייסט ניט, אַז ער פאָרט און וווהין ער פאָרט.

ס'איז פּאַשעט אַן אומזין צו קלערן, אַז נאָכן געשפּרעך, וואָס ליליע האָט מיט אוועלכער שאָ צוריק געהאַט מיט אים אין טעלעפאָן, זאָל זי קומען אהער פאַרפירן אַפּסנײַ דעם זעלבן געשפּרעך, עפּשער וועט איר פאָרט געלינגען אים אײַנבעטן, ער זאָל צוליב טאָן דער מוטער און אָפּלייגן זײַן רײַזע אַף די עטלעכע טעג. ווי ניט באַדאַכט ס'איז געווען פון זײַן זײַט, וואָס ער האָט אויך פון דער טאָכטער אויסבאַהאַלטן זײַן פאָרן. פון ליליען, וועלכע האָט געוווּסט, וווהין איז ער עס פאַראיאָרן, אַף זײַן יובילײ, פּלוצעם אַנטלאָפן אינמיטן דער סימכע, איבערלאָזנדיק די געסט קימאַט אַף גאַנצע צוויי שאָ אַליין, און וועלכע האָט אים געהאָלפן דערנאָך זיך דערקלינגען שיר ניט אין אַלע האָטעלן פון שטאָט און זיך דערוויסן, צי האָט זיך דאָרט ניט אָפּגעשטעלט לעסאָוו, האָט ער זיכער ניט געדאַרפט אויסבאַהאַלטן, אַז ער פאָרט צום זעלבן לעסאָוון און נאָך וואָס ער פאָרט צו אים איצט אַהין. ער פאָרט בעטן, אַז איליאַ סאַוועליעוויטש זאָל אים פאַרגעבן, און צוזאַמען דאָרט אָפּריכטן דעם ערשטן טאָג פונעם זעקסטן יאָרצענדליק, וואָס הייבט זיך באַ אים אָן, באַ אוריעלן, אין דרײַ טעג אַרום. איז ווי קאָן ער אָפּלייגן זײַן רײַזע אַף אַן אַנדער טאָג? צו וואָס האָט ער נאָך געדאַרפט צוטראַכטן, אַז פון דער לעצטער סטאַנציע, וווהין ס'גייט דער צוג, וועט אים נאָך אויסקומען אַ פּאָר שאָ פליִען מיט אַן אַעראָפּלאַן? ליליע זאָל עס געווען אַלץ וויסן, וואָלט זי דאָך אים זיכער ניט אָפּגערעדט.

און איצט, נאָכדעם ווי ליליע האָט דאָ געטראָפן ריטען, האָט ער ניט מיט וואָס זיך פאַרענטפערן פאַר דער טאָכטער. וואָס ער זאָל איר ניט זאָגן, וועט זי אים שוין ניט גלייבן, קיינמאָל ניט. זי האָט זיך דאָ געוויס באַגעגנט מיט ריטען, צי עפּשער האָט ריטע אויך, אָט ווי ער, באַוויזן זיך אַרויסכאַפּן פונעם ליכטיקן שטויב, וואָס די לאָמפּן האַלטן אין איין שנייען און שנייען אפן טונקעלן פעראָן.

נאָך די פּרוי אינעם קורצן מאַנטל מיטן פוטערנעם היטעלע אפן קאָפּ איז געווען ניט ליליע. ער האָט עס דערזען, נאָך איידער פון וואַגאָן איז אַרויס אַ הויכער מיליטערמאַן און נע־

מענדיק די פרוי אונטער דער האנט זיך געלאָזט מיט איר שפּאַצירן הין און צוריק לענגויס די פּאַרהאַנגענע טונקל־באַלויכטענע פענצטערלעך, און נאָך איידער ווי מיט עטלעכע רעגעס פריִער האָט אף די טרעפּלעך פונעם זעלבן וואַגאָן זיך באַוויזן ריטע. און כאָטש אוריִעל האָט זיך צו איר אַ לאָז געטאָן און פון פרייד זי שיר ניט אַ כאַפּ געטאָן אף די הענט, איז די פרייד שוין געווען באַ אים היפּש אַ צעשטערטע.

דאָס אַרומקוקן זיך די גאַנצע צײַט האָט אַנשין אָנגענומען ווי אַ שטראָף פאַר אויסבאַ־האַלטן פון דער טאָכטער, וווהין און נאָך וואָס ער פאָרט. ריטע האָט, קענטיק, באַמערקט די דאַזיקע ענדערונג אין אים, און די עטלעכע מינוט, וואָס זײַנען געבליבן ביזן אָפּגאַנג פון צוג, האָבן זיך פאַר איר מאָדנע לאַנג געצויגן. זי האָט ניט געוווּסט מיט וואָס זיי צו פאַרפילן. צום ערשטן מאָל האָט זי, דאַכט זיך, אַזוי בולעט דערזען, ווי די שוועל צווישן זיי, וועגן וועלכער אוריִעל האָט איר דעמלט באַגינען דערמאָנט, פאַרוואַנדלט זיך אין אַ הויכן באַרג. דער באַרג איז ניט פאַרשוווּנדן פון אירע אויגן אויך נאָכדעם, ווי אוריִעל איז געבליבן מיטאַמאָל שטיין און געזאָגט:

— פאָר מיט מיר.

ריטע האָט פאַרשטאַנען, אַז ניט דאָס האָט ער זיך געקליבן איר זאָגן און געוואָלט עס איר זאָגן, און דאָס איז געווען צו באַמערקן אין איר בליק, מיט וועלכן זי האָט אים אַרויס־באַגלייט אין ווײַטן וועג.

אָט די אַלע דערמאָנונגען, וואָס האָבן באַגלייט אורי גאַווריליאָוויטשן די דרײַ טעג, וועלכע ער האָט זיך געלאַנגווײַליקט אין צוג, זײַנען פון אים ניט אָפּגעטראָטן אויך נאָכדעם, ווי ער האָט אף דער פאַרשנייטער סטאַנציע זיך איבערגעזעצט פון צוג אינעם איבערגעפּולטן אויטאָבוס און, אַרויסשטײַגנדיק באַם טײַך, פאַרקערעוועט אין געסל, וווּ ס׳האָט געוווינט איליאַ סאָוועליעוויטש לעסאָוו.

אוריִעל האָט זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אַז דערמאָנונגען קאָנען האָבן איבער אים אַזאַ קראַפט, אַז ער זאָל זיך דאַרפן קעגן זיי אַזוי ווערן. זיי האַלטן אים די גאַנצע צײַט אין איין אָפּוווּנדן דערפון, וואָס סע שטייט אים דאָ באַלד פאָר, פונקט ווי דאָס סאַמע וויכטיקסטע וואָלט באַשטאַנען ניט דערין, נאָך וואָס ער איז געקומען אהער צו פאָרן, נאָר אין דעם, וויאַזוי ער האָט זיך געזעגנט מיט ריטען אפן פעראָן. די דערמאָנונג וועגן דעם האָט אָפּגעשטויסן פון זיך אַלץ, וואָס האָט איר געשטערט אים אײַנגאַנצן צו באַהערשן. זי האָט אפילע ניט דער־לאָזט אופשטעלן די ווערטער, וועלכע ער האָט פאַרפריִער געהאַט צוגעגרייט און מיט וועלכע עס דאַרף זיך אָנהייבן זײַן געשפּרעך מיט לעסאָוון, זי האָט זיי אַלע ביז איינעם פאַנאַנדער־געשאָטן און איבערגעמישט...

און דאָס היימישע פּײַערל, וואָס האָט זיך געלויכטן אין נידעריקן שטיבל, האָט זיך אַלץ דערנעענטערט...

ניט דערגייענדיק עטלעכע טריט צום פאַרווייעטן הייפל מיטן געפלאָכטענעם בערעזעוון פאַרקנדל, איז אַנשין געבליבן שטיין. ער מוז פאָרט אופשטעלן באַ זיך די עטלעכע פון פריִער צוגעגרייטע, דורכגעטראַכטע און אײַנגעכאַזערטע ווערטער. ער איז דאָך געקומען אהער ניט צוליב דעם, אַז ער זאָל זיך לאָזן באַהערשן פון אָט די דערמאָנונגען, וואָס האָבן פון סאַמע אָנפאַנג ווי אויסגענומען מיט אים אַ טנײַ — ניט אָפּטרעטן, ביז ער וועט זיי ניט ענטפערן, צי האָט ניט באַטײַט זײַן געבן אַ זאָג צו ריטען אפן פעראָן: „פאָר מיט מיר", אַז ער האָט אופ־געהערט זען אין דער שוועל, וואָס צווישן זיי, אַ באַרג, וועלכן ער טאָר ניט אַריבער. נאָר פונקט ווי ער האָט ניט געקאָנט ענטפערן זיך דערויף דאַן אפן פעראָן, האָט ער ניט געקאָנט ענטפערן זיך נאָך אויך איצט. און ווי דערפילנדיק, אַז קיין אַנדער ענטפער האָבן זיי נאָך דערווײַל ניט פון אים וואָס צו דערוואַרטן, זײַנען די אַלע דערמאָנונגען, וואָס האָבן אים באַ־גלייט אהער פון דער היים, ענדלעך אָפּגעשטאַנען.

וויפל אורי גאַווריליאָוויטש האָט אָבער נאָכדעם ניט געפּרוּווט אופשטעלן די ווערטער, מיט וועלכע עס דאַרף זיך באַלד אָנהייבן זײַן באַגעגעניש מיט איליאַ סאָוועליעוויטשן, האָט דערפון זיך שוין אַלצייִנס גאָרנישט ניט באַקומען. דאָס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די ווער־טער זײַנען גאָר ניט די, און דאָס — אַז זיי קלינגען גאָר עפּעס אַנדערש. סאָפּקאָלסאָף האָט ער אַ מאַך געטאָן דערויף מיט דער האַנט, ווי ער האָט עס שוין איינמאָל געהאַט מיט זיך געטאָן בייסן לייענען פון פּאַפּיר די פון פריִער אָנגעשריבענע רעדע זײַנע אף דער ראַיאָנער פאַרזאַמלונג פון די פּראָפאַריינען. אין רעכטן מיטן לייענען האָט ער דאַן פּלוצעם דערפילט, אַז עפּעס רעדט ער ניט מיט זײַנע אייגענע ווערטער, כאָטש די רעדע האָט ער אַליין אָנגע־שריבן. קאָן זײַן, אים האָט זיך דערפאַר עס אַזוי אויסגעוויזן, ווײַל ער איז אַרויסגעטראָטן שוין נאָכן צופאַל, וואָס איז זיך פאַרלאָפן מיטן יונגן אַרבעטער פונעם מעטאַלורגישן זאַוואָד.

אוריִעל איז געזעסן אין די פֿאָדערשטע רייען און געזען, ווי דער פֿאָרזיצער פֿון דער פֿאַרזאַמלונג האָט זיך פֿאַרלוירן, נאָכפֿאָלגנדיק, ווי דער יונגערמאַן אויף דער טריבונע זוכט בא זיך אין אַלע קעשענעס און קאָן ניט געפֿינען די אָנגעשריבענע רעדע. און אָט דעמלט, ווען אוריִעל, פּונקט ווי אַלע אַנדערע, מיסטאָמע, אין זאַל און אין פּרעזידיום, איז געווען זיכער, אַז דער רעדנער וועט, ניט אַרויסברענגענדיק קיין וואָרט, פֿאַרשעמט פֿאַרלאָזן די טריבונע, און דער פֿאָרזיצער, גלײַך ער וואָלט דערין, וואָס איז פֿאַרלאָפֿן, באַזונדערס גאָרניט אײַנגעזען, וועט געבן דאָס וואָרט דעם פֿאָלגנדיקן רעדנער, האָט דער יונגער אַרבעטער פֿונעם מעטאַלורגישן זאַוואָד געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט און זיך אָנגערופֿן צום פּרעזידיום:

— איך האָב, ווײַזט אויס, איבערגעלאָזט די רעדע מײַנע אין דער היים. ס'מאַכט ניט אויס, אויב איך וועל ריידן ניט פֿון פּאַפּיר, נאָר אַזוי?

וועגן וואָס האָט יענער דעמלט גערעדט, האָט אוריִעל ניט פֿאַרגעדענקט. ער געדענקט אָבער, אַז דער יונגערמאַן איז לאַנג ניט אַראָפּ פֿון דער טריבונע, אַז אין זאַל איז געווען מאָדנע שטיל, און אַז ווען דער פֿאָרזיצער האָט דערמאָנט דעם רעדנער, אַז עס האָט זיך שוין לאַנג געענדיקט דער רעגלאַמענט זײַנער, האָט מען פֿון זאַל געשריִען, מע זאָל אים פֿאַרלענגערן די צײַט, און קיינער האָט נאָך זײַן אַרויסטרעטונג ניט פֿאָרגעלייגט, מע זאָל מאַכן אַן איבערײַס. אוריִעלן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די, וואָס זײַנען אַרויסגעטראָטן אויף דער זעלבער פֿאַרזאַמלונג נאָכדעם, האָבן זיך עפּעס ווי געשעמט אַרויסלייגן פֿון די קעשענעס די פֿון פֿריִער אָנגעשריבענע רעדעס, און אַז אייניקע פֿון זיי האָבן אַרײַנגעקוקט אין די פּאַפּירן בלויז, דוכט זיך, דעמלט, ווען זיי האָבן געדאַרפֿט אָנרופֿן עפּעס אַ ציפֿער.

מיט אים, אורי גאַווורילאָוויטש אַנשינען, קומט איצט אייגנטלעך פֿאָר דאָס זעלבע, וואָס אויף יענער פֿאַרזאַמלונג, ווען ער האָט אין סאַמע מיטן לייענען אויפֿגעהערט זיך באַנוצן מיט דער פֿון פֿריִער צוגעגרייטער רעדע. קענטיק, ער האָט צוגעגרייט פֿאַרן געשפּרעך, וואָס סע שטייט אים פֿאָר מיט לעסאָוון, ניט די סאַמע נייטיקסטע און פּאַסיקסטע ווערטער, וויבאַלד ער קאָן זיי צוריק ניט אויפֿשטעלן בא זיך. צוגרייטן זיך פֿאַרפֿריִער, וואָס צו זאָגן, דאָס, ווײַזט אויס, קאָן מען שטענדיק, נאָר ניט שטענדיק קאָן מען פֿאַרפֿריִער צוגרייטן פֿאַר דעם די פּאַסיקע ווערטער. די פּאַסיקע ווערטער, אויב מע האָט וואָס צו זאָגן, קומען צו דער נייטיקער צײַט אַליין צו גיין.

פֿונוואַנען האָט זיך צו אים מיטאַמאָל גענומען דאָס געפֿיל, אַז ניט ער אַליין, נאָר עמעצער אַ צווייטער גאָר האָט אים אַראָפּגעבראַכט הײַנט אַהער, און אַז אָט דער עמעצער גייט אים די גאַנצע צײַט נאָך, ווי אַ קאָנוואָיִר, וואָס פֿירט דעם באַשולדיקטן אויפֿן געריכט? דאָס אייניציקע, מיט וואָס ער וואָלט געקאָנט, אוריִעל, זיך פֿאַרטיידיקן אויף אַזאַ געריכט — אַז ער איז ניט נאָר דער באַשולדיקטער, ער איז אויך דער קאָנוואָיִר איבער זיך. נאָר ער בעט ניט דערפֿאַר קיין באַגנעדיקונג, פּונקט ווי ער בעט ניט קיין באַגנעדיקונג פֿאַר זיך דערמיט, וואָס ער איז דאַן צוויי טעג נאָכאַנאַנד געלאָפֿן אויפֿן וואָקזאַל, וואָס ער איז אויסגעווען אין אַלע האָטעלן פֿון שטאָט, פֿאָרגעזעצט שרײַבן אַהער בריוו, ניט קריגנדיק אויף זיי קיין ענטפֿער, און אויך ניט דערמיט, וואָס ער איז איצטער דאָ און ניט צווישן די געסט, וועלכע האָבן זיך אין אָט דער שאָ פֿאַרזאַמלט בא אים אין דער היים אויף זײַן געבורטסטאָג...

מיט אָט דעם דאָזיקן געפֿיל פֿון אַ מענטש, וואָס האָט זיך אַליין געבראַכט צו פֿירן אויפֿן געריכט און וועלכער איז גרייט, אַז ער זאָל זיך ענדלעך באַפֿרײַען פֿון דער אומדערטרעגלעכער שווערקײַט, וואָס פּײַניקט אים, אָנעמען פֿאַר ליב דעם האַרבסטן פּסק, איז אורי גאַווורילאָוויטש אַנשין אַרײַן אינעם פֿאַרשנייטן הייפֿל און אָנגעקלאַפּט אין דער טיר.

— ווער איז עס דאָרט? — האָט אוריִעל דערהערט פֿון יענער זײַט טיר אַ פֿאַרשלאָפֿענע שטים, נאָכדעם ווי ער האָט שוין מער זיכערער און פֿעסטער אַ צווייט מאָל געהאַט אָנגעקלאַפּט. — ס'איז דאָך אָפֿן.

אורי גאַווורילאָוויטש האָט אַליין זיך שוין דערמאָנט, אַז איליאַ סאַוועליעוויטש, ווי אַ סך אַנדערע דאָ אינעם שטעטל, וואָס וווינען אין באַזונדערע הײַזער, האָבן בלויז אויף באַנאַכט זיך פֿאַרשפּאַרט פֿון אינווייניק. באַטאָג און אין אָוונט זײַנען די טירן געווען אָפֿן. אַלנפֿאַלס, ער, אוריִעל, געדענקט ניט, אַז אים זאָל ווען־ניט־איז געווען אויסקומען אָנקלאַפּן צו לעסאָוון.

און דאָך, דערמאָנענדיק זיך עס איצט, האָט אוריִעל ניט אַ שטויס געטאָן די טיר, נאָר געוואַרט, מע זאָל זי אים עפֿענען. ער איז ניט אינגאַנצן זיכער, צי דער געשפּרעך זײַנער מיט לעסאָוון קאָן ניט פֿאָרקומען אויף דער זײַט טיר, אויף יעדן פֿאַל דער אָנהייב פֿון זייער געשפּרעך.

— אַנטשולדיקט, כ'האָב, דאַכט מיר, פֿאַרבלאָנדזשעט ניט אַהין, — האָט אַנשין, דערזעענדיק אין דער טיר אַן עלטערע פֿרוי, זיך אָנגערופֿן, — מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָ...

אנטשולדיקט, — האָט ער זיך אַליין איבערגעשלאָגן אינמיטן די רייד, אָנווײַזנדיק אפן שכני־נעסדיקן הויף, — און ווער וווינט דאָרט?

— וואָלאָווין. דעניס אפאַנאַסיעוויטש וואָלאָווין. און צו וועמען דאַרפט איר?

— צו איליא סאַוועליעוויטש לעסאָוון.

די פרוי האָט מאָדנע א קוק געטאָן אף אים פון אונטער דער נידעריק אַראָפּגערוקטער פאַטשיילקע אפן שטערן און איז אָפּגעטראָטן פון דער טיר:

— גייט אַרײַן. איר האָט ניט פאַרבלאָנדזשעט. ס'איז אַהער.

אָפּקלאַפּנדיק אין פירהויז דעם שניי פון די שיך, האָט אוריִעל געפרעגט:

— דער באַלעבאָס איז אין דער היים, צי אף דער אַרבעט?

קענטיק, ער האָט עס צו שטיל געפרעגט, און איבערפרעגן, ווען ער איז פונעם טונקעלן פירהויז אַרײַן אין שטוב, האָט ער שוין ניט געהאַט צו וואָס. אַנשין האָט שוין איצט אַליין געזען, אַז אויסער איר איז אין שטוב מער קיינער ניטאָ. בא דער שײַן פונעם נידעריק אַראָפּ־געהאַנגענעם עלעקטרישן לעמפּל האָט ער אויך באַוויזן באַמערקן, אַז די פרוי איז א סאַך יִינגער, ווי עס האָט זיך אים געהאַט אויסגעוויזן מיט א מינוט פריִער אינעם האַלב־טונקעלן פירהויז. בא איר זײַנען גרויסע שוואַרצע אויגן און בלוטפולע ליפּן. זי קער מיסטאַמע זײַן, — האָט אוריִעל א טראַכט געטאָן, — לעסאָוווס א שנור. אײנער פון זײַנע דרײַ אומגעקומענע זין, ווי לעסאָוו, געדענקט זיך, האָט אים דעמלט דערציילט, אוריִעלן, איז געווען א כאַסענע גע־האַטער. און עפּשער איז זיך מיט איליא סאַוועליעוויטשן פאַרלאָפן אף דער עלטער דאָס זעל־בע, וואָס מיט אים, אוריִעלן? אף וויפל קאָן זי זײַן יִינגער פון לעסאָוון? נאָר דערין איז אוריִעל זיכער: צווישן איר און איליא סאַוועליעוויטשן איז ניט געווען קיין שוועל, וועלכן ער האָט געדאַרפט פאַרוואַנדלען אין א באַרג, אַז ער זאָל אים ניט קאָנען אַריבער.

אַזוי צי אַנדערש, נאָר אַז אין שטוב איז דאָ א באַלעבאָסטע, איז צו זען פון אַלץ. דאַכט זיך, די זעלבע שטוב, וואָס דעמלט, און ניט די זעלבע. ער האָט שוין דאָ, אייגנטלעך, קימאַט גאָר ניט געטראָפן פונעם פריִערדיקן. אַפילו די ווענט זײַנען ניט צו דערקענען. זיי זײַנען אויסגעקלעפּט מיט העל־פרייליכע טאַפּעטן און זעען עפּעס אויס העכער. פונעם מעבל, וואָס איז דאָ דאַן געשטאַנען, דערקענט ער בלויז דעם נידעריקן ברוינעם קאָמאָד אין ווינקל.

— איר זײַט, זע איך, ניט קיין היגער, נאָרוואָס געקומען, ווײַזט אויס, צו פאָרן? — האָט, מאָדנע צוקוקנדיק זיך אַלץ נאָך צו אים, געפרעגט די פרוי. — און ווער קערט איר זיך אָן מיט לעסאָוון? א פרײַנט זײַנער? — און ווידער פאַרכידעשט א בליק געטאָן אף אים מיט די גרויסע שוואַרצע אויגן פון אונטער דער אַראָפּגערוקטער פאַטשיילקע.

פאַרוואָס האָט זיך אים אין דער דאָזיקער רעגע אויסגעוויזן, אַז אָט די אַנטקעגנזיצנדיקע פרוי ווייסט אי ווער ער איז אי נאָך וואָס איז ער אַהער געקומען, וואָלט אוריִעל ניט געקאָנט זיך דערוף ענטפערן. נאָר עפּעס גיט זיך אים אויס, אַז לעסאָוו האָט דער דאָזיקער פרוי אַלץ אויסדערציילט וועגן אים, אַפילו געגעבן איר דורכלייענען אַלע זײַנע בריוו, און בלויז פון איר איז איצט געוואָרנט, אַז איליא סאַוועליעוויטש זאָל אים באַפרײַען פון דער שווערער מאַ־סע, וואָס ער, אוריִעל אַליין, האָט אָנגעוואַלגערט אף זיך, און אַז איליא סאַוועליעוויטש זאָל צוזאַמען מיט אים אָפּריכטן הײַנט בא דעם דאָזיקן טיש זײַן איין־און־פופציקסטן געבורטסטאָג.
און דערפאַר האָט אורי גאָורילאָוויטש באַזונדערס באַטאָנט:

— איליא סאַוועליעוויטש איז מיר פיל נעענטער ווי א פרײַנט.

— מאָדנע.

— כ'פאַרשטיי אײַך ניט.

— און ביז איצטער ווייסט איר ניט, אַז איליא סאַוועליעוויטש... — די פרוי האָט אָפּגע־קערט פון אַנשינען דאָס פּאָנעם און ווי ניט אים, נאָר עמעצן א צווייטן, וועלכן זי זעט דאָרט פאַר זיך, שטיל פאַרטרויט, — שוין דער דריטער כוידעש, ווי מיר האָבן אים מעקאַבער געווען. דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען אף דער לעווײַע.

אורי גאָורילאָוויטש איז נאָך אַלץ געזעסן מיט שטײַף צוגעמאַכטע אויגן, ווהין ער האָט, אויסער דעם לעבעדיקן איליא סאַוועליעוויטשן, מער קיינעם אַהין ניט אַרײַנגעלאָזט, ווען ער האָט, קוים הערנדיק די אייגענע שטים, געפרעגט:

— ער איז אומגעקומען אין דער לאַווע?

— וואָס עפּעס אומגעקומען? כ'האָב אײַך דען געזאָגט, אַז ער איז אומגעקומען? איליא סאַוועליעוויטש איז געשטאָרבן בא זיך אפן בעט. צוויי טעג אינגאַנצן איז ער קראַנק געווען, זאָגט מען. דאָס האַרץ האָט בא אים געפּלאַצט, ניט אויסגעהאַלטן. קאַרג איז ער זיך אף זײַן לעבן אויסגעשטאַנען? אַלע זײַנע זין, ווי איר ווייסט, זײַנען אומגעקומען אף דער מיל־

כאַמע. מיט אַ יאָר דרײַ־פֿיר צוריק איז באַ אים געשטאָרבן דאָס ווײַב. אַ האָרץ איז ניט קיין זייגער, וואָס מע קאָן אױף דעם אָנהענגען געוויכט און געוויכט. אַ זייגער האַלט אויך אויס ביז אַ מאָס... אַ זעלטענער מענטש געווען איליאַ סאָוועליעוויטש. קיין שלעכט וואָרט האָט מען פֿון אים קיינמאָל ניט געהערט. נאָר געטאָן יענעם גוטס. פֿאַרוואָס שטאַרבן אָפּט אַזעלכע מענטשן פֿאַר דער צײַט? ער האָט דאָך געקאָנט נאָך לעבן און לעבן...

דער וויטעק, וואָס עגבערט דורך דעם שאַרבן און שפּאַלט אים פֿאַנאַנדער, — אורי׳על ווייסט עס לויט זיך, — קומט ניט אייגנצײַטיק מיטן קלאַפּ, נאָר שטענדיק עטוואָס שפּעטער. דאָס מאָל איז דער אומדערטרעגלעכער וויטעק פֿונעם קלאַפּ, וועלכן ס׳האָט אים אַזוי אומגע־ריכט דערלאַנגט אָט די פּרוי, דערגאַנגען מיט אַ היפּשער פֿאַרשפּעטיקונג, ווי אין אים וואָלט עפּעס אָפּגעטעמפּט געוואָרן און דער וויטעק האָט געדאַרפֿט אָפּזוכן אַן אַנדער שאַלי׳עך, דורך וועמען איבערגעבן וועגן זיך אין דער סוידעספּולער הייל פֿון זײַן שאַרבן. דערווײַל זײַנען אַהין דערגאַנגען בלויז די קלאַנגען פֿון די ווערטער, וואָס די פּרוי האָט אים געזאָגט, נאָר ניט דער באַדײַט זייערער. דער פּולער באַדײַט זייערער איז געבליבן ערגעץ שטעקן אין וועג, און קעדיי דורכשלאָגן פֿאַר זיי אַ וועג, האָבן אָן אופהער געגומען פֿויקן, ווי מיט האַמערס איבערן שאַרבן, די טײַנעס פֿון דער פּרוי: „פֿאַרוואָס שטאַרבן אָפּט אַזעלכע מענטשן פֿאַר דער צײַט? זיי האָבן דאָך געקאָנט נאָך לעבן און לעבן...״

„דאָס האָט זי דאָך דיר, דיר, אַרויסגעשטעלט די דאָזיקע טײַנעס!״ — האָבן מיטאַמאָל געגומען אויסקלאַפּן איבערן שאַרבן די זעלבע האַמערס. זיי זײַנען פֿון אים ניט אָפּגעטראָטן אויך באַם פֿענצטערל, ווו ער איז געשטאַנען און געבלאָנדזשעט מיטן פֿאַרנעפּלטן בליק איבערן קאַלטן אויסגעשטערנטן הימל.

— איר ווייסט ניט, — האָט די פּרוי אין אַ ווײַלע אַרום זיך אָפּסנײַ אָנגערופֿן צו אורי׳עלן, — באַ איליאַ סאָוועליעוויטשן זײַנען געבליבן ערגעץ אייגענע? ווען מיר האָבן אין אַ שטיקל צײַט נאָך זײַן טויט זיך אַרײַנגעקליבן אַהער, האָבן מיר אַלץ, וואָס דאָ איז געווען, אויסגעפּאַרקויפֿט און דאָס אויסגעליזטע געלט אָפּגעגעבן אין שאַכטקאַס. זאָל עס דאָרט ליגן. עפּשער וועט מיט דער צײַט זיך עמעצער לאָזן הערן פֿון לעסאָווס נאָענטע. פֿונעם גאַנצן מעבל האָבן מיר בלויז איבערגעלאָזט דעם קאַמאָד. מיר האָבן אַהין צונויפֿגעלייגט אַלע זײַנע פּאַפּאָס, גראַמאַטעס און אַ בינטל בריוו.

— פֿון וועמען זײַנען עס די בריוו? — האָט אורי׳על געפֿרעגט, פֿילנדיק, ווי דער וויטעק פֿונעם אומגעריכטן קלאַפּ דרינגט אַלץ טיפֿער און טיפֿער אין אים אַרײַן, אַ וויטעק, פֿון וועלכן ער וועט זיך שוין קיינמאָל ניט באַפֿרײַען און פֿון וועלכן ס׳איז ניטאָ מיט וואָס זיך צו באַפֿרײַען.

— פֿון איינעם זײַנעם אַ באַקענטן. יענער האָט זיך, זעט אויס, מיט עפּעס שטאַרק פֿאַר־שולדיקט פֿאַר לעסאָוון, וואָרעם אין דעם בריוו, וואָס איז אָנגעקומען שוין נאָך לעסאָווס טויט, בעט זיך באַ אים יענער, אַז סאָוועליטש זאָל אים מויכל זײַן, און שרײַבט, אַז ער קלײַבט זיך אַהער קומען. אַז מיר האָבן דורכגעלייענט דעם בריוו, האָט מײַן מאַן אָנגעשריבן יענעם, אַז ער האָט ניט וואָס צו קומען שוין אַהער. יענער האָט, אַפּאָנעם, ניט דערהאַלטן אונדזער בריוו, ווײַל מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק איז ווידער אָנגעקומען פֿון אים אַ בריוו פֿאַר איליאַ סאָוועליעוויטשן.

ווען אורי׳על זאָל זײַן זיכער, אַט ווי די פּרוי, וואָס זיצט אַנטקעגנבער באַם טיש, אַז דער בריוו, וועלכן ס׳האָט אים געשריבן איר מאַן, איז ניט אָנגעקומען!.. צי פֿאַרשטייט זי, מערע, ווי וויכטיק דאָס איז איצט פֿאַר אים צו וויסן, איצט, ווען ער שטייט באַם צופֿוסנס פֿונעם באַרג און פּרוּווט נאָך אַלץ אויסגעפֿינען אין זיך אַזוינס, וואָס זאָל אים אָפּהאַלטן אַריבער־טרעטן די שוועל.

— איר קאָנט מיר זיי געבן אַ קוק טאָן?

צווישן די בריוו, וואָס די פּרוי האָט אים דערלאַנגט, זײַנען עטלעכע געווען ניט קיין געעפֿנטע. הייסט עס, דער אורטייל, וועלכן איליאַ סאָוועליעוויטש האָט אַרויסגעטראָגן איבער אים, איז אָן ענדגילטיקער. און זי, מערע, האָט געמיינט, אַז דערמיט, וואָס זי האָט אויס־באַהאַלטן דעם ענטפֿער, האָט זי אים באַפֿרײַט פֿון די שווערע אָנגעהאָנגענע געוויכטן.

— איך ווייס שוין, ווער ס׳האָט געשריבן די בריוו. איך קען אים, דעם מענטשן. אויב איר דאַרפֿט זיי ניט, קאָן איך זיי מיטנעמען מיט זיך און זיי אים אָפּגעבן.

— נעמט זיי, — און ווי זי זאָל מיטאַמאָל כאַראָטעט האָבן, וואָס זי האָט אים אָפּגעגעבן די בריוו, וועלכע אורי׳על האָט שוין באַוויזן אַרײַנלייגן צו זיך אין פּאָרטפֿעל, געפֿרעגט, — וואָס איז עס פֿאַר אַ מענטש אָט דער באַקאַנטער אײַערער?

די פרוי איז, דאכט זיך, כּוישעד, אַז דאָס האָט ער זיך פֿאַרשולדיקט פֿאַר לעסאָוון. אוריעל ווייסט ניט, צי וואָלט ער עס אָפּגעלייקנט, ווען זי זאָל עס אים פֿרעגן. יעדערער קאָן איצטער זײַן איבער אים דער ריכטער. ער האָט איר, דאַכט זיך, געענטפֿערט, ווי אַ באַשולדיקטער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ:

— כ׳ווייס ניט, כּאָטש איך קען אים שוין אַ וועלט מיט יאָרן, — אוריעל איז צוגעגאַנגען צו דער אָפֿענער טיר פֿונעם שכיינעסדיקן צימער, וווּהין איליאַ סאָוועליעוויטש האָט אים דעמלט אײַן צוג געהאַט געבעטן פֿאַרפֿאָרן און וווּהין אוריעל האָט זיך געקליבן פֿאַרפֿאָרן און, מעגלעך, זיך עפּשער באַזעצן, אויב ער וועט אין יאָרן אַרום, ווי ער טראַכט, פּלוצעם נעלעם ווערן אין איינעם אַ טאָג אויף שטענדיק פֿון דער היים און אויסער ריטען וועט קיינער ניט וויסן, ווו ער איז אַנטרונען געוואָרן, ווי עס ווייסט ניט קיינער, אויסער ריטען, ווו איז ער איצט.

שטייענדיק דאָ בײַ דער טיר, האָט ער זיך אָנגערופֿן ווי צו זיך:

— אינעם טויט פֿון יעטווידן איינעם, וואָס גייט אַוועק פֿאַר דער צײַט, איז, אַפּאַגעם, שטענדיק שולדיק עמעצער פֿון די לעבעדיקע, און אַנשטאָט פֿרעגן, פֿון וואָס איז דער מענטש געשטאָרבן, וואָלט מען אָפּט געדאַרפֿט פֿרעגן, פֿון וואָס איז ער אומגעקומען...

— וווּהין אײַלט איר עס זיך אַזוי? — האָט, דערלאַנגענדיק אים דעם מאַנטל, געפֿרעגט די פֿרוי. — באַלד דאַרף קומען דער מאַן מײַנער. ער אַרבעט אויף דער זעלבער שאַכטע, ווו איליאַ סאָוועליעוויטש האָט געאַרבעט. איך אַרבעט אויך דאָרט, נאָר אויף דער אויבערפֿלאַך, אויפֿן קאָנווייער, בײַם אָפּקלײַבן די פּאָראָדע. איר קאָנט איבערנעכטיקן בײַ אונדז, אויב איר האָט זיך נאָך ניט באַשטאַט מיט קיין אָרט אין האָטעל. איר וועט דאָך, מיסטאַמע, וועלן מאָרגן צוגיין אויפֿן בעסאַלמען. וועט אײַך מײַן מאַן באַגלייטן. אַליין וועט איר ניט געפֿינען. דאָרט איז נאָך ניטאָ קיין מאַצייווע. די שאַכטע האָט פֿון לאַנג שוין געוואָלט באַשטעלן אַ מאַצייווע, זאָגן די אַרבעטער, אַז זיי ווילן אַליין, אויף זייער אייגענעם קאָסט, שטעלן אים אַ מאַצייווע.

די אויסגעשליפֿענע פֿונעם פֿראָסט האַלבע לעוואָנע האָט זיך געלויכטן איבערן טײַך, ווי אַ פֿאַנאַנדערגעגליטער שטיין, וואָס דער ווינט האָט פֿאַרטראָגן אין דער הייך פֿון די טליענדיקע טעריקאָניקעס. צום ווײַפּלטן מאָל שוין אויף זײַן לעבן זעט ער זיי, אוריעל, אָט די פּיל־פֿאַרביקע פֿײַערלעך פֿון די טעריקאָניקעס, און יעדעס מאָל בלײַבט ער שטיין אַ פֿאַרגאַפֿטער פֿון זייער שײַנקײַט, ווי בײַם אויפֿבליצן פֿון די קראַנצן פֿײַערווערק אין הימל בײַ די יאָם־טעוודיקע סאַליוטן. אינעם לויכטן זיך פֿון די פּילפֿאַרביקע פֿײַערלעך אויף אָט די הויכע פּיראַמידעס איז אויך פֿאַראַן עפּעס יאָמטעוודיקס און דערהויבנס. אוריעל וואָלט געקאָנט שאָענלאַנג שטיין אַזוי פֿאַרגאַפֿט און קוקן אויף די טליענדיקע טעריקאָניקעס, ניט פֿילנדיק, ווי סע שטאַרקט זיך דער פֿראָסט, ווי ער פֿרעסט אַלץ שטײַפֿער צונויף דעם שנײ אונטער זיך. נאָר דער ווינט האָט ניט געלאָזט האַלטן אָפֿן די אויגן, ער האָט געשטויבט מיט שניעלעך, שטעכיקע און שאַרפֿע, ווי גרײַפּעלעך שטיינקוילן.

שוין בײַם אַרויסגיין פֿון שטוב האָט דער ווינט זיך אָנגעוואָרפֿן אויף אים, געריסן פֿון די הענט דעם פּאָרטפֿעל, געמאַכט אים שווער, ווי אַנשטאָט די בריוו זאָל ער געווען, אוריעל, אַרײַנלייגן אַהין שטיינער, שווערע, וואָגיקע שטיינער. און ווידער איז אים באַפֿאַלן דאָס זעלבע געפֿיל, וואָס פֿריער. איצט אָבער קאָנוואָירט ער, אוריעל, זיך, דעם באַשולדיקטן, שוין ניט אויפֿן געריכט, נאָר פֿונעם געריכט...

דערפֿון וואָס ער וועט צערײַסן די בריוו און דער ווינט וועט זיי פֿאַרטראָגן אין דער פֿאַרשנייטער און פֿאַרווייעטער טונדרע, וועט זיך סײַווי שוין גאָר ניט ענדערן. ער וועט דערמיט ניט אויסבאַהאַלטן דאָך פֿון זיך דעם אורטייל, וועלכן ער אַליין, אוריעל, האָט אַ ווײַלע פֿריער זיך אַרויסגעטראָגן, אָנרופֿנדיק זיך פֿאַרן אַוועקגיין צו דער פֿרוי מיט דער אַראָפּגערוקטער פֿאַטשיילע, וואָס האָט אים אומגעקערט אַלע זײַנע בריוו: „אינעם טויט פֿון יעטווידן, וואָס גייט אַוועק פֿאַר דער צײַט, איז שטענדיק עמעצער שולדיק, און אַנשטאָט פֿרעגן וועגן עמעצן, פֿון וואָס איז ער געשטאָרבן, וואָלט מען אָפּט געדאַרפֿט פֿרעגן, פֿון וואָס איז ער אומגעקומען".

וויאַזוי האָט ער עס, אוריעל, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַרויסגעטראָגן דעם דאָזיקן אורטייל, געקאָנט זיך ווענדן צו דער זעלבער פֿרוי, אַז זי זאָל אים אָנווײַזן, וווּהין קאָן ער אַרײַנטראָגן זײַן צושטײַער אויפֿן דענקמאָל, וועלכן די אַרבעטער קלײַבן זיך שטעלן אויף זייער אייגענעם קאָסט איליאַ סאָוועליעוויטשן? וויאַזוי האָט ער עס באַלד ניט פֿאַרשטאַנען, אַז מיטן אַרײַנטראָגן זײַן צושטײַער אויפֿן דענקמאָל וואָלט ער זיך, אייגנטלעך, מיט גאָרניט אונטערשיידט פֿון די, וואָס מיינען, אַז מיטן אַראָפּלאָזן אַ מאַטבייע אין דער פּושקע ווערט זיי פֿאַרגעבן די זינד?

דער ווינט, וואָס האָט געטראָגן אין זיך דעם רייעך פון די טעריקאָניקעס, — א רייעך פון אָפּגעפּרישטן קאָרנברויט, — האָט, אַרויסגייענדיק פון געסל, זיך א יאָג געטאָן פּאָרויס, ווי אָנווײַזנדיק אוריִעלן דעם וועג צו דער שאַכטע, וווּהין ס'האָט אים מיט יאָרן צוריק צום ערשטן מאָל געהאַט אַראָפּגעבראַכט איליאַ סאַוועליעוויטש. נאָר נאָך וואָס גייט ער, אוריִעל, אַצינדער אַהין?

דערזען שטיין אונטער די בונקערס נאָך ניט קיין אָנגעלאָדענעם עשעלאָן, האָט אורי גאָווריִלאָוויטש אַנשין א טראַכט געטאָן בײַ זיך, צי וואָלט ניט געווען גלײַכער, ער זאָל מיטן דאָזיקן עשעלאָן זיך דערקלײַבן ביז דער סטאַנציע און מיטן פּאַרנאַכטיקן צוג זיך אומקערן אַהיים. וואָס האָט ער, אייגנטלעך, צו טאָן דאָ אין שטעטל? צוגיין אָפּן בעסאַלמען? אויב איליאַ סאַוועליעוויטש איז אים ניט מוחל געווען באַם לעבן, איז וואָס האָט ער, אוריִעל, צו בעטן בײַ אים מעכילע אַצינד?

ס'איז אים בלויז א שאָד, וואָס ער וועט ניט קאָנען, אוריִעל, אָנשרײַבן די נײַע באַלע־באַטים פון לעסאָווס שטיבל, וועלכע וועלן אויף אים מאָרגן זיכער וואַרטן, און זיך אַנטשולדיקן פאַר זיי. ווייסט ער אָבער ניט, ווי מע רופט זיי. ער זאָל געווען וויסן, וואָלט ער זיי זיכער פאַר זיי. ווייסט ער אָבער ניט, ווי מע רופט זיי. ער זאָל געווען וויסן, וואָלט ער זיי זיכער אָנגעשריבן. מיטן דאָזיקן אַרײַנגעשיקטן בריוול וואָלט ער פאַרשפּאָרט זיך דערנאָך פאַר זיי פאַרענטפערן, אויב אים וועט נאָך ווען־ניט־איז אויסקומען דאָ זײַן, אַז די בריוו, וועלכע זיי האָבן אים אומגעקערט, האָט געשריבן לעסאָוון ניט זײַן, אוריִעלס, לאַנגיאָריקער באַקאַנטער, נאָר ער, אוריִעל. זיי וואָלטן זיך אַליין עס אָנגעשטויסן, ווען זיי באַקומען זײַן בריוול. לויטן קסאַוו זײַנעם וואָלטן זיי זיך עס אָנגעשטויסן.

ווירקלעך, וואָס האָט ער איצטער צו טאָן דאָ אויף דער שאַכטע און אין שטעטל? — און אוריִעל האָט זיך געלאָזט לענגויס דעם אויסגעצויגענעם עשעלאָן זיך דערריידן מיטן מאַשיניסט.

אויפן ווערטיקאַלן שאַכטע־ברונעם האָט זיך געלויכטן א גרויסער פינפעקיקער שטערן. מיט זײַן צונטער־רויטן פײַער האָט ער נאָך פונדערווײַטן אָנגעזאָגט, אַז די שאַכטע, ווו ס'האָט געאַרבעט איליאַ סאַוועליעוויטש און צו וועלכער אויך ער, אַנשין, האָט מיט אייניקע יאָר צוריק געהאַט א שטיקל שײַכעס, איז ניט קיין באַלכויוו, אַז זי געהערט צו די שאַכטעס, וואָס דינען אַנדערע פאַר א מוסטער, וויִאַזוי צו אַרבעטן. דערזעענדיק דעם פלאַמפײַערדיקן שטערן איצט פון דער נאָענט, איז אוריִעלן מיטאַמאָל אײַנגעפאַלן א געדאַנק, אַז מע וואָלט אומעטום געדאַרפט אַרויסהענגען אויף דער זעלבער הייך און פון דער זעלבער גרייס נאָך צו איין שטערן, נאָר אָנצינדן זאָל מען זיי בלויז דעמלט, ווען דאָרט, ווו זיי וועלן זיך לויכטן, וועט ניט זײַן קיין איינער, וועלכער זאָל זיך האָבן פאַרשולדיקט פאַר א צווייטן, אַז ער זאָל דאַרפן נאָכדעם בעטן בײַ יענעם מעכילע.

דער דאָזיקער געדאַנק זײַנער איז וואָס א רעגע זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן און געבראַכט אים דערצו, אַז ער האָט, דאַכט זיך, אָנגעהויבן גלייבן דערין, אַז צווישן די שטערן, וואָס זייער שײַן איז נאָך ניט דערגאַנגען אַהער, געפינט זיך אויך יענער ווײַטער שטערן, וועגן וועלכן ער האָט קינדווײַז ערגעץ געלייענט, צי געהערט, און אַז זײַן העלע שײַן, וואָס איז ליכטיק ווי די זון, וועט דערגיין צו די מענטשן נאָר דעמלט, ווען מענטשן וועלן אויפהערן שטאַרבן פאַר דער צײַט און די לעבעדיקע וועלן ניט האָבן פאַרוואָס צו בעטן בײַ די אוועק־געגאַנגענע מעכילע. אין דעם, וואָס די שײַן פון אָט דעם זוניקן שטערן פאַרהאַלט זיך אין וועג, איז אויך דאָ זײַן שולד, אוריִעלס...

אינעם טויבמאַכנדיקן טומל פון די שטיינקוילן, וואָס האָבן זיך א שאָט געטאָן פון די אָפענע בונקערס אין די וואַגאָנען, האָט זיך אַרײַנגעריסן א הילכיק דערצאָרנט קאָל. דער אָנגעוויייעטער באַרג שניי אַנטקעגניבער באַם סקיפּ האָט אויסבאַהאַלטן הינטער זיך אי דעם, וואָס האָט געשריִען, אי דעם, אויף וועמען מע האָט געשריִען.

שוין פון די ערשטע ווערטער, וואָס זײַנען דערגאַנגען צו אוריִעלן, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָרטן גייט אָן א קריג וועגן אָט דעם צונטער־רויטן שטערן אויפן ווערטיקאַלן שאַכטע־ברונעם, אַז דער, וועלכער האָט זיך אַזוי הויך און צאָרנדיק צעשריִען, באַשולדיקט דעם צווייטן, אַז צוליב אַזעלכע ווי ער לויכט דאָ ניט שטענדיק דער אַרויסגעהאַנגענער שטערן.

בײַ דעם, וואָס פאַרענטפערט זיך, איז אָן אײַנגעבראָכענע שטים. ווײַזט אויס, ער איז שוין ניט קיין יונגערמאַן, מעגלעך אַפילו עלטער פון יענעם, וואָס שרײַט אויף אים. מיסטאָמע האָט דער מענטש זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט בײַ דער אַרבעט, וואָס ער האָט אַזוי אויפגע־בראַכט קעגן זיך דעם צווייטן. מע קאָן דאָך אָבער דאָס זעלבע אַרויסזאָגן אַנדערש, אָן אָט די אַלע באַליידיקונגען און דערנידעריקונגען, מיט וועלכע איינער איז אָנגעפאַלן אויפן צווייטן, זאָרגנדיק זיך וועגן דעם שטערן אויפן שאַכטע־ברונעם.

פאמעלעך, ווי אויספּרווונדיק אונטער זיך די רעלסן, האָט דער לאָקאָמאָטיוו ארויסגעפּירט פון אונטער די בונקערס דעם לעצטן אָנגעלאָדענעם וואגאָן קוילן און, אן אײַנגעהילטער אין בלווילעכע קנוילן דאמף, געבליבן שטיין באם פארמאכטן סעמאפאָר. נאָר אויך אפילע דעמלט, ווען דער לאָקאָמאָטיוו האָט מיט זײַן אקשאָנעסדיקער סירענע פרײַ געמאכט פאר זיך דעם וועג צו דער סטאנציע, האָט אוריִעל נאָך געקאָנט זיך ארופכאפּן אף אים. דער געשריי אָבער הינטער דעם אָנגעווייעטן שניי־בארג באם סקיפּ האָט אים ניט געלאָזט, אוריִעלן, זיך רירן פון אָרט.

אורי גאווורילאָוויטש אנשין איז ניט געווען זיכער, צי אלץ, וואָס איז זיך דאָ מיט אים הײַנט פארלאָפן, און אלץ, וואָס ער האָט דאָ הײַנט איבערגעטראכט, וועט ער איבערדערציילן דעם, וועלכער זאָרגט אזוי וועגן דעם שטערן, וואָס פלאטערט מיט זײַן צונטער־רויטן פלאם, מע זאָל זען נאָך פונדערווײַטן, אז די שאכטע, אף וועלכער דער דאָזיקער מענטש ארבעט, איז ניט קיין באלכויוו. נאָר אז אין געשפּרעך, וועלכן ער וועט באלד האָבן מיטן דאָזיקן מענטשן, וואָס קאָן דערגיין בא זיי ביז צו א קריג, וועט ער ניט פארפעלן אים דערציילן אויך וועגן דעם ווײַטן זוניקן שטערן, וואָס זײַן שײַן פארהאלט זיך אלץ נאָך אין וועג, — דאָס האָט אורי גאווורילאָוויטש אנשין שוין געוווּסט אף זיכער, ווען ער האָט זיך געלאָזט אָניאָגן דעם לאנגן שאָטן, וואָס האָט זיך אוועקגעגליטשט איבערן ליכטיקן שניי.



הערשל פאָליאַנקער

שטאַרקער פון אײַזן

(ראָמאַן)

— פונוואַנען זײַט איר, פעטער?
— איך בין פון זשמערינקע. און איר?
— איך בין פון אײַזן... וואָס זאָג איך, שטאַרקער פון אײַזן!

(פון אן אונטערגעהערטן געשפּרעך)

עטלעכע ווערטער פונעם אווטאָר

אָן אַלטע גריכישע לעגענדע דערציילט וועגן אַן אייל־בירט־בוים, דעם בוים פון שאָלעם און פרײַנטשאַפט, וואָס גיט פרוכט ערשט אויפן איין־און־נײַנציקסטן יאָר נאָך דעם, ווי מע האָט אים פאַרפלאַנצט.

די גערטנער האָבן גוט געוווּסט, אַז ניט זיי וועט אויסקומען געניסן פון די געשמאַקע פּיירעס, ניט זיי וועלן האָנאַ האָבן פון דער שווערער האָרעוואַניע, דערפאַר האָבן זיי ניט גערן געפלאַנצט די דאָזיקעביימער — לעמײַ זאָל מען פאַטערן דאָס געזונט?!

אָבער יענע, וואָס האָבן פאַרזעצט אַן אייל־בירט־בוים, אים אָפּגעהיט פון היץ און קעלט, געכאָוועט און געפּעסטעט, אים אָפּגעגעבן אַ טייל פון דער נעשאָמע, האָבן זיך דעראָבערט קאָוועד, רום און דאַנקבאַרקייט פון די קינדער און קינדסקינדער, און זייערע נעמען זײַנען פאַרייביקט געוואָרן.

דאָ ווילן מיר דערציילן וועגן מענטשן, וועלכע זײַנען דורכגעגאַנגען אַ שווערן און רומפולן וועג איבער אונדזער ערד, פאַרזוכט קאַלטס און וואַרעמס, אויסגעשטאַנען פיל ניסיוינעס אין די שווערסטע און גרויזאַמסטע יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט און ניט פאַרנייגט די קעפּ פאַרן בלוטדאָרשטיקן סוינע, ניט אָנגעווירן דעם מוט, דעם גלויבן אין יושער, גערעכטיקײַט און דערוויזן דער גאַנצער וועלט, אַז ניט געקוקט אויף אַלץ איז מען געבליבן מענטשן. קיין זאַך האָט זיי ניט אײַנגעבראָכן, ניט געקאָנט שטעלן אויף די קני. און נאָך האָבן זיי באַוויזן, אַז די גרויסע פרײַנטשאַפט פון מענטשן, פעלקער איז אַפּט שטאַרקער פון אײַזן.

פאַשטעטער גערעדט, איר וועט דאָ איבערלייענען אַ געשיכטע וועגן יענע טרײַע האָרעפּאַשניקעס, וואָס האָבן ניט געזשאַלעוועט זייער מי פאַר די קומענדיקע דוירעס און האָבן בעשאַס די גרעסטע אויספּרוּוון ערלעך געפלאַנצט זייער אייל־בירט־בוים.

ווען עס האָבן זיך צעבושעוועט די קאַרפּאַטן

דער פרעמדער

אייגנטלעך, האָט מען דאָ גאַנץ לאַנג ניט געוווּסט זײַן עמעסן נאָמען, און אין דעם שטעקט די סיבע, וואָס מענטשן האָבן אים גערופן, ווי ס׳איז זיי געקומען אַפן זינען.

באַ וועמען ער האָט געהייסן פיליפּ, פיאָדער, באַ וועמען — פריקע, פּראַים... אָדער גאָר — דער שטומער, דער פרעמדער.

און אים האָט עס לאַכלוטן ניט געאַרט. ער האָט זיך אַף קיינעם ניט באַליידיקט.

אינדערעמעסן, וואָס האָט ער געקאָנט האָבן פאַרא טײַנעס צו יענעם, אַז ער אַליין האָט העכער אַ האַלב יאָר ניט געוווּסט, ווי ער הייסט, ווו ער געפינט זיך און ווו איז זײַן היים, זײַנע פרײַנט און קרויווים. ער האָט זיך לאַנג ניט געקאָנט פאַרשטעלן, וואָס פאַר אַ ווינט האָט אים פאַרטראָגן צו דעם ווײַטן קאַנט, צווישן הויכע גרינע בערג, אַלטע רוישיקע וועלדער מיט האָסטיקע באַרג־שטראָמען, און ווּהין דו זאָלסט ניט אַ פיר טאָן מיטן אויג, זעסטו שוואַרצע נאַפט־טורעמס, וואַלקנס דאַמף, רויכן.

ער האָט אויך לאַנג ניט געקאָנט פאַרשטיין, ווער זײַנען עס די אומבאַקאַנטע מענטשן, וואָס האָבן אַרום אים און באַמיִען זיך אים שטעלן אַף די פיס.

ערשט אין אַ צײַט אַרום, אין איינער אַ שפּעטער נאַכט, ליגנדיק אַפן שפּיטאָל־בעטל אין פיבער, האָט זיך צו אים אַף עטלעכע מינוט אומגעקערט דער באַוווּסטזײַן, און ווי אין אַ בייזן כאָלעם האָט ער זיך דערמאָנט, וואָס מיט אים איז געשען.

...אָנהייב פרילינג. אַ קאַלטע כווישעכדיקע נאַכט איז געהאַנגען איבער בערלין. פונעם בלײַענעם הימל האָט זיך געזיפּט אַ נימעס רעגנדל, וואָס האָט דורכגענומען ביז די ביינער. צום שוואַך־באַלויכטענעם וואָקזאַל איז ענדלעך צוגעגאַנגען דער עשעלאָן מיט די אָקאָרשט מאָבילייזירטע סאָלדאַטן. אַרום איז געשטאַנען אַ טומל. מע האָט די סאָלדאַטן אַרויסגעטריבן פון די ענגע, אָנגערייכערטע וואַגאָנעס, אויסגעשטעלט אין לאַנגע קאָלאָנעס און אַוועקגעטריבן צום גרויסן פּלאַץ, ווו עס האָבן געטשאַדעט טויזנטער פאַקעלן איבערן מוירעדיקן האַמוין, וואָס האָט געשריגן, גערעוועט, געגוואַלדעוועט, געדראָאַט, געבושעוועט: „דויטשלאַנד איבער אַלעס! עס לעבע דער קײַזער ווילהעלם! נאָך אָסטען!"

פון אַלע זײַטן זײַנען צוגעקומען מענגעס מענטשן. דער האַמוין איז זיך צעוואַקסן, און עס איז שוין ניט געווען ווו אַ נאָדל אַרײַנוואַרפן. דער האַמוין האָט זיך נאָך שטאַרקער צערעוועט, ווען אַף דער טריבונע האָט זיך באַוויזן דער קײַזער ווילהעלם מיט זײַן סוויטע.

אַ באַלויכטענער פון די פאַקעלן, האָט ער מיט אַ שמייכעלע באַטראַכט די פּאַטריאָטן, אַ ריגעווע געטאָן מיט די לאַנגע העלע וואָנצעס, וואָס האָבן געסטאַרטשעט אַף מיזרעך און מײַרעוו, פאַריכט דעם גלאַנצנדיקן העלם אַפן קאָפּ און אופגעהויבן די רעכטע האַנט — אַף אײַנשטילן דעם צעבושעוועטן אוילעם.

— נאָך אָסטען, טרײַע זאָלדאַטן פון רײַך, — האָט ער אויסגעשריגן, — נאָך אָסטען, פּאַטריאָטן פון פאָטערלאַנד! מיט אונדז איז גאָט, מיט אונדז דער זיג!

אין אונטערשייד פון די אַלטע סאָלדאַטן און יענע, וואָס זײַנען אהער, אַפן פּלאַץ, געקומען אַף זייערע מיליצעס, ווי אויך די זאַטע, אָנגעפרעסענע בירגער, וועלכע האָבן געשריגן ביז טויב צו ווערן, איז אונדזער העלד געווען אַ פרישינקער, אַ יונגער סאָלדאַט. ס׳נאָך קיין וואָך ניט אַדורך, זינט מע האָט אים געבראַכט פון אַ ווײַט־פרײַסיש דערפל אין קאַזאַרמע, אים אָפּגעריסן פון דער קאָוואַדלע, אָפּגעשיידט פון די אַלטע, געליימטע עלטערן, וועלכע זײַנען געלעגן צו בעט און זיך געמוטשעט — ניט געקאָנט ניט לעבן, ניט שטאַרבן. מ׳האָט אים אַרײַנגערוקט אַ ביקס אין האַנט, אַרופגעצויגן אַף אים די קאַסקע און פאַרן אַוועקטרײַבן אַפן רוסישן פראָנט אים, פונקט ווי טויזנטער אַזעלכע, ווי ער, געבראַכט אַפן בערלינער פּלאַץ, קעדיי אַרײַנפּאָמפּען אין אים עכטן פּאַטריאָטיזם. זעט אויס, אַז קיין גרויסן כיישעק גײַן זיך שלאָגן מיט רוסלאַנד האָט ער ניט געהאַט. דערצו נאָך, האָט דער דאָזיקער פאַרשוין,

דאכט זיך, אַף אַלץ געטויגט, נאָר ניט פאַר קיין סאָלדאַט, ווײַל ער האָט פאַרמאָגט א קרומען פוס און מע האָט אים שוין לאַנג פאַרבראַקירט... אָבער ביטערע כמאַרעס האָבן זיך אַראָפּ־געלאָזט איבערן פאָטערלאַנד. נאָך דעם, ווי דעם קײַזערס כאַיל האָט אַרײַנגעכאַפּט שווערע קלעפּ, האָט ער צונויפגעזאַמלט די לעצטע קויכעס און אוועקגעטריבן אַפן פראָנט. און צווישן זיי איז אויך געווען אונדזער הינקעדיקער פאַרשוין.

איצט איז ער, נעבעך, געשטאַנען אין דער ענגשאַפט א פריהלושעטער פונעם רעווען, פון די גוואַלדן און געשרייען, פונעם פאַקעלן־טשאַד, און האָט בעשום־אויפן ניט געקאָנט באַגרײַפן, כאָטש הארגע אים אוועק, פאַרוואָס מוז ער גיין דערטרינקען רוסלאַנד אין בלוט, פאַרניכטן דאָס לאַנד, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געזען אין די אויגן.

נאָר אויב אַזויפיל מענטשן רעווען און רײַסן די גאָרגלען, איז וואָס האָט ער געקאָנט מאַכן? דערפילט אַף זיך בייזע בליקן און דאָס שטורכען פון שאַרפע עלנבויגנס, האָט אים אָנגע־כאַפּט א פּאַכעד, און ער האָט אויך עפּעס גענומען שרײַען — וואָס, האָט ער אַליין ניט געוווּסט! די ערשטע וועלט־מילכאָמע איז געווען אין רעכטן ברען.

פאַר די אָנדערהאַלבן מילכאָמע־יאָר האָט דער דײַטש שוין פאַרזוכט דעם זיסן טאַם פון לײַכטע ניצחוינעס און דעם ביטערן טאַם פון שווערע מאַפּאָלעס.

אָבער אין יענער צײַט, וועגן וועלכער עס גייט דאָ א רייד, איז דער קײַזער ווילהעלם און זײַן שוטעף, דער אימפּעראַטאָר פראַנץ־יאָסיף, געלעגן נײַן איילן אין דער ערד. די סאָל־דאַטן זײַנען געזעסן פאַרגראָבן אין די אָקאָפּעס און טראַנשייעס און פאַרשאָלטן זיך און די הערשער זייערע, געליטן פון קעלט און קרענק, אויסגעריסן געוואָרן. מיט שרעק און פּאַכעד האָבן זיי אַרויסגעקוקט אַפן פרילינג און אַפן זומער, געהאָפט, אַז דער ביטערער קריג זאָל זיך ענדיקן, מע זאָל שוין פון אים פּאָטער ווערן. נאָר נאַטשאַלסטווע האָט געגלייבט, אַז מע וועט אין די קאַרפּאַטן קאָנען דערלאַנגען א קלאַפּ איבער די רוסישע אַרמייען און אַרויספירן רוסלאַנד פון קריג, פאַרקערעווען דעם דישעל אַף מײַרעוו, און זיך צערעכענען מיט די רוסלענדישע פאַרבינדעטע.

דערווײַל האָט מען מיטינגירט, זיך געגרייט, צונויפגענומען די לעצטע רעזערוון. מע האָט אומעטום געפּרוווט צעוואַרעמען דעם פּאַטריאָטיזם, אונטערגיסן בוימל אין פײַער, עס זאָל ניט אָפּפאַלן דער כיישעק שטאַרבן פאַרן פאָטערלאַנד.

הער נאָר א מײַסע! לאָזט זיך אויס, אַז דער דאָזיקער יונגערמאַן איז גאָר ניט קיין גרוי־סער אָנהענגער פון דער מילכאָמע, אַז ער דאַרף זי האָבן, די מילכאָמע, ווי א לאָך אין קאָפּ! און אויך אַף אים רעכנט דאָך איצט אויס דער קײַזער, כאָטש א שטיקל כאַרפּע פאַר זײַן הינקעדיקן פוס האָט ער געפּילט.

נאָר וואָס האָט דער קײַזער ווילהעלם, נעבעך, געזאָלט טאָן, אַז יענע, וואָס האָבן געקאָנט האַלטן מילכאָמע, זײַנען שוין געווען אַף יענער־וועלט, דאָרטן, ווו מע דאַרף ניט שיסן.

איצט איז געקומען די צײַט פון די רעזערוויסטן.

זאָגן, אַז מיט די אָפּגעשלאָגענע הוישײַנעס — קרומע, שטומע, קראַנקע — קאָן מען קאָכן א קאַשע, איז דאָך ניט שײַעך, נאָר קיין אַנדער ברײַרע האָט דער קײַזער ניט געהאַט.

איז — די ביקס אַפן אַקסל, און הײַדאַ, אַף רוסלאַנד.

— נאָך אַסטען!

עס טרעפן דאָך ניסים אַף דער וועלט, וועט, מעגלעך, אויך איצט טרעפן א נעס, און דער קײַזער וועט דאַפקע מיט אַזעלכע סאָלדאַטן באַזיגן רוסלאַנד.

אַף אָט דעם יונגנמאַן, הייסט עס, איז איצט געשטאַנען די וועלט. ער האָט געדאַרפט ראַטעווען דעם רײַך.

צוויי מאָל האָט די מיליטער־קאָמיסיע דעם פאַרשוין אַרויסגעטריבן, ער זאָל, הייסט עס, שטיין בא זיך אין קוזניע, בא דער קאָוואַדלע, און ניט קומען מער אַהער פאַרמיִעסן דאָס פּאָנעם פונעם זיגרײַכן קײַזערישן כאַיל, ווײַל אײַנדערעמעסן, וואָס פאַר א פּאָנעם וואָלט געהאַט אַף דער מילכאָמע א מענטש מיט א קרומען פוס?

אָבער אַצינד...

— הײַדאַ, נאָך אַסטען!

אָן אַנדער ברײַרע האָט ער געהאַט? האָט ער צוגעשלאָסן די קליינינקע קוזניע אַף א שלאָס דאָרטן אין עק דערפל, אָפּגעוואַשן פון דער סאַזשע די שווערע פאַראַרעוועטע הענט און געגאַנגען ווערן סאָלדאַט באַם קײַזער ווילהעלם, געגאַנגען מיט אָן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי צו דער אַקיידע.

וואָס איז נעגייע דעם אַלטן טאַטן דעם שמיד און דער מאַמע — זײַנען זיי, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, געלעגן אומבאַוועגלעכע צו בעט. פאַר זיי וועט זיך, זעט אויס, שוין זאָרגן

גאָט און דער קייזער. נאָר דעריקער וועט באַ זייערע געלעגערס ארומגיין, ווי פריִער, די אָרעמע יעסוימעע בערטע, דאָס ארבעטזאמע מיידל, וואָס איז נאָך פאַראַיאָרן צוגעוואַקסן געוואָרן צו זייער שטוב, געהאָלפן פירן די באַלעבאַטישקייט, אָפּגעהיט די קראַנקע, געקאָכט און געראַמט און איינגעוועגס געקוקט, ווי א קאַץ אַף סמעטענע, אַף זייער זון, דעם שמיד, דעם אײַזערנעם שווײַגער, און ניט אָנגעווירן די האָפענונג, אַז ער וועט מיט איר כאַסענע האָבן...

בערטע איז ניט געווען קיין איבעריקס שיינע, נאָר א כיינעוודיקע און א גוטע באַלעבאָסטע דאָס יאָ. די ארבעט האָט געברענט אונטער אירע הענט. די קראַנקע באַלעבאַטים האָבן פון איר שטאַרק געהאַלטן און וואָלטן אויך ניט געווען קעגן, זייער זון זאָל אָנהייבן קוקן אַף איר מיט אַנדערע אויגן. ווו וועט ער זיך זוכן אַן אַנדערע, אַז זי, בערטע, איז פאַר דער קורצער צײַט געוואָרן, ווי אַן אייגענע.

ער האָט וועגן דעם געוווּסט, נאָר געשוויגן.

ווער ווייסט, עפשער איז ער אויך ניט געווען אינגאַנצן גלײַכגילטיק צו דער פעסטער, בלאָנדער מויד, נאָר צו אלע צאָרעס זײַנע, איז ער נאָך געווען א שעמעוודיקער. דערצו איז אַף דער וועלט געווען א בלוטיקער קריג, און דער קאָפּ איז ניט געווען באַ קיין כאַסענעס. קיינער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז דער קייזער וועט רופן צום פריזיוו יונגעלײַט מיט כעסרוינעס. איז האַסטו דיר! דעם שמידס בעניאָכיד איז אויך אַרײַן אין קאָן!

די פּאָר טעג, וואָס דער באָכער האָט זיך געגרייט אין אומבאַוווּסטן וועג אַרײַן, איז בערטע ארום אים ארומגעגאַנגען, ווי א שאָטן, אים פארלאָפּן אלע וועגן, זיך אַלץ ניט געקאָנט אײַנשטעלן אים זאָגן, אַז זי האָט אים ליב און אַז זי וועט אַף אים וואַרטן וויפל עס זאָל ניט דויערן די צעשיידונג זייערע. אויב עס איז איצט ניט באַשערט כאַסענע האָבן, מאַכט ניט אויס, זאָל זײַן, ווען ער וועט זיך אומקערן פון קריג. זי וועט אים שיקן בריוו און פעקלעך, זי וועט ארומגיין ארום זײַנע אומגליקלעכע עלטערן, אָפּהיטן זײַן באַלעבאַטישקײַט, האַרעווען טאָג ווי נאַכט און אים זײַן טרײַ און איבערגעגעבן.

נישקאָשע, דאָס האַרץ זאָגט איר, אַז כאָטש ער קוקט ניט אין איר זײַט, איז ער איר זיווּג.

און בערטע האָט צונויפגענומען אלע אירע אויסגעווייטעקטע קויכעס פון אַן עלנט מיידל, אַן אָרעמער יעסוימע, און באַשטימט וואַרטן אַף איר גוירל, אַף דעם אײַזערנעם, קאַלטן שווײַגער.

דאָס גאַנצע דערפל האָט אים ארויסבאַגלייט אַף דער מילכאָמע, ווי מע באַגלייט ארויס א מעס אַף יענער־וועלט. סאָלדאַטקעס האָבן זיך באַגאָסן מיט ביטערע טרערן און געטראַכט דערבײַ, אַז אויב דער קייזער טרײַבט שוין אַפּן פראָנט אַזעלכע אומגליקלעכע קאַליקעס, הייסט עס, אַז עס איז דאָרטן גוט פּאַסקודנע! דאָס פאַטערלאַנד ליגט טיף אין דער ערד. מע איז, נעבעך, געשטאַנען אָנגעשפּאַרט באַ די פּלויטלעך מיט צונויפגעלייגטע הענט און פאַרדײַגעטע, פאַרזאָרגטע געקוקט אַפּן לעצטן כאָסנבאָכער, וואָס האָט פאַרלאָזט די היים.

אלטע, אויסגעדינטע סאָלדאַטן — קאַליקעס, סקעפּטיקער, וועלכע האָבן אַמאָל פאַרזוכט דעם טאַם פון מילכאָמע, האָבן באַטראַכט דעם הינקעדיקן שמיד און געשאָקלט מיט די קעפּ:

— נו, איצט ציטער, רוסלאַנד! אונדזער שמיד וועט דיר ווײַזן, ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט!

און איצט איז ער געשטאַנען אינמיטן דעם גרויסן בערלינער פּלאַץ, אין דער מוירעדיקער ענגשאַפט, א פאַרטשאַדעטער פון די פּאַקעלן און פון די פלאַמיקע פּאַטריאָטישע גוואַלדן, געווען פאַרטויבט פון דעם טומל.

גלײַך פונעם פּלאַץ האָט ער אוועקגעמאַרשירט אַפּן פראָנט.

דער גוירל האָט אים פאַרטראָגן טיף אין די קאַרפּאַטן. דער קייזער האָט געמאָלדן, אַז דאָרטן וועט ער דערלאַנגען דעם לעצטן און אַנטשיידנדעם קלאַפּ איבער די רוסישע אַרמייען, און גליקלעך איז יענער זעלנער, וועלכער וועט האָבן די ערע אָנטיילנעמען אין דעם היסטאָרישן לעצטן שלאַכט...

און צווישן די גליקלעכע איז געווען דער הינקעדיקער שמיד פונעם ווײַטן פרײַסישן דערפל.

ער האָט זיך אָבער נאָך ניט פאַרגעשטעלט, אַז דאָרטן וועט פאַר אים זײַן די ערשטע און לעצטע שלאַכט.

דעריקער איז געדולד און גלויבן. אַזוי האָט געזאָגט דער קייזער. אַזוי האָט געמאָלדן דער אַלטער אימפּעראַטאָר פראַנץ־יאָסיף.

אפילו אין פאַרגלײַך מיט זײַן פאַרשוואַרצטער, קליינינקער קוזיניע דאָרטן אין פּריסישן דערפל, וואָס איז געשטאַנען צווישן זומפּן און בלאָטעס, איז די טראַנשיי, וווּהין ער איז געקומען, ענלעך געווען אַף א קייווער. באַזונדערס נאָך די פּרילינגדיקע רעגנס, וועלכע האָבן נאָך די ערשטע דונערס און בליצן געגאָסן אָן אופהער איבער די הויכע קאַרפּאַטן־בערג.

אַרום איז אַלץ געווען צעווייקט, פאַרבלאָטיקט, און ער האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז מע וועט פון דעם אומגליק קאָנען אַרויסשלעפּן די פיס. די ווענט און שטעגן זײַנען געווען צעוואַשן, און די קאַשעוואַרן איז שווער געווען זיך דערשלעפּן אַהער. האָט מען טאַקע גאַנץ שיין געהונגערט און דערבײַ געציטערט פון קעלט.

אַרום האָבן געגרוישט די שלאַנקע און דיקע סמערעקעס — פּיכטעס און די אָנגעכמורעטע יעלן. ניט ווײַט האָט געבושעוועט דער ווילדער באַרג־שטראָם און אָנגעוואָרפן א פּאַכעד. באַנאַכט זײַנען די ביימער געשטאַנען ווײַסע, אויסגעצויגן, ווי די סאָלדאַטן, וואָס גאַנווענען זיך צו זײַן טראַנשיי, און ער האָט מוירע געהאַט, געציטערט. פאַר די עטלעכע טעג, וואָס ער איז געזעסן אין דער גרוב, האָט ער זיך אָנגעהערט מיט שרעקלעכע געשיכטעס, געשיכטעס וועגן דעם, ווי עס פאַרגאַנווענען זיך אַהער רוסישע אויסשפּירער און שלעפּן אַוועק זעלנער, מע פרעגט זיי אויס, מע דערוויסט זיך בא זיי אַלע מיליטערישע סודעס, דערנאָך פאַרשיקט מען זיי קיין סיביר, ווו עס גייען אַרום גאַנצע מאַכנעס ווײַסע רוסישע בערן.

פון מאָל צו מאָל האָבן זיך דורכגעטראָגן איבער דער טראַנשיי וואָיענדיקע סנאַריאַדן, און עס האָט מיט אים, מיט דעם הינקעדיקן, אָנגעהויבן מאָרדעווען. ער האָט זיך בעשום־אופן ניט געקאָנט צוגעוווינען צו דער געפאַר, וואָס האָט געוועלטיקט אַרום, און יעדער מאָל, דערהערנדיק דעם געוואָי פון די סנאַריאַדן, דאָס שטעפּערײַ פון די קוילנוואַרפער, האָט ער געשעפּטשעט א טפילע צו גאָט, יענער זאָל זיך דערבאַרעמען איבער אים און די געליימטע עלטערן זײַנע.

דער פרילינג איז געגאַן און געררייצט מיט די שטאַרקע רייכעס.

און ער, דער יונגערמאַן, האָט געטראַכט וועגן זײַן שטיקל פעלד צווישן די בלאָטעס און זומפּן פון יענער זײַט דערפל. עס פוסטעוועט, דאָס שטיקל ערד, און קיינער וועט עס ניט פאַרזייען. עס פוסטעוועט די קוזניע זײַנע, און ער וואָלט איצט געהאַט א וועלט מיט אַרבעט. ווען ער איז דאָרטן!

ווער זשע האָט אויסגעטראַכט אַזא מיִעס און וויסט לעבן?

וויפל קאָן זיך עס אַזוי ציִען? אַזויפיל מענטשן אַרום, און יעדער האָט איצט איין דײַגע — הארגענען איינער דעם צווייטן. דער שטאַרקערער וועט פאַרטיליקן דעם שוואַכערן, צעטאָפּטשען, דערשטיקן, צערײַבן אַף שטויב.

און פאַרוואָס? פאַר ווען? פאַר וועלכע זינד?

ער האָט זיך געשראָקן פאַר זײַנע געדאַנקען, ווײַל דער אָבערלייטענאַנט קורט נויקראַנץ האָט געוואָרנט, מע זאָל ניט טראַכטן וועגן גאָרניט, בלויז וועגן זיג איבער די רוסן. מע זאָל בעטן גאָט פאַרן קייזער און פאַרן פאָטערלאַנד. און דאָס איבעריקע איז בלאָטע.

ניט לאַנג איז געבליבן זיך דאָ מוטשען, אָט וועט די זון זיך צעשפּילן, אויסטריקענען די וועגן און שטעגן, און דעמלט — היט זיך, ראַסייע!

דעריקער איז — געדולד! האָפענונג!

און סאָלדאַטן האָבן זיך אָנגענומען מיט געדולד — סײַ דײַטשישע, סײַ עסטרײַכישע.

ניט קיין סאַך איז געבליבן צו וואַרטן!

און מע האָט זיך דערוואַרט.

אין איינער א כוישעכדיקער נאַכט, ווען אַרום איז אַלץ איינגעשלאָפן און קיינער האָט זיך ניט געריכט אַף קיין געפאַר, האָבן זיך די קאַרפּאַטן פּלוצעם אַזוי צעהילכט, גלײַך ווי עס וואָלט זיך אָנהייבן א מוירעדיקע ערדציטערניש.

אָנצאָליקע רוסישע האַרמאַטן האָבן באַשאָסן די פײַנטלעכע פּאָזיציעס מיט א האָגל פון סנאַריאַדן, דער גאַנצער אַרום איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א גענעם. עס האָט זיך אויסגעמישט די ערד, די ביימער, די קוסטעס. די טראַנשייעס זײַנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קוואָרים. אַרום האָבן זיך געוואַלגערט דערשאָסענע. פאַרוווּנדעטע האָבן געבעטן הילף און זיך ניט דערוואַרט — אויסגעגאַנגען, ווי די ליכט, פאַרשעלטנדיק די שאָ, ווען מע איז גע־בוירן געוואָרן.

מע האָט ניט באַוויזן קומען צו־זיך, צונויפנעמען די לעבנגעבליבענע, אונטערציִען די רעזערוון פון די אַנדערע ליניעס, ווי פאַר די צעמאַזיקטע און אופגעאַקערטע טראַנשייעס און אָקאָפּעס האָבן זיך באַוויזן די רוסישע סאָלדאַטן מיט שפּיזן, עס האָבן זיך אַרײַנגעריסן

די קאזאקן אויף זייערע צעהיצטע פערד און געקאָסעט מיט די שווערדן אויף רעכטס און אויף לינקס.

מעכטיקע הורא־געשרייען האָבן באהערשט דעם גאנצן ארום און אָנגעוואָרפן אויף די סאָלדאטן ניט קיין קלענערן פּאַכעד, ווי די שווערדן און שפּיזן.

דער הינקעדיקער סאָלדאט האָט ניט געוואַרט אויף אזא קאַבאַלעס־פּאָנעם אין די קאַר־פּאַטן. זײַנע עלטסטע האָבן צוגעזאָגט גאָר־גאָר עפּעס אַנדערש: מעדאלן, קרייצן, א שנעלן זיג איבערן סױנע און — די היים. נאַר, מאַמע געטרײַע, וואָס טוט זיך עס! די לופט איז אָפּגעסאַמט מיט רויך, פּולווער. די סנאַריאַדן רײַסן פון דער ערד און פון די ביימער שטיקער.

דער סאָלדאט האָט דערפילט, אז ער איז טויב און שטום געוואָרן. אין בויך האָט גענומען בורען און די האָר האָבן זיך אים געשטעלט קאַפּויר. אין די אויגן איז פינצטער געוואָרן.

ער האָט זיך קוים ארויסגעדראַפּעט פון דער פאַרשאָטענער גרוב אָפּן ברוסטווער און דערזען, ווי צווישן דעם רויך און שטויב, פאַרבײַ די פאָנטאַנען ערד און שפּענער, טראָגן זיך, ווי די דולע, זײַנע לעבנגעבליבענע שכיינים. דעמלט האָט ער א שלײַדער געטאָן די ביקס, דעם העלם און זיך אויך געלאָזט לויפן ארויף־באַרג. ער ווייסט ניט, פונוואַנען עס האָבן זיך צו אים גענומען קויכעס, נאָר דער פּאַכעד האָט אים געטראָגן, ווי אויף פליגלען. ער האָט געוואָלט דעריאָגן זײַנע שכיינים. טאַקע יענע זעלבע סאָלדאטן, וועלכע זײַנען דעמלט געשטאַנען אָפּן גרויסן פּלאַץ און גערעוועט, ווי די ניט דערשאָכטענע, אז מע וועט דערלאַנ־גען רוסלאַנד א פאַרניכטנדיקן קלאַפּ.

איצט איז מען, נעבעך, געלאָפן און פאַרשאָטן מיט קלאָלעס דעם קײַזער מיט דער מילכאָמע זײַנער.

און ער האָט, קוים איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם, זיך באַמיט דעריאָגן זײַניקע. ער האָט אָבער דערפילט, ווי די קויכעס פאַרלאָזן אים, אָט־אָט וועט ער פאַלן אויף די גליטשיקע פעלדזן.

— מײַן גאָט! — האָט ער פּלוצעם זיך דערמאָנט אין יענעם, וואָס קאָן אין אזא רעגע אָפּראַטעווען א דײַטשישן סאָלדאט. — מײַן גאָט, העלף מיר, טראָג מיך ארויס פון דעם גענעם. שענק מיר דאָס לעבן. איך האָב קיין איין מאָל ניט אויסגעשאָסן אין קיין מענטשן. העלף מיר, גאָט, דערהער מײַן געבעט...

און זײַן געבעט איז דערהערט געוואָרן.

איבערן קאָפּ האָט דורכגעהילכט א שווערער סנאַריאַד, א האַק געטאָן אין א נאָענטן פעלדז. דערנעבן האָט עפּעס געפּלאַצט, און עס איז פינצטער געוואָרן פונעם מעכטיקן קנויל רויך, שטויב, ערד, שטיין... א מוירעדיקע לופט־כוואַליע האָט אים אונטערגעהויבן און א שלײַדער געטאָן אין די געדיכטע קוסטעס. א הייסער שפּליטער האָט א ריס געטאָן זײַן לײַב, און עס איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ער איז געבליבן ליגן אין דער געדיכטעניש פון די קוסטעס, באַ א זומפּ.

ער האָט דערזען דעם טויט פאַר די אויגן און דערפילט, ווי דער באַוווסטזײַן פאַרלאָזט אים. די איבערגעטריקנטע ליפּן האָבן געשעפּטשעט: „אלץ"...

ער האָט אָבער ניט געוווסט, אז ער האָט נאָך א שטיקל מאַזל. ווען עס שלײַדערט אים ניט אוועק אין די געדיכטע קוסטעס, וואָלט ער צעטאָפּטשעט געוווען פון די רוסישע זעלנער, וועלכע האָבן זיך אָקאָרשט דאָרטן באַוויזן.

זיי זײַנען אײַלנדיק געגאַנגען ניט ווײַט פון די קוסטעס, וווּ ער איז געלעגן פאַרזונקען, און אים ניט באַמערקט.

דער אומופהערלעכער געקנאַל פון הונדערטער האַרמאַטן האָט, זעט אויס, צונויפגעט־ריבן איבער די קאַרפּאַטן א גאַנצע טשערעדע וואָלקנס, און עס האָט א גאָס געטאָן א רעגן. צוזאַמען מיטן האַרמאַטן־געהילך האָט זיך דערהערט א מוירעדיקער הילך פון א דונער, און דעם פאַרוואָלקנטן הימל האָבן גענומען שנײַדן בליצן.

דער רעגן האָט זיך געשטאַרקט, און געדאַכט האָט זיך, אז אויב עס וועט נאָך א ביסל אזוי דונערן, בליצן, קנאַלן, וועט זיך די ערד איבערקערן, די גרינע בערג וועלן זיך צעשיטן, די וועלט וועט אונטערגיין. אין פאַרשיידענע זײַטן האָבן זיך א יאָג געגעבן די באַרג־שטראָמען, געיאָגט באַרג־אַראָפּ, ווי זיי זאָלן וועלן וואָס גיכער אָפּוואַשן דאָס אָקאָרשט פאַרגאָסענע מענטשישע בלוט.

אָבער דאָס אלץ האָט יענער שוין ניט געהערט און ניט געפילט. די געדיכטע קוסטעס אין די קאַרפּאַטן זײַנען געוואָרן זײַן פּאַנצער.

ער האָט ניט געהערט און ניט געזען דעם אָנגריף פון די רוסישע זעלנער, וואָס זײַנען געגאַנגען איבער די בלאָטיקע און גליטשיקע וועגן אלץ טיפער און טיפער אין די קאַרפּאַטן.

פאַר אים האָט זיך די מילכאָמע געענדיקט.

...וויפל צײַט איז פאַריבער, זינט עס האָט אים אַרויסגעשלײַדערט אַהער, אין די קוסטעס. הייבט ער ניט אָן צו וויסן. מעגלעך, א טאָג, צוויי און עפשער מער?

דאָס לעבן האָט זיך צו אים אומגעקערט פּאַמעלעך.

ער האָט קוים־קוים אופגעריסן די אויגן און זיך ארומגעקוקט, ווי נאָך א בייזן, שרעקלעכן כאָלעם.

ארום האָבן געגרוישט די הויכע אויסגעשמיסענע סמערעקעס און יעלן. זיי האָבן אינגאַנצן אָנגעוואָרן זייער שטאָלצן כיין, געשטאַנען אָן די קרוינען, אָן הויט און ביין, מיט צענעריקטע שטאַמען און צעבראָכענע צווײַגן.

דאָ און דאָרט האָבן זיך געוואַלגערט דערהאַרגעטע זעלנער. אין די געדיכטע קוסטעס האָבן געקראַקעט ראָבן. פויגלען האָבן געטומלט, און דאָס איז געווען דער בעסטער סימען, אַז דער פראָנט איז שוין ווײַט פונדאַנען, אַז דאָ האָט די שלאַכט זיך שוין געענדיקט.

סאַראַ שיינע וועלט אַרום! ווען ניט דער צעהאַרגעטער וואַלד, וואָלט די וועלט אויסגעזען נאָך שענער.

דער באַוווּסטזײַן האָט זיך געגומען אומקערן. ער האָט זיך געפּרוּווט אונטערהייבן אַף די עלנבויגנס, נאָר קיין קויכעס האָבן ניט געקלעקט דערויף, איז ער ווידער געפאַלן אינעם קלעפּיקן דזשעגעכץ. ארום איז פּוסט, הויל. בלויז שוואַרצע ראָבן טראָגן זיך אין דער לופט. זיי וואַרטן געוויס, ער זאָל צומאַכן די אויגן... אין קאָפּ רוישט. ער הערט ווידער די אויסגעשרייען: „הוראַ!", „סלאַוואַ!". א שטאַרקע קעלט האָט דורכגענומען דאָס גאַנצע לײַב זײַנס. א דאָרשט האָט אים גענומען מאַטערן. ער האָט זיך אָנגעבויגן צום זומפּ, געוואָלט באַנעצן די איבערגעטריקנטע ליפּן, נאָר דערזען, אַז דער זומפּ איז רויט פון בלוט, האָט ער זיך אָפּגעקערט. מיט די ציטערנדיקע, אָפּגעשוואַכטע פינגער האָט ער אָנגעטאַפּט די באַקלאַזשקע, זי איז אָבער געווען פּוסט — א שפּליטער האָט זי דורכגעגעבערט...

ער האָט געפּרוּווט א געשריי טאָן, עפשער וועט עמעצער אים דערהערן און אים העלפן, נאָר קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן. עמעס, זײַן קאָל איז געווען אַזוי שוואַך, אַז ער האָט זיך אַליין ניט געהערט.

ער האָט אָנגעטאַפּט עטלעכע גרעזלעך, פײַכטע, פרישע, געוואָלט זיי נעמען אין מויל, זיי אויסזויגן, נאָר וואָס איז דאָס? בלוט אַף די גרעזלעך! ארום אים — בלוט! זעט אויס, א סאַך בלוט האָט ער פאַרלוירן.

א שרעקלעכער ווייטעק האָט אים ארומגעכאַפּט. צי דען איז אים באַשערט אָט דאָ, ווײַט פון מענטשן, שטאַרבן, און קיינער וועט ניט וויסן, ווו זײַן געביין איז אהינגעקומען?

די זון האָט געוואַרעמט, נאָר אים איז שוין געווען אַלצײַנס. ווידער האָבן זיך פון אים ערגעץ אָפּגעטאָן די קויכעס. אָנגעשפּאַרט דעם שווערן קאָפּ אַף א שטיקל איבערגעפוילטער קלאָץ, איז ער ווידער אַרײַנגעפאַלן אין א טיפן דרעמל. ווידער פאַרלוירן דעם באַוווּסטזײַן.

ער איז, זעט אויס, לאַנג אַזוי געלעגן א פאַרכאַלעשטער. ווען ער האָט אָפּסנײַ אופגעריסן די אויגן, האָט ער דערזען איבער זיך אָן אויסגעשטערנטן, ליכטיק־בלויען הימל און א פולע לעוואָנע. ניט גאָר קיין געוויינלעכע. אַזאַ האָט ער, דאַכט זיך, נאָך קיינמאָל ניט געזען. זי איז געהאַנגען, ווי זי וואָלט זיך פאַרטשעפּעט פאַר די הויכע סמערעקעס, א צונטעררויטע, אָן אָנגעגליטע. ער האָט דערפילט א שטאַרקע קעלט, אָנגעהויבן ציטערן. די דאָזיקע קעלט האָט אים, דאַכט זיך, אופגעוואָרעט פונעם שטאַרקן שלאָף. און עפשער ניט אַזוי די קעלט, ווי דאָס שרעקלעכע שיפּען, וואָס האָט זיך דערהערט ניט ווײַט פון אים.

ער האָט ברייטער צעעפנט די אויגן און דערזען פון יענער זײַט קוסטעס א מאָדנע באַשעפעניש, וואָס האָט געקוקט אַהער און זיך געקליבן, ווי אים האָט זיך געדאַכט, אַף אים א שפּרונג טאָן.

„מײַן גאָט! מײַן גאָט!.. וואָס איז דאָס פאַר אַן אַנשיקעניש? צי איז דאָס ניט קיין כאָלעם? ניט דערהאַרגעט געוואָרן פון קיין קויל און פון א שפּיז, רוקט זיך אָן אַף מיר א שרעקלעכע באַשעפעניש..." — האָט א בליץ געטאָן אין מויעך.

אָבער דאָס איז געווען ניט קיין כאָלעם. זעט אויס, א געטריבענער פונעם מוירעדיקן געקנאַל פון האַרמאַטן און ביקסן, האָט זיך ארומגעטראָגן איבער די בערג א סטאַדע ווילדע הירשן, דערשראָקענע, הונגעריקע, צערייצטע, און אָט האָט איינער פון זיי פאַרבלאָנדזשעט אַהער.

אָט־אָט, — האָט געטראַכט דער אומבאַהאָלפענער מענטש, — וועט די כײַע דורכשטעכן אים מיט זײַנע מוירעדיקע הערנער, וואָס סטאַרטשען, ווי די שאַרפע שפּיזן.

די האָר באַם פּאַרוואונדעטן האָבן זיך געשטעלט קאַפּויר. ער האָט געפּרוּווט מיט זײַנע ציטערנדיקע הענט אופהייבן א צוויַיג, קעדיי א שלײַדער טאָן זי אין דער כײַע, זי אָפּטרײַבן פון זיך, נאָר די הענט האָבן אים ניט געפאָלגט. געפּרוּווט א געשריי טאָן, נאָר פונקט ווי דער גאַרגל וואָלט פאַרשטאָפּט געוואָרן — ניט געקאָנט ארויסברענגען קיין קלאַנג.

ער איז געלעגן אינגאנצן און אָנמעכטיקער. א שרעקלעכער גלײַכגילט האָט מיטאמאָל אים ארומגעכאַפּט — זאָל שוין גיכער קומען א סאָף. און ווען ער האָט אין גערדאנק זיך געגומען געזעגענען מיט די קראַנקע עלטערן, מיט דער נימעסער וועלט, מיט דער רויטער לעוואָנע, מיטן ליכטיק־בלויען אויסגעשטערנטן הימל, מיט בערטען, און צום לעצטן מאָל געוואָרפן א בליק צו דעם הירש, האָט פּלוצעם אומדערוואַרט ערגעץ גאָר נאָענט דורכגעקנאַלט א שאָס און א צווייטער. דער הירש האָט א ריטשע געטאָן, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און, ווי אן אונטערגעשניטענער, געפאַלן אף דער ערד, אָנגעהויבן דריגען מיט די לאַנגע פיס, זיך מאָרדעווען און ריטשען. אומגעריכט איז ער מיטאמאָל פאַרגליווערט געבליבן.

באַם פּאַרוואונדעטן האָבן זיך די אויגן צעשײַנט. „דער נעס איז געשען?״ — האָט א שוועב געטאָן אין זײַן מידן, אָפּגעשוואַכטן מויעך. ער האָט זיך דערפרייט, וואָס דער טויט האָט זיך ווידער, דאכט זיך, אָפּגערוקט פון אים. אָט גאָר נאָענט, אף דער סטעזשקע, פון יענער זײַט קוסטעס, וואַלגערט זיך די כײַע, און איצט איז זי פונקט, ווי ער, אָנמעכטיק, אומבאַ־וועגלעך.

ער האָט דערהערט שנעלע טריט, א שווער סאָפּען, עמעצער האָט געפּײַלט אהער. ער האָט צווישן די קוסטעס דערזען צוויי זעלנער מיט ביקסן. מע איז געלאָפן צום דערשאָסענעם הירש. זעט אויס, דאָס האָבן זיי ביידע אים טאַקע דערשאָסן און איצט דערנעענטערן זיי זיך פּאַרזיכטיק צו אים.

די זעלנער האָבן ווידער אָנגעצילט די ביקסן אינעם הירש און אפּסנײַ אויסגעשאָסן אין אים.

ער איז געלעגן אומבאַוועגלעך, טויט. זיי האָבן זיך צו אים א לאָז געטאָן.

אָבער ווער זײַנען די זעלנער? רוסן? סאָנים? זאָל ער א געשריי טאָן צו זיי, מע זאָל אים ראַטעווען, העלפן?

ער האָט זיך בעסער צוגעקוקט און דערזען, אז דאָס זײַנען עסטרײַכער. זײַניקע. ניט אַנדערש, אז זיי האָבן זיך אויך, ווי ער, ארויסגעריסן פונעם טויט און בלאָנקען ארום איבער די בערג, מוירע האָבנדיק ארײַנפאַלן אין געפענקעניש. זיי זײַנען ביידע געשטאַנען אָנגעבויגן איבער זייער קאָרבן, עפּעס גערעדט, געלאַכט, געטאָרעט דעם הירש מיט די פיס, נאָר אים, דעם אומגליקלעכן פּאַרוואונדעטן, ניט באַמערקט. געשיקט זיך, אז זיי וועלן באַלד אוועקגיין ווײַטער און אים ניט ארויסשלעפּן פון די ווילדע קוסטעס?

צונױפגענומען די לעצטע קויכעס, האָט ער א הוסט געטאָן, און יענע האָבן זיך דער־שראָקן ארומגעקוקט.

— הערסט, טאַראַס, דאכט מיר, עמעצער זיצט דאָרטן אין די קוסטעס, — האָט זיך איינער אָנגערופן און אָנגעצילט די ביקס.

— נאַרישקײַטן!.. — האָט דער צווייטער א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, צושפּאַרנדיק די ביקס צו א שטאַם פון בוים. — דיר, זאַלמען, ווײַזט זיך שטענדיק עפּעס אויס.

— וואָס רעדסטו? כ׳האָב אליין אָקאָרשט געהערט א שטים פון דאָרטן.

— איצט קאָנסטו הערן א סאך שטימען אין וואַלד. פויגלען טומלען. זיי זײַנען איבער־געשראָקן פון דער שיסערײַ. צעלייג בעסער א פײַער, און מירן באַלד אָפּבראָטן א שטיק הירשן־פלייש. איך בין הונגעריק, ווי א הונט.

— באַלד. וואַרט אויס, טאַראַס. נאָר דאָרט זע איך א מענטשן ליגן. קוק זיך אײַן. אָט מאַכט ער מיט דער האַנט.

טאַראַס קראַוטשוק, וואָס האָט געהאַלטן אין פאַרדרייען א ציגאַר טוטין, האָט זיך אויס־געגלײַכט, אָנגעשטרענגט אײַנגעקוקט אין דער געדיכטעניש פון די קוסטעס, געמאַכט עטלעכע טריט, און מיטאמאָל דערשראָקן זיך א צי געטאָן צוריק, צו דער ביקס:

— היי, ווער איז דאָרטן? קריך ארויס! — האָט ער מיט א ניט זיכערער שטים אויסגעשריגן. טאַראַס מיט זאַלמענען האָבן זיך איבערגעקוקט מיט אומרויִקע בליקן און, ווען פון דער געדיכטעניש האָט זיך צו זיי דערטראָגן א טעמפּער הוסט, זיך רויִקער געלאָזט אהין.

ביידע זײַנען שוין געשטאַנען, באַטראַכט דעם פּאַרוואונדעטן, און זאַלמען האָט זיך אָנ־גערופן:

— זעט אויס, אונדזער פאַרבינדעטער. א דײַטש. און, פּילנדיק, אז קיין געפֿאר דראָעט ניט, צוגעגעבן מיט א ביטער שמייכעלע: — נו, אוואדע אונדזער ברודער... דאָס זײַנען מיר צוזאמען מיט אים געגאנגען שטעלן רוסלאנד אף די קני.

ער האָט ביטער אויסגעשפּיגן און צוגעגאַן נעענטער צום פאַרוואונדעטן, זיך אָנגעבויגן איבער אים:

— אַהאַ, קוים, וואָס ער זשיפּעט.

— סאָלדאַט, ווער ביסטו און פונוואַנען? — האָט זיך אָנגעבויגן צו אים טאַראַס קראַווטשוק און אים פאַרזיכטיק א טאָרע געטאָן.

יענער האָט אף אים געקוקט מיט בעטנדיקע אויגן און קיין וואָרט ניט געקאָנט ארויס־ברענגען.

— ער איז פריהלושעט, — האָט זיך אָנגערופן זאַלמען מאַרקוס, — זעסט ניט, טאַראַס, ווער דאָס איז? אָן אונדזעריקער. איך קאָן דיר שווערן, אז דאָס איז ניט דעם קײַזער ווילהעלמס פּלעמעניקל און אפילו ניט הינדענבורגס שוועסטערקינד.

— מיר זײַנען אויך ניט פראַנץ־יאָסיפס פרײַנטלעך, — האָט איבערגעשלאָגן טאַראַס, — נאָר א מענטש איז דאָס, דאַרף מען אים העלפן.

— געוויס, — האָט געענטפערט זאַלמען און גענומען די ביקס אַפן רימען.

ביידע האָבן פאַרזיכטיק אונטערגעהויבן דעם פאַרוואונדעטן און אים ארויסגעטראָגן פון דער געדיכטעניש צו דער סטעזשקע.

מע האָט גלײַך פאַרגעסן אינעם הירש, מיט וועלכן מע וואָלט געקאָנט שיין פאַרבײַסן, — מע האָט געטראַכט וועגן דעם, ווי זאָל מען ראַטעווען אָט דעם צעמאַזיקטן האַלב־לעבעדיקן זעלנער.

טאַראַס האָט געהייסן זאַלמענען צעלייגן א שײַטער באַם פעלדז, צעבלאָזן א פײַער, און אליין איז ער צוגעגאַנגען צו די געדיכטע יעלן, אָנגעבראָכן צווײַגן און געמאַכט פאַרן קראַנקן א געלעגער לעבן שײַטער, יענער זאָל זיך וויַ־ניט־איז דערוואַרעמען. מע האָט אים פאַרזיכטיק אַוועקגעלייגט אף דעם גרינעם געלעגער, צעריסן אף אים די גימנאַסטיאָרקע און פאַרזיכטיק גענומען ארומוישן און איבערבינדן זײַנע ווונדן.

ביידע, זאַלמען און טאַראַס, זײַנען אָפּגעגאַנגען מיט שוויס, ביז מע האָט פאַרענדיקט דאָס איידעלע שטיקל ארבעט.

— האַלט זיך, ברודערקע, — האָט שטילערהייט געזאָגט צום פאַרוואונדעטן זאַלמען מאַר־קוס, — מיר וועלן דיך ניט איבערלאָזן. זעט אויס, באַשערט, זאָלסט לעבן.

— אוואדע וועלן מיר דיך ניט איבערלאָזן, — האָט צוגעשטימט טאַראַס קראַווטשוק, — אזוי האָבן מיר זיך אינצווייען געמוטשעט, איצט וועלן מיר זיך מאַטערן אינדרײַען.

יענער האָט געקוקט מיט זײַנע פאַרנעפּלטע אויגן, פולע מיט דאַנקבאַרקײַט, אף די גוטע מענטשן, געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר ניט געקאָנט, ער האָט נאָר געשאָקלט מיטן קאָפּ.

סײַ טאַראַס קראַווטשוק, סײַ זאַלמען מאַרקוס זײַנען געווען פון יענע סאָלדאַטן, וואָס האָבן ניט געדאַרפט קריכן אין קעשענע נאָך א וואָרט. פאַר דער צײַט, זינט זיי זײַנען אף דער מילכאָמע, האָט מען זיך אויסגעלערנט קוקן דעם טויט אין די אויגן, מע האָט זיך אויסגעלערנט ניט אראָפּפאַלן באַ זיך, וואָס עס זאָל ניט געשען און אין וואָס פאַר א סאַ־קאָנע מע זאָל זיך ניט געפינען. נאָר איצט האָבן זיי ביידע אָנגעוווירן דאָס לאָשן, געשוויגן, פּונקט ווי אָט דער גויסעסדיקער, אומגליקלעכער, וואָס איז אפילו אף קיין עמעסן סאָלדאַט ניט ענלעך געווען. מע האָט מיט אלע קויכעס אים געוואָלט העלפן גיכער זײַן דעם טויט. קוקנדיק אף דעם צעמאַזיקטן, צעבראָכענעם יונגנמאַן, האָבן זיי געטראַכט, אז אויך זיי וואָלטן געקאָנט זײַן אין אזא שטאַנד און בלויז מיט א נעס זײַנען ביידע ארויס גאַנצע, אויב ניט רעכענען דאָס, וואָס די נעשאָמע האַלט זיך קוים. דערבײַ האָט נאָך געעגבערט דעם מויעך דער פּאַרדראָס, און מע איז געווען אין קאַס אַפן אייגענעם גוירל: הער נאָר א מײַסע, מע האָט זיך ארויסגעריסן פונעם פײַער, און שוין דעם צווייטן מעסלעס שלעפּט מען זיך ארום איבער די בערג, איבער די וועלדער הונגעריק און שלעפעריק, מע עסט זשאָלו־דיעס, גראָז, קאָרע פון די ביימער, אז די בײַכער פּלאַצן שיר ניט. און דאָ, אז מע האָט אָנגעטראָפן אף אזא געשמאַקן הירש, נאָך וועלכן מע יאָגט זיך נאָך שוין די ווייפלטע שאָ, און אז מע האָט אים מיט גאָטס הילף דערשאָסן און ער ליגט אף דער ערד א באַזיגטער, דער הירש, דער גוואַר — נעם דאָס מעסער און שנײַד אָפּ א פּאָר שטיקער, דערקוויק די נעשאָמע, שטיל דעם הונגער, — האָט מען זיך גאָר אָנגעשטויסן אף דעם פאַרוואונדעטן, און מע האָט אין אלץ געמוזט פאַרגעסן, אפילו אין דער אכילע!

זאַלמען מאַרקוס איז געזעסן אויף די קאַרטעטשקעס באַם שײַטער און צעבלאָזן דאָס פײַער, קעדיי דאָס קעסעלע מיט וואַסער, וואָס ער האָט אופגעהאַנגען, זאָל גיכער אופזידן, ער זאָל קאָנען א ביסל אַרומוואַשן און אָנפּאָיען דעם פאַרווונדעטן.

אין דער צײַט, ווען זאַלמען איז געווען פאַרטאָן אין זײַן אַרבעט, האָט טאַראַס אָפּגע־שניטן באַם הירש די ליטקע און זי פאַרוקט אין זשאַר. אינגיכן, אַז מע האָט ווי־ניט־איז אַרומגעוואַשן, אָנגעפּאָיעט און אָנגעהאַדעוועט דעם פאַרווונדעטן און אַליין געשטילט דעם דאָרשט און דעם הונגער, איז עטוואָס גרינגער געוואָרן אפן האַרצן.

מע איז געזעסן באַלויכטענע פונעם שײַטער און געררייכערט דעם שטאַרקן סאָלדאַטישן טוטין, געקוקט, ווי דאָס אָפּגעצויגענע פּאָנעם פונעם פאַרווונדעטן ווערט עטוואָס אופגעלעבט, די אויגן נעמען ביסלעכווײַז גלאַנצן.

— סאָלדאַט, ווי זשע רופט מען דיך און ווו איז דײַן היים? — האָט אים פאַרזיכטיק אָנגערירט מיטן פינגער זאַלמען מאַרקוס.

יענער האָט געקוקט אף אים, געמאַכט מיט די ליפּן, נאָר קיין ענטפער האָט זיך ניט באַקומען. מיט אַלע קויכעס האָט ער געוואָלט עפּעס זאָגן זײַנע רעטער, אויסדריקן א דאַנק, זאָגן די האַרציקסטע ווערטער, נאָר גיי זײַ א כאָכעם און רעד, אַז די צונג איז ווי צוגעוואַקסן צום גומען, דאָס מויל, די ליפּן, דער מויעך — ווי געליימט.

קוים מיט צאַרעס האָט זיך פון זײַן מויל דערהערט א שטיקל קלאַנג:

— פּי... פּרי... פּי... — און ווײַטער איז ניט געגאַן, כאָטש טו וואָס דו ווילסט!

טאַראַס מיט זאַלמענען האָבן זיך איבערגעקוקט, פּרווונדיק באַנעמען, וואָס זאָל דער קלאַנג באַטײַטן.

— וואָס זאָגט ער? פּיליפּ?.. פּיליפּ? — האָט א זאָג געטאָן טאַראַס.

— וואָס זשע, איך בין א נאָווי? — האָט געשמייכלט זאַלמען. — עפּשער פּרויקע? פּראָים?.. וועך ווייסט? נאָר ער איז א דײַטש... זיי הייסן אַנדערש.

— כאַפּט עס דער רועך! — האָט טאַראַס א מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — זאָל זײַן פּיליפּ, פּרויקע. וואָס איז דער כילעק? א מענטש. א פּראָסטער מענטש, און לויט די אויסגעהאָרע־וועטע הענט איז צו זען — אַן אונדזעריקער. וועלן מיר אים מוזן נעמען מיט זיך.

— וואָס זשע, אַן אַנדער ברייִרע האָבן מיר? — האָט א קנייטש געטאָן מיט די אַקסל זאַלמען מאַרקוס. — נאָר שלעפּן אים איבער די בערג וועט זײַן ניט גרינג. אַך, וואָלטו, טאַראַס, געווען א כאָכעם, ווען דו שנײַדסט אָפּ נאָך א פּאָר שטיקער פלייש און רוקסט זיי אַרײַן אין פײַער. מע דאַרף זיך, ברודערקע, גוט אָנעסן, זיך אָנעמען מיט קויעך.

— געוויס, זאַלמען, ביסטו גערעכט, — האָט צוגעשטימט טאַראַס קראַווטשוק און זיך אופגעהויבן פונעם אָרט, זיך געלאָזט צום שײַטער. — וואַרטן, ביז אונדזער אימפּעראַטאָר פראַנץ־יאָסיף וועט אונדז אָנהאַדעווען, האָט ניט קיין רעזאָן. וועלן מיר אַליין פּראַווען די סודע.

ער האָט אַרויסגענומען דאָס מעסער פון דער כאַליעווע און זיך ווידער אָנגעהויבן פּאָרען באַם הירש.

זאַלמען האָט געקוקט, ווי דער פרײַנט זײַנער האָוועט אַרום דער טושע, און זיך פאַר־נאַנדערגעלאַכט:

— דו ווייסט, טאַראַס, מיר דאַכט, אַז מיר פּראַווען איצט א בעסערע סודע, ווי דער אימפּעראַטאָר. נאָך אַזעלכע קלעפּ, וואָס ער האָט אַרײַנגעכאַפּט פון די רוסינער, האָט ער שוין געוויס אָנגעווירן דעם אַפּעטיט.

— ברענט ער ליכטיק, דער אַלטער אימפּעראַטאָר, — האָט איבערגעשלאָגן טאַראַס, — אונדז שטייט נאָך פאַר א ווײַטער און געפערלעכער וועג, דאַרף מען זיך גוט אָפּרוען און אָנעסן. דערנאָך וועלן מיר זען, וואָס מיר האָבן צו טאָן.

ער האָט געוואָרפן דעם בליק אפן פאַרווונדעטן, וואָס איז שווײַגנדיק, מאַכטלאָז געלעגן אף די לאָפּעטע־צווײַגן. א מאָדנער געדאַנק האָט א שפּיל געטאָן אין מויעך: „ווען ניט אָט דער פּרעמדער, וואָלטן מיר זיך גיכער דערקליבן אהיים און זיך אַרויסגעריסן פון דעם גרינעם קלעם".

דאַכט זיך, אַז זאַלמען האָט אופגעכאַפּט דעם געדאַנק און צעפּירט מיט די הענט, ווי ער זאָל זאָגן:

„וואָס זשע, ברודערקע, קאָן מען מאַכן? ס'איז דאָך א לעבעדיקער מענטש און וועסט אים דאָ, אין די בערג, ניט איבערלאָזן אף אומקום".

וואָס קאָנסטו מאַכן — אַזאַ איז אונדזער סאָלדאַטיש מאַזל!

אלע וועגן פירן אהיים

אז א סאָלדאַט דינט אָפּ באַ אַזאַ גערעטענעם פאַלקנפּירער, ווי פראַנץ־יאָסיף, צווי יאָר, פּונקט ווי איין טאָג און וואַלגערט זיך כאַדאַשימלאַנג אין די וויסטע אַקאָפּעס, זײַט איר באַוואָרנט, אַז דאָס איז שוין ניט קיין פּראָסטער סאָלדאַט, נאָר אַ גאַנצער פילאָסאָף. ער הייבט אָן טראַכטן, קאָן זיך זײַן שטעטל באַשטיין!

דאָס איז שוין ניט קיין גרינער יונג, וואָס ווייסט ניט, ווו אײַן און ווו אויס. אַזאַ זאָלסטו קיין פינגער אין מויל ניט ארײַנלייגן...

טאַראַס מיט זאַלמענען זײַנען געזעסן באַם הייסן שײַטער, געריבן אָףביידע באַקן די הייסע שטיקער הירשן־פלייש, וואָס מע האָט אַלעמאָל ארויסגעכאַפּט פונעם פײַער, און פאַרטרונקען מיט אַקרעפּ.

וואָלט נאָך דערבײַ געווען אַ ביסל זאַלץ און אַ שטיקל צוקער, וואָלטן זיי זיך גאָר געפילט ווי אין גאַניידן!

נאָר אויב עס איז נישטאָ — מאַכט ניט אויס, סאָלדאַטן קאָנען זיך באַגיין.

מע וואָלט זיך שוין געקאָנט לאָזן אין וועג, נאָר איצט איז דאָס פון זיי ניט געווענדט. מע וועט מוזן צוּוואַרטן, ביז דער פּאַרוווּנדעטער וועט עטוואָס קומען צו־זיך, מע זאָל אים נעמען מיט זיך.

דער פאַרוווּנדעטער האָט זשעדנע אויסגעטרונקען נאָך אַ ביסל אַקרעפּ, אופגעגעסן אַ שטיקל פלייש. מער וויל ער ניט, ווי הייסט ער — פּילים צי פּרויקע.

פון גאָר ווײַט דערטראָגט זיך אָהער, אין די בערג, דער טעמפּער אָפּהילך פון די האַרמאַטן. זעט אויס, דער אַנגריף ווערט פאַרגעזעצט. ביז מע איז ארײַן טיף אין די בערג, האָבן זיי געזען מענגעס געפאַנגענע. עס האָט זיך גדעדאַכט, אַז מע האָט געפאַנגען די גאַנצע עסטרײַך־אונגאַרישע אַרמיי מיטן אימפּעראַטאָר איינעם. מע האָט געפירט די אומענדלעכע קאַלאָנעס צו דער רוסישער גרענעץ. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז מע טרײַבט די געפאַנגענע אין די קאָנצלאַגערן, אַנדערע — קיין סיביר. דערגייי אַ טאָלק! אָבער ווי עס זאָל דאָרט ניט זײַן, האָט זיי ביידן אונטערגעשפּילט די סאָלדאַטישע דאָליע און מע האָט זיך ארויסגעריסן פונעם קלעם. מע איז ניט ארײַנגעפאַלן אין געפענקעניש. מע האָט אַ שפּײַ געטאָן אָף דער מילכאָמע, אָפּן אַלטן אימפּעראַטאָר און מע שלעפּט זיך אַהיים. געגוג! זיי זײַנען שוין זאַט!

נאָך דעם, ווי טאַראַס מיט זאַלמענען האָבן זיך אָפּגעוואַלגערט דעם גאַנצן ווינטער אין די אָקאָפּעס, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז די מילכאָמע איז פאַרשפּילט און די רוסן וועט מען קיינמאָל ניט באַזיגן. כוץ דעם, איז ביידן אָנגעגאַן די מילכאָמע, ווי קאַפּוויטעק. מישטיינסגעזאָגט, פאַר וואָס? פאַר ווער עמען שטעלן דעם קאָפּ אין קאָן? דאָס גוטע לעבן, וואָס זיי האָבן געהאַט באַם שיינעם אימפּעראַטאָר? די שיינע וועלט, וואָס זיי האָבן געזען? מע האָט זיי פאַר קיין מענטשן קיינמאָל ניט גערעכנט אין דער אימפּעריע. מע האָט געהאָרעוועט, ווי קנעכט, באַ די נאַפּט־גריבער, געגעבן דער מעדינע אַ יאַם נאַפּט, און וואָס האָט מען דערפון געהאַט? צאָרעס!

די באַלעבאַטים האָבן זיך שטענדיק איבער זיי איזדיעקעוועט, געלאַכט פון זיי, געשפּאָט — דו ביסט אַ רוסינער, יענער אַ ייִד, דער אַן אוקראַינער... און גראַדע זיי האָבן געהאָרעוועט טאָג ווי נאַכט פאַרן טרוקענעם שטיקל ברויט, און די באַלעבאַטים האָבן אָנגעשטאָפּט די קעשענעס מיט גאָלד.

דאַרף מען זיך פאַר אַזאַ מעלוכע גיין שלאָגן, דערהאַרגעט ווערן?

ברעכט עס דעם קאָפּ!

ליגנדיק אין די אַקאָפּעס פלעגן קומען אַזעלכע געדאַנקען, וואָס האָבן זיך גוט אײַנגעפונדעוועט אין מויעך — און טאַקע דערפאַר האָט מען אין די נעכט געגומען שמועסן צווישן זיך, אַז מע איז שוין זאַט מיט דער מילכאָמע איבערן קאָפּ!

און ווער פון די סאָלדאַטן עס האָט געהאַט סייכל, דער האָט באַצײַטנס אַ סאַך געמאַכט צו איר. און ווער ניט — האָט איצט אַ שיין פּאָנעם!

אייגנטלעך, זײַנען זיי ניט געווען די ערשטע, וועלכע האָבן באַשטימט פּאַטער ווערן פון דער מילכאָמע. אָנגעהויבן האָבן די אָפּיצערן. אַ וואָך צײַט ערעוו דעם רוסישן אַנגריף האָבן זיי שוין מוירע געהאַט ארויסשטעקן די נאָז אָף דער פּאָדערשטער ליניע... און אַהער זײַנען געקומען אָף אַ קורצער ווײַלע קלענערע טשינעס, וועלכע האָבן געדאַרפט אונטערהאַלטן דעם שטאַרק געפאַלענעם פּאַטריאָטיזם, די גרויסע ליבע צו דער עסטרײַכיש־אונגאַרישער אימפּעריע און דעם אַלמעכטיקן פּראַנץ־יאָסיף.

זייער ראַטנער, דער אָבערלייטענאַנט קורט נויקראַנץ, וועלכער פלעגט דעריקער זיצן טעג און נעכט אין שכיינישן דערפל, אין א קרעטשמע און גיסן אין זײַן מעכטיקן גוף זויערן וויַין און שפּילן אין קאָרטן, האָט ניט שטאַרק געהאַלטן פון די אָקאָפּעס און פלעגט קומען אַהער גאַנץ זעלטן. אַז ער האָט זיך שוין יאָ אַמאָל אַרײַנגעכאַפּט אַהער, א פריילעכער, א רויטער און צעפּאַליעטער, איז גלײַכער געווען זיך האַלטן ווײַטער פון אים.

ער האָט פאַרמאָגט צוויי הענט, וואָס וואָלטן אים געמעגט אָפּדאַרן. קוים האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז א סאָלדאַט גיט אים ניט אָפּ קיין גענוגנדיקן קאַוועד, אַזוי האָט ער די הענט געלאָזט אין קאָן. מיט איין נערעק האָט ער געקאָנט פריטשמעליען א מענטשן.

עמעס, אַז די געפאַר פונעם רוסישן אָנגריף האָט זיך געשטאַרקט, איז קורט נויקראַנץ געוואָרן עטוואָס אײַנגעהאַלטענער, מורא האָבנדיק, אַז עמעצער קאָן אים פון א ווינקל אַרײַנהאַקן א קויל. דערפילנדיק די געפאַר, האָט ער זיך געסטאַרעט מער זיצן אין שענק. באַזונדערס דורך די נעכט.

די לעצטע צײַט האָט ער זיך געסטאַרעט ווי־ניט־איז זיך פירן רויִקער און לײַטישער. ער האָט אפילו אָנגעהויבן מעכאַבעד זײַן זײַנע טרײַע סאָלדאַטן מיט ציגאַרן, צוגעזאָגט, אַז ווי נאָר מע וועט אָפּטרײַבן די רוסן פון די קאַרפּאַטן, הייסט עס, וועט ער זיך דערשלאָגן, אַז מע זאָל געבן אורלויב אַף א פּאָר וואָכן, מע זאָל קאָנען צופאָרן אַהיים. ער וועט בעטן העכערע נאַטשאַלסטווע, מע זאָל זײַנע סאָלדאַטן באַלוינען מיט קרייצן און מעדאַלן. ער האָט צוגעזאָגט גאָלדענע בערג. און נאָך האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט ליב, ער איז מאַמעש פאַרליבט, אין אַלע זײַנע זעלנער אָן שום אונטערשייד פון זייער אָפּשטאַם.

יונגע, גרינע סאָלדאַטן, וועלכע זײַנען ניט לאַנג געקומען אַהער, אויסהערנדיק אַזעלכע דיבורים פונעם אָבערלייטענאַנט, האָבן צעעפנט די מײַלער. נאָר יענע זעלנער, וועלכע האָבן געקענט דעם צאַדיק, האָבן געוווּסט די ווערט פון זײַנע רייד.

טאַראַס און זאַלמען, הערנדיק אַזעלכע דיבורים פון זייער „פּאַטער", ווי ער האָט זיך אַליין אָנגערופן די לעצטע צײַט, האָבן זיך איבערגעוווּנקען, קוים אײַנהאַלטנדיק דעם קאַס:

— איידער אַזאַ פּאַטער, איז גלײַכער זײַן א יאַסעם.

אַלע האָבן שוין געהאַט א גוטן סימען: קוים קומט אַף די פאָדערשטע פּאָזיציעס קורט נויקראַנץ און הייבט אָן ריידן וועגן ליבע צום פאָטערלאַנד, איז א סימען, אַז עס האַלט שוין גאָר ניט וואָזשנע.

און טאַקע, איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אָנגריף פון די רוסישע אַרמייען, איז דער אָבערלייטענאַנט קורט נויקראַנץ דער ערשטער אַנטלאָפן דער טײַוול ווייסט וווהין. זײַנע סאָלדאַטן זײַנען זיך צעלאָפן שפּעטער... און צווישן זיי — טאַראַס קראַווטשוק און זאַלמען מאַרקוס.

איצט האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז מע האָט געטאָן, ווי די כאַכאָמים. ס'הייסט, מע האָט זיך נאָך ניט פאַרגעשטעלט, וואָס וועט זײַן ווײַטער. צו דער היים זייערער, וואָס האָט זיך צוגעשפּאַרט צו די קאַרפּאַטן־בערג אין יענעם קאַנט, ווו מע באַקומט אַרויס פון די ערד־טיפענישן דאָס ברענשטאָף — נאַפט, איז נאָך גאַנץ ווײַט, אָבער פונדאַנען איז אַהין לײַכטער זיך דערקלײַבן, ווי פון יענער־וועלט אָדער פון דער רוסישער געפענקעניש.

איצט וועט מען זיך שוין יאַקאָס געבן אָן אייצע. האָבנדיק לעבן זיך אַזאַ געשמאַקן הירש און א וואַרעמען שײַטער, דערצו נאָך, אַז די סנאַריאַדן וואָיען שוין ניט איבערן קאָפּ, קאָן א סאָלדאַט ווי־ניט־איז לעבן!

זיצנדיק באַ דעם פריילעכן שײַטער און דערמאָנענדיק זיך וועגן די לעצטע צוויי מעסלעס פון זייערע וואָגלענישן, האָבן זיי באַמערקט, ווי דער פאַרוווּנדעטער, וואָס איז געלעגן אַף די צווײַגן, איז געשמאַק אײַנגעשלאָפן. דעמלט האָט זיך צו זיי געיאָוועט א קלוגער געדאַנק: נאָך דעם, ווי מע האָט גוט איבערגעכאַפּט, וואָלט געווען א גלײַכע זאַך זיך אויך צושפּאַרן נעענטער צום פײַער און כאַפּן א גוטן דרעמל, ווײַל עס שטייט נאָך פאַר א ווײַטער און שווערער וועג.

האָט מען זיך טאַקע אופגעהויבן פון די ערטער, אָנגעבראַכן א באַרג לאַפּעטע־צווײַגן פון די אַלטע יעלן, אויסגעשפּרייט זיי אַף דער ערד, און אין א פּאָר מינוט אַרום איז מען אײַנגעשלאָפן גרויסאַרטיק, מיט אַזאַ כראַפּען, אַז, דוכט זיך, זייער אימפּעראַטאָר פראַנץ־יאָסיף, מיט וועלכן זיי האָבן זיך אָפּגעגעט, איז נאָך קיינמאָל אַזוי געשמאַק ניט געשלאָפן.

טאַראַס קראַווטשוק האָט זיך אופגעכאַפּט, א דערשראָקענער פון א שווערן כאָלעם, ער איז געווען אָפּגעגאָסן מיט שווייס. דערזען, אַז זײַניקע שלאָפן נאָך גאַנץ געשמאַק און די זון־שטראַלן הייבן אָן זיך דורכשלאָגן צווישן די גרינע בערג, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט צום

יונגן דעמבענעם ווײעלדל, אָנגעשניטן עטלעכע דרענגלעך און אויסגעמײַסטרעוועט א טראַג־בעטל.

ווען זאַלמען מאַרקוס האָט אופגעריסן די אויגן און דערזען זײַן פרײַנט מיטן בעטל, האָבן זיך זײַן פאַרוואַקסן פּאָנעם, די אויסדריקלעכע קאַרע אויגן גוטמוטיק צעשמייכלט. אופגע־שפּרונגען פון זײַן גרינעם געלעגער, האָט ער זיך געשמאַק צוגעזעצט און א פרײַנטלעכן קלאַפּ געטאָן טאַראַסן איבער דער פּלייצע:

— אָט דאָס פאַרשטיי איך! ביסט דאָך טאַקע א כאַכעם! און איך האָב זיך געבראָכן דעם קאָפּ, וויאַזוי וועלן מיר זיך מיט אים דערשלעפּן? יאָ, אַן עכטן סאָלדאַט דערקענט מען גלײַך!

יענער האָט א קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען:

— דערוף דאַרף מען ניט זײַן קיין כאַכעם, זאַלמען. אַף די פּלייצעס וועלן מיר אים ניט דערשלעפּן. מיר האַלטן זיך אַזוי אויך קוים אַף די פיס.

זאַלמען האָט א פּרווו געטאָן דאָס בעטל, צי וועט עס זיך אײַן וועג ניט צעשיטן, און זיך געכאַפּט:

— יאָ, שיר ניט פאַרגעסן: דאָס בעטל איז א גוטס, דעם פאַרווונדעטן וועט זײַן באַקוועם צו ליגן און אונדז גרינגער צו טראָגן אים, נאָר וואָס וועט זײַן מיט אונדזער פּאַרמעגן? — האָט ער א ווונק געטאָן צום הירש, וואָס איז געלעגן אין גראָז, עמעס, מיט אָפּגעשניטענע אויערן און אָן דער הינטערשטער ליטקע. ווי איך שטויס זיך אָן, וועלן מיר אַלע טאָג ניט דערשיסן אַזאַ כײַע, צי עפּשער וועט פראַנץ־יאָסיף מיט זײַנע אינטענדאַנטן אונדז אוועקשטעלן א געגרייטן טיש? מע וועט דאָך אַף אונדז קוקן, ווי אַף מעשוגאָים, ווען מירן דערציילן, אַז מיר האָבן איבערגעלאָזט פאַר די וואָראָנעס אַזאַ טושע...

טאַראַס קראַוטשוק האָט זיך פאַרטראַכט:

— איך זע, זאַלמען, אַז דו ביסט א באַלעבאָס. אוואַדע ביסטו גערעכט! נאָר קיין אַנדער ברייִרע האָבן מיר ניט. מע קאָן דאָך ניט אויספירן — די שאָף זאָלן זײַן גאַנץ און די וועלף זאַט...

— דאָס איז טאַקע עמעס, נאָר מע דאַרף עפּעס צוטראַכטן.

— וואָס ווילסטו צוטראַכטן? טראָגן דעם הירש אַף די פּלייצעס? — האָט שטילערהייט, ער זאָל ניט אופוועקן דעם פאַרווונדעטן פון שלאָף, געזאָגט טאַראַס, — ווייסט זיך, באַהיט גאָט, אונטערײַסן. און אַף וויפל דער זיקאָרן פּירט מיך ניט אונטער, וואַרט דאָרט אין שטעטל אַף דיר א שיינע קאַלע.

— א סאַך קאַלעס וואַרטן איצט אַף די כאַסאַנים, נאָר ניט אַלע כאַסאַנים וועלן זיך אומ־קערן, — האָט פאַרדײַגעט ארײַנגעשטעלט זאַלמען.

— עמעס, — האָט זיך אונטערגעגעבן טאַראַס, — נאָר דיך וויל איך ברענגען אַהיים צו דײַן קאַלע א גאַנצן און א געזונטן. אויב זי האָט זיך דאָרטן ניט אונטערגעזוכט א צווייטן.

זאַלמען האָט טרויעריק א מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— קאַלעס... טאַקע נאָר קאַלעס קריכן אונדז אין קאָפּ. ערשטנס, דאַרף מען זיך פרי־ער ארויסרײַסן פון דער געפענקעניש, און דערנאָך וועלן מיר שוין טראַכטן...

א בליק געטאָן אַפן פאַרווונדעטן, האָט ער צוגעגעבן:

— אָט דער טראַכט שוין ניט, דאַכט מיר, פון קיין קאַלעס. דער מאַלעכהאַמאָוועס וועט שוין זײַן זײַן פּאָר.

יענער האָט צעעפנט די אויגן, דערשראָקן זיך ארומגעקוקט, ווי ער זאָל וועלן זיך דערמאָנען, ווו ער געפינט זיך און ווער זײַנען די מענטשן, וואָס ריידן צווישן זיך. ער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס אמפערן זיי זיך וועגן אים, און א מאַך געטאָן מיט דער אָפּגעשוואַכ־טער האַנט, ווי איינער רעדט: „וועגן מיר האָט איר זיך ניט וואָס צו קריגן, איך בין שוין מיט איין פוס און עפּשער מיטביידע אַף יענער־וועלט. גייט ראַטעוועט זיך".

דאָס האָט פאַרשטאַנען סײַ טאַראַס, סײַ זאַלמען. און ווי מע וואָלט זיך צונויפגערעדט, אַראָפּגעלאָזט זיך אַף די צווײַגן־געלעגערס און געגומען פאַררייכערן.

א פרעמדער... אומדערוואַרט און ניט צו דער צײַט האָט ער זיך געשטעלט אַף זייער וועג! אין הערצן האָבן זיי אים געזידלט: זייערע ווײַטערדיקע פּלענער האָבן געפּלאַצט. מע וועט זיך יאַקאָס מוזן מוטשען מיט אים.

זיי זײַנען נאָך לאַנג געזעסן פאַרטראַכטע און פאַרדײַגעטע, קוקנדיק אין דער ווײַט. מע האָט ניט געוואָלט, דער פאַרווונדעטער זאָל זען זייערע אויגן און זיך אָנשטויסן, אַז אין הערצן זידלען זיי אים.

ערגעץ ווײַט־ווײַט האָט געהילכט די אַרטילעריע. די טעמפּע אופרײַסן פון די סנאַריאַדן האָבן זיך געקײַקלט איבער די גרינע בערג, ווי די פּילגאָרנדיקע דונערס ערעוו א שלאַקסרעגן.

זעט אויס, אַז ס׳האָט ווידער זיך אָנגעהויבן... און דאָס האַרץ האָט שטאַרקער געגומען קלאַפּן. אין קאָפּ האָבן זיך געריַיעט שווערע מאַכשאָוועס: דאָרטן, ווו עס דונערט, שטאַרבן איצט מענטשן, פאַרווונדעטע סאָלדאַטן גייען אָפּ מיט בלוט.

טאַראַס קראַוטשוקס טיפע טונקל-בלויע אויגן האָבן זיך פאַרכמאַרעט, אָנגעשטרענגט. ער האָט מיט האַרץ אויסגעשפּיגן דאָס אָפּשניצל פונעם ציגאַר גלייך אין שײַטער אַריַין און אַ טאַרע געטאָן זיַין פאַרדיַיגעטן פריַינט:

— נו, זאַלמען, וואָס זיצן מיר, ווי די הינער אַף דער סידעלע. איך זע, האָסט זיך פאַרטראַכט. וועגן וואָס? עפּשער וועגן דיַין קאַלע? דאָס האָב איך געשפּאַסט, אַז זי האָט זיך דאָרט אָפּגעזוכט אַ צווייטן. זי וואַרט! איך ווייס! וואָס זשע, אַזאַ גוטן באָכער, ווי דו, וועט זי אַזוי גיך פאַרגעסן? איך געדענק, ווען איר האָט זיך געזעגנט אַפן וואָקזאַל, ווי זי האָט געוויינט, געשוווירן, אַז זי וועט וואַרטן אַפילע פינף יאָר און וועט דיך באַגעגענען אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד דו זאָלסט זיך ניט אומקערן פון דער מילכאָמע. זי איז אַ גוטע, דיַין קאַלע. דו טראַכסט...

— ניין, ברודערל, ניט וועגן דעם טראַכט איך איצט, — האָט שווער, מיט אַ זיפץ זיך אופגעהויבן פון אָרט זאַלמען מאַרקוס.

— איז וועגן וואָס?

יענער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— איך ווייס אַליין ניט, וואָס כ׳זאָל דיר זאָגן. מיר האָבן קיין מאָזל ניט, — האָט ער שטיל אַרויסגעבראַכט און אָפּגעגאַנגען מיט טאַראַסן אין אַ זײַט. — דו ווייסט, ווו מיר וואָלטן געווען, ווען ניט דער?.. — האָט ער אַ ווונק געטאָן אַפן פאַרווונדעטן, וואָס איז אַלץ געלעגן אַ שוויַיגנדיקער, אַן אומבאַוועגלעכער.

— איך שטעל זיך ניט פאָר, ווי מיר וועלן זיך מיט אים פאַרשלעפּן אַהיים. אַ דיַיטש, אַ פרעמדער...

— אַ פרעמדער, זאָגסטו? — האָט טאַראַס׳ פּאָנעם זיך אָנגעשטרענגט, — עפּעס דאַכט מיר, אַז דו רעדסט נאַרישקייַטן, זאַלמען. וואָס פאַר אַ פרעמדער איז ער? ער האָט אַזאַ שײַכעס צו זיַין קייַזער, ווי מיר צום אימפּעראַטאָר. זעסט דאָך זיַין מונדיר. אַ גרינער סאָלדאַט. דערצו, דאַכט מיר, פון די לעצטע רעזערוויסטן, אָקאָרשט געקומען אַ שמעק טאָן פּולווער. ער האָט געדאַרפט די מילכאָמע, ווי מיר. דיר האָט זיך שטאַרק געוואָלט פאַרלאָזן דיַין שטעטל, די מאַמע, דיַין קאַלע?

— עפּשער ביסטו גערעכט, זאָל זיַין ווי דו זאָגסט.

זאַלמען מאַרקוס האָט זיך אופגעהויבן אַף אַ פּעלדז און זיך אײַנגעקוקט אין דער וויַיט.

— וואָס זעסטו דאָרטן?

— איך זע אַ צענערעקט דערפל, — האָט געענטפערט זאַלמען. — ווייסטו גאָר וואָס, טאַראַס?

— וועסט זאָגן, וועל איך וויסן.

— איך וועל זיך אַראָפּלאָזן אַהין, עפּשער וועל איך געפינען אַ וועגעלע.

— גיי, נאָר פאָרזיכטיק, זאָלסט זיך אָף קיין צאָרע ניט אָנשטויסן.

— נישקאָשע, איך בין דאָך געווען אַן אויסשפּירער... אויב כ׳וועל זען, אַז עס שמעקט ניט, וועל איך זיך גלייך אומקערן.

אונטערגעצויגן דעם סאָלדאַטישן רימען אַף די לענדן און פאַרשנורעוועט די שווער־געקאָוועטע שיך, האָט זאַלמען מאַרקוס זיך שנעל אוועקגעלאָזט מיט דער געשלענגלטער, באַר־גיקער סטעזשקע אַראָפּ, אַהין, ווו עס האָבן זיך אָנגעזען עטלעכע פּוסטע פאַרוואָרפענע פּוי־ערשע כאַטעס מיט מאָכיקע שטרויענע דעכער.

טאַראַס קראַוטשוק האָט אַ לאַנגע וויַילע געקוקט אַף זיַין טריַיען שאָכן און פריַינט, וועלכן די שווערע מילכאָמע־כאַדאָשים האָבן נאָך שטאַרקער באַפריַינדעט, און ווען ער האָט אים פאַרלוירן פון בליק, האָט ער זיך אומגעקערט צום פאַרווונדעטן און זיך אַראָפּגעלאָזט לעבן אים.

יענער איז געלעגן מיט ברייט צעעפנטע אויגן, געקוקט אינעם הימל.

דער בליק איז געווען אַ רויִקער און גלייַכגילטיקער. דער מענטש האָט שוין, דאַכט זיך, וועגן גאָרנישט ניט געקאָנט טראַכטן. ער האָט גלייַכגילטיק געקוקט אַף דער שיינער וועלט און זי ניט געקאָנט באַגרייַפן. ניט אַנדערש, ער האָט זיך פולקאָם פאַרלאָזט אַפן גורל. אים האָט שוין ניט געאַרט, וואָס וועט מען מיט אים טאָן און וואָס וועט מיט אים זיַין אין אַ מינוט, אין אַ שאָ אַרום.

וויפל טאראס האָט זיך ניט געפּרוווט אים אופמונטערן, זיך דערוויסן, ווער ער איז און פונוואַנען, אַרויסציִען פון אים כאָטש איין־און־איינציק וואָרט, האָט ער זיך גאָרניט געקענט דערשלאָגן. דער סאָלדאַט האָט מיט האַרץ א מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

די זון האָט זיך שוין פאַרקליבן העט אין די בערג. עס איז שוין געווען ניט פרי. דאָס האַרץ האָט גענומען קלעמען. שוין געווען צײַט, זאַלמען זאָל זיך אומקערן. מע זעט אים אָבער ניט. וואָס איז מיט אים? צי איז ער ניט אַרײַנגעפאַלן אין עפּעס א מיִעסער געשיכטע? טאַראַסן האָט שוין באַנק געטאָן, וואָס ער האָט אים אָפּגעלאָזט איינעם אליין.

ער האָט זיך אופגעהויבן פון אָרט, זעענדיק, אַז אַרויסבאַקומען פונעם פאַרוווּנדעטן א וואָרט איז אומעגלעך, און זיך געלאָזט צום פעלד.

דער אומרו האָט זיך געשטאַרקט. טאַראַס האָט זיך געלאָזט מיט דער סטעזשקע, מיט וועלכער פריִער מיט א שאָ אָדער עטוואָס מער איז אוועקגעגאַנגען זאַלמען מאַרקוס. ער האָט געשפּאַנט שנעל, אַרומקוקנדיק זיך אין אַלע זײַטן, זוכנדיק מיט די אויגן זײַן פאַרפאַלן־גע־וואָרענעם פרײַנט. אָבער לאַנג איז טאַראַסן ניט אויסגעקומען גיין. ער האָט פּלוצעם דער־הערט א טראַסקערײַ פון רעדער און זיך אָפּגעשטעלט. דורך דער גערדיכטעניש פונעם וואַלד־געפלעכט האָט ער באַמערקט א וואָגן, געשפּאַנט מיט איין פערדל, און גלײַך האָט זיך צו זײַנע אויערן דערטראָגן זאַלמענס עטוואָס הייזעריקע שטים:

— הײַדאַ, וויאָ, קיין טײַוול נעמט דיך ניט! וויאָ, הײַדאַ!

טאַראַסן איז גלײַך ליכטיקער געוואָרן אין די אויגן, און ער האָט זיך געלאָזט לויפן:

— אך, דו, יונגאַטש! האָסט דאָך מיך איבערגעשראָקן אָף טויט! ווו ביסטו עס פאַרפאַלן געוואָרן אָף אַזאַ צײַט?

— ווען איך קער זיך אום אַליין, וואָלט אַזויפיל ניט געדויערט, — האָט זיך צעלאַכט דער באָכער, — זעסט דאָך וועמען איך פיר! — האָט ער א גלעט געטאָן דאָס פערדל איבער דער גריווע.

טאַראַס האָט פאַרדײַגעט א קוק געטאָן אָפן וואָגן, אָפן פערד און א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי איינער רעדט: „אָ, מיט אַזאַ אָגער וועלן מיר ווײַט פאַרפאָרן".

פאַרשטאַנען טאַראַסן אָפן ווונק, האָט זאַלמען זיך אָנגערופן:

— ניט געזאָרגט. דאַנקען גאָט דערפאַר. ווי־ניט־איז וועלן מיר זיך איצט דערשלעפּן אַהיים. און ווו עס וועט קיין קויעך ניט האָבן שלעפּן, וועלן מיר אונטערשטעלן א פּלייצע. ס'וועט פּאַרט זײַן גרינגער.

— ווו האָסטו עס געפּאַקט?

— אין דערפל איז קיין מעשוגענער הונט ניטאָ. אין א שטאַל איז דאָס פערדל געשטאַנען און געהריזעט דעם זשאָלעבע, האָב איך עס גענומען, געפּונען די פור, און מיר קאָנען זיך איצט לאָזן אין וועג.

טאַראַס האָט נאָך א פּאָר מינוט באַטראַכט דעם אַרויספּאָר און געזאָגט:

— זאָל זײַן אַזוי. קיין סאַך האָסטו פאַר דעם ניט באַצאָלט, וועט עס ניט וועלן גיין, וועלן מיר עס איבערלאָזן אין די בערג.

— וואָס הייסט, עס וועט ניט וועלן גיין? עס וועט בא מיר לויפן! אומזיסט וועל איך עס ניט האָדעווען, — האָט געזאָגט זאַלמען, — בא מיר וועט עס ניט אָפּשטיין. איך וועל פון דעם מאַכן א לײַט.

מירן זען.

זאַלמען האָט אונטערגעהויבן די שטרוי פונעם וואָגן, אַרויסגעשלעפּט א בינטל ציוויל־פּוי־עריש אָנטאָן און א ווונק געטאָן צו טאַראַסן:

— איך מיין, אַז מיר מוזן פון זיך אַראָפּוואַרפן פראַנץ־יאַסיפּס מונדירן. מע דאַרף זיך איבערטאָן אין מענטשלעכע קליידער. אויב מירן אַרײַנפאַלן צו די רוסן אין די הענט, וועלן זיי זען, אַז מיר זײַנען ניט קיין מיליטער־לײַט, נאָר פּאַשעטע פּויערים... פאַרוואַקסן זײַנען מיר מיט דיר, ווי די בערן, אַז אויסזען האָבן מיר, ווי די גוטע רוכעס. אַזוי וועלן מיר זיך גרינגער דערקלײַבן אַהיים.

אין א פּאָר מינוט אַרום האָט מען זיך איבערגעטאָן אין אַלטע שמאַטעס, פאַרוואָרפן די מונדירן. די ביקסן פאַרשטעקט אונטער דער שטרוי. באַטראַכטנדיק איינער דעם צווייטן, האָט מען אויסגעשאָסן א געלעכטער:

— דו ווייסט, טאַראַס, איצט, דאַכט מיר, וועלן אונדז די אייגענע מאַמעס ניט דערקענען. און די רוסן, אויב זיי וועלן אונדז באַגעגענען, וועלן אָף קיין מײַל אונדז ניט צולאָזן צו זיך. און טאַקע.ביידע האָבן גלײַך אָנגעוואָרן דעם מיליטערישן אויסזען — געוויינלעכע אָרעמע פּויערים, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, פאָרן פון דער אַרבעט אַהיים.

אויך פונעם פאַרווונדעטן האָט מען פאָרזיכטיק אַראָפּגעשלעפּט דאָס גרינע סאָלדאַטישע רעקל און אױף אים אַרופגעצויגן א צעריסן פּידזשאַקל מיט א גרינעם צעקנייטשטן קאַפּעליוש. יענער האָט געקוקט אַף זײַנע רעטער, ווי אַף גוטע מאַלאָכים, און גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען.

מע האָט ווידער אָנגעצונדן א שײַטער, צעבלאָזן דאָס פײַער און פאַרן ווײַטן און שווערן וועג באַשטימט אָפּעסן, אָנהאָדעווען און אָנפּאָיען דאָס פערדל. מע האָט ווידער אָפּגעשניטן א שטיק הירשן־פלייש און געשטעלט אופזידן א קעסעלע אָקרעפּ.

ערשט נאָך דעם, ווי מ׳האָט גוט איבערגעכאַפּט און זיך אָפּגערוט, אָנגעפּאָיעט און אָנגעהאָדעוועט דאָס פערדל, געגעבן עפּעס אין מויל אַרײַן דעם „פרעמדן“, האָט מען זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן.

אין די בערג האָט אָנגעהויבן טונקל ווערן.

די זון האָט זיך געזעצט באַם האָריזאָנט. ביז מע וועט זיך אַרויסקלײַבן פון די בערג, וועט שוין, געוויס, טונקל ווערן. און דעמלט וועט ניט זײַן אַזוי געפערלעך זיך באַוועגן ווײַטער. דעריקער, דאָס פערדל זאָל ניט אונטערפירן.

„באָזשא קאַרא“ — די שטראָף פון גאָט

אַרומגערינגלט פון אַלע זײַטן מיט הויכע, גרינע בערג, וואָס גרייכן מיט די שלאַנקע סמערעקעס און יעלן זייערע שיר ניט ביז צו הימלען, האָט זיך געצויגן פּאַנאַנדערגעשפּרייט א גרינער טאָל. א שטורמישער באַרג־שטראָם, וואָס הערט קיינמאָל ניט אויף צו רוישן, האָט אים איבערגעשניטן אַף צוויי גלײַכע טיילן.

ווען עס צעהוליען זיך אין די בערג די שלאַקסרעגנס, דעמלט צעבושעוועט זיך מעשוגע־נערווײַז דער שטראָם, שפּרינגט אַרויס פון זײַנע שטיינערנע ברעגן און ברענגט די אַרומיקע דערפלעך און כוטאָרס געגנוג צאָרעס. נאָר דער אוילעם איז שוין צוגעוווינט צו זײַנע שטיק, צו זײַן אומרויִקן כאַראַקטער.

אינמיטן זומער ווערט דער שטראָם געצוימט און שלײַפט זיך רויִק און שטיל זײַנע שטיינער. אונטער די ערשטע זון־שטראַלן זעען אויס זײַנע וואַסערן, ווי שטיקער קרישטאָל. ווען דער הימל בלאָזט זיך אָן איבער די בערג, זעען אויס די וואַסערן, ווי אויסגעגאָסענע פון ריינעם בלײַ. ווער געדענקט דען, ווען האָבן די בייזע וואַסערן, וואָס רײַסן זיך פון די קאַרפּאַטן, דורכגעשניטן זיך א וועג צום טאָל! לויט די אויסגעשליפענע שטיינער באַ די ברעגן און מאָכיקע פעלדזן דערבײַ איז צו זען, אַז גאָר־גאָר לאַנג.

ס׳האָבן געלעבט מענטשן אַרום דעם טאָל, געבויט הײַזער ניט ווײַט פונעם שטראָם און זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז זייער ווינקל וועט אַזוי אומדערוואַרט און פּלוצעם ווערן באַרימט אין דער אַרומיקער וועלט. גיי ווייס, אַז אַף די ברעגן פון באַרג־טײַך וועט אַמאָל אויסוואַקסן א שטאָט, אַז אַהער, צו דעם פאַרוואָרפענעם ווינקל, וועלן זיך א לאָז טאָן מענטשן פון אַלע עקן וועלט זוכן גליק, זוכן זייער מאַזל.

אַז בעסאַכאַקל איז דאָ געווען א געוויינלעך הוצוליש דערפל און אַרום, אינעם גרינעם טאָל, האָבן זיך געפּאַשעט שאָף און רינדער און קיינער האָט ניט געטראַכט, וואָס פאַר אַן אויצרעס עס זײַנען פאַרטײַעט אונטער די בונטע גראָזן פונעם טאָל!

יאָרנלאַנג האָבן דאָ מענטשן געהאָרעוועט אַף דער ערד, איבער וועלכער עס האָבן אָפּט געגאָסן רעגנס און האָבן כאָרעוו געמאַכט די אָרעמע „נאַדעלן“, די גערטנער. מע האָט זיך געלעבט שטיל און באַשיידן, קוים זיך דעראָבערט דאָס שטיקל ברויט מיט בולבע, און עס האָט זיך קיינמאָל ניט געכאָלעמט קיינעם, אַז עס וועט אַהער אַראָפּקומען אַף זיי אַן אומגליק, גאָטס שטראָף — „באָזשא קאַרא“...

אין א שטילן זומער־באַגינען, ווען די פּאַסטעכער האָבן אַרויסגעטריבן אַף פּאַשע די שאָף מיט די רינדער, אוועקגעטריבן זיי צום שטראָם אָנפּאָיען, האָט מען דערזען אַפן שטיינערנעם ברעג, אַף די גראָזן און אויסגעשליפענע שטיינער שוואַרצן, ווי קויל, דזשעגעכץ, האָט מען זיך דערשראָקן אַף טויט. די ווײַסע ציגן זײַנען אַרײַן אין וואַסער און אַרויסגע־קראָכן פון דאָרטן שוואַרצע, ווי די רוכעס. עטלעכע פּאַסטעכלעך זײַנען אַרײַן ביז די קני אין וואַסער און אויך אַרויסגעקומען אויסגעשמירטע, ווי מע וואָלט אַרויסגעקראָכן פון א קוימען.

וואָס הייסט דאָס?

דערשראָקענע איז מען אוועקגעלאָפן צו די באַלעבאַטים דערציילן וועגן דער צאָרע, און אינגיכן איז זיך אַהער צונויפגעלאָפן דאָס גאַנצע דאָרף. מע האָט געבראָכן די הענט, מיט

פּאַכעד געקוקט אויף דער שוואַרצער וואַסער, אויף די גרינגלעכע פּלעקן, וואָס האָבן באַצירט די כוואַליעס, און זיך געצײַלעמט, זיך געווענדעט צום הימל, פֿרעגנדיק מיט די אויגן, פֿאַר־וואָס האָט גאָט פֿאַרשאָלטן דאָס ווינקל, דעם טײַך, די מענטשן.

ארום האָט זיך געהערט א געיאָמער, א קלאָג. מע האָט גערופֿן דעם גאָלעף. אינעם קלײ־נעם קלויסטערל האָבן א זעץ געטאָן די גלעקער.

א פּאַכעד האָט ארומגעכאַפּט קליין און גרויס.

הערט נאָר, די וואַסער, וואָס איז שטענדיק געווען לויטער, ווי קרישטאָל, איז שוואַרץ געוואָרן, ווי די נאַכט. די לופֿט, וואָס איז געווען פֿון טאָמיד פֿריש און ציכטיק, איז געוואָרן אָפּגעסאַמט מיט א שווערן גערוך. עמעצער האָט אַפֿילע דערזען עטלעכע פֿישלעך מיט די בײַכלעך ארויף...

זעט אויס, אז דער אוילעם האָט זיך שטאַרק פֿאַרזינדיקט פֿאַר גאָט. עס דערנעענטערט זיך א גרויסער אומגליק אָפּן טאָל. אָט דאָס איז זי, די „באַזשאַ קאַראַ" — די שטראָף פֿון גאָט.

מיט שרעק און מוירע איז מען געגאַנגען צום טײַך. מיט פּאַכעד האָט מען ארויסגעקוקט אָפֿן מאָרגעדיקן טאָג — געוואַרט אויף נאָך ערגערס.

מענטשן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן קלײַבן אין וועג — פֿאַרלאָזן דאָס פֿאַרשאָלטענע ווינקל, דעם „שוואַרצן טאָל", ווי מע האָט אים גלײַך אָנגערופֿן.

וויפֿל די הוצולן האָבן ניט געבעטן גאָט, ער זאָל אויף זיי ראַכמאָנעס האָבן, ניט אָנשיקן קיין שטראָף אויף זיי, האָט ניט געהאָלפֿן — די וואַסערן אויף יענעם אָרט זײַנען געוואָרן שוואַר־צער און שוואַרץ־ברוינער איז געוואָרן דער ברעג און זײַנע גראָזן.

ניט ווײַט פֿון דעם אָרט האָט אײנער א גאַזדע, א באַלעבאָס, זיך געשטעלט גראָבן א ברונעם, און ווען ער האָט זיך פֿאַרטיפֿפּערט אויף עטלעכע ארשין, האָט ער דערפֿילט, ווי עס הייבט אים אָן שטיקן א שטאַרקער גערוך, אָט־אָט פֿאַלט ער. מע האָט אים שנעל ארויסגע־שלעפּט און קוים אָפּגעראַטעוועט ניט פֿונעם טויט, דעריקער פֿון דערשרעק. דאָרטן, ווו עס האָט זיך געזאָלט באַווײַזן וואַסער, האָט זיך באַוויזן א געדיכטע שוואַרץ־ברוינע פֿליסיקײַט, א פֿעטע, מיט א שטאַרקן גערוך.

ווײַטער, דערציילט מען, איז דאָ דורכגעפֿאָרן א קלוגער הוצול, ער האָט באַטראַכט די געדיכטע פֿליסיקײַט, אָנגעשמירט מיט איר די רעדער פֿון זײַן וואָגן און באַמערקט, אז די רעדער האָבן גלײַך אויפֿגעהערט סקריפּען און דער וואָגן איז אוועק לײַכטער און פֿריילעכער. האָבן אַלע ארומיקע גענומען שמירן די רעדער מיט דער פֿליסיקײַט. דערנאָך האָט מען געפּרוווט אָנצינדן די פֿליסיקײַט. האָט זיך ארויסגעוויזן, אז זי האָט גאַנץ פֿײַן געברענט. האָט מען גענומען באַלײַכטן די הײַזער מיט איר און פֿאַטער געוואָרן פֿון די „לוטשינעס", מיט וועלכע מע האָט פֿריִער באַלײַכטן די הײַזער...

אין א צווייטן עק טאָל האָט עמעצער געגראָבן א ברונעם, זיך געפּרוווט דערקלײַבן צו דער וואַסער, נאָר, גאָטעניו זיסער, וואָס איז דאָס פֿאַר א נײַער אומגליק? א נײַע שטראָף? אַנ־שטאָט ערד האָט דער זאַסטופּ גענומען ארויסוואַרפֿן פֿון דער גרוב געלע שטיקער וואַקס, וואָס האָט שטאַרק דערמאָנט אין עמעסן בינען־וואַקס.

— ניט אַנדערש, ווי דאָס איז א פֿאַרשאָלטן ווינקל, — האָבן געטײַנעט אייניקע און זיך געקליבן פֿאַרלאָזן דאָס אָרט, אַנטלויפֿן פֿון גאָטס שטראָף, אַנדערש וועט מען דאָ אומקומען. און פֿיל מענטשן האָבן טאַקע פֿאַרלאָזט דעם טאָל.

עס זײַנען אָבער געווען אַנדערע, וואָס האָבן צונויפֿגענומען א ביסל וואַקס אין די טאָרבעלעך, אָנגעשעפּט א דייזשע שוואַרץ־ברוינע פֿליסיקײַט און זיך אוועקגעלאָזט מיט דעם אין שטאָט, קיין ליבאָוויטש, א פֿרעג טאָן בא קלוגע שטאָטישע מענטשן, עפּשער וועלן יענע זאָגן, וואָס דאָס איז און וואָס דאַרף מען טאָן?

יאָ, די שטאָטישע האָבן זיך שנעל פֿאַנאַנדערגעקליבן, וואָס דאָס איז פֿאַר א „באַזשאַ קאַראַ", און געראַטעוועט די אײַנוווינער פֿונעם „שוואַרצן טאָל" פֿון דער גזיירע.

די יעדיע, אז אין א ווײַטן קאַרפּאַטער ווינקל האָט מען אַנטדעקט אַן אויצער, אז אין די ערד־טיפֿענישן איז פֿאַרבאָרגן שוואַרץ גאָלד און דערצו נאָך באַרג־וואַקס, אָדער אָזאָקעריט, האָט זיך מיט דער שנעלקײַט פֿון א בליץ דורכגעטראָגן איבערן גאַנצן קאַנט.

פֿון די בערג און ארומיקע שטעט און דערפֿער האָבן זיך אַהין, צום שוואַרצן טאָל, א לאָז געטאָן זוכן ארבעט הונדערטער אָרעמע פּויערים, באַלמעלאָכעס, קרעמער, מעקלער.

דאָס קליינע דערפֿל איז פֿאַרפֿלייצט געוואָרן מיט מענטשן. עס איז ניט געווען ווו זיך אַהינטאָן, האָט מען געשטעלט דאָ און דאָרט קורענעס, געגעכטיקט פּאַשעט אונטערן פֿרײַען הימל, וועד עס האָט פֿאַרמאָגט א ביסל געלט, האָט געדונגען בא די היגע פּויערים א פּיצל ערד

און זיך געשטעלט גראָבן א ברונעם. מע האָט קיין סאך ניט געדאַרפט גראָבן — עס האָט זיך שנעל באַוויזן די ברוינלעך־שוואַרצע, פעטע פּליסיקייט, אָדער וואַקס. מע האָט אַף דעם גע־קוקט, ווי אַף א גרויסן וווּנדער.

דאָס גליק איז געלעגן אויבנוף — נעם עס מיט די הענט!

די אַרטיקע פּויערים האָבן געציטערט פון שרעק, געמיינט, אז מער וועט אַף אָט דער ערד שוין גאָרניט וואַקסן. לעמײַ האָט מען געדאַרפט אופהייבן די אייבערשטע גרינע פּלאַסטן? אַלץ וועט גיין צו גרונט.

אָבער דער שעם וועגן „שוואַרצן טאָל” איז אַלץ געשטיגן, און די אָרעמיקע דאָרפלעך האָבן זיך שנעל פאַנאַנדערגעוואַקסן. מע האָט געשניטן אַלטע ביימער, געבויט הײַזלעך, כיי־באַרקעס, און דאָס דאָרף באַם טאָל האָט זיך אומבאַמערקט שטאַרק פאַנאַנדערגעוואַקסן. די באַפעלקערונג האָט זיך מיט א מוירעדיקער שנעלקייט פאַרגרעסערט.

אייניקע זײַנען שנעל רײַך געוואָרן, אָפּגעדונגען גרעסערע שטיקלעך ערד און געגראָבן נײַע ברונעמס, אַנדערע זײַנען רויִנירט געוואָרן, זיך פאַר גראָשנס פאַרדונגען צו די אונטער־נעמער און אויסגעריסן געוואָרן אין די גריבער.

עס זײַנען אַראָפּגעקומען אַהער ספּריטנע געשעפטמאַכער פון די גרויסע שטעט, זיך ברייט צעבײַטלט, אָפּגעקויפט שטיקלעך ערד צוזאַמען מיט זייערע קליינע באַלעבאַטימלעך, געדונ־גען אַקאָרשט־געקומענע אַהער פּויערים, שטעטלדיקע באַלמעלאָכעס און געצוווּנגען האָרעווען אין די גריבער און אָרום זיי פון קאַיאָר ביז אין דער שפּעטער נאַכט.

איצט האָט מען שוין געקאָנט גראָבן טיפער. מע האָט געזען, אז די רײַכטימער פון דער ערד וועלן סטײַען אַף דורעס, און אַהער זײַנען אַראָפּגעקומען אונטערנעמער, פאַבריקאַנטן פון לעמבערג און וואַרשע, פון ווין און פּאַריזש...

דאָ און דאָרט באַם „שוואַרצן טאָל” האָבן זיך באַוויזן קלענערע און גרעסערע פירמעס. עס זײַנען זיך צונויפגעקומען אַרבעטער און אונטערנעמער פון שכײניש לענדער, און עס האָבן אַף די בלאַטיקע געסעלעך פון ראַפּײַעוּוקע געגומען קלינגען פאַרשיידענע לעשוינעס.

אין איינעם א קאַלטן האַרבסט־פרימאָרגן האָט זיך דאָ באַוויזן א פירמע, וואָס מע האָט אין שפּאַס אָנגערופן: „פירמע יאַקוב מאַרקוס און זײַנע האָלאַדראַנצעס”.

דאָס איז געווען זאַלמען מאַרקוסעס עלטערזיידע.

וואָס פאַר א רועך עס האָט אַהער אַראָפּגעבראַכט דעם באַוווּסטן אין דער בוקאָווינע טעסלער, און וואָס האָט ער דאָרט געזוכט, וועלן מיר אײַך באַלד אינקורצן דערציילן.

יאַקוב מאַרקוס האָט דאָס גאַנצע לעבן געבויט אין דער בוקאָווינע הײַזער פאַר רײַכע לײַט, מע האָט אים שטאַרק געשעצט, אָבער ביז יענער שאָ, ווען ער האָט אויסגעטעסעט מיט דער האַק די לעצטע ברעט.

נאָך דעם האָט מען אים געדאַרפט אַף קאַפּאָרעס.

זאָגט מען דאָך, אז א שנײַדער גייט אָן פּלודערן, א שוסטער באָרוועס און א טעסלער האָט ניט קיין דאַך איבערן קאָפּ...

אזוי איז עס טאַקע געווען מיט יאַקוב מאַרקוסן.

וויפל הײַזער האָט ער דאָ אויסגעבויט אין דער בוקאָווינע, נאָר אליין מיט זײַן היפּשער מישפּאָכע ניט געהאַט קיין שטוב און זיך געוואַלגערט בא פרעמדע מענטשן.

ניט איין באַלעבאָס האָט אים צוגעזאָגט, אז ווי נאָר ער, יאַקוב, וועט פאַרענדיקן בויען דאָס הויז, וועט מען אים געבן געהילץ, ער זאָל פאַר זיך אויסבויען א נאַכלע. אָבער צוזאָגן קאָסט קיין געלט ניט.

די עלטער האָט זיך געגומען אָנרוקן, ווי א בייזע כמאַרע, און דער באַרימטער טעסלער פון דער בוקאָווינע האָט געזען, אז ער וועט גיין פון דער וועלט און אפילע ניט איבערלאָזן זײַן מישפּאָכע א דאַך איבערן קאָפּ. איז ער געוואָרן אויסער־זיך און באַשטימט זיך צעשיידן מיט דער האַק, ווי אויך מיט דער בוקאָווינע, און זיך לאָזן אַהין, וווּהין מענטשן יאָגן זיך אָפּ־זוכן דאָס שטיקל גליק.

דערהערט וועגן דעם ווײַטן קאַרפּאַטער ווינקל, וווּהין עס זײַנען געגאַנגען אָרעמע מענטשן נאָך אַרבעט און ברויט, האָט ער גענומען זײַן כאַליאַסטרע קינדער און זיך אויך געלאָזט אַהין.

זיך אָנגעלײַען, אז די אייגענע הויט איז שוין ניט געווען זײַנע, האָט ער זיך אויסגעמײַ־סטרעוועט א וועגעלע, געקויפט א פּאָר פערדלעך, צונויפגענומען זײַן ביסל האָב־און־גוטס, און הײַדאַ נאָך גליק. אין די בערג.

דער וועג איז געווען א ווײַטער און א שווערער. מע איז גראָדע אַרײַנגעפאָרן גלײַך אינעם רעגנדיקן האַרבסט, און די קעלטן האָבן גריסן שטיקער, ניט געלאָזט אָטעמען. ניט אַלע קינ־

דערלעך האָבן געהאַט אַן אָרט אויף וועגעלע. אייניקע איז אויסגעקומען צוזאַמען מיט אים, מיט יאַקובן, שפּאַנען באַם וועגעלע צופוס, קענען די געדיכטע בלאָטע, זיך אַרויסשלאָגן פון די קויכעס, אונטערשטופּנדיק דאָס וועגעלע.

יאַקוב האָט געשלעפּט מיט זיך דאָס גאַנצע פאַרמעגן זײַנס — זיבן קינדער, איינס קלע־נער פונעם אַנדערן, אַ קראַנקע שוויגער און אַ טראָגעדיקע ווײַב. דער דאַלעס און דער הונגער איז זיי נאָכגעגאַנגען פּוסטריט, ניט געלאָזט לעבן.

אַ קרעפּטיקער און פעסטער פאַרשוין איז געווען יאַקוב און אַ מענטש, וואָס איז קיינ־מאָל ניט אַראָפּגעפאַלן בא זיך. געקענט אַנהאַדעווען דאָס ווײַב און קינדער מיט אַ וויץ, אַ שאַרף וואָרט, אַ כאַכמעלע, איז ער אין דעם שווערן וואַיאַזש אײַנגאַנצן געפאַלן בא זיך. לאַנג געשטאַנען, אַנגעשפּאַרט מיטן עלנבויגן אויף וועגעלע, טראַכטנדיק, לעמײַ שלעפּט ער זיך אין אזא שווערן און אומבאַקאַנטן וועג!

נאָר כאַפּן צוריק איז געווען שפּעט. און ביזן שוואַרצן טאָל, ביז „באָזשאַ קאַראַ”, ראַפּײַעווקע, ווו מע האָט געקענט געפינען אַ שטיקל גליק, איז שוין געווען מיט דער האַנט צו דערלאַנגען.

האָט ער זיך געשלעפּט ווײַטער, ניט פאַרלירנדיק דעם ביטאָכן.

נאָר יאַקוב מאַרקוס האָט גראַדע געפונען זײַן גליק אינמיטן וועג!

דעם ווײַב האָט זיך פאַרגלוסט געלעגן ווערן און ברענגען דער וועלט אַ נײַעם יורעש.

דערווײַל האָט זיך צעשפּילט דער ווינטער מיט זײַנע גרויסאַרטיקע זאַווערוכעס. זיך שלעפּן ווײַטער איז געוואָרן אוממעגלעך. איז מען געבליבן שטעקן בא פרעמדע מענטשן אין אַ פרעמדער כאַטע.

טאַקע דאָ, אינעם דערפל, האָט יאַקוב געמוזט אויסבײַטן דאָס וועגעלע מיט די צוויי פערד־לעך אויף ברויט, בולבעס און מילך. ער איז, ווי זאָגט מען, געבליבן מיטן בײַטשל.

איבערגעווינטערט דאָ, אין דער פרעמד, בא גוטע מענטשן, האָט יאַקוב מאַרקוס ווי־ניט־איז צונויפגעשלאָגן אַ טאַטשקע, זיך שיין אָפּגעזעגנט מיט די באַלעבאַטים און זיך געלאָזט ווײַטער אין וועג.

געקומען מיט זײַן כאַליאַסטרע הונגעריקע, באָרוועסע און נאַקעטע כעוורע קיין ראַפּײַ־עווקע, האָט ער געמיינט, אַז ער איז אַרײַנגעפאַלן אויף אַן אומגעוויינלעכן יאַריד. אַ מוירעדיקע ענגשאַפט אַרום. אַ שרעקלעכער מישמאַש, אַ הו־האַ. עס איז ניט געווען ווו זיך אַהינטאָן. אַף צו דינגען אַ שטיקל כאַטע פאַר זײַן מישפּאָכע האָט מען געדאַרפט פאַרמאָגן אַ מאַיאָנטעק. קומען צו אַ שטיקל ערד, מע זאָל זיך שטעלן גראָבן אַ קרענעצע און באַקומען וואַקס אָדער שעפּן ראָפּע — נאַפט, איז געווען אוממעגלעך. ווײַל אומעטום האָבן שוין אויף דער ערד אַרופּ־געלייגט זייערע לאַפּעס די געקומענע רײַכע לײַט, די פירמעס. און אין טאַש איז ניט געווען קיין לעבעדיקער קרייצער, כאָטש לייג זיך אַוועק און שטאַרב.

אָט האָסטו דיר דאָס גליקלעכע ווינקל, ווו מע שאַרט גאָלד מיט לאָפּעטעס.

און ער האָט באַשטימט גלײַך פאַרלאָזן דאָס מעשוגאָים־הויז ראַפּײַעווקע.

זיך אָפּגעשטעלט אין אַ קליינעם יִשעוו, ווו עס האָבן שוין פאַרמאָגט שטיבלעך עטלעכע צענדליק וואַקס־גרעבער, נאַפּטלער און וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען בראָדניצע, האָט יאַקוב באַשטימט זיך דאָ באַזעצן, צונויפקלאַפּן אַ נאַכלע פאַר דער מישפּאָכע, און דערנאָך — זאָל זיך גאָט זאָרגן!

אוועקגעלאָזט זיך מיט די עלטערע באַנים זײַנע אין די בערג מיט זעגן און העק, האָט מען אָנגעוואָלגערט עטלעכע קלעצער, זיי אוועקגעשלעפּט אין יִשעוו בראָדניצע און געגומען זעגן און טעסען. אונטערן הויכן באַרג, וואָס איז ווי אַ שווערע כמאַרע געהאַנגען איבערן וועג, האָט מען צוגעקליבן אַ שטיקל פּלאַץ און אָנגעהויבן בויען די נאַכלע.

אַלע האָבן געהאָרעוועט טאָג ווי נאַכט, זיך אַרויסגעשלאָגן פון די קויכעס — ווײַנען אונ־טערן פרײַען הימל איז געווען ניט פריילעך. קוים מיט צאָרעס איז מען צוגעקומען ביז די קראָקוועס און שוין גענומען מאַכן שינדלעך, קעדיי דעקן דעם דאַך, איז געקומען צו לויפן אַ צערייצטער פאַרשוין, — זעליק לאַנצמאַן האָט מען אים גערופן, — און זיך אַרופגעוואָרפן אַף יאַקובן מיט אַ ווילדער זידלערײַ, געדראָעט אים אין טורמע פאַרשפּאַרן, אומברענגען, דערפאַר וואָס ער האָט פאַרכאַפּט זײַן שעטעך, וועלכן ער האָט אָפּגעקויפט און באַצאָלט מעזומען געלט.

לאָזט זיך אויס, אַז דער זעליק לאַנצמאַן, וועלכער האָט געוווינט אין ליובאָוויטש, געהאַט דאָרטן אַ צווייסטאָקיק גרויס הויז, האָט שוין פון לאַנג אָפּגעקויפט דאָ עטלעכע ערד־באַצירקן און אין טאָל געהאַט עטלעכע גריבער, פון וועלכע זײַנע אַרבעטער — גרעבער האָבן אַרויס־באַקומען באַרג־וואַקס און אויסגעאַרבעט פון אים ליכט.

יאקוב מארקוס איז געשטאנען און מיט דער האק געטעסעט א קלאָץ, ווי ניט אים, יאקובן, מיינט מען. ער האָט אויסגעהערט דאָס גאנצע פעקל זידלווערטער פונעם צעבייזערטן באלעבאָס, צוגעווארט, ביז יענער האָט אָנגענומען שטומעניש, און דאן זיך אָנגערופן:

— זאָגט מיר נאָר, רעב ייִד, מער קיין זידלווערטער פארמאָגט איר ניט? איז פארנעמט זיך בעסער פונדאנען מיט גוטן, ווײַל איך, אז איך צעבייזער זיך, קאָן איך, כאַלילע, דערלאנגען מיט דער האק איבערן קאָפּ און דער פאסקודניאק, וואָס באליידיקט מיך, קאָן באקומען א גוליע...

דערהערט אזעלכע דיבורים, איז זעליק לאנצמאן געבליבן שטיין אָן לאָשן. וועגן דעם, אז ער זאָל אָט דעם גוואר פארטרײַבן פונדאנען, האָט, זעט אויס, קיין רייד ניט געקאָנט גיין. האָט ער זיך אָפּגערוקט, באטראכט מיט קאָפּ אָט דעם קרעפטיקן, ברייטפלייציקן גוואר מיט דער שווארצער באָרד און ברענענדיקע קארע אויגן און געקומען צום סייכל, אז מיט אזא פארשוין איז גלײַכער זיך ניט פארקריגן. און ער האָט זיך אָנגערופן מיט א געפּאלענער שטים:

— איך האָב ראכמאָנעס אף דײַנע קינדער, אנדערש וואָלט איך גלײַך געלאָפן רופן פּאָליציי. וויבאלד אזוי, וועסטו בלײַבן אף מײַן שטיקל ערד, נאָר מיט א טנײַ, אז דו וועסט גיין מיט דײַנע ייִנגלעך ארבעטן אין מײַנע קרענעצעס, גראָבן וואקס. איך וועל דיר לײַטיש באצאָלן פאר דײַן טירכע, אויב דו וועסט ארבעטן געטרײַ און ראיעל. און שפּעטער, ווען דו וועסט זיך שטעלן א ביסל אף דײַנע פיס, וועסטו מיר אויך באצאָלן פאר מײַן שטיקל ערד...

יאקוב האָט א קלאַפּ געטאָן מיט דער האק איבער דעם קלאָץ, זיך שווער אראָפּגעלאָזט אף אים, פארייכערט זײַן גראָבן ציבעק, אָפּגעמאָסטן מיט א שווערן בליק דעם לאנגן, דארן, רויטלעכן באלעבאָס אינעם שווארצן סאמעטענעם קארטוז, און זיך אָנגערופן:

— וואָס איז מיר די נאפקעמינע, בא וועמען בייגן דעם רוקן? איך קאָן גיין הארעווען צו אײַך, אויב איר וועט מיר לײַטיש באצאָלן.

— וואָס הייסט? אז דו וועסט ניט זײַן קיין לײַדאק און זיך סטארען, וועסטו האָבן אף דער כאיונע...

אין עטלעכע טעג ארום האָט יאקוב מארקוס מיט זײַנע צוויי ייִנגלעך זיך אראָפּגעלאָזט פון די בערג און זיך געשטעלט ארבעטן בא לאנצמאנס קרענעצעס.

אין דרויסן איז נאָך געווען פינצטער, ווען מע האָט די גרעבער אראָפּגעלאָזט אין ברונעם. אין אלע עקן האָט זיך געהערט דאָס סקריפּען פון די „וואָראָטקעס", מיט דער הילף פון וועלכע מע האָט די מענטשן אראָפּגעלאָזט אונטער דער ערד.

בא א זײַטיקן ברונעם זײַנען געשטאנען עטלעכע פויערים, זיך אײַנגעקוקט אין דעם „נײַינקן", דעם באיאָרטן פארשוין מיט דער שווארצער באָרד און מיט מיטלײַד אונטערגעשאָקלט מיט די קעפּ.

— וואָס זשע, מענטש, טשאָלאָוויטשע, — איז צוגעגאנגען צו יאקובן מיקאָלע קראווטשוק, אויך אן עלטערער גרעבער מיט אן אָפּגעריבענער סוויטקע און אין אן אָפּגעבליאקעוועטן קאפעליוש מיט א גרינעם פעדער, — דיר האָט זיך אויך פארגלוסט פארזוכן דעם גאניידן?

יאקוב מארקוס האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און צעפּירט די הענט:

— וואָס זשע קאָן איך טאָן, די קינדער ווילן עסן א שטיקל ברויט. דערצו נאָך מוז איך אָפּארבעטן דעם באלעבאָס. ער האָט מיך געזידלט, לעמײַ איך האָב אים באראבעוועט, זיך געשטעלט א נאכלע אף זײַן ערד...

— ווז, אין בראָדניצע? האָסטו זיך, הייסט עס, אויך ארײַנגעכאפּט?.. לאנצמאן טוט אָפּ מיט א סאך דאָס זעלבע שפּיצל און פאָדערט, מע זאָל ארבעטן בא אים. איך האָב אויך געבויט א כאטקע אונטערן שווארצן בארג, אין בראָדניצע, ווילן מיר, הייסט עס, זײַן מיט דיר שכײַנים... איז קום קריכן אין קרענעצע צו אים...

— אן אנדער ברייירע? — האָט נאָך א לאנגער פּאוזע געזאָגט יאקוב. — ניט בא אים וועסטו ברעכן די קריזשעס, וועט קומען אן אנדער שלאק און דיך ארײַנשטופּן אין קרענעצע... אזא גוירל בא אונדז, וואָס וועסטו מאכן...

מע האָט זיך נאָך א ביסל דורכגערעדט, קוקנדיק, ווי דער באגינען פּאַרט ארײַן אין די קארפּאטן, און זיך אײַנגעהערט אין די געשרייען, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון פארשיידענע זײַטן.

מיקאָלע מיט יאקובן האָבן זיך ארײַנגערוקט אין א פארזשאווערטער „באדיא", און אין א פּאָר רעגעס ארום האָט מען זיי אראָפּגעלאָזט אין פינצטערן ברונעם.

יאקובס ביידע ייִנגלעך האָבן מיט פּאכעד געקוקט, ווי דער פּאָטער מיט דעם הוצול זײַנען אראָפּ אונטער דער ערד, און טרערן האָבן זיך באוויזן אין זייערע אויגן.

אן עלטערע פויערטע, וואָס איז געשטאַנען באַם „וואַראַטאַק״, האָט געפּרוּווט באַרויקן די איבערגעשראָקענע כּעוורע:

— מיט אײַער טאַטן וועט קיין שלעכטס ניט געשען, ציטערט ניט אַזוי. שווער קומט דאָ אָן דאָס שטיקל ברויט, נאָר אײַער טאַטע איז ניט דער ערשטער און ניט דער לעצטער. איר וועט אויסוואַקסן, וועט איר אויך קריכן אונטער דער ערד.

זי האָט בעסער צוגעבונדן דאָס קאָפּטיכל און, דרייענדיק דאָס הענטל פון קאָרב, פאַר־געזעצט:

— בלויז די ערשטע טעג איז שרעקלעך, דערנאָך געוווינט מען זיך צו צו דער קאַר־טאָרגע. דער מאַן מײַנער, מיכײַלע, איז אויך געקראָכן אין דעם קייווער און דאָרטן פאַרבליבן. עפּשער האָט איר מער מאַזל פאַר מיר.

פאַרנאַכט, ווען מע האָט ארויסגעשלעפּט פון דער גרוב מיקאָלען און יאַקובן, האָבן זיי אויסגעזען, ווי די מײַסים. בלאַסע פּנעמער, אויסגעוויקטע פון שווייס, אויסגעשמירטע, די אייגענע מאַמע וואָלט זיי ניט דערקענט. מע האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס.

ביידע ייִנגלעך האָבן דערשראָקענע געקוקט אויפן פאָטער. ער איז געפאַלן אויפן בערגל וואַקס, ווי אַן אונטערגעשניטענער. וועלנדיק באַרויִקן די כּעוורע, האָט ער געזאָגט:

— נישקאָשע, קינדער, דאָס איז נאָר דער ערשטער טאָג אַזוי, מע דאַרף זיך צוגעוווינען.

ער האָט אַ ווונק געגעבן צו מיקאָלען, וועלכער האָט געריכערט:

— עמעס, מיקאָלע, מע דאַרף זיך צו דער גרוב צוגעוווינען?

יענער האָט ביטער אַ שמייכל געטאָן אין די וואָנצעס:

— ברענט זי אויפן פייַער, די דאָזיקע אַרבעט!.. קיין ערגערע קאַטאָרגע דאַרף מען שוין ניט צוטראַכטן. איך אַרבעט אין די גריבער דאָס צווייטע יאָר, און ווען איך זאָל זיך ניט אַראָפּלאָזן, פאַרשעלט איך זיך די ביינער.

אַ טראַכט געטאָן, האָט ער צוגעגעבן:

— אָבער דאַנקען גאָט דערפאַר. אַנדערע ווינטשן זיך אַזאַ אַרבעט. גיי צו דער בריק, וועסטו זען, וויפל עס זיצן דאָרט הונגעריקע אַרבעטסלאָזע און קוקן אַרויס אויף אַרבעט.

ווי נאָר דער פרימאָרגן האָט אַ שמייכל געטאָן אין די בערג, זײַנען זיי ביידע געגאַנגען צו דער אַרבעט, אין טאָל. און נאָך דער אַרבעט, אומקערנדיק זיך אַהיים, האָט מען זיך געפּאָרעט באַ די כאַטעס. מע האָט געדאַרפט צודעקן די דעכער, מע זאָל ווינטער ניט פרירן. דעריבער האָבן זיי געהאָלפן איינער דעם צווייטן, און די אַרבעט איז אַוועק באַ זיי אַ סאַך פריילעכער, ווי פריִער.

די שכיינים זײַנען מעקאַנע געווען די צוויי מענטשן, וועלכע האָבן זיך אַזוי גיך באַ־פרײַנדעט.

אַזוי וואָלט מען זיך שוין, זעט אויס, געקאָנט אויסלעבן רויִק די יאָרן, איז אָבער אין עטלעכע כאַדאָשים אַרום געשען אַ גרויסער אומגליק. און געקומען איז ער ניט פון זיך אַליין. מע האָט וויפל מאָל געוואָרנט דעם באַלעבאָס, אַז ס'איז שוין לאַנג צײַט בײַטן די שטריק, ווײַל זי איז שוין אויסגעריבן און קאָן זיך יעדע רעגע איבערײַסן. נאָר יענער האָט אַלץ געטײַנעט, אַז ס'איז נאָך דאָ צײַט, ער ווייסט אַליין ווען בײַטן די שטריק אויפן קאָרב. דערצו נאָך זײַנען שטריק ניט אַזוי וואָלוול, ווי עס דאַכט זיך זיי, די לײַדאַקעס. און ער קאָן זיך ניט פאַרגינען אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק פאַטערן געלט אויף נײַע שטריק. ער איז ניט אַזאַ גוויר, ווי זיי דאַכט זיך! און זאָלן זיי זיך ניט פאַרנעמען מיט קיין נאַרישקײַטן און זיך באַוועגן אין קרענעצע אַ ביסעלע זשוואַווער, אַרויסגעבן מער וואַקס, אַנדערש וועט ער זיי ביידן ווײַזן דעם וועג און נעמען נײַע גרעבער.

אַזוי האָט מען זיך אויסגעטײַנעט, ביז אין אַ שטילן אָוונט, בעשאַס די פרויען האָבן געדרייט דעם קאָרב און עס האָט זיך געהויבן אַרויף פון דער גרוב אַ שווערע קיילע מיט פאַראַדע, האָט די שטריק געפּלאַצט, און די שטיינער האָבן זיך אויסגעשאָטן אויף די גרעבער. מע האָט אַרויסגעשלעפּט פון דער גרוב מיקאָלע קראַוואַטשוקן און יאַקוב מאַרקוסן מיט איבערגעבראָכענע ריפּן, צעקאַליעטשעטע פיס, קוים לעבעדיקע און זיי אַוועקגעטראָגן אין באַראַק.

אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך דער דאָקטער מיט זיי געמוטשעט און קוים אָפּגעראַטעוועט פונעם טויט. עטלעכע כאַדאָשים האָבן זיי זיך געוואַלגערט אין ענגן קויטיקן באַראַק, וואָס האָט געזאָלט הייסן שפּיטאָל. מע האָט זיי צונויפגעשטוקעוועט, צונויפגעקלעפּט, נאָר אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס זײַנען אויף אייביק אומגליקלעכע מענטשן, וואָס וועלן שוין ניט קאָנען אַרבעטן.

נאָך אַ גליק, וואָס דער באַלעבאָס האָט זיך דערבאַרעמט איבער די אומגליקלעכע מישפּאָכעס, וועלכע זײַנען געבליבן אָן ברויטגעבער, און גענומען אױף דער אַרבעט זייערע קינדער.

ווען ביידע קאַליקעס האָבן זיך געשטעלט אויף די פיס און געקומען צום באַלעבאָס פאַדערן, ער זאָל העלפן אויסהאַלטן די מישפּאָכעס, האָט ער זיי אָנגעוויזן אויף דער טיר. ער האָט געזאָגט, אַז זיי דאַרפן אים נאָך זאָגן אַ דאַנק, דערפאַר וואָס ער האָט גענומען צו דער אַרבעט זייערע קינדער.

— געוויס זײַט איר געקראָכן אין גרוב שיקערע... איבערגעלאָדן די „באַדיאַ", און די שטריק האָט ניט אויסגעהאַלטן.

— שטענדיק וועט איר זײַן גערעכט... — האָט מיקאָלע אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, קוקנדיק אויפן זעלבסטצופרידענעם, אָנגעפּרעסענעם באַלעבאָס, — נאָר נישקאָשע, מיר וועלן דאָס אײַך אַמאָל דערמאָנען...

מיקאָלע קראַווטשוק איז נאָך צו אַלע צאָרעס דאָ געווען עלנט, ווײַל דאָס ווײַב מיט די קינדער זײַנען געזעסן און זיך געמאַטערט אין אַ הוצוליש דערפל און אַרויסגעקוקט, זייער ברויטגעבער זאָל פאַרדינען אין די גריבער אַ ביסל געלט, אויסבויען אַ נאַכלע און זיי אַרויסנעמען צו זיך. אַ שטיק צײַט איז אַרום מיקאָלען אַרומגעגאַנגען יאַקובס ווײַב מיריאַם, פּונקט ווי אַרום איר יאַקובן, געהאָדעוועט מיט וואָס עס האָט זיך געמאַכט, געוואַשן זײַן גרעט, געהיילט מיט גראָזן און מיט קרײַטעכצער. און ווען מע איז אַ ביסל געקומען צו־זיך, אָנגעהויבן זיך אַרומשלעפּן אויף די קוליעס, האָט יאַקוב געזאָגט צום גוטנברודער:

— נו, מיקאָלע, ווי דו זעסט, זײַנען מיר ביידע גוט אויף צאָרעס. קיין איין באַלעבאָס וועט אונדז קיין אַרבעט ניט געבן. נאָר דו האָסט איין גאַנצן פוס און איך — איין גאַנצן פוס, האָסטו, הייסט עס, צוויי. מיר וועלן זיך שוין יאַקאָס דאַרפן האַלטן, זיך אָנשפּאַרן איינער אינעם צווייטן. די הענט האָט מען אונדז ווי־ניט־איז צונויפגעשטוקעוועט, און זיי באַוועגן זיך שוין צוביסלעך. וועלן מיר מינאַסטאַם ניט פאַרפאַלן ווערן. מע דאַרף זיך אָבער האַלטן צוזאַמען. און ווי זאָגט עס דאָרטן אײַער אוקראַיִניש ווערטל: „צוזאַמען איז אַפילע דעם אייגענעם באַטקאָ גרינגער צו שלאָגן..."

— געוויס! — האָט נאָך אַ לאַנגער פּאַוזע אַרויסגעבראַכט דער כאַווער. — נאָר מיר איז נאָך ערגער, ווי דיר. מײַן ווײַב מיט די קינדער מוטשען זיך דאָרטן, אין דאָרף, האַרעווען אויפן פּאַרעץ. זיי וואַרטן, אַז איך זאָל זיי צונעמען צו זיך. נאָר וואָס וועסטו מאַכן, אַז דאָס שטיבל האָב איך נאָך ניט דערבויט און עס שטייט נאָך אָן אַ דאַך. וווּהין זאָל איך זיי רופן? עס קומט אונטער דער ווינטער.

— ניט געזאָרגט, מיקאָלע... זאָלן זיי קומען אַהער.

— וווּהין? אַז קיין וווינונג איז בײַ מיר נישטאָ.

— נישקאָשע, מיקאָלע! רוף זיי אַהער. דערווײַל וועלן זיי קענען בלײַבן דאָ, בײַ מיר אין כאַטע, כאָטש זי איז נאָך אויך אײַנגאַנצן ניט פּאַרטיק, מיר וועלן וווינען אַ ביסל ענגער, ביז מירן זיך קענען נעמען פאַר די הענט און אַרויסענדיקן דײַן שטיבל. וואָס קאָן מען מאַכן? איך האָב געבויט הײַזער פאַר אַ סאַך פּאַסקודניאַקעס, וועל איך איצט בויען פאַר אַ גוטנברודער... ניט געזאָרגט!

מיקאָלע קראַווטשוק האָט געקוקט אויפן מענטשן מיט דאַנקבאַרע אויגן און ניט געקאָנט געפינען קיין ווערטער אויף אַרויסצוזאָגן זײַנע געפילן.

צוזאַמען, העלפנדיק איינער דעם צווייטן, האָט מען געלעבט אין דעם פאַרוואָרפענעם ווינקל, ניט ווײַט פון ראָפּײַעווקע, ווו אייניקע האָבן געשאַרט מיט לאָפּעטעס גאָלד און אַנדערע זײַנען אויסגעריסן געוואָרן, געפּאַטערט דאָס געזונט, געוואָרן קאַליקעס אָדער אומגעקומען אין די וויסטע גריבער.

אָט דאָס איז געווען יאַקוב מאַרקוסעס און מיקאָלע קראַווטשוקס ניידער פאַר די קינדער און קינדסקינדער:

דעם דריטן טאָג אַ שטיקל ברויט, נאָר ניט אַרבעטן אין די גריבער.

אָבער, ווי אויף צולאָכעס, זײַנען דאָ די גריבער געוואַקסן, ווי אויף הייוון. עס זײַנען אויפגעקומען נײַע אונטערנעמער, געדונגען שטיקער ערד, געעפנט זייערע „פירמעס", און מענטשן מיט לאָפּעטעס זײַנען געקראָכן, ווי די מוילוואָרפן, אונטער דער ערד, קעדיי אַרויסבאַקומען באַרג־וואַקס.

אין צווייטן עק טאָל האָט מען אָנשטאָט די גריבער, פון וועלכע מע האָט געשעפּט נאַפט אויף אַ גאָר פּרימיטיוון אויפן, אָנגעהויבן עגבערן טיפע סקוואַזשינעס, זיך דערקלײַבן צום „גרויסן נאַפט". מע האָט פון פאַרשיידענע עקן וועלט אַראָפּגעבראַכט מאַשינעס, פּאָמפּעס,

דרעלן. די פלאַסטן, וואָס זײַנען טויזנטער יאָרן געלעגן אין טיפֿן דרעמל, האָבן געגומען קרעכצן. דאָ און דאָרט איז אויסגעוואַקסן אַ וואַלד פֿון שוואַרצע נאַפֿט־טורעמס. מע האָט געבויט קאָטשעגאַרקעס, געגראָבן גריבער און געשטעלט גרויסע נאַפֿט־רעזערוואַרן פֿאַר ברענשטאָפֿן. פֿון יענער זײַט באַרג־שטראָם האָט זיך געצויגן די אײַזנבאַן־ליניע, וואָס האָט אַרויסגעפֿירט דעם נאַפֿט.

פֿון די בערג, פֿון פֿאַרשיידענע עקן לאַנד האָבן זיך געצויגן אַהער אַרבעטסלאָזע. דאָ, אינעם „שוואַרצן טאָל", זײַנען זיי אײַנגעשלונגען געוואָרן — ווער עס איז געגאַנגען אין דער שאַכטע, אונטער דער ערד, און ווער עס האָט זיך געשטעלט אַרבעטן בײַ די נאַפֿט־גריבער, בײַ דער בויונג פֿון דער אײַזנבאַן.

ראַפּײַעווקע, „באָזשאַ קאַרא", האָט זיך געבויט.

באַנאַנד מיט די אַרבעטער־נאַכלעס און באַראַקן זײַנען געוואַקסן שטיינערנע קאָטעדזשן און מויערלעך. דער גאַנצער אַרום האָט שנעל געענדערט דעם אויסזען. אינגיכן איז שוין ניט געבליבן קיין סימען פֿון יענעם קליינינקן דערפֿל, וואָס איז געשטאַנען בײַ דער זײַט פֿון טאָל מיט די געציילטע כאַטעס אונטער די שטרויענע סטריכעס. עס זײַנען ניט געבליבן קיין פּויערים, וואָס האָבן זיך געפּאָרעט בײַ דער ערד, קיין פּאַסטעכער, וועלכע האָבן אין די בערג געפּאַשעט שאָף. אַלע זײַנען אַוועק אַרבעטן אויף די נאַפֿט־באַצירקן, אין די שאַכטעס. שמאָלע, ענגע געסלעך, בלאָטיקע, מיט קליינינקע אײַנגעבויגענע שטיבלעך און נאַכלעס. נידעריקע, פֿינצטערע אַרבעטער־באַראַקן און נאַכט־הײַזער. טראַקטירלעך און שענקלעך, פֿון וועלכע עס האָבן זיך געהערט אין די נעכט שיכּורע גוואַלדן און געזאַנגען. אַ פּאָר קלויסטער־לעך מיט אַ שול. אַ קליינינקער קאָסטיאָל און אַ קירכע, און אויפֿן בערג טײַך — רײַכע קאָטעדזשן, גרויסע הײַזער, מויערן און ליכטיקע געבײַדעס פֿון די פֿירמעס. אָרעמע, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, אויסגעווייקטע פֿון נאַפֿט און שווייס נאַפֿטלער. און שאַכטיאָרן, באָרוועסע, ניט קיין געצוואָגענע קינדער, וואָס האָבן אויסגעשטרעקט די הענט נאָך אַ שטיקל ברויט, אַ נעדאָווע, און פֿאַרפּוצטע לײַט מיט קאַפּעליושן און צילינדערס — אָנגעזויפּטע, אָנגעפּרעסענע, זאַטע. פּאַעטאָנעס און בריטשקעס באַנאַנד מיט פֿאַרשוואַרצטע וועגענער, וואָס האָבן געפֿירט צו דער סטאַנציע פֿעסער נאַפֿט, קאַסטנס מיט וואַקס.

און דאָס אַלץ איז געוועזן די היים. אָט דאָ האָט מען געדאַרפֿט אויסלעבן ווי־ניט־איז די יאָרן. אַהער איז מען געקומען נאָך אַרבעט און גליק.

און צו דער דאָזיקער היים האָבן זיי זיך איצט געצויגן, ווי צו דער זון, צוויי לעבנגע־בליבענע זעלנער פֿון פֿראַנץ־יאָסיפֿס כאַיל: טאַראַס קראַווטשוק און זאַלמען מאַרקוס.

אָבער קאַלזמאַן די כעוורע זײַנען נאָך אין וועג, דערווײַל נאָך ניט דערגאַנגען צו זייער לײַבלעכער היים, וואָלט געוועזן יוישערדיק, מיר זאָלן נאָך עפּעס דערציילן וועגן זיי. —

יאָרן האָבן זיך דורכגעטראָגן, און ניט שטענדיק האָבן מיקאָלעס און יאַקובס יאָרשים געהאַט די מעגלעכקײַט פּינקטלעך אויספֿילן די געבאָטן פֿון די זיידעס און זײַנען אַוועק ווײַטער פֿון זיי.

איין געבאָט האָבן זיי יאָ אויסגעפֿילט — ניט פֿאַרלאָזט די היים און ניט געלאָפֿן אין דער וועלט זוכן גליקן.

מיט יעדן יאָר איז דאָ דאָס לעבן געוואָרן שווערער און ביטערער און די אַרבעט אין דער שאַכטע, בײַ די נאַפֿט־טורעמס — געפֿערלעכער.

זאַכאַר קראַווטשוק, טאַראַס' פֿאָטער, האָט דאָ געשעמט ניט בלויז אַלס ספּעציאַליסט אויף עגבערן סקוואַזשינעס, ער איז געוועזן דרייסטער פֿון פֿיל אַנדערע, ניט געבויגן דעם קאָפּ פֿאַר די באַלעבאַטים, געשניטן דעם עמעס אין די אויגן און ניט מוירע געהאַט. פֿאַר זײַנע גאָלדענע הענט האָבן אים די באַלעבאַטים געשעצט. אין דער עסטרײַכיש־דײַטשישער „אויל קאָמפּאַני", וווּ ער האָט געאַרבעט, האָט מען אים אַפֿילע אָפּגעגעבן קאָוועד. מע וואָלט אים געאַכט און געשעצט נאָך מער, ער זאָל ניט האָבן אַ טעווע זיך אָנעמען יענעמס קריוודע — די קריוודע פֿון זײַנע שכיינים און געהילפֿן, פֿון די נאַפֿטלער.

אַ קרעפּטיקער מענטש מיט אַן עטוואָס געבויגענער פּלייצע, אַן אָפֿן סקולאַסטע פּאָנעם, פֿלאַקסענע וואָנצעס, גרויסע גרינע אויגן, האָט ער געוווּסט די סוידעס, וויאַזוי אַרויסבאַקומען פֿון דער דורכגעגבערטער ערד נאַפֿט־פֿאָנטאַנען.

די ערשטע צײַט האָט ער געלעבט שטיל, רויק, נאָר צוזעענדיק די העפֿקיירעס פֿון די געלטדאָרשטיקע באַלעבאַטים, ווי זיי שינדן די הויט פֿון די נאַפֿטלער, האָט ער באַשטימט ניט שווײַגן.

ער האָט אָנגעהויבן באַזוכן די געהיימע אַרבעטער־מאַסאָווקעס אין די בערג. בעשאַס

די שטרײַקן געגאַנגען מיט נאָך אַרבעטער צום דירעקטאָר מיט די פאָדערונגען פון די נאַפּטלער. און די באַלעבאַטים האָבן אָנגעהויבן אַף אים קוקן קרום — ניט אַנדערש, דער מענטש איז מעשוגע געוואָרן. אים צאָלן זיי דאָך מער, ווי אַנדערע, און זײַן מישפּאָכע איז באַזאָרגט מיט אַלץ, וואָס זשע איז דאָס זײַן דײַגע, וואָס אַנדערע באַקומען ווייניקער פאַר זייער אַרבעט!

מע האָט שוין עטלעכע מאָל געוואָרנט דעם מענטשן, ער זאָל זיך ניט מישן אין קיין זײַטיקע זאַכן, ווײַל ער קאָן שלעכט אָפּשנײַדן, נאָר דאָס האָט אַף אים ניט געווירקט.

דער דירעקטאָר האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט אים העכערן דעם געהאַלט, אַבי ער זאָל זיך פירן לײַטישער, זיך ניט פאַרקריגן מיט אים, נאָר רעדן צו דער וואַנט! — ער האָט זיך געטאָן זײַנס!

וואָס זשע איז אַזוינס געשען מיטן מענטשן, וואָס ער האָט זיך פּלוצעם אָנגעהויבן פאַר־נעמען מיט קראַמאָלע און זיך שטעלן די באַלעבאַטים אין וועג?

עפּשער איז זאַכאַר געוואָרן אַ גרויסער כאַכעם נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אָנגעהויבן באַגעגענען מיט די סטודענטן, וואָס קומען אָפּט אַראָפּ אַהער פון לעמבערג און ליוובאָוויטש און בורען אונטער דעם אַרבעטער־אוילעם? וואָס זשע, עפּשער האָט ער זיך פאַרבענקט נאָך דער טורמע, קאָן מען אים העלפן, ער זאָל זיך מיט איר באַקענען.

שוין אַ שטיק צײַט, אַז מע האָט אין ראַפּײַעווקע אויסגעבויט אַ טורמע און אַ גרויסן פּאָליציי־באַצירק, וואָס פּוסטעווען קיינמאָל ניט. די שיינע צוויי אַנשטאַלטן זײַנען אין גאַנצן קאַנט געוווען די גרעסטע געבײַען. זעט אויס, אַז די באַלעבאַטים האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער דאָזיקער גרויסער אַנשטאַלט מיט די שווערע גראַטעס אַף די קליינע פענצטערלעך וועלן צוניץ קומען. און די צוויי געבײַדעס זײַנען געשטאַנען עטוואָס אין אַ זײַט, אָפּגעשיידט פון דער שטאָט, געשטאַנען אַפן באַרג, ווי סטראַשידלעס.

נאָר אַ מאָדנע זאַך!

אַלע טאָג, גייענדיק פון דער אַרבעט און צו דער אַרבעט קיין בראָדניצע, איז זאַכאַר קראַווטשוק פאַרבײַגעגאַנגען די צוויי געהויבענע אַנשטאַלטן, נאָר אַף אים האָבן זיי קיין פּאַכעד ניט אָנגעוואָרפן.

זינט עס זײַנען אויסגעבויט געוואָרן די דאָזיקע צוויי געבײַדעס מיט די גראַטעס און ס'האָבן זיך געיאָוועט זשאַנדאַרמען — ניט נאָר פוסגייער, נאָר אויך אַף פערד, — האָבן זיך די רעדלפירער פון דער פירמע אָנגעהויבן פירן פרעכער און מיִעסער און האָבן שוין פאַר קיינעם ניט מוירע געהאַט, אפילו פאַר גאָט.

* * *

געווען איז אַ הייב פּרילינג.

די באַלעבאַטים פון דער פירמע האָבן זיך באַטראַכט, אַז זיי צאָלן צו טײַער די נאַפּט־לער, וואָס אַרבעטן אינגאַנצן צען שאָ אַ טאָג. האָט מען באַשטימט פאַרלענגערן אַף אַ שאָ דעם אַרבעטסטאָג און פאַרקלענערן דעם לוין.

די ידיִע האָט מען געבראַכט אַף די באַצירקן באַגינען, ווען די ערשטע וואַכטע איז געקומען צו דער אַרבעט.

זאַכאַר קראַווטשוק, אַ מידער און דורכגענעצטער פון שווייס און נאַפּט, איז אַראָפּגע־קראָכן פונעם נאַפּט־טורעם.

דערהערט די שיינע בסורע, האָט זיך אין אים אָנגעצונדן דער קאַס.

— וואָס זשע, כאַווײרים! — האָט ער זיך אָנגערופן צו די נאַפּטלער, וואָס זײַנען אַהער צוגעקומען. — מיר וועלן דערלאָזן, אַז די בלוטזויגער זאָלן זיך אונדז אײַנגאַנצן זעצן אַפן קאַרק? מיר ווערן דאָ אויסגעריסן, מאַטערן זיך, ווי אַפן טויט, און מע קוקט אַף אונדז, ווי אַף די אײזלען! מע דאַרף גלײַך וואַרפן די אַרבעט און גיין אין קאָנטאָר! קיינער טאָר ניט צוטרעטן צו דער אַרבעט!

דרײַ טעג האָט אַלץ אַרום געהודעט, געראַשט. אַלץ מער אַרבעטער זײַנען געקומען צום געדאַנק, אַז מע טאָר ניט שווײַגן.

אַפן פערטן טאָג האָט מען אויסגעוויילט אַ שטרײַק־קאָמיטעט, און דער עלטסטער איז געוואָרן זאַכאַר קראַווטשוק.

אַלע האָבן געוואָרפן די אַרבעט. דער „שוואַרצער טאָל" איז אײַנגעהילט געוואָרן אין שטילקײַט. און דער גאַנצער אוילעם האָט זיך וועקגעלאָזט אין ראַפּײַעווקע, צו דער קאָנטאָר פון דער פירמע.

זאַכאַר קראַווטשוק האָט זיך אופגעהויבן אַף א גרין בערגל ניט ווײַט פון דער קאָנטאָר. דער ווינט האָט געשויבערט זײַנע לאַנגע צעפּאַטלטע האָר. ער האָט זיי געפּרווּוט פאַרשאַרן מיט דער האַנט, נאָר דער שטאַרקער ווינט, וואָס האָט זיך אָנגעטראָגן פונעם גרינעם באַרג־שפּאַלט, האָט ניט געלאָזט. הונדערטער בליקן זײַנען געווען געווענדט אַפן אופגערעגטן נאַפּטלער. ער האָט א ווײַלע באַטראַכט דעם האַמוין און אויסגעשריגן:

— ברידער און שוועסטער! זעט נאָר, סאַראַ קויעך מיר זײַנען! צי וועלן מיר דערלאָזן, מע זאָל ווײַטער שינדן פון אונדז די הויט, די באַלעבאַטים אונדזערע פאַרדינען מיליאָנען, און מיר הונגערן, ווערן אויסגעריסן.

— גערעכט, זאַכאַר! דעם ריינעם עמעס זאָגסטו!

— שלעפּט אַראָפּ פונעם געלעגער דעם הער דירעקטאָר! זאָל ער הערן, וואָס מענטשן רעדן!

— ביז ווען וועט מען זויגן אונדזער בלוט?

דער טומל איז געוואַקסן, און אוילעם איז אַלץ צוגעקומען. דערהערט, אַז די נאַפּטלער האָבן געמאָלדן א שטרײַק, האָבן אויך געוואָרפן די אַרבעט די גרעבער פון דער אָזאָקעריט־שאַכטע, די אַרבעטער פון די קלענערע און גרעסערע אונטערנעמונגען, פון דער קליינער נײ־פאַבריק און ליכט־פאַבריק.

דער קלײנינקער טאַראַס, זאַכאַר קראַווטשוקס צעניאָריק ייִנגל, האָט זיך געפּרווּוט דורכשטויסן נעענטער צום טאַטן, נאָר עס איז געווען אומעגלעך זיך מאַכן א וועג דורך דער געדיכטעניש. ער האָט זיך פלינק אַרופגעדראַפּעט אַף אַן אַלטן בוים, זיך אָנגעהאַלטן מיט די הענטלעך פאַרן שטאַם.

די פלאַקסענע הערלעך בא אים זײַנען געווען צעשויבערט, דאָס העמדל צעכראַסטעט, און די גרויסע טונקל־גרינבלעכע אויגן, די ברייט צעעפנטע, האָבן געקוקט אַפן פאָטער מיט וווּנדער און פּאַכעד. ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען דעם טאַטן אַזאַ אופגערעגטן. ער האָט פון אים ניט געהערט אַזעלכע רייד. און געוווּנדערט האָט דאָס ייִנגל דעריקער דאָס, וואָס דער פאָטער האָט פאַר קיינעם איצט ניט קיין מוירע, אַפילע פאַר די צערייצטע זשאַנדאַרמען, וואָס זײַנען געקומען מיט ביקסן און שווערדן, געפּאָדערט, די אַרבעטער זאָלן זיך פאַנאַנדערגיין און זיך שטעלן צו דער אַרבעט.

דאָס ייִנגל האָט זיך גאַנץ באַקוועם אײַנגעמאָסטעט אַפן בוים און זיך אײַנגעקוקט, וואָס עס טוט זיך אַרום. ער וואָלט, דאַכט זיך, געקאָנט זיצן אַזוי אַפן בוים א גאַנצן מעסלעס און קוקן, וואָס אַרום טוט זיך. דער גרויסער אוילעם הערט מיט אַזאַ אָפּשײַ זײַן פאָטערס רייד, שלינגט מאַמעש זײַנע ווערטער. נאָר פאַרוואָס טיאָכקעט אַזוי אומרויִק דאָס האַרץ? עפּעס צו בייז קוקן אַפן טאַטן די זשאַנדאַרמען, וואָס שטייען בא דער זײַט אופגערייצטע און צעקאָסטע. געוויס געפעלט זיי ניט דאָס, וואָס דער פאָטער רעדט. מע וואָלט עפשער געדאַרפט צוגיין נעענטער צום פאָטער, אים העלפן, אויב א געפאַר וועט אים דראָען.

טראַכטנדיק וועגן דעם, האָט דאָס ייִנגל פלוצעם דערפילט, ווי עמעצער שלעפּט אים פאַר א פוס. ער האָט דערשראָקן זיך אומגעקוקט. דאָס האָט אים געטאָרקעט זאַלמענקע, זײַן בעסטער כאַווער און שאָכן. זײַן שוואַרץ פּאָנעם פאַרפלעקט מיט ווײַנשל־זאַפט, האָט גוטמוטיק געשמייכלט, די גרויסע קאַרע אויגן האָבן געגלאַנצט. ער האָט געוווּנקען צו טאַראַסיקן, ער זאָל אים אויך מאַכן א שטיקל אָרט אַפן בוים לעבן זיך. טאַראַס האָט זיך ניט געקאָנט פאַרשטעלן, ווי אַזוי האָט זיך דער מאַזיק דורכגעשטויסן דורך דער ענגשאַפט, און געוויזן מיטן בליק, ער זאָל קריכן צו אים. זאַלמענקע האָט מער גאָרנישט ניט געדאַרפט. פאַרוקט דאָס קאַשקעטל אַף א זײַט און אונטערגעצויגן די צעריסענע הייזלעך, איז ער ווי א וועווערקע אַרופגעקראָכן אַפן דיקן בוים, זיך אײַנגעאָרדנט באַנאַנד מיט טאַראַסיקן און זיך בעעמעס גלײַך דערפילט אַפן זיבעטן הימל, מאַמעש גליקלעך. לײַכטער אָפּגעעטעמט, האָט זאַלמען זיך אײַנגעקוקט אין טאַראַס' פאָטער, געהערט, ווי ער רעדט, און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — מעקאַנע געווען, וואָס טאַראַס האָט אַזאַ טאַטן. זאַלמענקעס טאַטע איז אויך געווען א גוטער און א האַרציקער, ער האָט אים שטאַרק ליב געהאַט. דער טאַטע, לייבעש מאַרקוס, האָט געאַרבעט אַף דער אָזאָקעריט־שאַכטע, א גרעבער געווען. בעשאַס אַן אָפּפאַל אין שטרעק האָט עס אים פאַרשאָטן, און ער איז אומגעקומען מיט נאָך זעקס גרעבער. פאַרצווייִאָרן איז דאָס געווען. אַזוי איז ער, זאַלמענקע, געוואָרן א יאָסעם. און די מאַמע האָדעוועט אים, זי אַרבעט בא שנײַדערײַ, א נייטערן בא מענטשן...

זיצנדיק אַפן בוים, האָט זאַלמענקע זיך דערמאָנט אין דער גרויסער לעווײַע, אינעם טאָג, ווען מע האָט געבראַכט צו קווּרע דעם טאַטן מיט נאָך זעקס גרעבער. און איצט איז ער עמעס מעקאַנע געווען זײַן כאַווער, וואָס האָט אַזאַ גוטן טאַטן.

זאַלמענקע האָט זיך דערמאָנט, אַז אין בוזעם האָט ער א גאַנצן אוצער. ער האָט אַרויס־

געשלעפּט פון דאָרטן א שטיק ברויט מיט א ציבעלע, דאָס ברויט צעבראָכן אף צוויי גלײַכע טיילן — פאַר זיך און טאַראַסיקן, די ציבעלע איבערגעביסן מיט די ציין, און מע האָט זיך גענומען געשמאַק צו דער אכילע. דערבײַ האָט מען פאַרגעסן, וואָס עס טוט זיך אַפן פּלאַץ און אַפילו אין זאַכאַרס רעדע. זיי האָבן אויך ניט באַמערקט, ווי עס איז אָנגעקומען מיטן לעמבערגער שליאַך א מאַכנע זשאַנדאַרמען און גענומען צעטרײַבן דעם אוילעם.

געכאַפּט האָט מען זיך ערשט דאַן, ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן גוואַלדן, געשרייען. עס האָבן גענומען פּײַפן אינדערלופטן און איבער די פּלייצעס פון מענטשן נאַהײַקעס.

עטלעכע נאַפּטלער האָבן זיך געוואָרפן אף א רײַטער און אים אַראָפּגעשלעפּט פונעם פערד. עס האָבן זיך א שאָט געטאָן אף די זשאַנדאַרמען שטיינער, שטיקער געהילץ און וואָס עס האָט זיך געמאַכט אונטער די הענט. מיטאַמאָל האָט דורכגעהילכט א זאַלפּ און א צווייטער. בא טאַראַסיקן איז דער ביסן געבליבן שטעקן אין האַלדז. א שרעק האָט אים אַרומגעכאַפּט, און ער האָט זיך צוגעטוליעט נעענטער צו זײַן כאַוער. ער האָט געכאַפּט א קוק צום בערגל. דאָרט איז דער טאַטע געשטאַנען מיט א צעשויבערטן קאָפּ און זיך מיט ביידע הענט געהאַלטן באַם האַרצן. א קעלט איז דורכגעלאָפן איבערן לײַב פונעם ייִנגל. דער פאָטער איז געשטאַנען א בלאַסער. פּלוצעם האָט ער זיך א וואַקל געטאָן, זיך א נייג געטאָן צו דער ערד. עטלעכע פאָר הענט האָבן אים אונטערגעכאַפּט.

צו טאַראַסיקן איז נאָך ניט דערגאַנגען, וואָס עס האָט געטראָפן. ער האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון בוים און מיט אן אויסגעשריי: „טאַטוסיו, טאַטקוי!" האָט ער זיך מיט אַלע קויכעס אַרײַנגעשניטן אינעם געדיכטן האַמוין און זיך גענומען דורכשלאָגן צום בערגל, ווו עס איז געלעגן דער טויטער פאָטער.

זאַלמענקע איז געבליבן זיצן אַפן בוים, ניט וויסנדיק, וואָס ער דאַרף טאָן. אַרײַנגערוקט דאָס רעשט ברויט מיטן שטיקל ציבעלע צוריק אין בוזעם, האָט ער זיך אויך אַראָפּגעגליטשט פונעם בוים און זיך געלאָזט לויפן נאָך טאַראַסיקן.

און אָט איז ער שוין באַנאַנד מיטן פּאַרוויינטן, דערשלאָגענעם כאַווער זײַנעם אין דער אַרומרינגלונג פון עלטערע דערשיטערטע מענטשן. דערזען די טרערן אף טאַראַסיקס פּאָנעם, האָט זאַלמענקע זיך אויך צעוויינט, כאָטש ער האָט נאָך אַלץ ניט געגלייבט, אַז זאַכאַר איז דערמאָרדעט, טויט.

דעם צווייטן טאָג האָט מען געבראַכט צו קוורע די דערשאָסענע אַרבעטער. קינד־און־קייט איז געגאַנגען נאָך דרײַ טרונעס, באַצירטע מיט רויטן געוואַנט.

בא די פרישע קוואָרים האָבן גערעדט די פרײַנט פון די אומגעקומענע.

דאָ האָט מען געגעבן א שוווע, אַז מע וועט אָפּצאָלן פאַר דעם בלוט פון די כאַווירים.

דער טויט פון זאַכאַר קראַווטשוקן און זײַנע צוויי כאַווירים האָט אַלעמען אויפגערודערט. העכער א וואָך צײַט איז אַלץ אַרום געווען אָפּגעשטאַרבן. קיינער איז ניט צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. עס האָבן ניט געווירקט די דראָנגעס. און די שטרײַקער האָבן געזיגט.

און אָט האָבן זיך איצט צוויי גוטע האַרציקע פרײַנט, בא וועלכע אָט די ערד איז געווען אײַנגעבאַקן אין האַרצן, אומגעקערט פון דער מילכאָמע.

פון יענער זײַט גרינע בערג איז געווען זייער היים. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַהין איז שוין מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, נאָר די סטעזשקעס האָבן זיך געשלענגלט און געשלענגלט, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז מע שטייט נאָך אַלץ אף איין אָרט. דאָרטן האָבן געוואַרט אף זיי זייערע מאַמעס, פרײַנט און נאָענטע, און ווען ניט דער פרעמדער, וואָלטן זיי אַהין ווי אף פליגלען געפלויגן.

מע האָט זיך מיטן מענטשן געמוזט באַוועגן פּאַמעלעך. מע האָט אויך גענדאַרפט זײַן זייער פאַרזיכטיק אין וועג — די רוסן זײַנען געווען נאָענט און דאָס גליק נאָך גאַנץ ווײַט...

שיקע קושניר מיט זײַנע גאַלדענע גליקן

שיקע קושניר האָט, כאַלילע, ניט געהערט צו יענעם מין מענטשן, וואָס האָט גענדאַרפט אַנטלײַען בא עמעצן א וויץ, א כאָכמע, א פּריילעך ווערטל, אָדער אַפילו א באָבעמײַסע — ער האָט דאָס אַלץ פאַרמאָגט א גאַנצן זאַק!

און טאַקע דערפאַר, זאָגט מען, איז אים ניט גאָר גרינג געווען צו לעבן אין יענער צײַט. שטענדיק האָט זיך בא אים אַזוי באַקומען, אַז ער איז אַרײַנגעפאַרן מיטן דישעל ניט אַהין, ווו מע דאַרף.

פון קלײנווײַז אָן האָט ער געזוכט דעם עמעס און איס ניט געקאָנט געפינען, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אַף דער פֿאַלשער וועלט און זיך אַרײַנגעלאָזט אין ביכער.

פון אָנפאַנג זיך פארטיפט אינעם טאַנאַך און געווען פון אים באַגײַסטערט, נאָר דערזען, ווי דער מענטש מוטשעט זיך אַף דער ערד, און דער, וועגן וועמען מע דערציילט ניסים־וועניפלאָעס, זיצט זיך אין די הימלען און מאַכט ניט קיין שטיקל אָרדענונג אַף דער ערד, האָט ער, שיקע קושניר, זיך אַנטוישט און אָנגעהויבן לייענען ביכלעך וועגן ליבעס און פיל אַנדערע זאַכן.

דערפון איז טאַקע געדרונגען, וואָס דער טאַטע זײַנער, דער פּאַטאָמסטווענער שמיד, וועלכער האָט אָפּגעשפּאַרט אַ ביסל געלט און אָפּגעשיקט דעם בענאַק אין לעמבערגער יעשיווע, מײַנענדיק, אַז פון אים וועט אַרויס אַ לאַמדן, איז געווען דערשיטערט דערפון, וואָס מע האָט פאַר קרומע רייד אַרויסגעטריבן דעם בענאַק און יענער האָט זיך אומגעקערט מיט דער בײַטש. דעמלט האָט דער טאַטע אים אַרײַנגעשאַטן אַ פּאָר גוטע שמיץ און אוועקגעפירט אַפן נאַפט־באַצירק, אין קוזניע, אים געשטעלט באַם בלאָזזאַק און באַ דער קאָוואַדלע.

מײַנט איר עפּשער, אַז דעם מענטש האָט עס געאַרט? פאַרקערט! ער איז גאָר געווען צופרידן, געלאַכט און זיך געכאַכמעט.

קיין לאַמדן און קיין יעשיוועבאָכער איז פון שיקען ניט געוואָרן, נאָר אַ גאָלדענער באַלמעלאָכע, אַ קאָוועל — דאָס מעגט איר שוין זײַן באַוואָרנט!

פלעגט ער אויסקאָוועןן אַ שטיקל אַרבעט, איז שוין געווען אַף וואָס צו קוקן. און אַז דער טאַטע זײַנער, דער קאָוועל, האָט זיך צוגעקילט, געכאַפּט די טשעכאָטקע און אײַנגיכן טאַקע באַ דער קאָוואַדלע אויסגעהויכט די נעשאָמע, האָט דער באַלעבאָס געשטעלט דעם יורעש פאַרן עלטסטן שמיד. נאָר קיין עלטסטער איז פון אים ניט געוואָרן, ווײַל בעטעווע איז שיקע געווען אַ גוטהאַרציקער, צוגעלאָזטער מענטש, און די כעוורע, וועלכע זײַנען מיט אים געשטאַנען אין קוזניע און געאַרבעט, האָבן זיך געטאָן, וואָס זיי האָבן געוואָלט. געהערט דעם פעטער שיקען פאַר אַ פּיאַטאַק, און דער באַלעבאָס האָט פון אים שיִר ניט באַקומען די טשעכאָטקע.

קיינער האָט ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס טשעפּען זיך צו אַזאַ האַרציקן באָכער אַלע צאָרעס און אומגליקן!

עס איז ניט אַוועק קיין האַלב יאָר, זינט דער טאַטע איז אַוועק פון דער ליכטיקער וועלט, ווי די מוטער איז געשטאָרבן. דאָס שטיבל זייערס, וואָס איז געשטאַנען אַפן סאַמע ברעג פון דעם בייזן באַרג־שטראָם און זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן, שיקע זאָל נעמען די האַק און עס ברענגען צו אַ לאַד, איז אין איינעם אַ פרילינג, ווען דער טײַך האָט זיך צעבריקעוועט, אַראָפּגעטראָגן געוואָרן, און ער, דער באַלעבאָס, איז געבליבן הויל און בלויז, ווי די מאַמע האָט אים געהאַט.

דער שלימאַזל איז געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ — ווו געטאָגט, דאָרט ניט גענעכטיקט. מע האָט פון אים שטאַרק געהאַלטן, און אומעטום איז ער געווען גאָר אַן אָנגעלייגטער גאַסט.

מיט אים איז קיינמאָל ניט געווען אומעטיק, און באַם גרעסטן אומגליק איז ער באַ זיך ניט געפאַלן.

אַ קרעפּטיקער, וווּקסיקער יונג, אַ פּולבלעכער, מיט אַן אָפּן, קײַלעכיק פּאָנעם, אַ שיִר טערלעכע טשופּרינקע און גוטמוטיקע, טאָמיד צוגעזשמורעטע טונקעלע אויגן, האָט ער באַ יעדער צאָרע געזאָגט:

— מיילע, כאַפּט עס דער רוּעך! אַבי מע לעבט... עס וואָלט געקאָנט זײַן נאָך ערגער.

און ער האָט זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל, אַף אַ בוידעם, אַרײַנגערוקט די נאָז אין אַ בוך און געלייענט. מער האָט ער גאָרנישט ניט געדאַרפט. דאָס איז פאַר אים געווען דאָס בעסטע אין דער וועלט.

די שכיינים האָבן אים אָנגעהויבן דערגיין די יאָר — טאַקע, וויפל איז דער שיִר זיך אַרומשלעפּן איבער פרעמדע הײַזער? אָט דאָ — מיט דער האַנט צו דערלאַנגען — געפינט זיך דער וואַלד, פאַרדינען פאַרדינט ער אין קוזניע ניט שלעכט, פאַרוואָס זאָל ער זיך ניט שטעלן אַ שטיבל? אַלעמען העלפט ער, די אָרעמעלײַט גיט ער אַוועק די נעשאָמע און שלאָגט זיך דורך דעם טאָג מיט שיִע־פּיִע, וועלן אַלע אים העלפן, און זאָל ער זיך נעמען בויען אַ שטיבל.

מע האָט אים טאַקע אײַנגערעדט, און גאַנץ בראַדניצע האָט זיך גענומען און אין עטלעכע טעג אַרום אופגעשטעלט אַ שטיבל.

דאַרף אָבער געשען אַן אומגליק. ער לייגט זיך אַוועק אין בעטל מיט אַ בוך אין די

הענט, צינדט אָן דעם קעראָסין־לאָמפּ און ווערט אַנשלאָפן. דער טישטעך כאַפּט זיך אָן, און עס הייבט אָן ברענען דער טיש, דאָס אָרעמע ביסל מעבל, די טרוקענע הילצערנע ווענטלעך, און עס איז נאָך געווען אַ גליק, וואָס עמעצער פון די קראַוטשוקעס האָט זיך אומגעקערט פון דער באַנאַכטיקער וואַכטע, דערזען, ווי דער פּעטער שיקע ברענט, און אָפּגעהויבן אַ האַרמידער.

אַז אין בראַדניצע פלעגט מען אָנהייבן דערציילן וועגן שיקע קושנירס גליקן, האָט דער אוילעם געקייַכט פון געלעכטער. און ער, שיקע, האָט געלאַכט נאָך שטאַרקער פון אַלעמען. ווייַל וואָס האָט עס אים געאַרט, טאָמער טוט מען אַ שפּאַס? אַבי דעם אוילעם ווערט פרייל־כער! צאָרעס איז דאָ פאַראַן איבערן קאָפּ. אין יעדער שטוב זיצט עפּעס אַ צאָרע, און אומ־גליק, טאָ זאָל מען זיך לאַכן — פון געלעכטער ווערט גרינגער אויפן האַרצן.

אָבער אַ שטיק צייַט איז אומעטיק געווען אין בראַדניצע. מע האָט אָפּגעגעבן דעם פּעטער שיקע קושניר פאַר אַ סאָלדאַט, און ער איז געגאַן דינען דעם קייזער פראַנץ־יאָסיפן.

די פאַר יאָר, וואָס דער פרייליכער שמיד האָט דאָ ניט געלעבט, איז ניט געווען דער טאָג, מע זאָל אים ניט דערמאָנען. אַלמאָנעס האָבן געבעטן פאַר אים גאָט, ער זאָל זיך אומקערן אַ גאַנצער — אַ גאָלדענע נעשאָמע! דאָס לעצטע פלעגט ער זיי אָפּגעבן. די יעסוי־מים האָבן זיך וועגן פּעטער שיקע זאַט ניט געקאָנט אָנרעדן — ער פלעגט זיי ברענגען מאַ־טאָנעס, מאַמעש דאָס לעצטע העמד זיי אוועקגעבן.

מע האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף אים און זיך דערוואַרט!

אָבער געקומען איז ער פון עסטרייַך ניט אַליין, נאָר מיט אַ ווייַב און צוויי גראַגערלעך. אַ פּאַרל! ווען ער איז געשטאַנען מיט זייַן ראָטע אין אַ שטעטל, האָט ער זיך צוגעשאַדכנט צו איינער אַ פייַנער, אַ שטילער מויד, וואָס האָט זיך אייַנגעליבט אין דעם פעסטן סאָלדאַט מיט דער גוטער נעשאָמע, זי האָט לאַנג ניט געוואַרט און אים געבוירן אַ פּאַרל.

געקומען קיין בראַדניצע, האָט שיקעס ווייַב געמיינט, אַז דאָ איז ווייניקסטנס ווין, אָדער כאָטשבי ווינער פּאָרשטאָט, און גלייַך געגומען דרייען מיט דער נאָז. דאָס ווילדע און פאַר־וואָרפענע ווינקל האָט איר ניט געשמעקט, און זי האָט אים גלייַך אָנגעהויבן דערגיין די יאָרן, מע זאָל אַריבערפאָרן צוריק צו איר מוטער, וואָס פאַרמאָגט אַ שטוב, אַ געוועלבל פון באַקאַליי.

— און וואָס וועל איך דאָרטן טאָן? — האָט געפרעגט בא דער פלוינעסטע שיקע קושניר.

— וואָס הייסט וואָס? וועסט זיך דרייען באַם געוועלבל...

— דאָס, מייַן טייַערע, וועסטו בא מיר ניט פּויעלן! — האָט ער געענטפערט. — דאָס גאַנצע לעבן שטיי איך בא דער קאָוואַדלע, דער טאַטע און דער זיידע זייַנען געשטאַנען בא דער קאָוואַדלע, און פונדאַנען פאַר איך ניט אוועק, זאָלסט מיר אַפילע אָנשיטן אַ פולע שטוב מיט גאָלד. איך האָב געזען דייַן מעשוגענע שטאָט ווין, נאָר ווי קומט זי גאָר צו אונדזער בראַדניצע און צו „באָזשאַ קאַראַ"!

— מעשוגענער! — האָט זי זיך אויף אים צעשריגן. — בא אייַך איז דאָ אַזאַ בלאָטע, אַז מע קאָן דערטרונקען ווערן. ביסט אַרייַנגעקראָכן אין כריין און מיינסט, ווי יענער וואָרעם, אַז קיין זיסערע און בעסערע זאַך איז אויף דער וועלט נישטאָ. דאָ וועל איך קיין איין טאָג ניט וווינען!

— ווי דו פאַרשטייסט, — האָט שיקע אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסל. — אָט דאָ בין איך געבוירן געוואָרן און דאָ וועל איך שטאַרבן...

די דאָזיקע אַמפּערניש האָט זיך געצויגן אַ שטיק צייַט, ביז די פלוינעסטע איז אין קאַס געוואָרן, געכאַפּט איר ביסל פאַרמעגן, דעם נאַדן — ביידע קינדער — און אוועקגעפאָרן צוריק אַהיים, צו דער מוטער.

און אונדזער פּעטער שיקע קושניר איז ווידער געוואָרן אַ באָכער.

— מיילע, נו! — האָט ער געזאָגט די שכיינים. — כאַפּט עס דער רוער. אַבי מע לעבט. עס וואָלט געקאָנט זייַן ערגער...

אומגעקערט זיך פון מיליטער, האָט ער זיך אוועקגעלאָזט צום הער דירעקטאָר, און יענער האָט אים ווידער געשטעלט צו דער אַרבעט אין קוזניע. ער איז אויפגעלעבט געוואָרן, דער פּעטער שיקע, ווייַל אָן דער קוזניע האָט ער זיך געפילט, ווי אָן הענט.

די אַלמאָנעס און יעסוימים פונעם ייִשעוו האָבן זיך דערפרייט מיט אים, ווי מיט מאַ־שיִעכן. ער האָט זיי פאַנאַנדערגעטיילט, וואָס ער האָט פאַרדינט, און אַליין געלעבט ווי־ניט־איז. קיין נייַע בגאָדים האָט ער ניט געדאַרפט. פאַר אים זייַנען גענוג געווען די סאָלדאַטישע קליידער, וואָס ס'האָט אים איבערגעלאָזט דער אימפּעראַטאָר פראַנץ־יאָסיף. עמעס, עמעצער

פון די כעווּרעניקעס האָט בא אים צוגענומען דעם הוט, און שיקען איז ווידער אויסגעקומען זיך איבערבעטן מיט זײַן גרינעם אָפּגעבליאַקעוועטן קאַפּעליוש.

און כאָטש צו זײַן סאָלדאַטישן מונדיר האָט דער קאַפּעליוש געפּאַסט, ווי א קו א זאָטל, האָט ער זיך דאָך ניט געוואָלט צום האַרצן. נאָך דעם, ווי זײַן פּלוינעסטע האָט אים אָפּגעטאָן דאָס שפּיצל און אוועקגעפּאָרן מיט די קינדער צו דער מוטער אָן א „זײַ־געזונט", האָט ער פעסט בא זיך באַשטימט, אז מער וועט ער ניט כאַסענע האָבן. אײנמאָל אַרײַנגעפּאַלן — גענוג! זאָלן כאַסענע האָבן אַנדערע!

מיט זאַכאַר קראַוווטשוקן איז דער פעטער שיקע געווען באַפרײַנדעט פון ווײַסעך וויפל יאָר! עס איז ניט געווען קיין טאָג, זאַכאַר זאָל ניט אַרײַנקומען אין קוזניע צום שמיד און זיך ניט צוזעצן אויסהערן עפּעס א פרײלעכע מײַסע פונעם שאָכן. אַליין א גוטער באַלמע־לאָכע, האָט זאַכאַר ליב געהאַט זיצן און צוקוקן, ווי דער פעסטער שמיד מיט די גוטמוטיקע, טאָמיד פרײלעכע אויגן קאָוועט עפּעס אויס אַף דער קאָוואַדלע, ווי דאָס שטיקל אַרבעט לעבט אויף מאַמעש אונטער זײַן האַמער. דאָס זעלבע האָט דער פעטער שיקע ליב געהאַט — קומען צו זאַכאַרס טורעם און קוקן, ווי ער עגבערט די ערד און דערקלײַבט זיך צו די נאַפט־אויצרעס.

עס איז פּאַשעט א מעכײַע געווען קוקן, ווי דער מענטש אַרבעט, ווי יעדער באַוועגונג איז בא אים אויסגערעכנט.

עמעס, איין זאַך איז דאָ געווען שלעכטס. ס'האָט דאָ אַזוי געהילכט, אַזוי געגראַגערט, אַז מע האָט געקאָנט טויב ווערן, און שיקע האָט ניט געקאָנט עפענען דאָס מויל עפּעס דערצײלן זײַן פרײַנט און זײַנע געהילפן.

אָבער כוץ דעם, וואָס שיקע קושניר האָט דאָ, אפן נאַפט־באַצירק, געשעמט ווי א גאָלדענער באַלמעלאָכע, האָט מען אים נאָך געקענט ווי א גוטן „רויפע". ניין, ניט קיין מענטשן האָט ער געהײלט, נאָר די סקוואַזשינעס.

אָט עגבערט מען, לעמאָשל, און אינמיטן דער אַרבעט רײַסן זיך אָפּ די שטאַנגעס, אַף וועלכע עס האַלטן זיך די עגבערס, און זיי בלײַבן דאָרט שטעקן ניט אַהין, ניט אַהער. וואָס טוט מען? ס'איז ביטער, וואָס ביטער הייסט! עס ווערט געפּאַטערט א מאַיאָנטעק מיט געלט, א יאַם מיט צײַט. ביז מע שלעפּט ניט אַרויס די שטאַנגען, קאָן מען ווײַטער ניט עגבערן.

אָן שיקע קושנירן קאָן מען זיך שוין דעמלט ניט באַגיין. מע רופט דעם שמיד צו דער נאַפט־גרוב. שיקע באַטראַכט מיט קאָפּ די אוואַריע און טראַכט צו זײַנע אייגענע אינסטרו־מענטן, מיט וועלכע מע פאַרטשעפּעט די רער, די שטאַנגעס און מע שלעפּט זיי פּאַרזיכטיק אַרויס, באַפרײַט די גרוב. מע קאָן ווידער שעפּן נאַפט.

יאָרן זײַנען געגאַנגען. ביידע ייִנגלעך, זאַלמענקע און טאַראַס, זײַנען אונטערגעוואַקסן. שיקע קושניר איז געווען פאַר זיי, ווי אַן אייגענער פאָטער. ער האָט זיי גענומען צו זיך, צום בלאַזזאַק, צו דער קאָוואַדלע, געלערנט די מעלאָכע. ער האָט אָבער גלײַך באַמערקט, אַז עס ציט זיי ניט צו דער קוזניע. זיי איז ליבער געווען שטיין בא דעם טורעם און עגבערן, זיך דערגרונטעווען צו די ערד־אויצרעס.

האָט ער אײַנגעבעטן זײַנע כאַווײרים, מע זאָל די ייִנגלעך נעמען צו דער אַרבעט.

אינגיכן האָבן אַלע דרײַ גאַנצפּרי געשפּאַנט פון בראָדניצע צום באַצירק אַף דער אַרבעט. די ייִנגלעך זײַנען געוואַקסן, ווי אַף הייוון. מע האָט זיך ניט באַוויזן אַרומקוקן, ווי זיי ביידע זײַנען געוואָרן עכטע עגבערער.

אַלץ וואָלט געווען גוט. מע האָט זיך פאַרלאָזט טשובעס און אָנגעהויבן גיין שפּאַצירן אַף דער פּאַנסקע־גאַס. מיידלעך האָבן שוין אַף די צוויי שטאַלטנע, פײַן פּאַרפּוצטע באָכערים אָנגעהויבן קוקן מיט פאַרליבטע אויגן. אָקסאַנע קראַוווטשוק און שיפרע מאַרקוס האָבן אָנגע־הויבן לעבן גרינגער — די כעווּרע האָבן צו ביסלעך פאַרדינט. און מע האָט זיך ניט געניי־טיקט, ניט געדאַרפט אָנקומען צום פעטער שיקעס הילף. פּאַרגלוסט זיך דעם אימפּעראַטאָר פראַנץ־יאָסיף אַרײַנקריכן אין א מילכאָמע און ער נעמט צונויף אַלע יונגע כעווּרע פון קאַנט און טרײַבט זיי אַוועק אַפן פראָנט.

אין א שיינעם זומער־פרימאָרגן האָט מען אַרויסבאַגלייט פון בראָדניצע און פון ראָ־פּײַעווקע א גרויסע כאַפּטע געזונטע, שטאַלטנע יונגען. צווישן זיי זײַנען געווען טאַראַס קראַוווטשוק און זאַלמען מאַרקוס. צוזאַמען מיט די רעזערוויסטן איז אויך אַוועק אַפן פראָנט דער פעטער שיקע קושניר. אַפילע ניט באַוויזן פאַריכטן די האַלב־צעוואַלגערטע כאַטע זײַנע,

ווײַל נאָך דער ארבעט האָט ער געדאַרפט פאַריכטן די הײַזער בײַ זײַנע שכנים און כאַווער־ רים — זײַן שטיבל האָט ער אָפּגעלייגט אַף שפּעטער... נישקאָשע, קיין ווײַב מיט קינדער האָבן אים ניט באַזעצט, האָט ער געטײַנעט. שטענדיק וועט עמעצער אים אַרײַנלאָזן צו זיך נעכטיקן.

עס איז פאַריאָסעמט געוואָרן דער ארבעטער־ייִשעוו אָן די פּאַרשײַטע יונגע נאַפּטלער, אָן דעם פרייִלעכן גוטמוטיקן פעטער שיקע.

אין אַ האַלב יאָר אַרום האָט זיך אומגעקערט דער פרייִלעכער שמיד. אין די ערשטע שלאַכטן איז ער פאַרוווּנדעט געוואָרן און מע האָט אים אָפּגעשיקט אַהיים, ביז ער וועט זיך אויסהיילן, קומען צו זיך און ווידער טויגן פאַר אַ סאָלדאַט.

פון טאַראַסן און זאַלמענען זײַנען אָנגעקומען בריוו, נאָר אָט דאָ, שוין עטלעכע כאָדאָ־ שים, ווי פון זיי איז ניט געווען קיין לעבעדיקער גרוס. ווי אין וואַסער אַרײַן!

אָקסאַנע און שיפרע זײַנען אַרומגעגאַנגען אָן קעפּ, דערשלאָגענע, זיך אויסגעווײנט די אויגן. שיפרען איז געווען עטוואָס גרינגער — זי האָט געהאַט אַף דער מילכאָמע אָן איין־ און־איינציקן זון, ווי איין אויג אין קאָפּ — זאַלמענען. אָקסאַנע האָט געהאַט אַף דער מיל־ כאָמע דרײַ זין און פון איינעם אפילע ניט געהאַט קיין גרוס, קיין בריוול, ניט געשלאָפן דורך די נעכט, פאַרשאָלטן דאָס וויסטע מאַזל. עס האָט אפילע ניט געהאָלפן דעם פעטער שיקעס טרייסט־ווערטער, אַז אַלע לעבן זיי, און גאָט וועט העלפן, די קינדער וועלן זיך אומקערן.

נאָר ער האָט גוט געוווּסט, וואָס עס באַטײַט, ווען עס קומען ניט אָן קיין בריוו נאָך אַזעלכע גרויזאַמע שלאַכטן.

„יאָ, אַ שיין לעבן! אַזאַ יאָר אַף דעם אימפּעראַטאָר פראַנץ־יאָסיף און אַף דעם הער קורט קראַנצן!" — האָט געטראַכט דער פעטער שיקע. קוקנדיק, ווי אָקסאַנע און שיפרע באַ־ וויינען זייערע קינדער, האָט ער זיך ניט געקאָנט באַרויִקן. די טײַערע כעוורע — טאַראַס און זאַלמען — זײַנען נאָך אין זײַנע אויגן געווען גוטע, האַרציקע קינדער. און ער האָט מוירע געהאַט, אַז זיי ביידע זײַנען שוין לאַנג אַף דער שיינער וועלט...

טרוימען ווערן פאַרווירקלעכט

טאַראַס קראַווטשוקן און זאַלמען מאַרקוסן איז די גאַנצע מילכאָמע מיטן אימפּעראַטאָר אייניינעם אָפּגעגאַן, ווי אַ לאַך אין קאָפּ.

מ'האָט זיי אײַנגערעדט, אַז זיי דאַרפן זיך שלאָגן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט פאַרן פאָ־ טערלאַנד, נאָר דאָס איז אָבער פאַר זיי ניט געווען קיין פאָטערלאַנד, נאָר אַ שטיפמאַמע.

טאַקע דערפאַר האָבן ביידע זיך ניט שטאַרק געגומען צום האַרצן, ווען די רוסישע אַרמייען האָבן דערלאַנגט אַזעלכע קלעפּ, אַז גאַנצע פּאָלקן האָבן געוואָרפן דאָס געווער, די ביקסן, האַרמאַטן און זיך געלאָזט לויפן, ווי די האָזן.

אָבער וואָזוי רײַסט מען זיך דורך אַהיים, די רוסן זאָלן זיי ניט אָפּשטעלן אין וועג און ניט נעמען אין געפענקעניש?

מע האָט זיך אײַנגעקוקט אין די קאַרפּאַטן, וועלכע האָבן איצט געהאַט דעם אויסזען, פונקט אַ הוראַגאַן וואָלט זיך דורכגעטראָגן איבער די גרינע וועלדער. די סמערעקעס און גרײַז־גרויע זילבערנע יעלן, די דעמבעס און דינע גראַבן זײַנען געשטאַנען מיט אָפּגעהאַקטע קרוינען — אַ ווייטאָק איז געווען אַף זיי צו קוקן. אומעטום האָבן זיך געוואַלגערט ביקסן, צעמאַזיקטע האַרמאַטן, קוילנוואַרפער... זעט אויס, ניט קיין סאַך סאָלדאַטן האָבן געוואָלט אָפּגעבן פאַר דער שטיפמאַמע דאָס לעבן...

פאַטער געוואָרן פון זייערע סאָלדאַטישע מונדירן, האָבן ביידע, זאַלמען און טאַראַס, זיך געפילט עטוואָס פרײַער. מע האָט געשפּאַנט נאָכן פורל, אונטערגעטריבן דאָס פערדל, וואָס האָט ביידן געהערט, ווי דעם פּאַראַיאָריקן שניי.

ניט איין מאָל האָט דאָס פערדל אַרויסגעפירט זאַלמענען פון די קיילים, און ער האָט געזאָגט צו זײַן פרײַנט:

— ווייסטו וואָס, טאַראַס, לאָמיר עס איבערלאָזן. מירן צונויפבינדן אַ טראָגבעטל, וועלן מיר זיך דערקלײַבן שנעלער.

— נאַרישקײַטן רעדסטו, זאַלמען! זעסט דען ניט? וואָס וועלן מיר טאָן אין די בערג! — האָט געזאָגט טאַראַס, וועלכער איז געווען מער אויסגערעכנט ווי זײַן כאַווער. — און כוץ דעם, דאַרפסטו וויסן, אַז מיר פאָרן ניט צו דער שוויגער אַף וואַרעניקעס מיט ווײַנשל.

איבער מיר וועלן זיך דערשלעפּן מיטן פערדל אהיים, וועט עס אונדז דאָרטן גוט צוניץ קומען. אַפן פראָנט איז אונדז געווען ביטער, איצט איז אין דער היים אויך מיסטאָם ניטאָ וואָס צו עסן, מעגסט זײַן זיכער — דאָס פערדל וועט אונדז נאָך דינען.

זאַלמען האָט געשמייכלט:

— וואָס זשע, מירן ווערן באַלעגאָלעס? געדענקסט, ווען מע האָט דעם פּעטער שיקע קושניר אַרויסגעטריבן פון דער אַרבעט נאָכן שטרײַק אין ראַפּיִעווקע, האָט ער זיך אָפּגע־זוכט א נײַע פּאַרנאָסע — געפירט אַף דער טאַטשקע מאַזוט אין מאַרק אַרײַן...

— אַוודאי געדענק איך. א מילכאָמע, בּרודערקע, איז א ביטערע זאַך. דאָ, אַפן פראָנט, שיסט מען, און דאָרט, אין דער היים, קרעכצט מען... א מילכאָמע, ווען זי ענדיקט זיך אַפילע מיט א ניצאָכן, מוז מען זי דערנאָך אויסקרענקען א סאַך יאָר, ביז מע שטעלט זיך אַף די פיס... הײַנט אַזאַ מילכאָמע...

טאַראַס קראַוטשוק האָט פאַרייכערט, מיט ווײַטעק באַטראַכט דאָס פאַרמוטשעטע פערדל און זיך געלאָזט גיין נאָך דעם.

— עט! דו טראַכסט א סאַך... — האָט געזאָגט זאַלמען, אָפּטרײַבנדיק מיט דער פּוזשעלע די פליגן פונעם פערדל. — האָסט, זעט אויס, פאַרגעסן, וואָס עס פלעגט אונדז שטענדיק אָנ־זאָגן יאַן טשאַפּעק, אונדזער לייטענאַנט: א סאָלדאַט, וואָס הייבט אָן טראַכטן, איז שוין ניט קיין סאָלדאַט.

ביז נאַכט איז נאָך געווען ווײַט און מע וואָלט נאָך געקאָנט פאָרן, נאָר גיי זײַ א בעריע, אַז דאָס פערדל פלאָנטערט קוים מיט די פיס.

טאַראַס האָט גענומען א שטריק און עס געוואָלט פּענטען, נאָר זאַלמען האָט אָפּגעמאַכט מיט דער האַנט:

— מע דאַרף ניט... עס וועט פון אונדז שוין אין ערגעץ ניט אַנטלויפן. עס וועט אונדז מוטשען, ביז מירן זיך דערשלעפּן אהיים...

ער איז אָפּגעגאַנגען אין א זײַט, אהין, וווּ עס האָט געפּלאַפּלט א קליינער קוואַל, זיך אָנ־געבויגן, זשעדנע זיך אָנגעטרונקען מיט דער געשמאַקער קאַלטער וואַסער און דערנאָך זיך גענומען צעלייגן א שײַטער.

ווער ווייסט, וואָס עס וועט זײַן שפּעטער? איידער וואָס, דאַרף מען צוגרייטן א וועטשערע.

אינמיטן דער נאַכט, ווען מע איז געשמאַק געשלאָפן אונטער די פּיכטעס, האָט מען דער־הערט א געשריי און זיך אויפגעכאַפּט.

אַרום האָבן גערוישט די ביימער. און עפּעס א פויגל האָט מוירעדיק געוויינט. ניין, ניט קיין פויגל איז עס געווען, דאָס, לאָזט זיך אויס, האָט דער פאַרווונדעטער געשריגן פונעם שלאָף.

מע האָט זיך דערפרייט — עפּשער האָט זיך צו אים אומגעקערט דאָס לאָשן? נאָר א נעכטיקער טאָג! מע האָט קיין ווערטער ניט געקאָנט פאַנאַנדערקלײַבן. זעט אויס, די מיל־כאָמע האָט זיך אים געכאָלעמט. דער מענטש האָט שווער געאָטעמט.

ביידע סאָלדאַטן זײַנען געשטאַנען לעבן אים, דערשראָקן זיך איבערגעקוקט, ניט וויסנ־דיק, וואָס מע טוט און מיט וואָס העלפט מען אים.

שלאָפן האָבן זיי שוין ניט געקאָנט. אײַנגעדעקט דעם פאַרווונדעטן, האָבן זיי זיך צוגע־זעצט לעבן דעם טליִענדיקן שײַטער.

גאַנצפרי איז צו זיי נאָך דערגאַנגען דער ווײַטער געהילך פון האַרמאַטן, נאָר איצט איז געווען שטיל. בלויז די ביימער האָבן געבושעוועט, ווי זיי זאָלן דערפילן א שטורעם. ווען עס וואָלט געווען א וועג גלײַך איבער די בערג, וואָלטן זיי זיך שנעל דערקליבן אהיים, נאָר דער וועג, וואָס האָט זיך געדרייט אַרום די בערג, האָט זיך נאָך געצויגן ווײַט, און ווער ווייסט, ווען מע וועט אהין קומען.

ערשט אַפן דריטן מעסלעס האָבן זיי זיך אַרויסגעפּלאָנטערט פונעם גרינעם באַרג־לאַבי־רינט, אויסגעמיטן אַלע געפאַרן און סאַקאָנעס און זיך דערקליבן צו דער היים. מע האָט פאַר־געסן אין דער מידקייט, אַרופגעלאָפן אַפן שפּיץ פונעם קרומען אָדלער־באַרג — אַזאַ באַקאַנטן און ליבן פון דער קינדהייט — און זיך פון דאָרטן אײַנגעקוקט אינעם שוואַרצן טאָל.

פאַר די אויגן האָבן זיך געשפּרייט וועלדער, נאַפּט־טורעמס. נאָר אַלץ האָט דאָרטן איצט אויסגעזען טויט, פּוסט, אָפּגעשטאָרבן. עס האָבן זיך ניט געקרײַזלט די דאַמפּ־וואָלקנס איבער די קאָטשעגאַרקעס און עס האָט זיך ניט געהערט דער גערודער פון די עגבערס. עס האָבן ניט געשלאָגן איבער די שוואַרצע טורעמס די נאַפּט־פאָנטאַנען. אַלץ אַרום האָט עפּעס אויסגעזען ווילד־פרעמד.

דאָרטן, ניט ווײַט פון דעם אָדלער־באַרג, פון יענער זײַט וואַלד האָט זיך צום קרומען באַרג צוגעשפּאַרט זייער ייִשעוו, ווו עס וואַרטן זייערע מאַמעס, זייערע נאָענטע און פרײַנט.

אָט איז דער געדרייטער, צעהאַרגעטער ברוקירטער וועג, וואָס פירט צו דער היים, צו וועלכער זיי האָבן זיך געצויגן, ווי צו דער זון.

איצט האָט מען דאָס פערדל שוין ניט געשאַנעוועט, אונטערגעיאָגט עס, ניט געזשאַלעוועט קיין שמיץ — נישקאָשע, עס וועט זיך ווי־ניט־איז אויסרוען, ווען מע וועט זיך דערשלעפּן אַהיים. איצט מוז מען גיכער פאָרן! די פרייד פון דער נאָענטער באַגעגעניש האָט צוגעגעבן קויכעס.

נאָך עטלעכע געדרייטע קרײַזן איבער דעם גרינעם באַרג, און מע וועט דערזען די דע־כער פונעם ייִשעוו.

זאַלמען האָט עפּעס געשריגן צו טאַראַסן, נאָר יענער האָט ניט געהערט, די געדאַנקען זײַנען געווען ערגעץ ווײַט־ווײַט.

ענדלעך האָט מען דערגרייכט דעם לעצטן קרײַז, און פאַר די אויגן איז אויפגעשטאַנען דער ייִשעוו.

דאָס פערדל האָט ווי פאַרשטאַנען, אַז עס ענדיקן זיך זײַנע וואָגלעניש, זײַנע צאָרעס, און גענומען לויפן אַראָפּ־באַרג.

די ערשטע זון־שטראַלן האָבן זיך דורכגעשלאָגן דורך דעם גרינעם באַרג־שפּאַלט, און עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע הײַזער. דער ייִשעוו איז נאָך געשלאָפן, און קיין לעבעדיקע באַ־שעפעניש האָט זיך ניט באַוויזן אין שמאָלן געסל, וואָס ציט זיך לענגויס דעם באַרג־שטראָם. אויף איינעם א פּלויט האָט זיך צעקרייעט א ווײַסער האָן, ווי ער וואָלט באַגריסן די אומדער־וואַרטע געסט.

טאַראַס מיט זאַלמענען האָבן זיך ניט פאַרגעשטעלט, ווי וועט מען אָנקלאַפּן אין די טירן און ווי־אַזוי וועט מען זיך האַלטן, דערזעענדיק די ליבע מאַמעס.

אַרום איז געווען שטיל, רויק. נאָר ווען מע האָט פאַרקערעוועט צום לעצטן ראָג, האָט זיך דערהערט א סקריפּעריַי באַם ברונעם. עמעצער האָט אַרויסגעצויגן וואַסער. דערהערט א קלאַפּן פון רעדער, האָט דער מענטש אופגעהויבן די אויגן, צוגעשטעלט צום שטערן די האַנט און זיך אײַנגעקוקט.

טאַראַסן האָט פאַרכאַפּט דער אָטעם. אײַנגעקוקט זיך אין דעם מאַנצבל, וואָס איז געשטאַ־נען באַם ברונעם, האָט ער א טאַרע געטאָן מיטן עלנבויגן זײַן כאַווער און ניט דרייסט אַרויס־גערעדט:

— זע, דאַכט זיך, א באַקאַנטער... דאָס איז ניט דער פעטער שיקע?

פון אומדערוואַרטקײַט האָט זיך זאַלמען פאַרלוירן. באַלד איז זײַן פּאָנעם זיך צעפלאָסן אין א גליקלעכן שמייכל:

— זאָל איך אַזוי לעבן... דער פעטער שיקע! היי!

און זיך מיט אַלע קויכעס געלאָזט צו דער קרענעצע.

איבער די פאַרוואַקסענע באַקן פונעם שמיד האָבן זיך געקײַקלט שווערע טרערן. די האָר באַ אים זײַנען געווען צעשויבערט, דאָס העמד צעכראַסטעט. דער מענטש, וואָס איז קיינמאָל ניט געקראָכן אין קעשענע נאָך א וואָרט, איז איצט געשטאַנען און געשוויגן פון פאַרלוירנ־קײַט און אומדערוואַרטקײַט, קיין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסברענגען. ער האָט געקוקט, א פאַרגאַפּטער, אויף די כעוורע און ניט געגלייבט זײַנע אויגן. ווען ער איז געקומען א ביסל צו־זיך, האָט ער א זאָג געטאָן:

— מײַן גאָט... טאַראַסיק און זאַלמענקע... לעבעדיקע? לעבעדיקע?! — ער האָט זיי אַרומ־גענומען, צוגעדריקט צו דער האַריקער ברוסט. — און דאָ האָט מען אײַך שוין באַווייַנט.

ער איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע שפּאַן, זיך נאָכאַמאָל אײַנגעקוקט אין די געסט און גע־שאָקלט מיטן קאָפּ:

— מאַמע געטרײַע, איר זײַנט ביידע אַזוי אויסגעדאַרט, אויסגעטריקנט. — א טראַכט געטאָן, האָט ער א פּאַכע געגעבן מיט דער שווערער האַנט אינדערלופטן:

— אָבער דאָס מאַכט ניט אויס! ווי פלעגט זאָגן אונדזער קאַשעוואַר יאַצעק? אַבי ביינער, א באַרשטש וועט מען שוין יאַקאָס אָפּקאָכן!

ער האָט גענומען ווישן די טרערן, וואָס האָבן ניט אופגעהערט פליסן:

— איר ווייסט, קינדער, איך האָב אײַך קוים דערקענט, ווי איר זעט מיך לעבן! — האָט ער פאַרגעזעצט. — איר וועט ביידע רײַך ווערן. נאָר וואָס זאָג איך— איר זײַנט שוין רײַך! אַז איר האָט זיך אומגעקערט פון אַזא פײַער, — ער האָט פאַריכט מיט דער האַנט די צע־פּאַטלטע גרווילעכע האָר, די לאַנגע וואָנצעס און שטיל געזאָגט:

— איר וועט דאָ צוווארטן, און איך וועל לויפן אָנזאָגן אָקסאנען און שיפּרען די גוטע בסורע. מע טאָר ניט מיטאמאָל זיך באַווייַזן פאַר זיי, מע דאַרף האָבן גאָט אין הארצן און שאנעווען זייערע אָנגעווייטעקטע הערצער. אזעלכע טייַערע געסט!

געמאכט עטלעכע טריט, האָט ער זיך פּלוצעם אָפּגעשטעלט לעבן וואָגן, ווי עס איז געלעגן און געקרעכצט דער פאַרוווּנדעטער.

— און ווער איז דער פּאַרשוין? עפּשער אויך אַן אונדזעריקער? אַן אָרטיקער, א שאָכן?

— ניין, — האָט זאַלמען א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, — א פרעמדער.

— אוי, איך קאָן שווערן, אז דאָס דאַרף זיַין א דיַיטש...

— א דיַיטש. געטראָפן.

— ווו האָט איר אים געפאקט און צוליב וואָס האָט איר אים מיט זיך אהער געבראַכט? טאַקע נאָר דיַיטשן פעלן אונדז! פאַרוואָס איז ער ניט געפאָרן צו זיך, אין הינדענבורגס און ווילהעלמס קיניגרייַך? צי עפּשער טראַכט ער זיך בא אונדז אונטערהיילן און פאַרקאָכן א נייַע קאַשע, דאָס הייסט א שפּאָגל־נייַע מילכאָמע.

א טראַכט געטאָן א ווײַלע, האָט שיקע פאַרביטערט צוגעגעבן:

— ווען ניט די דיַיטשן, וואָלטן ניט געווען אזעלכע צאָרעס אָף דער ערד.

טאַראַס האָט ניט אויסגעהאַלטן און צוגעגאַנגען נעענטער:

— טשעפּעט זיך אָפּ פון אים! ער האָט אזא שיַיכעס צו דער מילכאָמע, ווי איר צום קייַזער ווילהעלם, ווי מיר צום רוימישן פּויפּסט! אַן אומגליקלעכער מענטש, ווי א סאַך אָפּגענאַרטע, געטריבענע און גערודעפטע... א שווער־פאַרוווּנדעטן, א קוים לעבעדיקן, האָבן מיר אים אין וועג אונטערגעקליבן. א ראַכמאָנעס געווען אָף אים, און מיר האָבן אים באַשטימט ברענגען צו אונדז.

— א שיינעם דאַנק אייַך פאַר דער גרויסאַרטיקער מאַטאָנע! — האָט שיקע גוזאָגט. — זאָל זיַין אזוי.

ער איז אוועק איבער די הייפלעך, און אין עטלעכע מינוט ארום איז דאָ שוין געווען דאָס גאַנצע געסל.

יאָמטעוו אין יישעוו

ווען דער טומל, די געשרייען און דאָס געוויין האָבן זיך עטוואָס איינגעשטילט, האָט מען זיך ערשט דערמאָנט, אַז אַפּן וואָגן ליגט נאָך דער פאַרוווּנדעטער. טאַראַס מיט זאַלמענען זיינען צוגעלאָפן, פאַרזיכטיק אים אופגעהויבן און אַריינגעטראָגן אין שטוב, באַלייגט אַף דער קאַנאַפּע, לעבן פענצטער.

דאָס פאַרוואָקסענע פּאָנעם זיינס איז געווען איבערגעקרימט פון ווייטאָג. ער האָט געקוקט, א פאַרלוירענער, אַף די מענטשן מיט זיינע בלויע אויגן.

פון אָנפאַנג האָט מען געשוויגן, באַטראַכטנדיק דעם אומגליקלעכן, דערנאָך זיך גענומען נאָכפרעגן, ווער איז ער און צוליב וואָס האָט מען אים אהער געבראַכט. ווען מע האָט דערהערט, אַז ער איז פון דײַטשלאַנד, האָט מען גאָר געקנייטשט מיט די אַקסל.

— טאַקע נאָר א דײַטש גייט אונדז איצט דאָ אָפּ!

— וואָס איז דער כילעק — א דײַטש, א טערק?.. א מענטש!

אָקסאַנע, טאַראַס׳ מוטער, האָט אָפּגעמאָסטן דעם פרעמדן, פאַריכט די גרויע האָר אונטערן געקווייטלטן קאָפּטיכל, און ווי צו זיך אליין א זאָג געטאָן:

— נו, אוואַדע... אונדזער פרײַנט, אונדזערע פאַרבינדעטע. דאָס האָב איך זיי צו פאַרדאַנקען, וואָס מײַנע זין ראָמאַן און מיקאָלע זײַנען ווי אין וואַסער אַרײַן, ניט קיין גרוס פון זיי, ניט קיין בריוול.

— און מײַן איוואַן.

— מײַן מאַן מיטן איידעם.

— עפּשער אים אָפּפירן אין שפּיטאָל? — האָט אַרײַנגעשטעלט דער פעטער שיקע קושניר.

— דאָס וואָלט געווען גוט! — האָט זיך אַרײַנגעמישט זאַלמען. — מע וואָלט אים דאָרטן, מעגלעך, געקאָנט אָפּראַטעווען...

— וואָס רעדט איר! שפּיטאָל, שמיטאָל! — האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט שיפּרע, און איר טונקל, פאַרזאָרגט פּאָנעם האָט אויסגעדריקט טיפן צאָרן. — א שיינער שפּיטאָל! א קאַזאַרמע!.. קאַלט, כאַטש הינט אהין פאַרטרײַבן. און עס איז דען פאַראַן מיט וואָס די קראַנקע צו היילן? מיילע, זאָל ער שוין דאָ ליגן, וועלן מיר זיך מיט אים יאָקאָס געבן אָן אייצע. אין שפּיטאָל האָדעוועט מען ניט די קראַנקע. מיר וועלן אים אונטערהאַלטן.

— געוויס. אויב טאַראַס און זאַלמען האָבן אים אהער געבראַכט, מוז ער געוויס זײַן א לײַטישער מענטש.

— וואָס האָט איר זיך אַלע צעגראַגערט? — האָט מײַסע־באַלעבאָס זיך אָנגערופן שיקע קושניר. — גיט דעם מענטשן בעסער א קווערטל אָקרעפּ. און די געסט ברענגען אָן עמער וואַסער, זיי זאָלן זיך אַרומוואַשן פון וועג.

— אוי, גאָטעניו טײַערער! — האָט זיך אָנגערופן אָקסאַנע. — אײַנגאַנצן פאַרגעסן, אַז מע דאַרף די געסט אָנהאָדעווען.

זי האָט געכאַפּט דעם גרויסן טשוהון מיט בולבעס און אַרײַנגערוקט אין אויוון.

די ווײַבער האָבן זיך צעפּאַלאָכעט, אוועקגעלאָפן אין די שטיבער ברענגען, וואָס עס איז דאָרטן געווען צו דער סודע.

— א ווייטעק איז מיר! — האָט געבראָכן די הענט שיפּרע. — אַזעלכע געסט, און כוץ בולבעס איז ניטאָ מיט וואָס זיי מעכאַבעד זײַן!

— ניט געזאָרגט! — האָט אַרײַנגעשטעלט זאַלמען. — מיר זײַנען געקומען מיט אונדזער פאַרבײַסעכץ... — און א ווונק געטאָן צו טאַראַסן, זיך מיט אים אוועקגעלאָזט צום וואָגן, צעשאַרט די שטרוי און אַראָפּגעשלעפּט פון דאָרטן דעם הירש.

דער אוילעם האָט מיט פאַרוווּנדערונג געקוקט אַף דער טושע:

— זעט נאָר, מע קאָן דאָך מיט דעם אָנהאָדעווען א גאַנצע שטאָט! ווו האָט איר אים גענומען?

— ווו? — האָט זאַלמען א גלאַנץ געטאָן מיט זײַנע שײַנענדיקע אויגן, — דאָס האָט אונדז פראַנץ־יאָסיף מיטגעגעבן אַפּן וועג...

עטלעכע ווײַבער האָבן זיך גענומען פּאָרען אַרום הירש, געשניטן שטיקער פלייש, אויסגעוואַשן און געוואָרפן אין די קעסלען.

אַף די פּלויטן און ביימער זײַנען געזעסן ייִנגעלעך און מיידעלעך, ווי הינער אַף די סידעלעס, און צוגעקוקט, וואָס אין הויף טוט זיך.

ערשט נעכטן האָט שיקע קושניר געבראַכט האָלץ פון וואַלד, פונקט ווי ער וואָלט געפילט, אַז דאָס וועט צוניץ קומען. און איצט, זעענדיק, אַז די ווײַבער האָבן זיך געגומען גרייטן דעם איבערבײַסן, איז ער אַוועקגעלאָפן אין שפּיטאָלעכל צום דאָקטער זיך האַלטן אַן אייצע — וואָס צו טאָן מיטן פאַרוווּנדעטן. נאָר ווו איז ער אַזוי לאַנג פאַרפאַלן געוואָרן? שיפּרע האָט זיך שוין אָנגעהויבן בייזערן:

— מע וואָלט אים געדאַרפט שיקן נאָך דער בובע צו אַ געווינערן!..

נאָר אָקסאַנע, וועלכע לאָזט קיינעם ניט זאָגן אַ שלעכט וואָרט אויף שיקען, האָט זיך אַרײַנגעמישט:

— וואָס זידלסטו אים, שיפּרע? דער מענטש פאַרהאַלט זיך, זעט אויס, ניט אומזיסט. דו מיינסט, אַז אַזוי גיך נעמט מען דעם פאַרוווּנדעטן אין שפּיטאָל? ווייסט דען ניט, אַז דער שפּיטאָל אונדזערער איז גרויס, ווי אַ גענעץ?

— איך ווייס אַוודאי, נאָר דער קראַנקער קאָן דאָ דערווײַל אָפּגעבן גאָט די נעשאָמע, — האָט זיך ניט אונטערגעגעבן שיפּרע.

פונדערווײַטנס האָט זיך באַוויזן שיקע. ער איז, אַ פאַרסאָפּעטער, אַרײַן אין הויף.

— מאַזלטאָוו! — האָט ער אויסגעשריגן. — מאַזלטאָוו! אַלץ איז געמאַכט שיין און לײַטיש! מע נעמט אים!

ער האָט זיך צוגעזעצט און אָנגעהויבן דערציילן, וויאַזוי אים האָט זיך אײַנגעגעבן אײַנריידן דעם דאָקטער סוכאָדאָלן, יענער זאָל נעמען צו זיך דעם קראַנקן און אים שטעלן אויף די פיס:

— וועמען־וועמען, נאָר מיר וועט ער ניט אָפּזאָגן, מיר זײַנען מיט סוכאָדאָלן, ווי לייבעש מיטן פּריסטעוו. דעם גאַנצן ווינטער האָב איך געהאַקט האָלץ פאַרן שפּיטאָל. אָן אַ גראָשן געלט. אַז מע האָט געדאַרפט, האָב איך געהייצט די הרובע, געזען, אַז ער מיט זײַנע כוילים זאָלן, כאַלילע, ניט פאַרפרוירן ווערן. נו, וועט ער מיר אָפּזאָגן?

אײַנגעשפּאַנט דאָס פערדל אין וואָגן און אָנגעוואָרפן שטרוי, האָט מען פאַרזיכטיק אויפגעהויבן דעם פאַרוווּנדעטן און אים אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל.

דער שמיד האָט אונטערגעטריבן דאָס פערדל, עס זאָל זיך מאַטריען זײַן שטעלן די פיס אַ קאַפּעלע גיכער, דער טאָג שטייט ניט, און אַליין האָט ער זיך אַ ביסל באַאומרויִקט, לעמײַ ער האָט געזאָגט סוכאָדאָלן, דעם דאָקטער, אַז דאָס איז זײַן קאָרעוו, זײַן פרײַנטל. נאָר וואָס וועט שיקע ענטפערן, אויב סוכאָדאָל וועט אַ פרעג טאָן, ווי מע רופט דאָס פרײַנטל, אַז יענער קוקט מיט זײַנע טרויעריקע אויגן און שווײַגט, ווי אַ קלאָץ!

און טאַקע, ווי געוווּנען דערבײַ!

סוכאָדאָל איז אַרויס אין זײַן ווײַסן כאַלאַט, אַ קוק געטאָן אויפן קראַנקן און אַ ווונק געגעבן צו דער מומע נאַסטיע, דער קראַנקן־שוועסטער, אַ וווּקסיקע, פולע פרוי, זי זאָל העלפן אַרײַנטראָגן דעם קראַנקן אין פּאַלאַטע. דערווײַל האָט ער געפרעגט בײַ שיקען, ווי דער פּאַציִענט הייסט און וויאַזוי דאַרף מען אים פאַרשרײַבן אין בוך?

שיקע קושניר האָט אָנגעהויבן זיך פאַרהיקען, ניט וויסנדיק, וויאַזוי עס הייסט זײַן „פרײַנטל”, און לעסאָף געזאָגט:

— אוי, מאַקסים לוקיטש, דער קאָפּ איז אַזוי פאַרטראָגן... שרײַבט פּרויִקע, פּראָים... אָדער, ווייסט איר גאָר וואָס, פיליפּ, פיליפּ!

דער דאָקטער האָט אָפּגעמאָסטן מיט זײַן דורכדרינגעוודיקן בליק דעם שמיד, זיך צעשמייכלט און געהאָלפן דער קראַנקן־שוועסטער אַרײַנטראָגן דעם פאַרוווּנדעטן אין שפּיטאָל.

שיקע קושניר האָט אויסגעווישט מיטן אַרבל דעם שווייס פונעם פּאָנעם, אַרײַן נאָך זיי אין דער געבײַדע.

ווען ער האָט זיך, אַ צופרידענער, אומגעקערט אהיים, האָט ער ניט דערקענט די געסט. זאַלמענקע און טאַראַס זײַנען געווען פאַרפּוצט אין לײַכטע העמדלעך, אויסגעוואַשן, אויסגעצוואָגן, נאָר די פּנעמער זײַנען בײַ ביידן געווען פאַרוואַקסן און דערפאַר האָבן זיי אויסגעזען אַ סאַך עלטער.

— מאַמזיירים, אַ גוט יאָר אין אײַערע ביינער! — האָט ער זיך אָנגערופן. — איר זײַנט דאָך אויף קיין מענטשן ניט ענלעך!.. די מיידלעך וועלן אײַך ניט וועלן אָנקוקן. אינדערפרי, ווען כ׳האָב אײַך באַגעגנט, האָב איך געמיינט — גאַזלאָנים!

ער איז אַוועקגעלאָפן צו זײַן שטיבל, געבראַכט דאָס גאָלמעסער, דאָס בערשטל, אַ שטיקל זייף און אַ ווונק געטאָן אויף דער טאַבורעטקע, וואָס איז געשטאַנען באַם פענצטער. ער האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל.

— טשעפּעט זיך אָפּ פון זיי! — האָט א זאָג געגעבן שיפרע. — נישקאָשע, די כעוורע זײַנען אונדז אזוי אויך געפעלן. זאָלן זיי פּריִער אָפּעסן. ווייסט דען ניט דאָס ווערטל — פאַרן עסן גייט קיין טאַנץ ניט?

נאָר דאָס האָט ניט געהאָלפן. ער האָט באַזעצט די געסט, אָנגעמוליעט זייערע פאַרוואָק־סענע פּענעמער און זיך גענומען צו טאַראַסן.

— איר דאַרפט ניט פאַרגעסן, — האָט געזאָגט דער שמיד, — אַז שיקע קושניר איז אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט, געשמעקט פּולווער, זיך פּײַן אויסגעוואַלגערט אין די אָקאָפּעס, און וואָס פאַר א סאָלדאַט וואָלט איך געווען, ווען איך קאָן ניט שערן און גאָלן? דאָרטן, אַפּן פראָנט, זײַנען נישטאָ קיין צירולניעס.

ארום זײַנען געשטאַנען די שכיינים און צוגעקוקט, ווי די בריטווע פליט אין זײַנע הענט. מע האָט זיך געוווּנדערט, קיינער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז דער שמיד קאָן אויך זײַן א שערער.

— יאָ, — האָט טיפּזיניק א זאָג געטאָן שיפרע, קוקנדיק, ווי דער שאָכן ארבעט, — פאַר־וואָס דאַרפסטו זײַן א שמיד, אַז דו קענסט אזוי פּײַן גאָלן בערד!.. — זי האָט א שמייכל גע־טאָן און צוגעגעבן: — א סאַך מעלאָכעס און ווינציק בראָכעס.

— ס'איז שוין א בראָכע, שיפרע, וואָס דײַן בענאָק וועט באַלד זײַן ווי א ליאַלקע! — האָט ער אָפּגעהאַקט.

ארום האָט געשמעקט דאָס פלייש, וואָס האָט געזאָטן אין די קעסלען און געררייצט דעם אַפּעטיט.

אופגעלייגטע, זײַנען געשטאַנען אָקסאַנע און שיפרע באַם צעפאַליעטן אויוון, עטלעכע שכיינעס האָבן זיך געפּאָרעט באַם טיש. דאָ האָט זיך אָנגערופן שיקע קושניר:

— בעסער וואָלט איר ארויסגעטראָגן די טישן אין סעדל, וועט מען עסן אַף דער פרישער לופט. אַלע וועלן אין שטוב ניט ארײַן. עס איז דאָך יאָמטעוו, דאַרף מען עפענען אַלע טירן, די סאָנים אַפּצולאָכעס!

מע האָט ארויסגעטראָגן די טישן אונטער דיביימער. אין א פערטל שאָ ארום האָט שוין פון די טעפּ געזעצט דער גערדיכטער רייעך און געפרייט די נעשאָמע. די שכיינעס האָבן צונויפגעטראָגן, ווער וואָס עס האָט געקאָנט, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן די סודע.

שיקע קושניר האָט גענומען זײַן טעלער מיטן לעפל אין די הענט, געכאַפּט א הייס שטיקל פלייש, א טשמאָקע געטאָן מיט די ליפּן און זיך אָפּגעשטעלט.

— שאַ, קינדערלעך, כאַפּט ניט! אזוי באַגעגנט מען געסט?

— וואָס זשע? — האָט אַף אים אויסגעשטעלט די טונקעלע אויגן שיפרע. — וויִאזוי זשע דען ווילסטו, מע זאָל באַגעגענען?

— איך מיין, אַז א קעלעשיקל מאַשקע וואָלט קיינעם ניט פאַרשאַט.

— וואָס דו ווערסט צוטראַכטן! — האָט אוועקגעמאַכט מיט דער האַנט אָקסאַנע. — געוויס וואָלט עס ניט געשאַט, נאָר ווו ווערסטו עפּעס קריגן אין אַזאַ שווערער צײַט? מיר וועלן שוין אויסטרינקען, ווען עס וועלן קומען בעסערע צײַטן.

— בעסערע צײַטן! — האָט זיך א קרים געטאָן שיקע קושניר. — בעסערע צײַטן וועלן קומען, זעט אויס, דעמלט, ווען מיר וועלן שוין אַף דער וועלט ניט זײַן. מאַכן לעכאַיִם וואָלט מען געדאַרפט טאַקע באַלד.

— אָבער דו זאָגסט דאָך אַליין, שיקע, — האָט איבערגעשלאָגן שיפרע, — אַז אָן קיין פינגער קאָן מען קיין פײַג ניט מאַכן.

שיקע קושנירס פאַרברוינט פּאָנעם האָט זיך גוטמוטיק צעשמייכלט:

— אוואַדע איז עס אזוי, נאָר קאַלזמאַן עס לעבט אַף דער וועלט שיקע און זײַן גוטער־ברודער מאַקסים סוכאָדאָל, איז נאָך דער הימל ניט באַ דער ערד.

און ער האָט ארויסגעצויגן פון דער בוזעם־קעשענע א פלאַטשעכיק פלעשל ספּירט און עס אוועקגעשטעלט אַפּן טיש לעבן זיך.

— אַנו, ווײַבער, זײַט זיך מאַטריִעך! — האָט ער א ווונק געטאָן צו די פרויען. — דער־לאַנגט גלעזלעך!

אין א מִינוט ארום האָט ער שוין פאַרזיכטיק צעגאָסן די שטאַרקע מאַשקע אין די גלעזלעך און באַמערקט:

— ווײַבער, איך וואָרן אײַך אַפריִער, אַז דאָס איז ניט קיין מאַשקע, נאָר ריינער פּײַער. זעקס־און־נײַנציקער! מיט דעם דאָזיקן געטראַנק היילט אונדזער רויפע מאַקסים סוכאָדאָל פון אַלע באַליאַטשקעס. און וויבאַלד אזוי, וועלן מיר אויסטרינקען פאַרן געזונט און פאַרן אומ־

קערן זיך פונעם געגעם פון אונדזערע טײַערע כעוורע. מיר זאָלן מער ניט וויסן פון קיין צאָרעס. מיר זאָלן טרינקען מאשקע און אונדזערע סאָנים זאָלן טרינקען סאַם! לעכאַיִם בודמאָ!

שיקע קושניר האָט דער ערשטער אויסגעטרונקען, א גלעט געטאָן די וואָנצעס און, דערזען ווי די ווײַבער האָבן זיך פארהוסט, פארכלינעט, טרינקענדיק די שטארקע מאשקע, זיך פאנאנדערגעלאַכט:

— נו, באבעס, איך האָב דאָך אײַך געוואָרנט, אז דאָס איז ניט קיין זיסע וואסער. זעט נאָר, ווי זיי האָבן זיך עס פארקרימט. וואָס זשע, עס איז ביטער, שכיינעס? נישקאָשע, סע מאכט ניט אויס, מיר האָבן דאָ געהאט א זיס לעבן, שטערט ניט אײַנשלינגען א ביסל ביטערע מאשקע. אז מיר טרינקען אמאָל אויס, זידלען אונדז די ווײַבער. זיי מיינען, אז מיר לעקן האָניק.

די געסט האָבן געלאַכט, קוקנדיק אָף דעם אופגעלעבטן שמיד, וואָס האָט געמאכט פרייען דעם אוילעם.

א סאך שכיינעס, וואָס זײַנען געזעסן באם טיש און געשטאנען בא דער וואנט, זײַנען מעקאנע געווען שיפרען און אָקסאנען, וועלכע האָבן זיך דערלעבט זען זייערע זין פונעם פראָנט, און דערבײַ געטראכט וועגן די אייגענע זין און מענער. ווער ווייסט, ווען זיי וועלן קומען און צי לעבן זיי ביכלאַל.

— אוי, שיקע, שיקע, דיר האָט די מאשקע דערפרייט די נעשאָמע... — האָט פארדײַגעט זיך אָנגערופן אָקסאנע, אונטערטראָגנדיק פלייש פון אויוון, — איך וואָלט זיך געפרייט, ווען איך דערוויס זיך נאָך, וואָס איז מיט מײַן ראָמאנען און מיקאָלען... זיי זײַנען נאָך ערגעץ דאָרט, אין פײַער...

— נישקאָשע, מע דארף ניט זינדיקן, — האָט איבערגעשלאָגן שיפרע, — זיי וועלן מיט גאָטס הילף אויך זיך אומקערן.

— אויב זיי לעבן נאָך, — האָט אָקסאנע א זיפץ געטאָן, — דאָרט איז אָן עמעסער געהענעם.

די ווײַבער האָבן זיך צעוויינט.

שיקע קושניר איז א רעגע געשטאנען, ווי צעמישט, ניט וויסנדיק וויאַזוי אײַנשטילן דעם געיאָמער.

— שאַ! איר האָט גאָט אין הארצן, צי ניט? זיך דערלעבט א שטיקעלע סימכע, מאכט איר גאָר טישעבאָוו. זאָל זיך יענעם זעצן א מאקע אָף דער צונג, ווער עס זאָגט, אז די מילכאָמע איז א גאנביידן. נאָר דער מענטש דאָס איז אזא מין באשעפעניש, וואָס לעבט איבער אלע צאָרעס. מירן גלייבן, אז סע וועט נאָך זײַן גוט. דאָס הארץ זאָגט מיר...

— ווער ווייסט, וואָס עס וועט נאָך זײַן... — האָט ארײַנגעשטעלט טאראס.

— מירן זײַן צופרידן, אויב עס וועט זײַן נישקאָשע, — האָט צוגעגעבן זאַלמען מארקוס און זיך אופגעהויבן פונעם טיש, אויסגעגלײַכט די ביינער.

— ע, קינדער, — האָט שיקע קושניר מיט געמאכטן פאָרוווּרף א קוק געטאָן אָף די געסט, — דאָס געפעלט מיר ניט! וואָס זשע, איר ווייסט דען ניט, אז נאָך א מאבל מוז קומען א גוטע פּאָגאָדע? נאָך א צאָרע מוז קומען פרייד? דאָס איז אזא געזעץ אָף דער ערד, פאָלגט מיך. איך בין עלטער פון אײַך מיט א מיטוואָך און האָב שוין א גוטע פראקטיקע. איך קוק זיך שוין לאנג צו צו אונדזער ביטער וועלטל און זע, ווי עס ענדערט זיך צוביסלעך. און דעריקער — צו בעסערן. איר מעגט מיר גלייבן אפן וואָרט.

— אוי, שיקע, האַלעוואַי זאָל דאָס אזוי זײַן, — האָט מיט צאַר איבערגעשלאָגן שיפרע, דערנעענטערנדיק זיך צו איר זון, — פון דײַן מויל אין גאָטס אויערן...

די פרויען האָבן אויסגעווישט די אויגן, אופגעהערט וויינען. טאקע ניט גוט אזוי קומען אין א שטוב צו א שכיינע, ווּהין עס איז געקומען דאָס ביסל פרייד, און צעשטערן מיט געוויין די סימכע...

און שיקע קושניר האָט א קוק געטאָן אין פענצטער, דערזען דאָס פערד און זיך געכאפּט:

— אוי, מיר פארבײַסן דאָ, און אינגאנצן פארגעסן אינעם לאָשעק! מע דארף אים אָנפּאָיען און אָנהאָדעווען, היטן, ווי דאָס אויג אין קאָפּ. מירן נאָך, זעט אויס, לאנג זיך נייטיקן אין אים.

(פאָרזעצונג קומט)

מאַני לייב

דאָס בלויע פערדל

א ווײַסער מאַלעך, אין מיטן דער נאַכט,
האָט מיר פונעם לאַנד פון לעוואָנע געבראַכט
דאָס קלײנע, בלויע פערדל.

דאָס בלויע פערדל מיט אויגן — רובין,
מיט פיס פון הירשן, ווי פײַלן דין,
מיט זילבערנע אונטערשמידלעך.

דאָס בלויע פערדל זאָטל איך אָן,
מײַן רויטן פורפל טו איך מיר אָן.
ברײטער, נאַכטיקער טויער!

דאָס בלויע פערדל מיט די ווינטן פליט,
די ערד ווי א בויגן פליט מיט, פליט מיט
צום לאַנד פון בלויע לידער.

אין הײַזער אָרעמע

אין הײַזער אָרעמע איז דאָ אַזויפיל שײַנקײַט:
די הונגעריקע ליפּן אײדלט דער ביטאָכן.
די האַנט, וואָס איז געשלאָגן אין איר קוואָלער
קלײנקײט,
האַלט אַלע טירן אָפּן פאַר דעם אָרעמען שאָכן.

און בא דעם קאַלטן פײַער פון די דאַרע קוילן,
אַרום די טישן, קעפּ געלענט אַף עלנבויגן,
די אויערן געשפּיצטע, און אַלטע בערד דערצײלן
די רײד פון צאַר און כאָכמע און פון ניסים ניט
געשטויגן.

און איבער אַלע קעפּ — דער שטילער, דער
באַפרײַער,
ער נידערט פון די רײד און זיצט מיט זײ אינמיטן.
די דאַרע קוילן פלאַקערן מיט נײַעם פײַער
און רויטלען אַלע קעפּ און בערד פון פײַער
אויסגעשניטן.

אווראָם ליעסין און איך

אַף גאַסן ניו־יאָרקער מיט הענדלער און שטויב,
אַף יידישע גאַסן מיט יידישן דרויב,
שפּאַצירן מיט אײביקער זון איבער זיך
פּאָעטן צוויי יידישע — ליעסין[1] און איך.

ער — מענערש און טראַציק — אַ לײב פונעם
שטײַג;
איך — ייִנגלש און בײגיק און גרין ווי אַ צווײַג.

ער — ליטווישע כאָכמע זײַן פּאָנעם פאַרקאַרבט
מיט ליד און מיט טוירע, פון אָוועס געאַרבט.
און איך — אַף מײַן אַקסל איך טראָג ווי מײַן
קלײד
דאָס ליד פון אוקראַינער שוואַרצערדיקער פרײד.

מײַן עלטערער ברודער — ער גײט בא מײַן זײַט
און פיבערט אַ זעונג דורך ווײַט און דורך צײַט:

---

[1] א. ליעסין (1872—1938) — באַוווּסטער יידישער דיכטער.

ער פיבערט מיט ליד, און אין ליד קומט צו גיין
דער העלד און דער קאָדעש געשטאַלטיקט אין שטיין.

און דאָ אַף די גאַסן מיט הענדלער און שטויב,
אַף ייִדישע גאַסן מיט ייִדישן דרויב,
קדוישים און העלדן — געשטאַלט נאָך געשטאַלט,
זיי וואַקסן אַרויס פונעם האַרטן אַספאַלט.

זײַן ייִנגערער ברודער — איך גיי בײַ זײַן זײַט,
און פלאַפל אָן טאַכלעס און פלאַפל פאַרשײַט

פון שיינקײַט, וואָס איך האָב אין כאַלעם דערזען,
וואָס איז אין דער וואָר נאָך בײַ אונדז ניט געווען.

און דאָ אַף די גאַסן מיט הענדלער און שטויב,
אַף ייִדישע גאַסן מיט ייִדישן דרויב,
די שיינקײַט אין פאַרבן אין זיבעצן שטראַלט
און זינגט פונעם טויבן און האַרטן אַספאַלט.

אַף גאַסן ניו־יאָרקער מיט הענדלער און שטויב,
אַף ייִדישע גאַסן מיט ייִדישן דרויב,
שפּאַצירן מיט אייביקער זון איבער זיך
פּאָעטן צוויי ייִדישע — ליעסין און איך...

איך האָב מײַן מאַמעס שוואַרצע האָר

איך האָב מײַן מאַמעס שוואַרצע האָר און גרינע אויגן,
מײַן טאַטנס איידעלע און דינע הענט;
און בלוט האָב איך אַזאַ, וואָס זינגט און ברענט,
דאָס בלוט פון מײַנע זיידעס, ייִדן בײַ דעם דניעפּער;

און אַף מײַן קאָפּ — די נעכט פאַרבראַכטע מיט כאַווײרים
אין בענקשאַפט נאָך דער צאַרטער, דינער לוסט;
און שאַרפע ציינער־צייכנס אַף מײַן ברוסט
פון אַ פאַרטרויטער, ציטערדיקער פרוי.

מאַני לייב דער ליריקער

מאַני לייב איז געווען דער פּרינץ פון דער ייִדישער ליריק. יעדער מאָטיוו, וואָס ער האָט אָנגערירט מיטן פינגער, האָט גענומען וויברירן מיט אַזאַ דיקניואַנסירטער מעלאָדישקײַט, וואָס איז געווען אַ וווּנדער איבער וווּנדער.

נעמט דעם שנײַדערמיידל־מאָטיוו אין דער ייִדישער פּאָעזיע. פון פּערעץ, ווינטשעווסקי, ראָזענפעלד ביז מאַני לייבס „אַף דער פינפטער עוועניו״:

אַף דער פינפטער עוועניו, אין אַ ווײַסן מויער,
אין אַ ווײַסן מויער, אַפן דרײַצנטן שטאָק,
נייען מיידלעך און וואַרטן אין דער בלייכקײַט פון טרויער
אַפן פוילן סיגנאַל פונעם אָוונט־גלאָק.

נאָר דער גלאָק שלאָפט פויל אין אַ זומפּ פון שטונדן,
און דער טאָג ליגט קראַנק אין דעם שטיין פון ווענט,
און די נאָדלען ווײנען און באַוויינען ווונדן,
און דאָס זײַד שאָרכט, שאָרכט אין די מיידלישע הענט...

ווײַסער זײַד, דאָזער זײַד, פּיאָלעטער און בלאָער,
און די נאָדלען ווײנען דין און טויב,

און די זון אַף די פענצטער אין דער בלייכקײַט פון טרויער
קריכט אין די הייסע זײַלן פון גרינעם שטויב...

און די נאָדלען ווײנען און באַוויינען ווונדן
און דאָס זײַד שאָרכט, שאָרכט אין די מיידלישע הענט,
און דער טאָג ליגט קראַנק אין די ווונדן פון שטונדן
איבער מיידלישע הענט, אינעם שטיין פון די ווענט.

געקירצט.

דער סאָציאַלער מאָטיוו איז אַ טראַדיציאָנעלער מאָטיוו אין דער ייִדישער פּאָעזיע. מאַני לייב מײַדט אים נישט אויס. פאַרקערט, ער לײַטערט אים, דערהייבט אים. דאָס, וואָס איז אַמאָל געווען אַ קרעכץ אָדער אַן אויסגעשריי, ווערט פאַרוואַנדלט אין דער דינסטער מעלאָדיע.

„אין הײַזער אָרעמע איז דאָ אַזויפיל שיינקײַט״, הייבט אָן מאַני לייב איינס פון זײַנע ביז גאָר שיינע לידער. מאָריס ראָזענפעלד וואָלט געזאָגט: „אין הײַזער אָרעמע איז דאָ אַזויפיל צאָרן״; אווראָם רייזען וואָלט געזונגען: „אין הײַזער אָרעמע איז דאָ אַזויפיל גוטסקײַט״, און ביידע וואָלטן געזאָגט אַ פּאָעטישן עמעס. מאַני לייב גיט דער אָרעמקײַט אַן עסטעטישן אַספּעקט. „שיינקײַט״ איז אַ נײַער אופטו, און ווידעראַמאָל עמעס.

די ווינטער־נויט

נאָך שלאָפט די גרויע גאַס אין קעלט און שניי געשמידט...
דער ווינט — א הײמלאָזער — אים איינעם שלאָפט זיך ניט,
און ווי די גאַנצע נאַכט טרײַבט ער אין גאַס זיך אום
און וויט מיט שניי און שטויב און וואָיעט בייז און שטום...

און אין די מויערן די מענטשן ווערן וואַך,
און קליינע פײַערלעך אין פענצטער פינקלען שוואַך,
און אָף די מויערן צעציט זיך ווי א שטריק
א לאַנגער הייזעריקער פײַף פון א פאַבריק.

ווער איז דאָס יענע ערשטע אין דעם נײַעם טאָג,
וואָס איז געבליבן שטיין א ווײַלע אפּן ראָג,
און קוקט זיך אום ארום, מיט אויגן — סאַם און האַס,
און לאָזט אוועק זיך שפּאַנען אין דער לענג פון גאַס?

דאָס איז די אלטע, קאַלטע ווינטער־נויט;
זי כאַפּט זיך אָף די ערשטע שעלטנדיקערהייט,
זי קומט אין גאַס די ערשטע, שעלט אזוי און שפּאַנט
און טראָגט אַן עמער קוילן אין איר דאַרער האַנט.

ערד איז אין דיר

ערד איז אין דיר — אירע רייכעס און טאַמען,
יאַם איז אין דיר — און זײַן טויבער געזאַנג,
זון איז אין דיר — אירע לויטערע פלאַמען,
ווינט איז אין דיר — און זײַן אייביקער גאַנג.

פײַער מיט וואַסער אין דיר איז פאַרקנאָטן,
קריכסט אין א קנויל, ווי די ערד אין איר טכום.
וואַרפסט אָף דער זון דײַן מעטושטעשן שאָטן,
רויששט ווי דער ווינט, און ווי ער ביסטו שטום.

ווען עס פאלט א שניי אין ניו־יאָרק, דערמאָנט דער שניי די אלטע היים:

אף יענער זײַט פון אָקעאן,
אף יענער זײַט איז א לאנד אזא פאראן,
און שניי איז דאָרט, און שניי איז דאָרט.

דער פּאָעט היט אָפּ געטרײַ די היימישע קלאַנגען אין זײַן געמיט — דאָס ייִדישע און סלאַווישע פאָלקס־ליד. ער צערטלט אין זיך די קינדער־מײַסע און די וווּנדער־לעגענדע פון דער אלטער היים. אין דער אייגנארטיקײַט פון דער פרעמדער מעטראָפּאָליע זײַנען די מאָטיוון א טרייסט און א געפינס.

צווישן דעם „שאפּ", דעם קאפע־הויז און דעם איינ־זאמען געלעגער ערגעץ־ווּ אין ברוקלין אָדער אין בראָנקס זײַנען אָבער פאראן א וועלט קלאַנגען, וואָס דער ראש און טומל פון דער גרויסשטאָט קאָן נישט פארטויבן. אויב ס'איז נישט פאראן קיין פרייד אין דער ווירקלעכקײַט, איז זי פאראן אין דער אילוזיע:

היי, איר, פראלט אוף די הויכע טויערן,
שפאנט אויס די פערד בא מיר אין הויף.
מײַן ווײַסע פרייד אין דרײַצן שלייערן
ברענגט מיר אהער, און וועקט מיך אוף!

מאני לייבס ליד איז אורבאניסטיש. אפילע דאָרט, ווּ ער דערמאָנט ניט די שטאָט מיט אירע גאסן און עוועניוס:

בא די ווײַסע טישן בין איך לאנג געזעסן
און געקוקט אין אויגן און גערעדט, גערעדט,
און אף יענע אויגן האָב איך זיך פארגעסן,
ביז דער אלטער קעלנער האָט מיר אפּן אויער
מיט א גוטן שמייכל און מיט שטילן טרויער
א פארשולדיקטער פארטרויט מיר: שפּעט...
— נו, א גוטן!.. מאָרגן וועל איך ווידער קומען.
גאסן, נאכט. א נעפּל האָט געווייט, געווייט.

אָדער אין דער וואָרט־מוזיק פון דעם ווונדערלעכן ליבע־ליד „איך בין דער ווײַנריב דער ווילדער":

אף דײַנע דילן זיך לייגן,
הויכן אין שאָרך פון דײַן קלייד,
בלייכן זיך אין דײַנע אויגן,
טרויערן פון דײַנע רייד.

ליגן א בלייכער, א טויטער
אף דײַנע שויבן אין שניי;
שנייִק אין שניי א פארשנייטער
וויינען צו דיר פונעם שניי.

דאָס זײַנען אויסערגעוויינלעכע דערגרייכונגען פון ייִדישער וואָרט־מוזיק. מאני לייב האָט זיי ארויסגעקישעפט פון א שפּראך, וואָס אָט ערשט — ווי לאנג צוריק? — איז זי געווען א שפּראך אָן „א רעכטן קלאנג, א רעכטן טאָן" לויט י.־ל. פּערעץ.

די מוזיקאלישקײַט איז מער ווי סטאם וואָרט־קלאנגערײַ בא אים. ער איז ניט קיין וואָרט־ווירטואָז. זײַן ליד איז ניט סטאם איידל־שניצערײַ.

איך ווייס, אז איך האָב בלויז אָנגערירט איין אס־פּעקט פון מאני לייבס פּאָעזיע, בלויז אָנגערירט. דער גוטער לייענער וועט געפינען א סאך, א סאך מער ווי איך האָב געקאָנט דאָ אָנצייכענען. זאָל ער האָבן די פרייד פון אליין געפינען, אליין אנטדעקן.

איציק מאנגער

צוויי גוטע הענט

איך האָב צוויי גוטע הענט — מײַן אײנציקער פאַרמעג, —
צוויי בלייכע, שוויַיגנדיקע, צוויי געטרײַע קנעכט:
זיי טוען אַלץ פאַר מיר אין נויט פון מײַנע טעג,
און רוען בא מײַן זײַט אין מײַנע מידע נעכט.

און וווּנדער טוען זיי — אַזוי ווי דער אַליין,
וואָס וווּנדער אָטעמט ער אין זייער בלוט און ביין.
אָ, הענט, געטרײַע קנעכט! — זײַט מיר געזונט און שטאַרק! —
איך גיי פאַרקויפן אײַך צום הענדלער אפן מאַרק.

א זון מיט א רעגן

מיט די זילבערנע פיסלעך
לייכט, לייכט און לינד
האָט געטאַנצט דער רעגן
מיטן גאָלדענעם ווינט.

איבער ליכטיקע גאַסן —
איבער עלפנביין,
און פאַרשפּרייט, ווי א פּאַווע,
ווײַט, הויך אַוועק,

האָט געטאַנצט דער רעגן
אין זײַן העלער קרוין

איבער פאַרביקע דעכער
זײַן פילפאַרביקן עק.

וווּנדער

וווּנדער איבער וווּנדער
אומעטום, אין אַלץ!
אין אונדזער ברויט דעם שוואַרצן,
אין אונדזער ווײַסן זאַלץ.

און אין דעם קינדס געלעכטער,
וואָס הילכט פון מאַמעס שויס,
און אין די קליינע קינדער,
וואָס וואַקסן גרויסע אויס.

און אין דעם בלויען וואַסער,
וואָס שטילט דעם דורשט אונדז אײַן,
און אין דעם רויטן פּייער,
וואָס 'וואַרעמט אונדז מיט שײַן.

אוי, וווּנדער איבער וווּנדער,
וווּנדער אָן א שיר,
און פון די אַלע וווּנדער,
קינדער, זינגען מיר.

שטעט און לענדער

די לענדער און יאַמען, די שטעט און די ערטער,
געזיכטער און שמייכלען און ווערטער, —
זיי זײַנען אַוועק פון מיר ערגעץ, אַמאָל,
אין עפּעס א ווײַטן טאָל.

איך זע נאָר דורך לויטערן נעפּל פאַרצויגן
צוויי קינדערש פאַרטרויערטע אויגן —
פאַרבלאָנדזשעטע שעפּסעלעך שוואַרצינקע צוויי
אין עפּעס א וועלט פון שניי.

לעבעדיקע גרוסן

מענדל גאָלדמאַן

דיך צו דאַנקען, דיך צו לויבן...

אַ שטאָט פון סאָכרים און הויז־אייגנטימער, הענדלער און קרעמער; אַ שטאָט פון סראָוו אייך און צווייִשטאָקיקע הײַזער און הײַזקעס, ליימענע, האלב־אײַנגעפאלענע קיביטקעס, שמאָלע, קרומע געסלעך, מיט אַ גרילצנדיקער „קאָנקע" און האלב־כאָרעווע ברוקן — אָט וואָס ס'האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך טאשקענט, דער אדמיניסטראטיווער צענטער פון טורקעסטאן אין די צארישע צײַטן.

דער גרויסער רוסישער סאטיריקער סאלטיקאָוו־שטשעדרין האָט אין די זיבעציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט געשריבן: „אויב איר געפינט זיך אין אַ שטאָט, וועגן וועלכער עס ווערט אין דער סטאטיסטיק געזאָגט, אַז זי פאַרמאָגט אזויפיל און אזויפיל קלויסטערס, קיין שולן זײַנען דאָ ניטאָ, קיין ביבליאָטעקן — אויך ניט, פאראן איין אָסטראָג אאוו., — קאָנט איר ניט צווייפלען, אַז איר געפינט זיך אין סאמע הארץ פון טאשקענט"...

ניט צו פאַרגלײַכן איז יענעם טאשקענט מיט דער הײַנטיקער הויפּטשטאָט פונעם סאָוועטישן אוזבעקיסטאן — איינעם פון די גרעסטע אינדוסטריעלע און קולטור־וויסנשאפטלעכע צענטערס פון אונדזער לאנד. העכער 300 אונטערנעמונגען גיבן פּראָדוקציע פון קאָל־האמינים: ווערקשטעלן, עלעקטראָן־מאשינעס, עקסקאוואַטאָרס, טראקטאָרס, טעקסטיל, שוכווארג. די טאשקענטער פּראָדוקציע ווערט עקספּאָרטירט אין 80 לענדער פון דער וועלט.

די שטאָט פאַרמאָגט עטלעכע און צוואנציק הויכשולן, דערין אַ מעלוכע־אוניווערסיטעט. לויט לענינס איניציאטיוו איז אין 1920, אין סאמע הונגער־יאָר, פאַרלייגט געוואָרן דער פונדאמענט פון דעם דאָזיקן קולטור־הייכל. עס פונקציאָנירן אין טאשקענט העכער 40 טעכניקומס, בא 300 מיטלשולן, צען מוזיקאלישע און דראמאטישע טעאטערן, פיל מוזייען, קולטור־פּאלאצן, ביבליאָטעקן, קינאָטעאטערן, אַ קינאָ־סטודיע פון קינסטלערישע און דאָקומענטאלע פילמען, אַ טעלעוויזיע־צענטער. די וויסנשאפט־אקאדעמיע פון אוזבעקיסטאן האָט די האשגאָכע איבער צענדליקער וויסנשאפטלעך־פאָרשערישע אינסטיטוטן.

טאשקענט איז דער טויער פונעם ראטנפארבאנד אפן מיזרעך — עס קרייצן זיך דאָ איבער צענדליקער אוויִא־ליניעס, אינערלעכע און צווישנפעלקערלעכע.

אין צענטער שטאָט, אַף דער קארל־מארקס־גאס, האָט זיך ביז איצט פאַרהיט דאָס פּאלאצל פונעם גענעראל־גובערנאטאָר. ניט געקוקט אַף דער רעקאָנסטרוקציע פון טאשקענט, אין העסקעם מיטן גענעראל־פּלאן, לויט וועלכן ס'ווערן אראָפּגעטראָגן אפילע גאנצע גאסן, איז דאָך דער דאָזיקער ביניען געבליבן גאנץ און אומבאריירט, ווי אַ זייכער לעדוירעס. אָבער דאָרט הערט זיך ניט מער דער געקלאנג פון מיליטער־שפּאָרן און זשאנדארם־שווערדן. עס טראָגן זיך פון דאָרט קלינגעוודיקע, פרייִלעכע קינדערישע קעלעכלעך: אין דער געוועזענער רעזידענץ פונעם גענעראל־גובערנאטאָר געפינט זיך איצט דער רעפּובליקאנישער פּיאָנערן־פּאַלאץ און ארום אָט דעם פּאלאץ — אַן אויגפארכאפּנדיקער אנסאמבל פון אויסגעבויטע נאָך דער ערדציטערניש אין 1966 צען־ און צוואנציקשטאָקיקע געבײַדעס. דעם דאָזיקן גראנדיעזן אנסאמבל באצירט און באקרוינט די קינסטלעריש־אויספאָרמירטע, אזשור־דורכזיכטיקע געבײַדע פונעם לענין־מוזיי — אַ שעדעווער פון דער מאָדערנער ארכיטעקטור.

אַ סאך גאסן אין שטאָט טראָגן די נעמען פון רעוואָלוציאָנערע קעמפער, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן זייערע לעבנס פאַר דער פרײַהײַט פּו־

נעם היימלאַנד. פּונקט קעגניבער דעם שטאָט־וואָקזאַל שטייט א דענקמאָל די 14 קאָמיסאַרן, וועלכע עס האָט אין דער נאַכט אַפן 19 יאַנוואַר 1919 ראַצכיש אומגעבראַכט די ווײַסגוואַר־דייִש־עסערישע קאָנטררעוואָלוציאָנערע באַנ־דע בעראָש מיטן געוועזענעם צאַרישן פּאָרו־טשיק אָסיפּאָוו. ערעוו דעם ערשטן מײַ פון 1962 איז פײַערלעך אנטהילט געוואָרן א צענ־מעטערדיקער זײַל, אַף וועלכן ס'איז אויסגע־קריצט: „אין ברודער־קייווער ליגן 14 ארבע־טער־קאָמוניסטן, פאַרעטעריש פאַרכאַפּטע און כײַיש פאַרפּײַניקטע בייסן קאָנטררעוואָלוציאָ־נערן אופשטאַנד אין 1919". אָט זײַנען זייערע

דער שרײַבער־פאַרבאַנד, בעראָש פון וועלכן ס'איז דעמלט געשטאַנען דער פּאָעט כאַמיד אַלימדזשאַן, האָט עכט־כאַווערישׂ זיך באַצויגן צו די עוואַקויִרטע שרײַבער און זיך באַמיט ווי ווײַט מעגלעך צו לינדערן זייער לאַגע, שאַפן באַדינגונגען פאַר שעפערישער ארבעט.

איך געדענק, וויִאַזוי עס האָט זיך באַצויגן צו די פּלייטים־שרײַבער דער פּאָעט גאַפור גולאַם, דער מעכאַבער פון דער באַוווּסטער פּאָעמע „איך בין א ייִד". ער פלעגט אָפט זיך טרעפן מיט זיי, אויספרעגן וועגן די נויטן און טאָן אַלץ, וואָס עס איז געווען מעגלעך. דער דעמלט נאָך יונגער פּאָעט און דראַמאַטורג



טאַשקענט. דער דענקמאָל די 14 טורקעסטאַנער קאָמיסאַרן

נעמען: וו. ד. וואָיטיניצעוו, וו. ד. פּוגעלסקי, נ. וו. שומילאָוו, א. א. פערשין, וו. נ. פינקעל־שטיין, מ. ס. קאַטשורינער, יו. נ. מאַלקאָוו, מ. פ. פּאָמענקאָ, י. פ. דוביצקי, א. וו. טשער־וויאַקאָוו, ד. ג. שפּילקאָוו, ס. פּ. גאָרדייעוו, מ. א. טראָיִצקי, ג. אי. לוגין. לעבן מאָנומענט ברענט דאָס אייביקע פײַער. פערצן גאַסן פון טאַשקענט פאַרייביקן די רומפולע נעמען פון די דערשאָסענע קאָמיסאַרן, צווישן וועלכע עס זײַנען געווען פיר ייִדן: פינקעלשטיין, קאַטשו־רינער, דוביצקי און טראָיִצקי.

צווישן אוזבעקישע פרײַנט

איך דערמאָן זיך די יול־טעג פון 1941, ווען טאַשקענט האָט אופגענומען דעם ריזיקן פּלייי־טים־שטראָם.

גאַסטפרײַנטלעך, מיט עמעסער אוזבעקישער גוטהאַרציקײַט האָט די שטאָט באַגעגנט די צענדליקער טויזנטער היימלאָזע. טאַשקענט און סאַמאַרקאַנד, קאָקאַנד און אַנדיזשאַן האָבן זיי באַזאָרגט מיט א דאַך איבערן קאָפּ און מיט ארבעט. ס'האָט זיך פאַרבונדן צווישן אַנדערע א האַרציקע פרײַנטשאַפט צווישן ייִדישע און אוזבעקישע מישפּאָכעס.

אויגון, איצט פאָלקס־פּאָעט פון אוזבעקיסטאַן, האָט ארויסגעוויזן גרויס אינטערעס און פאַר־שטענדיקײַט צו די ייִדישע שרײַבער.

ס'וועט ניט זײַן קיין גוזמע צו זאָגן, אַז יענע שווערע יאָרן זײַנען געווען א פּרווּוושטיין פאַר דער פרײַנטשאַפט צווישן צענדליקער, אויב ניט הונדערטער שרײַבער פון פאַרשיידענע פעלקער.

אויך מיך האָט דעמלט דער גוירל געבראַכט קיין טאַשקענט — געבראַכט און שוין אַף אייי־ביק פאַרבונדן מיט אָט דער שטאָט. עפשער איז ניט באַקוועם זיך אַליין צו ציטירן, נאָר מײַן ערשטע ליד, געשריבן אין די עוואַקואַ־ציע־טעג פון יול 1941, האָט זיך פאַרענדיקט מיט די שורעס:

פוילן — היים צעקלעמטע, כאָרעווע און וויסטע,
דיר עס איז געווידמעט אָט די טרויער־ליד —
דײַנע ווייען, קראַמפן זײַנען ניט אומזיסטע,
ווערסט נאָך, היימלאַנד, בליִען ווי נאָך
קיינמאָל ניט!

די ליד איז דערנאָך געווען געדרוקט אין דער זאַמלונג „צום זיג", וואָס איז דערשינען אין מאָסקווע אין 1944.

צווישן די שרײַבער, וועלכע האָבן אין די מילכאָמע־יאָרן באַזוכט טאַשקענט אָדער אפילע

א שטיקל צײַט דאָרט געלעבט, זײַנען געווען פּערעץ מארקיש, יעכעזקל דאָברושין, מוישע פּינטשעווסקי, יויסעף קאָטליאר. אף שטענדיק האָבן דאָ זיך באזעצט בלויז געציילטע.

ביז דאָ ניט לאנג זײַנען מיר געווען אײַנדרײַען: יויסעף איצקאָוו, מייער טאנענצאפּ און דער מעכאבער פון די שורעס. דעם 28 מארט 1971 איז טאנענצאפּ געשטאָרבן. וועגן אים ווילט זיך קוידעמקאָל דערציילן.

א געבוירענער אין 1908 אין מײַרעוו־אוקראַינע (דעמלט פּוילן), האָט ער מיט גרויסע שוועריקײַטן באקומען הויכבילדונג און ארויסגעגעבן א ביכל דערציילונגען אין ייִדיש. דער פּלייטים־שטראָם אין 1941 האָט אים געבראכט קיין טאשקענט. דאָ האָט ער אָנגעשריבן עטלעכע דערציילונגען, לידער, א פּיעסע. טאנענצאפּ איז געווען טיף באהאוונט אין דער ייִדישער און אייראָפּעיִשער ליטעראטור. שוין נאָך דער מילכאָמע האָט ער פארפולקומט זײַן בילדונג, פארטיידיקט א דיסערטאציע און באקומען דעם טיטל קאנדידאט פון פילאָלאָגישע וויסנשאפטן. די לעצטע צען יאָר האָט ער פארוואלטעט מיט דער קאטעדרע פון דײַטשישער לעקסיק און סטיליסטיק אין טאשקענטער אינסטיטוט פאר אויסלענדישע שפּראכן און באַוויזן ארויסגעבן א לערנבוך אין דײַטש וועגן דער געשיכטע פון דער דײַטשישער ליטעראטור, אָנהייבנדיק פונעם 18־טן יאָרהונדערט.

אין טאנענצאפּס א ליד „געענדיקט דער שניט", וואָס כ'האָב די טעג געפונען, בלעטערנדיק מײַן ארכיוו, לייענען מיר צווישן אנדערע אזעלכע בילדערישע שורעס:

...מיר ווארפן אראָפּ די צעכראסטעטע
שווייסיקע העמדער,
נאקעטע, נעמען ארום אונדז די כוואליעס
די פרישע און קילע —
ווי מאנצבלשע אָרעמס זיי גלעטן די האָר,
ניט־צעקעמטע,
די לײַבער מיט פיש אין געוועט־שווים
זיך שטיפעריש שפּילן;
פון צווײַגן פון איוועס עס קוקן די פייגל
מיט נײַגער,
זיי זינגען א לויב־ליד דער שיינקײַט
פון מענטשלעכע לײַבער.

יויסעף איצקאָוו איז געבוירן געוואָרן אין שטעטעלע סוראזש, בריאנסקער געגנט. אין 1933 פאָרט ער אריבער, צוזאמען מיט זײַנע עלטערן, קיין ביראָבידזשאן, ווו נאָכן ענדיקן די שול ארבעט ער צוויי יאָר אלס קאָרעקטאָר אין „ביראָבידזשאנער שטערן". דאָרט דרוקן זיך זײַנע ערשטע לידער. זינט 1942 באזעצט זיך איצקאָוו אין טאשקענט.

איצקאָוו איז א ליריקער. ער האָט פײַנע לידער וועגן דער נאטור, אינטימע מענטשלעכע איבערלעבונגען. אָבער די איקער־טעמע פון זײַן דיכטונג איז מי, פריידיקע, שעפערישע מי, וועלכע טראָגט באפרידיקונג דעם מענטשן:

דאָס אײַזן אין מײַנע הענט
איז פון גאָלד מיר טײַערער און ליבער,
מיט אים איך האָב מײַן גליק דערקענט,
מיט אים עס קומען מײַנע לידער.

איצקאָוו איז א האָרעפּאשניק, אן ארבעטסמענטש — געווען א דרוקער, א שלאָסער, אן עקספּעדיטאָר. עס קומט דער אָוונט, און ניט געקוקט אף דער מידקײַט און פארהאָרעוועטקײַט, זעצט ער זיך צום שרײַבטיש, טוט זיך אויס פון דער וואָכעדיקײַט און טראָגט זיך איבער אין אנדערע וועלטן...

טאשקענט גרויסט זיך מיט זיי

טאשקענט איז א שטאָט, וואָס איז מערקווירדיק ניט בלויז מיט אירע פּרעכטיקע גאסן און פּלעצער, העלדישע טראדיציעס און רומפולע אופטועך. טאשקענט איז רײַך מיט זײַנע וווּנדערלעכע מענטשן. וועגן אייניקע פון זיי ווילט זיך טאקע אינקורצן דערציילן.

אָט זײַנען מיר פונקט לעבן דער געבײַדע פונעם אָקטיאבערישן ראיקאָם פון פארטיי, ווו געהילף־פארוואלטער פונעם אָפּטייל פון פּראָפּאגאנדע איז יעפים באָריסאָוויטש אינגמאן. לאָמיר זשע צו אים ארײַנגיין.

א געבוירענער אין אוקראַינע, האָט אינגמאן זיך באזעצט אין טאשקענט אין 1945, נאָכן דעמאָביליזירן זיך פון דער רויטער ארמיי. דער אָקטיאבערישער ראיאָן איז איינער פון די גרעסטע אין טאשקענט — דאָרט וווינען העכער 300 טויזנט מענטשן, דערין קאָרעוו 20 טויזנט ייִדן.

ווען איך הייב אָן צו ריידן מיט אינגמאנען וועגן דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד", ווײַזט זיך ארויס, אז ער איז שוין א לאנגיאָריקער אבאָנענט זײַנער, און ניט געקוקט אף דער שטארקער פארנומענקײַט, געפינט ער צײַט אף דורכלייענען יעדן נומער פון טאָוול צו טאָוול. ער רעדט א געשמאקן אוקראַיִנישן ייִדיש.

— וואָס געפעלט אײַך אין זשורנאל, יעפים באָריסאָוויטש?

— מיר איז באזונדערס צום הארצן דאָס, וואָס די ליטערארישע מאטעריאלן זײַנען, אלס קלאל, אפן פּראָפעסיאָנעלן ניוואָ פון דער גאנצער סאָוועטישער ליטעראטור... די ייִדישע ליטעראטור באקומט ניט קיין סקידקעס... נו, און אין פּרינציפּיעלע געזעלשאפטלעכע און פּאָליטישע פראגן איז דער לייענער שטענדיק אף דער זײַט פונעם זשורנאל... דאָס איז וויכטיק...

דער טעלעפאָן אף אינגמאנס טיש האלט אין איין קלינגען, די טיר פון זײַן קאבינעט פארמאכט זיך ניט אף קיין רעגע, און כ'שפּיר, אז איצט איז בעסער ניט פארציִען דעם שמועס.

— ס'איז, פארשטייט איר מיך, דער בוימוואָל־סעזאָן, — פארענטפערט זיך אינגמאן, — און ארבעט איז דאָ איבערן קאָפּ. א קלייניקײַט:

דער מעלוכע־פּלאַן באַטרעפֿט פֿינף מיליאָן טאָן בוימוואָל.

דאַרף מען אים ניט שטערן. און אַזוי ווי ס׳איז שוין געקומען צו רייד וועגן „סאָוועטיש היימלאַנד”, איז ניט איבעריק גלײַך זיך אַרײַנכאַפּן נאָך צו אַזאַ איינעם, וואָס איז, ווי יעפֿים אינגמאַן, אַן אַקטיווער לייענער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. לעמאָשל, צו פּייסי ליבערמאַנען, אַן אַרבעטער אָף דעם טאַשקענטער עקסקאַוואַטאָר־זאַוואָד.

דער פּרעזראַווושטשיק פּייסי ליבערמאַן פֿאַרמאָגט אַן אינטערעסאַנטע ביאָגראַפֿיע. אַן אָפּשטאַמיקער פֿון בערשאַד, האָט ער אַ סך יאָרן געוווינט אין אָדעס, פֿאַרענדיקט דאָרט אַ ייִדישע שול, דעם קרעדיט־עקאָנאָמישן אינסטיטוט, דערנאָך אַ מיליטערישע שול. אין סאָף 1941, אַ פֿאַרווונדעטער, איז ער הינטער ניקאָלײַעוו אַרײַנגעפֿאַלן אין געפֿאַנגענשאַפֿט, דורכגעמאַכט ביטערע יאָרן אין די דײַטשישע טויט־לאַגערן אין בערשאַד, סליוונע און וואַרוואַראָווקע, ווו ס׳זײַנען, ווי ער דערציילט, אומגעבראַכט געוואָרן 30 טויזנט סאָוועטישע מענטשן.

אַן אָפּקלאַנג פֿון יענע שווידער־טעג געפֿינען מיר אין אַפּרעל־נומער פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד” פֿאַרן 1968 אין אַ גרעסערער נאָטיץ „זייער ליד איז דערגאַנגען צו אונדז”, ווו ס׳ווערן געבראַכט טעקסטן פֿון פֿינף לידער מיט מעלאָדיעס, געשאַפֿענע אין פֿאַרשיידענע קאָנצלאַגערן. דער אויטאָר פֿון איינער פֿון אָט די לידער איז טאַקע פּייסי ליבערמאַן, די מוזיק האָט פֿאַרפֿאַסט זײַן לאַגער־כאַווער באָריס זעצערמאַן. די לידער האָט נאָך דער מילכאָמע אָפּגעזוכט די פֿאָלקלאָר־סעקציע פֿונעם קאַבינעט פֿאַר ייִדישער קולטור בא דער אוקראַאִינישער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע.

אין אָדעס פֿלעגט ליבערמאַן זײַן אַן אָפּטער אַרײַנגייער אין דער ליטעראַרישער סטודיע באַם שרײַבער־הויז, ער איז געווען באַקאַנט מיט די דאָרטיקע ייִדישע ליטעראַטן. נאָך אַלס פּיאָנער האָט ער קאָרעספּאָנדירט אין דער צײַטונג „זײַ גרייט” און שפּעטער — אין „שטערן”. אין 1939 האָט דער אוקרנאַצמינדפֿאַרלאַג אַרויסגעגעבן זײַנס אַ בוך דערציילונגען „דעם גרענעצלערס טויט”. איז טאַקע קיין כידעש ניט, וואָס ליבערמאַן לייענט „סאָוועטיש היימלאַנד”, זינט דער זשורנאַל האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין. ער האָט זייער ליב דעם אָפּטייל „אָף די שפּורן פֿון געשעענעם”.

אַ גרויסער קענער פֿון ייִדישער ליטעראַטור איז אויך דער אינזשעניער דאָוויד קאַלאַדני. געקומען קיין אוזבעקיסטאַן אין 1941, האָט ער פֿאַרענדיקט דעם פּאָליטעכנישן אינסטיטוט און אונטעריכט שוין אַ סך יאָרן אין טעקסטיל־אינסטיטוט.

דאָוויד קאַלאַדני איז, אַגעוו, אַ שוועסטערקינד פֿונעם פּאָפּולערן אין פֿאַרמילכאָמעדיקן פּוילן זינגער יאָסעלע קאַלאַדני, וועלכער איז געווען אַ מין „ייִדישער ווערטינסקי”. ער האָט אַליין געשריבן די טעקסטן, סראָוו הומאָריסטישע, אַליין פֿאַרפֿאַסט די מוזיק און געזונגען. ער איז אומגעקומען אין געטאָ אין זײַן היימשטאָט פּינסק. דאָוויד האָט אָפּגעהיט אין זיקאָרן עטלעכע יאָסעלעס לידער, איך האָב זיי פֿאַרשריבן, אין זײַן אויספֿילונג, אָף אַ מאַגניטאָפֿאָן־לענטע.

און אָט שמועסן מיר מיט באָריס זילבערשטיין. געבוירן אין קיִעוו אין אַן אַרבעטער־מישפּאָכע, נעמט ער איבער דעם טאַטנס פֿאַך און ווערט אַ שלאָסער־מעכאַניק. איינצײַטיק לערנט ער זיך אין דער קיִעווער ייִדישער טעאַטער־סטודיע, ווו לעקציעס וועגן ליטעראַטור האָט געלייענט דאָוויד האָפּשטיין און געשיכטע פֿון ייִדישן טעאַטער — פּראָפֿעסאָר שלוימע בילאָוו. דערנאָך פֿאַרענדיקט ער דעם קיִעווער טעאַטראַלן אינסטיטוט, ווערט אַן אַקטיאָר פֿונעם ייִדישן קינדער־טעאַטער. אין 1941 גייט ער אַוועק אָפּן פֿראָנט און פֿאַרענדיקט די מילכאָמע אין טשעכאָסלאָוואַקיע. אָפּן פֿראָנט אָרגאַניזירט ער אַן אַנסאַמבל, פֿאַר וועלכן ער שרײַבט קופּלעטן און פּאָליטישע סאַטירע.

אויך זילבערשטיינס פֿרוי האָט פֿאַרענדיקט אין 1933 די קיִעווער טעאַטער־סטודיע. אין 1941 עוואַקויִרט זי זיך מיט אַ פּיצל קינד קיין טאַשקענט, וווהין נאָך דער דעמאָביליזאַציע קומט אויך צו פֿאָרן איר מאַן. ער אַרבעט צוערשט אַלס הויפּט־אינספּעקטאָר פֿון קינסטלערישער זעלבסטטעטיקייט אין דער רעפּובליק, אַלס קינסטלערישער אָנפֿירער פֿון דעם רעפּובליקאַנישן „הויז פֿאַר פֿאָלקס־שאַפֿונג”, נאָכדעם איז ער קינסטלערישער אָנפֿירער אין קולטור־פּאַלאַץ פֿון די אײַזנבאַנער, און זינט 1965 איז ער פֿאַרוואַלטער פֿון קולטור־ און שטייגער־אָפּטייל פֿון דער מיטלאַזיִאַטישער אײַזנבאַן.

זילבערשטיינס עלטסטער זון איז קאַנדידאַט פֿון געאָלאָגיש־מינעראַלאָגישע וויסנשאַפֿטן, דער ייִנגערער איז אַן אינזשעניער פֿון אויטאָמאַטיק און טעלעמעכאַניק, די טאָכטער פֿאַרענדיקט אינגיכן דעם פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. ווען עס קומט צו רייד וועגן די, וואָס האָבן זיך געלאָזט פֿאַרפֿירן מיצאַד דער פֿאַרברעכערישער ציִיִאָניסטישער פּראָפּאַגאַנדע און זײַנען אַוועקגעפֿאָרן קיין ייִסראָעל, ווערט באָריס איליטש אויפֿגערודערט און רופֿט אויס:

— זיי וועלן כאַראָטע האָבן, אָבער ס׳וועט זײַן שפּעט!

באָריס וולאַדימיראָוויטש גערשאָוויטש, קאָן מען זאָגן, איז „מיניסטער פֿון קינאָ” אין אוזבעקיסטאַן, מיט אַ קליינעם צוגאָב — פֿון דער פּראָפֿאַריינישער קינאָ. ער איז פֿאָרזיצער פֿונעם רעפּובליקאַנישן קינאָ־ראַט בא די פּראָפֿאַריינען. אַ קלייניקייט: האָבן אָף זיך 1300 קינאָ־טעאַטערן אָף די פֿאַבריקן, זאַוואָדן, אין די פּראָפֿאַריינישע קלובן און פּאַלאַצן, אָנפֿירן מיט די קאַדרען, מיט די ווירטשאַפֿטלעכע און טעכ־

נישע איניאָנים און אויך זאָרגן וועגן אויספילן די פינאנץ־פלענער...

פאר זײַן געטרײַער ארבעט איז גערשאָוויטש באלוינט מיטן אָרדען „ערן־צייכן” און מיט ערן־גראמאָטעס.

און פונקט ווי זילבערשטיין, ווערט ער אויך שטארק אופגעבראכט, ווען ס׳קומט צו רייד וועגן יענע אומדאנקבארע לײַט, וואָס פארלאָזן דעם ראטנפארבאנד.

— איך ארבעט שוין יאָרנלאנג, — זאָגט ער, — אין די פראָפארייניקע אָרגאניזאציעס, און כ׳האָב קיינמאָל ניט געשפירט, עמעצער זאָל פאר אָט די אלע יאָרן אָנרירן דעם קאָוועד פון א סאָוועטישן מענטשן אלס ייִד.

און ער רופט אָן די נעמען פון ייִדן, וועלכע פארנעמען פארשיידענע אמטן אין רעפובליקאנישן פראָפסאָוועט: פאָרזיצער פון קולטור־אָפטייל איז לעוו קאנזער; א לאנגיאָריקער קולטור־אינסטרוקטאָר (זינט 1947) איז סימאָן שאפיראָ; מיטן סאָצסטראך־אָפטייל פירט אָן דער פארדינסטפולער קולטור־טוער יויסעף קאָוואלעווסקי; הויפט־דאָקטער פון „אוזסאָופראָף” איז סעמיאָן געכטמאן; פארוואלטער פון אָרגאָפטייל, וואָס פארנעמט זיך אויך מיט די קאדרען־איניאָנים, איז לאזאר שאנשיי (אגעוו — א מעשאָלים־שרײַבער; ער האָט ארויסגעגעבן עטלעכע ביכלעך, פון וועלכע איינס איז מיט הירש ריקלינס א פאָרעדע).

איך געזעגן זיך פרײַנטלעך מיטן „קינאָ־מיניסטער”, איך דארף נאָך הײַנט זײַן בא א צווייטן אינטערעסאנטן מענטשן — בא מארק אבראמאָוויטש רובינשטיינען.

רובינשטיין האָט א צײַט געלעבט און געשאפן אין מאָסקווע און אין קיִעוו, געווען הויפט־רעזשיסער פונעם אָדעסער און ביראָבידזשאנער ייִדישע מעלוכע־טעאטערן. אין טאשקענט וווינט ער שוין גאנצע 33 יאָר, זינט ער האָט אין 1941 זיך עוואקויִרט פון אָדעס.

א פעדאגאָג אין טעאטראל־קינסטלערישן אינסטיטוט, אונטעריכטעט ער אקטיאָרישע מײַסטערשאפט און רעזשיסור. פאר די דרײַצענדליק יאָר האָט ער צוגעגרייט הונדערטער טאלאנטירטע אקטיאָרן און רעזשיסערן.

אין טאשקענט לעבט דער וועטעראן פונעם ייִדישן סאָוועטישן טעאטער ייִצכאָק קיפער, וועלכער האָט נאָך אין 1918 אָנגעהויבן ארומפאָרן אלס פראָפעסיִאָנעלער אקטיאָר מיט ייִדישע וואנדער־טרופעס איבער די שטעט און שטעטלעך פון אוקראיִנע.

א לאנגע צײַט איז קיפער געווען איינער פון די פירנדיקע ארטיסטן אין אָדעסער ייִדישן טעאטער און געארבעט צוזאמען מיט ביניאָמין שווארצערן, לייע בוגאָווע. אין דער „אָפטימיסטישער טראגעדיע” האָט ער אויסגעפילט די הויפט־ראָל (אלעקסיי), אין דער „קישעפמאכערן” געשפילט האָצמאכן, אין „מישפאָכע אָוואדיס” — מאָטיען. באזונדערס גרויס איז געווען זײַן דערפאָלג אין „פריילעכס”, אין דער

ייִצכאָק קיפער (רעכטס) אין דער ראָל פון יעקל באדכן

ראָליע פון יעקל באדכן, דער אוילעם האָט באגײַסטערט אופגענומען זײַן זינגען און טאנצן. „קיפער איז אן אקטיאָר פון גרויסן סצענישן טאלאנט”, — האָט זײַנערצײַט געשריבן די צײַטונג „פראוודא וואָסטאָקא”.

איצט איז ייִצכאָק קיפער אף פארדינטן אָפרו, און, קוקנדיק אף דער פאָטאָ, ווו ער איז ארומגערינגלט מיט זײַנע „באהעלפערלעך־מעשוירערלעך”, גלייבט זיך קוים, אז דאָס איז טאקע ער, דער זינגעוודיקער און טאנצנדיקער יעקל באדכן, וועלכן דער אוילעם פלעגט מאמעש ניט אָפלאָזן פון דער בינע.

אין דער טאשקענטער מוזיקאלישער וועלט איז זייער פאָפולער דער לאנגיאָריקער הויפט־דיריזשאָר פונעם אָפערע־ און באלעט־טעאטער אף נאוואָיִס נאָמען נאום אבראמאָוויטש גאָלדמאן. געקומען איז ער אהער פון דער אָדעסער אָפערע, ווו ער איז גאנצע 14 יאָר אויך געווען הויפט־דיריזשאָר.

נ. גאָלדמאן פארמאָגט דעם טיטל „פארדינסטפולער קונסט־טוער”, ער באקומט א פערסאָנעלע פענסיע. ניט געקוקט אף זײַן טיפן עלטער — שוין לאנג צעביטן דעם אכטן צענדליק, — האָט ער ניט בעדייע זיך צו שיידן מיט זײַן קישעפשטעקעלע. אָנהייבנדיק פונעם 1968 ביז הײַנטצו־טאָג פירט ער אָן מיט דער אָפערע־סטודיע בא דער טאשקענטער קאָנסערוואטאָריע. ווען דעם קאָמפאָזיטאָר און פאָלקס־ארטיסט מוכטאר אשראפי קומט אויס צו לייזן א שווערע מוזיקאלישע סוגיע, לאדט מען אָפט אײַן נאום אבראמאָוויטשן זיך האלטן מיט אים אן אייצע...

אינטערעסאנט איז אזא פאקט. גאָלדמאן איז געבוירן געוואָרן אין קיִעוו, זײַן פאָטער איז געווען אן אָנגעזעענער יוריסט און א גרויסער ליבהאָבער פון ליטעראטור. אין זייער הויז זײַנען אין מעשעך פון א ריי יאָרן פאָרגעקומען ליטעראַרישע „דאָנערשטיקן”, וועלכע פלעגן צונויפזאמלען די קיִעווער ייִדישע אינטעליגענץ. אף איינעם אזא „דאָנערשטיק”, אין 1910, איז פארבעטן געוואָרן שאָלעם־אליייכעם. נאום אבראמאָוויטש איז דאן אלט געווען 12 יאָר, געדענקט ער ניט, וואָס פינקטלעך דער שרײַ־

בער האָט פּאַרגעלייענט. אָבער ס'איז פאַר־בליבן אין זײַן זיקאָרן די יאָמטעוודיקע שטי־מונג, די באַגײַסטערונג, וועלכע האָט געהערשט אָף דער באַגעגעניש.

בײַס מיר געזעגענען זיך, פרעג איך נאָום אבראַמאָוויטשן וועגן זײַן געזונט. ער ענט־פערט, שמייכלענדיק:

— איך לײַד ניט אָף קיין שום קראַנקײַטן, אַכוץ אָף דער פוטבאָל־קרענק. כ'ווייטעק שטאַרק פאַר אונדזער טאַשקענטער קאָמאַנדע „פּאַכטאַקאָר", און ווען זי האָט נעכטן פאַר־שפּילט דעם קיִעווער „דינאַמאָ", האָט עס מיך בעפּיירעש געקאָסט געזונט...

צווישן די טאַשקענטער מוזיקער האָב איך געטראָפן אויך מײַנעם א בען־איר — מיכאַיל באָריסאָוויטש רייסאָן. איך געדענק, אז נאָך אין ביאַליסטאָק האָט ער געהאַט א שעם פון א וווּנדערקינד. זײַן פידל־שפּילן האָט איבעראַשט מוזיק־מעווינים, וועלכע האָבן שוין דאַן פאָ־רויסגעזאָגט מישען א גלענצנדיקע צוקונפט. און זיי האָבן קיין טאָעס ניט געהאַט — מישע, איצט מיכאַיל באָריסאָוויטש, האָט דעם טיטל פּראָפעסאָר און איז א פּעדאַגאָג אין קאָנסער־וואַטאָריע. ער האָט שוין דערצויגן ניט ווייניק טאַלאַנטירטע פידלער. די מוזיקאַלישע געזעל־שאַפטלעכקײַט האָט דאָ ניט לאַנג ברייט אָפּ־געמערקט זײַן 70־טן געבוירנטאָג.

מענטשן, מענטשן, מענטשן... טאַשקענט וואַקסט צוזאַמען מיט זײַנע טוישווים.

איז ווי זאָל זיך ניט פרייען מײַן האַרץ מיט אָט דער וווּנדערבאַרער שטאָט, וואָס איז אין 1941 געוואָרן מיר א צווייטע היים! אין די שווערסטע טעג פון מײַן לעבן האָט זי מיך גאַסטפרײַנטלעך באַגעגנט, געגעבן א דאַך איבערן קאָפּ און —

אויב איך שפּאַן איצט שטאָלץ און מונטער
קאָפּ געהויבן,
גלײַכער רוקן

אָף טאַשקענטער ברוקן;
אויב מײַן גוף און גײַסט באַזונט איז
און אין אויגן פינקלט גלויבן,
אויב פאַרצויגן טיפע ווונד איז,
כ'בין א מענטש מיט מענטשן גלײַך, —
דיר צו דאַנקען,
דיך צו לויבן...



מיט דער זון געאָרעמט

שמידן רינגען זיך איינעם

ס'האָט מײַן האַרץ באמערקט שוין
לאנג
וואָס באמערקן וויל מײַן סײכל:
יעדע זאנג האָט איר געזאנג,
יעדעס בלימל האָט זײַן שמייכל.

ווען ארום איז רויִק, שטיל,
דאָס באזונדערע פארשטיי איך —
יעדער גראָז באזונדער וויל
היטן זײַן באזונדער רייעך.

יעדער בוים מיט שטאם און קרוין,
זעט נאָר אָבער סארא וווּנדער —
טויזנט ביימער — וואלד איז שוין...
נאָר ס'איז יעדער בוים באזונדער.

טויזנט מענטשן — טויזנט גענג...
איין גאנג מײַנער איז, ניט קיינעמס—
ווען געפאר אין לופט סע הענגט,
שמידן רינגען זיך איינעם.

טויזנט ווילנס — קעגן צוואנג,
טויזנט פײַערן — אַף רויבער,
טויזנט לידער — איין געזאנג,
ווען דעם סוינע איז מען גויווער.

* * *

ס'האָט מײַן לעבן זיך דערבארעמט
איבער מיר, לאָזט מיך ניט פאלן, —
גיי איך מיט דער זון געארעמט,
פלעכט נאָך קוישעלעך פון שטראלן.

כ'האָב אַף הימלדיקע וועגן
אָנגעיאָגט א זילבער־וואָלקן
און א לאגל פרישן רעגן
פאר מײַן מוזע אויסגעמאָלקן.

* * *

דאָס מיידל, זי גייט ניט, זי שווימט אין עפיר,
אין מענערשע הייזלעך פון הימל־קאָליר.
א שטיקעלע הימל — דער העלער זשילעט,
א טעלערל הימל — דער בלויער בערעט.
די אויגן פון בלויען, פון הימלשן גלאָז,
ווי ראָזעווע וואָלקנס די בעקעלעך ראָז.
אין זאלושקעס שיכלעך. דין, ווי א בוים,
זי גייט ניט, זי שוועבט און זי הוידעט זיך קוים.
פון גאָלד יעדער האָר, פון דער זון אויסגעשפינט —
א וואסערפאל שטיל צו די אקסל עס רינט.
די הענט, ווי די שטראלן אנטבלויזט זײַנען, הויל,
ווי צײַטיקע ווײַנשל, דאָס דורשטיקע מויל.
דער בליק פון פארבײַגייער טוט זי א גלעט
פון בארוועסן פוס ביזן בלאָוון בערעט.

איך קוק פונדערווײַטנס — מײַן אייניקל שוועבט.
מײַן לויטערע יוגנט — זי לעבט דאָ, זי לעבט.

זיכרוינעס

הירש בלאָשטיין

איך וויל דערציילן

דער אַנגריף פון דער רעאַקציע אַף די פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער. עס האָבן זיך געמערט די איבערפאַלן פון דער זשוואַלגיבע אַף די אָוונט-שולן, ספּאָרט-אָרגאַניזאַציעס, אַרבעטער-קיכן. אַלץ אָפטער זײַנען פאָרגעקומען פּילצאָליקע אַרעסטן אין די שטעט און שטעטלעך. ס׳איז שנעל געגאַנגען צו דער ליקווידאַציע פון דער קולטור-ליגע. אָבער ניט אַזוי גיך האָבן אָפּגעגעבן זייערע פּאָזיציעס די קאָמוניסטן. די טעטיקײַט איז פאָרגעזעצט געוואָרן — האַלב-לעגאַל און אומלעגאַל.

א שטיקל צײַט האָב איך נאָך פאָרגעזעצט אַרבעטן, — איצט שוין אַלס שול-אינסטרוקטאָר. אַרומגעפאָרן איבער די שטעט און שטעטלעך, אינספּעקטירט די שולן, און דערבײַ געלייענט לעקציעס אַף קולטור- און ליטעראַטור-טעמעס. ס׳פלעגט אויך טרעפן, אַז מינוטן פאַרן אָנהייב פלעגט א זשוואַלגיבעניק צונעמען די פריִער באַקומענע דערלויבעניש אַף דער לעקציע.

ס׳איז אויך געוואָרן אַלץ שווערער מיט די פינאַנסן. א טייל אונטערשטיצער — די שוואַכמוטיקע — האָבן זיך אָפּגערוקט.

איך בין געבליבן אָן אַרבעט.

נאָך פריִער האָב איך באַקומען פון קרויווים און פרײַנט אין אַרגענטינע א פאָרשלאָג איבערצופאָרן אַהין. איצט האָב איך דעם פאָרשלאָג אָנגענומען. אײַנגיכן האָב איך באַקומען א שיפסקאַרטע און געלט אַף הויצאָעס.

אין אויגוסט 1925 בין איך אָנגעקומען קיין בוענאָס-אײַרעס. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן א נײַ קאַפּיטל אין מײַן לעבן און ליטעראַרישן שאַפן.

בוענאָס-אײַרעס איז אין יענער צײַט — דאָס הייסט מיט 48 יאָר צוריק — שוין געווען די גרעסטע שטאָט אַפן לאַטײַן-אַמעריקאַנער קאָנטינענט. זי האָט שוין דאַן געהאַט א באַפעלקערונג פון אַרום צוויי מיליאָן (הײַנט — בא דרײַ מיט א האַלבן מיליאָן). נאָר צוליב די קלימאַטישע באַדינגונגען איז זי געווען א נידעריק-וווקסיקע שטאָט: קיין וואָלקנקראַצערס האָט זי ניט געהאַט. דערפאַר איז זי געוואַקסן אין דער לענג און אין דער ברייט. זי האָט פאַרנומען א קאָלאָסאַלן שטעך. שאָען פלעגט דויערן דאָס דורכפאָרן מיטן טראַמווײַ פון איין עק שטאָט צום צווייטן.

אַנטקעגן וואָס דערצייל איך עס דאָ? ניט, כאָלילע, צו קאָנקורירן מיט די אָנצאָליקע האַנטביכער, וואָס זײַנען אַרויסגעלאָזט געוואָרן וועגן אַרגענטינע און איר הויפּטשטאָט, נאָר צוליב איבערגעבן אײַנעם א געדאַנק — גיכער, א בילד, וואָס איז מיר אופגעקומען אין די ערשטע טעג פון מײַן זײַן אין דער דאָזיקער שטאָט. און דער געדאַנק איז פאַרבונדן מיט א טראַמווײַוואַגאָן, וואָס פירט פון איין עק שטאָט צום צווייטן. פון איין לעצטן אָפּשטעל ביזן צווייטן לעצטן אָפּשטעל. עמעס, יעדער לעצטער אָפּשטעל איז אויך פאַר עמעצן — דער ערשטער...

איך האָב געוואָלט וואָס שנעלער זיך באַקאַנען מיט דער שטאָט, מיט איר לעבן, סײַ דעם באַטאָגיקן, סײַ דעם באַנאַכטיקן. האָב איך אײנמאָל זיך געזעצט מיט א לאַנדסמאַן מײַנעם אין א טראַמווײַ-וואַגאָן אין סאַמע עק שטאָט און זיך געלאָזט פאָרן. וואָס נעענטער צום לעצטן אָפּשטעל, זײַנען די גאַסן געווען אַלץ ווײַניקער באַלויכטן, און די שטימונג איז אויך געוואָרן אומעטיקער — לירישער, וואָלט איך זאָגן.

זע „סאָוועטיש היימלאַנד“ נום. 7.

איך בין נאָך געווען גאָר יונג און לעבנסלוסטיק. נאָר אופגעלייגט צו טראַכטן, צו „פּיזאָפירן" בין איך אַלעמאָל געווען. איך האָב געטראַכט וועגן לעבן — וועגן אַקטיוו לעבן. אַז אַ מענטש קאָן אייביק ניט לעבן, האָב איך זעלטן אַ טראַכט געטאָן. און אָט אין יענער נאַכט, אין טראַמוויי־וואַגאָן, האָב איך פּלוצעם שטאַרק, אַפילו ווייפול, באַנומען, אַז פאַר יעדן מענטשן איז פאַראַן זײַן לעצטער אָפּשטעל — פאַר וועמען פריִער, פאַר וועמען שפּעטער... אויף יעדן אָפּשטעל גייט עמעץ אַרויס פון „וואַגאָן"... אַרום דעם, וואָס בלײַבט, ווערט אַלץ ליידיקער...

פאַר דער צײַט, וואָס איך געפין זיך אין „וואַגאָן" — אין אַ פּאָר יאָר אַרום ווערט מיר שוין אַכציק יאָר! — זײַנען זייער אַ סך פון מײַנע נאָענטסטע און ליבסטע, פון מײַנע פרײַנט און כאַווײרים אַרויס אויף זייער לעצטן אָפּשטעל. ווער מיט אַ נאַטירלעכן גאַנג און וועמען מע האָט מיט גוואַלד אַרויסגעוואָרפן אונטערן ראָד... און וואָס נעענטער איך פאָר צו צו מײַן לעצטן אָפּשטעל, אַלץ אָפטער דערמאָנט זיך מיר אָט דער ווײַטער געדאַנק. קימאַט אין יעדן קאַפּיטל פון מײַנע פאַרצייכענונגען מאַך איך אופשריפטן אויף מאַצייווֶעס. צו מײַן טיפן באַדויערן, וועט מיר אויסקומען אויך אין דעם קאַפּיטל צו מאַכן אַזעלכע אופשריפטן. פאַרפאַלן: די פּאַסאַזשירן גייען אַראָפּ — און דער וואַגאָן גייט ווײַטער!

ווי אַ שרײַבער, וועמענס הויפּט־געווער איז דאָס וואָרט, וואָס דאַרף געדרוקט ווערן, וועל איך דאָ, באַם אָנהייב שוין, דערמאָנען צום גוטן אַ מענטשן, וועלכער האָט אין אַרגענטינע אַרויסגעלאָזט די ערשטע ייִדישע געדרוקטע צײַטונג, נאָך אין יענע יאָרן, ווען מע האָט געקאָנט בלויז טרוימען וועגן ייִדישן שריפט, זאַץ־קאַסעס און זעצערס. געהייסן האָט דער פּיאָנער פונעם געדרוקטן (ייִדישן) וואָרט אין אַרגענטינע מיכל האַקויען סינײַ. ער איז אָנגעקומען קיין אַרגענטינע פון רוסלאַנד, פונוואַנען ער האָט אויסגעוואַנדערט אין 1891 צוזאַמען מיט די ערשטע גרופּעס עמיגראַנטן, וואָס זײַנען געפאָרן זיך באַזעצן אין די ייִדישע קאָלאָניעס, אָרגאַניזירטע פון דער „ייִקאָ", דעם באַראָן הירשס פילאַנטראָפּישער „ייִדישער קאָלאָניזאַציאָנס־אָרגאַניזאַציע".

מירן זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויף קיין גענויער כאַראַקטעריסטיק פון מיכל האַקויען סינײַ. ער איז געווען אַ מענטש פון זײַן צײַט. אַ פּראָסטער ערלעכער מענטש, וואָס האָט געוואָלט לעבן פון ערדאַרבעט, ער האָט געגלייבט אין מענטשן און אין גאָט — אַ רעליגיעזער ייִד געווען, וואָס האָט נאָך שטאָלצירט מיט זײַן אָפּשטאַם (פון גײַסטלעכע — קויהאַנים).

נאָר איך מוז דאָ דערציילן וועגן זײַנעם אָן אופּטו, וועלכער גרענעצט, לויט דער טרײַהײַט און איבערגעגעבנקײַט, מיט העלדישקײַט.

ער האָט אויסגעשריבן פון אייראָפּע ייִדישן שריפט, קאַסעס, און ברייט אָנגעזאָגט דעם עולם, אַז צו אַזאַ און אַזאַ דאַטע וועט אַרויסגיין דער ערשטער נומער פון דער צײַטונג. דעם עולם אָנזאָגן איז ניט שווער געווען: ס'איז נאָך געווען אַ גאַנץ קליינער עולם. אָבער... די שיף מיט דער „דרוקערײַ" האָט זיך גראָד אויף לאַנג פאַרהאַלטן אין וועג, און די צוגעזאָגטע דאַטע פונעם ערשטן נומער האָט זיך אַלץ נעענטער צוגערוקט...

איז וואָס טוט אַזאַ מענטש ווי מיכל האַקויען סינײַ? — ער האָט דאָך צוגעזאָגט! אָפּנאַרן אַן עולם?! ער נעמט פיר גרויסע שטיינער, טעסעט זיי אַרום, שלײַפט גלאַט־גלאַט אויס זייער אויבערפלאַך און — קריצט אויס אויף זיי מיט פאַרשיידענעם שריפט אַלע פיר זײַטן פון דער צוגעזאָגטער און צוגעגרייטער צײַטונג! דערנאָך האָט ער זיי מיט פאַרב, וואָס ער אַליין האָט געמאַכט, „אָפּגעדרוקט" — אָפּגעצויגן פונעם שטיין. און דער לייענער האָט באַקומען די צײַטונג צו דער צײַט!

דאָס זײַנען שטיינער אין דער געשיכטע פונעם ייִדישן געדרוקטן וואָרט! גענויער וועגן אָט דעם מוזיי־עקספּאָנאַט דערציילט דער באַוווּסטער פּראָגרעסיווער פּובליציסט און היסטאָריקער פּיניע קאַץ אין עם ערשטן נומער פונעם כוידעש־זשורנאַל „דאָרעם־אַמעריקע" (יאַנוואַר 1926). סײַ דער זשורנאַל און סײַ דער אווטאָר פונעם אַרטיקל האָבן שוין לאַנג געהאַט זייער לעצטן אָפּשטעל.

דאָ וויל איך צוגעבן עפּעס צו דעם ייִכעס־בוים פון מיכל האַקויען סינײַ: דער זון זײַנער, רוווען סינײַ, איז איצט דער רעדאַקטאָר פון „על טיעמפּאָ" („די צײַט") — אַן אויסגאַבע פון דער ייִדישער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטלעכקײַט אין אַרגענטינע. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָב איך זיך מיט אים געטראָפן און דערמאָנט דעם טאַטן זײַנעם. רוווען סינײַ איז געקומען, בעראָש פון אַ גרויסער דעלעגאַציע, קיין ראַטנפאַרבאַנד זיך צו באַקאַנען מיטן לעבן פון די סאָוועטישע ייִדן. די דעלעגאַציע האָט באַזוכט טשערנאָוויץ. עס איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן אַ גרויסע פײַערלעכע באַגעגעניש מיט די אַרגענטינער געסט.

דער זון היט אויף געטרײַ און ייִכעסט זיך מיטן אָנדענק פונעם טאַטן...

ווי יעדער נײַער עמיגראַנט, האָב איך געוואָלט וואָס גיכער כאַפּן דעם אַלגעמיינעם אַראָמאַט פונעם לאַנד. איך האָב געהאַט צוליב דעם אַ ביסעלע גרעסערע מעגלעכקײַטן, איידער יענע, וואָס זײַנען געקומען אַהער „אָן לאָשן". איך האָב נאָך אויף דער שיף (וועלכע האָט זיך געשלעפּט גאַנצע 31 טעג) באַוויזן עטוואָס זיך באַקאַנען מיט שפּאַניש — דער הויפּט־שפּראַך פון לאַטײַן־אַמעריקע (מיטן אויסנאַם פון בראַזיליע, ווו מע רעדט אויף פּאָר־

טוגעזיש). איך האָב געקענט א ביסעלע לאטײַן, און דערצו איז מיר צוהילף געקומען איינער פון די פּאסאזשירן — א מאָנאך, וועלכער האָט זיך אופגעזעצט אינעם שפּאנישן פּאָרט קאָרוניא. ער האָט גוט גערעדט דײַטש, האָבן מיר זיך פארשטאנען. ער האָט מיר געגעבן לעקציעס פון שפּאניש, איך האָב אים קאָמפּענסירט מיט דעם, וואָס כ׳האָב געפירט מיט אים דיסקוסיעס וועגן דער ביבל. אָנקומענדיק אין לאנד, האָב איך שוין ווי־ניט־איז געקאָנט לייענען כאָטש א כראָניק אין די הויך־טיראזשיקע צײַטונגען, שוין אָפּגערעדט פון די שילדן, רעקלאמעס, מעלדונגען. כ׳האָב מער־ווייניקער געקאָנט זיך דערוויסן וועגן די אלערליי פּאָליטישע פּארטייען און זייער פּאָליטיק. די קאָמוניסטישע פּארטיי האָט געהאט איר טעגלעכע צײַטונג „אינטערנאַסיאָנאל”, אף שפּאניש, די ייִדישע סעקציע — איר אָרגאן אף ייִדיש, דעם וועכנטלעכן „רויטער שטערן”.

אָבער כוץ פּאָליטישע פּארטייען, איז נאָך דאָ יענער ספּעציפישער לעבנשטייגער, וואָס א פאָלק פורעמט אויס אין מעשעך פון דוירעס און וואָס שיידט עס אונטער פון אנדערע פעלקער, גיט דעם צו א באזונדערן אראָמאט.

אין דער ערשטער ריי האָט ארגענטינע דעם אראָמאט פון יעדן אימיגראציע־לאנד; שוין אין יענע יאָרן האָט איר דאן נאָך ניט גרויסע באפעלקערונג, אכוץ די „קריאָזשעס” (קרעאָלן) — די שוין דאָרט אײַנגעבירגערטע, — געהאט א פּאָר הונדערט טויזנט איטאליענער, צענדליקער טויזנטער דײַטשן, איבער דרײַ הונדערט טויזנט ייִדן, און זייער א סאך שפּאניער — פון דער אזויגערופענער שוואלבן־עמיגראציע. פון שפּאניע פלעגן קיין ארגענטינע קומען גאנצע שיפן מיט ערדלאָזע פּויערים, באטראקעס. פארקאָנטראקטירטע מיצאד די גרויסע פּערמעס און ברויט־פירמעס, פלעגן זיי קומען אהער בלויז אף זומער, אראָפּנעמען די גערעטעניש און באלד אוועקפאָרן צוריק. זיך ניט פארגינט אויסגעבן אן איבעריקן גראָשן, דאָס פארהאָרעוועטע געלט געבראכט אהיים, קיין שפּאניע. דאָס האָט זיי געהאָלפן דאָרט זיך אײַנאָרדענען. דערפאר האָט מען זיי גערופן „די שוואלבן”, וואָס קומען בלויז אף זומער.

עס האָט שטארק זיך געפילט דער אראָמאט פון נאָסטאלגיע — פון שטארקער, ווייטעקלעכער בענקעניש אהיים. דאָ איז געבוירן געוואָרן און האָט געהאט א ברייטן אומגאנג די ליריש־פארבענקטע, זייער מעלאָדישע ליד „גאָלאָנדרינע” — וועגן דער שוואלב, וואָס מוז פארלאָזן די נעסט, זוכנדיק ערגעץ ווײַט־ווײַט א ביסל ווארעמקײַט...

אָט די גרויסע בענקעניש פונעם עמיגראנט נאָך זײַן היימלאנד האָב איך מיט א באזונדערער קראפט דערפילט, ווען איך האָב באזוכט איינעם פון די דעמלטיקע ייִדישע טעאטערס אין בוענאָס־אײַרעס, ווו עס האָט דאן געשפילט רודאָלף זאסלאווסקי.

און דאָ בין איך געווען אן איידעס אָט פון וואָס:

זאסלאווסקי איז אינמיטנדערינען, ניט לויטן סוזשעט און גאנג פון דער פּיעסע, ארויס אף דער בינע מיט א נידעריק בענקעלע און מיט א ברענענדיק ליכטל אין האנט. א זאָג געטאָן צו די הינטערקוליסן: „לעשט אויס דאָס ליכט!” — און אָנגעהויבן זינגען:

קומט א ייִד אין א פרעמד לאנד, קיינער דריקט אים ניט די האנט.
קלאפּט אין פרעמדע טירן. וועמען וועט זײַן עלנט רירן!..

און א גאנצער זאל זיצט אין דער פינצטער און קלאָגט אף א קאָל...

ניט וויכטיק, וואָס זאסלאווסקי האָט נאָכדעם א רוף געטאָן צו די הינטערקוליסן „ליכט!”, ניט וויכטיק, וואָס ער איז, לויטן סוזשעט, אוועק א טענצל... מיר איז געבליבן אין זיקאָרן דער יאָמערנדיקער זאל עמיגראנטן. איך דערמאָן עס אָפט. באזונדערס די לעצטע צײַט, ווען רעעמיגראנטן פון ייִסראָעל (צוריק קומענדיקע) דערציילן מיר וועגן זייער אומגעהייערער בענקשאפט צוריק אהיים — קיין סאָוועטנפארבאנד. איך גלייב זיי, אז זיי האָבן זייער אָפט דאָרטן, אין זייער פרײַוויליקן גאָלעס, געקלאָגט...

פארשטייט זיך, אז ניט דער עמיגראנט שאפט אָדער קען איבערמאכן דעם שוין לאנג געשאפענעם שטייגער אין לאנד. פארקערט: אָפּטער פון אלץ גיט ער זיך אונטער אָט דעם שטייגער און נעמט אים אליין אונטערהאלטן. און ס׳טרעפט, אז פריִער פון אלץ כאפּט דער עמיגראנט אוף דאפקע די מינהאָגים און טראדיציעס, וועלכע בירגערן אים קלוימערשט אײַן אינעם לעבן פונעם לאנד, אָבער אינדערעמעסן זײַנען זיי קעגן דער מאָראל זײַנער, דעריקער אויב ער איז אן ארבעטנדיקער מענטש.

ארגענטינע איז א קאטויליש לאנד, ווו די יעזויִטן האָבן נאָך ביז הײַנט א גרויסע ווירקונג אף דער באפעלקערונג. ביפראט שטארק איז געווען די שווערע האנט פון דער קאטוילישער קירך. זעלטן וועלכע מישפּאָכע פלעגט ארויסלאָזן א טאָכטער, א מיידל, אליין אין גאס שפּאצירן מיט א באָכער. זעלטן ווען מע פלעגט ארײַנלאָזן צו זיך אהיים צו דער טאָכטער א באָכער פארברענגען די צײַט. סײַדן, אז ער איז שוין געווען אן אָפיציִעלער כאָסן. אָבער ווערן א כאָסן האָט מען אויך ניט געקאָנט אזוי גרינג. באקאנען זיך האָט מען יאָ געקאָנט. א באָכער טרעפט א מיידל אין גאס, נעמט ער איר נאָכגיין, פונווײַטן, און מאכן איר פארשיידענע מעליצעדיקע קאָמפּלימענטן. זי קוקט זיך אום, אָבער ענטפערט ניט. נאָר ווי קאָן

דאָס האַרץ אויסהאַלטן, אַז דער זעלביקער באָכער גייט איר נאָך וואָכנלאַנג, און אויב זי האָט בישטיקע אונטערגעכאַפּט זײַן בליק און דערזען, אַז דער „באַגלייטער" איז גאָר ניט קיין מיִעסער! דאָס מיידל טוט סאַפּקאַלסאָף אַ שמייכל — און דאָס באַטײַט שוין, אַז דער באָכער מעג זיך דערנענטערן, זי באַגלייטן אַהיים: וועט ער שוין וויסן דעם אַדרעס איר... נאָכדעם קאָן ער שוין קומען צום טויערל פונעם הויז, וווּ זי וווינט, און דאָרטן, באַם טויערל, שטיין מיט איר אַ שאָ־צוויי, שמועסן, דערבײַ וועט מען פון אַ פענצטער „אַכטונג געבן" אויף זיי... נאָכדעם, אין אַ שטיקל צײַט אַרום, ווען בײַ זיי ביידן וועט שוין אַלץ זײַן „אײַנגעאָרדנט" און טאַטע־מאַמע וועט האָבן צונויפגעקליבן אַלע ידיעות וועגן דעם באָכער, וועלן די עלטערן אָנעמען אַ באַשלוס: אים אײַנלאַדן אין שטוב צו זיך, אָדער ניט. דעמלט וועט דער באָכער קומען אין אָוונט מיט אַ כאַוועד צי מיט צוויי און — זינגען, שפּילן אַ סערענאַדע. איז אָדער ס'וועט זיך עפענען אַ פענצטערל און דאָס מיידל וועט זיך באַווײַזן, אָדער זי וועט אַרויס אויפן באַלקאָן און בעטן אַרײַנגיין. אויב קיין פענצטער וועט זיך ניט עפענען — וועט די „סערענאַדע" אַוועקגיין מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ...

נאָר אַפילו אין בעסטן פאַל וועט דאָס גליקלעכע פּאָרל אָן אַ „באַגלייטער" אין ערגעץ ניט זײַן. די מאַמע, אָדער די באָבע, אָדער אויב אַזאַ איז ניטאָ, וועט אַ ייִנגער שוועסטערל באַגלייטן זיי. אָן אַ „שומער" וועלן זיי ניט בלײַבן. אַז ס'איז מיר אַמאָל אויסגעקומען זיך אומצוקערן פון ערגעץ אַהיים, פאַרטאָג שוין, אין אַ זונטיק, פלעג איך טרעפן אין טראַמווײַ די פּאָרלעך מיט זייערע באַגלייטער, וואָס פלעגן זיך אומקערן פון אַ כאַסענע אָדער פון אַן אַנדער פאַרווײַלונג. די אַלטע באָבעס פלעגן גאַנץ געשמאַק דרעמלען, און די כאָסן־קאַלעס פלעגן זיך קושן...

און שטעלט אײַך פאָר, אַז אויך בײַ דער ייִדישער באַפעלקערונג, געוועזענע עמיגראַנטן, האָט זיך גענומען אײַנבירגערן אָט דער מינהעג. פאַרשטייט זיך, ניט בײַ די אַרבעטער. דער „מינהעג" האָט פאַרכאַפּט דעריקער דעם קליינבירגער.

דאָס האָט אַרויסגערופן אַ פּאָלעמיק אין דער בירגערלעכער פּרעסע. אַ פּאָלעמיק, וועגן וועלכער עס לוינט דערציילן אינקורצן, ווײַל זי איז געווען זייער אַ טשיקאַווע.

אין אַרגענטינע האָט דאַן געוווילט דער באַוווסטער ייִדישער דראַמאַטורג, פּובליציסט און רײַזנדער פּערעץ הירשביין (1880 — 1948) מיט זײַן פרוי, דער דיכטערן עסטער שור־מיאַטשער. אים האָט אײַנגעלאַדן אַ ספּעציִעלער קאָמיטעט, וואָס האָט געטראָגן זײַן נאָמען. דער שרײַבער איז אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד, דערציילט די אײַנדרוקן זײַנע פון די ווײַטע מעקוימעס.

ער איז נאָרוואָס געקומען פון אינדיע. באַלד פון דער ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט אַרגענטינע איז אים ניט געפעלן געוואָרן, וואָס דער ייִדישער קליינבירגער און פּאַרוועניו (אַרופגעאַרבעטער, געוואָרענער גוויר) נעמט איבער די קאַטויליש־יעזויִטישע מינהאָגים, און ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן דעם מיט אַן אַרטיקל אין דער בירגערלעך־ציִעניסטישער „אידישער צײַטונג". אים האָט באַלד געענטפערט אַ ייִדישער „געלערנטער" מיט אַ דאָקטאָר־טיטל, דאַכט זיך שטיינמאַן (זײַן נאָמען געדענק איך ניט פּינקטלעך; איך געדענק אויך ניט, פון וועלכע וויסנשאַפטן ער איז געווען דאָקטאָר, מעגלעך פון פילאָסאָפישע), אַן אַרטיק־געבוירענער, אַ זון פון עמיגראַנטן. און ער האָט „דערוויזן" הירשביינען, אַז אַנדערש קאָן גאָרניט זײַן, וואָרעם דאָס איז אַ פראַגע פון... קלימאַט! הירשביין איז אַ מענטש פון אַן אַנדער קלימאַט, אַ קעלטערן, פאַרשטייט ער ניט, אַז דאָ, אין אַרגענטינע, איז דער קלימאַט אַזאַ, אַז ס'איז אַ סאַקאָנע איבערצולאָזן אויג־אויף־אויג אַ באָכער מיט אַ מיידל...

און ביכדיי צו באַשטעטיקן, אַז אַלץ ווענדט זיך אין קלימאַט, האָט דער דאָקטאָר געבראַכט אויך אַזאַ אַרגומענט: פאַרוואָס איז אין רוסלאַנד, פרעגט ער, אַזוי שטאַרק אַוועק פאָרויס די ליטעראַטור און געגעבן אַ טאָלסטאָיען מיט אַ דאָסטאָיעווסקין, און אַרגענטינע האָט ניט געגעבן אַזעלכע גרויסע שרײַבער, דערפאַר אָבער האָט זי געגעבן גרויסע פוטבאָל־שפּילער און אַנדערע ספּאָרטסמענער? ווײַל... ס'איז געווענדט אין קלימאַט. אין רוסלאַנד, אַז ס'קומט דער ווינטער, ווערן די גאַסן פאַרשאָטן מיט שניי און ס'הוליען זאַווערוכעס... זיצט מען אין שטוב בײַ די ברענענדיקע קאַמינען, און מע קוקט אויפן פײַער. און פײַער האָט אַ טעווע, וואָס אַז מע קוקט אויף דעם לאַנג, נעמט מען פילאָסאָפירן. שרײַבט מען גרויסע ווערק. אָבער אין אַרגענטינע, ווו ס'איז וואַרעם און מע גייט קימאַט האַלבנאַקעט, ציט צו ספּאָרט און צו אַנדערע זאַכן...

איך האָב ניט אונטער דער האַנט דאָס אַרטיקל פונעם דאָקטאָר. כוץ דעם פּערל, וואָס איך האָב דאָ געבראַכט, זײַנען דאָרט געווען אויך אַנדערע. נאָר איך מיין, אַז דער לייענער איז אַזוי אויך מאַסקים מיט די געגנדזנפיסלעך, אין וועלכע כ'האָב גענומען דאָס וואָרט „גערלערנטער"... און כוץ דעם, ווײַזט עס ניט נאָר אויף דער אַמעראַצעס, נאָר אויך אויפן בעקיוונדיקן פּלאָנטערן דעם לייענער, קעדיי אים געבן ווילדע פאָרשטעלונגען וועגן רוסלאַנד און דערבײַ זיך מאַכן נאַיִוו און מיינען, אַז מ'וועט אים גלייבן!

וואָס שײַך קלימאַט, האָט טאַקע דער קלימאַט זיך שטאַרק געפּילט אינעם אַרטיקל: דער פּאָליטישער אַנטיסאָוועטישער קלימאַט...

איך מוז דאָ נאָך צוגעבן עטלעכע שורעס וועגן פּערעץ הירשביינען. ער איז געווען אַ פֿאָלקסמענטש, האָט ליב געהאַט דעם פּראָסטן ערלעכן האָרעפּאַשניק. וועגן דעם זאָגן אײדעס די פּיעסן זײַנע, באַזונדערס די פֿונעם פֿאָלקסטימלעך־דראַמאַטישן זשאַנער: „אין אַ פֿאַרוואָרפֿן ווינקל", „די פּוסטע קרעטשמע", „גרינע פֿעלדער" אאַ.

הירשביין איז געווען אַ פֿרײַנט פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד. אַ דאָקומענט פֿון אָט דער פֿרײַנטשאַפֿט איז זײַן בוך „שוואַרצבוך — צען כאַדאָשים מיט די ייִדישע איבערוואַנדערער אין ראַטנפֿאַרבאַנד".

אין די שווערסטע צײַטן פֿון אונדזער היימלאַנד, אין די יאָרן פֿון דער גרויסער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע, איז פּערעץ הירשביין געווען אונדזערער אַן אַקטיווער פֿרײַנט.

כוץ די צײַעניסטן פֿון אַלערלײ שאַטירונגען, וואָס האָבן געפֿירט אַ שטענדיקע קאַמפּאַניע קעגן דעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד, איז אויף דער „ייִדישער גאַס" אויך געווען אַ גרופּע, וואָס האָט געהייסן „ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפֿט". זי האָט געהאַט איר קלוב און אַפּילע פֿון צײַט צו צײַט אַרויסגעלאָזט בראָשורן אויפֿצוקלערן דעם ייִדישן אַרבעטער דעם מעהוס און די צילן פֿון... אַנאַרכיזם, לויט מאַקס שטירנערס „דער יאָכיד און זײַן אייגנטום".

די דאָזיקע געזעלשאַפֿט האָט מיך אײַנגעלאַדן אײַנגיכן נאָך מײַן קומען אין לאַנד צו האַלטן אַ לעקציע — דערציילן, וואָס הערט זיך אין די אייראָפּעיִשע ייִדישע ייִשווים. איך האָב דערציילט, און דעריקער געענטפֿערט אויף פֿראַגן. אין די פֿראַגן האָב איך דערפֿילט אַ פּראָוואָצירנדיקן אונטערטעקסט. דאָס איז מיר לאַכלוטן קלאָר געוואָרן, ווען מ'האָט מיך געפֿרעגט: „דערציילט, אויב איר ווילט, ווי האָט זיך געפֿירט מאַכנאָ אין די יאָרן פֿון בירגערקריג. איר זײַט דאָך געווען אין די ראַיאָנען, וווּ ער האָט געקעמפֿט".

איך האָב פֿאַריכט: ניט געקעמפֿט, נאָר געקוילעט.

צום שוואַך פֿון די „ראַציאָנאַליסטן" מוז איך זאָגן, אַז אויסהערן האָבן זיי געהאַט געדולד. אויסהערן אויך אַזעלכס, וואָס איז קעגן זיי. איך האָב געבראַכט נאָר פֿאַקטן. איך האָב אַמאָל געאַרבעט אַלס לערער אין דער ייִדישער קאָלאָניע נאַדיאָזשנאַיאַ, אָדער ווי מ'האָט זי אָנגערופֿן: „ווילנער" (דאָס ייִדישע דאָרף, וווּ ס'זײַנען געבוירן געוואָרן און געוואַקסן די שפּעטער באַוווּסט געוואָרענע סאָוועטישע קולטור־טוער מיכל און מוישע לעוויטאַן). איך האָב דערציילט, ווי כ'בין צוזאַמען מיטן גאַנצן דאָרף, אין איינער אַ גרימענדיקער ווינטער־נאַכט אַנטלאָפֿן פֿון דאָרטן, קעדײ זיך צו ראַטעווען פֿון מאַכנאָס כײַעס, וועלכע האָבן מיט איין נאַכט פֿריִער דערשאָסן אײנעם דאָרף פֿיר קאָלאָניסטן, און אין דער ייִדישער קאָלאָניע „ענגלס"[1] צונויפֿגעטריבן אַלע מענער אין דער סינאַגאָגע, באַם אַרײַנגאַנג אַוועקגעשטעלט קוילנוואַרפֿערס, מ'זאָל ניט קענען אַנטלויפֿן, און אונטערגעצונדן פֿון אַלע זײַטן די געבײַדע. כ'האָב געמאָלט דאָס בילד, ווי אַ גאַנץ דאָרף — מענער, פֿרויען, קינדער, אייפּעלעך — די גאַנצע ייִדישע קאָלאָניע „ווילנער" אַנטלויפֿט פֿון מאַכנאָס באַנדעס. באַנאַכט, אין אַ שטאַרקן פֿראָסט. אויף פֿורלעך און צופֿוס. אויף די פֿורלעך זיצן אַלטע פֿרויען און בִּיכלאַל זקײנים, מאַמעס מיט פּיצלעך קינדער אויף די הענט. בײַ די פֿערד זײַנען די קאָפּיטעס אַרומגעוויקלט מיט שמאַטעס, קעדײ ניט צו לאָזן קיין שפּורן. די מאַמעס פֿאַרטוליען די מײַלעכלעך בײַ די קלײנינקע קינדער, מ'זאָל ניט הערן, ווי זיי שרײַען... מיר דאַרפֿן דורכגיין אַ רײַך דײַטשיש דאָרף. פֿון דאָרט וועט שוין זײַן ניט ווײַט צו דער באַן־סטאַנציע, וווּ ס'שטייט אַ טייל פֿון דער רויטער אַרמײ — און מיר וועלן שוין זײַן געראַטעוועט. כ'האָב דערציילט, ווי אין דער שטאָט מאַריופּאָל, וווּהין איך בין נאָכדעם אָנגעקומען (דאָרט האָבן געלעבט מײַן מאַמע און צוויי ברידער), האָבן די מאַכנאָווצעס געקוילעט און געראַבעוועט אַלעמען, ווער ס'איז אַרײַנגעפֿאַלן אין זייערע הענט. כ'האָב אויך דערציילט, וואָס איך האָב געזען אין הוליַי־פּאָליע — דער „רעזידענץ" פֿון מאַכנאָ...

אויסגעהערט האָט מען מיך רויִק. נאָר נאָכדעם... נאָכדעם האָבן די רעדנער איינער נאָכן אַנדערן, מיט אַזאַ היציקײַט זיך אָנגענומען מאַכנאָס קריוודע, גלײַך קיין ריינערן און פֿײַנערן מענטשן פֿון אים האָט גאָר די וועלט ניט געזען! זיי האָבן אים פּאַשעט אָנגעטאָן אַ קראַנץ פֿון אַ „מאַרטירער — אַ הייליקן". עמעץ האָט מיר אַ וואָרף געטאָן: „ווען עדעלשטאַט לעבט, וואָלט ער אײַך גוט איבערגעפֿאָרן"...

איך האָב געענטפֿערט אײַנגיכן מיט אַ פּאָעמע „דאָוויד עדעלשטאַט" — וועגן דעם ערשטן פֿון דער רומפֿולער פּלעיאַדע רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער־דיכטער אין אַמעריקע. אין דער פּאָעמע האָב איך אין אַ באַזונדער קאַפּיטעלע דערציילט וועגן דעם אָוונט אין דער „ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפֿט", וועגן דער פֿאַרשוועכונג פֿון עדעלשטאַטס נאָמען. די פּאָעמע האָב איך שפּעטער אָפּגעדרוקט אין ניו־יאָרקער קאָמוניסטישן זשורנאַל „האַמער". קעגן מײַן עדעלשטאַטן, ווי איך האָב אים פֿאַרשטאַנען און ווי די פּראָגרעסיווע ליטעראַטור־קריטיק

---

[1] די קאָלאָניע האָט זיך געפֿונען אויף דער ערד, וואָס האָט אַמאָל געהערט אַ דײַטשישן פּאָרעץ מיטן פֿאַמיליע־נאָמען ענגלס.

שאצט אים אָפּ ביז הײַנטיקן טאָג, איז באלד ארויסגעטראָטן ה. לייוויק. אים, לייוויקן, האָט געענטפערט מוישע אַלגין, דער רעדאקטאָר פונעם „האמער”. דאָס ארטיקל אַלגינס האָט גע־הייסן: „ה. בלאָשטיין, ה. לייוויק און דאָוויד עדעלשטאט”.

אין יאָר 1932, שוין אין סאָוועטנפארבאנד, האָב איך בא דער געלעגנהײַט פון עדעל־שטאטס 40־טן יאָרצײַט (ער איז געשטאָרבן דעם 17 אָקטיאבער 1892 אין עלטער פון 26 יאָר) איבערגעקוקט די פּאָעמע מיט דער פּען אין האנט און זי ארײַנגעגעבן אין דעם לידער־בוך, וואָס איך האָב געגרייט צום דרוק: „איך בין יונג” (דערשינען אין יאָר 1934, אין נאצמינד־פארלאג, כארקאָוו — קיִעוו).

אָט אזוי, ביסלעכווײַז, האָב איך מיט 48 יאָר צוריק זיך באקאנט מיטן קלימאט און אראָמאט פון מײַן נײַעם וווין־אָרט. דאָס באקאנען זיך האָט זיך נאָך לאנג געצויגן. כ׳האָב נאָך ווי ס׳געהער צו זײַן ניט געקענט, ניט געזען דאָס לאנד, אירע גרויסע שטעט ראָזאריאָ, קאָרדאָבא און אנדערע, און אפילע ניט מאָזעסוויל — דעם צענטער פון די ייִדישע „ייִקאָ”־קאָלאָניעס.

שוין אין די ערשטע וואָכן פון מײַן זײַן אין ארגענטינע האָבן א פּאָר קרויווים און גוו־טעפרײַנט, מײַנע לאנדסלײַט, — אלע זייער ווײַטע צו רעכענען זיך פאר פארמעגלעכע, מיר געמאכט א פּלאן ארויסצוגעבן א כוידעש־זשורנאל. זיי זײַנען געווען ליבהאָבער פונעם ייִדישן וואָרט און האָבן געהאלטן, אז ס׳איז דאָ א באדערפעניש אין אזא זשורנאל, און אז דאָס געלט, וואָס זיי וועלן ארײַנלייגן אין דעם, וועט זיך גיך אומקערן צוריק — דורך אבאָנענטן און דעריקער — דורך אנאָנסן. ס׳וועט זײַן שווערלעך בלויז אין די ערשטע פּאָר כאָדאָשים...

דעם זשורנאל האָבן מיר א נאָמען געגעבן „דאָרעם־אמעריקע”. אין יאנוואר 1926 איז ארויס דער ערשטער נומער. די צײַטונג „די פּרעסע”, ווו רעדאקטאָר איז געווען פּיניע קאַץ, האָט געגעבן א פּאָזיטיווע אָפּשאצונג פונעם נומער. דאקעגן די „אידישע צײַטונג” האָט אָפּגעמערקט, אז „דער פּארצעף פונעם זשורנאל איז שוין קלאָר” פון א פּאָר מאטעריאלן, וואָס זײַנען אין דעם נומער געדרוקט: „אין לאנד פון מייסים” — א לויב־ארטיקל פונעם רעדאקטאָר וועגן סאָוועטנפארבאנד, נאָך איינס אזא ארטיקל — פון נאָכעם שטיף, וועלכער איז נאָך דערווײַל געווען אין בערלין, אָבער „גײַסטיק־פּאָליטיש איז ער שוין אין רוסלאנד”...

נאָך אזא אנאָטאציע האָבן שוין אין זשורנאל „דאָרעם־אמעריקע” קיין גוט־באצאָלטע אנאָנסן ניט געקאָנט זײַן. אָפּ די אבאָנענטן אליין האָט אויך ניט געהאט קיין מעגלעכקײַט זיך אויסהאלטן א זשורנאל, ווו כאָץ פּיניע קאצן האָט זיך אויך געדרוקט, לעמאָשל, יאנקעוו באָטאָשאנסקי, וועמען די בעסערע לייענער האָבן ניט ליב געהאט, ווײַל ער איז געווען סײַ מיט אלעמען און סײַ קעגן אלעמען — וויִאזוי עס האָט אים געלוינט; ניט אומזיסט האָט ער זיך אויסגעקליבן א פּסעוודאָנים „יאנקעלע גיבאלעס”...

און א בעסערער לייענער איז שוין יאָ געווען — אָבער ניט פון א זשורנאל סטאם. ס׳איז געווען רײַף דער באָדן פאר א זשורנאל מיט א קלאָרער פּראָגרעסיווער אָריִענטאציע.

נאָכן זעקסטן נומער האָט זיך „דאָרעם־אמעריקע” פארמאכט. מיט א ריינעם געוויסן זאָג איך אָבער, אז אין אָט דעם זשורנאל האָבן זיך געדרוקט א ריי אינטערעסאנטע ווערק. דער בעסטער טייל פון זײַנע מיטארבעטער האָבן נאָכדעם אקטיוו מיטגעארבעט אינעם זשורנאל „נײַוועלט” (מיטן אונטערטיטל: „רעוואָליוציאָנער־מארקסיסטישער כוידעש־זשורנאל”), וועל־כער האָט גענומען דערשײַנען אין אָנהייב 1927.

קעדיי זיך ניט איבערכאזערן, וויל איך דאָ בלויז דערמאָנען דעם לייענער, אז א קורצע כאראקטעריסטיק פון דער ייִדישער פּרעסע אין ארגענטינע אין יענע יאָרן האָב איך שוין געגעבן אין „סאָוועטיש היימלאנד” (נום. 4, 1973), ווו איך האָב דערציילט וועגן דעם וויכ־טיקסטן טוער פון דער ייִדסעקציע בא דער קאָמוניסטישער פּארטיי פון ארגענטינע און פון איר פּרעסע — דעם אומפארגעסלעכן מענאכעם ראָזען.

דאָ וויל איך זיך אָפּשטעלן אָפּ א צווייטן ערנסטן טוער פון דער ייִדישער קולטור ביכלאל און פון דער ליטעראטור ביפראט — וועגן דעם זשורנאליסט, פּובליציסט און היסטאָריקער, דעם טרײַען פרײַנט פונעם סאָוועטנפארבאנד — כאווער פּיניע קאַץ, דעם רעדאקטאָר פון דער צײַטונג „די פּרעסע”, וועלכע איז אין די יאָרן 1925 — 1927 געווען אויסגעשפּראָכן פּראָ־סאָוועטיש, ביז אין איר האָט באקומען די אויבערהאנט דער שוין דערמאָנטער יאנקעוו באָטאָשאנסקי.

אגעוו, אינגיכן ווערט 15 יאָר, זינט פּיניע קאַץ איז אוועק אין דער אייביקײַט. ער האָט פּארדינט, אז צו אָט דעם יאָרצײַט זײַנעם זאָל איך אים ווידמען די ווײַטערדיקע שורעס.

ער האָט אקטיוו מיטגעארבעט אלס מיטגליד פון פּרעזידיִום אין דער גרויסער מאסן־אָרגא־ניזאציע „פּראָקאָר”, באזוכט דעם סאָוועטנפארבאנד אין באשטאנד פון א דעלעגאציע, גע־שריבן פיל ארטיקלען וועגן דעם, וואָס ער האָט געזען און באטראכט, און איבערגעלאָזט א בוך וועגן אונדזער לאנד.

איינער פון די גרונט־שטריכן אין פּיניע קאַצס כאַראַקטער איז געווען — באַשיידנקייט. איך וועל ניט פאַרגעסן, וויפל מי עס האָט מיך געקאָסט אים איבערצײַגן, אַז ער — און דאַפקע ער — איז דער איינציקער, וואָס איז באַרופן צו שרײַבן די געשיכטע פון דער ייִדישער זשורנאַליסטיק אין אַרגענטינע, וועלכע איז גלײַכצײַטיק, אין אַ היפּשער מאָס, אויך די געשיכטע פונעם ייִשעוו ביכלאַל. ער, פּיניע קאַץ, איז דאָך געשטאַנען בײַ איר וויגעלע, אויסגעצייכנט און דעטאַל געוווּסט אירע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע אייגנשאַפטן, אײַנגעשלאָסן אירע הינטער־קוליסן. ער איז געווען אַ וווּנדערבאַרער דערציילער: מיט אַ פּאָר ווערטער־שטריכן האָט ער געקענט אוועקשטעלן אַ מענטשן פאַר אײַערע אויגן מיט אַזעלכע לעבעדיקע שטריכן, אַז איר האָט אים נאָכדעם דערקענט אויף דער גאַס, כאָטש איר האָט אים קיינמאָל אין לעבן ניט געזען.

פּיניע קאַץ האָט זיך לאַנג ווידערגעשטעלט: „ווי קום איך צו אַזאַ ערנסטער אַרבעט! וואָס בין איך — אַ היסטאָריקער? געפינט אַ מער קאָמפּעטענטן און ערודירטן מענטשן, און איך וועל אים העלפן מיט געוויסע מאַטעריאַלן, וואָס געפינען זיך אין מײַן רעשוס". נאָר איך האָב דאָך אים בײַגעקומען: אין דעם ערשטן נומער „דאָרעם־אַמעריקע" זײַנען געווען געדרוקט די ערשטע קאַפּיטלען פון זײַן אַרבעט „צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער זשורנאַליסטיק אין אַרגענטינע", וועלכע איז געגאַנגען אין פאָרזעצונגען אין די ווײַטערדיקע נומערן. שפּעטער איז די אַרבעט דערשינען אין אַ בוך־פאָרם און געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג.

פּיניע קאַץ האָט שטאַרק ליב געהאַט די ליטעראַטור און אירע שעפער. ער האָט זיך געפרייט מיט יעדן נײַעם נאָמען, מיט יעדער נײַ ווערק. איינמאָל, דערמאָן איך זיך, האָב איך באַקומען פון אים אַ צעטעלע אַהיים: „קומט אַרײַן אין רעדאַקציע. איך מוז אײַך עפּעס ווײַזן!". מיט ציטערנדיקע פינגער (אַגעוו, בײַ דער קלענסטער אויפרעגונג, אַפילו בײַ אַ פריידיקער, פלעגן אים ציטערן די הענט) האָט ער מיר געוויזן אַ פּאָר זײַטלעך בריוו־פּאַפּיר, אָנגעשריבענע מיט אַ כאַראַקטעריסטישער, שפּיציקער פרויען־האַנטשריפט. אַ ליד, וועלכע ס'האָט צוגעשיקט אַ לייענערן.

פּיניע קאַץ האָט געהאָלפן אַרײַנפירן אין דער ליטעראַטור די שפּעטער באַקאַנט געוואָרענע אויך פאַר די סאָוועטישע לייענער — דעם פּראָזע־שרײַבער מוישע גאָלדשטיין, דעם דיכטער יאָסל גאָלדבערג און אַנדערע, וועלכע האָבן זיך נאָכדעם גרופּירט אַרום דעם קאָמוניסטישן זשורנאַל „נײַ־וועלט".

... וואָס ווײַטער, האָט זיך פּיניע קאַץ געפילט אַלץ ערגער אין דער צײַטונג „די פּרעסע"; כאָטש ער איז געבליבן הויפּט־רעדאַקטאָר, האָט די לייצעס אַלץ אײַנגעשפּאַרטער גענומען אין די הענט „יאַנקעלע גיבאַלעס", אַ פייִקער זשורנאַליסט, אָבער לויט זײַן כאַראַקטער — אַן אַוואַנטיוריסט מיט זייער שלעכטע נייגונגען צו סקאַנדאַל. די צײַטונג איז אַוועק אַלץ רעכטער. ס'איז דערגאַנגען דערצו, אַז זי האָט גענומען דרוקן אַנאָנסן פון שטרײַקברעכער... פּיניע קאַץ איז געוואָרן זייער דערשלאָגן בײַ זיך. די באַוווּסטזיניקע אַרבעטערשאַפט האָט דערקלערט אַן אָפּיציעלן באָיקאָט דער צײַטונג. דער „רויטער שטערן" האָט אַלץ אָפטער גענומען אָנגרײַפן אויף „די פּרעסע". דער אַווטאָר פון אָט די שורעס האָט אָנגעשריבן און געדרוקט אין עטלעכע נומערן „רויטער שטערן" אַ סאַטירישע פּאָעמע אויף די רעאַקציאָנערע מיטאַרבעטער פון „די פּרעסע". נאָר פּיניע קאַץ איז נאָך אַלץ געווען רעדאַקטאָר. שטאַרקײַט פון כאַראַקטער האָט אים געפעלט...

אין 1929 אָדער 1930, ווען די ייִדישע פּראָגרעסיווע אַרבעטערשאַפט אין אַרגענטינע האָט געפירט אַ קאַמפּאַניע פאַר אַן אייגענער דרוקערײַ און טעגלעכער צײַטונג, האָב איך, טרעפנדיק זיך מיט פּיניע קאַצן, אים געפרעגט, צי ער וואָלט אַוועק אַרבעטן אין דער פּראָעקטירטער צײַטונג. איך געדענק הײַנט ניט, צי איך האָב עס געטאָן אויף מײַן אייגענער איניציאַטיוו, צי מיך האָט געבעטן עס טאָן מענאַכעם ראָזען צי אַן אַנדער כאַווער.

פּ. קאַץ האָט געענטפערט:

— איר ווייסט דאָך... אַוואַדע וועל איך אַוועק. זאָל שוין נאָר זײַן דאָס אָרט...

דאָס „אָרט" איז ליידער ניט געוואָרן: די פאַשיסטישע מעלוכע־איבערקערעניש האָט געשטעלט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אויסערן געזעץ.

און דאָך... פּיניע קאַץ איז סאָפּקאָלסאָף אַוועק פון „די פּרעסע" און — זאָל זײַן געערט זײַן אָנדענק! — אין 70־יאָריקן עלטער האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

די עלטער זײַנע האָט ניט פאַרשעמט זײַן יוגנט. אָנגעהויבן האָט ער זײַן יוגנט בײַם ליכט פונעם פונק (די „איסקראַ") און פאַרענדיקט זײַן וועג — בײַ דער גרויסער שײַן, בײַ דער זון פונעם לעניניש עמעס.

פּיניע קאַץ איז געשטאָרבן אין 1959, אין עלטער פון 78 יאָר.

(פאָרזעצונג קומט)

צום 90־טן געבורטסטאָג פון דאָוויד בערגעלסאָן

אַרן ראַסקין

נײַע לעבנס־פֿאָרמען — נײַע קונסט

ד. בערגעלסאָן איז אַרײַן אין דער ליטעראַטור אין די יאָרן 1909 — 1910 אין דער צײַט פון רעאַקציע נאָך דער רעוואָליוציע פון 1905. דער שרײַבער האָט שפּעטער דערציילט, אַז די רעוואָליוציע פון 1905 האָט אים „פאַרכאַפּט", נאָר „זײַענדיק אַ יונגערמאַן מיט אַ כאַאָטישער, ניט סיסטעמאַטישער בילדונג, מיט מינימאַלע פּאָליטישע אינטערעסן, ווייניק באַהאַוונט אין קלאַסן־קאַמף און פּאַרטייען־קאַמף", האָט ער זיך „ניט פאַנאַנדערגעקליבן אינעם מעהוס פון די רעוואָליוציאָנערע געשעענישן"[1]. דאָך האָט די רעוואָליוציע, בעלי־סאָפּעק, איבערגעלאָזט טיפע שפּורן אין זײַן שאַפונג פון יענע יאָרן. איר ווידערקאָל האָט זיך געלאָזט הערן שוין אין „אַרום וואָקזאַל", נאָך שאַרפער אינעם „טויבן", גענוג דײַטלעך אויך אין „נאָך אַלעמען" און אין „אָפּגאַנג".

די אידייִשע אײַנשטעלונגען פון דער אַזוי־גערופענער „קיִעווער גרופע" יונגע ייִדישע ליטעראַטן, צו וועלכער דאָוויד בערגעלסאָן האָט דאַן געהערט, האָבן זיך, לויט דער גוויִעס־אײדעס פון נ. מײַזיל, געשטאַלטיקט אונטערן אײַנפלוס פונעם „רעוואָליוציאָנער־סאָציאַליסטישן ראַדיקאַלן קיִעווער קרײַז". זיי האָבן זיך אויסגעדריקט קוידעמקאָל אין אַ טיפן ווידערגעפיל צו די טראַדיציאָנעלע קאָנסערוווירטע פאָרמען פונעם ייִדישן לעבנשטייגער און צו די אידייען פון ייִדישער אָפּגעזונדערטקײַט. אַ וויכטיקע ראָל האָט דערבײַ געשפּילט די האַשפּאָע פון דער רוסישער קלאַסישער און מאָדערנער ליטעראַטור, פון דער מײַרעוו־אייראָפּעיִשער ליטעראַטור, באַזונדערס פון דער סקאַנדינאַווישער (האַמסון), און אויך פון די דעמלטיקע בונטאַרן־שרײַבער אין דער יונגער העברעיִשער ליטעראַטור (בערדיטשעווסקי, ברענער, גנעסין).

אַליין בערגעלסאָן האָט געהאַלטן פאַר איבערגעטריבן די האַשפּאָע אויף זײַן שאַפונג, וועלכע מע האָט צוגעשריבן האַמסונען. פון די העברעיִשע שרײַבער האָט ער אויסגעטיילט בערדיטשעווסקין[2]. מ. בערדיטשעווסקי איז געווען גראָדע די פיגור, וועלכע האָט שטאַרק צוגעצויגן צו זיך די יונגע ייִדישע שרײַבער, וואָס האָבן אונטערן אײַנפלוס פון די רעוואָליוציאָנערע געשעענישן אין רוסלאַנד זיך אַ ציי געטאָן פון די ענגע דאַלעדאַמעס פון דער טראַדיציאָנעלער ייִדישקײַט צו ברייטער וועלטלעכקײַט. נאָך אין די נײַנציקער יאָרן האָט מ.־י. בערדיטשעווסקי אָנגעהויבן זײַן שטרײַט מיט אַכאַדהאַאָמס קאָנצעפּציע פון גײַסטיקער ייִדישקײַט. „מיר ווילן זײַן „ייִדן — מענטשן", — האָט ער געשריבן אין זײַן בעשײַטע באַרימט געוואָרענעם אָפּענעם בריוו צו אַכאַד־האַאָמען. — מיר דאַרפן פאַרברייטערן אונדזערע גרענעצן און אויפֿקשטעלן די וועלטלעכע בילדונג און אירע באַדערפענישן, וועלכע באַנײַען זיך פון טאָג צו טאָג, אין איין ריי מיט אונדזער אַלטער יערושע". בערדיטשעווסקי האָט גערופן איבערצושאַצן אַלע פריִערדיקע ווערטן, אָפּזאָגן זיך פון דער פאַרהערלעכונג פון דער אַזוי־גערופענער „אייביקער ייִדישקײַט". ענלעכע מאָטיוון האָט מען געקאָנט טרעפן אין י.־כ. ברענערס שאַפן פון יענע יאָרן.

די דאָזיקע אידייען זײַנען געווען צום האַרצן דער ראַדיקאַל־געשטימטער גרופע קיִעווער ליטעראַטן.

---

[1] מאַטעריאַלן צו ד. בערגעלסאָנס ביאָ־ביבליאָגראַפיע. „וויסנשאַפט און רעוואָליוציע" נום. 1—2, קיִעוו, 1934, ז. 69.

[2] דאָרטן, ז. 70.

„אינעם געראנגל צווישן אכאד־העאָמען און בערדיטשעווסקין, — דערציילט נ. מײַזיל, — איז מען געווען אינגאנצן אף דער זײַט פונעם לעצטן. „שנוי ערכין” — דאָס איבערשאצן ווערטן — האָט פיל מער אפעלירט צו אונדז, ווי די „השלח”־לאָזונגען”.

דאָוויד בערגעלסאָן האָט פאָרגעזעצט די טראדיציעס פונעם ייִדישן קלאסישן סטיל, דעם סטיל פון קריטישן רעאליזם, און האָט אים גלײַכצײַטיק רעווידירט, באנײַט, פארברייטערט, באַרײַכערט מיט דער קינסטלערישער דערפארונג פון דעם נאָכקלאסישן פעריִאָד. „ווי יעדער גרויסער קינסטלער, וועלכער גייט שטענדיק דער געפאר אנטקעגן, איז אויך דאָוויד בערגעלסאָן, — שרײַבט נ. אויסלענדער, — שטענדיק געגאנגען מיט דער קונסט דער אָפשאצנדיקער, מיט דער קונסט דער רעווידירנדיקער. דערפאר האָט ער, דער קינסטלער, וועמענס וועג עס איז פארלאָפן הארט אף דעם נאציִאָנאל־סאָציִאלן שטעטך פון אונדזער קלאסישן קונסט־שטייגער, — דעם דאָזיקן קונסט־שטייגער טאקע גרינטלעך רעווידירט”[3]. בערגעלסאָנען איז דעריבער געלונגען „ניצל ווערן פון די ענגע דאלעדאמעס פון קאסרילעווקע און מיט דער מאכט פון זײַן טאלאנט דערהייבן קאסרילעווקע צו א טעאטער פון ריין־מענטשלעכע געשעענישן”[4].

פון די דרײַ גרויסע ייִדישע קלאסיקער האָט מער פון אלע אנטשפראָכן די ליטעראריש־עסטעטישע אופגאבן, וועלכע די קיִעווער גרופע שרײַבער האָט פאר זיך געשטעלט, דאָס שעפערישע געשטאלט פון י.־ל. פערעצן. די באציִונג צו מענדעלען און שאָלעם־אלייכעמען איז געווען א צוריקגעהאלטענע, צו פערעצן — א באגײַסטערטע.

ד. בערגעלסאָן האָט, באטראכטנדיק רעטראָספעקטיוו די יאָרן פון זײַן שעפערישן אָנהייב, דערציילט, אז באם איבערגאנג פון העברעיִש צו ייִדיש, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אף באשטימטע שוועריקײַטן באם אויסזוכן „לאָשן, סטיל, שפראכלעכע טראדיציעס אף וואָס אָנצושפארן זיך. מענדעלע איז געווען ווײַט און פרעמד. עס האָט געצויגן צו פערעצן, אָבער דיִאלעקטיש איז דער פוילישער פערעץ געווען אומעגלעך, ווי אן אויסגאנג־פונקט. אין זין פון שפראך, דיִאלעקט איז צום נאָענטסטן געווען שאָלעם־אלייכעם. ער האָט גערעדט מיט דער שפראך פון זײַן היים, פון זײַן סוויווע, פון זײַנע מענטשן. עס האָט זיך געדאכט, אז ייִדיש — דאָס איז שאָלעם־אלייכעם, אז אן אנדער ייִדיש איז אומעגלעך. די ערשטע פרוּוון אין ייִדיש זײַנען טאקע געווען אין שאָלעם־אלייכעם־סטיל. עס איז אָבער געווען א קאָלאָסאלע אנטוישונג — ס׳האָט זיך באקומען צופיל באריידעוודיק און אפילע מעליצעדיק... די פּאָר פרוּוון אין שאָלעם־אלייכעם־נוסעך זײַנען דורכגעפאלן”[5].

אין פערעצן האָט בערגעלסאָן געשעצט דעם הויכן געפיל פון אכרײַעס פאר דער אייגנטלעכער ליטעראַרישער קולטור, זײַן זאָרג וועגן דער קולטור פון פאָרם, פון בילד, פון סטיל, פון שפראך, פון וואָרט. די דאָזיקע פערעץ־טראדיציע האָט בערגעלסאָן ווײַטער אנטוויקלט און זי דערפירט צו ראפינירטקײַט און שליימעס.

זײַן טיפן אָפשײַ פאר פערעצן און דעם געפיל פון גרויסער אנערקענונג לעגאבע אים, וואָס איז געווען כאראקטעריסטיש פאר דער ראדיקאל־געשטימטער ייִדישער אינטעליגענץ ביכלאל און דער גרופע קיִעווער יונגע ייִדישע שרײַבער ביפראט, האָט דאָוויד בערגעלסאָן אמבעסטן אויסגעדריקט אין זײַן ארטיקל, וואָס איז אָנגעשריבן אונטער דעם דירעקטן אײַנדרוק פון פערעצעס טויט.

„ארומבלאָנדזשען וועלן מיר, — שרײַבט ד. בערגעלסאָן, — איבער די איבערגעפולטע גאסן און וועלן זוכן דעם שליסל צו אונדזערע אייגענע געפילן, דעם שטיק „איד”, וואָס אונדז פעלט, די שיינקײַט, וואָס קען מעמאלע זײַן דעם פגאם אין אונדזער נעשאָמע. און אויסקומען וועט דאָך שוין מעמיילע, אז דאָס וועלן מיר זוכן אים — אזוי וועלן מיר רופן אונדזער גרויסן געשטאָרבענעם פערעצן, דעם שיינעם פילפארביקן העלד פון אונדזער — דער ייִדישער יוגנט — ראָמאן”[6].

דער נײַער דאָר יונגע ייִדישע שרײַבער, — האָט באטאָנט בערגעלסאָן, — „נעמט שוין אָנטייל אינעם וווּקס פון זײַן אייגענער טיפקײַט” און באמיט זיך דרייסטער און אלזײַטיקער צו אנאליזירן „דער ייִדיש־וועלטלעכער יוגנטס איבערלעבונגען”, טיפער און ראפינירטער צו געבן דעם „סינטעז פון אלטן און נײַעם ייִדישן געדאנק”, צו וועלכן פערעץ האָט געשטרעבט, נאָר איז ניט בעקויעך געווען פולשטענדיק צו פארווירקלעכן, ווײַל די צײַט, אין וועלכער ער האָט געלעבט, איז נאָך דערצו ניט דערוואקסן.

די ארבעט וועגן י.־ל. פערעצן איז געווען געשריבן אין די שווערע מילכאָמע־יאָרן, דאָך פילט זיך אין איר א מונטערער קוק אין דער צוקונפט, זי איז פול מיט גלויבן אין די שעפערישע קויכעס פון דער ייִדישער אינטעליגענץ.

די אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט גוואלדיק אופגעטרייסלט דאָס ייִדישע לעבן, ארויסגערופן א קאָלאָסאלן אופברויז פונעם ליטעראַרישן שאפן. די ענדערונגען אינעם לעבן האָבן אויך בערגעלסאָנען אופגעטרייסלט און באגײַסטערט. אין שײַן פון די רעוואָליוציִאָנערע געשעענישן האָט ער אלס קינסטלער ניט געקענט ניט דערפילן א געוויסע שעפערישע אויסגעליידיקטקײַט. די ביז־איצטיקע „קינסטלערישע אָריִענטאציע אפן ייִדישן מיטלשטאנד... איז מיטאָמאָל געוואָרן אנאכראָניש, ניט צו דער צײַט, פארעלטערט, ווען קאָלאָסאלע מאסן מיטן פראָלעטארישן אוואנגארד האָבן זיך א ריר געטאָן און פארנומען דעם געשיכטלעכן אויבנאָן אויך אין דער ייִדישער סוויווע... דער פארכאָלעמט־לאנגזאמער אינדיווידואַ־

---

[3] נ. אויסלענדער. וועג־אײַן — וועג־אויס. קיִעוו, 1924, ז. 20 — 21.

[4] מ. עריק. ד. בערגעלסאָן. ציטירט לויט „ייִדישע קולטור”, נומ. 6, 1964, ז. 43.

[5] „וויסנשאפט און רעוואָליוציע”, נומ. 1 — 2, 1934, ז. 69 — 70.

[6] ד. בערגעלסאָן. בריוו צו דער יונגער ייִדישער אינטעליגענץ. „די ייִדישע וועלט”, אפרעל — מײַ 1915, ז. 43.

ליסטיש־אימפּרעסיאָניסטישער סטיל איז געוואָרן א מין דיסאָנאַנס פון יענער וועלט, בעשאס מאסן־ברויז איז געוואָרן דער סטיל פון דער עפּאָכע"[7]. דער בייז־רעוואָליוציאָנערער שרייבער האָט, נאַטירלעך, איבערגעלעבט א באַשטימטן אידייִש־שעפערישן קריזיס. „מיר האָט זיך אויסגעדאכט, — האָט ד. בערגעלסאָן שפּעטער דערציילט, — אז מיטן „אָפּגאַנג" שרייב איך דאָס לעצטע ווערק. מער האָב איך ניט וואָס צו זאָגן, וואָס צו שרייבן... כ'האָב אין די פריערדיקע ווערק געוויזן דעם סאָף פון דער בורזשואזיע און אירע פאַרשיידענע שיכטן און שאַטירונגען, איצט געוויזן דעם טויט פון דער אינטעליגענץ, וואָס האָט ניט אפילע צו וועמען צו ריידן... כאַיִם־מוישע רעדט דאָך שוין בלויז צו א טויטן, צו מיילעכן..."[8].

די שטימונגען, מיט וועלכע בערגעלסאָן האָט זיך ארומגעטראָגן אין יענע יאָרן, זיין „האָפּענונג" און „שרעק", זיין גלייבן און ניט־גלייבן, זיינע ספּייקעס און איבערלעבונגען לעגאַבע דעם אייגענעם שאַפן און לעגאַבע דעם גורל פון דער נייער יידישער קולטור האָבן געפונען זייער אויסדרוק אין זיין ליטעראַריש־קריטישן עסיי „דיכטונג און געזעלשאַפטלעכקייט", וועלכער האָט אין זיין צייט ארויסגערופן א גרויסן אָפּקלאַנג אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט.

אלס אומיטלבאַרער שטויס צו אָנשרייבן דעם עסיי האָט געדינט דער קאַלטער אופנאַם פונעם ערשטן זאמלבוך „אייגנס" מיצאַד דער קריטיק. מ. ליטוואַקאָוו האָט ריכטיק אָפּגעמערקט, אז דער „שווערפּונקט פונעם אלמאַנאַך ליגט אין זיינע לידער", אז אויך „די פּראָזע בילדעט א וויכטיקן יעש". ער האָט געהאַלטן, אז בערגעלסאָן און דער ניסטער האָבן אין זייערע ווערק, וואָס גייען אריין אין „אייגנס", „קיינע ווייטערדיקע אנטפּלעקונגען פון זייער שאַפונגס־גייסט ניט געמאַכט", פאַרקערט, בערגעלסאָנס „פאַרטונקלטע צייטן" איז „אפילע א טראָט צוריק".

דאָוויד בערגעלסאָנס עסיי „דיכטונג און געזעלשאַפטלעכקייט" האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אן ענטפער מ. ליטוואַקאָוון. דער שרייבער האָט דאָ אויסגעדריקט זיין זאָרג איבער דעם גורל פון דער נייער נאָכאָקטיאַברישער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך אָנגעשטויסן אָף געוויסע שוועריקייטן בא די ערשטע טריט פון איר פּרוכטבאַרער אנטוויקלונג. פּאַראַלעל מיט דעם האָט ד. בערגעלסאָן אויסגעדריקט אויך זיינע דייגעס אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם קריזיס, וואָס איז אַנטשטאַנען אין זיין אייגענעם שאַפן, זיין פאַרלאָרנקייט און צעטומלטקייט אין די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָליוציע. עס ווערט דאָ געגעבן פון א „כאַאָטישן וועלט־צושטאַנד", דער שרייבער באַקלאָגט זיך אָף דער לאַגע אין דער יידישער דיכטונג, וועלכע האָט פריער געשעפּט אירע „עפּאָס־עלעמענטן" פונעם „רויקן מיטלשטאַנד" און האָט איצט פאַרלאָרן דעם באָדן אונטער די פיס. דאַפקע די דאַזיקע שטעלן אין בערגעלסאָנס עסיי, וועלכע בילדן קלאָל ניט דעם טאָך פון דער דאַזיקער אַרבעט, זיינען אונטערגעכאַפּט געוואָרן און אָף קאָלערליי אויפאַנים צעבלאָזן געוואָרן מיצאַד דער דאָגמאַטישער קריטיק. מ. מיזשריצקי, ד. קורלאַנד אאַ. האָבן פאַרזען דעם עצעם טאָך פון דער אַרבעט, די נייע, פּרוכטבאַרע, טאַקע פון דער רעוואָליוציאָנערער צייט באַאיינפלוסטע געדאַנקען, וועלכע זיינען געלייגט אין גרונט פונעם עסיי, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר בערגעלסאָנס ערשטע סיסטעמאַטיזירטע באַשרייבונג פון אייניקע גרונט־פּרינציפּן פון זיינע ליטעראַריש־עסטעטישע אָנשויונגען אין יענע יאָרן.

קוידעמקאָל האָט דאָ בערגעלסאָן קלאָר און דייטלעך פּראָקלאַמירט די געפילן פון טיפער אנערקענונג און באַגיטיקונג בענעגייע דער רעוואָליוציע. ער גיט זיך אָפּ א דינוועכעזשבן, אז די גרויסע איבערבויונגס־פּראָצעסן אין דער געזעלשאַפט מוזן באַגלייט ווערן מיט באַשטימטע איבערבויונגס־פּראָצעסן אויך אין דער קונסט, אז אויך דאָ מוז מען מעוואַטער זיין אָף אַלטע פאָרמען, זוכן און אויסגעפינען נייע. אָבער אין דער קונסט איז דער דאַזיקער פּראָצעס שטאַרק קאָמפּליצירט, מאַכמעס איר ספּעציפיק אלס „אימפּולס פון איבערגעלעבטע איינדרוקן", וואָס צווינגט זי האַלטן זיך בא „פאַרגליווערטע פעסטגעשטעלטע פאָרמען".

נייע קונסט־פאָרמען, — באַטאָנט בערגעלסאָן, — ווערן ניט געשאַפן אין איין טאָג גלייך נאָכדעם, ווי ס'זיינען אופגעקומען נייע געזעלשאַפטלעכע לעבנס־פאָרמען. דעריבער לאָזט זיך מערקן אין א צייט פון „שטורעם און דראַנג" א געוויסער איינרייס צווישן „דער געזעלשאַפטלעכקייט" און „דער דיכטונג". די לעצטע שטייט אָפּ פון דער ראַשיקער איבערבויונג פון דער געזעלשאַפט, ווייל „דאָס לעבן האָט נאָך ארום איר ניט געשאַפן קיין בילדער און זי, די ליניע אליין, איז צו יונג און צו נײַ, זי זאָל אָף זיך די בילדער אָנקלעפּן". דעריבער מוז די דיכטונג, זייענדיק אין מעהוס פּראָגרעסיוו און אינגאַנצן אָף דער זייט פון דער געזעלשאַפטלעכקייט, א באַשטימטע צייט זיך באַזירן אָף דער אַלטער בילדערלעכקייט, און דאָס פאַרורטיילט זי צו א באַשטימטער „איינזאַמקייט".

בערגעלסאָן רוקט ארויס צום באַהאַנדלען א גאַנצע ריי פּראָבלעמען, וועלכע זיינען אנטשטאַנען פאַר דער ליטעראַטור אין די ערשטע נאָכרעוואָליוציע־יאָרן: די פּראָבלעם פון נייעם אינהאַלט און אַלטער פאָרם, פון נאַציאָנאַלן און אוניווערסאַלן אין דער קונסט, פון דער באַציונג צו דער ליטעראַרישער מעסורע אאַ.

געוויס זיינען דאָ אין דער אַרבעט פעלערהאַפטע באַהויפּטונגען. אזא איז, צום בײַשפּיל, די דערקלערונג, אז דאָס אַנשוויגן ווערן פון א ריי, לויט בערגעלסאָנס מיינונג, „בעסטע און אָנגעזעענסטע רוסישע שרייבער" אין די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָליוציע איז פאַרבונדן בלויז דערמיט, וואָס „דער קוואַל, פון וועלכן זיי האָבן געשעפּט די ליים און ציגל, פון וועלכע זייער דיכטונג איז געבויט און געקנאָטן", זיינען מיטן אָנקום פון דער רעוואָליוציע פאַרלאָרן געגאַנגען, און די „אופגעשטעלטע געזעלשאַפט האָט לעסאַטע קיין נייע ליים און ציגל פאַר דער דיכטונג ניט געשאַפן". די סיבעס זיינען,

---

[7] מ. ליטוואַקאָוו. „אין אומרו", ב. 2, ז. 194.

[8] „וויסנשאַפט און רעוואָליוציע", נומ. 1 — 2, 1934, ז. 71.

ווי באַוווּסט, פיל טיפערע. א טייל פון די דאָזיקע שרײַבער, און ווײַט ניט דער בעסטער טייל, איז אַנשוויגן געוואָרן און נאָכדעם עמיגרירט קיין אויסלאַנד, מאַכמעס אָט די שרײַבער האָבן ניט געקענט און ניט געוואָלט אָננעמען די נײַע „געזעלשאַפט".

אָבער אינגאַנצן גענומען, לאָזט זיך שפּירן אין בערגעלסאָנס ארויסזאָגונגען א טיפער אַכרײַעס־געפיל לעגאַבע דעם שרײַבערס באַרוף, לעגאַבע דער מיסיע פון דער קונסט צו באַווירקן דעם לייענער, אָנשטעקן אים מיט דעם קינסטלערס געפילן און אידייען. דער אַווטאָר האָט זיך אינעם עסיי לאַכלוטן ניט געשטעלט קיין ציל, ווי מע האָט געפּרוּווט עס אים אָנהענגען, אָפּצורײַסן די דיכטונג פון דער געזעלשאַפטלעכקײַט, אָדער שטעלן זי העכער פון איר. ער האָט נאָר באַטאָנט די נייטיקײַט פון אן אָרגאַנישער פאַרבינדונג צווישן דער קונסט און דער געזעלשאַפטלעכקײַט און איז ארויסגעטראָטן קעגן די באַמיִונגען אופצושטעלן קינסטלעכע מעכיצעס צווישן זיי. בלויז דאַן קאָן די קונסט ווירקזאַם זײַן, ווען זי דריקט אויס דעם צײַט־גײַסט ניט מיט דער הילף פון „נאַקעטע געשרייען", נאָר מיט דער הילף פון א רײַכער אימפּולסיווער, אײַנדרוקספולער בילדערלעכקײַט, וועלכע דער עכטער קינסטלער ווייסט וויאַזוי צו שעפּן פון דער נאַציאָנאַלער און אַלמענטשלעכער דערפאַרונג פון דורעס.

אין דעם צוזאַמענהאַנג אַטאַקירט דער שרײַבער די „וואָלוועלע פוטוריסטן", וועלכע רעקלאַמירן זיך אלס די איינציקע שעפער פון דער הײַנטצײַטיקער און צוקינפטיקער דיכטונג, זײַנען זיך „מעיאַכעס פאַר דער שוועסטער פון דער נײַער געזעלשאַפטלעכקײַט" און מעלדן מיט טומל און טראַסק, אז זיי „בייטיקן זיך ניט ניט אין אַלטער בילדערלעכקײַט, ניט אין גאַנצקײַט פון פאָרם", דעריבער וואַרפן זיי אָפּ די קלאַסישע ירושע. דאָוויד בערגעלסאָן צווייפלט ניט, אז „דער פוטוריזם איז צופיל „אינטעליגענטישער לובאָק", ער זאָל קאָנען באַהערשן די מאַסן". די דאָזיקע ריכטונג שטעלט מיט זיך פאָר אן איבערגייענדיקע דערשײַנונג, פונקט ווי די „נאַקעטע לייניעס" און די „אַבסטראַקטע ריטאָריק", וועלכע זײַנען אופגעקומען ווי שוים אף די שטורמישע וועלן פון דער רעוואָליוציע־צײַט. און האַגאַם דעם שרײַבער שרעקט אָפּ דער געדאַנק, אז די דיכטונג וועט נאָך לאַנג זײַן „איינזאַם", זעט ער פאָר די ווידעראופבליִונג פון דער קונסט אין דער צוקונפט.

דאָס געזאָגטע נעמט ניט אַראָפּ דעם געוויסן שטעמפּל פון פאַרלאָרנקײַט, וואָס לאָזט זיך מערקן אין באַזונדערע שטעלן פון דער דאָזיקער אַרבעט און געפינט איר אויסדרוק אינעם היפּערטראָפירטן געפיל פון „איינזאַמקײַט", אין דער פאַרביטערונג, מיט וועלכער ס׳ווערט גערעדט וועגן דער קריטיק, וועלכע איז ערטערווײַז אופגעפּאַסט אלס די אָפּיציעלע ליטעראַרישע פּאָליטיק פון דער „נײַער געזעלשאַפטלעכקײַט".

אין 1921 יאָר איז בערגעלסאָן ארויסגעפאָרן קיין אויסלאַנד. ער האָט זיך באַזעצט אין בערלין און צוזאַמען מיט דעם ניסטער גענומען מיטאַרבעטן אינעם זשורנאַל „מילגרוים".

פאַרגלײַכנדיק דעם מאָסקווער זשורנאַל „שטראָם" מיטן בערלינער „מילגרוים", האָט מ. ליטוואַקאָוו געשריבן: „אין איין זשורנאַל „שטראָמט", הערשט אומרו, צאַפּלט דער גײַסט פון זוכענישן און מערידעס, אין צווייטן — זעלבסטצופרידענע באַלעבעסלדיקײַט, ייִדישלעכער שעמענזאַיִס און... אומבאַגרענעצטע באַנאַלישקײַט"[9].

די אלע דרײַ ארויסגערעכנטע „מײַלעס" פונעם „מילגרוים" האָבן פון סאַמע אָנהייב געמוזט בארענגען דערצו, אז ד. בערגעלסאָנס „שידעך" מיט אים איז געווען אף קורצע יאָר. דער שרײַבער האָט זיך אָנגעשלאָסן צום „מילגרוים", האָפנדיק, אז דאָ וועט ער קענען פאַרווירקלעכן זײַנע ליטעראַריש־עסטעטישע אידעאַלן. אָבער שטרעבנדיק צו נאַציאָנאַלער ייִדישער קונסט, וואָס איז באַזירט אף דער רײַכער קינסטלערישער טראַדיציע, האָט ער קיינמאָל ניט ראָמאַנטיזירט דעם אַלט־ייִדישלעכן לעבנשטייגער און קיינמאָל ניט גערופן „צוריק אין שול ארײַן". ער האָט זיך קריטיש באַצויגן צו די פּרוּוון פון א ריי שרײַבער אײַנצוהילן דאָס אַלטערטימלעך־פּאַטריאַרכאַלע שטעטל אין א שלייער פון אידילישער ראָמאַנטישקײַט. „געלייענט דאַן אַשס „שטעטל", — האָט בערגעלסאָן דערציילט אין זײַנע זיכרוינעס, — שטאַרק געפעלן געוואָרן, ס׳האָט אָבער געשטערט דער בײַטאַם פון אידעאַליזאַציע, דער נאַיִוו־אידילישער טאָן"[10]. פון די ערשטע שעפערישע טריט האָט דער שרײַבער ארויסגעוויזן א שאַרף קריטישע שטעלונג לעגאַבע דעם אַלטשטעטלשן רעליגיִעזן לעבנסשטייגער, זײַנע זיטן און מינהאָגים. מיט דער גרויסער קראַפט פון א קינסטלער — א רעאַליסט האָט ער אונטערגעגראָבן דעם לעבנס־באָדן פון דער רעליגיִעזער טראַדיציע און אירע טרעגער — די קלייקודעש. נאַטירלעך, עס האָט אים ניט געקאָנט זײַן צום האַרצן דער „ייִדישלעכער שעמענזאַיִס", מיט וועלכן ס׳איז געווען אָנגעפילט דער „מילגרוים". ניט ווייניקער פריקרע איז אים געווען די „זעלבסטצופרידענע באַלעבעסלדיקײַט" און „באַנאַלישקײַט", קעגן וועלכע ער האָט ניט איין מאָל געריכטעט זײַנע סאַטירישע פײַלן. גאָר גיך איז קלאָר געוואָרן, אז דאָ, אינעם „מילגרוים", אין וועלכן ער האָט געזאָלט רעדאַגירן דעם ליטעראַרישן אָפּטייל, זעט ער אויס ווי א „ווײַסע קראָ".

אינעם ערשטן נומער פון „מילגרוים", דעם איינציקן, אין וועלכן ער האָט אָנטיילגענומען, האָט בערגעלסאָן אָפּגעדרוקט זײַן „ערעוו קיסלעוו תרע"ט", אין וועלכן ער האָט איבערגעגעבן דעם גרויל פון די ניט לאַנג איבערגעלעבטע פּאָגראָמען אין אוקראַיִנע, און דעם ליטעראַריש־קריטישן עסיי „דער געשעענער אופבראָך" — אן עסיי, וואָס האָט זיך ראַדיקאַל אונטערשיידט פון די אַנדערע מאַטעריאַלן, וועלכע האָבן זיך געדרוקט אין „מילגרוים". ניט אומזיסט האָט דער קינסטלער י. טשײַקאָוו אין זײַן רעצענזיע אף דעם דאָזיקן נומער, אין וועלכער ער האָט שאַרף קריטיקירט דעם גײַסט פון „אַלטפרענקישקײַט" און „בעסמעדרעשדיקער ייִדישקײַט", וואָס הערשט אין „מילגרוים", אָנגעוויזן:

„דאָס לעבעדיקע שיינע ווינקל פון דער בעלעטרי־

[9] מ. ליטוואַקאָוו. אין אומרו. ב. 2, ז. 100.

[10] „וויסנשאַפט און רעוואָליוציע", נום. 1—2, 1934, .. 70.

סטיק און פּאָעזיע, ווו ס'אָטעמט די מיַסטעריש יידיש־קינסטלערישע ווירקלעכקייַט פון די אונדזערדי־קע בערגעלסאָן, ניסטער, קוויטקאָ, קולבאַק — באַ־קרוינט מיט בערגעלסאָנס אַרטיקל וועגן דעם „גע־שעענעם אופבראָך", — האָט אַהער אַף די זייַטלעך פון „מילגרוים" צופעליק פאַרבלאָנדזשעט"[11].

בערגעלסאָן האָט פאַרהיט זייַנע פאַרבינדונגען מיט דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור. זייַן עסיי אין „מילגרוים" האָט זיך מער איבערגערופן מיט די ליטעראַרישע מאַטעריאַלן, וואָס האָבן זיך גע־דרוקט אין „שטראָם", ווי מיט דעם, וואָס האָט זיך געדרוקט אין „מילגרוים". וועגן בערגעלסאָנען האָט מען געקענט זאָגן דאָס זעלבע, וואָס מ. ליטוואַקאָוו האָט געשריבן וועגן „שטראָם": „וווּהין ער וויל יאָ— איז שווער צו זאָגן, דערפאַר איז קלאָר, וווּהין ער וויל ניט. ער וויל ניט צוריק, ער זוכט וועגן, ווי צו אַנטלויפן פונעם אַלטוואַרג, פונעם אַלטן באַרג שיימעס, סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע און קולטורעלע שיי־מעס".

אין וואָס שטעקט, לויט בערגעלסאָנען, די קראַפט פון דער נייַער יידישער סאָוועטישער דיכטונג, מיט וואָס האָט זי פאַרדינט אַזויפיל אַכט און אופמערק־זאַמקייַט?

די יונגע סאָוועטישע דיכטער פאַרנעמען זיך ניט מיט יעכידישער נעשאָמע־גריבלערייַ, וואָס איז אַזוי געווען אין דער מאָדע בא די „יונגע" אין אויסלאַנד. בערגעלסאָנען געפעלט בא די אָנהייבער פון דער סאָוועטישער יידישער דיכטונג זייער אינערלעכער אומרו, זייער דראַנג צו שטורעם, די שטענדיקע גרייטקייַט צו ברעכן צוימען, צו בויען נייַע וועלטן און באַטרעטן נייַע ניט געמעסטענע וועגן.

דער בעסטער באַווייַז, ווי ראַדיקאַל ד. בערגעל־סאָן האָט זיך אין זייַנע אָנשווייַגען אונטערשיידט פון די אידעאָלאָגן פונעם „מילגרוים" און פון אַ ריי שרייַבער און קריטיקער, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט אים עמיגרירט קיין אויסלאַנד (צום בייַשפּיל, טשע־ריקאָווער, לאַצקי (בערטאָלדי), באַלמאַכשאָוועס), איז דאָס אַרטיקל „דער רעוואָלוציאָנערער גייַסט", וואָס דער שרייַבער האָט אין 1922 פאַרעפנטלעכט אין דער מינסקער זאַמלונג, געווידמעט דעם 7־טן יאָרצייַט פון י.־ל. פּערעצן. אין אָט דעם עסיי ווערט פאַקטיש דעמאָנסטרירט דער אייַנרייַס מיט דעם „יידישלעכן שעמענזאָיס" פונעם „מילגרוים", מיט דער הערשנ־דיקער אין די קאָנסערוואַטיוו־רעאַקציאָנערע בורזשו־אַזע קרייַזן אין אויסלאַנד רעליגיעז־יידישלעכער אידעאָלאָגיע. דער שרייַבער פּאָלעמיזירט מיט דער פאַרשפּרייטער אין דער בורזשואַזער יידישער קרי־טיק אין אויסלאַנד טענדענץ צו טראַקטירן י.־ל. פּע־רעצן, דעם מעכאַבער פון „כסידיש" און „פאָלקס־טימלעכע געשיכטן", אַלס דעם אַפּאָלאָגעט פון דער „כאַכמאַס האַיאַהאַדוס" און פון נאַציאָנאַל־רעליגיעזע „אייביקע" ווערטן.

„ס'איז אַ גרויסער טאָעס פון די, וואָס מיינען, — שרייַבט ד. בערגעלסאָן, — אַז פּערעץ איז געווען ניט מער ווי אַן איבערדיכטער פון דער אַלטער כסי־דיש־היִמלישער היימישקייַט און איז אויסן געווען זי צו באַזינגען. אַדרעבאַ, פּערעץ האָט טאָמיד סעקו־לאַריזירט די כסידישע בילדערלעכקייַט, קעדיי זי אונטערצוגראָבן, אוועקהאַרגענען איר „קערן־האַיע־סאָד" און רופן דעם מענטשן צו פּראָטעסט... ס'איז דערום אויך אַ טאָעס צו מיינען, אַז פּערעצעס אַט־מאָספער איז באַשטאַנען דורכויס פון הימלשן זעפיר און איז געלעגן העכער און אויסער דער ערדס ווייַ־טעקן: קיינער פון די יידישע שרייַבער האָט עפּשער ניט געהאַט צו טאָן מיט אַזויפיל ריין־ערדישע גייַ־סטיקע פּראָבלעמען, ווי אָט דער אומרויִקער גייַסט — פּערעץ"[12].

ד. בערגעלסאָן האָט אונטערגעשטראָכן דעם סאָ־ציאַלן מעהוס פון פּערעצעס שאַפונג, אַקצענטירט זייַן דעמאָקראַטישקייַט, זייַן טיפן מיטגעפיל צו דער לייַדנדיקער און אונטערדריקטער מענטשהייַט. ער האָט אויסגעטיילט אין דעם פּערעץ־געשטאַלט „דעם קעמפער פאַר מענטשלעך גליק און אָפּטמאַל — אַפילע פאַר אַ פּאָשעטן מענטשלעכן ווילשטאַנד".

האַגאַם בערגעלסאָן האָט אייַנגעריסן מיטן „מיל־גרוים" און האָט אָנגעהאַלטן פאַרבינדונגען מיט דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור, האָט ער דאָך זיך דאַן ניט אומגעקערט קיין ראַטנפאַרבאַנד. אין די גע־צייַלטע אַרטיקלען וועגן פראַגן פון קונסט און ליטע־ראַטור, וועלכע ער האָט אָפּגעדרוקט אין „פאָר־ווערטס", לאָזט זיך מערקן דער אייַנפלוס פון דער „זומפּיקער" אַטמאָספער, אין וועלכער ער איז אַרייַנ־געפאַלן. אַזוי, צום בייַשפּיל, איז ער צוגעשטאַנען צו דער „איבערשאַצונג"־אַקציע לעגאַבע מענדעלען, וועלכע ס'האָט אונטערגענומען אינעם „פאָרווערטס" דער רעדאַקטאָר אייב קאַהאַן.

ד. בערגעלסאָן פאַרעפנטלעכט אין „פאָרווערטס" אַן אַרטיקל „ווי־אַזוי מע קען דערקענען אַ גוטן לי־טעראַרישן בוך", ווו ער באַמיט זיך, פולשטענדיק אין גייַסט פון אייב קאַהאַנס אַנטימענדעלע־אַרטיק־לען, צו דערווייַזן, אַז בא אַלע זייַנע גרויסע מייַלעס, אַנטשפּרעכט ניט מענדעלע די פאָדערונגען, וועלכע ווערן געשטעלט פאַר הויכער קונסט.

מע דאַרף אָפּמערקן, אַז בערגעלסאָן האָט אַף די זייַטן פונעם „פאָרווערטס" ווייניק זיך פאַרנומען מיט ליטעראַריש־עסטעטישע פּראָבלעמען. ער האָט דערדי־קער געדרוקט דאָרט מאַטעריאַלן וועגן די נעסיִעס, וואָס ער האָט אין די אינטערעסן פון דער געזעל־שאַפט „אָרט" דורכגעמאַכט איבער רומעניע, מערסטנס איבער די יישוווים פון בעסאַראַביע און בוקאָווינע, וועלכע רומעניע האָט דעמלט געהאַט אַנעקסירט. אין די נאָטיצן האָט דער שרייַבער גע־געבן אַ רעאַליסטיש בילד פון דעם שווערן גורל פון די ברייטע יידישע מאַסן אין די באַדינגונגען פונעם שאַרפן עקאָנאָמישן קריזיס, וואָס האָט אַרומ־געכאַפּט גאַנץ מיזרעך־אייראָפּע. די דאָזיקע רייַזעס, ווי אויך אַנדערע (איבער די באַלטישע לענדער, פּוילן, דענעמאַרק, דייַטשלאַנד, צאָפּן־אַמעריקע), האָבן פיל מיטגעווירקט דער אידייִשער עוואָלוציע פונעם שרייַבער. פאַר זייַנע אויגן האָבן זיך אין זייער גאַנ־צער שווידערלעכקייַט אַנטפּלעקט די גרויזאַמע פאָלגן פונעם קריזיס פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. ס'איז אין דער גאַנצער ברייט און טיף אַנטשטאַנען

---

[11] „שטראָם", נומ. 3, 1922, ז. 79.

[12] זאַמלונג „י.־ל. פּערעץ". צום 7־טן יאָרצייַט. מינסק, 1922, ז. 10.

דאָס שרעקלעכע בילד פון דעמאָראַליזאַציע, פאַלשקייט און פאַרורטיילטקייט פון דער בורזשואַזער קולטור. א גוואַלדיקן קאָנטראַסט צו דעם אַלעמען האָבן געבילדעט די גרויסע איבערבויונגס־פּראָצעסן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, דער אויפבלי פון דער סאָציאַליסטישער קולטור, בעסוכעם פון דער ייִדישער קונסט און ליטעראַטור. אין שײַן פונעם געזעענעם און איבערגעלעבטן איז בערגעלסאָנען אַלץ מער גערוואָרן דערווידער דער אַנטיסאָוועטישער קורס, וועלכן ס׳האָט דאַן אָנגענומען דער „פאָרווערטס“. נאָך א רײַ העפטיקע שטרײַטן מיט אייב קאַהאַנען, וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן אין זײַן צײַטונג בערגעלסאָנס ווערק אויף סאָוועטישער טעמאַטיק, אַזוינע ווי „הערשל טאָקער“ און „מידאַס הדין“, האָט דער שרײַבער פאַרלאָזן דעם „פאָרווערטס“ און איז איבערגעגאַנגען אין דער קאָמוניסטישער „פרײַהײַט“.

עס הייבט זיך אָן א נײַער עטאַפּ אין בערגעלסאָנס שאַפן. די אָריענטאַציע אויפן סאָוועטנפאַרבאַנד העלפט אים זיך אַרויסראַטעווען פונעם שעפערישן קריזיס. צוזאַמען מיט א. כאַשינען הייבט ער אָן אין 1926 אַרויסצוגעבן דעם זשורנאַל „אין שפּאַן“.

דער זשורנאַל „אין שפּאַן“ האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט איינע פון די מער פּראָגרעסיווע דערשײַנונגען אין דער ייִדישער ליטעראַטור אין אויסלאַנד. די רעדאַקציע פון „אין שפּאַן“ האָט געהאַלטן, אַז „פאַר דעם ייִדישן אַרבעטער, וואָס האָט געשאַפן און שאַפט די ייִדישע קולטור, איז שוין געקומען די צײַט איבערצונעמען אין זײַנע אייגענע הענט די אָנפירונג מיט דער ייִדישער קולטור און זי באַפרײַען פון דער אַפּעטראָפּסעס מיצד אַלערליי בירגערלעכע באַלעבאַטים און אַסקאָנים, וואָס שלאָגן פון איר קאַפּיטאַל פאַר זייערע געלע פּרעסע־געשעפטן און טראָגן אין איר אַרײַן זייער כאַאָס“[13]. אַרויסגייענדיק פון דעם, האָט זיך דער זשורנאַל געשטעלט אַלס ציל: „באַלײַכטן די קולטור־פּראָבלעמען פון דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט ניט אין גײַסט פון דער ייִדישער געטאָ, נאָר אין איינקלאַנג מיט די פּראָבלעמען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג“.

אין די אַרטיקלען, וועלכע ד. בערגעלסאָן האָט פאַרעפנטלעכט אינעם זשורנאַל, זעט זיך בולעט אַרויס דער גרויסער פאָרשריט, וואָס עס האָט דורכגעמאַכט זײַן וועלט־אָנשויונג. אין עסיי „דרײַ צענטרען“ גיט ער אַן אַנאַליז פון דעם צושטאַנד פון דער ייִדישער ליטעראַטור־אַנטוויקלונג אין די דרײַ וויכטיקסטע ייִדישע קולטור־צענטרען: אַמעריקע, פּוילן און דער ראַטנפאַרבאַנד. אויפן סמך פון יאָרנלאַנגע באַאָבאַכטונגען איבער דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע קומט ער צום אויספיר, אַז דער איינציקער פאַרבינדעטער איר־ער אין דעם דאָזיקן לאַנד איז דער ייִדישער אַרבעטער, וועמענס קאַמף פאַר דער ייִדישער שפּראַך און קולטור איז פאַרבונדן מיט דעם אַלגעמיינעם קאַמף.

איבערגייענדיק צו פּוילן, מערקט בערגעלסאָן אָפּ, אַז די ייִדישע אַרבעטערשאַפט איז דאָ ניט גענוג באַוווּסטזיניק און אײנהײַטלעך. א טייל ווערט שטאַרק באַאײַנפלוסט פון דער קאָנסערוואַטיווער, אָרטאָדאָקסאַל געשטימטער קלייןבירגערלעכער מאַסע, וועלכע בילדעט דאָ די מערהײַט. די דאָזיקע מאַסע איז ניט מסוגל צו זײַן א קולטור־שאַפנדיקער פאַקטאָר. אין דער פּרוכטלאָזער סוויווע „שעפּן זיך גיך אויס און ווערן אײַנגעדאַרט אַזוינע קרעפטיקע טאַלאַנטן, ווי ווײַסנבערג, און פאַר אַזעלכע מערקווירדיקע טאַלאַנטן, ווי ש. אַש, בלײַבט אָדער אייביק איבערצוקײַען זיך אַליין, אָדער קערן זיך מיטן פּנים צו אַזאַ לעבן, וואָס איז פרעמד זײַנע קינסטלערישע מעגלעכקײַטן“.

אין קעגנזאַץ צו פּוילן האַלט דער אויפלעבנדיקער ייִדישער צענטער אין רוסלאַנד אין סאַמע ברען פון זײַן עקאָנאָמישער און גײַסטיקער איבערבויונג. בלויז דאָ איז געלונגען דעם בעסטן טייל פון דער ייִדישער אינטעליגענץ אַרײַנצוטרעטן אין א נאָענטער מאַמאָשעסדיקער פאַרבינדונג מיט די ייִדישע מאַסן, זיך באַהעפטן מיט זיי דורך קאָנסטרוקטיווער אויפבויאַרבעט און אָנפירן מיט די פאָרגענומענע צווישן זיי פּראָדוקטיוויזאַציע־פּראָצעסן.

דער אײַנרײַס צווישן „דיכטונג“ און „געזעלשאַפטלעכקײַט“, וואָס האָט בערגעלסאָנען געשראָקן בײַס דעם אָנהייב פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, איז איצט פאַר אים קיין פּראָבלעם ניט. די ייִדישע ליטעראַטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד דערשײַנט פאַרן שרײַבער, ווי א מוסטער פון אָרגאַנישער פאַרבינדונג פון דער נײַער דיכטונג מיט דער נײַער געזעלשאַפטלעכקײַט.

דער אַלזײַטיקער אַנאַליז פון דער ליטעראַטור־אַנטוויקלונג אין די דרײַ ייִדישע קולטור־צענטרען האָט בערגעלסאָנען געבראַכט צום אויספיר, אַז די צוקונפט פון דער ייִדישער קונסט איז פאַרבונדן מיט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

אינעם עסיי „דרײַ צענטרען“ איז ווי מיט א רויטן פאָדעם אַדורך דער געדאַנק, וואָס וועט ווערן איינע פון די וויכטיקסטע ריכטליניעס פון בערגעלסאָנס ליטעראַריש־עסטעטישער פּראָגראַם: נאָר יענע ליטעראַטור איז פרוכטבאַר און פאַרמאָגט א צוקונפט, וועלכע איז ענג פאַרבונדן מיטן לעבן, ווערט פונעם לעבן באַווירקט און איז פון איר זײַט אויפן לעבן משפּיע.

וועגן דער ליטעראַטור אַלס ווירקנדיקן פאַקטאָר, וועגן איר גרויסער סאָציאַלער און געזעלשאַפטלעכער ראָל האָט זיך דאָוויד בערגעלסאָן באַזונדערס ברייט און דײַטלעך אַרויסגעזאָגט אין זײַן צווייטער ליטעראַריש־קריטישער אַרבעט, וואָס האָט זיך געדרוקט אין זשורנאַל „אין שפּאַן“, — אין דער רעצענזיע אויפן באַנד „שריפטן“, וועלכן ס׳האָט אַרויסגעגעבן די גרופּע אַמעריקאַנער ייִדישע שרײַבער אונטערן נאָמען „יונגע“.

ווי באַוווּסט, האָבן די „יונגע“, אַלס צייכן פון פּראָטעסט קעגן ליטעראַרישע קאַנאָנען, זיך פּרינציפּיעל אָפּגעזאָגט פון יעטווידער שײַכעס צו סאָציאַלער פּראָבלעמאַטיק, צו אידייִשקײַט און זיך געלאָזט פאַרטיפן אין יעכידישער נעשאָמע־גריבלערײַ, אין פאָרמאַליסטישן קולט פון וואָרט.

ד. בערגעלסאָן קריטיקירט דעם עסטעטיזם און די פאָרמאַליסטישע קונץ־שטיק פון די „יונגע“, זייער

[13] „אין שפּאַן“, נומ. 2, 1926. באַמערקונגען פון רעדאַקציע.

גלײַכגילט צום לעבן און צו די סאָציאַלע קאָנפליקטן פון זייער צײַט: „ווערטער זײַנען געגעבן געוואָרן אַף צו צעקריגן זיך, אַף שאָלעם ווערן, אַף אונטערצוהעלפן אָדער אַף שטערן איינער דעם אנדערן, אָבער ניט אַף שפילן זיך מיט זיי"[14].

די קונסט דאַרף דינען דעם פאָלק, די ברייטע ארבעטנדיקע מאסן, זי דאַרף זיי העלפן אין קאַמף קעגן די „אָנגעווייטעקטע צווישנמענטשלעכע באַציִונגען", אין זייער געראנגל פאַר א מער גערעכטן מענטשלעכן צוזאַמענלעבן — אַזאַ איז איצט בערגעלסאָנס עסטעטישער אני־מאַמין.

די רעצענזיע אַף די „שריפטן", וועלכע איז געווען איבערגעדרוקט אויך אין דער „פרײַהײַט", האָט ארויסגערופן א שאַרפע רעאקציע מיצאַד די „קונסט לעשעם קונסט"־פריידיקער. „בערגעלסאָן וויל פונעם ייִדישן קינסטלער צײַט־קונסט, פּאַרטיי־קונסט, נוץ־קונסט... — האָט געשריבן דער קריטיקער ל. קעסנער, — בערגעלסאָן וויל אקטועלע קונסט, סאָציאַל־פראָבלעמאַטישע קונסט, ער וויל, אַז דער קינסטלער זאָל „גיין אין פאָלק", שרײַען מיט דער מאַסע, „רעווען מיט די וועלף". קאָן א קינסטלער דאַוונען בעציבור? קאָן ער אויסגיסן זײַן האַרץ פאַר זײַן גאָט, שטייענדיק אין קראָם און ריידנדיק מיט קוינים וועגן ברויט און ציבעלעס? א קינסטלער קאָן נאָר אופכאַפּן דעם אָפּקלאַנג פון א צײַט און פאַרייביקן דאָס, וואָס איז אין דער דאָזיקער צײַט אייביק און צײַטלאָז"[15].

זײַן ליטעראַריש־עסטעטישע פּראָגראַם האָט דאָוויד בערגעלסאָן פּראַקטיש פאַרווירקלעכט אין זײַן קינסטלערישער און פּובליציסטישער טעטיקײַט אַלס אַקטיווער מיטאַרבעטער פון דער קאָמוניסטישער „פרײַהײַט" (שפּעטער „מאָרגן־פרײַהײַט"). ער האָט דאָ געדרוקט דעם ראָמאַן „מידאַס האַדין", קאַפּיטלען פון „באַם דניעפּער" („פּענעק"), די נאָוועלן „הערשל טאָקער", „באַם טעלעפאָן", „דער באַריטאָן", „בירגער וואַלי ברענער", א ריי גלענצנדיקע פּאַמפלעטן, ליטעראַריש־קריטישע עסייען, אין וועלכע ער איז שאַרף ארויסגעטראָטן קעגן דער רעאַקציע און האָט הייס און ענערגיש פּראָפּאַגאַנדירט די דערגרייכונגען פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

פון דעקאַבער 1928 ביזן סאָף מײַ 1929 האָט בערגעלסאָן, לויט דער איניציִאַטיוו פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט „איקאָר" און פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט", דורכגעמאַכט א רײַזע איבער א ריי שטעט פון צפון־אַמעריקע: ניו־יאָרק, באָסטאָן, קליוולענד, דעטראָיט, טשיקאַגאָ. אַף פיל אָוונטן איז ער ארויסגעטראָטן מיט פאָרטראָגן אַף די טעמעס: „דער ייִד אין סאָוועטנפאַרבאַנד אַמאָל און הײַנט", „א רײַזע איבער די ייִדישע קאָלאָניעס אין ראַטנפאַרבאַנד", „דרײַ קולטורעלע צענטערן — מאָסקווע, וואַרשע און ניו־יאָרק", „דאָס נײַע ייִדישע לעבן און די נײַע ייִדישע ליטעראַטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד" אאַ. אין מעשעך פון זעקס כאַדאָשים האָט ער אין אַמעריקע אומדערמידלעך אויסגעפּילט די פרײַוויליק אַף זיך ארופגעלייגטע מיסיע פון א מין „פאָלפרעד" פון דער סאָוועטישער ייִדישער קולטור אין אויסלאַנד. אין א צײַט פון שווערן קאַמף אַף אַלע פראָנטן, אײַנשליסנדיק דעם קולטור־פראָנט, האָט ער, לויט זײַן אייגענער פאָרמולירונג, אַף דעם געזעגענונגס־אָוונט אין ניו־יאָרק „געפּלאַנצט אין די מויכעס און הערצער פון די ייִדישע ארבעטער" די אידייען פון דער סאָוועטנמאַכט, „אירע דערגרייכונגען, איר גרויסן וועלט־פאַרנעם".

„איך גלייב, — האָט ד. בערגעלסאָן געזאָגט אין זײַן אָפּשייד־רעדע, — אַז איך וועל אויסדריקן אײַער אַלעמענס ווונטש, ווען, געזעגענענדיק זיך מיט אײַך, וועל איך זאָגן צו אַלע סאָנים פונעם ראַטנפאַרבאַנד: „...מיט פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז די ייִדישע רעוואָליוציאָנערע ארבעטער זײַנען סאָנים פון נאַציִאָנאַלע קולטור־אוצרעס, וועט זיך אײַך ניט אײַנגעבן אָפּצושטעלן דעם גרויסן שווערן קאַמף, וואָס פירט אונדז צו א נײַעם געלײַטערטן לעבן, צו א קלאַסנלאָזער יאָמטעוודיק שאַפנדיקער געזעלשאַפט"[16].

העכער צען יאָר איז דאָוויד בערגעלסאָן געווען אין אויסלאַנד, ער האָט אָבער אַף קיין איין ווײַלע ניט אָפּגעווענדט דעם בליק פון זײַן היימלאַנד. וואָס מער ער האָט זיך באַקאַנט מיט דעם לעבן אין אויסלאַנד, וואָס טיפער ער האָט דערלערנט די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן און די קולטור אין די לענדער, וועלכע ער האָט באַזוכט, אַלץ מער זײַנען געשטיגן זײַנע סימפּאַטיעס צו דער גרויסער באָלשעוויסטישער רעוואָליוציע און צו דעם ראַטנפאַרבאַנד.

אין 1934 האָט זיך דאָוויד בערגעלסאָן אומגעקערט אין ראַטנפאַרבאַנד און אַף שטענדיק זיך באַזעצט אין מאָסקווע. איבער די פּראָבלעמען פון דער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָט ער זיך ארויסגעזאָגט אינעם זעלבן יאָר אַפן ערשטן אַלפאַרבאַנדישן שרײַבער־צוזאַמענפאָר. איינע פון די מאַסקאָנעס, צו וועלכע ער איז געקומען נאָך יאָרנלאַנגע באַאָבאַכטונגען און אויספאָרשונגען, איז געווען: „עס וועט ניט זײַן איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז די סאָוועטישע ליטעראַטור איז באַ הײַנטיקן טאָג די אָנפירנדיקע ליטעראַטור פון דער גאַנצער וועלט, ווײַל זי באַאײַנפלוסט פאָרמעל און אידייִש די בעסטע אויסלענדישע מײַסטערס".

אַנערקענענדיק די נייטיקײַט און וויכטיקײַט פון קריטישן באַהערשן די אוצרעס פון דער קלאַסישער ירושע, האָט ד. בערגעלסאָן געהאַלטן פאַר נייטיק צו אַקצענטירן, אַז פאַרן סאָוועטישן שרײַבער איז ניט גענוג איבערצונעמען די טעכנישע דערגרייכונגען פון דער קלאַסישער ליטעראַטור, פון אים פאָדערט זיך נאָוואַטאָרישקײַט אין שאַפן נײַע טעכנישע מיטלען, קעדיי זיך ספּראַווען מיט די גראַנדיִעזע אויפגאַבן, וועלכע ס'שטעלט פאַר אים די סאָוועטישעווירקלעכקײַט.

אייניקע געדאַנקען פון זײַן רעדע אַפן שרײַבער־צוזאַמענפאָר האָט ד. בערגעלסאָן דעטאַליזירט און ברייטער באַהאַנדלט אין א ריי אַרטיקלען וועגן פראַגן פון ליטעראַטור און קונסט, וועלכע ער האָט פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע סאָוועטישע ייִדישע

[14] דאָרט, ז. 162.

[15] „אונדזער בוך", ניו־יאָרק, מײַ — יוני 1926, זז. 155—156.

[16] „פרײַהײַט", 17 מיי 1929, ז. 3.

פעריאָדישע אויסגאַבעס. דער פּראָבלעם פון טראַדיציע און נאָוואַטאָרישקײַט האָט ער געווידמעט, לעמאָשל, די פאָרשערישע אַרבעט „לעקסיק־פּראָבלעמען אין דער ייִדישער ליטעראַטור" (זשורנאַל „פאָרפּאָסט", נומ. 2, 1937).

אין דער צווייטער העלפט פון די דרײַסיקער און אין די פערציקער יאָרן, ווען דער שרײַבער האָט געאַרבעט איבערן „באַם דניעפּער", איבער די ווערק וועגן ביראָבידזשאַן און איבער די מילכאָמע־דערציילונגען און איז געקומען אין אַן ענגערן, אינטימערן שעפערישן קאָנטאַקט מיט די קלאַסיקער, איז אויסגעוואַקסן זײַן אָפּשײַ פאַר דער קלאַסישער מעסוירע, באַזונדערס פאַר דער יערושע פון מענדעלען און שאָלעם־אַלייכעמען, וועלכע איז פון אים פריִער ניט דערשאַצט געוואָרן און האָט זיך ערשט איצט פאַר אים אַנטפּלעקט אין איר גאַנצער פּראַכט. טאַקע אין די יאָרן ווערט אין בערגעלסאָנס שאַפן אַפּן פרוכטבאַרסטן אויפן קריטיש באַהערשט און אויסגענוצט די מענדעלע־ און שאָלעם־אַלייכעם־טראַדיציע.

אין 1939 האָט בערגעלסאָן פאַרעפנטלעכט אַן אַרבעט וועגן שאָלעם־אַלייכעמען, וועלכע איז אין טאָך געווען זײַן ערשטע ברייטערע אָפּהאַנדלונג פונעם שאַפן פון אונדזער גרויסן פאָלקס־שרײַבער. בערגעלסאָן האָט דאָ באַטאָנט דאָס איקערדיקע אין שאָלעם־אַלייכעמס שעפערישן מעטאָד: די אָרגאַנישע פאַר אים טרײַסקײַט דער ווירקלעכקײַט: „שווער צו געפינען נאָך אַ שרײַבער, וואָס האָט אין זײַנע ווערק אַזוי ווייניק אויסגעטראַכט און אַזוי ווייניק צוגעטראַכט, ווי שאָלעם־אַלייכעם".

בערגעלסאָנען איז צום האַרצן שאָלעם־אַלייכעמס דעמאָקראַטישקײַט, דער סאָציאַלער הומאַניזם פון זײַן שאַפן, זײַן „רעוואָליוציאָנערער רעאַליזם".

ער גיט אָריגינעלע און טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיקעס פון שאָלעם־אַלייכעמס וויכטיקסטע געשטאַלטן. אינטערעסאַנט איז די פּאַראַלעל צווישן טעוויע דעם מילכיקן און דעם ביבלישן איִעוו. דעם רײַכן איִעוון פון דער ביבל, באַמערקט בערגעלסאָן, האָט באַליידיקט „גאָט", דעם האָרעפּאַשנעם טעוויען פונעם צאַרישן טכום באַליידיקן מענטשן מיט דער צאַרישער אָרדענונג אין דער שפּיץ. „טעוויע דער מילכיקער" רופט זיך איבער מיט דעם מײַסעדיקן טייל פון דער ביבלישער טראַגעדיע „איִעוו" און גיסט זיך דאָך ניט אויס אין קיין טראַגעדיע, נאָר אין אַ רוף צו פּראָטעסט קעגן געשאַפענע אומגערעכטיקײַטן, וואָס שטערן דעם אַרבעטנדיקן מענטשן צו לעבן אויף דער וועלט. דער שרײַבער באַטאָנט דעם אָפּטימיסטישן מעהוס פונעם טעוויע־געשטאַלט: „אַ מאָנומענט פול מיט שטאָלצער האָפערדיקײַט פונעם פאָלקס־מענטשן, וואָס וועט קיינמאָל זײַן הומאַנישקײַט ניט אויפגעבן און אין קיין פאַרצווייפלונג ניט אַרײַנפאַלן".

ד. בערגעלסאָן דעקט אויף דעם סאָד פון דער גוואַלדיקער סאָציאַלער און געזעלשאַפטלעכער ווירקזאַמקײַט פון שאָלעם־אַלייכעמס שאַפן: „באַנוצנדיק זיך מיטן עכטן רעוואָליוציאָנערן רעאַליזם, מיט הומאָר, סאַטירע און געלײַטערטן קלוגן פאָלקלאָר, האָט שאָלעם־אַלייכעמס קונסט קיינמאָל ניט דיסקוטירט, זיך ניט געהיצט און זיך ניט געאײַלט — זי איז גע־
פלאָסן מיט דער גלײַכמעסיקײַט פון אַ קרישטאָלריינעם באַרג־קוואַל און האָט שטענדיק באַזיגט און איבערצײַגט".

אין די יאָרן, ווען ד. בערגעלסאָן האָט זיך שטאַרק דערנענטערט צו די מאַסן, איז טיפער אַרײַנגעדרונגען אין זייער סוויווע און אין זייער לעבנסשטייגער, ווען ער איז אַליין דאָרשטיק צוגעפאַלן צו די רײַכע קוואַלן פון פאָלקס־שאַפן און פאָלקס־כאָכמע, איז אים באַזונדערס נאָענט געוואָרן שאָלעם־אַלייכעמס פאָלקסטימלעכקײַט, וועלכע ער האָט אויסגעטיילט און אַקצענטירט אויך אין אַ ריי אַנדערע אַרבעטן.

אין 1945 פאַרעפנטלעכט בערגעלסאָן גאַנצע דרײַ עסייען וועגן פּערעצן[17], אין וועלכע עס ווערט באַטאָנט פּערעצעס נאָענטקײַט צו די פאָלקסמאַסן און זײַן ווידערגעפיל צו די העכערע שיכטן, וועלכע זײַנען געווען לאַכלוטן גלײַכגילטיק צו דער ייִדישער ליטעראַטור און אירע שעפער. אין די אוקראַיִנישע שטעט, וועלכע פּערעץ האָט באַזוכט, דערציילט בערגעלסאָן, האָבן אים ענטוזיאַסטיש באַגעגנט און אַרויסבאַגלייט מיט בלומען און געזאַנג יונגע אַרבעטער און אַרבעטערנס, האַגאַם אַראָפּגעבראַכט האָבן אים אַהער „פאַרשטייער פון אַ שיכט, וואָס האָט אים באַדאַרפט ניט מער ווי אַ דעקאָראַטיוון צודעק".

וועגן פּערעצעס באַדײַטונג און זײַן אָרט אין דער ייִדישער ליטעראַטור שרײַבט איצט בערגעלסאָן: „פּערעץ געהער צום העכסטן, צום שענסטן, וואָס די ייִדישע ליטעראַטור פאַרמאָגט... פּערעצעס שאַפן איז די העכסטע מאַדרייגע אין דער ייִדישער וואָרטקונסט, ווײַל זי, די שאַפונג פּערעצעס, איז אָנגעזאַפּט מיט דער גאַנצער פּראָגרעסיווער יערושע פון דער ייִדישער הומאַניסטישער טראַדיציע, מיט גלויבן און מיט רוף צו וועלט־אויסלייזונג"[18].

אויך אין מענדעלעס שאַפונג איז ד. בערגעלסאָנען איצט טײַער „די פּראָגרעסיווע יערושע פון דער ייִדישער הומאַניסטישער טראַדיציע". ס'איז אים נאָענט דאָס, וואָס ער, מענדעלע, האָט, ווי פּערעץ און שאָלעם־אַלייכעם, געקוקט אַפּן לעבן מיט די אויגן פונעם פאָלק. ער האָט געפירט אַן אומדערמידלעכן קאַמף קעגן די מיטלאַלטערלעכע פאַרהעלטענישן אין ייִדישן לעבן, קעגן די רעאַקציאָנערע פּרוּוון זיי צו פאַרהיטן און קאָנסערווירן. מיט אַזעלכע ווערק, ווי „די טאַקסע", „די קליאַטשע" אאַ., — דערווײַזט בערגעלסאָן, — האָט מענדעלע געמאַכט אַש און שטויב פון דער טעאָריע פונעם אַזויגערופענעם אויטאָנאָמיזם, אין וועלכן אייניקע קאָנסערוואַטיווע אידעאָלאָגן האָבן געוואָלט געפינען אַ רעטונג פאַר דעם קיִעם אין „טכום־האַמוישעוו".

דאָוויד בערגעלסאָנען איז איצט נאָענט און טײַער מענדעלעס קוק אויף ליטעראַטור און קונסט, אין

---

[17] מײַנע באַגעגענישן מיט י.־ל. פּערעצן. „אייניקייט", ניו־יאָרק, אַפּרעל 1945, זז. 16—17, 29.
מיט י.־ל. פּערעצן אין בערדיטשעוו. זשורנאַל „אייניקײַט", ניו־יאָרק, מײַ 1945, זז. 22—23.
מיט י.־ל. פּערעצן אין קיִעוו. זשורנאַל „אייניקייט", ניו־יאָרק, אָקטיאַבער 1945, זז. 20—21.

[18] „אייניקייט" פון 26 מײַ 1945.

װעלכע ער האָט געזען א מיטל צו דינען דעם פֿאָלק און פּאַרטײדיקן זײַנע אינטערעסן, װײַל דער װעג פֿון בערגעלסאָנס עסטעטיק איז אנטשײדן און אָן װאַקלונגען געװאָרן דער װעג, װאָס האָט אנטשפּראָכן מענדעלעס געבאָט װעגן א פֿאָלקס־ליטעראַטור.

מענדעלע דאַרף דינען די סאָװעטישע שרײַבער אלס בײַשפּיל ניט נאָר מיט זײַן ליבע צום פֿאָלק, מיט זײַן גלױבן אין די מעגלעכקײַטן פֿונעם פֿאָלק און זײַן אומשטערבלעכקײַט, נאָר אױך מיט זײַן טיפֿסטן פֿאַרשטאַנד פֿאַר דער גרױסער געזעלשאַפֿטלעכער ראָל פֿון דער קונסט, מיט זײַן טיפֿן דערעכערעץ פֿאַרן פֿאָלקס־װאָרט, פֿאָלקס־נוסח, פֿאָלקס־שאַפֿונג — אזא איז ד. בערגעלסאָנס רעזיומע.

אין די פֿערציקער יאָרן איז דאָװיד בערגעלסאָן געשטאַנען אין צענטער פֿון דער ייִדישער סאָװעטישער ליטעראַטור. אין סאַמע ברען פֿון דער גרױסער פּאַטריאָטישער מילכאָמע האָט בערגעלסאָן פּאַרעפֿנטלעכט אין דער „אײניקײַט" אַן אַרטיקל „צװײ יאָר פּאַטריאָטישע מילכאָמע און די ייִדישע סאָװעטישע ליטעראַטור", אין װעלכן ער האָט זיך געגנױ אָפּגעשטעלט אױף די גרױסע פֿאָדערונגען, װעלכע דאָס אױסגעברײטערטע לעבן אין סאָװעטנפֿאַרבאַנד רוקט אַרױס פֿאַר די ייִדישע שרײַבער.

„די געשיכטע, — האָט געשריבן בערגעלסאָן, — װײסט ניט פֿון נאָך אזא פֿאַל, װען ייִדן זאָלן זײַן אזױ ברײט און אַלזײַטיק פֿאַרטראָטן אױף אַלע שטאַפּלען פֿונעם פּראָדוקטיװן שעפֿערישן לעבן, װי זײ זײַנען פֿאַרטראָטן איצט בא אונדז אין לאַנד... פֿון ייִדן בוכהאַלטערס האָט דער סאָװעטישער פּאַטריאָטיזם געשאַפֿן טאַנקערס, שװײסער און שטאָל־װאַלגערער. ייִדן — פֿאַרקױפֿער פֿון זעלצער־װאַסער האָט די ליבע צום לאַנד פֿאַרװאַנדלט אין שאַכטיאָרן. ייִדן, װאָס זײַנען געװען באַשעפֿטיקט אין דער האַנדלס־נעץ, האָבן זיך באַװיזן אין פֿאַרשײדנערלײ געגנטן פֿון סיביר, װי פֿישער און אַפֿילו יעגער — א פֿאַך, װאָס האָט בא ייִדן שױן אינגאַנצן אױסגעפֿעלט אין לעבן און אױדע שױן אין דער ליטעראַטור... זײ אַלע, אין די גרױסע צענדליקער און צענדליקער טױזנטער, װערן באַקרױנט מיט ייִדן — אינזשעניערן, באַרימטע קאָנסטרוקטאָרס, ראַציאָנאַליזאַטאָרס פֿון פֿאַרשײדענע פֿאַכן, העלדן פֿון סאָציאַליסטישער אַרבעט, און — װאָס איז װיכטיקער פֿון אַלץ — מיט העלדישע ייִדן שלאַכטלײַט, רױטאַרמײער, פֿאַרבינדלער, טאַנקיסטן, אַרטילעריסטן, פֿליִער, קאָמאַנדירן, קאַפּיטאַנען פֿון אונטערװאַסער־שיפֿלעך, גענעראַלן, פּאַרטיזאַנער, סאַניטאַרן אױף פֿראָנט".

דאָװיד בערגעלסאָן האָט גערופֿן די שעפֿער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור צו נײַע אָנשטרענגונגען, קעדײ אײַנצוזאַפּן כאָטש טײלװײַז אָט די גרױסע און פֿילפֿאַרביקע שעפֿע, װײַל אױב זײ װעלן „זיך ניט אװעקלאָזן מיט אָט דעם שװערן, נאָר דאַנקבאַרן װעג, װעט דער ליטעראַטור פֿאַרשטײן די גרױסע סאַקאָנע צו בלײַבן א ליטעראַטור, װאָס האָט צו טאָן נאָר מיטן ייִדישן אױוואַר אָדער מיט דער פֿאַרבליבענער עקזאָטיק".

אזא איז געװען דאָװיד בערגעלסאָנס געבאָט, װעלכן די ייִנגערע פֿלעיאַדע ייִדישע שרײַבער באַמיט זיך טרײַ אױסצופֿילן.

■

בראָניק

ייִדיש אין דער גערמאַנישער גרופּע שפּראַכן

אינעם אינסטיטוט פֿון שפּראַך־קענטעניש בא דער װיסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע פֿון פּסטר איז ניט לאַנג צוריק פֿאַרגעקומען די זעקסטע װיסנשאַפֿטלעכע סעסיע איבער פֿראַגן פֿון די גערמאַנישע שפּראַכן, אױף װעלכער עס זײַנען אױסגעהערט געװאָרן פֿאַרטראַגן און מיטײלונגען פֿון שפּראַך־פֿאָרשער פֿון פֿאַרשײדענע שטעט פֿון סאָװעטנפֿאַרבאַנד און פֿון פֿאָרשטײער פֿון דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק און יוגאָסלאַװיע.

מיט אינטערעס איז אױף דער סעסיע אױפֿגענומען געװאָרן דער פֿאַרטראַג פֿון ראָנאַלד ליאַטש (דײַטשישע דעמאָקראַטישע רעפּובליק) אױף דער טעמע: „די ניט־גערמאַנישע עלעמענטן אינעם גראַמאַטישן סיסטעם פֿון די גערמאַנישע שפּראַכן", אין װעלכע דער רעדנער האָט באַזונדערס אונטערגעשטראָכן, אַז די מערהײַט שפּראַכן פֿון דער גערמאַנישער גרופּע זײַנען אױסגעבילדעט געװאָרן אין אזא אַרומרינגלונג, װעלכע האָט ניט געװירקט אױף זײער גראַמאַטישער סטרוקטור.

פֿונעם טיפּאָלאָגישן שטאַנדפּונקט שטעלן, אזױ אַרום, מיט זיך פֿאַר די גערמאַנישע שפּראַכן א גרופּע, אין דער גראַמאַטישער סטרוקטור פֿון װעלכער די „פֿרעמדע" עלעמענטן שפּילן ניט, אין טאָך גענומען, קײן באַזונדערע ראָליע.

אַלס אױסנאַם פֿון אָט דער גרופּע שפּראַכן איז די ייִדישע, װעלכע האָט זיך אַנטװיקלט אין די באַדינגונגען פֿון קימאַט אױסשליסלעכער פּילשפּראַכיקײַט.

אין סאָף פֿון מיטלאַלטער זײַנען די ייִדן, װי באַװוּסט, געצװונגען געװען אױסצװאַנדערן פֿון דײַטשלאַנד קײן פּױלן. כאָטש אין שטײגער האָבן זײ פֿאַרגעזעצט רײדן צװישן זיך אױפֿן אַזױגערופֿענעם „ייִדיש־טײַטש", נאָר אין פּראָצעס פֿון די צװישנבאַציִונגען מיט זײערע פּױלישע, אוקראַיִנישע, װײַסרוסישע שכײנים האָבן זײ אָנגעהױבן זיך באַנוצן אױך מיט די נײַע פֿאַר זײ שפּראַכן.

דערצו דאַרף מען צוגעבן, אַז נאָך דער צעטײלונג פֿון פּױלן האָט אינעם לעבן פֿון די ייִדן באַקומען אַן אַלץ גרעסערע באַדײַטונג דאָס רוסישע לשון אַלס מלוכע־שפּראַך.

אָט די אַלע ניט־גערמאַנישע שפּראַכן האָבן, פֿאַרשטײט זיך, געהאַט א װעזנטלעכן אײַנפֿלוס אױף דער אַנטװיקלונג פֿון דער רײד־שפּראַך בא ייִדן. אין רעזולטאַט דערפֿון האָט ייִדיש, װי א גערמאַנישע שפּראַך, זיך אױסגעבילדעט, אײַנזאַפּנדיק אין זיך אין אַלע שטופֿעס פֿון איר סטרוקטור פֿיל סלאַװישע און סעמיטישע עלעמענטן.

װערק פֿון ייִדישע שרײַבער אין רוסישע פּעריאָדישע אױסגאַבעס

דער מאָסקװער זשורנאַל „דרושבא נאַראָדאָװ" האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין פֿאַרזעצונגען, אין די נומערן פֿאַר אַפּרעל, מײַ און יוני ד. י. אַרן װערגעליסס רײַזע־פֿאַרצײכענונגען „בריװ פֿון אײראָפּע" אין דער איבערזעצונג פֿון יע. קאַטסײַװאַ.

אינעם מײַ־נומער פֿונעם זשורנאַל „דאַלני װאָסטאָק", װעלכער דערשײַנט אין כאַבאַראָװסק, זײַנען אָפּגעדרוקט א רײ מאַטעריאַלן לעקאָװעד דעם 40־טן יאָרטאָג פֿון דער ייִדישער אױטאָנאָמער געגנט, צװישן זײ יע. בוגאַיענקאָס פֿאַרצײכענונגען, אילוסטרירט מיט פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון ביראָבידזשאַן, בוזי מילערס א גרעסערע דערצײלונג „לױטערקײט" און איציק בראָנפֿמאַנס נײַע לידער.

■

יעשוע ליובאָמירסקי

בערגעלסאָן דער דראַמאַטורג

דאָוויד בערגעלסאָנס דראַמאַטורגישע ירושה איז באַשיידן: צוויי אינסצעניר ונגען — „דער טויבער“ און „מידאס האדין“ און צוויי פיעסן, וועלכע זײַנען לעכאַטכילע געשריבן געוואָרן אין דער דראַמאַטישער פאָרם: „פרינץ רעוווייני“ (אָפּגעדרוקט אין א בוך־פאָרם אין 1946 אינעם „איקוף־פארלאג“) און „כ׳וועל לעבן“ (זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“, 1968, אלמאנאך „איקוף“, 1967).

„דער טויבער“ איז אין סאָוועטנפארבאַנד (אונטער דער רעזשי פון ס. ראדלאָוו) אופגעפירט געוואָרן אין מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן טעאַטער (1932). אינעם ווײַסרוסלענדישן מעלוכישן ייִדישן טעאַטער האָט מען אונטער דער רעזשי פון מ. ראפאלסקי די אינסצענירונג אופגעפירט אונטערן טיטל „אויבן און אונטן“ (אין מײַרעוו־אייראָפּע האָט יאנקעוו ראָטבאום איר א נאָמען געגעבן „די ברויט־מיל“).

אין דער געשיכטע פונעם ייִדישן סאָוועטישן טעאַטער האָט דער ספּעקטאַקל „דער טויבער“ אין מאָסקווער ייִדישן מעלוכישן טעאַטער איבערגעלאָזט א טיפן שפּור. ריישיס, איז עס געווען די ערשטע דראַמאַטורגישע פּראָבע לויט בערגעלסאָנען. אכוץ די דרײַ גרונט־געשטאַלטן — דעם טויבן, דעם קאָנטאָרשטשיק יאָסעלע באָבצעס און דעם טויבנס טאָכטער עסטער — זײַנען דאָ ארײַנגעפירט צוויי פרויען־געשטאַלטן — דעם ביקס ווײַב און זײַן דינסט. א וועזנטלעכע דערגאַנצונג צו דער האַנדלונג שטעלט מיט זיך פאָר דער פּראָטעסט פון די מיל־ארבעטער, וואָס גיסט זיך אויס אין דער פאָרם פון א שטרײַק.

די פיעסע „דער טויבער“ איז פון אָנהייב ביזן סאָף דורכגעזאַפּט מיט פארביטערטקײַט קעגן סאָציאַלן אומרעכט. דער טויבער איז איינער פון די אומגליקלעכסטע קאָרבאָנעס פונעם קאַפּיטאַליזם. דער טראַגיזם באַשטייט אין דעם, וואָס צווישן אלע אַרומיקע ארבעטער איז ער לעסאַטע טויב בענעגייע דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג, וואָס וואַקסט אַרום־און־אַרום. עפּעס זאָגט אים דאָס האַרץ, עפּעס דערשפּירט ער, נאָר ער איז ניט אימשטאַנד צו באַנעמען דאָס וויכטיקע, וואָס קומט אַרום אים פאָר. דאָס איז א טראַגעדיע פון אן איינזאַמען מענטשן. און ווירקלעך, דער טויבער זעט אויס ווי א זײַטיקער לעגאַבע דער האַלב־סטיכייִשער, האַלב־באַוווּסטזיניקער קאָכעניש אין דער סוויווע פון די מיל־ארבעטער, וואָס גיסט זיך אויס אין אָט דעם ספּעקטאַקל אין א שטרײַק. דעם טויבנס האַנדלונג איז פון אן אָפּגעזונדערטן יאָכיד — א סטיכייִשע, אף אייגענער אכרײַעס.

שלוימע מיכאָעלסן איז געלונגען זיך דערגרונטעווען צו א פאַרטיפטער באַנעמונג פון אָט דעם פּערסאָנאַזש. זײַן אויסזען: א באָרוועסער. קרוע־בלוע. די ברוסט אַנטבלויזט. אין אים טליִען נאָך אייניקע געפילן. וויפל גליק שטראַלט פון זײַנע אויגן, ווען ער גלעט צאַרט זײַן טאָכטערס שאַלעכל! עס דוכט זיך אים, אַז ער גלעט עסטערס קאָפּ. א באַזונדערע אופרעגונג רופט אַרויס די סצענע, ווו עס קומט פאָר דער שמועס צווישן אים און דעם פּריקאַזשטשיק יאָסעלע באָבצעס:

— איך בין בא אים טויב געוואָרן, באַם ביק (ער ווײַזט אף די אויערן). איך הער גאָרניט... איך שעם מיך... אָבער צײַטנווײַז, ווען זי, עסטער, רעדט צו מיר, הער איך (שמייכלט). זי — עסטער... אַ? עסטער...

און עס דוכט זיך, אַז א ווונדערבאַרע מעלאָדיע קלינגט אינעם טויבנס אויערן. דאָס דויערט געציילטע סעקונדעס, איידער יאָסעלע באָבצעס טוט אים א שטאָך, ווײַזנדיק מיט די הענט, אַז זײַן עסטער איז מעוברעס...

יאָסעלע באָבצעס, דער קאָנטאָרשטשיק, א מעשאָרעס באַם באַלעבאָס, א שפּיאָן, — און וואָס קריגט ער, א מעטופּל מיט קינדער, פאַר אָט די אַלע „שטעלעס“ זײַנע? — אַכצן רובל א כוידעש.

— אַכצן רובל א כוידעש! — כאַזערט ער אָפּטמאָל איבער מיט פארביטערונג. ער פילט זיך אויך באַליידיקט פון ביקן. אָבער ווי פאַרשיידן עס רעאַגירן יאָסעלע באָבצעס און דער טויבער!

באַם טויבן צעפּלאַקערט זיך פון טאָג צו טאָג אַלץ שטאַרקער דער פלאַם פון פּראָטעסט. איין גרויסע לײַדנשאַפט שטורעמט אין זײַן געדאַנק: נעקאָמע! א דערשלאָגענער, אן אָפּגעשטויסענער, א פאַרוואָרלאָזטער, רופט ער אַרויס צו זיך טיפע סימפּאַטיע און אָפּשײַ פאַר דעם געפיל פון מענטשן־ווירדע, וואָס האָט אין אים אופגעוואַכט.

באָבצעס איז ניט אַזוי פיזיש און מאַטעריעל געדריקט, ווי מאָראַליש געפאַלן. ער איז א מוסטער פון מאָראַלישער ירידע. מע קויפט אים אונטער מיט כאַבאַר, מיט מאַטאָנעס. ער ווייסט, אַז עס וואַקסט אן ארבעטער־באַוועגונג, אָבער ער לאַכט זיך אויס דערפון: ער איז זיכער, אַז דאָס איז פּוסטע טומלערײַ.

— וואָס וועסטו מאַכן, כע־כע... קאַפּיטאַליזם... כע־כע...

און אויב מיכאָעלס האָט מיט רעכט אונדז פאָרגעשטעלט דעם טויבן, ווי א קאָרבן פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע, האָט זוסקין, שפּילנדיק יאָסעלע באָבצעס, אים באַטראַכט גיכער, ווי אן אינסטרומענט פון עקספּלואַטאַציע. זוסקין באַשולדיקט באָבצעסן. דעריבער האָט ער ניט געזשאַלעוועט קיין

שוואַרצע פאַרבן פאַר אַט דעם געמיינעם נעפעש, וועלכער האָט פאַראַטן זײַן אייגענעם קלאַס.

זוסקין האָט אייניקע אויסערלעכע שטריכן פון זײַן העלד געענדערט אין פאַרגלײַך מיט בערגעלסאָנס באַשרײַבונג. אָט שרײַבט בערגעלסאָן: „פּאַמעלעך און פאַרכאָלעמט גלעט זיך יאָסעלע זײַן שפּיציק בערדל״. זוסקין מאָלט אונדז יאָסעלען אָן אַ באָרד — מאַשמאָעס, ער פאַרשאַרפט דעם קאָנטראַסט צווישן פאַרװײַבערישטן יאָסעלע באָבצעס און מענערישן — דעם טויבן. ס׳איז רעכט, אַז זוסקין האָט אַנטלי׳ען אייניקע שטריכן בײַ דאָסטאָיעווסקיס סמערדיאַקאָוון. יאָ, זוסקין האָט אין איינעם פון זײַנע געשפּרעכן באַמערקט, אַז יאָסעלע אַסאָצי׳רט זיך אין זײַן פאָרשטעלונג מיט סמערדיאַקאָװשטשינע. ווען מיר פאַרגלײַכן דאָס, וואָס פון באָבצעסן האָט זיך באַקומען אין דער אינסצענירונג און אינעם ספּעקטאַקל, ווערט אונדז קלאָר, אַז אין דער אינסצענירונג האָט באָבצעס אָנגעוווירן געוויסע פאַרבן, וועלכע אַנטפּלעקן אונדז די סוידעסדיקײַט און ווידערשפּרעכלעכקײַט פון זײַן נאַטור. צוליב דעם מוז מען ציטירן אייניקע שורעס פון בערגעלסאָנס נאָוועלע „דער טויבער״.

ווען יאָסעלע קומט אַרײַן צום טויבן אים מעוואַקער־כוילע זײַן (נאָך דעם, ווי דער טויבער איז אַראָפּגעפאַלן מיט דער הייב־מאַשין און זיך שטאַרק צעבעריקט), שרײַבט בערגעלסאָן וועגן יאָסעלען: „עפּשער האָט זיך אים אַליין אויך אײַנגעגעסן דאָס כניפעסדיקע לעבן און געוואָלט האָט ער שוין זײַן לײַטישער און עמעסער, נאָר ניט געקאָנט, און כאָטש געפּונען פאַר נייטיק אַ גוט וואָרט זאָגן״.

דאָ גיט אונדז בערגעלסאָן אָן אָנצוהערעניש, אַז בײַ יאָסעלע באָבצעס זײַנען, ניט געקוקט אַף זײַן גײַסטיקער צעפּוילטקײַט, דאָך נאָך ניט אינגאַנצן אויסגעלאָשן די מענטשלעכע געפילן. אויך אייניקע אַנדערע באַמערקונגען וועגן יאָסעלען פעלן אין דער אינסצענירונג. פאַרקערט, עס איז אונטערגעשטראָכן דאָס סאַמע עקלהאַפטע, וואָס כאַראַקטעריזירט באָבצעסן.

מיר האָבן בעקיוון דאָ פאָרגעשטעלט דעם לייענער די געשטאַלטן פונעם טויבן און פון באָבצעסן אין מיכאָעלסעס און זוסקינס פאַרקערפּערונג, קעדיי עס זאָל קלאָר ווערן, וואָס פאַר אַ רײַכן מאַטעריאַל דער דראַמאַטורג האָט אָפּגעגעבן אין רעשוס פון דער בינע, שאַפנדיק אַזעלכע פּסיכאָלאָגיש־פאַרטיפטע מאָנומענטאַלע געשטאַלטן.

דעם ספּעקטאַקל „דער טויבער״ וואָלט מען געקאָנט אָפּשאַצן ווי אַ פולשטענדיקן ניצאָכן פונעם דראַמאַטורג אָון פונעם טעאַטער־קאָלעקטיוו, ווען ניט אייניקע בלויזן.

ס׳איז קעדײַ פאַרבײַגייענדיק צו דערמאָנען מיכאָעלסעס אַ זאָג (אין איינעם פון זײַנע שמועסן), אַז דער געדאַנק וועגן שפּילן דעם קיניג ליר איז בײַ אים אַנטשטאַנען, ווען ער האָט גענומען שפּילן דעם טויבן. דער גרויסער אַרטיסט האָט מיט רעכט באַטראַכט דאָס געשטאַלט פונעם טויבן ווי איינע פון זײַנע גרעסטע אַקטיאָרישע דערגרייכונגען.

וואָס זשע האָט געשטערט דער פולשטענדיקער עסטעטישער האַנאָע פון די צושויער?

דער פינאַל פון אַט דער פּיעסע, און בעמיילע פונעם ספּעקטאַקל, איז ניט געלונגען. ווי באַוווּסט, האָט דער ספּעקטאַקל (לויט בערגעלסאָנס אינסצענירונג) זיך געענדיקט אַזוי: דער טויבער האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין ביקס שלאָפּצימער און מיט דער האַק זיך פאַרמאָסטן איבער יענעמס געלעגער — אַ זיכערער, אַז ער האָט זײַן ערגסטן סוינע געפּאַטערט. אָבער די צושויער האָבן דאָך שוין געוווּסט, אַז דער ביק האָט זיך אַרויסגעדרייט. אַזויאַרום האָט דעם טויבנס פינאַלער זשעסט געמאַכט אַ פאַרקערטן אײַנדרוק. נאָך מער — די מאָנומענטאַלע פיגור, וואָס מיכאָעלס האָט געשאַפן, איז דערפון געוואָרן ווי צעשרויפּט.

ווען מע לייענט דעם ראָמאַן „מידאַס האַדין״, קאָן מען קימאַט די גאַנצע צײַט זיך ניט באַפרײַען פון דער שפּירונג, אַז די פּאַסירונגען, די מענטשן און די סוויווע זײַנען אײַנגעהילט אין אַ טיפער מאָרעשכוירע. אויך דער „אַקאָמפּאַנעמענט״ פון דער אַרומיקער נאַטור איז דערלאַנגט אין דער זעלבער האַרצרײַסנדיקער, טריבער טאָנאַליטעט. קימאַט אַלץ, וואָס דער אַוטאָר זעט דאָ, שטעלט זיך אים פאָר — קוויטיק, ברודיק. „גאָליכאָווקע: אַ שטעטעלע, וואָס פאַרברודיקט דעם באַרג־אַראָפּ אַ קאַרגע שאָ פאָרן קיין קאַמינאַ־באַלקע״. „באַביצקי — אַן אַלטער פאַרשימלטער דאָקטער״. „אַ פּאָנעם באַם דאָקטער — אַ געלער קירבעס מיט לאַנגע גרויע האָר״. „די פּולע לעוואָנע — אַ מעשענע זאַך מיט אַ פּאָנעם פון אַ פייגער״. „דער טאָג — אַ פאַרקאַטערטער, אַ גליטשיק־קויטיקער, אַ פאַרזשמורעטער ווי אַף אַ ניס צו געבן. דער וועג — אַ פאַרטאָגיק־ניט־דערשלאָפּענער״.

דאָס וואָרט „דרעמלען״ כאַזערט זיך איבער אַף הונדערטער זײַטן.

זייער אַ סאַך מענטשן דרעמלען. די פערד דרעמלען. די דעכער דרעמלען.

די געשעענישן קומען פאָר אין אַ געגנט, וואָס ליגט האַרט באַם גרענעץ. עס שוויבלט און גריבלט מיט שמוגליאַרעס און קאָנטררעוואָליוצי׳אָנערן.

אינעם ראָמאַן ווערט פון טכילעס געשילדערט דער מאָמענט, ווען אין קאַמינאַ־באַלקע איז אָנגעקומען אַ נײַער נאַטשאַלניק פּיליפּאָוו (אַ געוועזענער שאַכטיאָר), און אַלע אין דער געגנט דערשפּירן אין אָט דעם פּיליפּאָוון אַ גרויזאַמע קראַפט. ס׳איז אַ מענטש אָן סענטימענטן, אָן וואַקלונגען. אַ שרעק באַפאַלט די אַלע שעדיקער, וואָס האָבן ביז אַהער כיטרע זיך אויסגעדרייט פון דעם פּסאַק־דין, וואָס זיי האָבן פאַרדינט. די סאַמע געשיקטע, די סאַמע טעטיקע פון די סאָנים פון דער ראַטנמאַכט ווערן אָפּהענטיק. זיי קוקן אַרויס אַף אַ נעס, אַז די ריזיקע בלאַנקענדיקע שווערד פון דער ראַטנמאַכט זאָל עפּשער פאַרשווינדן...

די סאַמע פּאָזיטיווע פיגור אינעם ראָמאַן, ווי אויך אין דער אינסצענירונג, איז געוויס דער נאַטשאַלניק פונעם באַזונדערן אָפּטייל פּיליפּאָוו. ער איז מיט לײַב און לעבן איבערגעגעבן דער סאָוועטנמאַכט. זײַן אויפגאַבע איז פאַר אים קלאָר: פאַרפעסטיקן די פּאָזיציעס פון דער ראַטנמאַכט און צוליב דעם אויסראָטן דאָס בייז.

בערגעלסאָן ווײַזט אונדז דײַטלעך, ווי׳אַזוי פּיליפּאָוו באַטראַכט די סאָנים, וואָס מיט זיי איז אָנגעפּראָפּט

די געגנט. „די רעוואָליוציע, — האָט פּיליפּאָוו געזאָגט, — איז ווי א זאק. מיר שטאָפּן אים און שטאָפּן, און איר זעט דאָ, בא דער גרענעץ, ווי די מײַז. איר עסט אויס א לאָך אין סאמע עק — אלץ פונעם זאק שיט זיך אויס... וואָס מיינט איר? מ׳ווערטלט זיך מיט אײַך?”

פּיליפּאָוו דארף באם לייענער, באם צושויער דערוועקן סימפּאטיע־געפילן.

פאר א טעאטראלער פאָרשטעלונג, ווו עס ווערן געשילדערט עפּיזאָדן פון בירגערקריג, איז געוויינלעך מער כאראקטעריסטיש האנדלונג, ווי די אָדער יענע שטימונג. און דאָס האָט פארשטאנען בערגעלסאָן — האָט ער אין זײַן אינסצענירונג געשטעלט דעם טראָפּ ניט אף שטימונגען, נאָר אפן קאָנפליקט צווישן פּיליפּאָוון און דעם מאטראָס איגומענקאָ, איינעם פון פּיליפּאָווס וויכטיקסטע געהילפן.

פּיליפּאָווס שטאנדפונקט בענעגייע דעם מעטאָד, דער סטראטעגיע פונעם קאמף קעגן די סאָנים פון דער ראטנמאכט איז לאכלוטן פרעמד דעם מאטראָס איגומענקאָ. פּיליפּאָוו איז זיכער, אז אין קאמף מיט דער קאָנטררעוואָליוציע איז דער באזונדערער אָפּטייל מעכוייעוו ענג זיך פארבינדן מיט די אָרטיקע אָרעמשאפט־קאָמיטעטן (קאָמבעדן).

איגומענקאָ באשטייט אף דעם, אז אין אָט דער סיטואציע דארף מען זיך ווענדן צו דער צענטראלער מאכט און בעטן ספּעציעלע באוואָפנטע אָטריאדן.

אזא איז דער רוקנביין פון דער אינסצענירונג. העיויס דער ראָמאן פארמאָגט ניט קיין פארגאנצטן, דורכויסיקן סוזשעט, איז דער אויבן אָנגעוויזענער קאָנפליקט ניט אימשטאנד געווען האלטן אף זיך די גאנצע פאָרשטעלונג. האָט מען אהער ארײַנגעטראָגן נאָך מאָמענטן, וואָס בערגעלסאָן האָט סײַ אין ראָמאן, סײַ אין דער אינסצענירונג באטאָנט. דאָס איז, לעמאָשל, די דערציִערישע טעטיקײַט פון דעם באזונדערן אָפּטייל. אויסראמען דעם שמוץ פון גאָליכאָוועקע, פון יאנאָווע בלויז מיט שטרענגע שטראָפמיטלען — דערמיט אליין האָט די סאָוועטישע מאכט בעשום־אויפן ניט געקאָנט און ניט געטאָרט זיך באנוגענען. ווײַטזעעוודיקע סאָוועטישע טוער האָבן זיך אָפּגעגעבן א דין־וועכעזשבן, אז אפילע צווישן די פארפירטע מענטשן געפינען זיך אזוינע, וועלכע קאָנען מיט דער צײַט אריבערשפּאנען דעם אָפּגרונט צווישן קאָנטררעוואָליוציע און רעוואָליוציע און פאָטער ווערן פון דעם, וואָס האָט זיי פארפירט. אָבער פאראן אזעלכע צווישן אָט די סאָנים, וואָס קיין שום אגיטאציע, קיין שום אויפקלער־ארבעט וועט שוין זייער פארדאָרבנקײַט ניט אויסהיילן. בערגעלסאָן פארדאמט אָט די פארשוינען מיט דער גאנצער קראפט פון זײַן טאלאנט. ער מאָלט זיי צאָרנדיק, מיט האס. אָט, לעמאָשל, וויִאזוי ער מאָלט סאָפיא פּאָקראָווסקאיא: „א קורצע, א געשווינדע, א בייזע שווארצע צורקע מיט סימאָנים פון וואָנסעלעך, וואָס מאכן איר פּיסקל שווארץ און קלעפּיק”. און ווען ער מאָלט די אויסערלעך כיינעוודיקע, בלאָנדע מאָנארכיסטקע, וואָס דערוועקט דעם יעיצערהאָרע בא מאנצבלען, נוצט ער אויס א סאך פארבן פון זײַן פּענדזל, קעדיי דעמאסקירן איר מאָראלישע יערידע, איר זנוס־נאָכגיביקײַט, קעדיי זי זאָל מאכן אף אונדז דעם סאמע אָפּשטויסנדיקן אײַנדרוק, און ער דערפירט די דעמאסקירונג צו אזא מאדרייגע, אז אפילע דער „פארשימלטער” דאָקטער באביצקי געפינט פאר איר קיין אנדער וואָרט ניט, ווי „פּאסקודסטווע”...

און דאָך רײַסן זיך ארײַן אין בערגעלסאָנס שילדערונג אויך אייניקע ליכטיקע שטראלן. דאָס פּאסירט, ווען ער גיט זיך אָפּ א דין־וועכעזשבן, אז אין אָט דעם ערעווראוו אייגננוציקע, פארדאָרבענע און פארפירטע ברוײם קאָן מען פּאָרט געפינען מענטשן, וואָס האגאָם דאָס לעבן האָט זיי געשטויסן אף קרומע זומפּיקע שליאכן, האָבן זיי דאָך פארהיט דעם געוויסן.

יוזי ספּיוואק האָט א שטיקל צײַט טרײַ געדינט דער פארטיי פון די עסערן. מיר באקאָנען זיך מיט אים, ווען ער זיצט אן ארעסטירטער אין קאמינא־באלקער טפּיסע. אים דראָעט, מ׳זאָל אים שיסן. יאָ, ער האָט טאקע פארדינט אזא פּסאק־דין: מע האָט אים בא דער גרענעץ ארעסטירט און געפונען בא אים אין ארבל און אין די לאצן אלע פארנייטע „עסעראָווסקע דאָקומענטן”.

יוזי איז זיכער, אז מע וועט אים צעשיסן. און... „ער דרעמלט דאָ אָן אופהער מיט א דרעמל, וואָס געפינט זיך אפן גרענעץ צווישן לעבן און טויט”. אזוי שרײַבט בערגעלסאָן וועגן יוזיס צושטאנד. און מיר, לייענער און צושויער, שטויסן זיך אָן, אז דאָס איז ניט גאָר קיין געוויינלעכער דרעמל פון א מענטשן, וואָס אים איז באפאלן ייִעש. ניין, דאָס איז, ווײַזט אויס, א דרעמל, ווען א מענטש איז פארנומען מיט כעזשבן־האנעפעש. עס קומט אוף בא אים א געדאנק: „עפּשער האָב איך די גאנצע צײַט געלעבט אין טאָעס?” קאָן זײַן, אז בעשאס די פארהערן איז אים טיף אין מויעך ארײַנגעדרונגען עפּעס אזוינס, וואָס קומט פון פּיליפּאָוון, וועלכער האָט אים געעפנט די אויגן. און יוזי איז געוואָרן גאָר אן אנדער מענטש. א סאָף צו זײַן עסערישן אָוואר, ער ווערט א באָלשעוויק. אויס פּסאק־דין, אויס טויט־אורטייל. פּיליפּאָוו האָט געוווּסט, וואָס ער טוט, קאָלזמאן ער האָט זיך ניט געײַלט צעשיסן דעם פארברעכער...

פּיליפּאָוו קעמפט ניט נאָר מיט איגומענקאָן, ניט נאָר מיט דעם שמוץ פון גאָליכאָוועקע און יאנאָווע — ער קעמפט מיטן אייגענעם „קאלטן אײַזערנעם יוישער”... דאָס איז באזונדערס קענטיק, ווען מיר טראכטן זיך אײַן אינעם גורל פונעם יונגן רויטארמייער פּינקע ווײַל.

עס וועט ניט זײַן איבערגעטריבן, אויב מיר וועלן זאָגן, אז דער זייער יונגער פּינקע ווײַל איז א ליכטיק געשטאלט אין אָט דעם אף דורך־און־דורך כמורנע ווערק.

פּינקע ווערט אינגיכן אונדז אײַנגעבאקן אין הארצן, האגאָם מיר ווייסן שוין, אז מיט אים האָט פּאסירט גאָר ניט קיין שיינע מײַסע. אייגענע, נאָענטע מענטשן האָבן אים א שטויס געטאָן אף א גליטשיקן וועג, ער האָט געפּרוּווט דורך דער גרענעץ דורכשמוגלען עמעצנס א קעסטל מיט קאָסטבארע כפייצים... האָט מען אים געפּאקט און ארײַנגעזעצט אין קאמינא־באלקער טפּיסע. און ער טראכט וועגן זיך גופע: „דער הונט איז ווערט דעם שטעקן”. און ער קומט צום אויספיר, אז ער האָט קאָשער

פארדינט, מע זאָל אים צעשיסן. וואָלט ער אזוינס וועגן זיך בלויז געטראכט, וואָלט עס אונדז ניט געכידעשט. נעמט ער און דערלאנגט פיליפּאָוון א ביטע — יענער זאָל אים שיסן. ווי זשע רעאגירט פיליפּאָוו אף אזא טשיקאווע ביטע? ער באפרײַט אים פון דער טפיסע. דערמיט אליין באנוגט ער זיך ניט. ער טראכט אפילע, אז פינקע זאָל פארבלײַבן דינען אינעם באזונדערן אָפּטייל.

אזויארום ווערן מיר געווירע, אז פיליפּאָוו איז ניט אינגאנצן אָן אָנהענגער בלויז פון שטרענגן מידאס האדין, האגאם בערגעלסאָן כאזערט עטלעכע מאָל איבער, אז פאר אים איז אייגנטימלעך „קאלטער אײַזערנער יוישער".

די אָנטיילנעמער פונעם ספּעקטאקל, צו וועלכן דער קינסטלער מייער אקסעלראָד האָט מיט זײַן דעקאָראטיווער אויספורעמונג געגעבן א וויכטיקן שעפערישן בײַטראָג, האָבן ניט געקאָנט לעגאמרע זיך באנוגענען מיט דער אינסצענירונג. דער ארטיסט יויסעף שידלאָ האָט געמאכט ניט ווייניק אָנשטרענגונגען אף ארויפצורײַסן פון פיליפּאָוון די סטראשידלע־מאסקע. אים האָט אין א געוויסער מאָס זיך אײַנגעגעבן צעטרײַבן די כמארעס, וואָס האָבן געהויערט איבער פיליפּאָוון און געמאכט אים סוידעספול. האָבן טאקע אין שידלאָס פארקערפּערונג בוילעטער זיך אָנגעמערקט די רעאלע שטריכן פון אן עכטן, אין איינקלאנג מיט דער שווערער צײַט — שטרענגן באָלשעוויק.

בערגעלסאָנס דראמאטורגישע מײַסטערשאפט אנטפּלעקט זיך באזונדערס בוילעט אין דער היסטאָרישער דראמע „פרינץ רעוווייני". די פּאסירונגען, וועגן וועלכע דער אווטאָר דערציילט דאָ, האָבן א שײַכעס צום ערשטן פערטל פון זעכצנטן יאָרהונדערט, ווען ס'איז פאָרגעקומען דער צווייטער — אזויגערופענער — גיירעש שפּאניע. א טייל פּלייטים, זוכנדיק א מיקלעט אין דער הויפּטשטאָט פון פּאָרטוגאל, האָבן געדונגען א שיף.

די פּיעסע „פרינץ רעוווייני" הייבט זיך אָן מיט א באשרײַבונג פון א שרעקלעכער געשעעניש אף אָט דער שיף: דער קאפּיטאן האָט דערלויבט די מאטראָסן באראבעווען די ייִדישע פּלייטים, די עלטערע פון זיי ארויסווארפן אין יאם ארײַן, די יונגע שמידן אין קייטן און זיי פארקויפן ווי קנעכט, ווען די שיף וועט דערגרייכן די יאבאָשע.

אינעם סאמע אָנהייב פון די אָרגאניזירטע גוואלדטאטן האָט צווישן די פּאסאזשירן זיך געפונען א יונגער מאראן (שלוימע מאָלכאָ), וועלכער האָט מעסירעסנעפעשדיק גענומען ראטעווען די אין יאם ארײַנגעשלײַדערטע ייִדן: ער האָט זיי ארײַנגעזעצט אין א שיפל, וואָס ער האָט אָפּגעבונדן פון דער גרויסער שיף.

אין שפּאניע האָבן אין יענער צײַט געפונען זייער צײַטווײַליקן מיקלעט דרײַ הונדערט טויזנט פּלייטים אינעם ליסאבאָנער האפן, ווו מע האָט זיי אינטערנירט. דאָ האָט מען זיי פארזאמלט אין א קאָנצלאגער. באטאָג האָט מען זיי געטריבן אין די בערג רײַסן שטיינער.

אין אָט דער פארצווייפלטער לאגע האָט פאר די פּלייטים א בלישטשע געטאָן א פונק פון האָפענונג: עס האָבן זיך פארשפּרייט קלאנגען, אז ס'האָט זיך געיאוועט א מענטש, וואָס וועט מאכן א סאָף צו די פּלאָגן. דאָס איז געווען דאָוויד רעוווייני, וועלכער האָט אין א צײַט ארום אליין זיך דעמאסקירט, ווי א פּאָליטישער אוואנטיוריסט. אים איז געלונגען פאבריצירן פאלשע דאָקומענטן וועגן דעם, אז ער איז פרינץ רעוווייני, דער ברודער פון יויסעפן, דעם קיניג פון דער ייִדישער מעדינע כאבור, וועלכע געפינט זיך קלוימערשט ערגעץ באם רויטן יאם.

רעוווייניך גיט זיך אײַן איבערצײַגן דעם פּויפּסט קלעמענס דעם זיבעטן און זײַנע קארדינאלן, אז ער איזווירקלעך דער אָפיציעלער פאָרשטייער פון דער אויסגעטראכטער ייִדישער מעדינע כאבור און אז ער איז אימשטאנד באוואָפענען אן ארמיי פון דרײַ הונדערט טויזנט ייִדן, וואָס וועט נעמען אן אָנטייל אין דער מילכאָמע קעגן טערקײַ, וועלכע דער פּויפּסט האָט בעדייע צו פירן בעשוטפעס מיטן דײַטשישן קיניג קארל.

דער פּויפּסט רעקאָמענדירט רעוווייניך דעם פּאָרטוגאלער קיניג יאָהאן דעם צווייטן אלס אן אמבאסאדאָר פונעם ייִדישן לאנד כאבור. רעוווייניך געלינגט — מיט דער הילף פונעם פּויפּסט — פּויעלן באם פּאָרטוגאלער מוישל, אז אין פּאָרטוגאל זאָל ווערן אויס גזיירעס אף ייִדן, דאָס הייסט — ער פּאראליזירט די אָרטיקע אינקוויזיציע.

רעוווייניס נאָמען ווערט שטארק פּאָפּולער צווישן די ייִדישע מאסן, זיי באטראכטן אים ווי א מין מאָשיעך. ער גופע איז ניט צופרידן, וואָס מע רופט אים „מאָשיעך". ער פארלאָזט זיך ניט אף ניסים, גלייבט אינעם קויעך פון די מאסן — וועלן זיי זיך אָרגאניזירן און קעמפן פאר זייערע רעכט, וועלן זיי זייער ציל דערגרייכן.

דאָך האָבן געוויסע שיכטן פונעם פאָלק קריטיש זיך באצויגן צו רעוווייניך. א באדײַטנדיקע ווירקונג האָט דאָ געהאט די פּראָפּאגאנדע פונעם מיסטיקער שלוימע מאָלכאָ, וועלכער האָט א געוויסע צײַט אָפּגעלייקנט די עקזיסטענץ פון דער מעלוכע כאבור. עמעס, אינגיכן איז דער זעלבער שלוימע מאָלכאָ געוואָרן אן אָנהענגער פונעם פרינץ רעוווייני און האָט אים פּראָקלאמירט ווי א מאָשיעך.

סקעפּטיש צו רעוווייניך האָט זיך באצויגן אויך דער פרומער באנקיר דאָן שמועל אבארבאנעל (דער זון פונעם בארימטן שפּאנישן מיניסטער, דאָן ייִצכאָק אבארבאנעל). דאקעגן, האָט דאָן שמועלס פרוי בענווענידא ענטוזיאסטיש באנומען די מיסיע פונעם פרינץ רעוווייני און אופגעזאמלט פאר אים גרויסע סומעס געלט, וואָס האָבן זיך געפּאָדערט צו קויפן שיפן און געווער פאר די צוקינפטיקע פּלייטים־שלאכטמענער.

ווען דער פּויפּסט און זײַנע מעקוראָווים ווערן געווירע, אז רעוווייני איז אן אוואנטיוריסט און די ייִדישע מעדינע כאבור איז אן אויסגעטראכטע מײַסע, ארעסטירט מען אים און מע ברענגט אים אין וואטיקאן א געשמידטן אין קייטן.

בענווענידא, וועלכער עס געלינגט אונטערצוקויפן די וואך פונעם טריבונאל, ראטעוועט רעוווייניך און פּויעלט בא אים, ער זאָל אנטלויפן צו די ליסאבאָנער פּלייטים אף א ווענעציאנער שיף, וואָס זי האָט פאר אים אָנגעגרייט.

אין ליסאבאָן שטעלט רעוווייני זיך אין דער שפּיץ פונעם פּלייטים־אופשטאנד, פּירט אָן מיט די שלאכטן. א שווער־פאַרוואונדעטער, גיט ער איבער די קאָמאנדער־שאפט זײַן טרײַען דינער שאבסע.

אין דער פּיעסע פיגורירן פּאַרשטייער פון פּאַר־שיידענע שיכטן פון די ווענעציאַנער יידישע אײַנ־וווינער: דער באנקיר דע־פּיזא, די מיטעלע סאָחרים רעב אימאנועל און רעב יעכיעל, וועלכע דערמאָנען אין באַבטשינסקי און דאָבטשינסקי פון גאָגאָלס „רע־וויזאָר", די דינסט פונעם באנקיר דע־פּיזא דינע, א געוועזענע טענצערן און זינגערן אין א טרופּע פון וואנדערנדיקע קאָמעדיאַנטן. בערגעלסאָן האָט, ווארשײַנלעך, געשטרעבט אין זײַן פּיעסע צו שילדערן קינסטלער, וואָס האָבן געשטאמט פונעם האמוין. די פונקציע פון דינען באשטייט אין באַרײַכערן מיט לעבנסלוסטיקײַט די כּאשכעסדיקע בילדער פון די גרויסע יידישע צאַרעס, וואָס זײַנען דער קערן פון דער פּיעסע.

ס'איז געווען א דרייסטער שריט מיצאד בערגעל־סאָנען צו דערהייבן אזא אוואנטיוריסט, ווי רעוווייני, צו דער מאדרייגע פון א העלד. ער מאָלט אים ניט נאָר ווי א שטאדלען, א פאַרזאָרגער, א קאָמבינאַטאָר, וואָס שטרעבט כאָטש אף א קורצער ווײַלע ארײַנ־ווארפן א פונק פון האָפענונג אין דער סוויווע פון די פּלייטים.

דער צוטרוי, וואָס רעוווייני האָט דעראָבערט בא אָנגעזעענע פּאָליטישע טוער, דערקלערט זיך, צווישן אנדערס, דערמיט, וואָס ס'איז געווען באוווּסט, אז אים אכטן און שעצן ניט נאָר אייניקע שיכטן פון די יידישע פּאָלקסמאסן, נאָר אויך אזעלכע קארפּן־קעפּ, ווי דער מעיוכעס דאָן שמועל אבארבאנעל, דער באנקיר דאניעל דע פּיזא, וועלכער כאראקטע־ריזירט רעוויינין אין זײַן שמועס מיט אבארבאנעלן אזוי:

געוואָגטקײַט פון אַן עכטן פּרינץ
און מוט פּיל קוקט ארויס פון זײַנע אויגן,
קלוגשאפט פון א קיניג דערפילט איר
גלײַך אין אים.

דאָס געשטאלט פון בענווענידא פאַרנעמט א בע־קאָוועדיקן פּלאַץ אין דער פּיעסע. דאָס איז בעפּיי־רעש א מערקווירדיק געווינס פונעם דראמאטורג. בענווענידא איז איינע פון די אָנגעזעענסטע פרויען־געשטאלטן, וואָס בערגעלסאָן האָט ארײַנגעבראכט אין דער יידישער סאָוועטישער ליטעראטור. די פרוי פון דאָן שמועל אבארבאנעל גלייבט אין דער שלי־כעס פון רעוווייני; זי באטראכט אים, ווי א באַרו־פענעם אויסלייזער פון די פאַרוואָגלטע און שוצלאָזע פּלייטים. דאָס העלפט אים זייער פּיל אין די שווער־סטע מאָמענטן פון זײַן קאַמף.

באזונדערס שפּאַנונגספול איז די האנדלונג אינעם דריטן אקט, אין געריכט־זאל, ווו מע גרייט זיך מישפּעטן רעוויינין. מע פּירט אים ארײַן, א גע־שמידטן אין קייטן, און עס באווײַזט זיך בענווענידא, וועמען ס'האָט זיך אײַנגעגעבן אונטערקויפן די וואך. זי איז געקומען ראטעווען רעוויינין פון דער אינ־קוויזיציע. רעוווייני איז ביז לעצט אָפּנהארציק און דעמאסקירט זיך פאַר בענווענידאן. דאָ אנטפּלעקט זיך בערגעלסאָנס דראמאטורגישע מײַסטערשאפט אין איר פולער רײַפקײַט. אין די ווײַטערדיקע סצענעס ווערט באשטעטיקט, אז רעוווייני איז מיט לײַב און לעבן איבערגעגעבן דער רעטונג פון די פּלייטים. ער קומט קיין ליסאבאָן, נעמט אָנטייל אין די שלאכטן פון די פּלייטים. שווער פאַרוואונדעט, שוין ערעוו דער גסיסע, גיט ער אָפּ זײַן לעצטע צוואָע דעם געטרײַען מיטקעמפער שאבסע:

— שאבסע!... די שלאכט פיר ווײַטער... מײַן צוואָע
דורך דיר איך לאָז, איך שטארב. דו קעמפסט,
מײַן פאָלק,
דאָס הייסט — דו לעבסט, מײַן פאָלק!

שאבסע, דער געוועזענער לעץ פון צירק, איז איינער פון די סאמע וויכטיקע פּערזאָנען אין דער דראמע. מע באטראכט אים ווי רעוויינים קנעכט, אָבער פאַקטיש איז ער, קאָן מען זאָגן, די רעכטע האנט באם „פּרינץ". ער איז אים געטרײַ ביז לעצט. אוודאי קאָן באם לייענער, באם צושויער אנטשטיין די פראגע: פאַרוואָס האָט רעוווייני אויסדערוויילט א געוועזענעם לעץ אלס מיטקעמפער? ס'איז רעכט, אז בערגעלסאָן האָט ניט געקאָנט אויסמײַדן אייניקע טראדיציעס פון די געוינים פון דער קלאסישער דראמאטורגיע. איינע פון זיי באשטייט אין פאַר־שטעלן א לעץ ווי דעם גרעסטן פרײַנט פון זײַן האר, דעם קיניג. אזעלכער, לעמאָשל, איז דער לעץ אין „קיניג ליר".

בערגעלסאָן האָט זיך ניט באנוגט מיט דעם, וואָס ער האָט ארײַנגעפירט אין דער פּיעסע אזא גײַסט־רײַכע פּערזאָן, ווי מאָלכאָ. אים איז נייטיק געווען, קעדיי וואָס מער פאַרפעסטיקן דעם גלויבן פון דער פאָלקס־מאסע אין רעוויינין, ארײַנפירן אין דער האנדלונג די פיגור פונעם קאָדעש רעב אמנאָן, וועל־כער סאנקציאָנירט רעוויינים אווטאָריטעט. דאָ האָבן מיר א פּאַראַלעל צו דער סיטואציע, וועלכע האָט זיך געשאפן אין דער היסטאָרישער דראמע „באַר־קאָכבא", ווו ראבי עקיבא נוצט אויס זײַן גרויסע גײַסטיקע האשפּאָע לטובֿת באַר־קאָכבאס העלדישן געראנגל מיט די רוימער.

„פּרינץ רעוווייני" קאָן מען באטראכטן ווי א וויכטיקן עטאַפּ אף בערגעלסאָנס שאפונגס־וועג. די ארויסזאָגונגען, וואָס בערגעלסאָן שרײַבט צו דעם צענטראלן העלד פון אָט דער דראמע, זײַנען, קאָן מען זאָגן, א רעזולטאט פון די אויספירן, צו וועלכע דער שרײַבער איז געקומען נאָך די גרויליקע גע־שעענישן פון דער לעצטער וועלט־מילכאָמע. די אידיי פון ווידערשטאנד קעגן נאציאָנאַלער און סאָ־ציאַלער אונטערדריקונג דאָמינירט אין ווערק. אזוי־ארום קלינגט די היסטאָרישע דראמע היינטצײַטיק.

ס'וועט ניט זײַן איבערגעטריבן, אויב מיר וועלן זאָגן, אז נאָך „פּרינץ רעוווייני" האָט זיך ארויסגע־וויזן א נײַע ווענדונג אין בערגעלסאָנס געדאנקענ־גאנג, וואָס איר פּויעל־יויצע איז געווען די פּיעסע „כ'וועל לעבן", וועלכע דער שרײַבער האָט פאַרענ־דיקט אינעם יאָר 1943. ווי באוווּסט, האָבן אין אָט דער פּיעסע געקראָגן זייער טיילווײַזע אָפּשפּיגלונג די ניסיוינעס, וואָס זײַנען אונדזער לאַנד באשערט געווען אין רעזולטאט פון דער אינוואזיע פון די

דײַטשישע פֿאַשיסטישע האָרדעס. די נײַע ווענדונג פֿונעם שרײַבער איז אין דער פּיעסע „כ׳וועל לעבן״ באַשטאַנען אין דעם, וואָס זײַן באַטראַכטונג פֿון די טראַגישע געשעענישן איז דורכגעדרונגען מיט עכטן סאָוועטישן פּאַטריאָטיזם. אין קאָן איז אוועקגעשטעלט געוואָרן דער גורל ניט נאָר פֿונעם ייִדישן פֿאָלק (און דאָס איז דאָך געווען דער לייטמאָטיוו פֿון „פּרינץ רעוווייני״). סײַ ייִדן, סײַ ניט־ייִדן האָבן זיך אָפּגעגעבן א דין־וועכעזשבן, אז דער וועג צו ראַטעווען אונדזער היימלאַנד פֿון דער פֿאַשיסטישער מאַגייפֿע איז בלויז איינער: אופּשטעלן אַן אײַזערנע וואַנט קעגן דעם פֿאַשיסטישן סוינע.

די האַנדלונג פֿון „כ׳וועל לעבן״ קומט פֿאָר אין אוקראַיִנע. ייִדן און אוקראַיִנער זײַנען דאָ ברידער און שוועסטער, וועלכע טוען אַלץ, וואָס ס׳איז מעגלעך, קעדיי וואָס שנעלער דערגרייכן די מאַפּאָלע פֿון די אָקופּאַנטן. די גרונט־אידיי פֿון דער פּיעסע איז — מיט קינסטלערישע מיטלען דערווײַזן, אז קיינע איבערגעשפּיצטע האַמצאָעס האָבן דעם סוינע ניט געהאָלפֿן אָפּצושטעלן דעם אַקשאָנעסדיקן ווידערשטאַנד פֿונעם סאָוועטישן פֿעלקער־בונד.

לאָמיר אײַנקורצן זיך דערמאָנען אינעם עצעם קאָנפֿליקט פֿון דער דראַמע.

א דײַטשישער דעסאַנט פֿאַרכאַפּט דעם אוקראַיִנישן ייִשעוו, וואָס פֿאַרמאָגט אַן אַגראָנאָמישע פּרווו־סטאַנציע. די קאָמאַנדשאַפֿט פֿונעם דעסאַנט האָט דערשמעקט, אז אין אָט דער פּרווו־סטאַנציע האָט מען געפֿונען א מיטל קעגן פּאַרטריקעניש. מאַיאָר ברענדעקע, דער דײַטשישער קאָמענדאַנט, וויל ארויסבאַקומען דאָס לאַבאַראַטאָריע־בוך, אין וועלכן ס׳איז פֿאַרפֿיקסירט די פֿאָרמול פֿון אָט דער וויכטיקער וויסנשאַפֿטלעכער דערפֿינדונג. ער נעמט אָפּ פֿאַרהער טכילעס דעם דירעקטאָר פֿון דער פּרווו־סטאַנציע, דעם אוקראַיִנער פּאַנאַסענקאָ, נאָך אים — איינעם פֿון די מיטאַרבעטער אווראָם־בער לעוויט. אָט די סצענעס נוצט בערגעלסאָן אויס אָף צו דעמאָנסטרירן דעם העלדנמוט פֿון פּאַנאַסענקאָן און אווראָם־בערן.

ברענדעקע דראָעט די שטאָלצע פּאַטריאָטן מיט טויט, און ס׳העלפֿט ניט. ענדערט דער מענוווול זײַן טאַקטיק. ער פּרווט צוזאָגן פֿאַרשיידענע טויווס, אָבער די מאַרטירער גיבן ניט ארויס דעם לאַבאָראַטאָריע־בוך.

ביז גאָר שפּאַנענדיק זײַנען די סצענעס, ווו ברענדעקע פֿאָדערט בא די אָרטיקע ייִדן, זיי זאָלן אים אויסגעבן די עלטערן פֿונעם סנײַפּער באָרעך. א קליינינקײַט? אָט דער באָרעך האָט שוין דערשאָסן א היפּש ביסל סאָלדאַטן פֿון ברענדעקעס מיליטערישער טייל. ברענדעקע איז מוירעדיק אופּגעבראַכט. עפּעס ווי די ייִדן וואָלטן אָנגענומען א פּול מויל מיט וואַסער — מע שווײַגט. גיט ער אָפּ אווראָם־בערן אין די הענט פֿון זײַנע שאָמרים, מע זאָל אים פּײַניקן אַזוי לאַנג, ביז ער וועט אויסגעבן באָרעכס עלטערן. אווראָם־בערן האָט מען געפּײַניקט, אָבער קיין טאָלק בא אים דערגרייכן קאָן מען ניט. דעמלט מעלדעט דער אויסוווּרף אווראָם־בערן, אז אויב ער וועט זײַן אַקשאָנעס ניט אײַנברעכן, וועט מען צעשיסן יעדן פֿינפֿטן אײַנוווינער פֿון די אָרטיקע ייִדן. און ווען אָט די וואָרענונג ווירקט ניט אָף אווראָם־בערן, לאָזט ברענדעקע אין גאַנג דאָס לעצטע מיטל: ער האָט באַשלאָסן אָפּגעבן אווראָם־בערס טאָכטער פֿרידען אין רעשוס פֿון סאָלדאַטן.

פֿרידע טראָגט אָף זיך אין א גרויסער מאָס דעם אָפּגלאַנץ פֿון דער העראָיִק, מיט וועלכער ס׳איז דורכגעזאַפּט די דראַמע. אָט די העראָיִק ווערט דײַטלעך באַזינגט אין אווראָם־בערס ווענדונג צו די ייִדן־אַרעוונִיקעס:

„ייִדן... מיט וואָס זאָל איך אײַך ראַטעווען — אַפּילע, ווען איר זאָלט „זיי״ גלייבן? מיט פֿאַרשוועכן און פֿאַרשמוצן אָף אייביק דעם נאָמען ייִד... איך געזעגן זיך מיט אײַך ניט ווי א קרעציקער... נאָר ווי א רײַנער מיט ריינע. איך שענק אײַך אַלץ, וואָס מיר קומט פֿאַר בײַשטיין, אָט דעם ניסאָיען — אָפּגעבן אײַערע לעבנס פֿאַר געטרײַשאַפֿט צו אונדזער לאַנד — ס׳איז אַלץ, וואָס איך פֿאַרמאָג. און זאָל מען נאָכדעם אין צײַטן ניט זאָגן: געווען איינער אַן אָרנטלעכער ייִד — אווראָם־בער. נאָר זאָל מען זאָגן: געווען... געווען אָרנטלעכע מענטשן דאָ אָף אונדזער פּרווו־סטאַנציע...״

די פּיעסע איז איבערגעזעטיקט מיט גרויליקײַטן. אווראָם־בער באַקומט א יעדיע, אז זײַן זון איז אומגעקומען אָפּן פֿראָנט. ברענדעקע דערשיסט אווראָם־בערס שנור גאַלינע: זי לייקנט ניט, אז זי איז א קאָמוניסטקע. ווען יאַשקע, אווראָם־בערס אייניקל, לויפֿט איבערן פֿעלד (ער פֿילט אויס א נייטיקע שליכעס), דערשיסן אים די דײַטשישע סאָלדאַטן. איז נאָך קאַרג: ווען יאַשע ליגט א שווער־פֿאַרוווּנדעטער, צאַפּט מען בא אים בלוט צו ראַטעווען דעם פֿאַרוווּנדעטן ברענדעקע, און דאָס קינד שטאַרבט פֿון בלוטלאָזיקײַט...

ווען מיר טראַכטן זיך אײַן אין אָט דער פּיעסע, אַנטפּלעקן זיך די דערגרייכונגען פֿונעם דראַמאַטורג באַנאַנד מיט א ריי בלויזן. אין אַלגעמיין איז קלאָר, אז דער שרײַבער האָט זיך געשטעלט פֿאַר זײַן הויפּט־ציל צו באַווײַזן פֿאַר דער וועלט די פֿאַשיסטישע הימלשרײַענדיקע רעציכעס.

בערגעלסאָנס דראַמאַטורגיע פֿאַרנעמט א בעקאָוועדיק אָרט אין דער סאָוועטישער ייִדישער דראַמאַטורגיע. באַזונדערס האָט עס א שײַכעס צו אַזעלכע מײַסטער־ווערק, ווי „פּרינץ רעוווייני״ און „כ׳וועל לעבן״.

פּובליציסטיק

י. שרײַבער

דאָקטרינעס, וועלכע פלאַצן, ווי א זייפנבלאָז

בייס דער לעצטער מילכאָמע צווישן ייִסראָעל און די אראבישע לענדער אין אָקטיאבער 1973 האָבן ווי א זייפנבלאָז געפּלאצט די פּאָליטישע און מיליטערישע דאָקטרינעס פון די רעגירנדיקע קרײַזן פון ייִסראָעל. דער גאנג און די רעזולטאטן פון דער מילכאָמע האָבן באוויזן, אז די יאָרנלאנגע באהויפּטונג פון דער אָפיציִעלער ציִעניסטישער פּראָפּאגאנדע: „ייִסראָעל שטייט העכער פון די אראבישע לענדער אין אלע געביטן, באזונדערס אין מיליטערישן"— איז געווען ניט מער ווי גײַוועדיקע בארימערײַ. וועגן דעם האָט זיך געמוזט פארטראכטן יעדער אײַנוווינער פון דער מעדינע. אָט וואָס עס שרײַבט אין איר פעליעטאָן די באקאנטע זשורנאליסטקע זיווע יאריוו: „זעקס יאָר נאָכאנאנד האָבן אָט די אלע קריגס־איבערזיכטלער, אָט די אלע קאָמענטאטאָרן און ספּעציִאליסטן, אלע לידערס און גענעראלן אין רעזערוו געדויבעט מיר אין קאָפּ, אז אונדזער סטראטעגיע איז זייער א טיפע, אונדזער פאָרצוג אין קריגס־איניאָנים איז זייער הויך. זעקס יאָר האָבן זיי געשריבן, אז די מיצרים וועלן זיך ניט דערוועגן צו פאָרסירן דעם קאנאל, ווײַל ער איז די נאטירלעכע גרענעץ; אַן אראבישער סאָלדאט איז קיין צעבראָכענעם גראָשן ניט ווערט; די צײַט ארבעט לעטויוועס אונדז; דעם קעגנערס אלע ראקעטעס זײַנען באדעקט מיט ראָסט, פארזשאווערט, ווײַל דער סוינע ווייסט ניט, ווי צו באגיין זיך מיט זיי; אויב עס וועט יאָ אויסברעכן א מילכאָמע, וועט דאָס זײַן א בליץ־קריג, וואָס וועט געדויערן סאכאקל א שאָ־אָנדערהאלבן, און דעמלט וועלן די אראבער פאלן פאר אונדז קוירים מיט אופגעהויבענע הענט... פּלוצעם האָבן די זעלבע ספּעציִאליסטן, קאָמענטאטאָרן, זשורנאליסטן, וואָס איך האָב אין זיי געגלייבט, איבערגעקערט דעם פעלץ אַף דער לינקער זײַט, און זיי ריידן שוין פונקט דעם היפּעך..."

עס האָט גענומען א סאָף צו דער גײַווע פון א סאך הויכגעשטעלטע מיליטאריסטן און שאָוויניסטן פון ייִסראָעל, עס איז פארשוווּנדן בא די אָפּגענארטע ייִסראָעל־בירגער די איליוזיע, אז זייערע מאנהיגים וועט מיט דער הילף פון די אימפּעריִאליסטישע מאָנאָפּאָליעס און צווישנפעלקערלעכן ציִעניזם, וועמען זיי דינען אזוי געטרײַ, אײַנגעבן זיך צו אָנבינדן די אראבישע פעלקער זייער אנעקסיִאָניסטישן קאָלאָניזאטאָרישן דיקטאט. צו דעם אלץ האָט גענומען א סאָף, ווײַל ייִסראָעל האָט צום ערשטן מאָל באגעגנט זיך פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט א שטארקן, גוט צוגעגרייטן קעגנער.

מיר ווייסן, אז אין די פריִערדיקע מילכאָמעס זײַנען די פארלוסטן פון ייִסראָעל געווען אזעלכע: בייס דער אגרעסיע פון ענגלאנד, פראנקרײַך און ייִסראָעל קעגן עגיפּעט אין 1956 האָט ייִסראָעל אין מעשעך פון פינף מילכאָמע־טעג געהאט ארום 180 דערהארגעטע. אין געפאנגענשאפט איז ארײַנגעפאלן איין־איינציקער פליִער. בייס דער זעקסטאָגיקער מילכאָמע אין 1967 האָבן די פארלוסטן פון ייִסראָעל אַף די פראָנטן פון עגיפּעט און סיריע באטראָפן בעערעך 850 סאָלדאטן. אין געפאנגענשאפט צו די עגיפּטער זײַנען ארײַנגעפאלן 14 מיליטערלײַט. בייס דער יאָמקיפּער־מילכאָמע האָט ייִסראָעל פארלאָרן: דערהארגעטע — מער פון 2,5 טויזנט, פארוווּנדעטע — מער פון 7 טויזנט. אָן יעדיִעס זײַנען פארפאלן געוואָרן בא 500 סאָלדאטן. די דאָזיקע ציפערן זײַנען גענומען פון די אָפיציִעלע אָנגאבן, וועלכע זײַנען אָן שום סאָפעק פארקלענערטע. נאָר אפילע אזעלכע פארלוסטן זײַנען גוואלדיק גרויס פאר א לאנד מיט א באפעלקערונג פון סאכאקל 3 מיליאָן מענטשן.

די מאנהיגים פון ייִסראָעל ווילן, פארשטייט זיך, ראטעווען זייער פרעסטיזש, און זיי מאָלן אָן א פארקריפּלט בילד פונעם גאנג פון די געשעענישן. גאָלדע מעיִר, לעמאָשל, האָט בייס דער עפענונג פון דער קנעסעט פון 8־טן צונויפרוף זיך ניט געשעמט צו אינטערפּרעטירן אַף אזא אויפן די פארשטענדיקונג וועגן דער צעשיידונג פונעם מיליטער פון ייִסראָעל און עגיפּעט: „די פארשטענדיקונג איז דערגרייכט

געוואָרן אַדאַנק אונדזער זיג אין דער מילכאָמע, אָבער זי איז מעגלעך געוואָרן אויך צוליב די דערגרייכונגען פון די מיצרים אין גאַנג פון דער מילכאָמע". דער דעמלטיקער פּרעמיער פון ייִסראָעל האָט אָנגעגעבן אַלס פאַקט דאָס, וואָס זי האָט געגאַרט, אַז אַזוי זאָל זײַן. אַפילע דער קאָמענטאַטאָר פון „האַאַרעץ" שאַבטיי טעוועט, וואָס איז פון שטענדיק אָן געווען אַן אָנהענגער און פּראָפּאַגאַנדיסט פון דער פּאָליטיק פון טעריטאָריעלער עקספּאַנסיע און פלעגט אַרויסזאָגן אויסגעשפּראָכן שאָוויניסטישע געדאַנקען, האָט ניט אויסגעהאַלטן און אַזוי געשריבן אַף די שפּאַלטן פון „האַאַרעץ" דעם 25 יאַנוואַר 1974: „די פאָרמולירונג וואָלט געווען פיל טרעפלעכער, ווען זי ווערט אויסגעלייגט פונקט פאַרקערט: די פאַרשטענדיקונג איז דערגרייכט געוואָרן אַדאַנק דעם זיג פון מיצראַיִם אין דער מילכאָמע, זי איז אָבער מעגלעך געוואָרן צוליב די דערגרייכונגען פון ייִסראָעל אין גאַנג פון דער מילכאָמע".

טעוועט שרײַבט ווײַטער: „מע דאַרף און עס איז אַפילע נייטיק צו אַנאַליזירן די פאַרגאַנגענהײַט און די פאַקטאָרן פון אונדזער מאַפּאָלע (און ניט פון אונדזער ניצאָכן) אין דער יאָמקיפּער־מילכאָמע".

צווישן די בירגער פון ייִסראָעל איז באַדײַטנדיק אויסגעוואַקסן די צאָל מענטשן, וואָס ווייסן שוין די עמעסע סיבעס פונעם קריזיס, וועלכן זייער לאַנד לעבט איצט איבער.

דער באַוווּסטער געלערנטער און געזעלשאַפטלעכער טוער, פּראָפעסאָר פונעם יערושאָלאַיִמער אוניווערסיטעט יע. לייבאָוויטש האָט אין אַן אינטערוויו דער צײַטונג „האַאַרעץ" געזאָגט: „אין וואָס באַשטייט אונדזער טאָעס, וועלכן מיר זײַנען באַגאַנגען די לעצטע זעקס יאָר? דער טאָעס דויערט שוין ניט נאָר זעקס יאָר, נאָר די גאַנצע 25, זינט עס זײַנען אונטערגעשריבן געוואָרן די פאַרשטענדיקונגען אַפן אינדזל ראָדאָס (געמיינט די וואָפנשטילשטאַנד־פאַרשטענדיקונגען, וועלכע זײַנען אין 1949 געשלאָסן געוואָרן צווישן ייִסראָעל און זײַנע שכיינים. — י. ש.). די צענטראַלע ליניע פון דער ייִסראָעל־פּאָליטיק איז שטענדיק געווען די אידיי, אַז דער בעסטער צושטאַנד איז — „אָן אַ שאָלעם, אין אַ פאַרבאָרגענער מילכאָמע". מע האָט ניט געמאַכט קיין סאָד פון דעם, אַז אַזאַ לאַגע קאָן פון צײַט צו צײַט דערפירן צו עמעסע מילכאָמעס, מע האָט אָבער געהאַלטן, אַז זיי וועלן שטענדיק זײַן קורצווײַליקע און, דעריקער, דער זיג וועט זײַן אַפן צאַד פון ייִסראָעל". אַנאַליזירנדיק אָט די דאָקטרין, קומט לייבאָוויטש צום אויספיר: „די דאָזיקע פאַרברעכערישע און נאַרישע פּאָליטיק איז געפירט געוואָרן אין מעשעך פון אַלע פינף און צוואַנציק יאָר, ווי דאָס האָבן געוואָלט די אוטאָרן פון דער פּאָליטיק, ביז זי האָט אונדז ניט געבראַכט צום קריזיס, וועלכן מיר לעבן איצט איבער, ווײַל אַלע פאָרהאַנאָכעס פון אָט דער פּאָליטיק האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר אומבאַגרינדעטע".

אין מעשעך פון אַלע יאָרן, זינט עס עקזיסטירט ייִסראָעל, האָט מען אײַנגעדויבעט אין די מויכעס פון דער באַפעלקערונג, אַז מיט די אַראַבער קאָן מען ריידן קלוימערשט בלויז מיטן לאָשן פון קויעך. דער מילכאָמע־פּסיכאָז און די שאָוויניסטישע, ראַסיסטישע היסטעריע זײַנען לויטן ווילן פון די ציִעניסטישע מאַנהיגים, פּראָפּאַגאַנדיסטן און דערציִער געוואָרן דער צענטראַלער פונקט פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אין ייִסראָעל. מע האָט געהאַלטן אין איין אײַנשמועסן די פאָלקסמאַסן, אַז גאַראַנטירן די זיכערהײַט און דעם וווילשטאַנד פונעם לאַנד קאָן מען נאָר דורך פאַרכאַפּן אַראַבישע טעריטאָריעס. די רעגירער פון ייִסראָעל האָבן געהאַלטן, אַז זיי מעגן שטעלן די וועלט פאַר אַ געשעענעם פאַקט. אַ באַווײַז פון דעם איז נאָך בעשײַטע געווען בען־גוריאָנס שאָוויניסטישע פאָרמול: „ס'איז ניט וויכטיק, וואָס עס וועלן זאָגן וועגן אונדז די גויִם, וויכטיק איז, וואָס עס וועלן טאָן די ייִדן". דאָס פאָלק פון ייִסראָעל צעצאָלט זיך הײַנט פאַר אָט דער ראַסיסטישער אַגרעסיווער פּאָליטיק.

די דורכפירער און די פּראָפּאַגאַנדיסטן פונעם אָפיציִעלן קורס פון ייִסראָעל האָבן לאַנג אײַנגעשמועסט די ייִסרעיילים, אַז אַלע אַקציעס פון דער ייִסראָעל־רעגירונג ווערן קלוימערשט דיקטירט פון דער שטרעבונג צו אָפּהיטן דעם שאָלעם און גאַראַנטירן די זיכערהײַט, אָבער די אַראַבישע לענדער ווילן ניט קיין שאָלעם. אָט וואָס עס זאָגט וועגן דעם דער שוין דערמאָנטער פּראָפעסאָר לייבאָוויטש. ווען דער קאָרעספּאָנדענט פון „האַאַרעץ" האָט אים געשטעלט די פראַגע: „צי דען איז אונדזער שטרעבונג צו שאָלעם ניט קיין עמעסדיקע, ניט קיין אופריכטיקע?", האָט ער געענטפערט: „אין מעשעך פון די פינף און צוואַנציק יאָר האָבן מיר קיין שאָלעם ניט געוואָלט. אַלע דעקלאַראַציעס וועגן שאָלעם זײַנען געווען צוויִעס און שעקער... מע דאַרף זאָגן מיט דער גאַנצער שאַרפקײַט, אַז מיר האָבן ניט בלויז ניט פאַרגענומען קיינע פרוון צו שליסן אַ שאָלעם, מיר האָבן אַפילע בעקיוון און מיטן פולן באַוווּסטזײַן אָראָפּגעריסן יעטווידע מעגלעכקײַט".

דער זשורנאַליסט באָיאַז עוורואָן פרעגט מיט סאַרקאַזם אין זײַנעם אַן אַרטיקל: „צי טאָר מען דען ניט כאָטש איין מאָל ריזיקירן צוליב אַ שאָלעם, פונקט ווי מיר ריזיקירן פון יאָר צו יאָר מיט אַ מילכאָמע? רופט דען באַ אונדז אַרויס אַ שאָלעם אַ גרעסערע מוירע איידער אַ מילכאָמע?"

די דאָזיקע פראַגע איז לאַכלוטן ניט קיין רעטאָרישע. די רעגירער פון ייִסראָעל, די אימפּעריִאַליסטישע קרײַזן און די צווישנפעלקערלעכע ציִעניסטישע מאַנהיגים ווילן ניט קיין שאָלעם און האָבן אַפילע פאַר אים מוירע. קעדיי שליסן אַ שאָלעם, אַ יוישערדיקן פאַר אַלע

צדאָדים — און בלויז אזא שאָלעם איז דאָך מעגלעך אין אונדזער צײַט, — מוז מען זיך אָפּזאָגן פון דער פּאָליטיק פון טעריטאָריִעלער עקספּאַנסיע, אָפּזאָגן זיך פון קאָלאָניזירן די פאַרכאַפּטע טעריטאָריעס, פון די פּלענער פון א „גרויס יִסראָעל”. אָבער די געלט־זעק פון יִסראָעל און אמעריקע ווילן ניט פאַרלירן די איבער־רעוואָכים, וועלכע זיי זשעברעוועון פון די קריגס־באַשטעלונגען, פונעם באַרויבן די נאַטירלעכע רײַכטימער אַף די אָקופּירטע אראַבישע טעריטאָריעס.

די יִסראָעל־קאָמפּאַניע „נעטיוויי נעפט” עקספּלואַטירט די נאַפט־רײַכטימער פון סינײַ, וועלכע געהערן צו עגיפּטן. „נעטיוויי נעפט” באַקומט ארויס ארום 6 מיליאָן טאָן נאַפט א יאָר און לייגט ארײַן אין אירע קאַסעס בערעך 400 מיליאָן דאָלער.

די יִסראָעל־פּרעסע פּובליקירט ווײַט ניט אלע אָנגאַבן וועגן די רעוואָכים, וועלכע די געלט־מאַגנאַטן פון יִסראָעל באַקומען פון דער מילכאָמע און פון דער אָקופּאַציע. „האַארעץ” האָט אין איר וועכנטלעכער בײַלאַגע פונעם 18 סעפּטיאַבער 1970 אָפּגעדרוקט א רעפּאָרטאַזש פון איינעם — ראָמאַן פּריסטער, וועלכער פאַרכלינעט זיך מאַמעש פון האַנאָע: „דער גאָלדענער רעגן פון די שוק־באַשטעלונגען, וואָס האָט געגומען פאַלן אַף דער אינדוסטריע פון יִסראָעל, גיט איר די מעגלעכקײַט צו אַנטוויקלען זיך מיט שנעלע טעמפּן, העכערט אירע טעכנישע רעסורסן און פּילט אָן די קאַסע מיט רעוואָכים”.

דער אויסדרוק „שוק־באַשטעלונגען” איז גענומען פון דער אָפיציִעלער יִסראָעל־דעמאַגאָגיע. ווי די יִסראָעל־זשורנאַליסטן דערציילן, זײַנען די ווערטער „שוק”, „זיכערהײַט” א לאַנגע צײַט געווען די „פּאַראָט־קדושאָט” („הייליקע קי”) אין דער גאַנצער אָפיציִעלער פּראָפּאַגאַנדע פון יִסראָעל. מיט אָט דער „פּאַראָט קדושאָט” האָט מען פאַרענטפערט סײַ די פאַרברעכנס פון דער מיליטערישער קנופּיע פון יִסראָעל קעגן די אראַבישע פעלקער, סײַ דעם אָנגריף אַפן לעבנס־ניוואָ און אַף די רעכט פון די אַרבעטנדיקע אין יִסראָעל גופע. אָבער אין אלעם איבעריקן איז פּריסטערס רעפּאָרטאַזש אַבסאָליוט ריכטיק.

אויסדריקנדיק די מיינונג פון יענע, וועלכע לעבן אָן גרויסע קאַפּיטאַלן אַפן כעזשבן פון די קריגס־באַשטעלונגען, קאַרגט ניט ראָמאַן פּריסטער קיין גוטע ווערטער אויך בענעגייע דער קנעסעט, וואָס האָט אָנגענומען געזעצן, וועלכע גיבן די מיליטערישע אונטערנעמונגען צוגאָבלעכע פּריווילעגיעס. אינעם רעפּאָרטאַזש ווערן געבראַכט אָנגאַבן וועגן דער צאָל פון אַזעלכע אונטערנעמונגען. דער איקער אינעם רעפּאָרטאַזש זײַנען ניט די ציפערן, נאָר דאָס מוידע זײַן זיך פונעם אווטאָר: „אָבער די הערצער פון פיל אינדוסטריִעלער דריקט די מוירע: וואָס וועט געשען, אויב און ווען עס וועט אויסברעכן א שאָלעם”. דערפאַר טאַקע טרעט ארויס מיט אזא פאַרביסנקײַט קעגן א שאָלעם דער „ליקוד”־בלאָק, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר א היבריד פון דער גרויס־בורזשואַזיע און די אולטראַ־רעכטע, פּראָפאַשיסטישע קרעפטן.

דער יִסראָעלדיקער פּראָפאַשיסט מענאַכעם בעגין האָט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַרשטענדיקונג וועגן דער צעשיידונג פונעם מיליטער פון יִסראָעל און עגיפּטן היסטעריש אויסגעשריִען אין דער קנעסעט: „דאָס איז דער אָנהייב פונעם סאָף!”. דאָס מאָל איז בעגין גערעכט. ער, ווי די אַנדערע אולטראַ, פּראַווען דערפאַר אָפּטע היסטעריקעס, ווײַל די פּאָליטיק פון עקספּאַנסיע, דער פאַרלאַנג צו אָנבינדן די אראַבישע לענדער א דיקטאַט, רײדנדיק מיט זיי מיטן „לאָשן פון קויעך”, דער פאַרלאַנג צו צווינגען זיי שאָלעם מאַכן מיט דער אַנעקסיע פון די אָקופּירטע אראַבישע טעריטאָריעס, האָט אין דער הײַנטיקער וועלט קיין שום מאַמאָשעס ניט און איז דערפאַר דורכגעפאַלן.

עס האַנדלט זיך אָבער ניט בלויז וועגן דעם אָרטיקן, נאָר אויך וועגן דעם אויסלענדישן קאַפּיטאַל, וואָס שפּילט אָן אַנטשיידנדיקע ראָליע אין דער עקאָנאָמיק פון יִסראָעל. די יִסראָעל־קאָמוניסטן באַטאָנען קעסיידער, אַז די פּאָליטיק פון אַגרעסיע און עקספּאַנסיע ברענגט דערצו, אַז דאָס לאַנד ווערט וואָס ווײַטער אַלץ מער אָפּהענגיק פון די אמעריקאַנער מאָנאָפּאָליעס.

„אלע אײַנפלוסרײַכע פינאַנציִעלע גרופּעס פון יִסראָעל זײַנען געווען פאַרבונדן מיטן אויסלענדישן קאַפּיטאַל נאָך ביז דער יון־מילכאָמע (די „זעקסטאָגיקע מילכאָמע” אין יון 1967), — האָט געשריבן אין זשורנאַל „די פּראָבלעמען פון שאָלעם און סאָציאַליזם” די יִסראָעל־קאָמוניסטקע ט. גאָזשאַנסקע. — זיי זײַנען ענג פאַרבונדן מיטן קריגס־ביזנעס אין פּשאַ און זײַנען ליפעראַנטן פון פּענטאַגאָן. זייער קאָנטראָל איבער דער קריגס־פּראָדוקציע פון יִסראָעל איז א באַווײַז, אַז דאָס לאַנד איז אָפּהענגיק פון פּשאַ”. וועגן דער דאָזיקער אָפּהענגיקײַט רעדט באַזונדערס בוילעט דער פאַקט, וואָס דער אויסערן־כויוו פון יִסראָעל האָט צום סאָף פון 1972 באַטראָפן 4,1 מיליאַרד דאָלער — אין 3,4 מאָל מערער, איידער אין 1966.

די אינטערעסן פונעם אָרטיקן און אויסלענדישן קאַפּיטאַל, וועלכע באַשטימען אין פיל הינזיכטן די פּאָליטיק פון דער יִסראָעל־רעגירונג, פאַלן צונויף מיט די אינטערעסן און שטרעבונגען פון די עקספּאַנסיִאָניסטישע קרײַזן פון יִסראָעל און פון זײַנע אימפּעריִאַליסטישע באַשיצער. אין דער ערשטער ריי איז דאָס שײַעך צו זייער שטרעבונג צו אַנעקסירן די פאַרכאַפּטע אראַבישע טעריטאָריעס. דערפאַר טאַקע האַלט טעל־אוויוו אין איין מאַנעווורירן. טעל־אוויוו האָט געמוזט מאַסקים זײַן אַפן פײַער־אָפּשטעל, אַף צעשיידן דאָס מיליטער. אָבער די עקסטרעמיסטן אין דער מעדינע האָבן זיך אין קיין פאַל ניט אָפּגעזאָגט פון זייערע אַנעקסיִאָניסטישע פּלענער. די איצטיקע ליניע

פון דער ייִסראָעל־אָנפירונג און פון אירע באשיצער מעייווער־לעיאם באשטייט אין טאָך דערין, אז מע זאָל זיך באגרענעצן מיט דער צעשיידונג פונעם מיליטער און איבערלאָזן פאר ייִסראָעל א גרויסן טייל פון די אָקופירטע אראבישע טעריטאָריעס.

דער רעגירנדיקער לאגער פון ייִסראָעל האָט נאָך דער פאקטישער מאפּאָלע אין אָקטיאבער 1973 געפּרווט צוליב טאקטישע צילן פארמאסקירן זײַנע טעריטאָריִעלע פרעטענזיעס. אויב ביז דער מילכאָמע האָט די „ארבעטס־פארטיי״, וואָס איז די גרונט־פארטיי אין דער רעגירנדיקער קאָאליציע, ארויסגעשטעלט אלס פארוואל־פּראָגראם דעם אזויגערופענעם גאלילי־דאָקומענט, וועלכער האָט אָפן פּראָקלאמירט די פּלענער פון אנעקסיע און פון באזעצן מיט ייִדן קימאט אלע אָקופירטע טעריטאָריעס, האָט נאָך דער מילכאָמע די אָנפירונג פון דער פארטיי אָנגענומען די „פּראָגראם פון פערצן פונקטן״, ווו מע האָט אויסגעקראצט א ווינקעלע פאר די ווערטער וועגן דער „שטרעבונג צו שאָלעם״, אָבער דאָס הויפט־אָרט אין דער פּראָגראם איז פארבליבן פאר די אנעקסיאָניסטישע שטרעבונגען. אין דער דאָזיקער פּראָגראם ווערט דערקלערט, אז ייִסראָעל וועט זיך ניט אומקערן צו די ליניעס פון 4 יוני 1967, ייִסראָעל זאָגט זיך אָפּ צו אנערקענען די רעכט פונעם אראבישן פאָלק פון פּאלעסטינע, ער באשטעטיקט זײַנע פּלענער צו פארפעסטיקן די שוין אויסגעבויטע און אויסבויען נײַע ייִסראָעל־ייִשוּווים אַף די אָקופירטע אראבישע טעריטאָריעס.

קאָלאָסאלע מאטעריעלע שווערקײַטן זײַנען געפאלן אַף די פּלייצעס פונעם האָרעפּאשנעם פאָלק פון ייִסראָעל צוליב דער פּאָליטיק פון די ציִוניסטישע מאנהיגים. דער פינאנץ־מיניסטער פּינכאס סאפּיר האָט אָפן אנערקענט, אז די יאָמקיפּער־מילכאָמע האָט אָפּגעקאָסט דער מעדינע 30 מיליארד ייִסראָעל־פונטן. דאָס איז אן אסטראָנאָמישע סומע, אויב מע זאָל נעמען אין אכט, אז דער גאנצער מעלוכע־בודזשעט פון ייִסראָעל אַפן פינאנץ־יאָר 1973 — 1974 איז פּלאנירט געוואָרן אין דער סומע פון 20 מיליארד פונט. שוין נאָך דער יאָמקיפּער־מילכאָמע איז ער אויסגעוואקסן אַף 12 מיליארד. אַפן פינאנץ־יאָר 1974 — 1975 איז פארפּראָיעקטירט א בודזשעט פון העכער 35 מיליארד פונט. דער גרעסטער טייל פון אָט דער סומע וועט גיין אַף מילכאָמע־נויטן.

דאָס אלץ רופט ארויס אן אומגעהײַערן יאקרעס. נאָך דער יאָמקיפּער־מילכאָמע זײַנען די פּרײַזן אַף די סכוירעס פון ערשטראנגיקער נויטווענדיקײַט, דערונטער אַף ברויט, מילך, פלייש, אַף טראנספּאָרט־בילעטן און אנד. אויסגעוואקסן אַף 50 — 100 פּראָצ. דער מאגנאט איז שטענדיק זאט, ווער וועט אָבער זאָרגן פאר אונדזערע הונגעריקע קינדערלעך? — אזא פראגע, פול מיט ווייטעק און צאָרן, לייענען מיר אין א פּראָקלאמאציע, וועלכע עס האָט ארויסגעגעבן די באוועגונג פון די דעמאָקראטישע פרויען אין ייִסראָעל. פאר די ציִוניסטישע מאנהיגים אָבער איז דאָס פאָלק פון ייִסראָעל שטענדיק געווען און איז אויך איצט ניט מער, ווי א צושטעלער פון הארמאטן־פלייש און פון ביליקער ארבעטס־קראפט. מיט צוויי יאָר צוריק האָט דער דירעקטאָר פון דער פארוואלטונג פון נאציאָנאלער סטראכירונג דאָקטאָר ייִסראָעל קאץ אנערקענט, אז אין ייִסראָעל וואקסט אין אָרעמקײַט און דאלעס א פערטל מיליאָן קינדער, דאָס הייסט פאקטיש יעדעס פערט קינד. מער האָט מען דעם הער קאץ ניט געהערט ריידן אָפן אַף דער דאָזיקער טעמע. עס איז אָבער לײַכט צו פארשטיין, אז פאר די לעצטע צוויי יאָר זײַנען צוגעקומען נײַע צענדליקער טויזנטער הונגעריקע קינדער, ווי אויך זייערע לײַדנדיקע עלטערן — קאפּצאָנים, אײַנוווינער פון די „אָרעמקײַט־קווארטאלן״. די פּאָליטיק פון די מאנהיגים פון ייִסראָעל פירט דערצו, אז דאָס האָרעפּאשנע פאָלק פון לאנד ווערט אלץ אָרעמער.

אָט אזא איז, אין אלגעמיינע שטריכן, די פּרײַז, וואָס דאָס פאָלק פון ייִסראָעל צאָלט פאר דער אנעקסיאָניסטישער פּאָליטיק פון די ציִוניסטישע לידערס.

די פאקטן באווײַזן, אז די אָנפירונג פון ייִסראָעל און אירע אימפּעריאליסטישע פארבינדעטע פירן ווײַטער מיט אקשאָנעס זייער פּאָליטיק פון טעריטאָריעלער עקספּאנסיע אַפן נאָענטן מיזרעך. דאָ איז אמפּלאץ צו דערמאָנען די כאראקטעריסטיק, וועלכע עס האָט געגעבן דעם רעגירנדיקן ציִוניסטישן לאגער פון דער מעדינע דער גענעראל־סעקרעטאָר פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי פון ייִסראָעל מייער ווילנער: „דער ציִוניסטישער איסטעבלישמענט אין ייִסראָעל איז איינער פון די סאמע רעאקציאָנערע אין דער קאפּיטאליסטישער וועלט. די ציִוניסטישע טוער, וועלכע באשטימען די פּאָליטיק פון ייִסראָעל, לעבן אין אלטע באגריפן. זיי מיינען, אז די וועלט איז פארבליבן אזא, ווי זי איז געווען אין XIX יאָרהונדערט, אָדער, אין בעסטן פאל, ערעוו דער צווייטער וועלט־מילכאָמע״.

אין די איצטיקע באדינגונגען מוז די פארכאפּערישע פּאָליטיק פון די ציִוניסטישע עקסטרעמיסטן פון ייִסראָעל לײַדן א מאפּאָלע. די פארכאפּערס וועלן סאָפּקאָלסאָף מוזן אוועקגיין פון אלע אראבישע טעריטאָריעס, וועלכע זיי האָבן אָקופירט אין 1967, און אנערקענען די נאציאָנאלע רעכט פונעם אראבישן פאָלק פון פּאלעסטינע. אזא איז דער ווילן און די פאָדערונג פון דער גאנצער פּראָגרעסיווער מענטשהײַט.

■ ■ ■

פאַרשיידנס

זש. סימענאָנס א נײַער בוך

די פּילצאָליקע פראַנצויזישע פאַרערער פון זשאָרזש סימענאָנס טאַלאַנט געדענקען גוט זײַן פּאַראַיאָריקע דערקלערונג וועגן דעם, אַז ער וועט מער ניט נעמען די פּען אין האַנט, קעדיי פאָרזעצן צו באַשרײַבן די פּאַסירונגען פונעם קאָמיסאַר מעגרע. דאַן זײַנען אָט די ווערטער אויפגענומען געוואָרן ווי א מיין פונעם 70־יאָריקן שרײַבער, דעם אַוטאָר פון 210 ראָמאַנען, ביכלאַל זיך אָפּזאָגן פון ליטעראַרישער טעטיקייט. נאָר אָט איז ניט לאַנג צוריק געמאָלדן, אַז ס׳גייט אַרויס פון דרוק זײַנער א נײַער בוך פון 800 זײַטן.

אין אַן אינטערוויו דעם פראַנצויזישן כוידעש־זשורנאַל „פּויען" האָט זש. סימענאָן געזאָגט, אַז דער נײַער בוך באַטײַט ניט, אַז ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זײַן באַשלוס. ס׳גייט ניט קיין רייד וועגן אומקערן זיך צום קאָמיסאַר מעגרע. „אינעם נײַעם בוך, זאָגט דער שרײַבער, סטאַרע איך זיך דערציילן וועגן זיך גופע. מײַן לעבן איז צוגעקומען צו דער סטאַדיע פון אונטערפירן סאַכאַקלען. איך האָב ניט קיין סאַך צײַט געפּאַטערט אַף פּוסטע זאַכן. און דאָס איז, לויט מײַן מיינונג, דאָס וויכטיקסטע".

ניט לאַנג צוריק האָט דער פאַרלאַג „פּלאָנאָם" אַרויסגעלאָזט א בוך „סימענאָן". די אַוטאָרן פראַנסיס לאַקאַסען און זשילבער סיגאָ האָבן צונויפגעזאַמלט א סאַך דאָקומענטן און פאַקטן פונעם שרײַבערס לעבן. אַנאַליזירנדיק זיי, סטאַרען זיך די אַוטאָרן באַזיניקן די ליטעראַרישע טעטיקייט און די שעפערישע לאַבאָראַטאָריע פון סימענאָנען. זיי קומען צו אַן אויספיר, אַז די הויפּט־העלדן פונעם שרײַבערס ווערק — דאָס זײַנען מענטשן, וואָס זײַנען דערדריקט דורך דער הײַנטצײַטיקער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. זיי זוכן און געפינען ניט קיין אויסוועג פונעם טעמפּן ווינקל.

קאָנטראַבאַנדע פון קונסט־ווערק

די פּויערים פון א דאָרף הינטער מאַדראַס האָבן געפונען אין דער ערד א סטאַטוע פונעם טאַנצנדיקן אינדויִסטישן גאָט שיווא. ווי עס פירט זיך אין יענע ערטער, איז די סטאַטוע, וואָס האָט א מעטער די הייך, איבערגעגעבן געוואָרן דעם אָרטיקן טעמפּל. די דינער פונעם טעמפּל האָבן באַשטימט רעסטאַווירן די סטאַטוע. פון דעם רעסטאַווראַטאָרס וואַרשטאַט אָבער האָט מען אין דעם טעמפּל אומגעקערט א סקרופּולעז געמאַכטע קאָפּיע פון דער סקולפּטור, און דעם אָריגינאַל, וואָס די אַרכעאָלאָגן האָבן אַנערקענט אַלס שעדעווער פון דער אַלטערטימלעכער פּלאַסטישער קונסט, האָבן די קאָנטראַבאַנדיסטן געהיים אַריבערגעפירט אַף יענער זײַט אָקעאַן.

די אינדישע מאַכט־אָרגאַנען האָט זיך אײַנגעגעבן פעסטשטעלן דאָס אָרט, ווו ס׳געפינט זיך די סטאַטוע. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז שיווא געפינט זיך אין דער קאָלעקציע פון איינעם א סײַמאָן, א פאַבריקאַנט פון פּשא. און עס קימערט אים ניט, וואָס ער איז אַן אייגנטימער פון א געגאַנוועט קונסט־ווערק.

„צו אַלדי רוכעס, איך האָב באַצאָלט פאַר דעם א מיליאָן דאָלאַרן, — האָט סײַמאָן געמאָלדן די רעפּאָרטיאָרן. — און סאַכאַקל האָבן מיך די ווערק פון דער אַזיִאַטישער קונסט אָפּגעקאָסט פאַרן לעצטן יאָר 16 מיליאָן דאָלאַרן. דאָס אַלץ האָבן אַראָפּגעבראַכט אַהער די קאָנטראַבאַנדיסטן".

פּרעמיעס אַפן נאָמען פון הענריך היינע

אַלע יאָר אינעם געבורטסטאָג פון הענריך היינע ווערן אין דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק צוגעייגנט ליטעראַרישע פּרעמיעס אַפן נאָמען פון אָט דעם גרויסן פּאָעט. ווי ס׳איז פאַרשריבן אינעם סטאַטוט וועגן די פּרעמיעס, ווערן מיט זיי אָפּגעמערקט שרײַבער פאַר ליטעראַרישע און פּובליציסטישע ווערק, וואָס זײַנען אָנגעשריבן אין גײַסט פון הענריך היינעס רעוואָליוציִאָנערע טראַדיציעס.

הײַנטיקס יאָר זײַנען לאַורעאַטן געוואָרן די פּאָעטעסע סאַראַ קירש און דער קינדער־שרײַבער העררהאַרד גאָלץ־באַומערט. דער אַוטאָר פון פיל פּאָעטישע זאַמלונגען סאַראַ קירש איז באַלוינט געוואָרן מיט דער פּרעמיע פאַר שאַפן א פּאָעטיש געשטאַלט פון א מיטצײַטלער, אַן אַקטיוון קעמפער פאַר אויסבויען די סאָציִאַליסטישע געזעלשאַפט. דאָס צווייגענען די פּרעמיע ה. גאָלץ־באַומערטן זאָגט איידעס וועגן דער גרויסער אויפמערקזאַמקײַט, וואָס עס ווערט געשענקט אין דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק דער אַנטוויקלונג פון דער קינדער־ליטעראַטור. דער שרײַבער שטרעבט דערציִען דעם יונגן דאָר בירגער פון דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק אין גײַסט פון די שענסטע רעוואָליוציִאָנערע טראַדיציעס פונעם דײַטשישן אַרבעטער־קלאַס.

די צײַטונג „נויעס דויטשלאַנד" שרײַבט וועגן די נײַע לאַורעאַטן, אַז מיט זייער שאַפונג מאַכן זיי א וואָגיקן בײַטראָג אין דער סאָציִאַליסטישער דײַטשישער ליטעראַטור.

צו 97 יאָר — פול מיט שעפערישע פּלענער

מיר האָבן שוין געשריבן אין אונדזער זשורנאַל וועגן דער זעלטענער אַרבעטספייִקייט פון איינעם פון די עלטסטע מאָסקווער שרײַבער אַרנאָלד איליטש געסען. לעצטנס האָט ער אָנגעשריבן א פּיעסע וועגן פּושקינען פאַרן מאָסקווער ציגײַנערישן טעאַטער „ראָמען". די האַנדלונג פון דער פּיעסע כאַפּט אַרום א באַדײַטנדיקן פּעריִאָד פונעם דיכטערס לעבן: פּעטערבורג, קאַמענקאַ, קעשענעוו, מיכײַלאָווסקאָיע און, פאַרשטייט זיך, זײַנע באַגעגענישן מיט די בעסאַראַבער טאַבאָרנע און מאָסקווער ציגײַנער.

דאָס ערשטע ליטעראַרישע ווערק, וואָס געסען האָט אָנגעשריבן וועגן פּושקינען, האָט געהאַט דרײַ שורעס אין א קאָלאָנקע פון צײַטונגס־כראָניק וועגן דער אַנטהילונג פון פּושקינס דענקמאָל אין צאַרסקאָיע סעלאָ אין 1900 יאָר.

אין 1961 יאָר, אַפן 84־טן יאָר פון זײַן לעבן, האָט געסען לויט דער אייצע פון פרײַנט זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט ליטעראַרישער טעטיקײַט. קימאַט יעדער יאָר שרײַבט ער א בוך, וואָס ווערט זייער גיך א ביבליִאָגראַפישע זעלטנהײַט. ער איז געוואָרן א מיטגליד פונעם שרײַבער־פאַריין. ווען דער טעאַטער „ראָמען" האָט פאָרגעלייגט א. געסענען מיטאַרבעט מיט אים, האָט דער שרײַבער גערן אָנגענומען דעם פאָרשלאָג, און אַפן 96־טן יאָר פון זײַן לעבן האָט ער צום ערשטן מאָל דעביוטירט אַף דער טעאַטראַלער סצענע. א. געסען איז פול מיט קויעך און שעפערישע פּלענער.

(לויט עד. פּאָליאַנאָווסקיס נאָטיץ אין „איזוועסטיִא")

פרײַנט פון בוך

אונדזער לאַנד פאַרנעמט מיט רעכט דאָס ערשטע אָרט לויטן לייענען ביכער. גרויס איז די צאָל אַרויסגעלאָזטע ביכער. יעדער מינוט גייט אַראָפּ פון די דרוק־מאַשינעס בא דרײַ טויזנט עקזעמפּליאַרן ביכער און בראָשורן, און יעדן טאָג דורכשניטלעך — העכער פיר מיליאָן עקזעמפּליאַרן.

א וויכטיקע פאָרם פון פּראָפּאַגאַנדירן ליטעראַטור זײַנען געוואָרן די פאָלקישע ביכער־מאַגאַזינען. זיי זײַנען טעטיק אַף די גרעסטע הויפּטשטאָטישע אונטערנעמונגען, אין די לערן־אַנשטאַלטן און אין פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס. סאַכאַקל איז אין מאָסקווע פאַראַן 243 אַזעלכע מאַגאַזינען, אין וועלכע עס אַרבעטן בא 14 טויזנט פרײַנט פון ביכער. בלויז פאָריקס יאָר האָבן זיי פאַרקויפט ליטעראַטור אַף א סומע פון העכער אָנדערהאַלבן מיליאָן רובל. פינף בעסטע ביכער־מאַגאַזינען פון דער הויפּטשטאָט זײַנען אַרויס אַלס זיגער אין דער אַלפאַרבאַנדישער סאָציאַליסטישער פאַרמעסטונג.

די בעסטע געזעלשאַפטלעכע פּראָפּאַגאַנדיסטן פון בוך קומען זיך צונויף פון צײַט צו צײַט אַף זייערע טראַדיציאָנעלע פאַרזאַמלונגען אין צענטראַלן ליטעראַטן־הויז.

נאָך אײן פּאַלשיוקע?

די „מאַפּע פון ווינלאַנד", אַפן גרונט פון וועלכער פיל פאָרשער פלעגן דערווײַזן, אז צאָפן־אַמעריקע איז אַנטדעקט געוואָרן אין X יאָרהונדערט דורך די סקאַנדינאַווער וויקינגען בעראָש מיט לייף עריקסאָנען, קאָן, זעט אויס, באַשיינען דאָס צעטל פון די אַמערסטן באַרימטע געשיכטלעכע פּאַלשיוקעס.

די מאַפּע, ווו ס'איז באַצייכנט א טייל פונעם צאָפן־אַמעריקאַנער קאָנטינענט, וואָס די אוראַלטע סקאַנדינאַוון האָבן א נאָמען געגעבן „ווינלאַנד", איז געפונען געוואָרן אין 1957 יאָר אין באַרסעלאָנע. שוין דאַן האָבן די ספּעציאַליסטן געצווייפלט אין דער עכטקײַט פון דער מאַפּע, כאָטש איר פאָרמאַט, די כאַראַקטערישע באַזונדערקײַטן פונעם לאַטײַנישן טעקסט, אין וועלכן ס'ווערט גראָד דערמאָנט לייף עריקסאָן אַלס דער ערשטער, וואָס האָט אַנטדעקט אַמעריקע, — דאָס אַלץ האָט, דוכט זיך, איידעס געזאָגט, אז די מאַפּע איז ווירקלעך אָנגעמאָלט געוואָרן אין XV יאָר־הונדערט.

די ספּייקעס האָבן געצוווּנגען די געלערנטע פונעם ייִעלסקער אוניווערסיטעט אין פשא דורכצופירן סקרופּולעזע אַנאַליזן פון דער קלוימערשטער „עלטסטער מאַפּע פון צאָפן־אַמעריקע". ווי גרויס איז אָבער געווען די שטוינונג פון די פאָרשער, ווען דער כימישער אַנאַליז פונעם טינט האָט באַוויזן, אז ער איז געמאַכט געוואָרן ניט פריִער פון די 20־ער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט!

מיטיילנדיק וועגן די רעזולטאַטן פון די אויספאָרשונגען, שטרײַכט אונטער די שוועדישע צײַטונג „דאַגענס ניוכעטער", אז דאָס פעסטשטעלן דעם פאַקט וועגן דער פּאַלשיוקע פון דער „מאַפּע פון ווינלאַנד" שליסט אָבער לאַכלוטן ניט אויס די מעגלעכקײַט, אז די סקאַנדינאַווישע יאַמלײַט־וויקינגען זאָלן האָבן ווירקלעך באַזוכט דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט מיט 500 יאָר פאַר כריסטאָפאָר קאָלומבן.

א פענצטער אין צענטן יאָרהונדערט

צווישן דעם פעלדזן־געדראַנג פון מיזרעך־פּאַמיר, ווו, לויט אַלע היסטאָרישע קוועלן, זײַנען קיינמאָל ניט געווען קיין באַשטענדיקע ייִשובֿים און ס'האָבן געלעבט בלויז וואַנדערער, האָט מען געפונען א שטאָט. דאָס איז אַן עמעסע סענסאַציע פאַר דער וויסנשאַפט. די ידיִעה איז אָנגעקומען פון מורגאַבער ראַיאָן פון דער באַרג־באַדאַכשאַנישער אויטאָנאָמער געגנט — דאָס סאַמע העכסטע אָרט אַף דער סאָוועטישער ערד. שטעלט אײַך אײַנעם אַף דעם אַנדערן אַכט אָסטאַנקינער טעלעוויזיע־טורעמס, וועט איר אַן ערעך האָבן די הייך, אַף וועלכער עס געפינען זיך די געבײַען פון דער אָפּגעזוכטער שטאָט און די בײַליגנדיקע זילבער־גרובנס.

העכער פון די וואָלקנס רוישן כוואַליעס פון ריזיקע סוידעספּולע אָזערעס און ס'פליִען אַרום מעוועס. דער בלויער באַנאַכטיקער הימל־רוים שײַנט דאָ מיט אויסערגעוויינלעך גרויסע און העלע שטערן. אין די פעלדזן־איינגעוויידן טרעפט מען אָפט קאָראַלן־רעשטלעך, ציין פון גיגאַנטישע הײַפיש און פאַרשטיינערטע מויערקעפּלעך פון מאָליוסקן, כאָטש די דאָזיקע ערטער זײַנען דערווײַטערט אַף טויזנטער קילאָמעטער פון יאַמען און אָקעאַנען...

קיינער האָט ניט געקאָנט זיך מעשאַער זײַן, אז דאָ וועט זיך אָפּזוכן א שטאָט. פונוואַנען האָט זי זיך געקאָנט נעמען, אויב בלויז אין די סאָוועטישע צײַטן איז די אָרטיקע באַפעלקערונג — פּיציכטלער איבערגעגאַנגען אַף א באַשטענדיק וווין־אָרט? און באַקומען האָט זיך עס אינגאַנצן צופעליק: די טאַדזשיקישע געאָלאָגן האָבן זיך דערקליבן צו א פאַרוואָרפענעם באַרג־שפּאַלט איבער דעם שטורמישן טײַך באַזאַר־דאַרי, זיי האָבן געזוכט זילבער־אַרץ און.... האָבן געפונען אַלטע שוין פאַנאַנדערגעאַרבעטע זילבער־גרובנס. און דאָ נאָענט איז געווען א שטאָט. וועגן איר האָבן די געאָלאָגן מיטגעטיילט דעם אינסטיטוט פאַר געשיכטע בא דער טאַדזשיקישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע.

די געלערנטע זײַנען טייקעף געקומען אַהער און אָנגעהויבן פאָרשונגס־אַרבעטן. שוין די ערשטע רעזולטאַטן פון די אויסגראָבונגען זײַנען געווען איבעראַשנדיקע. ס'האָבן זיך באַוויזן שטיינערנע געבײַען, אַף א געוויסן מעהאַלעך פונעם צענטער האָבן זיך אַנטפּלעקט די קוואַרטאַלן פונעם ראַבאַד — א ראַיאָן, ווו עס האָבן געוווינט די האַנטווערקער.

אין די געבײַדעס פון דער אַנטדעקטער שטאָט באַזאַר־דאַרי האָט מען געפונען קסאַוויאַדן. זיי זײַנען אָנגעשריבן מיט שוואַרצן טוש אַף דין פאַרגעלט פּאַפּיר. די גראַפיק איז אַן אַראַבישע, און די שפּראַך פּאַרסי — א טאַדזשיקישע. הייסט עס, געשריבן האָבן אָט די קסאַוויאַדן טאַדזשיקן — די אורפאָטערס פון די הײַנטצײַטיקע פּאַמירצעס. די פראַגמענטן פון די אַמטלעכע און דיפּלאָמאַטישע דאָקומענטן זײַנען דאַטירט מיטן X און XII יאָרהונדערטן פון אונדזער ערע. די דאָקומענטן ווערן איצט רעסטאַווּרירט.
נאָר דאָס, וואָס ס'האָט זיך שוין אײַנגעגעבן דורכלייענען, האָט א גרויסע ווערט פאַר דער וויסנשאַפט. ס'איז פּינקטלעך פעסטגעשטעלט: אין משך פון צוויי יאָרהונדערטן איז דאָ ברייט געווען אַנטוויקלט דער אַרויסבאַקום פון זילבער־אַרץ און די אויסאַרבעטונג פון אָט דעם איידעלן מעטאַל. די שטאָט האָט אונטערגעהאַלטן ענגע האַנדלס־ און דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען מיט די שכיינישע לענדער — אַפגאַניסטאַן, אינדיע, איראַן.

וו. סורקאָוו („איזוועסטיִא")

„די שטערן בלאָנדזשען ניט מער"

(25 יאָר בוקאַרעשטער יידישער מעלוכע־טעאַטער)



א סצענע פונעם ספעקטאַקל לויט שאָלעם־אַליי כעמס „סטעמפעניו"

די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט דערהאַלטן פון בוקאַרעשט א בוך פון אַן אַלבאָם־פאָרמאַט, ווו אויף ביידע זייטן פון דער הילע איז מיט גאָלד־פאַרב אָפּגעדרוקט די ציפער 25 — אַזויפיל יאָר איז אַלט געוואָרן דער בוקאַרעשטער יידישער מעלוכע־טעאַטער.

די יובליי־אויסגאַבע עפנט זיך מיטן אַרטיקל פונעם דירעקטאָר פון דעם טעאַטער פראַנץ אַוערבאַך „די שטערן בלאָנדזשען ניט מער".

„אונדזער קאָלעקטיוו, — שרייבט פ. אַוערבאַך, — איז א ווירדיקער פאָרזעצער פון די שענסטע טראַדיציעס פונעם יידישן טעאַטער אין רומעניע... פאַר די 25 יאָר, זינט מיר זיינען געוואָרן א מעלוכע־טעאַטער, זיינען אויף אונדזער בינע געשטעלט געוואָרן 128 פּרעמיערעס, וועלכע עס האָבן געזען איבער א מיליאָן צושויער... מיר ווילן אויך אויף ווייטער זיין א טריבונע פון די פּראָגרעסיטיווע אידייען, וואָס אַנטשפּרעכן דער שטורמישער צייט, אין וועלכער מיר לעבן".

וועגן דער געשיכטע פונעם יידישן טעאַטער אין בוקאַרעשט און באַזונדערס וועגן דער ראָליע פון אַווראָם גאָלדפאַדענען אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער טעאַטראַלער קונסט אין רומעניע, דערציילט אין זיין היסטאָריש־ביבליאָגראַפישן איבערזיכט יסראָעל בערקאָוויטש.

„ווען מיר טוען א קוק, — שטרייכט אונטער דער אויטאָר, — אויף יענעם ערשטן עטאַפּ פונעם יידישן טעאַטער אין רומעניע, ווערט פאַר אונדז נאָך קלאָרער שווער גאָלדפאַדענס צושטייער צו פאַרוואַנדלען דאָס יידישע טעאַטער אין א וויכטיקער אינסטיטוציע פאַר די יידישע מאַסן".

אין דער אויסגאַבע ווערן געבראַכט פיל אַלטע און נייע פאָטאָגראַפיעס, צווישן זיי פּאָרטרעטן פון דראַמאַטורגן און שוישפּילער, סצענעס פון ספּעקטאַקלען. מיט געפּרעסטע שורעס — אונטערשריפטן צו די פאָטאָס און איליוסטראַציעס — ווערן אויפגעשטעלט אין זיקאָרן די נעמען פון פיל פאַרזענלעכקייטן אין דער טעאַטער־קונסט.

מיר זעען די באַקאַנטע סצענעס פון ש. אַנ־סקיס „הדיבוק", פון פאַרשיידענע שאָלעם־אַליי כעמס־ספּעקטאַקלען, די פינאַל־סצענע פונעם ספּעקטאַקל „מאַנגערי אַדע" א. אַנד.

דאָס בוך לייענט זיך מיט אינטערעס.

צום 50־טן יאָרצייט פון אַווראָם גאָלדפאַדען (1958). פאַרן אָנהייב פונעם ספּעקטאַקל „א גאָלדפאַדען־כאָלעם"

בער האַלפּערן

אַן אײדעס פון צײַטן פאַרגאַנגענע

קווידעמקאָל דאָס הויז, אין וועלכן עס לעבט דער העלד פון דער דאָזיקער פאַרצייכענונג. ס'איז א פּרעכטיק הויז, געבויט אין לוקסוס־סטיל פון אָנהייב יאָרהונדערט אף איינער פון די שטילע אריסטאָקראטישע גאסן פון פּעטערבורג. א פּאלאץ פון א מאגנאט, וואָס אפילע אין יענער געגנט, ווו עס שטייען קאָלערליי פּאלאצן, צייכנט זיך עס אויס מיט אלטמאָדישער עלעגאנץ און גווירישער פּראכט. אינעם הויף פון דעם דאָזיקן הויז שטייט א געוויינלעכער גרויער פּירשטאָקיקער מויער מיט גרויסע פינף־זעקסצימערדיקע דירעס, אזעלכע, ווי מ'האָט געבויט אמאָל אין דער צארישער הויפּטשטאָט פאר בירגערלעכע באלעבאטישע פאַמיליעס.

אין פּאלאץ האָט געלעבט דער באנקיר מאנדעל, א מיטגליד פון דער פּאריזשער ראָטשילד־מישפּאָכע און איר פינאנציעלער פאָרשטייער בא דער צארישער רעגירונג. דער דאָזיקער מאנדעל האָט ארויסגעוויזן אינטערעס פאר די אָרעמע ייִדישע מאסן אין רוסלאנד. שווער צו זאָגן פארוואָס. גיכער פון אלץ דערפאר, וואָס אין די פירשטלעכע פּעטערבורגער סאלאָנען האָט מען אף שריט און טריט פארלעצט זײַן איינגליבע, און ער האָט געזוכט קאָמפּענסאציע אין פארקער מיט ייִדן, ווײַל דאָ האָט ער געקאָנט, אזוי צו זאָגן, פאר געלט זיך קויפן קאָוועד. ער איז געווען איינער פון די פּלוטאָקראטישע זײַלן פון די ייִדישע פילאנטראָפּישע און קולטור־טרעגערישע אָרגאניזאציעס, מעקארעוו געווען ייִדישע אינטעליגענטן, דאָקטוירים, אדוואָקאטן, זשורנאליסטן, וועלכע האָבן זיך פארנומען מיט קלאל־טוערײַ, געשטיצט מאטעריעל די צאָלרײַכע ייִדישע אסימיליאטאָרישע אויסגאבן אף רוסיש, געגעבן סטיפּענדיעס פאר ייִדן־סטודענטן.

אין דעם גרויען פליגל פון הויף האָבן געהאט זייערע אומזיסטע דירעס א ריי ייִדישע געלערנטע און אסקאָנים, ווי צום בײַשפּיל, שימען דובנאָוו, דער היסטאָריקער טשעריקאָווער און אנדערע. און ס'איז געווען עפּעס סימבאָלישעס פאר יענער צײַט, וואָס די דאָזיקע געלערנטע און אסקאָנים האָבן געלעבט און געשאפן אין שאָטן פונעם גרויסן הויז, אין זײַן זכוס און מיט זײַן כעסעד.

אין דעם דאָזיקן אָרט פון „ייִדישער טעטיקײַט" (הײַנט סקאָראָכאָדאָוו־גאס, 29) האָט מען געשלײַפט די צינגער, געסקריפּעט מיט די פּעדערן, פארגאָסן יאמען טינט אף צו לייזן די פּראָבלעם פון ייִדן, וועלכע לעבן, נעבעך, אין טכום־האמוישעוו. מע האָט, אונטער די פליגלען פון דעם באנקיר, פּראָדוצירט פּראזעס — רונדיקע, גלאטע, אײַנגעהילטע אין א מענטעלע פון „מאָדערנער וויסנשאפט". פון די דאָזיקע פּראזעס איז די גאנגבארסטע געווען מיסטאמע איינע: „נא יעווריעיסקאָי אוליצע" (אף דער ייִדישער גאס). די אסקאָנים און געלערנטע (אין געגנדזנפּיסלעך און אָן) זײַנען גרייט געווען אָנצונעמען אלץ — אָבער מיטן קאָרעקטיוו: „נא יעווריעיסקאָי אוליצע". מאטעריאַליזם? מעכעטייסע. אָבער „נא יעווריעיסקאָי אוליצע", פארשטייט איר מיך, האָט דרײַ טויזנט יאָר געהערשט און גײַסטיק געווירקט דער ייִדישער גאָט, וועלכער האָט גענערט און דערהאלטן דעם ייִדישן קיִעם, טאָ ווי נעמט מען עס הענדעם־פּענדעם און מע ווארפט ארויס אזא אלטן, כאָשעוון גאָט? סאָציאַליזם? אוואדע און אוואדע. נאָר איידער מארקס און ענגעלס זײַנען געווען, איז דאָך געווען אי יעשאיאָהו, אי ייִרמעיאָהו, וועלכע האָבן אויך געפּריידיקט יוישער און סאָציאַליזם, טאָ פארוואָס זאָל מען זיי אויך ניט ארײַנעמען אין קאָן?.. קלאסנקאמף? אדעראבעוועאדעראבע. נאָר „נא יעווריעיסקאָי אוליצע", פארשטייט איר מיך... און פון קלאסנקאמף ווערט א האָן.

אין דעם דאָזיקן ערעווראוו פון ייִדישע אינטעליגענטן, סטודענטן און געלערנטע מיקאָל האמינים זײַנען געווען אויך מענטשן פון עכטער וויסנשאפט, מיט א פארשטענדעניש פאר די סאָציאַלע פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין לאנד, און מיט א כוש פאר די ווירקלעכע נויטן פון די ייִדישע האָרעפּאשנע מאסן. צווישן זיי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זײַן שארפן קאָפּ און דראנג נאָך וויסן דער יונגער סטודענט שאָלעם גאנעלין.

שאָלעם איז געווען אַ זון פֿונעם פּאָלאָצקער ראָוו, אַן אָפּשפּראָצלינג פֿון אַ פּאַרצווײַגטער ראַבאַניש־כסידישער מישפּאָכע. אין דער יוגנט איז געווען אַלץ: גאָטספּאַרכטיקײַט, כיידער, יעשיווע. דער טאַטע, די כסידים האָבן זיך געשפּיגלט אין אים: עס וואַקסט אַ ראַבאַנישער שטערן. נאָר צו פּופצן יאָר האָט דער „שטערן" מוירעד געווען — פאַרוואָרפן די טאַלמודיש־ראַבאַנישע לערע, אַוועק פֿון שטוב און אָנגעקומען אין דער באַוווּסטער ווילנער ייִדישער גימנאַזיע פֿון פּ. קאַהאַן. דאָ האָבן אַפּן יונגן גימנאַזיסט אידייִש געווירקט די לערער פֿון ייִדישער שפּראַך און געשיכטע, דער געלערנטער ד־ר. ל. באָרוך און דער פּאָעט און פּעדאַגאָג נויעך פּינעס. נאָכדעם, אין 1915—1917, האָט ער געלערנט אין פּעטערבורגער אוניווערסיטעט, און נאָך דער פעווראַל־רעוואָליוציע — אין דער פּעטראָגראַדער פּעדאַגאָגישער אַקאַדעמיע, וווּ ער האָט פאַרענדיקט צוויי פאַקולטעטן.

זײַענדיק נאָך אַ סטודענט, נעמט גאַנעלין אַן אַקטיוון אָנטייל אין ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פּעטראָגראַד. זײַן באַהאַוונטקײַט און זײַן לײַדנשאַפטלעכע פאַרינטערעסירונג אינעם גוירל פֿון די ייִדישע מאַסן אין טכום זײַנען אײַנגיכן באַמערקט געוואָרן, און מע פלעגט אים אָפּט אײַנלאַדן צו די זיצונגען, וואָס די פּלוטאָקראַטן־רעדלפירער האָבן אָפּגעהאַלטן.

— נו, און מ׳האָט זיך צוגעהערט צו אײַך?

— אַ ברייערע האָט מען געהאַט? — שמייכלט שאָלעם איזראַילעוויטש. — די פאַרזאָרגער פֿונעם ייִדישן פֿאָלק זײַנען דאָך געווען אָפּגעריסן סײַ פיזיש, סײַ גײַסטיק פֿונעם פֿאָלק.

— און באַראָן ראָטשילדס מענטש, דער באַנקיר מאַנדעל?

— איך דאַרף אײַך זאָגן, אַז דער באַנקיר איז נאָך ניט געווען פֿון די ערגסטע. ער איז געווען, ביכלאַל גערעדט, אַ קולטורעלער מענטש און זיך אַפּילע צוגעהערט צו די מיינונגען פֿון סאָציאַליסטיש געשטימטע טוער. נאָר אַרײַננעמישן זיך פלעגט ער ווייניק. ער האָט גערייכערט זײַנע טײַערע ציגאַרן, און נאָך יעדן אָנגענומענעם באַשלוס פלעגט ער פאַרזיכטיק אָפּטרייסלען דעם אַש פֿון זײַן ציגאַר און מאַכן פאַר זיך, מיסטאָמע, אַ כעזשבן — וויפל דער באַשלוס וועט אים קאָסטן.

מיר זיצן אין געראַמען צימער און שמועסן געמיטלעך. דאָס פּאָנעם פֿונעם באַלעבאָס, דורכגעאַקערטס מיט טיפע קאַרבן, צעגיסט זיך אין אַ שמייכל.

— איר ווילט וויסן, ווו די זיצונגען זײַנען פאָרגעקומען? אָט אָ־דאָ טאַקע אין דעם צימער!

איך הייב מיך אויף אַ פאַרכידעשטער. דער צימער איז טאַקע געראַם, נאָר איבערגעצאַמט מיט ביכער־שאַפעס אין דער לענג און אין דער ברייט, זעט ער אויס קלענער. די שאַפעס דערגייען ניט ביז צו דער סטעליע, אַזוי אַז דער צימער זעט זיך דורך אײַנגאַנצן. די סטעליע איז אַ וווּנדער־ווערק פֿון סקולפּטור, מיט מאַלאָכים־לעך, גירליאַנדעס און נימפעס.

אין איינעם פֿון די ווינקלען שטויס איך מיך אָן אויף אַ מאָדנער זאַך, וואָס איך הייב ניט אָן צו פאַרשטיין, וואָס דאָס איז. עס העלפט מיר אַרויס דער באַלעבאָס:

— דאָס איז אַ פאָנטאַן. באַ מיר אַרבעט ער ניט. נאָר דעמלט, בייס מאַנדעל האָט דאָ געווינט און דאָ פלעגן פאָרקומען זיצונגען, פלעגט דער פאָנטאַן שפּריצן אין דער הייך, און אַדאַנק דער קונציקער באַלײַכטונג האָט ער זיך געמינעט מיט אַלע פאַרבן פֿונעם רעגנבויגן.

באַ דער זײַט פֿון דעם גרויסן סאַלאָן געפינען זיך אייניקע צימערן. דאָס איז די דירע פֿונעם פּראָפעסאָר און אַקאַדעמיקער שאָלעם איזראַילעוויטש גאַנעלין. ער ווינט דאָ איצט קימאַט איינער אַליין. אַן עלטערע פרוי פירט אים די ווירטשאַפט.

— איר האָט אַן אַנונג, וואָס פאַר אַן אַרבעט דאָס פאָדערט? די טאַפּעטן זײַנען אינקרוסטירטע, נאָך פֿון יענע צײַטן. זיי דאַרף מען קימאַט טעגלעך רייניקן, ווײַל עס קלײַבט זיך אָן אין זיי שטויב. הײַנט די מעשענע הענטלעך פֿון די טירן און די שפּינגאַלעטן פֿון די פענצטער — זיי דאַרף מען פוצן און פוצן. איך האָב שוין וויפל מאָל געוואָלט בײַטן די דירע, נאָר ווער וועט עס נעמען אַזאַ פאַרזעעניש?..

מיך אינטערעסירט ווייניקער די זאָרג פֿונעם פּראָפעסאָר וועגן זײַן דירע. איך שפּיר מיך אין דער לאַגע פֿון אַ גאָלדגרעבער, וואָס איז פּלוצעם אַרופגעפאַלן אָף אַ שיכט פֿון גאָלד. איין קלייניקײַט: דער פאַרמילכאָמעדיקער פּעטערבורג, און איבערהויפּט פּעטראָגראַד פֿון דער מילכאָמע־צײַט, איז דאָך געווען אַ מין צענטער פֿון ייִדישער ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכער טעטיקײַט באַ די ייִדן פֿון רוסלאַנד. דאָס, וואָס דער גרײַז־גרויער פּראָפעסאָר קאָן דערציילן וועגן דער דאָזיקער בלאַט פֿון דער געשיכטע, דאַרף פאַרפיקסירט ווערן.

— דערציילט, שאָלעם איזראַילעוויטש, וועגן יענע צײַטן.

— מײַן סטודענטישע צײַט, אין די יאָרן 1915—1917, האָב איך דורכגעמאַכט אין פּעטראָגראַדער אוניווערסיטעט. אין יענע יאָרן האָט צווישן די ייִדן אין דער הויפּטשטאָט געקאָכט און געברויזט. ס׳איז געווען אין סאַמע ברען פֿונעם ערשטן אימפּעריאַליסטישן קריג. פאַר דער פעווראַל־רעוואָליוציע האָבן זיך קיין פּעטראָגראַד אַריבערגעקליבן ייִדישע צײַטונגען און זשורנאַלן פֿון וואַרשע, ווילנע, געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און זייערע טוער, פיל היימלאָזע (בעזשענצעס). נאָך פאַר דער מילכאָמע האָט פּעטראָגראַד (דאַן פּעטערבורג) אַליין פאַרמאָגט אַ באַדײַטנדיקע צאָל פּעריאָדישע אויסגאַבעס פאַר ייִדן — „וואָסכאָד", „ראַסוועט" (שפּעטער „יעווריייסקאיא זשיזן"), „יעווריייסקאיא סטאַרינאַ", „וועסטניק יעווריייסקאָוואָ פּראָסוועשטשעניאַ" (אַלע אין דער רוסישער שפּראַך), די צײַטונג „דער פרײַנט" אָף ייִדיש. אין פּעטערבורג־פּעטראָגראַד האָבן עקזיסטירט לאָקאַל־ייִדישע קערפּערשאַפטן —

„אָבשטשעסטוואָ ראַספּראָסטראַנעניאַ פּראָסוועַ־שטשעניאַ מעזשדו יעווריעאַמי וו ראָסיי" (אָפּע; געזעלשאַפט אף צו פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן די ייִדן פון רוסלאַנד), „אָרט" (פאַר מעלאָכע און אַרבעט), „אָזע" (פאַר געזונטהײַט־פּראָגן), די היסטאָריש־עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט, די מוזיקאַלישע געזעלשאַפט „האַזאָמיר". מערסטנטייל זײַנען אָט די אָרגאַניזאַציעס געווען אין די הענט פון די פּעטערבורגער „יאַהודים", פאַרמעגלעכע ליבהאָבער פון קלאַל־טוערײַ — אין די הענט פון דער גרויס־בורזשואַזיע, פּלוטאָקראַטיע.

א היפּשן קויעך אין מאַטעריעלן זין האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די פּעטראָגראַדער קעהילע (זי האָט זיך געפונען אף דער גאַס אָפּיצערסקאַיאַ), וועלכע האָט גענומען סטיכייִש אָף זיך די פונקציע פון א צענטראַלער הילפס־אָרגאַניזאַציע פאַר די היימלאָזע; דאָס האָט אַרויסגערופן א פּראָטעסט מיצאַד די מער דעמאָקראַטישע קויכעס. דער קאַמף האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס עס האָט זיך אָרגאַניזירט א נײַע אָרגאַניזאַציע „יעקאָפּאָ" (יעווריייסקי קאָמיטעט פּאָמאָשטשי, ייִדישער הילפס־קאָמיטעט).

ארום „יעקאָפּאָ" האָבן זיך גרופּירט אויך דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע עלעמענטן. סעקרעטאַר פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען דער שפּעטערדיקער אַקאַדעמיקער דעבאָרין. „יעקאָפּאָ" פלעגט אָרגאַניזירן אַטריאַדן פון פאַרשטייער פון פאַרשיידענע הילפס־אָרגאַניזאַציעס. די אַטריאַדן זײַנען אַרויסגעפאָרן אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך, ווו ס'האָבן זיך קאָנצענטרירט גרעסערע מאַסן היימלאָזע, פאַר וועלכע מ'האָט געשאַפן קינדערהיימען, קינדערגערטנער, שולן, ביליקע אָדער אומזיסטע קיכן, וואַרשטאַטן, אַמבולאַטאָריעס אאַוו.

א טשיקאַווע פיגור איז געווען דער באַראָן דאַוויד גינצבורג, וועלכער האָט זיך גערעכנט פאַר א געלערנטן. זײַן ספּעציאַליטעט איז געווען אַראַביסטיק. ער איז געווען דער הויפּט־גרינדער פון דער ייִדישער ענציקלאָפּעדיע. זײַן פּערזענלעכע ביבליאָטעק איז געווען זייער א רײַכע. ער האָט געעפנט העכערע אָונט־קורסן פון ייִדישער וויסנשאַפט פאַר די סטודענטן פון די פּעטראָגראַדער הויכשולן. די קורסן האָבן זיך געפונען אין א פירשטאָקיקן בנין, געבויט אַלס א ייִדישער מוישעוו־זקיינים (וואַסיליעווסקי אָסטראָוו, 5־טע ליניע, 50). ביז דער פעווראַל־רעוואָלוציע האָבן די קורסן געאַרבעט איין מאָל אין דער וואָך. נאָך דער רעוואָלוציע האָבן די קורסן זיך פאַרוואַנדלט אין א זעלבשטענדיקן אינסטיטוט פאַר ייִדישער וויסנשאַפט (טראַיצקאַיאַ, 12). אין אינסטיטוט האָבן געלייענט לעקציעס ש. דובנאָוו, אי. געסען, פּראָפ. פראַנק־קאַמענסקי, י. צינבערג, י. קליינמאַן, ל. פעדערמאַן. צוויי לעקטאָרן — גאַלאַנט און איך — זײַנען געווען אײַנגעלאַדן אַלס פאַרשטייער פון דער פּעדאַגאָגישער וויסנשאַפט, וועלכע האָבן באַלויכטן אין זייערע לעקציעס פּראָגן וועגן דער מעטאָדיק פון בילדונגס־אַרבעט צווישן דערוואַקסענע. אין 1924 האָט דער אינסטיטוט זיך פאַרמאַכט. אין די לעצטע יאָרן איז דער אינסטיטוט געווען א מאָקעם־מיקלעט פאַר פאַרשטייער פון דער רעאַקציע, איבערהויפּט פאַר ציוניסטן.

אין די לעצטע יאָרן פאַר דער רעוואָליוציע האָט דער באַראָן געעפנט פאַר סטודענטן־ייִדן א ביליקע קיך, אין וועלכער מ'האָט פאַר 10—15 קאָפּעקעס באַקומען א לײַטישן מיטיק (מיט א קאָמפּאָט אפילע). גינצבורגס ציל איז געווען צו פאַרזיכערן, אַז די סטודענטן זאָלן עסן קאָשערע מיטיקן. איך ווייס ניט, ווי עס איז אין דער ווירקלעכקײַט געווען די לאַגע מיט „קאַשרעס", אָבער איך ווייס גאַנץ גוט, אַז די קיך איז געווען אַן אָרט פון ברויזנדיקע פּאָליטישע דיסקוסיעס. אויב אין די אָונט־קורסן און אין שפּעטערדיקן אינסטיטוט האָט געהערשט א ציוניסטיש־העברעיִסטישע אַטמאָספער, איז אין דער ביליקער קיך דאָמינירנדיק געווען די דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטישע שטימונג.

א מער ווייניקער לעגאַלע טריבונע האָבן די דעמאָקראַטישע קויכעס באַקומען דאַן, ווען ס'איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין אוניווערסיטעט א ספּעציעל ייִדיש־וויסנשאַפטלעך קרײַזל. לויטן סטאַטוט פונעם לערן־אַנשטאַלט האָט געמוזט שטיין אין דער שפּיץ פון אַזא קרײַזל א פּראָפעסאָר אָדער א דאָצענט. פאַרזיצער פונעם ייִדישן וויסנשאַפטלעכן קרײַזל איז געווען דער דאָצענט סוועטלאָוו, א ספּעציאַליסט פון פּאָליט־עקאָנאָמיע, וועלכער האָט זיך פאַרנומען מיטן אוטאָפּישן סאָציאַליזם און זיך באַטראַכט אַלס אָנהענגער פון דעם מאַרקסיזם. דער פּאַקטישער אָנפירער איז אָבער געווען מאַקס ווײַנרײַך, שפּעטער א באַוווּסטער לינגוויסט און פאָרשער פון ייִדיש, וועלכער האָט געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון „אייביקע סטודענטן". איך בין געווען דער געהילפס־פאַרזיצער.

דאָס ייִדישע וויסנשאַפטלעכע קרײַזל האָט זיך איבערהויפּט פאַרנומען מיט אָרגאַניזירן פאַרטראָגן אף ליטעראַרישע און פּאָליטישע טעמעס. איך געדענק די לעצטע זיצונג פונעם קרײַזל. אָפּן סיידער־האַיוים איז געשטאַנען א פאַרטראָג וועגן „ייִדישן סאָציאַליזם". דער רעדנער האָט זיך געפונען אונטערן אײַנפלוס פון שפּרינגערס אידייען וועגן סיימיזם, ער האָט אויסגענוצט זשיטלאָווסקיס און ראַטנערס ווערק, ווי אויך די צוויי ביכלעך „וואָזראָזשדעניע". ס'איז נאָך ניט געווען פאַרענדיקט דער פאַרטראָג, ווען אין דער אאַודיטאָריע איז אַרײַן א גרופּע סטודענטן מיט דער ידיעה: די אַרבעטער פונעם פּוטילאָווער זאַוואָד זײַנען אַרויס אין גאַס!.. דאָס איז געווען די לעצטע זיצונג פונעם קרײַזל. שפּרינגער, זשיטלאָווסקי, ראַטנער זײַנען אָפּגעלייגט געוואָרן אָן א זײַט.

צו דער געשיכטע פון דער פראַגע דאַרף איך באַמערקן, אַז אין יענע יאָרן איז דער קאַמף צווישן ייִדישיסטן און העברעיִסטן געווען אין רעכטן ברען. אין דעם פאַררעוואָליוציאָנערן פּעטראָגראַד האָבן זיך געפונען אַזוינע זײַלן

פונעם ייִדישיזם, ווי שטיף, קליין. נאָכעם שטיף האָט זיך ערנסט פאַרנומען מיט וויסנשאַפטלעכער לינגוויסטיק, מיט געשיכטע פון ייִדיש. קליין איז געווען א גלענצנדיקער סטיליסט אין דער ייִדישער שפּראַך. דאָס האָט ער איבערזעצט דובנאָווס געשיכטע אף ייִדיש.

דער קאַמף צווישן ייִדישיסטן און העברעיִסטן האָט זיך געלאָזט פילן אף די פאַרזאַמלונגען פון „אָפּע". כ'געדענק א שטורמישע יאָר־פאַרזאַמלונג, אף וועלכער עס זײַנען בײַגעווען געקומענע פון דער פּראָווינץ דעלעגאַטן. דאָס צעטל פון די רעדנער איז געווען צו גרויס, האָט מען באַשלאָסן איבערגיין אף דער סיסטעם פון גענעראַל־רעדנער. די העברעיִסטן האָבן אַרויסגעשטעלט אלס גענעראַל־רעדנער ביאַליקן און אַלעקסאַנדער גאָלדשטיינען (פונעם „ראַסוועט"), די ייִדישיסטן — שטיפן און צינבערגן. א שטרײַט־פּראַגע איז אויך געווען די פּראַגע וועגן רעליגיע אין שול. די ייִדישיסטן זײַנען, פאַרשטייט זיך, געווען פאַר א וועלטלעכער שול, אָן רעליגיע. צינבערג אָבער האָט די דאָזיקע פּאָזיציע ניט פאַרטיידיקט ביזן קאָנסעקווענטן סאָף. ער האָט אַרויסגעשטעלט דעם טעזיס, אז די שול אָן רעליגיע וועט זײַן „א צו קאַלטע, א וואָכעדיקע". גלענצנדיק און פול מיט לײַדנשאַפט זײַנען געווען ביאַליקס און שטיפס רעדעס.

צווישן פעווראַל און אָקטיאַבער האָט זיך געפירט א שטאַרקער קאַמף אַרום דער שול־פּראַגע. ס'האָבן געקעמפט צווישן זיך די וועלטלעכע שולן פון דער „קולטור־ליגע" מיט די טאַרבוס־שולן, מיט די „כאַדאָרים מעטוקאָנים", מיט די רעשטלעך פון פּאַשעטע כאַדאָרים און יעשיוועס. נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע האָט זיך פאַרשטאַרקט די ווירקונג פון נאַרקאָמנאָץ, פון דער יעווסעקציע, פון די בילדונגס־אָרגאַנען אף די ערטער. די אָפּע־שולן האָבן פאַרלאָרן זייער באַדײַטונג.

...יאָ, אזוי האָט אויסגעזען יענע שטורמישע צײַט. גלײַך ווי ס'האָט א בלאָז געטאָן דער פּרײַשער אָקטיאַבער־ווינט, זײַנען די פּילאַנטראָפּן, באַראָנען און פּלוטאָקראַטן נעלעם געוואָרן. אין א קורצער צײַט אַרום האָבן אויך אַזעלכע טוער, ווי דובנאָוו, פאַרלאָזט די דאָיִקײַט.

שאָלעם גאַנעלין איז געבליבן. פאַר אים איז די „דאָיִקײַט", ווי ער דריקט זיך אויס, געווען ניט קיין פראַזע, נאָר טאַקע דאָיִקײַט, סאָוועטישע ווירקלעכקײַט. פאַרענדיקנדיק זײַן הויכבילדונג, האָט ער אויסגעקליבן פּעדאַגאָגיק אלס ספּעציִאַליטעט, זיך פאַרנומען מיט ערנסטער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט.

פאַרוואָס האָט ער אויסגעקליבן פּעדאַגאָגיק? שאָלעם איזראַיִלעוויטש קלערט עס מיר אויף. די ליבע צו פּעדאַגאָגיק איז אין אים אויפגעקומען דעמלט, ווען ער האָט אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע זיך פאַרבונדן מיט די ייִדישע שולן פאַר היימלאָזע. פון דעמלט אָן איז פּעדאַגאָגיק געוואָרן דער הויפּט־אינטערעס פון זײַן לעבן.

אין די ערשטע יאָרן פון דער סאָוועטנמאַכט איז די לענינגראַדער פּעדאַגאָגישע שול געווען די פירנדיקע אין לאַנד. זי האָט אויסגעאַרבעט און וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט די דערציִונגס־ און בילדונגס־סיסטעם, וואָס די סאָוועטנמאַכט האָט אקשאָנעסדיק און קאָנסעקווענט, ניט קוקנדיק אף אַלע שוועריקײַטן, פאַרווירקלעכט. דאָס איז די סיסטעם, וואָס אפילע די סאָנים פונעם ראַטנלאַנד באַוווּנדערן זי, און זיי מוזן אָנערקענען, אז זי איז די סאַמע פולקומסטע און דעמאָקראַטישע אין דער וועלט. און אין דער לענינגראַדער פּעדאַגאָגישער שול איז איינער פון די פירנדיקע פּערזענלעכקײַטן שאָלעם גאַנעלין.

זײַן וויסנשאַפטלעכע ביאָגראַפיע קאָן קורץ אײַנגעפאַסט ווערן אין די פאָלגנדיקע שורעס. אין 1921—1971 געאַרבעט אין לענינגראַדער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אפן נאָמען פון א. אי. גערצען אלס אַספּיראַנט, אַסיסטענט, דאָצענט, פּראָפעסאָר. אין 1945 פאַרטיידיקט א דאָקטאָר־דיסערטאַציע. אין 1947 אויסגעוויילט געוואָרן אין דער אַקאַדעמיע פון פּעדאַגאָגישע וויסנשאַפטן פון פּססר. פאַרעפנטלעכט איבער הונדערט וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן: מאָנאָגראַפיעס, לערנביכער, אַרטיקלען אאַוו. אונטער זײַן אָנפירונג זײַנען פאַרטיידיקט געוואָרן 42 קאַנדידאַטן־דיסערטאַציעס און דרײַ דאָקטאָר־דיסערטאַציעס. באַקומען פון דער ראַטן־רעגירונג פאַרשיידענע מעלוכע־אויסצייכענונגען, צווישן זיי א לענין־אָרדען.

זײַנע ביכער, און איבערהויפּט די וויסנשאַפטלעכע זאַמלביכער פונעם גערצען־אינסטיטוט, וועלכע ער האָט רעדאַקטירט, פאַרנעמען א היפּש אָרט אין די אַלמערס און אף די פּאָליצעס, וואָס באַשיינען דעם סאַלאָן פונעם געוועזענעם פּאַלאַץ פון דעם געוועזענעם פאַרשטייער פון דער ראָטשילד־מישפּאָכע.

אף איינער פון די ביכער־פּאָליצעס שטויס איך מיך אָן אף ביכער, געדרוקטע מיט אומפאַרשטענדלעכע אויסיעס און היִעראָגליפן. אפן שאַרבלאַט לייען איך אף לאַטײַן דאָס וואָרט: גאַנעלין. דאָס זײַנען איבערזעצונגען פון זײַנע ביכער, וועלכע זײַנען אַרויסגעגעבן אין די נײַאויפגעקומענע מעלוכעס פון אַזיע.

א באַזונדערע שאַפע אין גאַנעלינס שטובביבליאָטעק איז אויסגעטיילט פאַר ייִדישע ביכער. דאָרט געפינען זיך ניט נאָר אַלטע אויסגאַבעס, וואָס פיל פון זיי זײַנען געוויס אן אַנטיק, נאָר אויך די דערשינענע אין מאָסקווע פאַר די לעצטע יאָרן. אף איינער פון די פּאָליצעס איז צונויפגעשטעלט דער פולער קאָמפּלעקט פון „סאָוועטיש היימלאַנד". שאָלעם גאַנעלין איז אן ענטוזיִאַסטישער לייענער און א הייסער כאָסיד פונעם זשורנאַל.

נאָך א גײַסטרײַכן שמועס געזעגן איך זיך אָפּ און דריק די האַנט פון דעם אָנגעזעענעם סאָוועטישן געלערנטן שאָלעם גאַנעלין.

■ ■ ■

11—1495

קינסטלער מייער אקסעלראָד



פּאָרטרעט פון א יינגל

א קאָנצערט אין סטעפּ



קינסטלער ייִסראַעל זילבערמאַן

פיר פּייזאַזשן



קינסטלער מייער אקסעלראָד

ס׳איז קאלט

א פישער־האפן



מיר ענטפערן אויף פראגעס פון אונזערע לייענער

וועגן דעם סועצער קאנאל

די לעצטע צײַט שרײַבט די פרעסע פיל וועגן דעם, אז עס ווערט געפירט אן ארבעט צו אָפרייניקן דעם סועצער קאנאל. עפשער קאָנט איר דערציילן גענויער וועגן אָט די ארבעטן און וועגן דעם קאנאל ביכלאל.

ע. פײַנבערג (מורמאנסק)

ביזן אָנהייב פון דער זעקסטאָגיקער מילכאָמע צווישן יִיסראָעל און די אראבישע לענדער איז דער סועצער קאנאל געווען איינער פון די סאמע לעבהאפטיקע וואסער־ארטעריעס. אין 1966, לעמאָשל, זײַנען יעדן טאָג דורכגעגאנגען דורכן קאנאל 60 שיפן, און פאר אָט דעם יאָר אינגאנצן גענומען — מער פון 21 טויזנט שיפן. אזא אינטענסיווע טראנספּאָרט־באוועגונג איז צו דערקלערן דערמיט, וואָס דער קאנאל האָט ניט קיין שליוזן.

דער סועצער קאנאל האָט זיך געעפנט דעם 17 נאָיאבער 1869. זײַן לענג באטרעפט 173 קילאָמעטער. האָבנדיק פארייניקט דעם מיטללענדישן און דעם רויטן יאם, האָט ער קימאט אף א העלפט פארקירצט דעם מעהאלעך צווישן די באסייגען פונעם אטלאנטישן און אינדישן אָקעאנען.

...אין יון 1956 האָט די עגיפטישע רעגירונג נאציאָנאליזירט דעם סועצער קאנאל. פארשטייט זיך, אז די אימפעריִאליסטישע מעלוכעס איז אָט די געזעצלעכע נאציִאָנאליזאציע געווען ניט צום הארצן. זיי האָבן געטאָן אלץ, וואָס זיי האָבן געקאָנט, קעדיי אופשטעלן זייער קאָנטראָל איבערן קאנאל. פון אלע זייערע באמיִונגען האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט א טײַך. דער קאנאל איז פארבליבן אין די הענט פון עגיפטן.

די מילכאָמע פון 1967 האָט פאראליזירט דעם סועצער קאנאל. אָט די „גרעסטע אונטערנעמונג פונעם יאָרהונדערט” האָט די מילכאָמע פארוואנדלט אין א כורווע.

איצט איז די עגיפטישע רעגירונג צוגעטראָטן צו אָפרייניקן און מאָדערניזירן דעם קאנאל. די דאָזיקע ארבעטן וועלן דורכגיין אין צוויי עטאפּן. דער ערשטער עטאפּ איז אויסגערעכנט אף זעקס כאדאָשים, דער צווייטער — אף זיבן יאָר. דער צווייטער עטאפּ וועט אָפּקאָסטן 600 מיליאָן עגיפטישע פונטן.

קעדיי דער סועצער קאנאל זאָל ווידער פונקציאָנירן, איז ווייניק צו דורכפירן בלויז די רייניקונגסארבעטן. מע דארף קודעמקאָל, ווי די אראבישע פרעסע באטאָנט, באפרײַען פונעם יִיסראָעל־מיליטער ניט בלויז דעם קאנאל־ברעג, נאָר אויך אלע אראבישע טעריטאָריעס, וועלכע יִיסראָעל האָט פארכאפט אין 1967. בלויז אין אָט די באדינגונגען וועט דער סועצער קאנאל ווידער שפילן זײַן ראָליע אין דער שיף־באוועגונג פון דער וועלט און אינעם וועלטהאנדל.

●

כראָניק

צוגאסט אין דער רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד”

סאָף יון איז אין לאָקאל פון דער רעדאקציע „סאָוועטיש היימלאנד” פאָרגעקומען א באגעגעניש מיט א דעלעגאציע רעדאקטאָרן און מיטארבעטער פון דער קאָמוניסטישער פרעסע אין יִיסראָעל, וועלכע איז לויט דער אײַנלאדונג פון דער צײַטונג „פראווּדא” געקומען אף א באזוך אין סאָוועטנפארבאנד. אין באשטאנד פון דער דעלעגאציע זײַנען געווען די רעדאקטאָרן פון די צײַטונגען „זו האדערעך” יעהודע אונגער, „דער וועג” — שלוימע בעקער, די רעדאקציע־מיטגלידער פון דער צײַטונג „אל איטיכאד” איבראהים מוגראבי און איסאם אבאסי און דער מיטארבעטער פון דער צײַטונג „זו האדערעך” דער שרײַבער אמאָס לעווין.

אינעם פרײַנטלעכן שמועס זײַנען באריִרט געוואָרן פארשיידענע אספעקטן פון דער לאגע אפן נאָענטן מיזרעך. די געסט האָבן דערציילט וועגן דער ראָליע פון דער יִיסראָעלדיקער קאָמוניסטישער פרעסע אינעם קאמף קעגן דער אנעקסיע־פּאָליטיק פון דער יִיסראָעל־רעגירונג, פאר אײַנשטעלן א דויערהאפטן שאָלעם מיט די אראבישע שכיינים.

דער הויפּט־רעדאקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאנד” ארן ווערגעליס האָט באגריסט די געסט מיט זייער באזוך אין סאָוועטנפארבאנד און אינפאָרמירט וועגן דער טעטיקײַט פון „סאָוועטיש היימלאנד”, וועגן די ליטערארישע ווערק, וואָס ווערן געדרוקט אין זשורנאל, ווי אויך וועגן די פובליציסטישע ארטיקלען, וועלכע זײַנען פארעפנטלעכט געוואָרן אין שײַכעס מיט דער פּראָבלעם פונעם נאָענטן מיזרעך.

די פאָרשטייער פון דער דעלעגאציע האָבן ארויסגעזאָגט א ווונטש, אז עס זאָלן אויסגעברייטערט ווערן די שעפערישע פארבינדונגען פון די סאָוועטישע יִידישע שריפטשטעלער מיט די פּראָגרעסיווע שרײַבער און זשורנאליסטן פון יִיסראָעל.

— בא אונדז אין יִיסראָעל איז זייער פּאָפּולער דער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד”, — האָט געזאָגט יעהודע אונגער. — מיר ווייסן פון פאקטן, ווען פיל לייענער פארנעמען זיך מיט פּאָפּוליאריזירן דעם זשורנאל און פארשפרייטן אים צווישן די מאסן.

אלע אָנטיילנעמער אין דער באגעגעניש האָבן אונטערגעשטראָכן די נויטווענדיקײַט, אז די פּראָגרעסיווע יִידישע פרעסע זאָל מער אויסשפרייטן איר ווירקונג אלס טריבונע פאר די פרידנסליבנדיקע קרעפטן אין די יִידישע יִישווים פון דער וועלט.

אינטערעסאנט איז אויך דורכגעגאנגען די באגעגעניש מיט א צווייטער יִיסראָעל־דעלעגאציע — פאָרשטייער פון דער פרײַנטשאפט־באוועגונג „יִיסראָעל — סאָוועטנפארבאנד”, וועלכע האָט געווײַלט אין מאָסקווע און אין אנדערע שטעט פון פססר לויט דער אײַנלאדונג פונעם פארבאנד פון די געזעלשאפטן פאר פרײַנטשאפט מיט אויסלאנד.

אין באשטאנד פון דער דעלעגאציע זײַנען געווען די געזעלשאפטלעכע טוער, מיטגלידער פונעם ראט פון דער פרײַנטשאפט־באוועגונג „יִיסראָעל — סאָוועטנפארבאנד” אלא גערשקאָוויטש, מישעל פאראך זשיריס, סאיִד אבו־אראב און מענאכעם קאצמאן.

די פאָרשטייער פון דער דעלעגאציע האָבן זיך געטיילט מיט זייערע אײַנדרוקן וועגן סאָוועטנפארבאנד און דערציילט וועגן דער טעטיקײַט פון דער געזעלשאפט, וועלכע קאָנסאָלידירט די פּראָגרעסיווע קרייזן אין לאנד אף צו פעסטיקן די פרײַנטשאפט מיטן סאָוועטנפארבאנד.

●

די ליד איז געבליבן

כאָשעווער כאווער רעדאקטאָר!

עס האָט זיך מיר פארגעדענקט די אנטאָלאָגיע „דאָס ליד איז געבליבן״ — לידער פון ייִדישע דיכטער, וואָס זײַנען אין פוילן אומגעבראכט געוואָרן מיצאד די פאשיסטישע מערדער.

א פּראָגרעסיווער דײַטשישער ליטעראט האָט די דאָזיקע לידער איבערגעדיכטעט אין דײַטש און ארויסגעגעבן אין דער דײַטשישער דעמאָקראטישער רעפּובליק אונטערן נאָמען „דער פידלער פון געטאָ״ (1966) מיט אן ארײַנפיר פונעם שוין איצט פארשטאָרבענעם פּראָפעסאָר בער מארק.

עפשער וואָלט געווען קעדײַ צו באקענען מיט אָט די זאמלונגען די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד״?

זיטא טאל, ריגע

פון דער רעדאקציע:

מיר פילן אויס די באקאָשע פון אונדזער ריגער לייענערן און טיילן מיט אייניקע פּראַטים וועגן די דאָזיקע זאמלונגען.

צוערשט א קלייניקע באמערקונג. אין דער אנטאָלאָגיע „דאָס ליד איז געבליבן״ זײַנען אײַנגעשלאָסן ווערק ניט בלויז פון שרײַבער, וועלכע זײַנען אומגעקומען בײַס דער אָקופּאציע, און ניט נאָר פון אזעלכע, וואָס האָבן זיך געראטעוועט, נאָר אויך פון אנדערע דיכטער, וועלכע האָבן געשריבן וועגן די געטאָ־פלאָגן.

דער בוך „דער פידלער פון געטאָ״ איז דערשינען אין לײַפּציק אין דער דײַטשישער איבערזעצונג (מיר גיבן דערבײַ א רעפּראָדוקציע פון דער הילע). האגאם דער איבערזעצער און צונויפשטעלער הורבערט וויט האָט גענומען אלס גרונט פון זײַן זאמלונג די ווארשעווער ייִדישע אויסגאבע „דאָס ליד איז געבליבן״, האָט ער געפונען פאר נייטיק אײַנצושליסן אין איר די ווערק פון אייניקע אנדערע ייִדישע דיכטער, דערונטער פון ייִצכאָק־לייבוש פּערעץ, לייב נײַדוס, דאָוויד אײנהאָרן, מוישע קולבאק, איציק מאנגער, מוישע בראָדערזאָן.

אגעוו, האָט אויך אונדזער זשורנאל אין מעשעך פון די לעצטע יאָרן פארעפנטלעכט לידער, געשאפענע אין געטאָס און אין טויט־לאגערן.

אין דער דײַטשישער אנטאָלאָגיע קאָן מען זיך באקענען מיט פּערעצעס לידער „דרײַ נייטערנס״, „א נײַ וויגליד״, „צײַט־געדיכטן״ אא., איבערגעזעצטע מיט גרויס דערעכערעץ פארן קלאסיקער פון דער ייִדישער ליטעראטור. גאנץ געלונגענע זײַנען די איבערזעצונגען פון מאָרדכע געבירטיגס „אונדזער שטעטל ברענט״, ייִצכאָק קאצענעלסאָנס „ליד פונעם דערמאָרדעטן ייִדישן פאָלק״, ייִסראָעל שטערנס „גוטע מענטשן״, מוישע שימלס „אף א הילצערנער באנק״, לייזער וואָלפס „געבעט״ און א סאך אנדערע. דעם זאמלבוך שליסט הירש גליקס „ליד פון ייִדישע פארטיזאנער״, וועלכע איז געוואָרן א הימן פון דער ווידערשטאנד־באוועגונג אין די פאשיסטישע טויט־לאגערן און געטאָס.

דאָ ניט לאנג איז אין דער דײַטשישער דעמאָקראטישער רעפּובליק דערשינען א צווייטער באנד ייִדישע פאָלקסלידער, וועלכער אנטהאלט 69 ווערק. די לידער זײַנען געגעבן אין אָריגינאל (אין לאטײַנישער טראנסקריפּציע) און אין דער דײַטשישער איבערזעצונג, באגלייט מיט נאָטן. אין דעם פאָרוואָרט צו דער זאמלונג ווערט געזאָגט:

„די ייִדישע פאָלקסלידער זײַנען א גווּיעס־איידעס און אן אָפּשפּיגלונג פון די געדאנקען און געפילן, ווי אויך פונעם קאמף פון די ייִדן אין מיזרעך־אייראָפּע. זיי גיבן אונדז א מעגלעכקײַט זיך צו

באַקענען מיט דעם לעבן פון מיליאָנען מענטשן און שפּיגלען אָפּ די ליידן, וואָס זיי האָבן געהאַט אויס־צושטיין בעמעשעך פון פיל דורעס, נאָר זייער ווירדיקייט איז ניט אײַנגעבראָכן געוואָרן — זיי זײַנען מאָראַליש געווען העכער פון יענע, וואָס האָבן זיי גערודיפעט".

פאַר די לייענער, וועלכע אינטערעסירן זיך מיט דער געטאָ־ און כורבן־דיכטונג, וואָלט געווען אינ־טערעסאַנט זיך באַקענען אויך מיט אַנדערע זאַמ־לונגען אָף דער דאָזיקער טעמע. בײַ דער געלעגנ־הײַט ווילן מיר דערמאָנען, אַז שוין אין 1945 איז אין בוקאַרעשט (רומעניע) אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ זאַמלונג „ממעמקים" („פון דער טיפעניש") — פאָלקסלידער פון לאַגערס און געטאָס אין פּוילן. עס זײַנען אויך דערשינען: אין 1948 — אַ זאַמלונג „פון לעצטן כורבן" (מינכען), אין דעם זעלבן יאָר — „לידער פון די געטאָס און לאַגערן" (ניו־יאָרק). אין וואַרשעווער פאַרלאַג „יידיש בוך" איז אין 1962 אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ זאַמלונג „דאָס ליד פון געטאָ" (מיט אַ פאָרוואָרט און מיט באַמערקונגען פון רוטע פּופּס) — העכער 70 ווערק, געשאַפן אין די לאַגערן און געטאָס.

אָט איז איינע פון די לידער פון דער דאָזיקער זאַמלונג פאַרפאַסט פון בערל טורנער:

די באַפרײַונג

וואָס סורדען זיך די ביימער אין דער נאַכט?
וואָס זײַנען זיי אַזוי אַלע פאַרטראַכט?
זיי קלערן אַרײַן אין דער גרויסער אידיי,
ווען וועט שוין קומען די רויטע אַרמיי?
„מאַמע, וואָס רוישן אַזוי די ביימער אין וואַלד?
דאָס קומען די דײַטשן אהער באַלד?
מיך האָט באַפאַלן שוין אַ מאַרעשכווירע,
איך האָב פאַר פאָגראָמען מוירע!"
„ניין, קינד, מאַך ניט קיין גערודער,
ס'גייען, לויפן אונדזערע ברידער!
די רויטע אַרמיי טוט שרײַען
און וויל אונדז שוין באַלד באַפרײַען.
לייג נאָר צו דעם אויער צו דער ערד,
הערסטו דען ניט רוישן דאָרט אַ סאַך פערד?
דאָס הורקען אַ סאַך קאַנאָנען,
אויבן וואָרטשען די לופטבאַלאָנען.
הײַנט נעכטיקן מיר אין די וועלדער,
נאָך אויך אָף די בוידעמס און פעלדער.
מיר לויפן די כאַוויירים באַגריסן,
פון דער ליכטיקער וועלט געניסן!"

■

פונעם פאָלקלאָר וועגן הערשעלע אָסטראָפּאָליער

ס'איז געווען מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק. דאָס גאַנצע לאַנד האָט זיך געגרייט אָפּמערקן דעם 300־טן יאָרטאָג זינט דער פאַרייניקונג פון אוקראַיִנע מיט רוסלאַנד. אַלס מיטאַרבעטער פונעם קאַמענעץ־פּאָ־דאָלסקער קאַנטקענטעניש־מוזיי איז מיר פאָרגעשטאַ־נען באַלייטן אַן עקסקורסיע פון שילער פון די עלטערע קלאַסן לויט די שפּורן פון די היסטאָרישע געשעענישן.

מיר האָט זיך געוואָלט וואָס בעסער דורכפירן די עקסקורסיע — די הויפּט־געשעענישן זײַנען דאָך פאָרגעקומען, אָט דאָ, אָף אונדזער פּאָדאָליער ערד. נעמען, אַשטייגער, בלויז אַזאַ שטאָט, ווי מעדזשי־באָזש. ליגנדיק צווישן בוג און בוזשאָק, האָט מעד־זשיבאָזש נאָך אין XII יאָרהונדערט געשעמט מיט איר פעסטונג. די אָרטיקע האַנטווערקער זײַנען גע־ווען באַוווּסט מיט זייערע אויסאַרבעטונגען, אַ גרוי־סער שעם איז געגאַנגען וועגן די מעדזשיבאָזשער געלערנטע לײַט.

אין אָט דער שטאָט האָבן געלעבט אוקראַיִנער, רוסן, פּאָליאַקן, יידן, אַרמענער, מאָלדאַוואַנער. דעם גאַנצן יאָך האָבן געטראָגן, געוויינלעך, די קאַפּצאָ־נים, און טאַקע זיי האָבן זיך פאַרייניקט אין געמיינ־זאַמען קאַמף קעגן די פּוילישע אונטערדריקער. אין XVIII יאָרהונדערט האָבן דאָ אין מעשעך פון נײַנ־ציק יאָר געדויערט אַנטיפעאָדאַלע אופשטאַנדן — די אַזויגערופענע הײַדאַמאַטשינע. אויך צווישן דער מעד־זשיבאָזשער יידישער אָרעמשאַפט זײַנען געווען הײַ־דאַמאַקעס. וועגן דעם יידישן אָפּשטאַם פון אייניקע הײַדאַמאַקישע אָנפירער זאָגן איידעס אַזעלכע נעמען, ווי בינדאַס און פערעכרעסט. אויך צווישן קאַרמאַ־ליוקס אופשטענדלער זײַנען געווען פיל יידן — לייב קאַרף, הערש ספּיוואַק, לייב פורמאַן, מייער האָפּ־שטיין, שמועל טעדעמאַן, יסראָעל קיפּערמאַן — טוישווים פון מעדזשיבאָזש און דעראַזשנע. אינטע־רעסאַנט איז צו באַמערקן, אַז אַפילע יידישע פרויען האָבן אָנטיילגענומען אין דעם דאָזיקן קאַמף: אין 1837, אַשטייגער, האָט מען פאַרמישפּעט צו עקזע־קוציע און אַרויסגעשיקט קיין סיביר צוזאַמען מיט לייב ווײַנבוים זײַן פרוי ביילע.

ניט ווייניק מוטיקע בלעטער האָבן אײַנוווינער פון מעדזשיבאָזש אַרײַנגעשריבן אין דער געשיכטע פון בירגערקריג און פון דער גרויסער פּאַטערלענ־דישער מילכאָמע...

און אָט זײַנען מיר אין מעדזשיבאָזש. אָף מײַנע עקסקורסאַנטן מאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק די אוראַל־טע פעסטונג מיט אירע געציינדלטע טורעמס און אַמבראַזורן. אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר דאָ פאַרבראַכט, און פאַרנאַכט איז פאָרגעקומען אַן אינטערעסאַנטער שמועס מיטן דירעקטאָר פון דער אָרטיקער שול — אַ געוועזענעם פּאַרטיזאַן פונעם אָטריאַד אָף קאַרמאַליוקס נאָמען.

ווען מײַנע שילער האָבן געהערט די דערציילונג פונעם שול־דירעקטאָר, האָב איך באַשלאָסן זיך אַראָפּלאָזן צום ברעג פונעם בוג. ס'איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט. אין דער אַרומיקער שטילקייט האָט זיך געהערט די קוואַקערײַ פון זשאַבעס, דאָס שור־שען פונעם אָטשערעט, דאָס גוזאַנג פון נאַכטפויגלען. און טאַקע דאָ האָב איך באַגעגנט זיצן באַם ברעג טײַך אַ פרוי — לייע לויפּמאַן, — וועלכע, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז מאַמעש אַ לעבעדי־קער קוואַל פון יידישן פאָלקלאָר. ווו האָט איר ביכלאַל געזען אַזאַ מענטש אין מעדזשיבאָזש, וואָס זאָל ניט וויסן הערשעלע אָסטראָפּאָליערס מײַסעס?

אויב ס'איז געקומען צו רייד וועגן הערשעלע אָסטראָפּאָליער, קאָן איך זיך מוידע זײַן, אַז אויך

איך, כאָטש איך בין לויט דער נאַציאָנאַליטעט אַן אוקראַיִנער, געפין אין זײַנע פריילעכע אופטוען א סאַך כאַראַקטעריסטישע שטריכן פונעם לעבן פון מײַן פאָלק. טאַקע אין מעדזשיבאָזש, בײַס מײַנע פריִערדיקע באַזוכן, האָב איך געהאַט פאַרשריבן געשיכטעס וועגן אים, וועלכע גייען אַרום פון מויל צו מויל אַף אונדזער פּאָדאָליע. און אַזוי־ווי איך קען א ביסל יידיש, איז מיר שטענדיק געווען ציקאַווע צו הערן מײַנע דערציילער.

האַקלאַל, א וואָרט פאַר א וואָרט, און לייג לויפמאַן דערציילט מיר א מײַסע, וואָס האָט געטראָפן מיט הערשעלען, ווען ער האָט געדינט בא דעם באַלשעמס אייניקל — רעב באָרעכלען. עמעס, איינעם א וואַריִאַנט פון אָט דער געשיכטע האָב איך שוין געהאַט אַמאָל געהערט, נאָר לייגס דערציילונג לוינט איבערצוגעבן מיט אַלע פּיטשעווקעס, וויאַזוי מיר האָט זיך אײַנגעגעבן זי צו פאַרשרײַבן.

איז אָט...

איינמאָל איז רעב באָרעכל אוועקגעפאָרן קיין לעטיטשעוו אַפן יאַריד און אָנגעזאָגט הערשעלען אָפּצוטאָן א שלאָל מיט אַרבעט, וואָס אַפילע אַף דרײַען וואָלט געקלעקט אַף דרײַ טעג. און דער טנײַ איז געווען: אויב ער וועט אויספילן דאָס, וואָס מע דאַרף, וועט ער אַף שאַבעס באַקומען א כאַלע מיט א קוגל.

הערשעלע האָט זיך שוין באַלעקט, הערנדיק דעם רעבן, און ווען יענער איז אוועקגעפאָרן, האָט ער א גאַנצן טאָג געהאָרעוועט אין זיבעטן שווייס. נאָר סײַ־ווי־סײַ האָט ער ניט באַוויזן אַלץ אָפּטאָן — ס'פאַלט שוין צו די נאַכט, און מע דאַרף נאָך אויסרייניקן די שטאַל און אָנהאָדעווען די זעקס אָקסן. הערשעלע כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ: אָט באַלד דאַרף זיך אומקערן דער רעבע — און פאַרפאַלן די כאַלע מיטן קוגל!

אָבער דאָ רײַסט זיך אַרײַן אַף דעם רעבנס הויף א יונגער באָכער אַף א פערד, וואָס זשיפּעט קוים. מיט דערשראָקענע אויגן און מיט א ציטערדיקער שטים פאַלט ער צו צו הערשעלעס פיס:

— רעבע, ראַטעוועט, איך בין זינדיק!

הערשעלע האָט גלײַך פאַרשטאַנען, אַז דער דערשראָקענער באָכער האָט פאַרביטן די יאָצרעס און אים אָפּגענומען פאַר רעב באָרעכלען. דאַרף מען טאַקע דעם כאָסיד אײַנשפּאַנען אין דער אַרבעט. א גלעט געטאָן זיך דאָס ניט זייער כשיוועסדיקע בערדל און אַרופגעצויגן אַפן פּאָנעם א פרומע מינע, זאָגט ער צום באָכער:

— באַרויִק זיך, מײַן זון! אויב ס'וואָלט ניט געווען קיין כעט, וואָלט אויך קיין טשוווע ניט געווען בענימצע. פון אומעט וואָלט דער ריבוינעשעלוילעם אין הימל אַראָפּ פון זינען, און מענטשן וואָלטן ניט געהאַט צו וועמען טפילע צו טאָן. זאָג, וואָס איז געשען?

— ס'איז געשען אַן אומגליק, רעבע הייליקער! כ'בין הײַנט געווען אין לעטיטשעוו אַפן יאַריד און אָנגעטראָפן דאָרט אַף האַנקען. זאָל מיר די צונג אָפּדאַרן, אויב איך זאָג שעקער: ווען האַנקע וואָלט געווען א יידישקע, וואָלט זי געווען דאָס ערשטע מיידל אין דער וועלט... כ'האָב זיך געדרייט אַפן יאַריד, א קלײַנט געזוכט — קיין איין פּאַסאַזשיר, רעבע! קער איך זיך אום א ליידיקער. און ווי נאָר איך פאָר אַרויס אין פעלד, זע איך: זי שטייט, האַנקע. נו, ווי זשע ניט אונטערפירן א שכײנע? פאָרן מיר אַזוי. זי שווײַגט, און איך אויך. דער וועג איז אַקוראַט דורך א וואַלד, און פּלוצעם פאַרכמורעט זיך דער הימל, און עס טוט א גאָס א רעגן, מאַמעש א פאַרפלייצעניש. האָבן די פערד זיך א קערעווע געטאָן פונעם וועג, זיך אָפּגעשטעלט, און מיר, איך און האַנקע, האָבן זיך באַהאַלטן אונטער א צעצווײַגטן דעמב. נאָר דאָ טוט א דונער און א בליץ, און אונדזער דעמב ווערט צעשפּאַלטן אַף שטיקער. האַנקע האָט זיך מיר א וואָרף געטאָן אַפן האַלדז, און איך האָב פון שרעק זי צוגעדריקט צו זיך. אוי, רעבע, זאָל איך אַזוי וויסן פון בייז, אויב איך האָב געוווּסט, וואָס פאַר אַן אומגליק וועט דערפון אַרויסקומען! בא האַנקען האָבן זיך צעפלאַקערט די אויגן אין הונדערט מאָל מער, איידער דער בליץ, וואָס האָט צעשפּאַלטן דעם דעמב, און זי האָט מיך א קוש געטאָן גלײַך אין די ליפּן. דאָס איז געווען ערגער, ווי א דונער, רעבע! איך בין שוין גרייט געווען צו ענטפערן אַף דעם שרעקלעכן קוש, נאָר גאָט האָט, אַפּאָנעם, צו אַזא כילעל־האַשעם ניט געוואָלט דערלאָזן, און ער האָט מיך פון דער אַווייִרע אָפּגעהאַלטן. אוי, ווײ צו מײַנע יאָרן! זאָלן מײַנע אויגן אַרויסקריכן, אויב איך האָב ניט געזען, ווי האַנקע האָט הײַנט אַפן יאַריד געפרעסן כאַזער! און אָט מיט די דאָזיקע טרייפע ליפּן האָט זי געקושט מײַן קאָשער מויל! וואָס זשע האָב איך געזאָלט טאָן, רעבע? איך האָב איבערגעשניטן די לייצעס, אַרופגעשפּרונגען אַפן פערד און אַנטלאָפן גלײַך צו דיר, רעבע! דאָס צווייטע פערד און דער וואָגן זײַנען געבליבן מיט האַנקען. אוי, ווײ איז מיר, איך בין זינדיק, רעבע, העלפט מיר אין מײַן אומגליק!

הערשעלע האָט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר א טיפּעש עס איז דער באָכער. האָט ער נאָכאַמאָל א גלעט געטאָן זײַן שיטער בערדל, פאַרגלאָצט די אויגן צום הימל און געזאָגט מיטן רעבנס קאָל:

— יאָ, דו האָסט געזינדיקט, זון מײַנער, און די זינד איז אומגעהייער גרויס. אָבער ס'איז דאָ א יעשוע. זעסט אָט דעם סטויג מיט קאָרענער שטרוי?

— איך זע, רעבע!

— זעסט אָט די זעקס אָקסן לעבן דער שטאַל?

— יאָ, רעבע.

— איז גיי צו צו דעם סטויג, נעם פון דאָרט זיבן סנאָפּעס, זעקס לייג אַוועק לעבן יעדן אָקס, און דער זיבעטער וועט זײַן דײַנער. זעץ זיך אַוועק לעבן די אָקסן און קײַע, קײַע, קײַע! אויב דו וועסט אָפּעסן די שטרוי פריִער, איידער די אָקסן, וועסטו ווערן ווידער קאָשער!

דער באָכער האָט זיך געסטאַרעט מיט אַלע קויכעס, און ווען ס'האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פונעם רעבנס בויד, איז פונעם סנאָפּ שוין געבליבן זייער ווייניק. אַרײַנגעפאָרן אין הויף און א קוק געטאָן אַף די אָקסן און אַפן באָכער, וואָס קײַעט די שטרוי, האָט רעב באָרעכל פאַרשטאַנען, אַז הערשעלע האָט נאָכאַמאָל אָפּגעטאָן א שפּיצל.

— הערשעלע, — האָט ער זיך צעשריגן, — לעץ איינער! וואָס באַטײַט דאָס? וואָס האָסטו אָפּגעטאָן מיט דעם דאָזיקן מענטשן?

— מיט א מענטשן? — איז שוין אופגעבראַכט געוואָרן הערשעלע. — דער, וואָס קערט זיך אַפּ פונעם סאַמע גרעסטן גליק אין לעבן, פון דעם הייליקן ליבע־געפיל, איז ניט קיין מענטש. דער, וואָס שטויסט אָפּ די בעסטע גאָב פון דער יוגנט — א קוש פון דער געליבטער, איז אוואַדע ניט קיין מענטש, נאָר א בעהיימע, אַן אָקס. און אויב אזוי — זאָל ער קײַען שטרוי!

רעב באָרעכל האָט זיך צעלאַכט. הערשעלע האָט אַף שאַבעס באַקומען דאָס צוגעזאָגטע — א כאַלע מיט א קוגל...

טײַערע רעדאַקציע! מײַנע יִדישע כאַווײרים האָבן מיר געהאָלפן איבערזעצן אַף יִדיש די עטלעכע זאַצלעך, וועלכע איך שיק דאָ אײַך. עפשער וועט איר געפינען פאַר מעגלעך זיי אָפּצודרוקן.

טאַמאַרע סיס, קאַמענעץ־פּאָדאָלסק

■

לייענער וועגן דעם זשורנאַל

כאַשעווע רעדאַקציע!

אַליין בין איך א בויער, ווױן אין קיסלאָוואָדסק, א מיטגליד פון פּאַרטיי פון 1942, אַן אָפיצער אין דעמיסיע. ס'איז געווען בא מיר א לאַנגיאָריקער פרײַנט אבראַם באָריסאָוויטש גאַל, אַן אַלטער זשורנאַליסט, מיט וועלכן איך פלעג זיך באַגעגענען זייער אָפּט. אַנומלטן קום איך צו אים ארײַן, און עס גייט אוועק א שמועס וועגן ליטעראַטור, וועגן פאָלקלאָר (איך בין „זיך מוידע“, אַז אין מעשעך פון עטלעכע יאָרצענדליקער פאַרנעם איך זיך מיט זאַמלען פאָלקס־ווערטלעך). אינמיטן די רייד כאַפּט זיך מײַן כאַווער, ווי ער וואָלט עפּעס פאַרגעסן, גייט צו צום שרײַבטיש, לייגט אוועק אַף אים עפּעס א ביכל און גייט ארויס אין קיך נאָך טיי.

געווײנלעך, איך בין נײַגעריק געווען צו וויסן, וואָס איז דאָס פאַר א ביכל, און גענומען עס אין די הענט. וואָלט איר געמעגט א קוק טאָן, ווי, אומקערנדיק זיך פון דער קיך, האָט מײַן אבראַם באָריסאָוויטש זיך צעשײַנט — צופרידן, וואָס ער האָט מיך איבערראַשט: ביז דעמלט האָב איך דעם „סאָוועטיש היימלאַנד“ קיינמאָל ניט געזען, אפילו ניט געהערט וועגן זײַן עקזיסטענץ. און אָט בא דירן צום באַדויערן, קאָן איך זיך שוין אַצינד ניט טיילן מיט די אײַנדרוקן וועגן אונדזער זשורנאַל מיט מײַן פרײַנט אבראַם באָריסאָוויטש גאַל — ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 83 יאָר. ביז די לעצטע טעג האָט ער געאַרבעט — געשריבן אַרטיקלען, פעליעטאָנען, הומאָרעסקעס. ער איז געווען א באַגאַבטער, לײַדנשאַפטלעכער זשורנאַליסט, ווען ס'איז אויסגעקומען צו אַרבעטן מיט מיכאיל קאָלצאָוו און מיט זײַן ברודער באָריס יעפימאָוו.

רוווין לאַמאָווסקי, קיסלאָוואָדסק

■

טײַערע כאַווײרים פון רעדאַקציע!

ווען איך האָב פאַרגעלייענט פאַר מײַנעם א באַקאַנטן די נאָטיץ וועגן מוסיע פינקענזאָן (געדרוקט אין נומ. 2 „סאָוועטיש היימלאַנד“ פאַר הײַנטיקס יאָר), איז ער געוואָרן אזוי אופגערודערט, אַז אין זײַנע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן. א טאַטע פון צוויי קינדער, אַן אינזשעניער אַף א זאַוואָד, האָט ער גוט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר א העלדנטאַט עס האָט באַוויזן דאָס קליינע יינגעלע.

און דעמלט איז בא אונדז אוועק א געשפּרעך וועגן דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“ (מײַן באַקאַנטער איז ניט זײַן שטענדיקער לייענער).

— נו, וואָס זשע וועט איר זאָגן? — האָב איך אים געפרעגט. — ווי קאָן מען דורכלאָזן כאָטש איין נומער?

איך שרײַב איצט דעם בריוו, קעדיי בעטן, איר זאָלט דרוקן וואָס מערער מאַטעריאַלן וועגן אונדזערע העלדן און מאַרטירער. פאַרעפנטלעכט אויך אַף ווײַטער עכט אינטערעסאַנטע קינסטלערישע ווערק.

שרײַבנדיק אײַך דעם בריוו, הער איך, ווי די ראַדיאָ גיט איבער אַלעקסיי טאָלסטאָיס דערציילונג „רוסישער כאַראַקטער“. ווי פּרעכטיק עס איז די דאָזיקע דערציילונג! איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר ווידער קומט מיר אַפן געדאַנק מוסיע פינקענזאָן — ער וואָלט איצט אַלט געווען מיסטאָמע עטוואָס מער פון פערציק יאָר. מוסיע, וועלכער שפּילט אַפן פידל לעבן דער אָפענער גרוב. ער שפּילט דעם „אינטערנאַציאָנאַל“. און ער שטייט פאַר מיינע אויגן באַנאַנד מיט דריאָמאָוון, דעם רוסישן טאַנקיסט מיטן אָפּגעברענטן פּאָנעם...

גריגאָרי ציגאַן, דניעפּראָפּעטראָווסק

שלוימע טשערניאַווסקי

אין דער לעצטער מינוט פאַרן דערשײַנען פונעם איצטיקן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד“ האָבן מיר באַקומען די טרויעריקע ידיע, אַז אין קיִעוו איז נאָך א לאַנגדויערנדיקער קראַנקײַט געשטאָרבן דער באַוווסטער סאָוועטישער יִדישער דיכטער שלוימע טשערניאַווסקי.

געבוירן אין קאָוועל (אוקראַיִנע) אין 1909, האָט ש. טשערניאַווסקי אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1933, און פון דאַן אָן איז ער געווען צווישן די אַקטיווע שעפער פון אונדזער דיכטונג.

באַזונדערס צעבליט האָט זיך שלוימע טשערניאַווסקיס טאַלאַנט אין די לעצטע יאָרן, ווען ער איז אָפט אַרויסגעטראָטן אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ מיט זײַנע פּובליציסטישע און אינטים־לירישע לידער־ציקלען.

קאָוועד זײַן אָנדענק!

דאָס איז טשיקאַווע

דער דאָקטער אײַ־באָליט

ווער האָט ניט געלייענט קאָרניי טשוקאָווסקיס ווונדערלעך מײַסעלע אין פערזן וועגן דעם דאָקטער אײַבאָליט! דאָס מײַסעלע איז איבערגעזעצט אויף צענדליקער שפּראַכן פון די פעלקער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד און אַרויסגעגעבן מיט אַ טיראַזש פון העכער עלף מיליאָן עקזעמפּליאַרן.

דער העלד פון דעם מײַסעלע איז ניט קיין אויסגעטראַכטער, אַלס פּראָטאָטיפּ האָט טשוקאָווסקין געדינט דער ווילנער דאָקטער צעמאַך שאַבאַד, מיט וועלכן ער איז געווען גוט באַקאַנט. „דאָס איז געווען, — שרײַבט אין זײַנע דערינערונגען ק. טשוקאָווסקי, — זייער אַ האַרציקער מענטש... ווען איך האָב געשריבן „אײַבאָליט“, איז פאַר מײַנע אויגן געשטאַנען שאַבאַד“.

אין ווילנע, בײַ דער געבײַדע פון דער קינדער־קאָלאָניע, וואָס שאַבאַד האָט געהאַט געגרינדעט, שטייט זײַן דענקמאָל (ער איז געשטאָרבן אין 1935). ביז איצט געדענקט מען דאָ דעם מערקווירדיקן מענטשן, וועלכער איז לאַנגע יאָרן געווען דער ליבלינג פון דער שטאָט. אַ באַזונדערן שעם האָט דאָקטער שאַבאַד געהאַט בײַ דער אָרעמער באַפעלקערונג. ער פלעגט זײַן אויף די סאַמע געפערלעכע באַצירקן פונעם קאַמף פאַר דעם מענטשנס געזונט — אין אַסטראַכאַן בײַס דער כאָלערע־עפּידעמיע, אין בײַוואָלגע בײַסן הונגער, אין דער ליטע בײַס דער עפּידעמיע פון פלעקטיפוס.

שאַבאַד איז געווען אַקטיוו אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אינטערעסאַנט איז אַזאַ עפּיזאָד אין זײַן לעבן. אין 1905 האָט ער אָרגאַניזירט דאָס זאַמלען געלט און מעדיקאַמענטן פאַר די שטרײַקנדיקע אַרבעטער. די צאַרישע רעגירונג האָט אים אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט קיין אַסטראַכאַן. אָבער די ווילנער אײַנוווינער האָבן אַזוי שאַרף און איינמוטיק פּראָטעסטירט קעגן דעם, אַז די מאַכטהאָבער האָבן אים געמוזט אומקערן אין זײַן היימשטאָט.

די וועלט ווייסט ניט ווייניק „אײַבאָליטן“. אין סיביר וווינט יעלענאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ קרוטאָווסקאַיאַ. איר האָט מיסטאָמע געהערט וועגן די באַרימטע קראַסנאָיאַרסקער „סטויפּעס“. דאָס זײַנען פעלדזן אויפן רעכטן ברעג פונעם טײַך יעניסיי, וואָס האָבן אָנגענומען ביז גאָר אויסטערלישע פאָרמען. איז אָט — ניט ווײַט פון זיי, אין דעם שטילן טאָל, טרעפט איר אָן אויף אַ שטעג, וועלכער פירט צו אַן אייגנאַרטיקן שפּיטאָל... אַ שילדל זאָגט אָן: „דאָ וווינט אַ גוטער דאָקטער, וועלכער היילט כײַעס און פויגלען, קאָרבאָנעס פון די בראַקאָניערן“.

טשיקאַווע איז די געשיכטע פון אָט דעם שפּיטאָל. אָנגעהויבן האָט זיך עס אין 1961. אַהער האָט מען דעמלט צום ערשטן מאָל געבראַכט פאַרווונדעטע קראַנקע כײַעלעך און פייגל, אויף וועלכע ס'איז פּאָשעט געווען אַ ראַכמאָנעס צו קוקן. יעלענאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט זיי גענומען היילן און קימאַט אַלע געראַטעוועט. נאָך מער, זי האָט זיך צו זיי אַזוי צוגעבונדן, אַז אַ סאַך פון די אויסגעהיילטע באַשעפענישן זײַנען פאַרבליבן בײַ איר. איצט נעמט זי אויף העכער דרײַסיק טויזנט „פּאַציענטן“ אַ יאָר. אין צענדליקער שטיבעלעך בײַ די „סטויפּעס“ האָבן געפונען אַ מאָקעם־מיקלעט בערן און הירשן, האָזן און שטעכלערס, סאָוועס און קראָען און אַנדערע כײַעס און פייגל, און עס היילט זיי דער גוטער דאָקטער.

די געשיכטע ווייסט ניט ווייניק פאַקטן פון איבערגעגעבענער מענטשלעכער האַזשגאָכע איבער באַלעכאַיִם. דער באַוווּסטער קינסטלער־פּייזאַזשיסט אַ. אי. קוינדזשי, וועלכער האָט געשאַפן אומפאַרגעסלעכע בילדער פון דער רוסישער נאַטור, איז געווען אַ טרײַער באַשיצער פון די פעטערבורגער פייגל. ער האָט זיי ניט בלויז געהאָדעוועט, נאָר אויך געהיילט. אַלעקסאַנדער סוואָראָוו פלעגט ליב האָבן ווינטער אופּהאַלטן בײַ זיך אין דער היים פייגל און פרילינג זיי אַרויסלאָזן אויף דער פרײַ.

פון די הײַנטצײַטיקע „אײַבאָליטן“ דאַרף מען דערמאָנען דעם פּוילישן רײַזנדער ב. גרזשימעק, וועלכער האָט אָנגעשריבן עטלעכע פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע ביכער וועגן דער נאַטור. ברייט באַוווּסט איז דער נאָמען פון אַלבערט שווייצער, וועלכער האָט אָנערעך מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק זיך באַזעצט אין אַפריקע „פון גרויס אָפּשײַ פאַר אַלדאָס לעבעדיקע אויף דער ערד“, — ווי ער האָט זיך אַליין אויסגעדריקט.

אין גאַבאָן (אַ מעלוכע אין דער עקוואַטאָריעלער אַפריקע) האָט שווייצער געגרינדעט אַ הײַנטצײַטיקן שפּיטאָל פאַר דער אָרטיקער באַפעלקערונג. פאַר דער מעדיציינישער הילף און באַדינונג פלעגט מען קיין געלט ניט דאַרפן צאָלן. שפּײַז און היילונג האָבן דאָ אויך באַקומען באַלעכאַיִם — הינט, אַנטילאָפּעס, קעץ, מאַלפּעס. „קיין איין לעבעדיק וועזן זאָג איך ניט אָפּ אין הילף“ — אַזאַ פלעגט זײַן שווייצערס דעוויז.

הומאַנישע באַציִונג צו באַלעכאַיִם, צו אַלדאָס לעבעדיקע איז געוואָרן איינער פון די כאַראַקטעריסטישע שטריכן בײַ די סאָוועטישע מענטשן. בײַשפּילן אויף צו באַשטעטיקן עס קאָן מען ברענגען אָן אַ שיר. אָט איז איינער פון זיי.

אָנהייב פרילינג 1945. דעם דריטן טאָג דויערן די שלאַכטן אין ראַיאָן פון קעניגסבערגער זאָאָפּאַרק. ענדלעך רײַסן זיך אַרײַן אונדזערע סאָלדאַטן אויף דער טעריטאָריע פונעם פּאַרק און ווערן געפּלעפט פונעם בילד, וואָס זיי זעען: אויף דער צענטראַלער אַליי ליגן צוויי לייבן. דאָס האָבן די פאַשיסטן זיי אַרויסגעלאָזט פון די שטײַגן, קעדיי איבערשרעקן אונדזערע שלאַכטלײַט. אָבער די שיסערײַ איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז די לייבן האָבן זיך אָנגעהויבן וואַרפן אין אַלע זײַטן, זוכנדיק אַ באַהעלטעניש. און דעמלט האָבן די פאָלקסשטורמיסטן זיי דערשאָסן.

וואָס ווײַטער אונדזערע שלאַכטלײַט זײַנען געגאַנגען איבערן פּאַרק, אַלץ שרעקלעכער איז געוואָרן דאָס בילד: צעוואַלגערטע וואָליערן, דערהאַרגעטע אָדלערס און שוואַנען, אַ בעהעמאָט גייט אָפּ מיט בלוט...

— ער אָטעמט נאָך... — האָט געזאָגט איינער פון די סאָלדאַטן, וועלכער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דער פאַרווונדעטער כײַע. — עפּשער קאָן מען אים נאָך ראַטעווען?

אין אַ סאַך יאָרן אַרום האָט מען פון די נאָטיצן, וועלכע זײַנען געבליבן אין די אַרכיוון פון דער שטאָט, זיך דערוווּסט, אַז דער בעהעמאָט האַנס איז געווען פאַרווונדעט מיט זיבן קוילן און שפּליטערס, און דרײַ וואָכן נאָכאַנאַנד איז געגאַנגען אַ קאַמף פאַר זײַן לעבן.

...דער מענטש ווײַזט ארויס פיל זאָרג פארן געזונט פון די כײַעס. אין האָלאנד, צום בײַשפּיל, האָבן די גאָרילעס אין זאָאָפּארק געליטן פון שווערע פּסיכישע אומנאָרמאלקײַטן איבער די ראשיקע האַמוינים באזוכער. די אדמיניסטראַציע האָט געזוכט מיטלען, ווי־אזוי צו בארויִקן די מאלפּעס. סאָפקאָלסאָף האָט מען געפונען אן אויסוועג. אין די שטײַגן האָט מען אוועקגעשטעלט טעלעוויזאָרס, און דאָס איז די מאלפּעס געפעלן געוואָרן. שאָענווײַז פלעגן זיי קוקן מולטיפּליקאציע־פילמען, הערן מוזיקאלישע קאָנצערטן.

אינטערעסאנט, אז אייניקע קרענק פון באלעכאַיִם האָבן א סאך געמיינזאמס מיט די קרענק פון מענטשן. גריפּ, אשטייגער, איז פארשפרייט אויך בא באלעכאַיִם און פויגלען. פון ציין־קאַריִאָז, ווי אויך פון כראָנישער אנגינע, לונגען־אָנצינדונג און פארשיידענע געשווילעכצן, לײַדן די וואלפישן. פאר אָט די יאַמגיגאנטן איז אן ערנסטע געפאר אויך אטעראָסקלעראָז. בא איינעם אן אלטן קאשאלאָט האָט מען אפן הארצן אפילע געפונען א דײַטלעכן שפּור פון אן אינפארקט.

ס'איז צו באוווּנדערן, וואָס מיט זייערע קרענק ספּראווען זיך די וואלפישן אליין. מעגלעך, אז דאָס דערלערנען זייערע „הייל־מיטלען" וועט אונטערזאָגן די דאָקטוירים נײַע מעטאָדן פון היילן דעם מענטשן.

וועגן אאוטאָטעראפּיע (אליין־היילונג) בא באלעכאַיִם דערמאָנט דער אלט־רוימישער שרײַבער און געלערנטער פּליני דער עלטערער. אין זײַן ווערק „די נאטורגעשיכטע" ווערט געזאָגט: ווען א הונט דערפילט א ווייטעק אין בויך, עסט ער אוף געוויסע גראָזן, קעדיי אויסברעכן.

א בער וועט זיך ניט לייגן אין דער הייל אפן ווינטער־שלאָף, איידער ער וועט זיך ניט באַפרײַען פון די מאָגן־ווערעם. קעדיי ראטעווען זייערע קינדער פון ראכיט, אָרדענען אײַן דער פוקס און דער מוילוואָרף עמעסע זונוואנעס פאר זיי.

מע דערציילט, אז א הונט, בא וועלכן דער אקאדעמיקער אי. פּ. פּאוולאָוו האָט געמאכט אן עקספּערימענטאלע אָפּעראציע אפן מאָגן, האָט זיך אליין אויסגעהיילט פון א יאטערנדיקער ווונד מיט דער הילף פון קרײַד, וואָס ער פלעגט הריזען פון די ווענט אין דער לאבאָראטאָריע.

וועגן אאוטאָטעראפּיע בא באַלעכאַיִם שרײַבן אין זייערע ווערק סוויפט, טאָלסטאָי, טשעכאָוו, קופּרין, יעסענין, טשוקאָווסקי, אײַטמאטאָוו און אנד.

פאראן אויך, אזוי צו זאָגן, „דאָקטוירים אײַבאָליטן" צווישן די באלעכאַיִם. מיר האָבן אין זינען די פאלן, ווען באלעכאַיִם העלפן דעם מענטשן צו פארהיטן דאָס געזונט. לעצטנס איז פּאָפּולער געוואָרן דער מעדיצינישער טערמין פויגל־טעראפּיע. די פויגלשע טרעלן, צום בײַשפּיל, העלפן פון שלאָפלאָזיקײַט. אין איינעם א קינדער־שפּיטאָל אין כמעלניצקער געגנט איז פאראן א ניט געוויינלעכער „הייל־קאבינעט": א גרויסע שטײַג מיט עטלעכע צענדליק פארשיידענע פייגעלעך און אן אקוואריוּם מיט פישעלעך. די גוטע שטימונג, וואָס שאפט זיך בא די קינדער, ווען זיי שפּירן נאָך די לעבעדיקע וועזנס, ווערט א ווירקזאמער הייל־פאקטאָר.

יאנקעוו גינעווסקי

כראָניק

„זיי זײַנען געווען די ערשטע"

אזוי איז אָנגערופן געוואָרן די אויסשטעלונג וועגן די וועטעראַנען — בויער פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, וועלכע איז באוויזן געוואָרן אין בירָאבידזשאַנער קאנטקענטעניש־מוזיי.

די עקספּאָנאטן פון דער אָריגינעלער עקספּאָזיציע דערציילן וועגן די ענטוזיִאסטן, וואָס האָבן אין די דרײַסיקער יאָרן געקאָרטשעוועט וואלד, אופגעהויבן נײַערד, דורכגעלייגט וועגן אין דער ווײַטמיזרעכדיקער טײַגע. אף די פאָטאָגראפיעס זעען מיר די ערשטע בויער פון דער געגנט.

מיכאַיִל קאָגאן איז אהער געקומען אין אפּרעל 1930 מיט א גרופּע יוגנטלעכע פון פּאָלטאווע. די היגע אײַנוווינער האָבן פרײַנטלעך באגעגנט די איבערוואנדערער, געהאָלפן זיי זיך אײַנאָרדענען, באַהערשן פּראָפעסיעס. בישכיינעס מיט קאָגאנס פּאָרטרעט הענגט א גראמאָטע פון יענע 30־ער יאָרן, מיט וועלכער די אמורזעטער מאַשין־טראקטאָר־סטאנציִע האָט באַלוינט די בריגאדע פונעם קאָלווירט „רויטער אָקטיאבער" אונטער דער אָנפירונג פון איינעם פון די עלטסטע מעכאניזאטאָרס פונעם דאָרף אמורזעט יודל שפּאָליאַנסקי, ווי אויך זײַן מאנדאט פון א דעלעגאט פונעם ערשטן צוזאמענפאָר פון די סאָוועטן פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, און פיל אנדערע אינטערעסאנטע דאָקומענטן.

א דענקמאָל דעם דיכטער מאָטל גרוביאן

דעם 12 יון איז אין מאָסקווע אפן וואָסטריאקאָווער בעסוילעם אנטהילט געוואָרן א דענקמאָל אפן קייווער פונעם באוווּסטן ייִדישן סאָוועטישן דיכטער מאָטל גרוביאן. עס האָט זיך פארזאמלט א גרויסער אוילעם — ייִדישע און רוסישע ליטעראטן, ארטיסטן פונעם מאָסקווער ייִדישן טעאטראלן אנסאמבל, פונעם רוסישן טעאטער אף א. ס. פּושקינס נאָמען און פון אנדערע טעאטערן, פאָרשטייער פון דער פּרעסע, קינסטלער, פאַרערער פון דעם דיכטערס שאַפונג. דעם אייגנארטיקן קונסטמאָנומענט האָט געשאפן דער לעניִנגראדער סקולפּטאָר פייסעך קריוואָרוצקי.

דער הויפּט־רעדאקטאָר פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" ארן ווערגעליס האָט באם עפענען דעם דענקמאָל גערעדט וועגן מאָטל גרוביאנען, וועמענס נאָמען, אלס דיכטער און פאָלקס־מענטש, לעבט אין זײַנע לידער און באלאַדעס, אין זײַנע מערקווירדיקע ווערק, וועלכע גייען ארײַן אינעם גאָלדענעם פאָנד פון דער פילנאַציִאָנאלער סאָוועטישער ליטעראַטור.

עס זײַנען ארויסגעטראָטן די שרײַבער אווראָם גאָנטאר, שמועל גאָרדאָן, גריגאָרי לעווין, די פארדינסטפולע ארטיסטן פון דער רעפּובליק אָסקאר רעמעז און יעקאַטערינא גאָלאָווינא, די באקאנטע ייִדישע שוישפּילערן לייע קאָלינע. באם דענקמאָל האָבן געקלונגען מאָטל גרוביאנס לידער אף ייִדיש און אף רוסיש. אין א מינוט פון שטילשווײַגן האָבן די פרײַנט פונעם דיכטער פארנייגט די קעפּ פאר זײַן ליכטיקן אָנדענק. באם צופוסנס פונעם דענקמאָל איז אויסגעוואקסן א בארג מיט בלומען.

וויצן פון ישׂראל

פון טויט און פון לעבעדיק

(און עמעסע געשיכטע)

אין דער ישׂראָעל־פּרעסע האָט זיך געטומלט ארום דעם רעגירונג־פּראָעקט, מע זאָל פירן פּראָפּאגאנדע בא די ייִדן אין „גאָלעס”, וועלכע האָבן באַם לעבן ניט קיין כיישעק צו באַזעצן זיך אין ישׂראָעל, אַז זיי זאָלן זיך לאָזן אריבערפירן אהין נאָכן טויט. די פּראָעקט־געבער ווײַזן אָן, אַז דאָס וואָלט פאר ישׂראָעל גע־ווען א גאָלדן געשעפט, א שמאַלץ־גרוב מאַמעש. קוידעמקאָל וואָלטן די קרויווים געדארפט צאָלן מיט דאָלארן אָדער מיט פונטן פאר אריבערפירן די קער־פּערס, פארן פּלאַץ, פאר דער מאַ־צייווע, פאר די אייל־מאָלע־ראַכ־מימס; אויסער דעם, וועלן די קרויווים פאָרן אָף קייווער־אָוועס און אפּסנײַ איבערלאָזן פיל געלט. וועגן אָט דער נײַער „אַלִיאַ” האָט איינער א זשורנאליסט באַ־מערקט: א ביזנעס צו רײַסן געלט פון טויט און פון לעבעדיק...

א שטילער ציִוניסט

אפן לעצטן ציִוניסטישן קאָנ־גרעס האָט איינער דערציילט ני־סים־וועניפלאָעס וועגן זײַן רײַכן פעטער:

— איר רעדט וועגן דעם, אַז ציִוניסטן פון כוץ־לעאָרעץ זאָלן אוילע זײַן קיין ישׂראָעל? איך האָב א רײַכן פעטער, האָט ער א טעווע, אַז ווען ער צעלאָזט זיך, קאָן ער פארקויפן זײַן גאַנץ פאר־מעגן אין מ׳אמי־ביטש, אמעריקע, און אין איין שיינעם טאָג קומען מיט זײַן ווײַב און קינדער קיין ישׂראָעל.

— איז פארוואָס טוט ער עס טאַקע ניט?

— וואָס הייסט ער זאָל דאָס טאָן? איך האָב דאָך אײַך געזאָגט „ווען ער צעלאָזט זיך”. און מײַן פעטער איז זייער א שטילער מענטש, נישט קיין צעלאָזענער.

דער נעס איז ניט געשען

— הערסט, ווען איך האָב א ביסל מזל, האָט געקאָנט מיט מיר נעכטן געשען א נעס, און איך וואָלט אין איין מינוט גע־וואָרן רײַך ווי קורעך.

— ווי?אזוי?

— איך בין נעכטן פארבײַגע־גאַנגען א באַנק, האָב איך געזען, ווי א גרויסע צאָל מענטשן גייען ארײַן און ארויס. בין איך ארײַנ־געגאַנגען. איך האָב זיך ארומגע־דרייט פון טישל צו טישל, און די באַאמטע האָבן מיך אָנגעקוקט און גאָרנישט ניט געזאָגט. בין איך צוגעקומען צום קאַסיר און געזען, אַז ער ציילט שווערע פּעק מיט טויזנטער פונטן. האָב איך זיך אָפּגעשטעלט, אים אָנגעקוקט, און אויך גאָרנישט ניט געזאָגט. עס האָט געפעלט בלויז איין וואָרט, אַז יענער זאָל א זאָג טאָן: „כאַיִם, נעם!”, וואָלט איך הײַנט געווען דער גרעסטער גוויר.

א בילדל אין אויטאָבוס

א מאַן זיצט אין אויטאָבוס, האַלט די צײַטונג „דזשערוזאַלעם־פּאָסט” און איז פארטיפט אין לייענען. דערווײַל באַמערקט ער, אַז זײַן שאָכן האַלט אויך א „דזשערוזאַלעם־פּאָסט” און לייענט. פרעגט ער:

— איר זײַנט אויך א לייענער פון „דזשערוזאַלעם־פּאָסט”?

ענטפערט דער שאָכן:

— און איר האַלט אויך די צײַ־טונג פאר די אויגן, קעדיי איר זאָלט ניט דארפן אָפּטרעטן אײַער פּלאַץ א פרוי?

אן אייצע צו די וואַלן

— איך האָב אן אייצע, ווי?אזוי די וואַל־קאַמפּאַניע צו דער קנע־סעט זאָל אדורכגיין רוִיק און אָן זידלערײַען צווישן די פּארטייען.

— ווי?אזוי? וואָס פאר אן איי־צע?

— איך שלאָג פאָר, אַז אַלע זידלערײַען זאָלן די פּארטייען ארויסגעבן אין א בוך. איז פאַראַן א האָפענונג, אַז דאָס בוך וועט ניט געלייענט ווערן און עס וועט זײַן שאַ־שטיל.

אַן עקזאַמען

א נײַער אוילע האָט געדארפט אָנקומען אַף ארבעט, האָט אים דער דירעקטאָר געשטעלט פאר אַן עקזאַמען:

— ווו געפינט זיך הערצל?

— ער איז געשטאָרבן.

— איך מיין ניט דעם מענטש הערצל, נאָר דעם בארג הערצל.

— איך ווייס ניט. איך בין נאָך דאָרט קיינמאָל ניט געווען.

— שטיצסטו דעם איצטיקן רעזשים אין לאנד?

— דאָס קאָן איך ניט, איך אליין ווער געשטיצט פון דער סאָכנוט.

א געשפרעך אין מאקוילעס

— וויפל קאָסט בא אײַך א שאכטל סארדינען?

— א שאכטל סארדינען קאָסט א יִיסראָעל־פונט, — ענטפערט דער קרעמער.

— פארוואָס עפּעס א פונט? אין מאקוילעס קעגניבער קאָסט א שאכטל סארדינען נאָר 80 פּיאַסטער.

— איז קויפט אין יענעם מאקוילעס.

— אָבער אין יענעם מאקוילעס זײַנען ניטאָ קיין סארדינען.

— זייער שיין. ווען איך וועל ניט האָבן קיין סארדינען, וועל איך אײַך פארקויפן א שאכטל פאר 30 פּיאסטער.

●

א לעקציע זאָאָלאָגיע

א מעלאמעד דערקלערט זײַנע טאלמידים די גוצלעכקײַט פון די כײַעס און אויפעס, וואָס דער אייבערשטער האָט באשאפן. פרעגט ער:

— זאָגט מיר, צו וואָס האָט דער אייבערשטער באשאפן די קאץ?

בייזערט זיך דער מעלאמעד, וואָס די קינדער ווייסן ניט דעם ענטפער:

— שקאָצים, וואָס פארשטייט איר ניט? טאָמער מאכט זיך, אז א מויז פאלט ארײַן אין טאָפּ, קאָן מען זי דאָך מיט דער האנט ניט ארויסנעמען, ווײַל דאָס איז א טומע זאך, לאָזט מען אהין ארײַן די קאץ, און זי נעמט ארויס די מויז. און צוליב וואָס האָט גאָט באשאפן דעם שעפּס, ווייסט איר?

— ניין, — ענטפערן די טאלמידים.

— אָט, פארשטאָפּטע קעפּ! זאָג נאָר, מוישעלע, וואָס טראָגסטו אַף דײַן לײַב?

— א וואָלן לײַבל, רעבע.

— און פון וואָס איז דאָס לײַבל געמאכט?

— פון מײַן טאטנס אַן אלטער קאפּאָטע.

●

אַן אויסוועג

— ווי געפעלט אײַך, וואָס מע האָט באשטימט דאָוויד אליִעזערן אלס שעף פון גענעראל־שטאב אָנשטאָט כאַיִם באר־לעוו?

— פון מיליטערישן שטאנדפונקט איז דאָוויד אליִעזער זייער א גוטער קאנדידאט, אָבער איך האָב א בעסערן.

— וועמען?

— אלס קאָמאנדיר אין מילכאָמע־איניאָנים וואָלט איך בעסער פאָרגעשלאָגן דעם דירעקטאָר פון אונדזער זאוואָד. יענער האָט שוין באוויזן, וויִאזוי עס קאָן גאָרנישט ווערן פון א גרויסער אונטערנעמונג. וואָלט ער אויך געמאכט, אז פון דער מילכאָמע זאָל גאָרנישט ניט ווערן.

צו וואָס דארף מען א ביקס?

א גרופּע יעשיוועבאָכערים האָבן באשלאָסן זיך צו שטעלן צו מיליטער־דינסט. דער קאָמאנדיר האָט זיי פײַן אופגענומען און זיי געשטעלט די ערשטע פראגע:

— צי ווייסט איר, צו וואָס א זעלנער דארף האָבן א ביקס?

— די ביקס איז געגעבן געוואָרן צו שיסן, זאָל גאָט באהיטן, — האָבן אלע אין איין קאָל געענטפערט.

די וויצן זײַנען גענומען פון דער יִיסראָעלדיקער פּרעסע.

אַ ליבהאָבער און פּאָפּולאַריזאַטאָר פונעם געדרוקטן וואָרט

אַ לעמאַל, ווען איך קום צו פאָרן קיין ווילנע, באַגעגן איך זיך בײַ דער ערשטער געלעגנהייט מיט יאַנקל וויניצקין — דעם כּאַשעוון מענטשן פון שטאָט, וועלכער איז דאָ גוט באַקאַנט אַלס איינער פון די וועטעראַנען פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין דער בורזשואַזער ליטע און אָנגעזעענער געזעלשאַפטלעכער טוער אין דער ליטווישער סאָוועטן־רעפּובליק. אין משך פון פיל יאָרן איז יאַנקל וויניצקי שעפעריש פאַרבונדן מיטן צענטראַלן הויז פון די פּראָפאַריינען אַלס מיטגליד פונעם קונסט־ראָט, אומדערמידלעכער אָרגאַניזאַטאָר און דערציער פון דער קינסטלערישער זעלבסטעטיקייט — דער גרינדער פונעם ווילנער יידישן פאָלקס־טעאַטער.

פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס איר קאָנט אָפט טרעפן וויניצקין נאָך דער אַרבעט, ווי ער שפּאַנט איבער די אויסגעפלאַסטערטע טרעפּ פונעם טאַוראַס־באַרג, וועלכע פירן צום פּרעכטיקן פּאַלאַץ פון די פּראָפאַריינען. יאַנקל וויניצקי האָט דאָ שטענדיק וואָס צו טאָן: אַרויסטרעטן אויף אַ זיצונג פונעם קונסט־ראָט, בײַזײַן אויף אַ רעפּעטיציע פון אַ נײַעם ספּעקטאַקל פונעם פאָלקס־טעאַטער, אָדער גלאַט זיך דורכשמועסן מיט עמעצן פון די אָנפירער פון די זעלבסטעטיקע קרײַזן. אָבער מיט דעם שעפּן זיך ניט אויס זײַנע געזעלשאַפטלעכע איניאַנים.

א ליבהאָבער פונעם יידישן געדרוקטן וואָרט און אַ גרויסער פרײַנט פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", ווידמעט וויניצקי ניט ווייניק צײַט דער פאַרשפּרייטונג פונעם זשורנאַל צווישן די לייענער.

אַ טאָג פאַר אונדזער באַגעגעניש האָט ער צוזאַמען מיט די געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" — דעם אַרבעטער פון אַן אונטערנעמונג און שוישפּילער פונעם יידישן פאָלקס־טעאַטער וועלוול שאַלקינסקי, דעם סטאָליער לייב מאַנדל, דעם מאָלער נאָכעם אַלפּערט — דורכגעפירט אין איינעם פון די צימערן פונעם קולטור־הויז אַ שמועס מיטן לייענער־אַקטיוו פון דעם זשורנאַל.

וויניצקי דערציילט מיר וועגן אָט דעם שמועס, און איך קוק דערווײַל מיט נײַגער אויף אים — דעם באַשיידענעם און אַרבעטסזאַמען מענטשן, אויף זײַן מאָגערלעך פאַרברוינט פּנים, אויף דער דאַרפישער רויקייט אין אַלע זײַנע באַוועגונגען — שטריכן, וואָס דערמאָנען אין אַ מענטשן, וועלכער האָט נאָרוואָס זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט אין סטעפּ אָדער פון אַ בוי־באַצירק.

אין דריטן באַנד פון דער „קליינער ליטווישער ענציקלאָפּעדיע" האָב איך זיך באַקאַנט מיט אייניקע פּראַטים פון וויניצקיס ביאָגראַפיע. ער איז געבוירן געוואָרן אין 1907 אין דער שטאָט קעדאַיניאַי (קיידאַן) אין אַן אָרעמער אַרבעטס־פאַמיליע. צו 15 יאָר, לערנענדיק זיך אין אַן אָוונט־שול פון דער „קולטור־ליגע", איז ער שוין אַ מיטגליד פון אַן אומלעגאַלן רעוואָלוציאָנערן קרײַזל. אין 1923 געפינט מען זײַן נאָמען צווישן די ערשטע קאָמיוגיסטן פון קיידאַן. שפּעטער טרעט ער אַרײַן אין דער אומלעגאַלער ליטווישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און ווערט סעקרעטאַר פון קיידאַנער ראַיאָנעם קאָמיטעט.

אין דער בורזשואַזער ליטע איז וויניצקין אויסגעקומען אויסצושטיין אַרעסטן, לאַגערן, טורמעס.

אין די דרײַסיקער יאָרן קומט וויניצקי אָן זיך לערנען אין מאָסקווע אין אַן אינטערנאַציאָנאַלער לענין־שול, ווו ער שטודירט די יסודים פון מאַרקסיזם־לעניניזם. נאָכן פאַרענדיקן די שול קערט ער זיך אום קיין קאָוונע. אין 1936 ווערט ער דאָ נאָכאַמאָל אויף לאַנג פאַרמישפּעט צו טפיסה.

אין 1940, ווען ליטע איז געוואָרן סאָוועטיש, ווערט וויניצקי אויסגעוויילט אַלס ערשטער סעקרעטאַר פונעם ווילנער געביט־קאָמיטעט און אַלס צווייטער סעקרעטאַר פונעם שטאָטישן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. אין די יאָרן פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע און נאָכן זיג איבערן פאַשיסטישן דײַטשלאַנד פילט ער אויס אַ ריי פּאַרטיייִשע און ווירטשאַפטלעכע אַרבעטן, פאַר וועלכע ער איז באַלוינט געוואָרן מיט הויכע אויסצייכענונגען. פאַר זײַן פילאַריקער קולטור־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט איז אים צוגעייגנט געוואָרן דער ערן־טיטל פאַרדינסטפולער קולטור־טוער פון דער ליטווישער רעפּובליק.

ביז הײַנטיקן טאָג זעצט פאָר וויניצקי זײַן אַרבעט סײַ אַלס אינזשעניר, סײַ אין געזעלשאַפטלעכן געביט. ער איז ענג פאַרבונדן מיטן צענטראַלן הויז פון די ליטווישע פּראָפאַריינען — דעם וויכטיקן קולטור־צענטער פון שטאָט, ווו עס וואַקסט און אַנטוויקלט זיך די ליטווישע, רוסישע און יידישע זעלבסטעטיקע קונסט. ווי פריער, האַלט אונטער יאַנקעוו וויניצקי די ענגסטע פאַרבינדונג מיטן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" און מיט זײַנע לייענער.

וויניצקי שרײַבט אין איינעם פון זײַנע בריוו: „היאָר איז אין ווילנע די צאָל לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" אויסגעוואַקסן אין פאַרגלײַך מיטן פאַריקן יאָר אויף אַריבער 50 נײַע אַבאָנירטע לייענער. דאָס זעלבע וועלן מיר אויך דערגרייכן אין קאָוונע, וווּהין מיר וועלן אינגיכן אַרויספאָרן אויף אַן אָוונט צוזאַמען מיטן קאָלעקטיוו פון אונדזער פאָלקס־טעאַטער".

י. שוסטער

שרײַבער און ווערק

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר

דעם 31 אווגוסט 1749, מיט 225 יאָר צוריק, איז אין מאָסקווע געבוירן געוואָרן דער רוסישער שרײַבער, גרונטלייגער פון דער רעוואָליוציאָנערער ריכטונג, אלעקסאנדער ניקאָלײַעוויטש ראַדישטשעוו.

א גוואלדיקע ווירקונג אף ראַדישטשעווס אידייִשער אנטוויקלונג האָט געהאט דער פוגאטשאָוור אופשטאנד. ראַדישטשעוו האָט זיך געפונען אונטערן אײַנפלוס פון די פראנצויזישע אופקלערער וואָלטער, דידראָ, רוסאָ און פון די רוסישע אופקלערער יא. פ. קאָזעלסקי, נ. נ. נאָוויקאָוו.

זײַן גרונט־ווערק „א רײַזע פון פעטערבורג קיין מאָסקווע" גיט א ברייט בילד פון דער רוסישער ווירקלעכקײַט אין שײַן פון די סאָציִאלע ווידערשפרוכן פון דער עפּאָכע. דאָס בוך, פול מיט ליבשאפט צום פארשקלאפטן פויערטום, מיט האס צו די פּריצים־לײַבייגנטימער, מיט פּראָטעסט צו דער זעלבסטהערשעריש־לײַבייגנטימערישער אָרדענונג, האָט דערוויזן, אז דער בונט פון די פויערים קעגן די פּריצים איז יוישערדיק און גערעכטיק. אין 1783 איז דערשינען ראַדישטשעווס אָדע „פרײַהײַט", וואָס איז געווען די ערשטע רעוואָליוציאָנערע ליד אין רוסלאנד. די אָדע פארענדיקט זיך מיט דער נבֿואה, אז אין דער צוקונפט וועט זיגן די רעוואָליציע.

פאר דעם בוך „א רײַזע פון פעטערבורג קיין מאָסקווע" איז



ראַדישטשעוו פארשפּארט געוואָרן אין פעטראָפּאוולאָווסקער פעסטונג. מע האָט אים פארמישפּעט צו טויט־שטראָף. יעקאטערינע II האָט אים די טויט־שטראָף פארביטן אף 10 יאָר פארשיקונג אין סיבירער אָסטראָג אילימסק. דאָרט האָט ער געשאפן זײַן פילאָסאָפיש ווערק „וועגן דעם מענטשן, וועגן זײַן טויט און אומשטערבלעכקײַט", וווּ ער שטעלט פעסט, אז דער מאטעריִאליזם איז די איינציקע וועלטאָנשויונג, וואָס העלפט צו באנעמען די נאטור, די געזעלשאפט, דעם מעהוס פונעם מענטשן.

אין 1801, בייס דער הערשאפט פון אלעקסאנדער I, איז ראַדישטשעוו ארויס אף דער פרײַ. ער האָט זיך אומגעקערט קיין פעטערבורג און ווײַטער געשריבן זײַנע קינסטלערישע, פילאָסאָפישע און עקאָנאָמישע ווערק. אלס ענטפער אף די נײַע דראָונגען צו אָנווענדן קעגן אים רעפּרעסיעס און אף דער העץ־קאמפּאניע, איז ער דעם 24 סענטיאבער 1802 באַגאנגען זעלבסטמאָרד.

וו. אי. לענין האָט געשטעלט ראַדישטשעווס נאָמען אפן ערשטן אָרט צווישן די רוסישע רעוואָליוציאָנערן, וועלכע רופן ארויס באם פאָלק א געפיל פון נאציאָנאלן שטאָלץ. אין מאָסקווע איז ראַדישטשעווס ביוסט (קינסטלער — ס. פאָקין) אוועקגעשטעלט געוואָרן אין 1950 אף דער ראַדישטשעוו־גאס.

דעם 3 אווגוסט ווערט 120 יאָר, זינט אין שטעטעלע ווערכאָווקע (פּאָדאָליע) איז געבוירן געוואָרן דער שרײַבער בען־אמי (כאַיִם־מאָרדכע ראבינאָוויטש).

בען־אמי האָט דעם גרעסטן טייל פון זײַן לעבן געווינט אין זשענעווע. ער האָט געשריבן דערציילונגען, עסייען און פּובליציסטישע ארטיקלען אין רוסיש, העברעיִש און ייִדיש. ווי דר. ייִסראָעל צינבערג טיילט מיט, זײַנען „בען־אמיס דערציילונגען געווען זייער פּאָפּולער צווישן די ייִדישע מאסן אין דער צווייטער העלפט פון פאָריקן יאָרהונדערט. אים איז געווען נאָענט און טײַער דאָס אלטע פּאטריִארכאלע לעבן. זײַנע בילדער וועגן אָט דעם לעבן, אײַנגעהילט אין א ראָמאנטישן שלייער און דורכגעדרונגען מיט צערטלעכער בענקשאפט, זײַנען באכיינט מיט זייער ליריזם, וואָס גייט אָפּטמאָל אריבער אין סענטימענטאליזם".

א געטרײַע כאראקטעריסטיק פון בען־אמיס פּערזענלעכקײַט און פון זײַן וועלט־אָנשויונג קאָן מען געפינען אין זײַנע האלב־פּובליציסטישע עסייען „א רײַזע קיין ליטע" און „א קאָל פון דער מידבאָר".

אין 1881, ווען בען־אמי איז געווען א סטודענט פונעם נאָוואָראָסיִיסקער אוניווערסיטעט, האָט ער דעביוטירט מיט א פּובליציסטיש ארטיקל. אינגיכן איז ער געוואָרן ברייט באקאנט אלס אווטאָר פון די דערציילונגען „די ערשטע נאכט פון כאנעקע", „פּורים", „דער בעניאָכיד", „דער באלטפילע", „לאָגבוימער", „קינדעריאָרן", „פײַוול דער גרויסער און פײַוול דער קליינער", „א נאכט אין א קליין שטעטל" און אנד. זײַנע קינסטלערישע ווערק זײַנען צעשפּרייט איבער פיל צײַטשריפטן, אָבער ניט ווייניק פון זיי זײַנען אָפּגעדרוקט אין באזונדערע זאמלונגען. די דערציילונגען, וועלכע ער האָט געשריבן אין רוסיש, זײַנען איבערגעזעצט געוואָרן אף ייִדיש, העברעיִש און אף אנדערע שפּראכן.

בען־אמי איז געשטאָרבן דעם 11 מארט 1932 אין טעל־אוויוו.

ווייניק באַוווּסטע פאָטאָגראַפיעס פון ייִדישע שרײַבער

2

1

3

4

5

1. איזי כאריק (לינקס) באם סקולפטאָר א. בראזער, וועלכער ארבעט איבער כאריקס פּאָרטרעט. מינסק, 1931
2. אווראָם רייזען מיט זײַן טעכטערל. 1928
3. יעכעזקל דאָברושין, פּערעץ מארקיש, ארן גורשטיין, אירמע דרוקער מיט א גרופּע סטודענטן פונעם אָדעסער פּעדאגאָגישן אינסטיטוט. אָדעס, 1939
4. פון רעכטס אף לינקס: דער ארטיסט מ. ראפאלסקי, די שרײַבער אי. כא־ריק, י. אָפּאטאָשו, ז. אקסעלראָד, מ. דאניִעל. מינסק, 1928
5. איציק קיפּניס. 1928
6. פון רעכטס אף לינקס: דאָוויד בערגעלסאָן, שאָלעם אש און דער פארלעגער ב. קלעצקין. 1912

6

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

ווערבן מיט „זיך“[1]

ווערבן קומען אָפט מיטן הילפוואָרט (פּאַרטיקל) „זיך“. לעמאָשל: א יונג ביימעלע בייגט זיך, אַן אַלטס ברעכט זיך[2]. ברעכט זיך א רינג, צערייַסט זיך די גאַנצע קייט[3]. ניט אַזוי גיך מאַכט זיך, ווי עס טראַכט זיך[4]. איינעם דאַכט זיך, אַז באַם אַנדערן לייַכט זיך[5]. צו גוטס גע־וווינט מען זיך גיך צו[6].

איך האָב צעקושט זיך מיטן ווינט[7]
און אָן א וואָרט געוואָר געוואָרן[8],
וואָס טוט אַף פעלדער זיך אַצינד[9] —
דאָרט בליט שוין קאָרן![10]

דאָוויד האָפשטיין

ווערבן מיט „זיך“ ווייַזן אָפט א טוונג, וואָס דער סוביעקט טוט מיט זיך אַליין[11]. לעמאָשל: ער וואַשט זיך[12], פאַרקעמט זיך[13], טוט זיך אָן[14]; אָדער א טוונג, וואָס ער טוט איניינעם מיט נאָך עמעצן[15]. לעמאָשל: ער באַגעגנט זיך[16] מיט..., קושט זיך[17]..., נעמט זיך אַרום[18]...; אָדער א טוונג, וואָס דריקט אויס א געוויסן צושטאַנד אָדער געפיל פונעם סוביעקט[19]. לעמאָשל: ער מאַטערט זיך[20], כידעשט זיך[21], פרייט זיך[22]; אָדער א טוונג, וואָס קומט פאָר ווי פון זיך זעלבסט[23]. לעמאָשל: עס טראַכט זיך, עס ווילט זיך[24]. פאַרגלייַכט: ער וויל אַהיים — אים ווילט זיך אַהיים; און נאָך א ריי אַנדערע טוונגען.

אָנמערקונג 1[25]. באַ א ריי שרייַבער טרעפט מען אָפט דעם פּראָנאָם „מיך“ (און אַמאָל אויך „דיך“) אין אַזעלכע פאַלן, ווו איצט וואָלט מען גיכער געשריבן דעם פּאַרטיקל „זיך“[26]. לעמאָשל: „א גאַנצן טאָג געפין איך מיך באַם טייַך[27] — אָדער איך כאַפּ פיש, אָדער איך באָד מיך[28]. כאַפּן פיש האָב איך מיך אויסגעלערנט פון זיך אַליין“[29] (ש אָ ל ע ם ־ א ל ײ כ ע ם).

אָנמערקונג 2. „זיך“ איז אין א ריי פאַלן ניט קיין פּאַרטיקל, נאָר א זעלבשטענדיק וואָרט — אַן אומדירעקטער אָביעקט. פאַרגלייַכט:

1. ער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט[30].
2. ער האָט מיט זיך קיינעם ניט גענומען[31].
3. ער האָט זיך געקויפט א נייַעם קאָסטיום.

דער ערשטער „זיך“ איז א פּאַרטיקל, דער צווייטער (2) און דריטער (3) זייַנען זעלבשטענ־דיקע ווערטער — אָביעקטן. דער פּאַרטיקל איז אָן אַן אַקצענט, די אָביעקטן — מיט.

באַ א ווערב אין צוקונפט אָדער אין פאַרגאַנגענהייַט קומט דער פּאַרטיקל „זיך“ געוויינט־לעך פאַר דעם אינפיניטיוו און פּאַרטיציפּ. לעמאָשל: א יונג ביימעלע וועט זיך בייגן, אַן אַלטס וועט זיך ברעכן; א יונג ביימעלע האָט זיך געבויגן, אַן אַלטס האָט זיך געבראָכן. צוליב ריט־מישע טייַמים (מאָטיוון) קאָן דער „זיך“ אַמאָל זייַן נאָכן אינפיניטיוו אָדער פּאַרטיציפּ, ווי אין האָפשטיינס פערז[32] „איך האָב צעקושט זיך מיטן ווינט“.

אין קעגנוואָרט איז דער פּאַרטיקל „זיך“ געוויינטלעך גלייַך נאָכן פערזאָניקן ווערב. צו־ליב ריטמישע טייַמים קאָן דער „זיך“ זייַן א ביסל ווייַטער. ווי אין האָפשטיינס פערז „וואָס טוט אַף פעלדער זיך אַצינד“. אין א פּראָזאַישער שורע[33] וואָלט מען גיכער געשריבן: וואָס טוט זיך אַף פעלדער אַצינד (איצט). אויב דער פערזאָניקער ווערב איז מיט א צוגאָב, קומט דער פּאַרטיקל „זיך“ צווישן דעם פערזאָניקן ווערב און דעם צוגאָב. לעמאָשל: א יונג ביימעלע בייגט זיך אייַן; א יונג ביימעלע גלייַכט זיך אויס[34]. אויב נאָכן פערזאָניקן ווערב דאַרף זייַן א סוביעקט א פּראָנאָם (איך, דו, ער, מיר, זיי, מען...), שטעלט מען דעם „זיך“ נאָכן סוביעקט. לעמאָשל: צו גוטס געוווינט מען זיך גיך צו. צו שלעכטס[35] וויל מען זיך ניט צוגעוווינען.

Перевод: 1) глаголы с частицей «зих», соответствующей русскому суффиксу **-ся;** 2) молодое деревцо гнется, старое ломается; 3) ломается звено, разрывается вся цепь; 4) не так скоро делается, как думается; 5) одному кажется, что у другого светится; 6) к добру быстро привыкают; 7) расцеловался с ветром; 8) узнал; 9) что делается теперь на полях; 10) там уже цветет рожь; 11) самим собой; 12) моется; 13) причесывается; 14) одевается; 15) вместе с кем-нибудь; 16) встречается; 17) целуется; 18) обнимается; 19) выражающее известное состояние, чувство или свойство; 20) мучается; 21) удивляется; 22) радуется; 23) как бы само собой; 24). хочется; 25) примечание; 26) местоимения «мих», «дих» встречаются порой... где теперь писали бы «зих»; 27) целый день нахожусь у реки; 28) ловлю рыбу или купаюсь; 29) ловить рыбу я научился сам; 30) принялся за работу; 31) никого не взял с собой; 32) стих; 33) строка; 34) выпрямляется; 35) зло.

קוקט זיך צו צו די פֿאָרמעס און צום סיידער פֿון די ווערטער[1] אין די ווײַטערדיקע פֿראַגמענטן.

אויסגעבעט אַף דער ערד[2], האָבן מיר זיך אויסגעצויגן ביידע, איך און מײַן ברודער עליע, ווי די גראַפֿן[3], צוגעדעקט זיך ביידע מיט איין קאָלדרע[4] (זײַנע האָט מען פֿאַרקויפֿט)[5], און ס'איז מיר געווען זייער אײַנגענעם צו הערן פֿון מײַן עלטערן ברודער[6], אַז אַף דער ערד צו שלאָפֿן איז גאָר ניט אַזוי שלעכט[7] (שאָלעם־אַלייכעם).

אַז דער זומער הייבט זיך אָן[8] און די ביימער הייבן אָן צו בליִען[9], זיך באַדעקן מיט ווײַסע פֿעדערלעך[10], קאָנט איר האָפֿן[11], אַז ניט הײַנט איז מאָרגן[12] — וועלן זיך באַווײַזן אין די קורצע שטעכלדיקע ביימעלעך גרינע אַגרעסן[13]. דאָס איז די ערשטע פֿיירע[14], וואָס עס גלוסט זיך אײַך פֿאַרזוכן[15]. פֿאַראַן מענטשן, וואָס וואַרטן[16], ביז די אַגרעסן ווערן רויט[17]. נאַראָנים![18] איך זאָל האָבן די בראָכעס[19], וואָס גרינערהייט זײַנען זיי אַ סאַך מער באַטאַמט און געשמאַק[20] (שאָלעם־אַלייכעם).

אין די ווײַטערדיקע פּראָזעס פֿון שאָלעם־אַלייכעמס „מאָטל" זײַנען פֿאַראַן צוויי (2) „מיך", וואָס האָבן דעם באַטײַט[21] פֿון „זיך". ווײַזט זיי אָן[22].

מײַן ברודער עליע פֿירט מיך אַרײַן אין קראַנקן כיידער. דער טאַטע דערזעט מיך, רופֿט מיך צו צו זיך מיט אַ לאַנגן דאַרן פֿינגער[23]. מײַן ברודער שטופּט מיך אונטער[24]. איך זאָל ניט שעמען, וואָלט איך מיך צעוויינט[25]. אַלע שטעלן זיך אײַן פֿאַר מיר[26]. מיר איז גוט — איך בין אַ יאָסעם[27]. אַלע ווילן מיך. פֿאַראַן באַלאָנים[28], וואָס ווילן מיך צו זיך אַף שטענדיק[29]. איך ווייס, אַז איצט וועט ער (עליע) מיך ניט אָנרירן[30], ווײַל איך בין אַ יאָסעם.

ווײַזט אָן די פּרעפֿיקסן און די צוגאָבן אין די פֿאָריקע פּראָזעס און פֿראַגמענטן.

Перевод: 1) к порядку слов; 2) постелив на земле (на полу); 3) мы оба, я и мой брат Эля, растянулись как графы; 4) накрылись оба одним одеялом; 5) его (одеяло) продали; 6) и мне было очень приятно услышать от моего старшего брата; 7) что спать на земле вовсе не так плохо; 8) когда лето начинается; 9) цвести; 10) покрываться белыми пушинками; 11) можете надеяться; 12) не сегодня — то завтра; 13) на низеньких колючих кустах покажется зеленый крыжовник; 14) первый плод; 15) который вам хочется попробовать; 16) дожидаются; 17) пока крыжовник становится красным; 18) глупцы; 19) благословения; 20) в зеленом виде (состоянии) гораздо аппетитнее и вкуснее; 21) значение; 22) укажите их; 23) длинным тонким пальцем; 24) подталкивает меня; 25) если бы не стыдился — расплакался бы; 26) все заступаются; 27) сирота; 28) желающие; 29) навсегда; 30) не тронет.

ווערבן מיטן פּאַרטיקל „זיך" רופֿט מען אָפֿט רעפֿלעקסיווע (ווידערקעריקע)[1], ווײַל מערסטנס[2] ווײַזן זיי אַ טוונג פֿון אַ סוביעקט, וואָס איז גלײַכצײַטיק[3] אַן אָביעקט: ער וואַשט זיך, ער טוט זיך אָן. אַזוי איז אויך בײַ אַזעלכע ווערבן, ווי באַגעגענען זיך, אַרומנעמען זיך: יעדער אָנטיילנעמער פֿון דער געמיינזאַמער טוונג[4] איז אי אַ סוביעקט אי אַן אָביעקט.

אַן ענלעכן אינהאַלט קאָן מען צומאָל אויסדריקן[5] דורך אַ רעפֿלעקסיוון ווערב אָדער דורך אַן אַקטיוון (ניט קיין רעפֿלעקסיוון). לעמאָשל: אײַנגעבן זיך — געלינגען[6]; דערשלאָגן זיך — פּועלן[7]; טומלען זיך — האַווען[8].

אַ רעפֿלעקסיווער ווערב קאָן אַמאָל האָבן דעם באַטײַט פֿון אַן אַקטיוון. לעמאָשל: דער הונט בײַסט זיך[9]. פֿאַרשטייט זיך[10], אַז ער בײַסט ניט זיך, נאָר עמעצן (אָדער אַלעמען). אַזוי איז אויך מיטן רעפֿלעקסיוון ווערב שלאָגן זיך[11]. מע קאָן זיך שלאָגן מיט עמעצן אָדער מיט עפּעס[12] און מע קאָן שלאָגן עמעצן, אַ צווייטן. שאָלעם־אַלייכעמס מאָטל דערציילט אַשטייגער: „מײַן ברודער עליע איז אַ געטרײַער[13] ברודער, אָבער ניט קיין גוטער רעבע[14]. ער איז אַ קײַסן, ער שלאָגט זיך"[15].

די רעפֿלעקסיוויקײַט פֿון ווערבן פֿאַלט ניט שטענדיק צונויף[16] אין ייִדיש און אין רוסיש (אָדער אין אַנדערע שפּראַכן). לעמאָשל: די ייִדישע רעפֿלעקסיווע ווערבן לאַנגווײַלן זיך און סודען זיך זײַנען אין רוסיש: скучать און секретничать — ניט רעפֿלעקסיוו. און די רוסישע ווערבן смеяться און сомневаться זײַנען אין ייִדיש: לאַכן און צווייפֿלען.

Перевод: 1) возвратные; 2) большей частью; 3) одновременно; 4) каждый участник совместного действия; 5) сходное содержание можно порой выразить; 6) удаваться; 7) добиваться; 8) суетиться; 9) собака кусается; 10) понятно; 11) драться; 12) с чем-нибудь; 13) преданный; 14) плохой учитель; 15) он вспыльчивый, он дерется; 16) не всегда совпадает.

אַקטיווע, רעפֿלעקסיווע און פּאַסיווע ווערבן[1]

1. די דעלעגאַטן רעגיסטרירט מען באַם אַרײַנגאַנג[2].
2. די דעלעגאַטן רעגיסטרירן זיך באַם אַרײַנגאַנג[3].
3. די דעלעגאַטן ווערן רעגיסטרירט באַם אַרײַנגאַנג[3].

אין דער ערשטער פּראָזע איז דער ווערב אַן אַקטיווער. „די דעלעגאַטן" זײַנען אַן אָביעקט. דער סוביעקט, דער טוער[4] (דער רעגיסטראַטאָר) איז דאָ דער פּראָנאָם „מען" („מען"

נעמט זיך פונעם סובסטאַנטיוו „מאַן”). אין דער צווייטער פראַזע איז דער ווערב א רעפלעקסיווער. דאָ זײַנען „די דעלעגאַטן” א סוביעקט — זיי רעגיסטרירן זיך אליין. אין דער דריטער פראַזע איז דער ווערב א פּאַסיווער. „די דעלעגאַטן” זײַנען דאָ נאָר גראַמאַטיש א סוביעקט (דער ווערב ציט זיך צו זיי), אָבער פאַקטיש זײַנען זיי אן אָביעקט: זיי אליין טוען גאָרנישט — מע טוט עפּעס מיט זיי.

אין רוסיש ווערן די צווייטע און דריטע פראַזעס איבערגעזעצט אלצײַנס. אין ייִדיש, ווי איר זעט, מאַכט מען אן אונטערשייד[5]. אין אייניקע פאַלן[6] זײַנען רעפלעקסיוו און פּאַסיוו אויך אין ייִדיש סינאָנימיש. לעמאָשל:

1. די באַגעגעניש האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א גרויסער סימכע[7].
2. די באַגעגעניש איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א גרויסער סימכע[8].

ביכלאַל אָבער דאַרף מען געדענקען דעם אונטערשייד[9] צווישן אַקטיווע, רעפלעקסיווע און פּאַסיווע ווערבן.

די סטרוקטור פון א רעפלעקסיוון ווערב שיידט זיך אונטער[10] פון אן אַקטיוון נאָר מיטן „זיך”. די סטרוקטור פון א פּאַסיוון ווערב איז: הילפוווערב „ווערן” אָדער „זײַן” (בין, ביסט...)+פּאַרטיציפּ. לעמאָשל:

אין קעגנוואַרט: ער ווערט אָנגענומען אין אוניווערסיטעט, ער איז אָנגענומען...

אין צוקונפט: ער וועט ווערן (זײַן) אָנגענומען...; אָדער: ער וועט אָנגענומען ווערן;

אין פאַרגאַנגענהײַט: ער איז אָנגענומען געוואָרן... ער איז געווען אָנגענומען...

מיט „ווערן” קומט א פּאַסיווער ווערב, ווען מע וויל ווײַזן אן אָנהייב[11] פון א פּאַסיווער טווּנג (אָדער צושטאַנד); מיט „זײַן” — ווען מע וויל ווײַזן ביכלאַל א פּאַסיווע טווּנג (אָדער צושטאַנד). פאַרגלײַכט: די יוגנט[12] ווערט אָרגאַניזירט — די יוגנט איז אָרגאַניזירט.

פּאַסיווע סטרוקטורן ווענדט מען אין ייִדיש אָן זעלטענער[13], איידער אין רוסיש. דערײַבער דאַרף מען ביכלאַל אויסמײַדן[14] אזעלכע פאָרמולירונגען, ווי פאָלגנדיקע:

1. עס וועט דאָ געשאַפן ווערן[15] א סאַנאַטאָריע פאַר קינדער.
2. וועגן דעם איניען[16] איז געפירט געוואָרן א לאַנגע דיסקוסיע.

אין ייִדיש איז בעסער: 1) דאָ וועט מען שאַפן (דאָ וועט זײַן) א סאַנאַטאָריע פאַר קינדער; 2) וועגן דעם איניען האָט מען געפירט א לאַנגע דיסקוסיע.

באַזונדערס[17] דאַרף מען אין ייִדיש אויסמײַדן אזעלכע פּאַסיווע זאַצן, ווי פאָלגנדיקער: „עס זײַנען געלייגט געוואָרן בלומענקרענץ[18] דורך דעם שטאָטראַט[19], דורך אַנטיפאַשיסטישע קעמפער[20] און דורך א ריי פאַרשיידענע אַנשטאַלטן”[21]. פאַר ייִדיש, וואָס האָט ווייניקער בייגפאָרמעס[22], איידער רוסיש, און איז ניט אזוי שטאַרק[23] פאַרקאַנצעליאַרעוועט, ווי דאָס אָפיציעלע רוסיש, איז פּאַסיקער[24], מע זאָל זאָגן אזוי: עס האָבן געלייגט בלומענקרענץ דער שטאָטראַט, אַנטיפאַשיסטישע קעמפער, א ריי... — אזוי איז קירצער, גרינגער און נאַטירלעכער[25].

דאָס הייסט אָבער ניט[26], אז די פּאַסיווע סטרוקטור איז ביכלאַל טרייף[27]. עס זײַנען פאַראַן פאַלן, ווען זי איז גאַנץ פּאַסיק. לעמאָשל: „די שטרעבונג פון אננא פראַנק „צו לעבן נאָכן טויט”[28] איז דערפילט געוואָרן אין א געוויסער הינזיכט”[29]. „די שטרעבונג...” איז דאָ א גראַמאַטישער סוביעקט (און א פאַקטישער אָביעקט). קיין פאַקטישער סוביעקט איז דאָ ניטאָ. קיינער האָט זיך ניט באַמיט[30] אויסצופילן די דאָזיקע שטרעבונג. עס האָט זיך אליין פון זיך באַקומען[31], ניט געקוקט אַף אלע מערדערײַען[32] פון די פאַשיסטן. קיין „מען” איז דאָ, פאַרשטייט זיך, אויך ניט שײַעך[33]. דעריבער איז דאָ די פּאַסיווע סטרוקטור באַרעכטיקט[34].

Перевод: 1) действительные, возвратные и страдательные; 2) делегатов регистрируют у входа; 3) делегаты регистрируются у входа; 4) деятель; 5) различают; 6) в некоторых случаях; 7) встреча превратилась в большое торжество; 8) была превращена (превратилась); 9) разница, различие; 10) отличается; 11) начало; 12) молодежь; 13) применяют реже; 14) избежать; 15) будет создана; 16) об этом деле (по этому поводу); 17) в особенности; 18) венки; 19) горсовет; 20) борцы; 21) разные учреждения; 22) меньше падежных форм; 23) не так сильно; 24) больше подходит; 25) короче, легче и естественнее; 26) но это не значит; 27) недозволена; 28) стремление... «жить после смерти»; 29) выполнено в известном смысле; 30) никто не старался; 31) само собою получилось; 32) несмотря на все злодеяния; 33) невозможно, немыслимо; 34) оправдана.

דאָצענט ע. פאַלקאָוויטש

© Журнал «Советиш геймланд», 1974 г.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(На еврейском языке)

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **Х. Бейдер, Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон, М. Лев, Нотэ Лурье, Х. Меламуд, Б. Миллер, Г. Полянкер, С. Фрай, И. Чичельницкий** (зам. главного редактора).
Ответственный секретарь И. Шустер

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.
Телефоны: главный редактор — 228-27-91; ответственный секретарь — 223-96-07
Художеств. и техн. редакция: М. Сафронович, С. Черняк
Корректор М. Ландман

Подписано к печати 18/VII 1974 г. Формат 70×108¹/₁₆. Печ. л. 12+0,25 вкл. (17,15). Бум. л. 6+0,125.
Цена 50 коп. Зак. 1495.

Ордена Трудового Красного Знамени московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» при Государственном комитете Совета Министров СССР
по делам издательств, полиграфии и книжной торговли.
Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.

Цена 50 коп.

Индекс 70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 8

1 9 7 4

В НОМЕРЕ:

Х. Бейдер. В Сибири (поэтический репортаж).
А. Вергелис. Время (роман. Продолжение).
С. Гордон. Прощение (повесть).
Г. Полянкер. Крепче стали (роман).
Из литературной сокровищницы. Стихи Мани Лейба и статья И. Мангера о поэте.
Стихи Х. Вайнермана, Я. Элькиса.
М. Гольдман. Очерк о Ташкенте.
Г. Блоштейн. Воспоминания.

Литературная критика.
Библиография. Вопросы искусства

К 90-летию со дня рождения Д. Бергельсона. А. Раскин. В ногу с жизнью; И. Любомирский. Пьесы Бергельсона.
Публицистика. И. Шрайбер. Обанкротившиеся доктрины.
Отвечаем на вопросы наших читателей. О Суэцком канале.
Страницы истории культуры. Б. Гальперин. Свидетель минувшего.
Почта «Советиш геймланд». Это интересно. Веселые строки. Разное. Хроника. Заметки на календаре. Из нашего фотоархива.
Э. Фалькович. Беседы о еврейском языке.